STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11033

MOTL PEYSI DEM KHAZNS

Sholem Aleichem

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שאָלעם-אַלייכעם

געזאַמלטע ווערק

באַנד V

מעלוכע־פאַרלאַג פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין אוסר"ר
כאַרקאָוו 1932 קיִעוו

Printed in USSR
(Russia)

ארויסגעגעבן בײַ דער מיטהילף פונעם אינסטיטוט
פאַר ייִדישער פּראָלעטאַרישער קולטור

שאָלעמ-אלייכעמ

מאָטל פּייסי דעמ כאזנס

מיט אנ ארײַנפיר אונ א
נאָכוואָרט פונ מ. ווינער

מעלוכע־פארלאג פאר די נאציאָנאלע מינדערהײַטנ אינ אוסר״ר
כארקאָוו 1932 קיִעוו

די ביבליאָגראפישע פארצייכע-
נונג פונעמ בוכ אונ די שיפערנ
פאר ביבליאָטעק־קאטאלאָגנ זײַ־
נענ אָפגעדרוקט אינ „צײַטשריפט
פונ דרוק״ אונ אינ דעמ „קארטנ-
רעפערטואר״ פונ דער אוקראַי-
נישער ביכער-פאלאטע.

פאראנטוואָרטלעכער רעדאקטער — מ. לעכט
טעכנישער רעדאקטער — כ. ליומקיס
קאָרעקטער — כ. לײַבאָוויטש
הילפ אונ סופער-הילפ — אי. פלעשטשינסקי

אלוקר. פאָליגראפ. פארייניקונג.
אינטערנאציאָנאלע דרוקערײַ, קיִעוו
דויטער פלאצ 2a. באשט. 657
15 דר.-בויגנ. טיראזש 3 000
שטאָטליט 727

די סאָציאַלע וואָרצלענ פונ שאָלעמ־אלייכעמס הומאָר

(ארײַנפיר צו „מאָטל פייסי דעמ כאזנס")

.1

„עס איז מערקווירדיק, אז אינ זײַנע ווערק האָט שאָלעמ־אלייכעמ ווי בעקאוואָנע אויסגעמײַדט צו בארירנ אפ א דירעקטנ אויפנ דעמ קרײַז פונ דער קיִעווער ייִדישער פלוטאָקראטיע. ער איז זיכער געווענ דער איינציקער, וואָס האָט געקאָנט געבנ קינסטלעריש איר ריכטיקע פיזיאָנאָמיע — אונ האָט עס ניט געטאָנ. עפשער איז דאָס געווענ דערפאר, ווײַל ער האָט געפילט, אז דאָ וועט ער מוזנ אָנווענדנ אינגאנצנ דעמ „מידאס־האדינ", אונ זײַנ וועג איז געווענ דער „מידאס־האָראכמימ". אונ עפשער האָט אימ אָפגעהאלטנ דערפונ זײַנ אינערלעכער טאקט (הייסט עס שוינ ניט מער דער „מידאס־האָראכמימ" — מ. וו.) — אָנצורירנ פערזאָנענ, וואָס שטייענ אויסער דעמ ייִדישנ לעבנ אונ קוקנ אפנ „זשארגאָנ" פונ אויבנ אראָפ, וועלכע וואָלטנ אינ דעמ געזעענ ניט מער ווי א „האמוינישנ" ארויסטריט קעגנ זייער „אריסטאָקראטישער" הויכקײַט. אינ זײַנ שטאָלצער האלטונג צו די קיִעווער גווירימ איז אזא זאכ אימ ניט געווענ צומ פאָנעמ. אונ דעריבער (צוליב דעמדאָזיקנ „אינערלעכנ טאקט" זײַנעמ — מ. וו.) האָט ער גערנער באשריבנ זייערע קיכנ אונ זייערע „מענטשנ" איידער זייערע פאלאצנ אליינ".

אָט־אָ די זאצנ האָבנ מיר אויסגעשריבנ פונ י. ד. בערקאָוויטשעס אנ ארטיקל: „מיט פרײַנט אונ ייִדנ פונ א גאנצ יאָר". אינעמ „שאָלעמ־אלייכעמ־בוכ" (ניו־יאָרק 1926, ז. 288).

וואָס שײַעכ דעמדאָזיקנ גאנצנ קאדעש־בוכ גופע מיט זײַנ אומענדלעכ באנאלנ, באלעבעסלדיק־מישפאָכעדיקנ כאראקטער דארפ מענ זאָגנ, אז ס'איז ווייניקער פאר אלצ מעסוגל „צו זײַנ א באזע פאר דער באלײַכטונג פונ זײַנ (שאָלעמ־אלייכעמס — מ. וו.) לעבנ אונ שאפנ" (ז. י"ג). דער

צונויפשטעל און אָפּקלײַב פון די מאַטעריאַלן, די אויסערגעוויינלעכ זיסלעכע און שיינ־שרײַבערישע, מיט מישפּאָכע־קולט דורכגעדרונגענע אַרטיקלען זײַנען גיכער פאר אַלץ א פּרווו אַראָפּצודריקן דעם גרויסן שרײַבער צום ניוואָ פון די בערקאָוויטשעס, ניגערס, פּינסקיס, שאַצקיס און כאַוורײַע, צום ניוואָ פונעם געלט־„מעצענאַט”, וואָס שאָלעמ־אַלייכעם האָט סאָפּקאָלסאָפּ נאָכ זײַן טויט זויכע געווען צו באַקומען, און וואָס זײַן „ברייטע פינאַנציעלע מיטווירקונג” האָט מעגלעכ געמאַכט „אַרויס־צוברענגען דאָס שאָלעמ־אַלייכעמ־בוכ אַזוי שיין און רײַכ, ווי עס ווערט אַצינד געגעבן פאַרן יידישן לעזער”.

דאָס בוכ געהער צום ערגסטן מין מישפּאָכע־געשיכטע און מישפּאָכע־רעקלאַמע.

אייגנטלעכ, באַהאַנדלט עס און שטרײַכט דעריקער אונטער די טעמע: שאָלעמ־אַלייכעמס מישפּאָכע (פּליוס בערקאָוויטש) — און שאָלעמ־אַלייכעם. אַפילע שאָלעמ־אַלייכעמס באַציונג צו די שרײַבער־קרײַזן ווערט אויכ „פאַרמישפּאָכעוועט” („מיט דער מישפּאָכע פון שרײַפטשטעלער”). גאָר א היפּשער טייל פון די מאַטעריאַלן האָט קיין שום זאַכלעכן אינטערעס ניט פאַר דער עפנטלעכקײַט. גאַנצ אָפּטלעכ באַקומט זיכ פון זיי קימאַט א פּאַמפּלעט אויפן גרויסן שרײַבער און ציט אים אַראָפּ — אַרופהייבנדיק די „מישפּאָכע”. דידאָזיקע מאַטעריאַלן זײַנען פּאָשעט א באַלעסטיקונג פאַרן לייענער און א באַלאַסטונג פאַר שאָלעמ־אַלייכעמען.

שוין לאַנג האָט מערינג פעסטגעשטעלט דעם שאָדן, וואָס אַזעלכע מישפּאָכעדיקע אַרויסגעבונגען ברענגען אַמאָל דעם אָנדענק פון א שרײַבער, און ווי שטאַרק זיי זײַנען אַמאָל מעסוגל אַרײַנצוברענגען א קאָנפוז אין דער באַלײַכטונג פון זײַן לעבן און שאַפן, אויב זיי זײַנען מער כאַראַקטעריסטיש פאַר די אַרויסגעבער ווי פאַר אים. ניט געקוקט אויף א באַשטימטן טייל וויכטיקע מאַטעריאַלן, איז דאָס גאַנצע בוכ, אין אַלגעמיין גענומען, א זייער אומגליקלעכע דאָקומענטן־זאַמלונג, און עס לאָזט זיכ גאָרניט אויסנווייניק אויסרעכענען, אויפן כעזשבן פון וואָסערע עמעסדיק וויכטיקע מאַטעריאַלן פון שאָלעמ־אַלייכעמס אַרכיוו דידאָזיקע זאַמלונג איז אָפּגעקליבן און צונויפגע־שטעלט געוואָרן. אָבער אַפילע „אויסנווייניק” קאָן מען מיט זיכערקײַט זאָגן, אַז בענעגייע דעם גרעסטן טייל מאַטעריאַלן און אַרטיקלען וואָלט ווייניקער — געגעבן מער.

.2

בערקאָוויטש איז טאקע געשטאנענ נאָענט צומ שרײַבער. ווענ ניט זײַנ באלעבעסלדיקע רעאקציאָנערע באגרענעצטקײַט וואָלט ער בעלי־סאָפעק געקאָנט דערציילנ וועגנ שאָלעמ־אלייכעמענ אונ זײַנ שאפנ גענוג וויכטיקע זאכנ. בא דער געגעבענער סיטואציע קאָנענ מיר טאקע ניט אויסמײַדנ צו הערנ די ווערטער פונ דעמדאָזיקנ איידעס. מיר מוזנ אָבער זייער פאָרזיכטיק צו זיי צוגייענ אונ ארויסשיילנ פונעמ סאנטימענטאל־דזשענטעל־מענישנ געפלוידער דאָס קערנדל ריכטיק באמערקטנ עמעס, אזוי ווײַט ס'איז ניט פארפלייצט געוואָרנ אינעמ שלאל פונ די מישפאָכעדיק־פארגעטערנדיקע פראזעס.

וואָס איז ריכטיק אינ דער אויבנגעבראכטער ציטאטע בערקאָוויטשעס? ריכטיק איז, אז שאָלעמ־אלייכעמ האָט די קיִעווער יידישע „פלוטאָקראטיע" מינאסטאמ גאנצ גוט געקענט, אונ אז ער האָט זי פונדעסטוועגנ ניט ארײַנגעצויגנ אינעמ טכומ פונ זײַנע שילדערונגענ — אָדער גאָר אלס טעמעס פונ געזעלשאפט־קריטישע שילדערונגענ. ווײַטער איז ריכטיק, אז שאָלעמ־אלייכעמס „וועג" איז, *ביכלאל גענומענ*, געווענ, לויט זײַנ סאָציאלער אײַנשטעלונג אונ פסיכאָלאָגיע, די מידאס־האָראכמימ. ס'פרעגט זיכ נאָר בלויז: בענעגייע צו וועמענ, אונ פארוואָס זײַנ קליינבירגערלעכע באזע האָט אימ דיקטירט „ראכמימ" ניט בלויז צו יענע ענגערע שיכטנ אינ זײַנ קלאס, וועלכע ער האָט אפנ *איינגעטלעכסטנ* אויפנ אויסגעדריקט, נאָר אויכ צו דער אָרעמשאפט, צו די דעקלאסירטע, צו די דעגראדירטע באלמעלאָכעס, גזזעלנ אונ אפילע צו ארבעטער. וועגנ דעמ וועלנ מיר שפעטער אביסל אויספירלעכער רעדנ.

אָבער — אז שאָלעמ־אלייכעמ איז געווענ „*דער איינציקער*, וואָס האָט געקאָנט געבנ קינסטלעריש איר (דער „פלוטאָקראטיעס" — מ. וו.) *ריכטיקע* פיזיאָנאָמיע", אָט־אָ דאָס איז שוינ מער ווי פראָבלעמאטיש. גראָד שאָלעמ־אלייכעמ „דער איינציקער" — אונ איר „ריכטיקע" פיזיאָנאָמיע? פונ וועמעס שטאנדפונקט „ריכטיקע"? פונ בערקאָוויטשעס? אָדער עפשער פונ שאָלעמ־אלייכעמס, וואָס באווײַזט דאָ גראָד דורכ זײַנ שווײַגנ גאָר עפעס אנדערש? צי איז טאקע עמעס, אז שאָלעמ־אלייכעמ האָט דאָ געפילט אזא סינע, אז ער האָט אזש געדארפט מוירע האָבנ, זײַנ קאס אפ דער פלוטאָקראטיע זאָל זיכ ניט צעשפילנ

און זאָל אים כאָלילע ניט ארויספירנ פונ „מידאס־האָראכמימ" צו „מידאס־האדינ", א זאכ, וואָס ער האָט געשוואָרנ בא הימל און ערד קיינמאָל און בעשומויפנ ניט צו טונ? דאָס איז דאָכ א פאָשעטער אומזינ. וואָרעמ פארוואָס עפּעס האָט זײַנ וועג שטענדיק געדארפט זײַנ דאפקע „ראכמימ" און ניט אויכ אמאָל „דינ"? עפשער טאקע דערפאר, ווײַל נאָכדעמ, ווי ער האָט זיכ מיט דײַטלעכער באוווסטקײַט „קלאָסאָווע זעלבסטבאשטימט" — און דאָס איז געשענ ארומ דער העלפט פונ די נײַנציקער יאָרנ, אינ דער צײַט צווישנ 1890 — 1895 — האָט ער לויט דעמ מעהוס פונ דערדאָזיקער „זעלבסטבאשטימונג"[1] ניט געוואָלט אָנגרײַפנ די „פלוטאָקראטיע", ד. ה. דאָ די עמעסע סאָליד אײַנגעפונדעוועטע גרויסבורזשואזיע? אזוי, און ניט ווי בערקאָוויטש וויל אונדז גוטמוטיק־דזשענטעלמעניש אײַנרעדנ?

1) שאָלעמ־אליײכעמ האָט אויסגעדריקט די אידעאָלאָגיע צוערשט פונ דער גאָר שוואכ דיפערענצירטער קלײנבירגערלעכער מאסע און דערנאָכ שוינ פונ דעמ בעפיירעש די־פערענצירטנ קלײנבירגערטומ לויט דער נײַער קאפּיטאליסטישער פאָרמאציע. דעמ סאָפּ־פראָצעס פונעמ ווענדפונקט מארקירנ מיר אגערעכ פונ 1892 (די ערשטע מענאכעמ־מענדל־בריוו) ביז 1894 („יאקנעהאָז"). מיט אנדערע ווערטער: שאָלעמ־אליײכעמ איז שטענדיק געווענ דער אויסדריקער פונ קלײנבירגערטומ, אָבער דער כאראקטער פונ קלײנבירגערטומ אינ דער קאפּיטאליסטישער פאָרמאציע קומט אינ שאָלעמ־אליײכעמס שאפנ דײַטלעכער צומ דורכברוכ ערשט אנערעכ זײַט אָנהייב 90-ער יאָרנ און באשטימט זיכ ענדגילטיק ארומ דער העלפט 90-ער יאָרנ. דאָס איז, פארשטייט זיכ, ניט קיינ בײַט פונ דער קלאסנ־באזע נאָר אנ אויסדרוק פונ די ענדערונגענ און איבערפאָרמירונגענ אינ דער קלאסנ־באזע אונטער דער ווירקונג פונ קאפּיטאליזמ. דערפונ ווערט קלאָר, אז מיר ווילנ דאָ לאכלוטנ ניט פעסטשטעלנ א איבערברעכנדיקנ ראדיקאלנ בײַט אינ זײַנ אידעאָלאָגיע, נאָר בלויז ענדערונגענ אינ באשטימטע שטריכנ פונ איר כאראקטער, אנטשפּרעכנדיק צו די ענדערונגענ אינ דער קלאסנ־באוועגונג פונ דער באזע. קלאָר, אז דער ראָוו וועזנטלעכע מאָמענטנ (צווישנ אנדערע אויכ די אמפּליטודע פונ זײַנע אידעאָלאָגישע וואקלונגענ) בלײַבנ פאר זײַנ שאפנ כאראקטעריסטיש אויכ נאָכנ אָנגעמערקטנ צײַט־אָפּשניט. קלאָר אויכ, אז דערמיט מיינענ מיר לאכלוטנ ניט געבנ קיינ פעריאָדיזאציע פונ שאָלעמ־אליײכעמס שאפנ. סײַ אינעמ צײַט־אָפּשניט ביז 1895 און נאָכ ווײַט מער פונ 1895—1916 דארפ מענ ערשט ארויסגעפינענ און אײַנשטעלנ א געגלידערטע פעריאָדיזאציע (באזונדערס וואָס שײַעכ דעמ פעריאָד ארומ דער רעוואָליוציע פונ 1905, דעמ פעו יאָר פונ די רעאקציע־יאָרנ א.אז.וו.) אינ זײַנ שאפנ. דידאָזיקע אופגאבע האָב איכ זיכ דאָ ניט געשטעלט. איכ האָב דאָ בלויז געוואָלט אָנווײַזנ אפ איינעמ א הויפּט־ווענדפונקט אינ זײַנ שאפנ, אפ איינ דאטע פונ א קומענדיקער פעריאָדיזאציע, אפ יענעמ צײַט־אָפּשניט, ווענ עס קומט אינ זײַנ שאפנ דײַטלעכער און לעסאָפּ ענדגילטיק צומ אויסדרוק דאָס קלײנבירגערטומ פונ דער נײַער קאפּיטאליסטישער פאָרמאציע.

ווארעם ס׳איז דאָך א פאקט, אז עפּעס ווען אמאָל איז א פריַיקער צייַט איז שאָלעם־אַלייכעם יאָ ארויסגעטראָטן קעגן עפּעס א מין „פּלוטאָקראטיע״, אויב ניט קיעווער, איז בעלאַצערקווער אָדער פון אנדערע שטעט. לאָמיר בערקאָוויטשן דערמאָנען אין „סענדער בלאנק און זייַן געזינדל״ און אין „יקנה״ז״ (יאקנעהאָז), לאָמיר אים דערמאָנען אָן פארשיידענע מאָמענטן פון אזעלכע ווערק, ווי לעמאָשל „א דאָקטער״, „סטעמפּעניו״ א. אנד. פריַיקע ווערק (און וואס שייַעך איינצלנע מאָ־מענטן—טאקע אויך אין שפּעטערדיקע ווערק) שאָלעם־אַלייכעמס. ווו איז דעמאָלט געווען שאָלעם־אַלייכעמס „מידאס־האַראכמים״ און זייַן „אינער־לעכער טאקט״? אָדער עפּשער האָט שאָלעם־אַלייכעם פון די סענדער בלאנקס און די פּאָסטערנאקעס דערוואַרט אן אנדערן קוק „אפן זשאר־גאָן״, און דעריבער איז זייַן „אינערלעכער טאקט״ דאָ געווען בארוּקט, אז דידאָזיקע פארשוינען וועלן אין זייַן שארפן אָפּכויזעקן זעען דאפּקע מער ווי א „האמוינישן״ ארויסטריט?

אינעמעסן האָט דאָ אהערצו „דער טאקט״ אין פארבינדונג מיטן „זשארגאָן״ קיין שום שייַכעס ניט. אינעם „צייַט־אָפּשניט״, ווען שאָלעם־אַלייכעם האָט געשריבן די דערמאָנטע, אינגאנצן אלס אָנגריף פאר־טראכטע, ווערק („סענדער בלאנק״, „יאקנעהאָז״ א. אנד.), האָט ער זיך נאָך ניט געהאט אפּ אן אנטשלאָסענעם אויפן קלאסאָווע זעלבסטבאַ־שטימט לויט די נייַע געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישן. פון זייַן שא־פערישן אָנהייב אָן איז שאָלעם־אַלייכעם שטענדיק געווען און געבליבן א טיפּישער פּאָרשטייער פון קליינבירגערטום, אָבער אין דער ערשטער העלפט 90־ער יאָרן קומט פאָר אין זייַן אידעאָלאָגיע, נאָך פארשיידענע וואקלענישן און זוכענישן, א באשטימטע פארענדערונג, אנטשפּרעכנדיק צו דער קלאסן־באוועגונג פון יידישן קליינבירגערטום אונטער דער וויר־קונג פונעם קאפּיטאליזם אין יענעם פּעריאָד.

פריִער האָט שאָלעם־אַלייכעם **דעריקער** ארויסגעדריקט די גאַר שוואך דיפערענצירטע קליינבירגערלעכע מאסע מיטן טראָפּ אפ די י־דעריקסטע שיכטן קליינבירגערטום (מעלאָכע, קליינהענדלער, אָרעמשאפט, לומפּן א. אז. וו.). ס׳האָט זיך דעמאָלט געפילט אין זייַן שאפן א **לעצ־טער** הויך פון **אָנגרייַפערישן** פאָלקיסטישן ראדיקאליזם, דעמאָלט האָט ער נאָך געקאָנט באזונדערס שטארק קאָנצענטרירן זייַן שאפערישע ענערגיע אף פאנאנדערגעוויקלטע אָנגרייַפערישע ארויסטרעטונגען קעגן דעם גראָבן פארוועניו און זייַן געזינדל. און דאס דארף מען דאָ

נטערשטרײַכנ, ווײַל שאָלעמ־אליכעמ גופע שטרײַכט דאָס זייער דײַטלעכ אונטער: די קריטיק (לעמאָשל, אינ „סענדער בלאנק“, פונקט ווי אינ „יאקנעהאָז“ א.אז.וו.) ווענדט זיכ דאָ קעגנ די פארוועניוס, קעגנ א באשטימטער פאָרמאציע אינ קאפּיטאליסטישנ זינענ אָפּגעשטאנענע גראָבע אופגעקומענע גווירימ אלס אזעלכע, אונ ניט קעגנ דער מאָדערנער גרויסבורזשואזיע ביכלאל. שפּעטער אָבער כאפּט זײַנ איינגנטלעכע באזע דײַטלעכער ארומ אויכ דעמ „סאָכרישנ מיטלשטאנד“ אינעמ קליינבירגערטומ. דער אמאָליקער „גוויר“ אנטפּלעקט זיכ פאר אימ אינ זײַנ גאנצער עקאָנאָמישער אומזיכערקײַט, ער דערזעט אינ אימ דעמ מענאכעמ־מענדל (ער באווײַזט זיכ אינ זײַנ שאפנ זײַט 1892 אונ שמײַעט שוינ ארומ אויכ אינ „יאקנעהאָז“). ער וויל דאנ שוינ דעמדאָזיקנ גאנצנ שיכט אלס אזעלכנ ניט מער אָנגרײַפנ, ער פילט שוינ צו אימ ראכמאָנעס אונ וויל אימ בלויז נאָכ „טרייסטנ“, מיט „מידאס־האָראכמימ“. ניט געקוקט אפ איינצלנע דעטאלישע מאָמענטנ אונ „אָפּווײַכונגענ“, פארשווינדט דערעכ־קלאל די אָנגרײַפעריש פארשארפטע שטימונג, עס בלײַבט בלויז די סאָציאלע פונקציע צו פארטיידיקנ, אנטשולדיקנ אונ „טרייסטנ“ דעמ אייגענעמ קלאס.

נאָכ דערדאָזיקער נײַער אינערלעכ־קלאסאָווער זעלבסטבאשטימונג וועט אינ זײַנ ווײַטערדיקנ שאפנ פונ דער סענדער־בלאנק־טראדיציע — אכוץ איינצלנע זיגזאגישע מאָמענטנ אונ צומאָליקע „דורכרײַסנ“ — דערעכ־קלאל דעריקער בלײַבנ זײַנ נאָענטקײַט (מיר וועלנ ווײַטער זענ פאר־וואָס) צו דער „קיכ“ אונ צו די „מענטשנ“ פונ דער „פּלוטאָקראטיע“ אונ א טיפ־אײַנגעוואָרצלטע אנטיפּאטיע צומ פארגרעבטנ, קאפּיטאליסטיש אָפּגעשטאנענעמ, אינעמעסנ ניט גאָר „אריסטאָקראטישנ“ פארוועניו (די פאר דעמדאָזיקנ פעריאָד טיפּישע קעגנערשאפט פונעמ ראדיקאלנ קליינבירגערלעכנ אינטעליגענט). מיר מיינענ דערמיט לאכלוטנ ניט צו זאָגנ, אז נאָכ 1895 וועלנ מיר שוינ אינ שאָלעמ־אליכעמס ווערק קיינמאָל ניט מער געפינענ קיינ איינצלנע מער דעטאלישע מאָמענטנ פונ אָנגריפ קעגנ דעמ גוויר אונ אמאָל אפילע קעגנ דעמ קליינבירגערלעכנ „קולאק“. אָבער בעשומויפנ איז דאָס שוינ ניט מער דאָס כאראקטעריסטישע, דאָס פירנדיקע אינ שאָלעמ־אליכעמס אידעאָלאָגיע, בעשומויפנ איז דאָס שוינ ניט מער פונעמ זעלבנ מינ פאנאנדערגעוויקלטנ אָנגריפ ווי אינ „סענדער בלאנק“ אונ „יאקנעהאָז“. פאדקערט, דאָס כאראקטעריסטישע אונ פירנדיקע איז שוינ דאנ — „ראכמימ“: „אנטשולדיקונג“ אונ „טרייסט“. אונ אפ דעמדאָזיקנ כאראקטעריסטישנ פירנדיקנ מאָמענט דארפנ מיר דאָ לייגנ דעמ טראָפּ.

מיט זײַן דויערנדיקער אנטיפּאַטיע קעגן די „אַריסטאָקראַטן" מיינט שאָלעם־אַלייכעם שטענדיק — דעם נײַ־אויפגעקומענעם אָפּגעשטאַנענעם פּאַרגרעבטן גוויר. די אויסטײַטשונג פון באַגריף „אַריסטאָקראַטן" לאָזט שאָלעם־אַלייכעם זאָגן דעם בּאָהעמישן באַנקראָט פּײַפּער אינעם פּאַמפלעט „יאַקנעהאָז", כאָטש זי אַנטשפּרעכט דורכויס זײַן אייגענער מיינונג. פּאָשעטע דערפאַר, ווײַל צו אַזאַ „האָזע" האָט ער זיך געמוזט אויסקלײַבן אַזאַ באַזונדערס ווילעריש פיגור. אין זײַן בריוו שרײַבט פּײַפער: „איך יעהופעץ הייסט כינקיס אויך אַן אַריסטאָקראַט. יעהופעץ איז באָרוכ־אַשעם אַזאַ שטאָט, וואָס קלײַבט ניט איבער. אַבי געלט, איז מען אַן אַריסטאָקראַט. אַשטייגער, ווען מען גייט אָן אין יעהופעץ, פון־וואַנען איז דאָס פּלוצים אויסגעוואַקסן אַזאַ אַריסטאָקראַט, ווי בייגעלמאַן א. אַז. וו.

אָבער אַפילו די דראַזיקע אַנטיפּאַטיע וועט נאָך „יאַקנעהאָז" שוין קיינמאָל ניט מער רעאַליזירט ווערן אין אַ ברייטערן אַלס דורכויסיקן אָנגריף פאַרטראַכטן לײַוונט. און וועט שוין אין מעשעך פון צוואַנציק יאָר קיינמאָל ניט אויסוואַקסן אין אַ ברייט פאַנאַנדערגעוויקלטער קעמ־פעריש־אָנגרײַפערישער קעגנערשאַפט צו דער „עמעסער" פעסט אײַנגעפונדעוועטער מאָדערן־קאַפּיטאַליסטישער „פּלוטאָקראַטיע" ביכלאַל.

3.

עמעס איז, אַז דער קלאַס, וועלכן שאָלעם־אַלייכעמס שאַפן דריקט אויס, פילט גאַנץ אָפט מער אָדער ווייניקער באַוווּסטזיניק זײַנע קעגנ־זעצלעכקײַטן צו דער „פּלוטאָקראַטיע". שאָלעם־אַלייכעם האָט נאָך זײַן נײַער אינערלעך־קלאַסאָוווער זעלבסטאָריִענטירונג — און דאָ וועלן מיר דעריקער רעדן נאָר וועגן דעמדאָזיקן שפּעטערן פּעריאָד — דידאָזי־קע קעגנזעצלעכקײַטן פּונקט אַזוי דײַטלעך געפילט, ווי געוויינלעך דאָס יידישע קליינבירגערטום פון זײַן צײַט. דערבײַ אָבער האָט ער געפילט יירעס־האַקאָוועד און דערעכערעץ צו דער עמעסער מאָדערן־קאַפּיטאַ־ליסטישער „פּלוטאָקראַטיע", וועלכע ער האָט אין זײַן שאַפן ניט געוואַגט אָנצורירן מיט קיין איין וואָרט.

יענער שיכט סאָכריש־פאַרמיטלערישע קליינבירגער, וואָס איז איצט געוואָרן אַ באַשטימענדיקער פאַקטער אין שאָלעם־אַלייכעמס באַזע, איז קיין שום זאַך ניט אַזוי אויסן, שטרעבט צו קיין שום ציל ניט מיט אַזאַ ענערגיע, האָפט אַפּ קיין שום זאַך ניט אַזוי שטאַרק, ווינטשט זיך קיין

שום זאַך גיט אזוי פעסט, — ווי אַליין צו ווערן „בראָדסקיס״, און טאקע, וועג מעגלעך, מיט דער הילף פון די „בראָדסקיס״, ארומשמײַ־ענדיק ארום זיי. דער וועג צו „בראָדסקינ״ איז דאָך דעמדאָזיקן שיכטס שטרעבן, זײַן כאַלעם, זײַן אידעאל. אפ דעמדאָזיקן אילױזאָרישן וועג טאנצט ער דאָך זײַן מענאכעם־מענדלשע עקווילִיבריסטיק. וויאַזוי־זשע זאָל זײַן אידעאַלאָגישער אויסדריקער אפ אן עמעסן אָנפאלן אפ די־זעלבע „בראָדסקיס״? אָפּזעגן דעם צווײַג, אפ וועלכן זײַן „באזע״ זיצט, און דעריקער, אפ וועלכן זי וויל מיט אַלע קויכעס זיצן? פונוואַ־נען זאָל דער פאָרשטייער פון אזא שיכט נעמען דעם נייטיקן „מידאס־האדינ״, אויב ער גופע און זײַן סאָציאַלע באזע זײַנען גאָרניט אויסן צו מאכן פון די קעגנזאצן, וואָס זײַנען בעלי־סאָפעק פאראן, אזעלכע אויספירן?

שאָלעם־אַליײכעם האָט געמעגט און געוואָלט „האמוינישׂ״ ארויס־טרעטן פאר די „קיכנ״ און די „מענטשנ״ פון דער „פלוטאָקראטיע״. דאָס יאָ. דער פאָלקיסטישער, פונקט ווי שפּעטער דער נאציאָנאל־דע־מאָקראטישער קליינבירגער האָט ליב זיך אָנצונעמען מיט „ווארעמע געפילנ״ פאר די אָרעמע שיכטן אין זײַן קלאס, פאר דעקלאסירטע, דע־גראדירטע באלמעלאָכעס, פאר געזעלן און אפילע אפ א באשטימטן אויפן פאר ארבעטער — אויב און אפ וויפל דאָס שטייט אין א נאָענ־טער באציִונג צו זײַנע קלאסנ־אינטערעסן. זײַן „ראכמימ״ קאָן און מעג זיך ווענדן אין באשטימטע סיטואציעס און אין א באשטימטער פאָרם צו דידאָזיקע שיכטן — אָבער געוויינלעך ניט אזוי, אז ס׳זאָל ווערן דער־פון אן עמעסער קאמפּ, מיט „מידאס־האדינ״, קעגן דער מאָדערנער גרויסבור־זשואזיע.

און דאָס טאקע באטײַט „דער טאקט״, וועגן וועלכן בערקאָוויטש רעדט אין דער צווייטער אָנגעגעבענער סיבע, פילנדיק, אז די ערשטע קאָן ניט אויסהאלטן קיין מינדסטע קריטיק. דאָ באשטייט דער „טאקט״ פון דעם קליינבירגער אין דעם, ער זאָל ניט אפ אן עמעסן אָנגרײַפן די זײַלן (דידאָזיקע זײַלן וואָלטן מיט רעכט דעריב געזעען עמעסן קאמפּ פונעם האמוינ קעגן זייער קלאס), וואָס שטיצן די פוילע מענאכעם־מענדלשע עקאָנאָמיק. ווארעם דער גאנצער כיסאָרן פון דערדאָזיקער עקאָנאָמיק באשטייט דאָך פאר ן ק ל י י נ ב י ר ג ע ר בלויז אין דעם, וואָס זי איז וויניק „ווירקלעכ״, שטארק אילױזאָריש, וואָלט זי געווען רעאל — וואָלט ער אין איר קיין כיסאָרן ניט געזעען.

דעמאָלט וואָלט מענאַכעם־מענדל געווען בראָדסקי. איז וויִאזוי־זשע פּלו־
צים קאמפּ, וויִאזוי־זשע „מידאס־האדיג״?

.4

אין א בריוו צו ראווניצקין שרייַבט שאָלעם־אַלייכעם: „צוליב די אומשטאנדן איז מיר באשערט ארומצודרייען זיך אין אזא סוויווע, וועלכע קאָן ווייניקער פאר אלץ סימפּאטיזירן מיט מייַן שרייַבערישער נויגונג. דידאָזיקע סוויווע — דאָס איז אונדזער געהויבענע אריסטאָקראַטיע, דער סאָכרישער שטאנד, מענטשן פון קאפּיטאל, וואָס שעצן פּיל העכער מייַנע פינאנסן איידער מייַן ליטעראַרישן טאלאנט, וועגן וועלכן זעלטן ווער עס האָט א באגריף... און אפן קאָמערציִעלן באָדן באגעגענען מיר זיך ווי גלייַכע, ווי יאגעדעס פון איין פעלד, מיט איינע און דיזעלבע ענגע באגריפן וועגן לעבן און דעם אינהאלט פון לעבן״ („שאָלעם־אַלייכעם־בוך״, ז. 287).

שאָלעם־אַלייכעם באגעגנט זיך אפּ א באשטימטן געביט מיט דער „פּלוטאָקראטיע״. און ניט בלויז, אזוי צו זאָגן, פיזיש, נאָר, לויט זייַן אייגענעם איידעס־זאָגן, אויך אידעאָלאָגיש. ער באגעגנט זיך מיט איר „ווי גלייַכע, ווי יאגעדעס פון איין פעלד, מיט איינע און דיזעלבע ענגע באגריפן וועגן לעבן און אינהאלט פון לעבן״. דער־דאָזיקער געביט איז „דער קאָמערציִעלער באָדן״. און העיוויס ס׳רעדט זיך דאָך דייַטלעך מיקויעך „באגריפן וועגן לעבן און דעם אינהאלט פון לעבן״, דארף דער „קאָמערציִעלער באָדן״ פארשטאנען ווערן אין א ברייטערן אויסטייַטש. ווי וויַט שאָלעם־אַלייכעמס באגריפן ביכלאל וועגן לעבן און דעם אינהאלט פון לעבן האָבן ניט געזאָלט זייַן ברייטער ווי בא „אונדזער געהויבענער אריסטאָקראטיע, דעם סאָכרישן שטאנד, מענטשן פון קאפּיטאל״ — אָבער אפּ א באשטימטן סאָציִאלן און עקאָנאָמישן פונקט האָט ער זיך מיט זייער וועלט־באנעם פאָרט באגעגנט. לעפּאָכעס אפּ אזויפיל, ער זאָל ניט קאָנען קעגן זיי ארויסטרעטן, אז זייַן „פּראָטעסט״ קעגן זיי זאָל בלייַבן מעטושטעש, ניט ציל־געווענדט און זאָל זיך אויסדריקן אין בעסטן פאל אין סימפּאטיעס צו זייערע „קיכן״, „מענטשן״ און צום אָרעמען טייל קליינבירגערטום ביכלאל.

דאָס איז אן אוטאָביִאָגראפישער מאָמענט, א זעלבסטצייַגעניש, וואָס האָט עפּעס וואָס צו זאָגן. ס׳איז אָבער מער ווי בלויז א ביִאָגראפישער מאָמענט. ס׳איז אויך א גוויִעס־איידעס וועגן דער אידעאָלאָגיע פון

דער געזעלשאפטלעכער באזע, וועלכע שאָלעם־אַלייכעמס שאפן דריקט אויס. בערקאָוויטש דערציילט (דאָרט, ז. 288), אז „שאָלעם־אַלייכעם האָט פאר זײַן לעבן געהאט א היפשע צאָל כסידים־לעזער (געמיינט: אָנהענגער־לייענער—מ. וו.) פון די ווילהאָבנדיקע, צומיינסטנ פון דעם סאָכריש־מאסקילישן שטאנד, וואָס האָבן זיך שטארק געקלעפט צו אים". דערדאָזיקער שיכט קליינבירגער איז אָבער אין דעם פאל געווען ניט בלויז א היפשער טייל פון זײַנע אָנהענגער־לייענער, נאָר טאקע אויך א היפשער טייל פון דער געזעלשאפטלעכער באזע, וואָס האָט באקומען אן אויסדרוק אין זײַן שאפן, — ניט געקוקט דערויף, וואָס טאקע דערדאָזיקער פאקט האָט דערלאָזט און אפילע דיקטירט אריינצונעמען און אויסצודריקן, אין די טכומען פון זײַנע סאָציאַל־אידעאָלאָגישע באשטרעבונגען, אויך די פארשיידענע אנדערע שיכטן פון דריבנעם קליינבירגערטום ביז אראָפּ צו דער דעקלאסירטער אָרעמשאפט.

דערדאָזיקער שיכט קליינבירגערטום, קרעמעריש־פארמיטלעריש, „ווילהאָבנדיקע, צומיינסטנ פון דעם סאָכריש־מאסקילישן שטאנד" האָט זיך אָבער בא אלע קעגנזאצן און בא אלע צומאָליקע סימפאטיעס צום אָרעמען און אָרעמסטן קליינבירגערטום — פאָרט „אפן קאָמערציעלן באָדן", ד. ה. אין זייער וויכטיקע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פראָטים באגענט מיט דער גרויסבורזשואזיע „ווי גלײַכע, ווי יאגעדעס פון איין פעלד מיט איינע און דיזעלבע ענגע באגריפן וועגן לעבן און אינהאלט פון לעבן". איז וויאזוי־זשע זאָל זייער קינסטלעריש־אידעאָלאָגישער פאָרשטייער זיך פלוצים אָנגורטן מיט צאָרן און קעמפעריש אָנפאלן מיט „מידאס־האדינ" אפ דעד פלוטאָקראטיע? ‧אזא אופגאבע איז שוין פאר שאָלעם־אַלייכעמען אין יענער צײַט, וועגן וועלכער מיר רעדן, גאָרניט געשטאנען.

.5

די עקאָנאָמישע אומזיכערקײַט, וואקלדיקײַט און איליוזאָרישקײַט פונעם קליינעם און מיטעלן קרעמער, פונעם בירזשע־האָז און מעקלעריש ספעקוליאנט, פונעם קאָמיסיאָנער, קאָמי־וואָיאזשאָר, אגענט פון לעבנספארזיכערונג א. אז. וו. רעאליזירט און פארשפיצט זיך קינסטלעריש בא שאָלעם־אַלייכעמען אין דער זאמל־פיגור מענאכעם־מענדל. שאָלעם־אַלייכעמ גופע האָט דאָך אגעוו דעם בארגאראָפיקן וועג פון מענאכעם־מענדעלײַ, פון מיטל־אונטערנעמערישער פארמעגלעכקײַט ביז

צו נויט און דאכקעס פון א דעקלאסירטן אינטעליגענט — זייער גרינט־לעך דורכגעלעבט.

זײַט די אכציקער יאָרן, דעם נײַעם אופגאנג־פעריאָד פונעם רוסלענדישן קאפיטאליזם, האָט זיך אפסנײַ אָנגעהויבן צו פארשטארקן די אינעווייניקסטע עמיגראציע פון באשטימטע יידישע קליינשטעטלדיקע „מאסן״ אין די גרעסערע שטעט ארײַן. יענע עקאָנאָמיש־אנטוואָרצלטע קליינבירגערלעכע שיכטן, וואָס זײַנען שוין אינעם שטעטל געווען „לופט־מענטשן״, האָט עס געצויגן אין אזעלכע „גרינדער״־שטעט, ווי אָדעס און קיִעוו („יעהופעץ״). דאָרט זעצן זיי פאָר א שטיקל צײַט־לאנג זייערע „לופט״־באשעפטיקונגען אפ א „גרינדערישער״ אמעריקאני־סטישער עקאָנאָמישער באזע, רײַבן זיך ארום „די מיליאָנען״ און כאָלע־מען צו ווערן אין איין כמַוועקײַעם — „בראָדסקיס״ און „פאָליאקאָווס״. נאָך פארשיידענע טראנספאָרמאציעס ווערן לעסאָף דידאָזיקע מענא־כעם־מענדלס פאופעריזירט, דעקלאסירט און צומטייל אויך פראָלע־טאריזירט, סײַ נאָכדעם ווי זיי וואנדערן אויס אנטוישטע קיין אמעריקע, סײַ אויך אין רוסלאנד גופא.

אָבער פון דידאָזיקע פראָלעטאריזירטע געלינגט א באשטימטן, כאָטש גענוג קליינעם טייל, סײַ אין אמעריקע סײַ אין דער „אלטער היים״, זיך עקאָנאָמיש צוריק ארופצודראפען צו דער מאדרייגע פון א קליינבירגער, וואָס „מאכט א לעבן״, אָדער וואָס ווערט גאָר אן „אָל־רײַטניק״. געוויינלעך איז דידאָזיקע פארבעסערונג ווידעראמאָל נאָר א צײַטווײַליקע, סאָפקאָלסאָף דראָט דעמדאָזיקן שיכט, ווי דעם גאנצן קלאס, שטענדיק די אויסזיכט פאראָרעמט און פראָלעטאריזירט צו ווערן.

דער „געפרוווטער״ און אָנגעלערנטער „סאָליד געוואָרענער״ מענא־כעם־מענדל מוז זיך שוין איצט אביסל אופמערקזאמער באציִען צו דער געזעלשאפטלעכער סיטואציע, וואָס דראָט אים, ער מוז מיטפילן יענע שיכטן פונעם גאָר דריבנעם בירגערטום, פון דער אָרעמשאפט און אפילו פון די ארבעטער, צווישן וועלכע ער קאָן זיך א ליאדע טאָג פלוצים געפינען. פון זײַן לאגע ביז צו דער לאגע פון דידאָזיקע שיכטן איז דאָך שטענדיק נאָר א שפאן די ווײַט. ער לעבט נאָך אלץ ארום־שמײַענדיק ארום די „מיליאָנען״, ארום דער גרויסבורזשואזיִע, זיי זײַנען זײַן „כאָלעם״, ער טיילט אין באשטימטע וועזנטלעכע פראָטים זייערע „ענגע באגריפן״. אָבער זײַן „ווילהאָבנדיקײַט״ איז א קורצאָטעמיקע, מיט דער אנטוויקלונג פון קאפיטאליזם ווערט זײַן לאגע אלץ וואקלדי־

קער און אומזיכערער. דערדאָזיקער שיכט קליינבירגערטום ווענדט דערי־
בער זײַן קוק צום באַרגאַראַפּיקן שטעטל פון זײַן קלאַס, ביז צום דע־
קלאַסירטן, ביז צו דער אָרעמשאַפט, ביז צו דער דינסט און דעם
„מענטש" און אפילע ביז צו א באשטימטן טייל פון די ארבעטער. אזוי
וואַקלט זיך דערדאָזיקער קליינבירגער אין זײַן סאָציאַל־אידעאָלאָגישער
אָנצילונג פון דעם איינעם עק אין דעם סאָציאַלן לייטער, פונעם
גרויסבורזשוא, ביז צום אנדערן — ביז צום ארבעטער.

.6

צו שאָלעם־אליִיכעמס ביִאָגראַפיע באַמערקט בערקאָוויטש („שאָלעם־
אליִיכעם־בוך", ז. 156): „ס'איז ניט געווען בלויז א צופאל פון אומ־
שטאנדן, וואָס שאָלעם־אליִיכעם האָט די בעסטע יאָרן פון זײַן לעבן
פארבראכט אין קיִעוו, ווײַט פון א ליטעראַרישער סוויווע. אכוץ וואָס
קיִעוו, די מעטראָפּאָליע פונעם אוקראַיִנישן ייִדנטום, דער קיבעץ־גאָליִעס
פון אלע מינע וואָלינער קאסריליִעווקעס איז פאר אים געווען דאָס
נאָענטסטע באָאבאכטונג־פעלד, ווו ער האָט זיך אזוי היימיש און אינטים
געקאָנט אָריִענטירן, איז דידאָזיקע שטאָט, מער פון אלע אנדערע שטעט
אינעם ייִדישן טכום פון רוסלאנד, געווען צוגעפאסט צו זײַן לעבעדיקן
רירעוודיקן טעמפּעראמענט, צו זײַן טעטיקן, שטענדיק זוכנדיקן און
שטענדיק ערוואַרטנדיקן (וואָס? — מ. וו.) גײַסט. די שטאָט פון ברייטן
ייִדישן (!) פארנעם, פון וואגנדיקן ייִדישן (!) אונטערנעמונגס־גײַסט,
פון רײַכע מעגלעכקײַטן און דערגרייכונגען, פון גרויסע אליִעס און
יערידעס — איז ווי לעכאטכילע (!) באשאפן געוואָרן צו זײַן שאָלעם־
אליִיכעמס רעזידענץ. דאָרט האָט ער אי פיל געלעבט, אי געקאָנט
געבן א פולן אויסדרוק צו זײַן טעטיקן שאַפנדיקן קינסטלער־גײַסט".

אין דעמדאָזיקן עסטעטיש־דזשענטלמעניש מישמאש איז פאָרט דאָ
א ריכטיקע באָאבאכטונג. ס'איז טאקע ניט קיין צופאל, וואָס שאָלעם־
אליִיכעם האָט די „בעסטע יאָרן פון זײַן לעבן" פארבראכט אין קיִעוו,
כאָטש לאכלוטן ניט צוליב דעם, וואָס קיִעוו איז געווען „די מעטראָ־
פּאָליע פון אוקראַיִנישן ייִדנטום". אָדעס איז בעלי־סאָפעק געווען ניט
ווייניקער „מעטראָפּאָליע", און שאָלעם־אליִיכעם האָט טאקע געמאכט
פארשיידענע ניט אײַנגעגעבענע אָנשטרענגונגען זיך אריבערצוציִען קיין
אָדעס. אין אנדערע פראָטים ווידער זײַנען אזעלכע שטעט ווי בערדי־
טשעוו, לעמבערג, געווען אסאך מער „מעטראָפּאָליעס פון ייִדנטום" —

ליטן טאם פון דערדאָזיקער באשטימונג. דאָרט אהינצו האָט עס שאָלעם-אלייכעמען, לעפּאָכעס אין דער צײַט, וועגן וועלכער מיר רעדן, גאָר ווייניק געצויגן. ריכטיק איז, אז די דעמאָלטיקע „גרינדערישע" שטאָט קיִעוו, דער קיבעץ-גאָליעס פון אלע מינים וואָלינער קאסרילעווקעס מיט די רײַכע מעגלעכקײַטן א.אז.וו., האָט שאָלעם-אלייכעמען מיט זײַן „לעבעדיקן רירעוודיקן טעמפּעראמענט א. א. וו." צוגעצויגן פּונקט אזויווי טויזנטער אנדערע, ניט אזוי ווײַט צוליב די „יערידעס", ווי צוליב די מעגלעכקײַטן פון „גרויסע אליִעס". דאָס איז דער באשיידענער, פּאָשעטער, אָבער היסטאָרישער עמעס, וואָס ווערט ניט קיין געהויבענער דורך עסטעטיש-דזשענטעלמענישן קוואטש פון א מישפּאָכעדיקן ביִאָגראפ. ניט די שטאָט איז אלזאָ לעכאטכילע באשאפן געוואָרן צו זײַן שאָלעם-אלייכעמס באָבאכטונג-פעלד, נאָר אסאך גיכער איז שאָלעם-אלייכעם געווען „ווי לעכאטכילע" צוגעפּאסט צו זײַן דער שילדערער און סאָציִאלער אויסדריקער פון באשטימטע אירע קליינבירגערלעכע יידישע שיכטן. ריכטיקער: די עקאָנאָמישע סיטואציע אין דערדאָזיקער שטאָט האָבן אין שאָלעם-אלייכעמען אופגעוועקט און ברייט אנטוויקלט זײַנע קלאסאָווע שאפונג-מעגלעכקײַטן.

און דאָ איז נייטיק דערמאנען דאָס, וואָס מארקס זאָגט וועגן פאָרשטייער פון קליינבירגערטום: „...פּונקט אזוי דארף מען ניט מיינען, אז אלע פאָרשטייער פון קליינבירגערטום זײַנען קרעמער אָדער אָנהענגער פון קרעמער. לויט זייער בילדונג און פערזענלעכער לאגע קאָנען זיי זײַן ווײַט פון קרעמער ווי דער הימל פון דער ערד. פאר פאָרשטייער פון דער קליינבורזשואזיע מאכט זיי דער פאקט, וואָס זייער געדאנק גייט ניט ארויס איבער די גרענעצן און דער לעבנשטייגערישער אטמאָספער פון קליינבירגערטום, און דערפאר קומען זיי צו דיזעלבע אופגאבעס און לייזונגען אין דער טעאָריע, צו וועלכע עס קומט אָן אין דער פראקטיק דער קליינבירגער צוליב זײַנע מאטעריעלע אינטערעסן און צוליב זײַן געזעלשאפטלעכער לאגע. דאָס זײַנען אין אלגעמיין די באציִונגען פון די פּאָליטישע און ליטערארישע פאָרשטייער פון א געגעבענעם קלאס צו דעמדאָזיקן קלאס גופע".

דער קליינבירגערלעכער שרײַבער קאָן לויט זײַן פערזענלעכער לאגע ווײַט זײַן פון זײַן באזע, ווי דער הימל פון דער ערד, עס קאָן זיך אָבער טרעפן, אז אויך אין דעמדאָזיקן פראט איז ער צו איר נאָענט. דעמאָלט באקומט דערדאָזיקער פאקט א באזונדערן באטײַט. דאָ

אין אונדזער פאל וועלן מיר נאָך דארפן אינזינען האָבן, אז שאָלעם־אליכעם איז לויט זיין „פערזענלעכער לאגע" גאָרניט אזוי שטארק ווייט געווען פון זיין באזע, ווי ווייט ער האָט פון איר ניט געזאָלט זיין אין באשטימטע פראָטים פון זיין בילדונג, פון זיין לאגע און פון זיין באוווסטזיניקייט. ס'וואָלט, פארשטייט זיך, גאָרניט נייטיק געווען זיך צו האלטן אין שאָלעם־אליכעמס ביאָגראפיע קעדיי צו קומען צו אונדזערע אויספירן וועגן דעם סאָציאלן מעהוס פון זיין שאפן. אויב אָבער די ביאָגראפישע מאָמענטן שטימען. אזוי דייטלעך מיט דעם סאָציאלן מעהוס און דער סאָציאלער אָנצילונג ווי בא שאָלעם־אלייכעמען, וואָלט עס געווען דורכויס פאלש דידאָזיקע איינשטימיקייט בלויז איבער דער בוילעטער דייטלעכקייט אינגאנצן צו איגנאָרירן.

.7

די פערספעקטיוון פונעם מענאכעם־מענדל־שיכט ווייזן אָן פארן ווייט גרעסטן טייל אפ א פריערער אָדער שפעטערער פאראָרעמונג, דעקלאסירונג און פראָלעטאריזאציע. וואָס מער ס'אנטוויקלען זיך די באדינגונגען, וואָס שאפן און רופן ארויס דעם מענאכעם־מענדל, ד. ה. וואָס ווייטער ס'אנטוויקלט זיך דער קאפיטאליזם אין רוסלאנד, אלץ ענגער און אָנראכמאָנעסדיקער ווערן ארומגעצייכנט די גרענעצן פון פערספעקטיוו פארן מענאכעם־מענדלשן שיכט.

דער אנטוויקלונגס־גאנג פון דער מאָדערנער קאפיטאליסטישער עקאָנאָמישער סטרוקטור צווינגט דעם מענאכעם־מענדל־שיכט, דעם „באָהעמישן" שיכט פון קליינבירגערטום — אויב מע קאָן זיך אזוי אויסדריקן — צו קאָריגירן זיינע פאָרשטעלונגען וועגן די גיכע גרויסע גליקן. ער באנוגנט זיך שוין מיט פאמעלעכערע און קלענערע גליקן. ער באנוגנט זיך שוין באשיידן „צו מאכן א לעבן" מיט דער הילף פון מער „רעאלע" וועגן און מיטלען, צו דערגרייכן דורך רעאלערער אָנשטרענגונג און אמאָל אפילע דורך ארבעט א רעלאטיוו סאָלידערע איינגעפונדעוועטקייט. א גרויסער טייל פון די אמאָליקע מענאכעם־מענדלס פראָלעטאריזירט זיך, צייטווייליק אָדער אפ שטענדיק, אין רוסלאנד גופע אָדער אין אמעריקע, לאָנדאָן א. אז. וו. דעם „צייטווייליקן" פראָלעטאריזירטן קליינבירגער געראָט אמאָל זיך צוריקצוכאפן צו מער קליינבירגערלעכע באשעפטיקונגען, אָדער גאָר צו דערגרייכן די מאדרייגע פון אן „אָלרייטניק". די צוקונפט בלייבט אָבער אלץ פאר אים א דראָענדיקע.

אויב מענאכעם־מענדל האָט זיך פריִער אין זײַן אומגעוויינלעך אומזיכערער איליוזאָרישער עקאָנאָמישער עקזיסטענץ געוויצלט און געכויזעקט איבער זיך פון שרעק און האָפענונג, דערלויבט ער זיך שוין איצט, אלס „אָלרײַטניק", וואָס איז סאָלידער געוואָרן, דורכגייענדיק א שווערע שול, צוריקצוקוקן אף זײַן מענאכעם־מענדלשער פארגאנגענהײַט ווי אף צאָרעס, וואָס מע דערציילט זיי „אין פריידן". זײַן איצטיקע וויצלערײַ האָט שוין אן אנדערן כאראקטער. ס'איז דאָ צוגעקומען א היפשער טראָפּן ביטערקײַט און אנטוישונג.

דער אמאָליקער מענאכעם־מענדל האָט זיך אין זײַן מענאכעם־מענדל־פעריִאָד שטארק געמאטערט, איז געווען דאָס ראָוו אונטערן וואָגן, אמאָל אָבער אויך אפן וואָגן. ער האָט געליטן נויט און דאכקעס, אָבער אין „גרינדערישע" מאָמענטן פון רוסישן קאפיטאליזם האָט מענאכעם־מענדל געהאט ריזיקע האָפענונגען אליין צו ווערן א גרויסבירגער — און איינעם אָדער דעם אנדערן איז דאָס טאקע אויך געלונגען. איצט, מיט יאָרן שפעטער, און ביפראט אין אמעריקע בא באדינגונגען פון הויכאנטוויקלטן קאפיטאליזם, וואָס גייט מיט גיכע טעמפּן צו דער אימפעריִאליסטישער פאזע, קאָן זיך דידאָזיקע קליינבירגער־מאסע ניט מער מאכן אזעלכע האָפענונגען. ניט געקוקט אף דער רעלאטיווער „סאָלידקײַט" פון זײַן לאגע, זעט אפילע דער „אָלרײַטניק" שוין פאָרט גענוג קלאָר די שארפע גרענעצן פאר זײַנע מעגלעכקײַטן און די סאַקאָנעס, וואָס לאָקערן אף אים אין דער צוקונפט. קוקט ער צוריק צו יענער האָפענונגפולער צײַט מיט „געמישטע געפילן". ער שמייכלט איבער דידאָזיקע אמאָליקע האָפענונגען מיט איראָניע און אנטוישטער ביטערקײַט, און פאָרט דערמאנט זיך אים דידאָזיקע צײַט אין א ראָזעווער שײַן. ער זעט זי, אזוי צו זאָגן, „ראָמאנטיש" און אפילע אידיליש. ער באציט זיך צו איר סאנטימענטאל. ביפראט אין יענע פאלן, ווען זײַן סאָציִאלע לאגע איז אין דער „אלטער היים" געווען העכער, כאָטש ניט סאָלידער איידער אין אמעריקע. דאָס זײַנען די וואָרצלען פון דעמדאָזיקן עמיגראנטס „לירישער" באציִונג צו דער „אלטער היים" און אלטער צײַט, א באציִונג, וואָס שלאָגט זיך דורך, אפילע ווען ער וויצלט זיך איבער זיי.

אין די דערציילונגען פון „מאָטל פייסי דעם כאזנס" געפינען מיר א געטרײַען אויסדרוק פון דידאָזיקע שטימונגען. זיי האָבן זיך באגעגנט מיט שאָלעם־אליי‌כעמס געוויינלעכער שטימונג בענעגייע דער נאָענטער

פאַרגאַנגענהייט ביכלאַל. מער אָדער ווייניקער „ראָמאַנטישע" אָדער „לי־רישע" בענקעניש נאָך דער פאַרגאַנגענהייט, ווי שלעכט זי האָט אײנע־מעסן ניט געזאָלט זיין, איז דאָך איינע פון די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון קליינבירגערלעכער פסיכאָלאָגיע אין פעריאָד פון קאַפּיטאַליזם. עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס שאָלעם־אַליכעם האָט אין 1908, אינעם יאָר, ווען ס׳האָבן זיך געענדיקט דרוקן די ערשטע סעריעס פון „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס", אָנגעשריבן די ערשטע קאַפּיטלען „פונעם יאַריד", א בוך, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט דער „ראָמאַנטיק" פון קינדער־זיכרוינעס. פונקט אַזוי ווי ס׳איז ניט קיין צופאַל, וואָס אינײנעם מיטן צווייטן טייל „מאָטל" שרייבט שאָלעם־אַליכעם אויך דעם דריטן טייל „פונעם יאַריד". דאָס איז אויך די סיבה, פאַרוואָס עס געפעלן אים שטאַרק קאָטיקס „זיכרוינעס" („איך לייען אָט דעם ייִדנס „זיכרוינעס" און ווער מעשוגע פאַר טײַנעג" — „שאָלעם־אַליכעם־בוך", ז. 245 אין א בריוו פון 1913).

8.

„מאָטל פּייסי דעם כאַזנס" ווייזט אַן אַנטשיידנדיקע באַווירקונג פון די איינדרוקן, וואָס שאָלעם־אַליכעם האָט באַקומען בײַ זיין נעסיִע אין אַמעריקע אין 1907 יאָר. די אייגנטלעכע טעמע איז דאָך דאָ: די אויס־פירלעכע געשיכטע פון די קליינשטעטלדיקע שטאַרק פאַרקליינלעכטע און שאַרזשירטע מענאַכעם־מענדלס און זייער וועג צום סאָלידן „אָלרייטניק", וואָס מאַכט א לעבן. צום „אָלרײַטניק", וואָס זיין פאַנ־טאַזיע האָט שוין איצט און דאָ קורץ־באַשניטענע פליגלען, וואָס האָט אָבער נאָך אַלץ ליב זיך צו דערמאָנען זיין מענאַכעם־מענדלשע יוגנט מיט אירע כאַלוימעס, האָפענונגען, אָרעמקייט און נויט — אין א ראָזע־ווער שיין. די שטימונגען אינעם דאָזיקן בוך אַנטשפּרעכן געטריי צו די שטימונגען פון דער עמיגראַנטן־מאַסע אין אַמעריקע פון יענער צייט.

די איינדרוקן פון אַמעריקע האָבן דעם גרויסן שרייבער קלאָרער געמאַכט דעם גאַנצן שעטעכ און פאַרנעם אין דער אַנטוויקלונג פון מענאַכעם־מענדלס וועג. ער האָט דײַטלעכער דערזען און באַנומען דעם „דערוויילן" סאָף פון מענאַכעם־מענדלס טראַנספאָרמאַציע. דעריבער באַקומט זיך אין „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס" א פאַרסאַכאַקלטער סינטעז פון זיינע פיר הויפּט־טעמעס: מענאַכעם־מענדל, טעוויע, „קינדער" און „פאַרלוירענע טאַלאַנטן" (די סאָציאַלע פּרעטענזיע און טײַנע פונעם

קליינבירגער, ביפראט פונעם קליינבירגערלעכן אינטעליגענט, האָט ליב אָנצוווײַזן אפ די „טאלאנטן". א נאטירלעכע דערשײַנונג דאָרט, ווו מע קאָן ניט אָנווײַזן ניט אפ קאפיטאל און ניט אפ שאפערישער פּראָדוקטיווער ארבעט; דאָרט, ווו „דער טאלאנט" איז די איינציקע שאנס).

אין דעם בוך ווערט ארויסגעפירט ניט דער מענאכעם־מענדל פון דער אנטוויקלטער גרויסשטאָטישער פאָרמאציע, וואָס דרייט זיך ארום „גרויסע געשעפטן", נאָר די סאמע ברייטסטע שטעטלשע מענאכעם־מענדל־מאסע. דער מענאכעם־מענדל־באגריף ווערט דאָ פארברייטערט און פאראלגעמיינערט פארן גאנצן קליינבירגערטום ביכלאל. די גרויסשטאָטישע מענאכעם־מענדעלײַ באלייט דעם אופבלי פון קאפיטאליזם, שטייענדיק צו אים אין א דירעקטער באציִונג. די קליינשטעטלדיקע גאָר נעבעכדיקע מענאכעם־מענדעלײַ איז שוין א ווײַטערדיקער רעזולטאט פון דער קאפיטאליסטישער אנטוויקלונג, וואָס דערפירט צו דער דעגראדאציע פון שטעטלדיקן קליינבירגערטום. אין אמעריקע באקומט שאָלעם־אליינעם א קלאָרער איבערזיכט איבער דער לאגע פון קליינבירגערטום. דעם שטעטלשן נאָגיד רעב יאָסי, יויגע דעם „רײַכן" בעקער, פיני דעם מעל־הענדלער, מענאשען דעם „ווילהאָבנדיקן" רופא, בערקען דעם שוסטער, הערש־בערן דעם כאזן, ביבערן דעם פעלדשער, מוישען דעם אײַנבינדער, די מעכאניקעס, די זייגערמאכערס, די שנײַדערס, דעם דערפינדער פון טינט, מויזנסאם און קוואס עליען א. אז. וו. א. אז. וו. — קורץ, דאָס גאנצע שטעטלשע קליינבירגערטום דערזעט איצט שאָלעם־אליינעם אין זײַן דעגראדירטער מענאכעם־מענדלשקײַט.

.9

שאָלעם־אליינעם מאכט אָבער אויך א זייער אײַנגעהאלטענעם פּרווו צו געבן אין „מאָטל" — סטירעדיק צו זײַן גרונט־שטימונג — א שטראַלעכן אָפּטימיזם: וואָס שײַעך די מעגלעכקײַטן, אז דאָס קליינבירגערטום זאָל זיך פּאָרט עקאָנאָמיש פארפעסטיקן און וואקסן; אנטשפּרעכנדיק צו באשטימטע קליינבירגערלעכע טעאָריעס פון יענער צײַט, וועלכע מיר געפינען אפילו בא דעמאָלטיקע רעפאָרמיסטישע „סאָציִאל־דעמאָקראטן". דער יידישער קליינבירגער איז דעמאָלט געגויגט צו זעען מעניִעס פאר זײַן אופשטײַגן בלויז אין די אנטיסעמיטישע באגרענעצונגען פון צארישן רוסלאנד; ווו די באציִונגען זײַנען אין דעם פּראט ג׳ינסטיקער, לעמאָשל, אין אמעריקע, האָפט ער, אז זײַן לאגע וועט

זיך באַדײַטנדיק פֿאַריכטן. עמעס, ניט אין אזא מאָס, ווי מענאַכעם־מענדל האָט אמאָל גערעכנט, אָבער פֿאָרט אַף א סאָלידן אויפֿן. שאָלעם־אַלייכעם שטעלט זיך דאָ דעריבער די אויפֿגאַבע דערצײַעריש צו שיל־דערן די טראַנספֿאָרמאַציע פֿונעם טרוימער מענאַכעם־מענדל אין א סאָלידן „אַלרײַטניק", וואָס קאָריגירט זײַנע פֿריִערדיקע באַגריפֿן. דער בוך האָט אין זיך יענע מינימאַלע מאָס אָפּטימיזם, וואָס אַנטשפּרעכט צו דער שטימונג פֿונעם עמיגראַנט, וועלכער „מאַכט א לעבן" — ניט געקוקט אַף זײַן אַנטוישונג און אַף די דראָונגען פֿון דער צוקונפֿט.

זעלטן איז א שרײַבער געווען אַזוי שטאַרק פֿילבאַר צו יעדן מינדסטן ריר און באַוועגונג פֿון זײַן באַזע און פֿון זײַן „סאָציאַלן באַשטעלער", ווי דער גרויסער קליינבירגערלעכער שרײַבער שאָלעם־אַלייכעם. זעלטן האָט עמעצ אַזוי אינטענסיוו קאָנטראָלירט די אַנטשפּרעכונג צו זײַן באַזע דורך דער רעאַקציע פֿונעם לייענער. דאָס דערגייט בא אים ביז צו אויסנווייניקסטע קלייניקײַטן. ער באַמיט זיך צוצופּאַסן אַפֿילע צו דער דיִאַלעקטישער לעקסיק, צו די שטייגערישע האַסאָגעס און באַגריפֿן פֿון קלאַסן־נאָענטע לייענער אין די פֿאַרשיידנסטע לענדער (דאָס אייגענע באַמערקט זיך אויך אין זײַן דעטאַלישן קאָנטראָל בא די איבערזעצונגען פֿון זײַנע ווערק אַף רוסיש).

וועגן דער אייגנטלעכער לייזונג פֿאַר די פּראָבלעמעס פֿון קליינ־בירגערטום האָט שאָלעם־אַלייכעם ניט געהאַט קיין פֿעסט אויסגעפֿורעמטע און שטאַנדהאַפֿטיקע מיינונג, האָט ער זיך באַמיט נאָכצוגיין נאָך יעדן זיגזאַגישן קער און ווענד — אַפֿילע דעם סאַמע אויבנאויפֿיקסטן — פֿון זײַן סאָציאַלער באַזע. אין דעם פֿראַט האָט ער טאַקע געוויזן אַן אומגעהײַערע פֿעיִקײַט, ער האָט זײַן סאָציאַלע באַזע פֿאַרשטאַנען אַפֿן ווונק. — מיר דאַרפֿן אַלזאָ פֿעסטשטעלן, אַז אַסאַך וועזנטלעכע שטריכן אין „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס" — אַזוי, לעמאָשל, אויך א לעצטע שפּור פֿון רעלאַטיוון אָפּטימיזם, וואָס מיר פֿילן אין דעם בוך — ווערן מיטבאַשטימט גראָד דורך דער סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע פֿונעם יידישן קליינבירגער אין אַמע־ריקע פֿון יענער צײַט.

.10

די עמיגרירטע קליינבירגער פּראָלעטאַריזירן זיך אין אַמעריקע. דער גרעסטער ראָוו—ענדגילטיק און בלײַבנדיק, א טייל אָבער בלויז צײַט־ווײַליק, ביז עס גיט זיך אים אײַן אָנצוזאַמלען יענעם מינימום מיטלען,

וואָס איז נייטיק, קעדיי זיך ווידער צוצוכאַפּן צו די קלײנבירגערלעכע באַשעפטיקונגען. עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך, אַז סײַ די אָרעמע קלײנבירגערלעכע מאַסע, סײַ אַפילע דער „אַלרײַטניק" קאָנען ווײַזן אַ באַשטימטע „פאַרשטענדעניש" פאַרן פּראָלעטאַריאַט. זיי זײַנען דאָך אַליין דורכגעגאַנגען, זאָל זײַן צײַטווײַליק, די עקזיסטענץ פון אַרבעטער. די סיטואַציע פון דערדאָזיקער קלײנבירגער־מאַסע איז זעלטן אַמאָל אַף אַזויפיל פעסט, אַז די מעגלעכקײַט ווידער צו ווערן אַרבעטער זאָל זיי ניט שטיין פאַר די אויגן — כאָטש זייער שטרעבן גייט לאַכלוטן אין אַ פאַרקערטער ריכטונג.

דעריבער קאָנען זיי אַף אַ באַשטימטן אויפן און ביז צו אַ באַשטימטן גראַד, וואָס אַנטשפּרעכט צו זייער קלאַסן־כאַראַקטער, אַמאָל אַפילע „מיטפילן" די קאַמפן פון דער אַרבעטערשאַפט „אַף צו פאַרבעסערן די טאָגטעגלעכע לאַגע". דאָסדאָזיקע קלײנבירגערלעכע מיטגעפיל שילדערט שאָלעם־אַליי‌כעם אַף זײַן אייגנאַרטיקן שטייגער דורכויס ריכטיק. ער לאָזט מאָטלען זאָגן: „מיר דאַכט, אַז ס׳איז גאָרניטאָ קיין בעסערע זאַך אַף דער וועלט, ווי אַז מע שטרײַקט. דאָס האָט אַזאַ פּאָנעם, ווי אַז איר לערנט בײַ אַ רעבן, וואָס שלאָגט זיך צו שטאַרק, נעמט מען אָפּ בײַ אים די קינדער און מע זוכט אַן אַנדער מעלאַמעד". (שאָפּ"פ־אויסגאַבע, טייל וו, ז. 117). ניט געקוקט אַף דער וויצלדיקײַט, מיט וועלכער שאָלעם־אַליי‌כעם לייגט אַרײַן דידאָזיקע ווערטער אין מאָטלס מויל, און ווי „נאַיִוו" און פיליסטעריש אַזאַ דערקלערונג וועגן דעם מעהוס פון שטרײַק זאָל ניט זײַן, איז דאָס אָבער סײַ די מיינונג פון שאָלעם־אַלייכעמס סאָציִאַלער באַזע, סײַ זײַן אייגענע גופע. מע דאַרף בלויז אויסזוכן אַ מעלאַמעד, וואָס שלאָגט זיך ניט צו שטאַרק — ון אַלץ איז גוט און וואויל.

דער שיכט, וועלכן שאָלעם־אַלייכעם דריקט דאָ אויס, האָט עפּעס אַ באַשטימטן שײַכעס צו שטרײַקן, און שאָלעם־אַלייכעם רופט זיך אָפּ אויך אַף דעמדאָזיקן מאָמענט. „איר הערט זיך דאָרט (אַף שטרײַק־מיטינגען — מ. וו.) אָן אַזעלכע ווערטער, וואָס איר האָט זיי קיינמאָל ניט געהערט: „דזשענעראַל סטרײַק"... „יוניאָן"... „אָרגאַניזירט"... „אַכט און פערציק שטונדן"... „העכערע ווײדזשעס"... „בעסערע באַהאַנדלונג"... „סקעבס"... „סטרײַק־ברעכערס"... „פיקעטס"... און נאָך קעדוימע אַזעלכע ווערטער, וואָס איר פאַרשטייט זיי ניט. מײַן כאַווער מענדל זאָגט, אַז ער פאַרשטייט זיי יאָ. נאָר געבן זיי מיר צו פאַרשטיין קאָן ער ניט. „ווּעסט

עלטער ווערן, זאָגט ער מיר, וועסטו אליין פארשטיין״. עס קאָן זײַן״ (דאָרט, ז. 118). ס׳קאָן טאקע זייער זײַן, אז מאָטל וועט אויסוואקסן א פּראָלעטאריער, א רעוואָליוציאָנער און וועט דאָס אלץ טאקע לויטן אײַנעווייניקסטן טאָכ פארשטיין, און אפילע קאָנען געבן צו פארשטיין אסאכ בעסער ווי שאָלעם־אלייכעם גופע. וואָרעם ניט געקוקט אפּן ווּיצלדיק־שמייכלענדיקן אויפן, ווי שאָלעם־אלייכעם רעדט דאָ וועגן דעם „ניט־פארשטיין״ — איז דאָסדאָזיקע „ניט־פארשטיין״ דאפקע זייער כאַראקטעריסטיש פארן קליינבירגער און פאר זײַן אידעאָלאָגיע. ווו שאָלעם־אלייכעם באהאנדלט אן איניען, וואָס איז פאר אים אין טאָכ ניט געלייזט, דרייט ער זיכ ארויס מיט א וויצל.

עליע דער צײַטווײַליק פּראָלעטאריזירטער „מענאכעם־מענדל״ איז אפן שטרײַק־מיטינג מיט יעדערן, וואָס מע זאָל ניט זאָגן, מאסקים. און פיני, וואָס איז שוין דאפקע יאָ פײַער און פלאם פאר שטרײַקן, אז ער טרעט אָבער ארויס און רעדט צו דער ארבעטער־מאסע, פלוידערט ער ווילדע און באטלאָנישע נארישקײַטן. די עמעסע פּראָלעטאריער כויזעקן פון אים:

— „וואָס דאבערט ער? — וואָס האקט ער א טשײַניק״? און רײַסן אים אראָפּ מיט גוואלד פון דער עסטראדע. דער סאָפּ איז טאקע געווען אז אין רעזולטאט פונעם שטרײַק האָבן זיכ דיראָזיקע צוויי קליינבירגער געכאפּט צו מער קליינבירגערלעכע פארנאָסעס, וואָס פירן אוועק פונעם פּראָלעטאריער צום „אָלרײַטניק״.

.11

די אינטערעסן פונעם פּראָלעטאריאט גייען דאָ אָן דעם קליינבירגער אפּ אזויפיל, ווי זיי האָבן אומיטלבאר א שײַכעס צו זײַנע אייגענע קלאסן־אינטערעסן. ער באנעמט ניט זייער טיפערן טאָכ ביז צום סאָפּ, נאָר דאָס, וואָס רירט אים אומיטלבאר אָן, אָדער אפּ וויפל עס דוכט זיכ אים, אז עס קאָן אים פריִער אָדער שפּעטער אומיטלבאר אָנרירן. דידאָזיקע באציִונג קומט צום אויסדרוק אין שאָלעם־אלייכעמס קליינבירגערלעכן, ווילגעניוגט־דעמאָקראטישן פארהעלטעניש צום פּראָלעטאריאט און זײַנע קלאסנקאמפן. שילדערונגען פון עקספּלואטאציע און נויט פונעם פּראָלעטאריער געהערן ניט צו שאָלעם־אלייכעמס א י י ג נ ט ל ע כ ע טעמעס. ער דערווארעמט זיכ ערשט דעמאָלט, ווען ער מאָלט בילדער פון דאכקעס און נויט באם פאראָרעמטן קליינבירגער. אָבער אפילע דידאָזיקע בילדער דערגרייכן ניט קיין אָ נ ק ל אָ ג ע ר י ש ע שארפקײַט,

ווייַל ער זעט ניט דייַטלעך קיין קעגנער און שולדיקן און ווייַל סאָפקאָלסאָפ פארלאָזט אים קיינמאָל ניט די וואקלדיקע האָפענונג אפ בעסערע צייַטן און באדינגונגען. דעריבער, אז ער באקלאָגט, לעמאָשל, די נויט און די דאכקעס פון קינדער — און דאָס איז אים זייער א נאָענטע טעמע — שילדערט ער דאָס ניט אלס דעם טיפישן גורל פון קינדער פון עקספלואטירטע, נאָר אלס אן אומגליק, וואָס שטאמט סאָפקאָלסאָפ — פון נאציאָנאלע סיבעס: Дети черты! — פון אן עקאָנאָמישער לאגע, אין וועלכער ס'איז דעריקער שולדיק דער אנטיסעמיטיזם. —

רעדנדיק וועגן פרודאָנען, כאראקטעריזירט מארקס דעם קליינבירגערלעכן אידעאָלאָג אזוי: „ד ע ר ק ל יי נ ב י ר ג ע ר ווערט אין דער הייַנטצייַטיקער פאָרגעשריטענער געזעלשאפט פאָשעט צוליב זייַן סיטואציע גופע פון איין זייַט א סאָציאליסט — און פון דער אנדערער אן עקאָנאָמיסט (ד. ה. אן אָנהענגער פון דער בורזשואזער עקאָנאָמיק — מ. וו.), ד. ה. ער איז פארבלענדט פון דער גרויסארטיקייַט פון דער גרויסער בורזשואזיע און פילט דערבייַ אויך מיט די ליידן פון דער מאסע פונעם פאָלק. אין איינער און דערזעלבער צייַט איז ער סייַ בורזשוא, סייַ מאסע (פאָלק). אין טיפן הארצן גרויסט ער זיך דערמיט, וואָס ער איז אן אומפארטייִשער, אז ער האָט געפונען דעם עמעסן גלייַכגעוויכט, וואָס האָט א פרעטענזיע זיך אויסצוטיילן פון דער געוויינלעכער דורכשניטלעכקייַט. אזא קליינבירגער פארגעטערט די ס ט י ר ע, ווייַל די סטירע איז דער גרונט פון זייַן עקזיסטענץ. ער אליין איז ניט עפעס אנדערש ווי א געזעלשאפטלעכער ווידערשפרוך, א פארקערפערטער אין טאט. ער דארף בארעכטיקן אין דער טעאָריע דאָס, וואָס ער איז אין דער פראקטיק, און פרודאָן פארדינט צו זייַן דער וויסנשאפטלעכער קאָמענטאטער פון פראנצויזישן קליינבירגערטום; דאָס איז — א ווירקלעכער פארדינסט זייַנער, ווייַל דאָס קליינבירגערטום דערשייַנט אלס א באשטאנד־טייל פון אלע קומענדיקע סאָציאלע רעוואָליוציעס” (אינעם בריוו צו אנענקאָוו וועגן פרודאָנס פילאָסאָפיע פון אָרעמקייַט”). דידאָזיקע ביז גאָר טיפע כאראקטעריסטיק פונעם קליינבירגערלעכן אידעאָלאָג פאסט, ווי מיר זעען, ביז אין אלע פראָטים אויך אפ שאָלעם־אלייכעמען.

שאָלעם־אלייכעמס מיטנעפיל צום פראָלעטאריער איז געווען זייער אופריכטיק. ער האָט אים אָבער, דורכויס טאָעסדיק, געהאלטן פאר א טייל, פארן אָרעמסטן טייל, פון זייַן, פונעם קליינבירגערלעכן, קלאס. ער האָט א צו־

נויפגעמישט מיט זײַן קלאַס. „פּראָסטע ייִדן" — דערמיט מיינט ער דורכשניטלעכע קליינבירגער — זײַנען פאַר אים געווען דאָס אייגענע ווי „אַרבעטער", און אַלע איינינעם האָט ער געהאַלטן פאַרן „עמעסן פאָלק". זײַן מיטגעפיל צו דער אַרבעטערשאַפט האָט שאָלעם־אַליכעם טיף־רירנדיק, אָבער הילפלאָז דעמאָנסטרירט מיט די ווערטער פון זײַן צאַ־וואָע, וואָס דאַרפן, אַפ זײַן שטייגער, זײַן אַ סימפּאַטיע־באַווײַז פאַר די אַרבעטער און אַ פּראָטעסט קעגן דער בורזשואַזיִע ביז איבערן טויט אַריבער: „ווו איך זאָל ניט שטאַרבן, זאָל מען מיך באַהאַלטן ניט צווישן אַריסטאָקראַטן, מעיוכאָסים, אָדער גווירים, נאָר גראָד צווישן פּראָסטע ייִדן אַרבעטער, מיטן עמעסן פאָלק".

דער גרויסער שרײַבער האָט דעם פּראָלעטאַריאַט מיטגעפילט אַזוי ווי אַ „ראַדיקאַלער" קליינבירגער, וואָס וויל זיך ניט אָפּרײַסן פון זײַן קלאַס, קאָן אים מיטפילן. אַפ אַזאַ קליינבירגערלעכן רעאַקציאָנערן שטייגער האָט זיך שאָלעם-אַליכעם אָפּגערופן אַפ דער רעוואָליוציע פון 1905־ער יאָר, אַפ אַזאַ שטייגער האָט ער געמאָלט דאָס אַרבעטער־לעבן און שטרײַק־בילדער אין „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס", אין „יויסעפּ" און אין אַנדערע ווערק. סימפּאַטיזירנדיק, אָבער מיט אַ שמייכעלע — כאָטש דעריקער איבער זײַנע קליינבירגערלעכע „מיטלויפערישע" פיגורן — וואַקלענדיק און מעטושטעש. דעם אַרבעטער האָט ער באַנומען און באַוויזן ווי דעם סאַמע אָרעמסטן שיכט פונעם קליינבירגערלעכן קלאַס.

„און אויב מיר האָבן פאַר זיך אַן עמעסן גרויסן קינסטלער, איז גאָרניט מעגלעך, אַז ער האָט ניט געזאָלט אָפּשפּיגלען אין זײַנע ווערק כאָטש עטלעכע וועזנטלעכע זײַטן פון דער רעוואָליוציע". אַמאָל טאַקע זייער סטירעדיק און קלאַסנפרעמד, „אַלס אויסדרוק פון די קעגנזעצלעכע באַדינגונגען, אין וועלכע עס האָט זיך געפונען דאָס רוסישע לעבן אין לעצטן דריטל פון 19־טן י"ה. די ציטאַטעס זײַנען פון לענינען וועגן טאָלסטאָיען. מיר מיינען אָבער ניט צו מאַכן דעם מינדסטן פאַרגלײַך צווישן דעם ווערט און באַטײַט פון טאָלסטאָיען און שאָ־לעם־אַליכעמען — דאָס וואָלט אוואַדע געווען מער ווי אומגעלומפּערט — אויב מיר שטעלן פעסט, אַז דעם לענינשן טעזיס דאַרף מען אַפ אַן אַנטשפּרעכנדיקן אויפן אויך אָנווענדן בענעגייע שאָלעם־אַליכעמען.

שאָלעם־אַליכעם גיט אַפ אַ באַשטימטן אויפן אַ גלענצנדיקע קינ־סטלערישע אָפּשפּיגלונג פון דער לאַגע און דער ראָל פון ייִדישן קליינ־בירגערטום אין פעריאָד פון דער רעוואָליוציע, פון דער ראָל און באַטײַט

פונ זײַנ „אָנטײל" אינ איר. מיט גרויסנ פארנעם אונ מיט אויסשעפנ־
דיקער אונ אויסשליסלעכער פולקאָמקײַט, אינ אנ אײגנארטיקער פאָרם,
וואָס אנטשפּרעכט צום קלאסאָווג אינהאלט אונ דריקט אזוי ארום אמ־
דײַטלעכסטנ אויס דאָס, וואָס זי וויל אָפּשפּיגלענ — שילדערט ער דעמ
אומופהערלעכנ אונ ניט אָפּצושטעלנדיקנ פּראָצעס פונ פארעלנטונג
אונ פאראָרעמונג פונ קלײנבירגערטומ אינ פּעריאָד פונ אנטוויקלטנ
קאפּיטאליזמ. אונ טאקע באגלײַכ דערמיט שפּיגלט ער אָפּ די הילפלאָ־
זיקײַט פונ דעמ קלאס, אפילע פונ זײַנע ראדיקאלע פאָרשטײער —
דורכ טאט אונ טעאָריע זיכ צו אָריענטירנ אונ צו געפינענ אנ אויסוועג.
דערינ, אפּ וויפל שאָלעמ־אליכעמ האָט אָפּגעשפּיגלט אינ זײַנע ווערק באַ־
שטימטע מאָמענטנ פונ דער רעוואָליוציע, באשטײט דער וויכטיקסטער הויפּט־
ווערט פונ זײַנ שאפנ אלס יערושע פונ פראָלעטאריאט. דעמ וועג, וואָס פירט
ארויס פונ די ווידערשפּרוכנ אינ דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט, האָט
שאָלעמ־אליכעמ ניט געזעענ, ער איז אָבער דורכויס קלאָר פארנ רעוואָליו־
ציאָנערנ פּראָלעטאריאט. ער האָט בלויז אויסגעדריקט די פראגע, דער
פּראָלעטאריאט ווײס אָבער אויכ דעמ פולנ אונ ריכטיקנ ענטפער.
דעריבער איז אויכ דאָ א ריכטיקע אונ פולע פארשטענדעניש אונ אָפּ־
שאצונג פונ זײַנ שאפנ מעגלעכ בלויז ווענ מע שטײט אפנ בליק־פונקט פּר־
נ עמ רעוואָליוציאָנערנ פּראָלעטאריאט. —

.12

אינ „מאָטל פּײסי דעמ כאזנס" פארסאכאקלט שאָלעמ־אליכעמ זײַנ
קינסטלערישע אופגאבע, סײַ וואָס שײַעכ דעמ אידעאָלאָגישנ אינהאלט
ביכלאל, סײַ וואָס שײַעכ דער טעמאטיק אונ סײַ וואָס שײַעכ דער
פאָרמ (שפּראכ־סטיל, לעקסיק, זאצבוי, קאָמפּאָזיציע, פאבולע, „אינ־
טריגנ"־קרײַז א. אז. וו.) ביפראט. דאָ זײַנענ דערפּירט אלע כאראקטע־
ריסטישע שטריכנ פונ שאָלעמ־אליכעמס שאפנ ביז צו זײער אויסגע־
שפּראָכנסטער העכסטער מאדרײגע. אָבער אויכ זײַנע פעלערנ אנטפּלעקנ
זיכ דאָ זײער בוילעט: די נעבעכדיקע אָרעמקײַט, וואקלדיקײַט אונ
צעטומלטע מעטושטעשקײַט פונ זײַנ וועלט־באנעמ אונ פונ זײַנ קוק
אפּ די געשעענישנ פונ זײַנ צײַט אונ אפּ דער געזעלשאפט. אונ אלס
א רעזולטאט פונ דעמ—זײַנ אומפעיִקײַט צו געבנ אנ אָרגאניש געבונדנ
אונ דינאמיש אנטוויקלט ברײט בילד וועגנ די פּראָצעסנ, וואָס דער
קלאס, וועלכנ ער שילדערט, מאכט דורכ.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אין אַ העאָרע צו די פּאַרזעצונגען פֿון דעמדאָזיקן בוך, וואָס זײַנען דערשינען אין דעם „פֿרײַנד", באַטאָנט שאָלעם־אַלייכעם גופֿא זייער דײַטלעך, אַז די איינצלנע קאַפּיטלעך פֿון „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס" זײַנען דורכויס זעלבשטענדיקע און אומאָפּ־הענגיקע דערציילונגען. צו דעם קאַפּיטל „די וואַסערשטוב" (זע „נאָכ־וואָרט"), וואָס איז דערשינען אין „די יידישע וועלט" 1914 (2־טער בוך, ז. 315), שרײַבט שאָלעם־אַלייכעם אַן ענלעכע העאָרע: „דער ער־שטער טייל איז דערשינען אין אַ באַזונדער בוך אונטערן זעלבן נאָמען, באַשטייט פֿון אַ סעריע זעלבשטענדיקע דערציילונגען; אַף דעמזעלבן אַרט גייען אויך די ווײַטערדיקע דערציילונגען, נישט געבונדן איינע מיט דער אַנדערער, אַף אַ סעריע (!)".

דידאָזיקע באַמערקונגען זײַנען בעלי־סאָפּעק אַרויסגערופֿן געוואָרן פֿון ריין „פֿאַרלעגערישע" סיבעס; זיי וואָלטן אָבער ניט געמאַכט געוואָרן, אויב זיי וואָלטן אין אַ גרויסער מאָס טאַקע ניט אַנטשפּראָכן דער ווירק־לעכקײַט. די דערציילונגען „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס" זײַנען אַף אַ באַשטימטן אופֿן יאָ געבונדן „אַף אַ סעריע". זיי גייען נאָך אַ ביאָ־גראַפֿישן פֿאָדעם און באַציִען זיך כראָנאָלאָגיש־פֿאַקטיש שטענדיק אַף פֿריִער דערציילטן. ס'איז אָבער אויך עמעס, אַז זיי זײַנען יעדע באַ־זונדער „זעלבשטענדיק", „נישט געבונדן איינע מיט דער אַנדערער". ס'איז ניט קיין צופֿאַל, וואָס ער האָט זיי עטלעכע מאָל אין זײַנע בריוו אויך אָנגערופֿן „פֿעליעטאָנען", כאָטש אין טאָך זײַנען זיי ביז גאָר פֿאַרשיידן פֿון דעמדאָזיקן זשאַנר.

אומזיסט וועלן מיר אין דעמדאָזיקן בוך זוכן אַן אינעווייניקסטע גיטוועלדיקײַט פֿון דער אַנטוויקלונג, אַנטשיידנדיקע הייך־פּונקטן, אַן אָנזאַמלונג פֿון די געשעעניש און זייער אויפֿלייזונג, יענע דראַמאַטיק, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַן איינהײַטלעך אָרגאַניש און דינאַ־מיש בילד פֿון סאָציאַלן לעבן. מיר געפֿינען דאָ בלויז קליינינקע אַנעק־דאָטן (אין דער סאַמע העכסטער און קינסטלערישער געלײַטערטער פֿאָרם פֿון דעם זשאַנר) ביז גאָר מײַסטעריש אויפֿגעשנירלט אַף אַ ביאָגראַפֿישן פֿאָדעם. די באַוועגונג פֿאַרלויפֿט דאָ אָן שום דינאַמישע איבערקערע־נישן אין אַ מעכאַניש־כראָנאָלאָגישן אומעטום גלײַכמעסיקן נאָכאַנאַנד. אַלע טיילן פֿון דעם בוך פֿאַרנעמען אַ גלײַכמעסיקן און אַלציינסן אָרט, קיינער פֿון זיי איז ניט קיין צענטראַלער און באַהערשנדיקער, איז ניט קיין באַזונדערס וויכטיקער פֿאַרן גאַנצן איבעריקן בוך — פּונקט אַזויווי

די פארשיידנסטע „אידייען" האָבן זיך אין שאָלעם־אַליכעמס אידעאָ־לאָגיע זייער בעשאָלעמדיק געלעבט איינע לעבן דער אנדערער. כאָטש זיי זײַנען געווען אונטערגעוואָרפן צו א קליינבירגערלעכער דאָמינאַנטע, זײַנען זיי אָבער ניט באהערשט געוואָרן ביז צום גרונט פון אן איינ־הײַטלעכער שטאנדהאפטיקער פעסט אָרגאַניזירנדיקער וועלט־אָנ־שויונג.

עס לאָזט זיך ניט מיט זיכערקײַט זאָגן, צי האָט טאקע שאָלעם־אַליכעם אליין געפילט דעם באטײַט פון דעמדאָזיקן בוך, אז ער גיט דאָ זײַנס א קינסטלערישן סאכאקל. עס אנטשפרעכט דורכויס צום גאנצן סאָציאַלן מעהוס פון דעמדאָזיקן גרויסן שרײַבער, אז ער האָט געמאכט די מעשונעדיקסטע טאָעסן בא דער אָפּשאצונג פון זײַנע אייגענע ווערק און אין זײַן באציִונג צו זיי. אין טאָכ איז דעריבער דאָס אלץ זייער ווייניק מאָסגעבנדיק. עס איז אָבער פאָרט אינטערע־סאנט, אז אין א בריוו פונעם יאָר 1910 רײַסן זיך אים ארויס אזעלכע ווערטער וועגן „מאָטל פּייסי דעם כאזנס": „איך האָב געזאָגט, איך גיי געבן עצם מעצמי ובשר מבשרי" (ד. ה. „ביין פון מײַן געביין, פלייש פון מײַן לײַב" — מ. וו., זע „שאָלעם־אַליכעם־בוך" ז.296). עס איז אויך ניט קיין כידעש, אז די דעמאָלטיקע ליטעראטור־קריטיקער פונעם קלאס, וועלכן ער האָט אויסגעדריקט, האָבן דעמדאָזיקן פאקט באַנומען אפן וווּנק. 1913 שרײַבט שאָלעם־אַליכעם אין א בריוו צו ניגערן: „און איך האָב געקוועלט, וואָס איר האָט געטראָפן ווי א נאָווי, אז מײַן געליבט קינד איז מאָטל דעם כאזנס. עמעס, ווי די טוירע איז עמעס" („שאָלעם־אַליכעם־בוך" ז. 245). אין זייער ווייניק ווערק האָט שאָלעם־אַליכעם דערגרייכט אזא אויסגעהאלטענע מײַסטערשאפט, ווי אין דעם בוך, און טאקע דערפאר באווײַזט זיך דאָ זײַן אידעאָלאָגישע געשלאָגנקײַט און געדריקטקײַט באזונדערס פילבאר. אין דעמדאָזיקן בוך זאמלען זיך ווי אין א ברענשפּיגל די כאראקטעריסטישע שטריכן פון שאָלעם־אַליכעמס שאפן.

.13

„מאָטל פּייסי דעם כאזנס" איז דורכויס ניט קיין „קינדער־בוך". ס'איז לאכלוטן ניט געשריבן געוואָרן פאר קינדער. אין א בריוו פון 1907 שרײַבט שאָלעם־אַליכעם („שאָלעם־אַליכעם־בוך" ז. 218): „נאָר־וואָס איז מיר אײַנגעפאלן א מאָדנע מאכשאָווע: פאר א צווייטער קאָ־

לעקציע העברעיִשע מײַסעס פאַר קינדער זאָלט איר נעמען מײַנע מײַסעלעך פון „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס יינגל", זיי זײַנען פאַר אײַך ווי געוווּנטשן. אַ פּאָר שיק איך אײַך פון זיי דאָ, אין דעם בריוו, נאָך וועל איך אײַך שיקן שפּעטער — איך האָב זיי ניט אונטער דער האַנט. געדרוקט זײַנען פון זיי זיבן, זײַנען וועט 12 אָדער 15. כאַפּט אַ קוק, איר וועט האָבן האַנאָע. ביאַליק וועט אײַנעמען אַ מיסע מעשונע. אַכ, ווען ער זעצט זיי איבער אַף לאָשנקוידעש!" דאָס איז טאַקע געווען אַ „מאָדנע מאַכשאָווע", אײַנרעדן, אַז „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס" זײַנען קינדער־מײַסעס. אַליין רופט זיי שאָלעם־אַלייכעם עטלעכע מאָל אָן „פּעליעטאָנען" (זע „שאָלעם־אַלייכעם־בוך", זז. 130—131, 296), און גראָד ניט בלויז דערפאַר, ווײַל זיי דרוקן זיך „אונטער דעם שטריכ" — און פלוצים גאָר: מײַסעס פאַר קינדער! אַזאַ מאָדנע מאַכשאָווע האָט שאָלעם־אַלייכעמען געקאָנט אײַנפאַלן נאָר אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַן רעאַקציאָנערער ציאָניסטישער כעפּציע, אַז זײַנע ווערק זאָלן איבערגעזעצט ווערן אַף העברעיִש. וואָרעם טאַקע — אויב אַפילע קינדער דאַרפן האָבן גראָד העברעיִש — איז פאַרוואָס ניט אויך „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס"?

אינעמעסן איז דאָס בוך סײַ פון אָנהייב און סײַ שפּעטער ניט פאַרטראַכט, ניט געשריבן און אויך ניט באַשטימט געוואָרן פאַר קינדער. ס'איז אויך לויט זײַן טאָך גאָרניט צוטריטלעך געווען פאַר קינדער. ניט די טעמע, ניט דער מיין פונעם בוך, ניט די פאַקטן און בילדער, ניט די פאַרשיידענע כיינדלעך, אַנעקדאָטן, פײַנקײַטן און איראָניעס. דאָס אַלץ זעצט פאָרויס אַ זייער דערוואַקסענעם לייענער. ס'איז אַ דערציילונג *קלוימערשט* וועגן קינדער (אינעמעסן געהערן דערוואַקסענע ווי עליע, פּיני אַ. אַנד. ניט ווייניקער ווי קינדער צו די הויפּט־פיגורן) און *קלוימערשט* דערציילט פון אַ קינד. *קלוימערשט*, ווײַל שאָלעם־אַלייכעם באַמיט זיך גאָרניט צו זײַן אין דעם פּראַט איבעריק אויסגעהאַלטן. אין מאָטלס נאָמען גיט שאָלעם־אַלייכעם גענוג אָפּט אַזעלכע דעטאַלן און באַאָבאַכטונגען, וואָס וואַקסן ווײַט אַריבער דעם קינדערישן באַנעם. שאָלעם־אַלייכעם פּרוּווט דאָס אַלץ פאַרענטפערן דורכן אָנווײַזן, אַז זײַן מאָטל איז אַ באַזונדערס שטאַרק טאַלאַנטפול קינד. מיר אָבער זײַנען לאַכלוטן ניט מעכויעוו דידאָזיקע ווייניק איבערצײַגנדיקע פאַרענטפערונג אָנצונעמען, ביפּראַט אַז מיר זעען אַזוי דײַטלעך, ווי די מאָסן און מעגלעכקײַטן פון מאָטלס באַנאַבטקײַט ווערן

אזוי אָפּט צעזעצט פון די גאַר גרויסע מאַסן, וואָס שאָלעם־אַליכעמס טאַלאַנט האָט פאַרמאָגט.

וואָס איז שאָלעם־אַליכעמ אויסן מיט דעמ, וואָס ער דערציילט וועגן זייער דערוואַקסענע איניאַנימ דאפקע קלוימערשט דורכן אספּעקט פון א קינד? פאַרוואָס האָט שאָלעם־אַליכעמ געדאַרפט אַרויסזאָגן דורכויס דערוואַקסענע דערפאַרונגען אינ דער פאָרמ פון א סטיליזירונג, וואָס טראָגט א בעקיוונ קינדערשן כאַראַקטער? ס'וועט זײַן א טאָעס צו מיינען, אַז דערמיט איז שאָלעם־אַליכעמ אויסן פאַרצושפּיגלען די פרישקײַט פון די אײַנדרוקן, וואָס דאָס „קינדער־אויג" כאַפּט אוף. אַזא ענטפער ליגט זייער אויבנויפיק און דערקלערט גאָרניט. וואָרעמ: פאַרוואָס האָט ער דידאָזיקע זעלבע „פרישקײַט" ניט געקאָנט געבן אינ זײַנ אייגענעמ נאָמען און פאַרוואָס איז דאָסדאָזיקע מיטל פּאַסיק און בײַטיק געוועז גראָד פאַר דער טעמע עמיגראַציע און ניט אויך פאַר אַנדערע טעמעס, ווו מיר געפינען ניט מער און ניט ווייניקער „פרישקײַט" פון אײַנדרוקן ווי אינ דעמ ווערק?

אַז מיר וועלן זיך גוט אײַנקוקן אינעמ כאַראַקטער פון דער „קינדערשקײַט" אינ „מאָטל פּייסי דעמ כאַזנס", וועלן מיר זעען, אַז דער־דיקער באַשטייט זי אינ דער מאַניר אויסצודריקן קלוימערשט נאַיוו־אומבאַוווסטזיניק „טראַגישע" זאַכן. פון דעמ באַקומט זיך א הומאָריס־טישער עפעקט. דעריקער באַשטייט די „קינדעריישקײַט" אינעמ „פאַרענגערן" און „פאַרשמעלערן" דעמ פאַרנעמ פון די דערציילטע פאַקטן, פון וועלכע עס ווערט אַרויסגעטרייסלט יעדע פּאַרטיפונג פונעמ אינהאַלט. אזוי אַרומ דרייט זיך דער שרײַבער אַרויס פונעמ היסכײַוועס זיך אײַנ־דײַטיק קלאָר אַרויסצוזאָגן וועגנ דעמ זינ און באַטײַט פון די דערציילטע פאַקטן און צו זיי שטעלונג צו נעמען. אזוי אַרומ שאַפט זיך דער שרײַבער די דערלויבעניש גרינג צו שפּרײַזן איבער פאַקטן, וואָס מע וואָלט אַנדערש מיט אַזא „לײַכטקײַט" ניט געקאָנט באַהאַנדלען. דאָס „קינדער־מויל" פאַרשאַפט די מעגלעכקײַט צו באַהאַנדלען באַשטימטע טעמעס אפ אַזא „לײַכטן" אויפן, ווי שאָלעם־אַליכעמ וואָלט דאָס אינ זײַנ אייגענעמ נאָמען בעשומויפן ניט געקאָנט טון. שאָלעמ־אַליכעמ האָט דידאָזיקע טעמע געקאָנט באַהאַנדלען—אַנטשפּרעכנדיק צו זײַנ סאָציאַלן מעהוס,—אָדער סאַנטימענטאַל־„טראַגיש" אָדער „הומאָריסטיש". ער האָט אויסגעקליבן דאָס לעצטע אַלס דאָס פּאַסיקסטע אינ דעמ פאַל, ווײַל די טראַגיק פונעמ קלײַנבירגער פאַרוואַנדלט זיך ביז גאָר גרינג

אינ באנאלישקײַט אונ קאָמיק. דידאָזיקע דערפארונג האָט שאָלעמ־אלײכעמ אלײנ אינ זײַנ שאפנ געגוג אָפט געמאכט. דארפנ אנדערע פונעמ קלײנבירגער לאכנ — לאכט ער בעסער אלײנ פונ זיך, אזוי ארומ פארמינערט זיך זײַנ קאָמיק, אונ זי באקומט גאָר צוריק א „טראגישנ" אויסזענ. אָפענער הומאָר איז אָבער דאָ צוליב די טראגישע פאקטנ ניט מעגלעך געווענ — האָט דעריבער שאָלעמ־אלײכעמס קינסטלער־באוווסטזײַנ זײער צוועקמעסיק צוגעצויגנ אהערצו דאָס „קינדער־מויל".

דער „הומאָריסטישער", לײַכטער, אויב ניט לײַכטזיניקער, צוגאנג צו דער טעמע דארפ דאָ פארענטפערט ווערנ דורכנ „קינדער־מויל", דאָס איז עס, וואָס שאָלעמ־אלײכעמ וויל מיט דערדאָזיקער מאניר אנט־שולדיקנ אונ צודעקנ. די פאקטנ ווערנ געוויזנ בא דער אראָפּגעשרויפ־טער שײַנ פונ קינדערשנ אספעקט, קעדײ אזוי ארומ אײַנצוהילנ די אידעאָלאָגישע הילפלאָזיקײַט, וואקלדיקײַט אונ דעזאָריענטירטקײַט אונ אײַנצוהאלטנ בא אלדעמ א לעצט רעשטל פונ אָפּטימיזמ — די אופגאבע, וואָס שאָלעמ־אלײכעמ האָט זיך געשטעלט אינ דעמדאָזיקנ ווערק.

.14

דער זשאנר פונ דער קינדער־מײַסע ביכלאל איז שאָלעמ־אלײכעמענ היימיש. ער איז דאָך א מײַסטער פונ קלײנבירגערלעכע מײַסעס פאר אונ פונ קינדער. דידאָזיקע געניטקײַט איז שאָלעמ־אלײכעמענ גוט צונוצ געקומענ דאָ, בא דער קלוימערשטער קינדער־מײַסע. גרויסע הומאָריסטנ האָבנ זײער אָפט געמאָלט זײערע שידלערונגענ אינעמ אספעקט פונ א קינד. אפאָנעמ, אז דאָס איז אײנער פונ די כאראקטער־שטריכנ פונ די קלײנבירגערלעכע הומאָריסטנ. אכוצ אלעמ אנטשפרעכט דאָס צו זײער סאנטימענטאל־מישפּאָכעדיקנ צוגאנג אונ באנעמ, אפילע ווענ זײ דארפנ באקלאָגנ די סיטואציע פונ זײער קלאס. אומצופרידנקײַט אונ טרויער זײַנענ בא זײ געווײנטלעך שטארק פארבונדנ מיט אויסדרוקנ פונ מיש־פּאָכעדיקער סאנטימענטאליטעט 1). דער העכסטער אויסדרוק פונ „ראכמאָ־נעס צו דער מישפּאָכע" פארשפּיצט זיך בא זײ אינעמ „ראכמאָנעס צומ קינד". דאָס איז, אגעוו, דער אינעווײניקסטער באטײַט פונ דער „נאיווער",

1) דער קלײנבירגער איז גענויגט צו זעענ אינ דער מישפּאָכע די הויפּט־באזע אונ דאָס וויכטיקסטע קעמערל פונ דער געזעלשאפט, אז ווענלכער עס בויענ זיך אלע איבעריקע סאָציאל־עקאָנאָמישע פּאָליטישע אונ אידעאָלאָגישע דערשײַנונגענ. אויב שאָלעמ־אלײכעמ וויל אינ „סענדער בלאנק" אונ „יאקנעהאָז" קריטיקירנ א באשטימטנ שיכט — אונ דידאָ־זיקע צווײ ווערק געהערנ דאָך צו זײַנע סאמע „שארפסטע" געזעלשאפט-קריטיקנ — טוט

„הומאַנער" קליינבירגערלעכער פאָרמולירונג וועגנ דעמ „יאָרהונדערט פונעמ קינד". — אַלע דערציילטע פאַקטנ אונ געשילדערטע פיגורנ ווערנ מיט דער הילפ פונ דער קינדערשער „פריזמע" אַרייַנגעצויגנ אינ דער ספערע פונ מישפּאָכעדיקער סאַנטימענטאַליטעט. אַזוי אַרומ דאַרפ אויכ די סאַנטימענטאַליטעט גופע פאַרדעקט אונ פאַרענטפערט ווערנ.

אינ זייַנע בעסטע ווערק רעדט שאָלעמ־אַלייכעמ זעלטנ פונ זיכ־אויס, מיט זייַנ „אייגענער צונג". געוויינטלעכ, לאָזט ער עמעצנ רעדנ אינ יענעמס נוסעכ, אָדער ער סטיליזירט זייַנ אייגענעמ דערצייל־נוסעכ, קויטנ סטיל פונ זייַנער א פיגור. דאָרט, ווו ער פרווט רעדנ אינ דערציילנ אינ זייַנ אייגענעמ נאָמענ, אינ די „יידישע ראָמאַנענ", אינ „מאַבל", „בלאָנדזנדע שטערנ" א. אַנד. פאַלט ער געוויינטלעכ דורכ. דאָס איז אינ די דערמאָנטע ווערק איינע פונ זייערע וויכטיקסטע שוואַכקייַטנ. אינ זייַנ אויפנ רעדנ אונ דערציילנ אַנטפלעקט זיכ דאָ אַזא סאַנטימענטאַליטעט, נאַיווקייַט פונ באַנעמ אונ אפילע באַנאַלישקייַט, אַז דאָס צעשטערט אינ א היפשער מאָס אויכ דעמ ווערט פונ באַשטימטע מער גערעטענע ערטער אינ די דערמאָנטע ווערק.

דער גרויסער קינסטלער פילט מער אָדער ווייניקער באַוווסטזיניק, אַז מיט דעמ, וואָס ער האָט צו זאָגנ, אַז מיט דעמ אויפנ ווי ער באַנעמט אונ דערקלערט די געזעלשאַפטלעכע דערשייַנונגענ, אַז מיט דער אָרעמקייַט אונ וואַקלדיקייַט פונ זייַנ אידעאָלאָגישער קאָנצעפציע טאָר ער זיכ ניט אַליינ אַרויסשטעלנ. ער מעג נאָר רעדנ הינטער די פלייצעס פונ זייַנע פיגורנ, פונ זייַנע מענאַכעמ־מענדלס, טעוויעס, מאָטלס א. אַז. וו. זיי מעג ער אויפציִענ, זיי מעג ער לאָזנ רעדנ, מיט זייער לאָשנ אונ לויט זייער באַנעמ. צו די מענאַכעמ-מענדלס אונ טעוויעס וועט מענ קיינ טייַנעס ניט האָבנ. זייַנע פיגורנ ווירקנ דאַנ אינ ערגסטנ פאַל קאָמיש, אָבער ניט דער שרייַבער אונ ניט די אידעאָלאָגיע, וואָס פאַקטיש דריקט ער זי אויס דאַפקע דורכ די רייד פונ זייַנע פיגורנ. אַפ אַזא אופנ שאַפט זיכ די אילוזיע, אַז זייַנ אידעאָלאָגיע שטייט העכער אונ איבער דער אידעאָלאָגיע פונ זייַנע פיגורנ; רעדט ער אָבער

ער דאָס דורכ אַנ אילוסטראַציע פונ זייער אייגנטלעכנ מישפּאָכע־לעבנ אינ ענגסטנ אַטייַט פונ וואָרט. מאַרקוס, דער „פּאָזיטיווער" רעזאָנירער פונ שאָלעמ-אַלייכעמס „יאַקנעהאָז" קאָנצענטרירט זייַנ אָנקלאָג אינ די ווערטער: „ווו איז ער, דער גלאַנצ פונ אונדזער אומע, אונ־דזער גרעסטע, אונדזער שענסטע אונ עפשער אייַנציקע מייַלע, מיט וועלכער מיר שטאָלצירנ קענענ אַנדערע פעלקער: דאָס יידישע פאַמיליענלעבנ!" (שאָלעמ-אַלייכעמס קורסיוו — מ. וו.).

אליין און אין זייַנע נאָמען, פּאַלט זי, זיכטבאַר פאַר יעדערן, אַראָפּ צום ניוואָ פון יענע.

מיט אַנדערע ווערטער: שאָלעם־אַליכעמס קאָן זיך ניט אופהייבן צו אַן אויספאָרמירטער פאַרגאַנצטער איינהייטלעכער און שטאַנדהאַפטיקער היסטאָרישער קאָנצעפּציע, לויט וועלכער ער זאָל קאָנען באַנעמען און אויסטייַטשן די געשילדערטע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן, דעם מעהוס פון די פאַקטן און די פיגורן. ער לאָזט אין זייַנע ווערק אַנדערע טון און רעדן לויט זייער סטיל און באַנעם און אַפּ זייער אַזוי צו זאָגן אייגענעם אַכרייַעס — אַזוי אַרום וויל ער זיך אליין באַפרייַען פון־נעם אַכרייַעס. אַפילע די געזעלשאַפטלעכע קריטיק, אַפּ וויפל זי איז דאָ, באַקומט זיך טיילווייַז אָן זייַן אַכרייַעס. דערבייַ דאַרפן דאָך די פיגורן אַרויסרופן מיטגעפיל און סאַנטימענטאַליטעט — אָבער ווידער־אַמאָל אַפּ זייער אייגענעם אַכרייַעס. מע איז זיי מויכל די קריטיקירטע פעלערן צוליב זייער קאָמישקייַט. דאָס קאָמישע ווערט אָפּגעשוואַכט דורך די טראַגישע פאַקטן — באַקומט עס זיך אין רעזולטאַט סאַנטימענ־טאַליש. ווען ס׳וואָלט אָבער גערעדט דער אַווטער גופע און אליין פאַרטייַטשט די טראַגיק אין דער שייַן פון זייַן קאָנצעפּציע, וואָלט זיך באַקומען „קאָמיש״, אַפּ גאָר אַן אַנדערן אויפן ווי ער האָט דאָס געוואָלט און גאָר אַקעגן זייַנע קאַוואָנעס. קיין סאַנטימענטאַלע געפילן וואָלט דאָס ניט אַרויסגערופן.

.15

שאָלעם־אַלייכעמס שפּראַך־סטיליזאַציע איז אַ שפּראַך־קאָסטיומירונג, אַ שפּראַך־פאַרשטעלעניש, וואָס דאַרף אָפּוועגדן די אופמערקזאַמקייַט אַוועק פונעם מעכאַבער צום ריידער צו. אויב שרייַבער מיט אַ דייַטלעכ באַוווסטזיניקער, אויסגעפורעמטער און שטאַנדהאַפּטיקער אידעאָלאָגיע האָבן אַמאָל צו קעמפן מיט דער שווערינקייַט, אַז זייער אייגן קאָל זאָל זיך ניט צו גראָב דורכרייַסן דורך די ווערטער פון זייערע פיגורן, איז בא שרייַבער ווי שאָלעם־אַלייכעם די שווערינקייַט אַ פּונקט פאַרקערטע: אַפילע אין זייערע אייגענע ווערטער גופע רייַסט זיך זייער דייַטלעכ דורך דאָס קאָל פון זייערע פיגורן. די שפּראַך־פאַרשטעלעניש נעמט אַראָפּ פונעם שרייַבער דאָס היסכייַוועס אָפּשאַצנדיק שטעלונג צו נעמען. דער לייענער מעג דאַן אליין אָפּשאַצן ווי ער וויל, דער שרייַבער רע־זערווירט זיך די מעגלעכקייַט סייַ צו אַ יאָ, סייַ צו אַ ניין מאַסקים צו

זײַנ. אז מע שמייכלט סטאַמ באַטײַט דאָס דאָכ ניט יאָ אונ ניט ניינ — אָדער פארקערט.

דידאָזיקע שפּראַכ־פאַרשטעלעניש גייט בא שאָלעמ־אַלייכעמענ ניט לויט דער ליניע פונ אינדיווידועלער דיפערענצירונג, ניט לויט אינדיווידועלע כאַראַקטערנ, נאָר לויט גאַנצע סטיל־טיפּנ. פונ דער שפּראַכלעכער כאַראַקטעריזירונג באַקומט זיכ ניט א באַשטימטער פּערזענלעכער כאַראַקטער, נאָר גיכער פאַר אַלצ דער שפּראַכ־כאַראַקטער פונ גאַנצע באַשטימטע סאָציאַלע גרופּעס: פונ מענאַכעמ־מענדלס, פונ טעוויעס, פונ די אַרקאַדי שווייצערס, פונ די פּאָסטערנאַקעס, פונ די קאַסרילעווקער, פונ קאָמי־וואָיאַזשאָרנ א.אז.וו. דער „כאַראַקטער" אינעמ אייגנטימלעכנ באַטײַט פונעמ וואָרט קאָנ לויט שאָלעמ־אַלייכעמס סאָציאַלנ מעהוס, לויט דער טעווע פונ זײַנ באַזע ניט זײַנ קיינ אופגאַבע פונ זײַנ שאַפנ. שאָלעמ־אַלייכעמ איז שוואַכ וואָס שײַעכ כאַראַקטער־שילדערונג, ווי ביכלאַל וואָס שײַעכ אייגנטלעכער „שילדערונג" אונ „מאָלערײַ". ער איז אָבער גוואַלדיק שטאַרק אינעמ שפּראַכ־שילדערנ, אינעמ שילדערנ דעמ רייד־נוסעכ פונ באַשטימטע גרופּעס אינעמ יידישנ קלייַנבירגערטומ. ס'באַקומט זיכ *קלוימערשט*, אז ניט די טעמע איז דעריקער אונ דער שפּראַכ־נוסעכ בלויז א מיטל, נאָר פאַרקערט, די טעמע איז דאָס מיטל, וואָס גיט געלעגנהײַט אויסצופּאַקנ שפּראַכ — דעמ איקער. דאָס אַלצ איז נאָר *קלוימערשט* אַזוי. אַזוי אַרומ באַקומט זיכ דער אײַנדרוק פונ א „שאָטנדיקער" קונסט, אַנ „אומווירקלעכער", פונ א „ווערטער־קונסט", קורצ: די קלוימערשטיקײַט איז דאָ אַנ אויסדרוק פונ א סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע, וואָס אַנטשפּרעכט צו דער אילוזאָרישקײַט אינ דער סיטואַציע פונ דער באַזע, וועלכע קומט דאָ צומ אויסדרוק.

אַזא קלוימערשטיקע ווערטער־קונסט וויל עפּעס אויסבאַהאַלטנ, אונ דעריקער אויסבאַהאַלטנ דעמ פאַקט, אז דאָס, וואָס מע באַהאַלט אויס, איז זייער נעבעכדיק אונ אָרעמ. זי רעדט וויצלדיק אונ אַסאַכ, זי וויל פאַרעדנ די ציינ. נאָר אַזוי אַרומ קאָנ דידאָזיקע קונסט אויספירנ איר פונקציע פונ „מידאַס־האָראַכמימ", פונ „טרייסטנ".

פונ יוגנט אָנ איבט זיכ שאָלעמ־אַלייכעמ אינ דעמדאָזיקנ קלוימערשטנ פּאַראָדירנ די שפּראַכ. נאָכ פונ יענער צײַט, ווענ ער האָט זיכ מיט דובנאָוונ דורכגעשריבנ העברעיִש אינעמ סטיל פונ „מגלה טמירין", ד.ה. אינ א סטיל, וואָס פּאַראָדירט א פּאַראָדיע. פּאַראָדירנ א פּאַראָדיע הייסט אָבער צומ מינוס צוגעבנ א מינוס אונ דעמאָלט באַקומט זיכ דאָכ א

פליוס. דובנאָוו כאַראַקטעריזירט דאָסדאָזיקע שפּיל מיט פּיעטעטפולער וואַטראָגנעס, ווי א נאַרישמאַכעריי, ער האַלט אָבער, אַז שוין דאָ האָט שאָלעם־אַלייכעם צוגעגרייט און געשאַרפט זיין קומענדיקן ליטעראַרישן סטיל. און אין דעַרדאָזיקער באַמערקונג איז דער אַלטער נאַציאָנאַל־פּאַ־שיסט גראָד גערעכט, כאָטש אַביסל אַנדערש ווי ער מיינט. שאָלעם־אַלייכעמס שפּראַך־קינסטלערישקייט אַנטהאַלט אין זיך שטענדיק אַכוץ — און טאַקע צוליב — דער סאַנטימענטאַלישקייט אויך קלוימערשט א אָ טע פון כויזעק, פון פּאַראָדיע, וואָס גיט אים די מעגלעכקייט זיך אַרויסצוהעלפן פון פאַרשיידענע פּאַרלעגנהייטן. ווען מע האָט ניט צו זאָגן עפּעס קלאָרס און איינדייטיקס, פעסט פאָרמירטס און שטאַנדהאַפּ־טיקס, און מע מוז פונדעסטוועגן פאָרט זאָגן און טרייסטן — רעדט מען אָפּט אַסאַך, באַרעדעוודיק און קלוימערשט פּאַראָדיסטיש.

.16

דידאָזיקע טאַטזאַך טאָר ניט פאַרפירן צו דעם טאָעס, אַז שאָלעם־אַלייכעם איז א שרייבער אָן אן אידיי. דאָס וואָלט, פאַרשטייט זיך, געווען דורכויס ניט ריכטיק. אַזא שרייבער איז בּיכלאַל ניט פאַראַן. „די אידיי" קאָן זיין פאַלש, ניט דייטלעך און פעסט אויספאָרמירט, ווייניק אַנטוויקלט, סטירעדיק, צעפלאָסן, מעטושטעש, וואַקלדיק, עקלעק־טיש א.אז.וו. און דאָס איז דאַן אויך אן אויסדרוק פון א באַשטימטער אידעאָלאָגיע. אָבער אַן „אידיי" האָט יעדער שרייבער. אין דעם פּראַט איז שאָלעם־אַלייכעמס גרונט־שטריך ניט באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט ניט געהאַט קיין אידיי, נאָר וואָס ער האָט געהאַט א גאַנצע ריי קליינבירגערלעכע ווידערשפּרעכלעכע געשטוקעוועטע און פאַלשע אידייען, פון וועלכע איינע האָט אונטערגעריסן די אַנדערע; וואָס זיין אידעאָ־לאָגיע איז געווען קליינבירגערלעך, עקלעקטיש, וואַקלדיק, ניט פעסט אויספאָרמירט, אַזוי אַז ער האָט ניט געקאָנט מער אָדער ווייניקער באַוווסטזיניק ניט דערפילן איר „אומהעראָישקייט", איר נעבעכדיקייט, און האָט זי דעריבער פאַרוואַלגערט אין א קופּע רייד. און ווייל זיין אידעאָלאָגיע איז געווען דורכגעדרונגען מיט דער גאַנצער קליינבירגער־לעכער פיליסטערישער באַלעבעסלדיקייט פון זיין סאָציאַלער באַזע, איז דעריבער אַמאָל אַזוי שווער פּינקטלעך צו אידענטיפיצירן זיין אייגנט־לעכן מיין. וואָרעם ס'קומט ניט גרינג אָן צו דערקענען שאָלעם־אַלייכעמס „אידיי" אין מענאַכעם־מענדלס, טעוויעס אָדער מאָטלס ווערטער, ס'לאָזט

זיך אָפּט שווער גלויבן, כאָטש ס'איז אינעמעסן געגן־אָפּט דאפּקע אזוי. פון דעם קאָנען מיר זען, ווי גוט די פאַרמאסקירונג און דער „אָנשטעל" האָבן זיך שאַלעם־אַלייכעמען אײַנגעגעבן — און טאקע עפּעס דרינגען וועגן דער פונקציע פון דערדאָזיקער פאַרמאסקירונג.

אויב מיר ברענגען עטלעכע מאָל אין אונדזער אַרבעט אַרויסזאָגונגען פון זײַנע פאַרשוינען אַלס אַנטשפּרעכנדיק צו זײַן אייגענער מיינונג, ווילן מיר דערמיט לאַכלוטן ניט פאַראַנטוואָרטלעך מאכן שאַלעם־אַלייכעמען פאַר די ווערטער פון זײַנע פאַרשוינען. זיי זײַנען פאַר אונדז אויך [אין] קיין פאַל ניט דער איקער־באַווײַז אָדער ביכלאַל אַ באַווײַז. מיר נעמען בלויז יענע פאַלן, ווו די אַרויסזאָגונגען פון זײַנע פאַרשוינען אַנטשפּרעכן אין טאָך דורכויס — ניט געקוקט אַפּ זייער בעקיוונדיקער אוטאָריטעטקײַט און אַפּ אַנדערע טמימעסדיקע „אָנשטעלן" — צו שאַלעם־אַלייכעמס אייגענע מיינונגען, וועלכע מיר האָבן אַרויסבאַקומען דורך אַן אַלגעמיינעם אַנאַליז פון זײַן שאַפן; דעמאָלט באַנוצן מיר בלויז דידאָזיקע אַרויסזאָגונגען אַלס טרעפלעכע אילוסטרירנדיקע „פאָרמולירונגען".

און דער בעסטער „אָנשטעל" איז טאקע אַ מאָל אַרויסצוזאָגן גראָד די אייגענע מיינונג און זי באַווײַזן אַפּ אַזאַ טמימעסדיק אָפּענעם אויפן — דערבײַ, פאַרשטייט זיך, דורך אַזאַ מין שאַליעך, וועלכן מע קאָן זייער גרינג „דעזאַוווירן", — אַז ס'לאָזט זיך אָפּט אין פּלוג שווער גלויבן, דאָס זאָל זײַן דעם שרײַבערס מ'ינונג גופע. אויב אַזאַ אַרויסזאָגונג אַנטשפּרעכט צו דעם אַלגעמיינעם אידעאָלאָגישן כאַראַקטער פון שאַלעם־אַלייכעמען, טאָרן מיר זי ניט איגנאָרירן בלויז צוליב דעם, וואָס זי איז צו אָפן, צו פּראָסט און וואָס זי ווערט אָפּט אַרויסגעזאָגט דורך אַ ניט זייער מאָסגעבנדיקן „פּערסאָנאַזש". דאָס וואָלט געהייסן „אַרײַנפאַלן" אַפּ אַ שרײַבערישן „טריוק". מיר וועלן זיך דערמאָנען אין שאַלעם־אַלייכעמס אַן אַנעקדאָט. „דער גרעסטער שווינדל, זאָגט מען, איז דער עמעס. איך וועל אײַך דערציילן אַ מײַסע. צוויי ייִדן מעקלערס פאָרן אָפּן באַן קיין שפּאָלע, ביידע צו איין פּאָרעץ און ביידע וועגן איין געשעפט. געוויינטלעך, וויל מען זיך אויסבאַהאלטן איינער פאַר דעם אַנדערן. מײַסע־סאָטן באַגעגנט מען זיך אָבער אין איין וואַגאָן. מיילע, באַגעגנט איז פאַרפאַלן. — „גוט־מאָרגן", „גוט־יאָר". „וווהין פאָרט דאָס אַ ייִד?" „וווהין איך פאָר? קיין שפּאָלע". „אַ ייִד איז דיר קיין קאַטאָוועס ניט: איר זאָגט דאָך מיר בעקיוון, אַז איר פאָרט קיין שפּאָלע, ביכדיי איך זאָל

מיינען, אַז איר פאַרט קיין בויבעריק, איך ווייס דאָך אָבער, אַז איר פאַרט טאַקע קיין שפּאָלע, הייַנט וואָס דרייט איר אַ מויעך?״ („יאַק־נעהאָז״).

פאַראַן באַשטימטע היסטאָרישע סיטואַציעס, ווען גרויסע טיילן פון קלייַנבירגערטום פילן אַן עמעסן שרעק פאַר שאַרף געשטעלטע פּראָבלעמעס. זיי אַנטלויפן און מייַדן זיי אויס. קלאָר און דייַטלעך געשטעלט די פראַגע — וואָלט זי זיי געוויזן זייער עמעסע לאַגע צווישן קאַפּיטאַל און פּראָלעטאַריאַט, און אַ קלאָרע פראַגע צווינגט צו קלאָרע פעסטע ענטפערן, אַנטהאַלט שוין אין אַ באַשטימטער מאָס אַן ענטפער. גרויסע טיילן פונעם קלייַנבירגערטום האָבן דעמאָלט מוירע פאַר אַ קלאָרן ענטפער. זיי לאָזן זיך מער אָדער ווייניקער פּאַסיוו באַשטימען פון די היסטאָרישע פאַקטן, לאָזן זיך שטופּן פון די פאַקטן אַמאָל אַהין, אַמאָל אַהער, פּרוּוון ווי ווייַט מעגלעך ווייך אַרומצובייגן די האַרטע און שאַרפע עקיקע קאַנטן פון דער קלאַסנקעמפערישערווירקלעכקייַט אויף וויפל זי רירט זיי אומיטלבאַר אָן — אָבער זיי באַמיִען זיך אויסצומייַדן און זיך ניט אַרייַנצוטראַכטן ביז צום גרונט פון די דאָזיקע פאַקטן.

אַז ס׳גייט מענאַכעם־מענדלען שלעכט אין איין פאַרנאָסע, נעמט און מוז ער זיך נעמען צו אַן אַנדערער; באַקומט ער אַ זעץ פון איין זייַט, בייגט ער זיך אַריבער אויף דער אַנדערער זייַט. ער שטייט ניט פעסט, ער איז צעשרויפט, צעיאַכמערט, צעוואָרפן, און זייַן לאַגע זעט טאַקע גאָרניט „העראָיִש״ אויס. דאָס ייִדישע באַלעבעסל, וואָס מאַכט אַ לעבן אין אַמעריקע אָדער אין אייראָפּע, וויל זיך ניט שטעלן קיין פּראָבלעמעס, וואָס גייען אַרויס פון די סאַמע שמאָלסטע גרענעצן פון זייַנע אומיטלבאַרע און מאָמענטאַנע אינטערעסן. ער וויל ניט וויסן דעם טיפערן באַטייַט פון זייַן נויט און אָרעמקייַט אין דער „אַלטער היים״ און וועגן דער אומזיכערקייַט פון זייַן איצטיקער „סאָלידערער״ לאַגע. ער וויל זיך ניט טיפער אַרייַנטראַכטן אין דעם אייגנטלעכן באַטייַט פון די פּאָגראָמען, לעמאָשל, וואָס האָבן אַ היפּשן טייל פון זייַן אינערטן קלאַס געגעבן אַ שטויס צו עמיגרירן, ער וויל זיך ניט אַרייַנטראַכטן וועגן זייערע אייגנטלעכע סיבעס און וועגן די אויספירן, וואָס מע דאַרף פון זיי מאַכן. ער וויל ניט קוקן גלייַך און שאַרף אין דער צוקונפט אַרייַן און אויף דעם, וואָס זי מוז און וועט ברענגען פאַר זייַן גאַנצן קלאַס. פון דעם אַלעם אַנטלויפט ער — אין זייַן „היים״ אַרייַן, אין זייַן נאָענטסטער מישפּאָכע אַרייַן, אין דער סאַנטימענטאַליטעט אַרייַן.

אויב ער וויל זיך טרייסטן, פאטערט ער דאָס אלץ אָפּ זיפצנדיק מיט א וויצל, מיט סאנטימענטאלן הומאָר.

דער פארשטעלטער רייד־שטייגער בא שאָלעם־אליייכעמען דארף, ווי דערעכ־קלאל זײַן הומאָר, וואָס בויט זיך פאָרמעל אפ אזא מין פארשטעלעניש, פארבאהאלטן א טיפן טרויער און אומצופרידנקײַט, וואָס זײַנען א רעזולטאט פון דער סאָציאלער דעפרעסיע פון זײַן באזע. אויך דערדאָזיקער „סאָד" האָט געדארפט אויסבאהאלטן ווערן דורך דער מאניר. שאָלעם־אליייכעמס סאָציאלע פונקציע איז געווען „טרייסטן" דעם קליינבירגער און אים געבן מוט. דער לייענער־און הערער־אוילעם האָט פון זײַן וואָרט־הומאָר געלאכט. אָבער

און דאפקע דעמאָלט, ווען דער אוילעם האָט
געלאכט, געקלאטשט (געקוועלט) [1]) און פלעג זיך פרייען,
האָט ער געקרענקט (געוויינט) [1]), דאָס ווייס נאָר גאָט,
בעסאָד, אז קיינער זאָל ניט זעען.

דאָס האָט שאָלעם־אליייכעם אויסגעזאָגט וועגן זיך אין דער אופשריפט, וואָס ער האָט צוגעגרייט פאר זײַן מאצייווע. דאָס איז געווען זײַן „סאָד", וועלכן ער האָט געהאט צו באהאלטן, כאָטש ער האָט ניט קלאָר פארשטאנען די געזעלשאפטלעכע סיבעס פאר זײַן „קרענקען" און „וויינען". דער הומאָר און זײַנע וויצלדיק כויזעקל האָבן מיט זייער קלוימערשטער סקעפסיס געדארפט צודעקן די טיפ־דערפילטע אויטוועגלאָזיקײַט. אנטשפרעכנדיק צו דעם גראד „מוט" און „פעסטקײַט", וואָס שאָלעם־אליייכעמס באזע האָט פארמאָגט, קלעקט דאָ די האָפערדיקײַט אין בעסטן פאל נאָר אפ אזויפיל, אז מע זאָל זיך קנײַפּן די באק די פארב זאָל שטיין, ניט אָפּן צו באווײַזן די פארלאָרנקײַט, און זיך צו וויצלען.

.17

שאָלעם־אליייכעם האָט, געוויינטלעך, ליב צו שארזשירן זײַן באציִונג צו די פארשיידענע געזעלשאפטלעכע פראָבלעמעס פון קליינבירגערטום. עס פעלט אים אפילע די אנטשלאָסנקײַט זיך איבערצוגעבן צו די אמדײַטלעכסטן פאָרמירטע אָנשויונגען אין זײַן אייגענעם קלאס; און אָפט גענוג ניט אזוי די אנטשלאָסנקײַט און דער מוט, נאָר טאקע אויך, און עפשער דעריקער, די באגרענעצטקײַט, וואָס איז דערצו נייטיק. שאָלעם־אליייכעם שארזשירט זײַן באציִונג צו באשטימטע קליינבירגערלעכע גע־

---

1) אין א פריִעריקן ווארִיאנט.

זעלשאפטלעכע אידעאָלאָגיעס, קעדיי זיכ דורכ דעמ לאָזנ א פריַיענ
וועג אפ אָפּצוטרעטנ צוריק, מע זאָל ניט קאָנענ דערקענענ אפ פעסט,
וואָס ער גופע האלט אפ אנ עמעסנ פונ זיי. שאָלעמ־אלייכעמס וועלט־
באנעמ הייבט זיכ אפ אזויפיל ארויס פונ דער באגרענעצטקייט פונ זיינ
באזע, אז ער זאָל זיכ ניט קאָנענ אפ אנ עמעסנ אונ דויערנדיק אי־
בערגעבנ דעמ ציאָניזמ, לעמאָשל (ניט געקוקט אפ זיינע געלעגנטלעכע
אגיטאציע־בראָשורנ). ער האָט זיכ אָבער ניט אפ אזויפיל באפריַיט פונ
זיינ קלאסאָווער באגרענעצטקייט, אז ער האָט געזאָלט באנעמענ אונ
איבערנעמענ די סאָציאליסטישע אידעאָלאָגיע, ניט געקוקט אפ באשטימ־
טע זשעסטנ פונ ווילגענויגטקייט אונ מיטגעפיל צומ ארבעטער.

שאָלעמ־אלייכעמס אידעאָלאָגיע איז זייער א „ברייטע”. אירע טכור־
מענ ציִענ זיכ „טאָלעראנט” פונ דער רעאקציאָנערסטער בורזשואזיִע ביז
צומ קעמפערישנ פראָלעטאריאט. דערדאָזיקער ברייטהארציקער „עקלעק־
טיציזמ” אונ דידאָזיקע מעטושטעשקייט זייַנענ דאָכ טאקע כאראקטע־
ריסטיש פאר דעמ שיכט קלייַנבירגערטומ, וועלכנ שאָלעמ־אלייכעמ
דריקט אויס אינ זיינ שאפנ. דורכ שאָלעמ־אלייכעמס רייד־הומאָר דארפ
אויכ דערדאָזיקער פאקט פארטושירט ווערנ. קוימ ווערט ארויסגעזאָגט
א „מיינ”, ווערט ער צוריק אָפּגעמעקט דורכ דער וויצלדיקער פאָרמ.
נאָר אזוי ארומ האָט שאָלעמ־אלייכעמ, בא דער געגעבענער לאגע, גע־
קאָנט בלייבנ א „טרייסטער” פונ זיינ קלאס, נאָר אזוי ארומ האָט ער
געקאָנט קינסטלעריש רעאליזירנ זיינ סאָציאלע פונקציִע, וועלכע ער
האָט שוינ דאפקע מיט גרויסער באוווסטזיניקייט געפילט אונ אויסגעפירט.

.18

שאָלעמ־אלייכעמס „ליריזמ” האָט אינ זיכ א היפשע דאָזע סאנטי־
מענטאליטעט. עכטע קלייַנבירגערלעכע סאנטימענטאליטעט. דער נעגא־
טיווער איינדרוק, וואָס קאָנ זיכ באקומענ פונ דעמדאָזיקנ סאָציאל־פסי־
כאָלאָגישנ כאראקטער־שטריכ, דארפ אויכ געמילדערט ווערנ דורכ רייד־
הומאָר. דורכ א וויצל ווערט זיסלעכע סאנטימענטאליטעט אמבעסטנ
„פארטושירט” אונ „אויסגעגליכנ”.

די צייט, ווענ דעמ קלייַנבירגערס סאנטימענטאליטעט האָט געמעגט
דירעקט אונ איינדייטיק קומענ צומ וואָרט, איז שוינ לאנג פארביי. זי
האָט זיכ נאָכ בלויז אינ בעסטנ פאל געקאָנט באהאלטנ אינ די קנייטש־
לעכ אונ פעלבלעכ פונ דער שפראכ. דידאָזיקע סאנטימענטאליטעט

דארפ ראכמאָנעסדיק פארהיטנ די לעכערלעכע הויקערס פונעמ קליינ־בירגער, זי דארפ אויספויעלנ פאר אימ „ראכמימ". זי דארפ דאָס קלוימערשט־דעמאסקירטע — אנטשולדיקנ.

שאָלעמ־אלייכעמ איז — זײַנ שאפנ אינ אלגעמיינ באטראכט, ד. ה. אכוצ זײַנ פריִיקנ פעריאָד — ניט קיינ געזעלשאפט־קריטיקער אינ אייגנטלעכנ באטײַט פונ וואָרט, ער קריטיקירט ניט די קעג־נערישע קלאסנ אונ ניט דעמ קליינבירגער, נאָר ער אנטשולדיקט אימ. אונ ווי גוטע אדוואָקאטנ אינ זייערע פארטיידיקונגענ, ברענגט ער קוי־דעמקאָל די טײַנעס, וואָס מע קאָנ האָבנ צומ קליינבירגער, קעדיי זיי דורכ פארשײדענע קינסטלערישע מיטלענ, טאקע דורכ דעמ אויפנ ווי ער ברענגט זיי פאָר — אָפצווישנ.

ער פרוווט זיכ אמאָל אויכ צו גײנ אפנ וועג פונ דירעקטער איינ־דײַטיקער סאנטימענטאלישקײַט — דאָרט, ווו ער טרעט ארויס דירעקט דערציילנדיק, ניט דורכנ מויל פונ א פיגור זײַנער, לעמאָשל, אינ א טייל פונ זײַנע ניט־געלונגענע ראָמאנענ. אינ אלע דאָזיקע פאלנ איז ער אָבער וואָס שײַעכ דער סאנטימענטאליטעט טאקע אויכ גרינטלעכ דורכגעפאלנ. זי האָט זיכ באקומענ זיסלעכ אונ באנאל. אמבעסטנ דער־גרייכט ער אויכ אינ דעמ פראט זײַנ ציל, ווענ ער גייט אפנ וועג פונ „אנטוואָפענענ דעמ קעגנער דורכ א וויצ".

די סאנטימענטאלישקײַט איז דאָ דעריקער אויסנ ארויסצורופנ וואט־ראָנעס צו די שוואכקײַטנ אונ פעלערנ פונ דעמ קלאס, וועלכנ מע שטעלט פאָר. די קלוימערשטע „קריטיק", וואָס מע קאָנ זענ אינ דער אָפטמאָל איבערגעטריבענער שארזשירונג, האָט דאָ אינעמעסנ א „סאנ־טימענטאלע" פונקציע: אויסצוכאפנ דעמ גערעכטנ בייזנ כויזעק פונ א קעגנער. דער „הומאָר" וויל דאָ פארכאפנ דעמ כויזעק, וויל אימ אי־בערשפיצנ ביז צומ אבסורד. דער הומאָר כאפט דאָ פאָרויס דעמ גרי־מאס, קרימט זיכ אליינ נאָכ, איבערטרײַבט ביז צומ גראָטעסק, לאָזט ניט איבער פארנ קעגנער קיינ שומ מעגלעכקײַטנ אפ איבערצויאָגנ דעמ כויזעק — קעדיי דער קעגנער זאָל דעמ גרימאס ניט קאָנענ אויסנוצנ ערנסטער, שארפער, בייזער אונ פילבארער. דער גרימאס ווערט דאנ אויסגעקערעוועט אפ „ליריש", ד. ה. אינ דער סאנטימענטאלישער ריכ־טונג, „מיט ראכמימ". די פעלערנ ווערנ צוליב דעמ שארזשירט ביז איבער אלע גרענעצנ, באקומט זיכ דאנ באמ לייענער די נויטווענדיקײַט דעמ שארזש צו רעדוצירנ ביז צו דער ריכטיקער מאָס. אונ אז ס'איז שוינ

איינמאָל נייטיק צו רעדוצירנ, דארפ שוינ דורכנ אײַנפלוס פונ סאנטי־
מענטאליטעט אלצ אראָפּגענומענ ווערנ. ס'דארפ אזוי ארומ ארויסגערופנ
ווערנ יענע סאנטימענטאלע שטימונג, וואָס איז גענויגט, אויב זי באנעמט
אינ אנ איניִענ אלצ, — אויכ אלצ מויכל צו זײַנ. וואָרעמ טאקע: אויב
דאָס בילד איז אנ איבערגעטריבענער שארוש אונ ס'זײַנענ שוינ דאָ
אינ אימ עלעמענטנ פונ „אויסגעטראכטנ בילבל“ אזוי צו זאָגנ — טאָ
דארפ מענ שוינ, אונטערגעקויפט פונעמ אונטערטעניקנ שמייכל אונ פונ
דער „זעלבסטבאשולדיקונג“, די איבעריקע עמעטע גוואלדיקע כעסרוי־
נעס אויכ אויסמעקנ אונ מויכל זײַנ.

אויב מיר זאָלנ זיכ קאָנקרעט אָפּשטעלנ בלויז אפ „מאָטל פּייסי
דעמ כאזנס“, דארפנ די גראָטעסקנ, וואָס באקומענ זיכ קלוימערשט
פונ מאָטלס קינדערישנ, „ניט ריכטיקנ“ באנעמענ, ארויסרופנ יענעמ
שמייכל, וואָס זאָל וואטראָנעסדיק שטימענ צו די געמאָלטע דעגראדיר־
טע אונ פארקריפּלטע פיגורנ (פּיני, עליע, העריש-לייב דער מעכאניק
א.אז.וו א.אז.וו.) אונ זייערע פעלערנ. זיי דארפנ ארויסרופנ די שטימונג
אפ מויכל זײַנ אונ מיטפילנ. דאָס מיטל פונ „קינדערשער פּערספּעקטיוו“
האָט דאָ, הייסט עס, אפ אזא אויפנ אומדירעקט אויכ די פונקציע פונ
„ראכמימ“.

19.

אינ „מאָטל פּייסי דעמ כאזנס“ קומט צומ אויסדרוק דעמ עמיגראנטס
סאנטימענטאלע באציִונג צו דער „אלטער היימ“, ניט געקוקט אפ זײַנ
אמעריקאנער „פּאטריאָטיזמ“. סאנטימענטאליטעט צו דער אלטער
שטעטלשער היימ איז אָבער ביכלאל כאראקטעריסטיש פאר שאָלעמ־
אלייכעמענ. דאָס אנטשפּרעכט דורכויס צו דער שטימונג פונעמ קליינ־
בירגער, וואָס איז אויסגעוואנדערט אינ דער גרויסער שטאָט, בענעגייע
זײַנ קליינשטעטלדיקער „אלטער היימ“, פונוואנענ ער איז געקומענ.
דאָרט האָט ער געלעבט טאקע אינ דאכקעס, אָבער מיט אזעלכע האָפע־
נונגענ, וועלכע ער האָט שוינ דאָ, אינ דער גרויסער שטאָט, פארלוירנ.
דאָרט האָט ער די סאָציִאלע אונ עקאָנאָמישע לאגע פונ זײַנ קלאס טא־
קע ניט באנומענ; איצט אינ דער גרויסער שטאָט, אָדער גאָר אינ א ניו־
יאָרק, קלויבט ער זיכ אינ איר אויכ ניט פאנאנדער, אָבער אירע גרע־
נעצנ זעט ער שוינ קלאָרער, אונ די פּערספּעקטיוו דריקט אפ זײַנ שטי־
מונג. קומט דעריבער די בענקעניש נאָכ די פראָסטערע געזעלשאפטלעכע

פארהעלטענישן, וועלכע ער האָט לײַכטער געקאָנט איבערבליקן, כאָטש ניט באַנעמען. די צערײַבנדיקע אומראַכמאָנעסדיקע אנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אין אמעריקע שרעקט אים ביז גאָר, באַקומט זיך אין זײַן זיקאָרן די פאַרשטעלונג וועגן דער אַלטער היים מיט איר אָרעמקײַט, באַדערפענישלאָזיקײַט און פּראָסטערע פארהעלטנישן — אידיליש. „פון דײַן בריוו זע איך ארויס, אז ווען מיר האָבן דאָ די קאָנסטיטוציע, וואָס מיר מיינען, באַדאַרפן מיר שוין קיין שום אמעריקע נישט. דעמאָלט האָבן מיר דאָ א בעסער אמעריקע, ווי איר דאָרט... יאַנקל! זאָלסט גאָר קיין יעסורים נישט האָבן, אזא שטיק גאָלד מיר, און אזא מאַקע קרושעוואַנען, וואָס פאר א קאָנסטיטוציע מיר וועלן אימערצעשעם האָבן" (אין „נישטאָ קיין נײַעס"). אזוי לאָזט שאָלעם־אַלייכעם שרײַבן „א שנײַדער פון דעם היים" „צו זײַנעם א פרײַנט אין אמעריקע". אינעמעסן קומט דאָ ווידעראַמאָל צום אויסדרוק, ניט געקוקט אפן וויצלדיקן טאָן, שאָלעם־אַלייכעמס א שטימונג — און דאַפקע פון יאָר 1907, ווען ער איז געווען אין אמעריקע און האָט פון דעם לאַנד באַקומען זייער א שטאַרקן פּאָזיטיוון אײַנדרוק. אין שאָלעם־אַלייכעמס שטימונג איז דאָ, ווי אָפט און געוויינלעך בא שאָלעם־אַלייכעמען, א געטרײַער אָפּהילך פון איינער א שטימונג בא זײַן קלאַסאָוועד באַזע.

דידאָזיקע שטימונג ווערט אָבער געשטערט פון קלאָרע דערמאָנונגען וועגן אומגעוויינלעכער אָרעמקײַט און נויט, וועגן פּאָגראָמען און באַדריקונגען פון צאַרישן רעזשים, מישט זיך ארײַן אין די אידילישע זיכרוינעס א היפּשלעך ביטערער טראָפּן. ווערט דעריבער אינעם סאַכאַקל די באַציִונג צו דער אַלטער היים א צווייִקע, א „געשפּאָלטענע" — און דאָס אַלץ ווערט אמבעסטן אופגעלייזט אין א וויצלדיקן הומאָריסטישן טאָן. אפ אויסצודריקן אזא מין צווייִקע געשפּאָלטענע באַציִונג צו דער „אַלטער היים" אין דער געשיכטע פונעם עמיגראַנט — פון זײַן שטעטלשער יוגנט ביז צו זײַן „אופגאַנג" צום „אָלרײַטניק" — האָט אויך ניט געקאָנט צוגעקליבן ווערן קיין פּאַסיקערער קינסטלעריש מיטל ווי דאָס דערציילן „דורכן קינדער־מויל". מאָטלען קאָן מען לאָזן דערציילן די סאַמע ביטערסטע זאַכן מיט א שמייכל אפן פּאָנעם, אזוי אז ס'זאָל זיך באַקומען אי קאָמיש־וויצלדיק, אי סאַנטימענטאַל־אידיליש, אי טרויעריק, אי סאַרקאַסטיש: קורצ, די באַרימטע „לאַכנדיקע טרער". דער קינדערישער אַספּעקט דערלויבט אלזאָ ערשטנס, דעם אווטער ניט איינדרײַטיק שטעלונג צו נעמען צו די באַהאַנדלטע פיגורן און פאַקטן; צווייטנס,

גיט זי דאָ די בעסטע מעגלעכקײַט אויסצודריקן סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע שטימונגען פון א באשטימטער גרופּע אפן פּאעטיקסטן אופן; דריטנס, מײַדט זי אויס דערמיט די סענטימענטאלע באנאלקײַט, וואָס מאכט קאָמיש, בעיס דאָ ווערט די קאָמיק — טראגיש, דאָס הייסט, זי „אנט־שולדיקט" דורך „ראכמימ"; פערטנס, קאָן טאקע ערשט אזוי ארום די קאָמיק קומען צו איר „טרײַסטנדיקער" ווירקונג, וואָס איז דאָ אײנײנעם מיט „דער פארטײדיקונג" אן איקער פון איר פונקציע.

.20

די אָרט־באגרענעצונג פארווערט אונדז דאָס אלץ אויספירלעך צו איליוס־טרירן מיט קאָנקרעטן און דעטאלישן בײַשפּיל־מאטעריאל. אָבער עטלע־כע דעטאלישע בײַשפּילן וועלן מיר פּאָרט אָנמערקן.

„פון די אלע זאכן, וואָס מיר האָבן אויספארקויפט פון שטוב, האָט מיר קיינע פון זיי ניט צוגעשטעלט אזויפיל פארגעניגן ווי די גלעזערנע שאפע. עמעס, די זילבערנע אטאָרע א.אז.וו." דאָ ווערן דערציילט די סאמע טרויעריקסטע פאקטן וועגן דער עקאָנאָמישער לאגע פונעם פארא־רעמטן און דעקלאסירטן קלײנבירגערטום אינעם קלײנעם שטעטל. דער פארארעמטער קלײנבירגער האלט שוין דערבײַ, אז ער פארקויפט אלץ ארויס פון זײַן שטוב. מאָטלען איז אָבער דערלויבט צו רעדן וועגן דעם מיט קינדערשער נאַיִוקייט ווי וועגן א גרויסן „פארגעניגן". די־דאָזיקע דיספּראָפּאָרץ צווישן דעם אינהאלט פונעם דערציילטן פאקט און צווישן דער פאָרם, דעם אופן ווי ער ווערט דערציילט, ווירקט דאָ דאפּקע קאָמיש, „ביטער" — אָבער קאָמיש. דידאָזיקע קאָמיק דארף פארגלעטן און צודעקן. די צווייִקײַט פון דער שטימונג ווערט צוגעדעקט מיט א וויצל.

פונקט אזוי: ווען מע האָט פארקויפט די שאפע, האָבן זיך באמ ארויסטראָגן באוויזן באשטימטע „טעכנישע שוועריקײַטן". מאָטל דער־ציילט וועגן דעם אזוי: „איין מינוט איז געווען אזעלכע, וואָס איך האָב מוירע געהאט פאר דער שאפע. דאָס הייסט, איך האָב געמיינט, זי בלײַבט בא אונדז". ער האָט „מוירע געהאט"! דעמזעלבן מין בעקיוונ־דיקע, אפּ קאָמיק בארעכנטע דיספּראָפּאָרץ צווישן אינהאלט און פאָרמ קאָנען מיר אויך באמערקן אפילע שוין אין אזא טיטל פון א קאפּיטל ווי: „מיר איז גוט — איך בין א יאָסעמ".

מאָטל דערציילט, ווי די מאמע וויינט, ווײַל מע פארקויפט אלץ ארויס

פון שטוב. דער קראנקער שטארבנדיקער פֿאָטער פרעגט ארויס פון אנדערן צימער, וואָס סע טוט זיך דאָ אייגנטלעך. „גאָרניט, ענטפערט אים די מאמע און ווישט די רויטע אויגן, און די אונטערשטע ליפּ מיט איר גאנצן פּנים טרייסלט זיך אזוי, אז מע דארף זײַן שטארקער פון אײַזן, מע זאָל ניט פּלאצן פאר געלעכטער". און אז אלץ איז שוין ארויספארקויפט געוואָרן פון שטוב און ס'האלט שוין באַם סאמע לעצטן כייפעץ, דערציילט מאָטל: „די בעסטע סימכע פון אלע סימכעס איז געווען בא מיר, אז ס'איז געקומען צו מײַן ברודער עליעס קאנאַ־פּע און צו מײַן בעטל".

א בײַשפּיל פון אן אנדערן מין. די צארישע פּאָגראָמען אין דער צײַט פון דער ערשטער רעוואָליוציע האָבן זייער שטארק אופגערודערט די ייִדישע קלייןבירגערלעכע מאסן אין רוסלאנד און האָבן אויך גע־האט א באשטימטן באטײַט פאר זייער ווײַטערדיקן געשיכטלעכן גורל. דער קלייןבירגער איז אָבער אין אלגעמיין ניט געניגט צו שטעלן די פראגע וועגן די פּאָגראָמען אין צוזאמענהאנג מיט די קלאסאָווע קאמפן אין צארישן רוסלאנד און מאכן פון אזא פראגע־שטעלונג אנט־שפרעכנדיקע אויספירן. ער פארענטפערט זיך דידאַקטישע פראגע אָדער אפן סאמע אויבערפלעכלעכסטן אופן, פאטאליסטיש, מיטן ערשטן בעסטן ענטפער, וואָס קומט אים אונטער דער האנט, אָדער „טיפער", באלע־בעסלדיק־נאציאָנאליסטיש: „פּאָגראָמירט האָבן „גויִים", געליטן האָבן „ייִדן"; דער אויספיר איז: „גויִים" האָבן פײַנט „ייִדן", דארף מען אנטלויפן פון די „גויִים" און זיך אויסזוכן א לאנד, וווּ ס'איז ניטאָ אָדער ווייניק דאָ „גויִים" (פּאלעסטינע), אָדער, וווּ די „גויִים" האָבן די „ייִדן" ניט אזוי שטארק פײַנט (אמעריקע, ענגלאנד א.אז.וו.). דער קלייןבירגער אנטלויפט פון דער פּראָבלעם פונקט אזוי ווי פארן פּאָגראָם גופא, ווײַל א טיפערע שטעלונג פון דער פראגע וואָלט אים געעפנט די אויגן אפן קלאסנקאמפּ אינעם לאנד און אפ דער פּערספּעקטיוו פון זײַן קלאס ביכלאל אין דער גאנצער וועלט. אפ זײַנע באלעבעסלדיק־נאציאָנאליסטישע אויספירן ענטפערט א רעוואָליוציאָנערע פּאָלקלאָר־ליד:

„...צו וואָס טויג אונדז ירושאָלאיִם,
אז מיר זאָלן דאָרט סטראדאיען?
לאָמיר בעסער בלײַבן אין רוסנלאנד,
דעם ארבעטסמאַן צו באפרײַען".

צו דערדאָזיקער איינציק ריכטיקער לייזונג האָט דאָס קליינבירגער־טום ניט געקאָנט קומען. ווײַל עס בעסער וועגן דערדאָזיקער פראגע וואָס ווייניקער „טראכטנ".

אַפ אויסדריקנ אזא באַציִונג צו דער „פּראָבלעם פונ פּאָגראָמענ", וועלכע ניט מע וויל ריכטיק שטעלנ און אוודע ניט ריכטיק לייזנ, איז קיינ זאכ ניט אזוי פּאסיק געווענ ווי לאָזנ צו איר שטעלונג נע־מענ — א קינד. דאָס, וואָס ס'וואָלט בא א דערוואקסענעם אויסגעקומענ מאָדנע — פּאסט פּאָרט בעסער פאר א קינד.

שאָלעמ־אליינכעם גיט ניט אינ זײַנ „מאָטל פּייסי דעמ כאזנס" קיינ שילדערונגענ פונ פּאָגראָמ־בילדער. ער מײַדט אויס שילדערונגענ אַפ דערדאָזיקער טעמע. ער לאָזט בעקיוונ מאָטלענ אונ זײַנע אייגענע אויסוואנדערנ א קורצע צײַט פאר די פּאָגראָמענ (דאָס אנשפרעכט, אגעוו, דער היסטאָרישער ריכטיקײַט אַפ אזויפיל, אז די פּאָגראָמענ האָבנ פאר א באַשטימטער צײַט בלויז פארשטארקט די אויסוואנ־דערונג, בעשומויפנ אָבער ניט — ווי א טייל שרײַבער ווילנ האָבנ — זי ארויסגערופנ). שאָלעמ־אליינכעם קענ ניט אויסמײַדנ וועגנ די פּאָגראָמענ צו דערמאנענ. איז וויאזוי־זשע טוט ער דאָס אינ דעמדאָזיקנ בוכ? געגנוג מערקווירדיק — אַפ אזא אויפנ, „אז מע דארפ זײַנ שטארקער פונ אײַזנ, מע זאָל ניט פּלאצנ פאר געלעכטער". שאָלעמ־אליינכעם שטייט אַפ אזויפיל העכער פונעמ דורכשניט אינ זײַנ קלאס, ער זאָל ניט קאָנענ איבער־צײַגט אונ פולשטענדיק באפרידיקט אָנעמענ אונ שטאנדהאפטיק אויס־דריקנ די געוויינלעכע נאציִאָנאליסטישע אויסטײַטשונג אונ לייזונג, כאָטש אינ אלגעמיינעמ נעמט ער טאקע דידאָזיקע נאציִאָנאליסטישע אויסטײַטשונג אָנ. קיינ אייגענעמ קלאָר־אויספאָרמירטנ שטאנדהאפטיקנ ענטפער אָבער האָט ער דאָ ניט. באקומט זיכ עס בא שאָלעמ־אליינכעמענ אזוי:

„...זיי זײַנענ געווענ, זאָגט ער, אמאָל גרויסע נעגידימ, דאָס הייסט, ניט אמאָל, טאקע אָט דאָ ניט לאנג, פארנ פּאָגראָמ. איכ פרעג אימ, וויאזוי איז דאָס א פּאָגראָמ? איכ הער אלצ פונ די עמיגראנטנ, מע זאָגט: „פּאָגראָמ", „פּאָגראָמ", נאָר וואָס דאָס איז — וויים איכ ניט. רופט זיכ אָנ צו מיר קאָפּל:

— א פּאָגראָמ ווייסטו ניט? ע, ביסטו דאָכ גאָר א נאנקעלע! א פּאָגראָמ איז א זאכ, וואָס איז הײַנט אומעטומ. הייבנ הייבט זיכ עס אָנ קימאט פונ גאָרניט, אונ אז עס הייבט זיכ אָנ, ציט זיכ עס אוועק דרײַ טעג...

— וואָס זשע. זאָג איך, איז דאָס? א יאריד?

— וואָסער יאריד? א שיינער יאריד! מע שלאָגט פענצטער! מע ברעכט מעבל! מע טרענט קישנס! פעדערן פליִען, אזויוויי שניי.

— אקעגן וואָס?

— נא דיר גאָר אקעגן וואָס! אקעגן שמערלען! א פאָגראָם איז ניט נאָר אף הײַזער אליין. א פאָגראָם איז אף קלייטן. מע צעשלאָגט אלע קלייטן, און מע ווארפט ארויס פונדאָרטן די סכוירע אף דער גאס, און מע צעטראָגט, און מע צעראבעוועט, און מע צעשיט, און מע באגיסט מיט נאַפט, און מע צינדט אונטער, און מע ברענט.

— גיי שוין, גיי!

— וואָס דען מיינסטו? איך וועל דיר אויסטראכטן? נאָכדעם, אז ס'איז נישטאָ שוין וואָס צו ראבעווען, גייט מען איבער די הײַזער מיט העק, מיט אײַזנס און מיט שטעקנס, און פאָליציע גייט נאָך פון הינטן. מע זינגט און מע פײַפט און מע שרײַט: „איי, רעביאטא, ביי זשידאָוו!“ און מע שלאָגט, מע הארגעט, מע קוילעט, מע שטעכט מיט שפיזן...

— וועמען?

— וואָס הייסט וועמען? יידן!

— פארוואָס?

— נא דיר גאָר פארוואָס! ס'איז דאָך א פאָגראָם!

— און אז א פאָגראָם איז וואָס?

— גיי אוועק, דו ביסט א קעלבל! איך וויל מיט דיר ניט רעדן!

אזוי זאָגט צו מיר קאָפּל, שטופט מיך אָפּ פון זיך און לייגט ארײַן די הענט אין די קעשענעס, ווי א גרויסער". (שאפ"פ־אויסג. זז. 212—214).

דאָ רעדן קלוימערשט קינדער אף א קינדערשן אופן. דאָ איז קלוימערשט זייער „ניט־וויסן" — א קינדערש „ניט־וויסן". מע קאָן אין דעמדאָזיקן „ניט־וויסן" ארויסהערן די „נאציִאָנאלע טײַנע", דעם נאציִאָנאליסטישן אויסטײַטש פון די פאָגראָמען אף א פארבאהאלטענעם אופן. אָבער פאָרט בלײַבט כאראקטעריסטיש, אז שאָלעם־אליכעם וויל זיך דאָ ניט וועגן דעם ד ײַ ט ל ע כ ארויסזאָגן. שאָלעם־אליכעם לאָזט די קינדער ניט וויסן די סיבע פון די פאָגראָמען, ווײַל ער קאָן זיך אליין ניט אנטשליסן צו א פעסטן און אײַנדײַטיקן ענטפער. אנדערע זאכן באאָבאכטן און פארשטייען די קינדער יאָ, כאָטש זיי זײַנען נאָך

קינדער, דאָרט שטערט אים ניט די רעאַליסטישע אויסגעהאַלטנקייט. זי וואָלט אים אויך דאָ ניט געשטערט, ווען ער וואָלט אין דעם פאַל ניט אַליין געווען ה״לפלאָז, פאַרלוירן ז נ וואַקלדיק. העלפט ער זיך אויך דאָ ארויס מיט א „הומאָריסטישער״ שילדערונג פון דעם זייער טרויע־ריקן געשפּרעך. דער פאַקט פון די פּאָגראָמען האָט שאָלעם־אַלייכעמען טיף אופגעטרייסלט, אָבער ניט בלויז קאָפּל ווייסט דאָ ניט קיין ריכטיקן ענטפער, נאָר אויך ניט דער שאַפער פון דערדאָזיקער פיגור, וואָס מיידט אפילע אויס, ווי ווייט מעגלעך, דידאָזיקע טעמע צו באַרירן. שאָלעם־אַלייכעם לאָזט מאָטלען זאָגן: „פריִער, אז איך פלעג הערן מע דערציילט וועגן א „פּאָגראָם״ — האָב איך אָנגעשטעלט מויל און אויערן. היינט, אז איך דערהער דאָס וואָרט „פּאָגראָם״ אנטלויף איך, איך האָב בעסער ליב פריילעכע מייסעס״. שאָלעם־אַלייכעם לאָזט זיך ניט שטערן אין זיינ „טרייסטערישער״ סאָציאַלער פונקציע דורך „אומלייזבאַרע״ פּראָבלעמעס — „אומלייזבאַרע״ דורכן בליק־פּונקט פון דעם קלאַס, וועלכן ער וויל אויסדריקן. פונדאַנען נעמט זיך זיין קינסטלעריש־איי־דעאָלאָגישער שלאָגוואָרט: „איך האָב פיינט טרויעריקע בילדער, מיין מוזע טראָגט ניט קיין שווארצן שלייער אפן פּאָנעם; מיין מוזע איז אן אָרעמע, נאָר א פריילעכע״ („א וויגרישנע בילעט״). דידאָזיקע „פריילעכ־קייט״ איז א דורכויס קלוימערשטע פריילעכקייט.

.21

די סאָציאַלע פונקציע פון שאָלעם־אַלייכעמס קינסטלערישן שאַפן איז: „טרייסטן״ דעם קלאַס, וועלכן ער דריקט אויס. אין זיין קינסט־לערישן שאַפן שפּיגלט זיך אָפּ אזא מיין, אזא קאַוואָנע, אזא ווילן. דאָס הייסט אָבער ניט, אז שאָלעם־אַלייכעמס שטענדיק וויצלדיקער הומאָר איז אן אויסדרוק פון א געהויבענער, מונטערער סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע, אז ער אנטשפּרעכט צו א האָפערדיקער שטימונג פון זיין סאָציאַלער באַזע. דערדאָזיקער הומאָר איז עפּשער ביז צו א געוויסער מאָס טאַקע אויסן מע זאָל באַקומען אזא איינדרוק; אזא איינדרוק אנטשפּרעכט אָבער ניט דער עמעסערווירקלעכקייט, און אים גלוי־ הייסט זיך לאָזן אָפּנאַרן. א קריטישער צוגאַנג דאַרף דאָ זיין באַזונדערס געהיט.

בייזע סאַטירישע געזעלשאַפט־קריטיק, שאַרפּע אָנגרייפנדיקע איראָ־ניע און אפילע ביטערער „גאַלגענ־הומאָר״ (היינע) האָבן אין זיך עלע־

מענטנ פונ סאָציאַלער קעמפערישקייט; אונ אפילע אינ יענע פאלנ, ווענ דער הומאָר באַזירט זיכ אפ א צווייִק־געשפּאָלטענער שטארק סטירעדיקער סאָציאַלער פסיכאָלאָגיע, קאָנ ער פונדעסטוועגנ פּאָרט אינ טאָכ אויסדריקנ א געזונטנ סאָציאַלנ שטרעבנ פונ א קלאס, וואָס פילט, אז די צוקונפט געהער אימ, כאָטש ער געפינט זיכ דערווײַל אינ א געדריקטער לאגע. פאראנ אויכ א מער גוטמוטיקער הומאָר, וואָס קאָנ פּאָרט אנטשפּרעכנ צו א געפּעסטיקטער מונטערער קלאסאָוועך פסיכאָלאָגיע, — אויב זײַנע פײַלנ זײַנענ געווענדט קעגנ קעגנערישע קלאסנ, קעגנ באַשטימטע שיכטנ אינעמ אייגענעמ קלאס באַ אנ אינערלעכנ קלאסאָוונ קאמפּ (אינ דער עלטערער ייִדישער ליטעראטור, לעמאָשל, אינ אקסענפעלדס ווערק) אָדער קעגנ באַשטימטע צײַטווײַליקע, פרעמדע, געיארשנטע שטריכנ אינעמ אייגענעמ קלאס, וואָס קאָנענ דורכ א קלאסנ־באַוווסטזיניקער דערציִונג גרינג אויסגעוואָרצלט ווערנ, ווײַל זיי אנטשפּרעכנ ניט אינ טאָכ צו דער ווירקלעכקײַט פונ דעמ קלאס.

א הומאָר אָבער, וואָס איראָניזירט ניט, וואָס גרײַפט ניט אָנ, וואָס דארפ בלויז פארענטפערנ אונ פארטיידיקנ דעמ קלאס, וועלכנ ער דריקט אויס, א הומאָר, וואָס דארפ מיט א וויצלדיקײַט, אלציינס ווי מײַסטעריש אונ קינסטלעריש דאָס זאָל ניט „אופגעהויבנ” ווערנ, פארעדנ די ציינ אונ „טרייסטנ” — איז שוינ בעשומויפנ נישט קיינ אָפּשפּיגלונג פונ קלאסאָווער האָפערדיקײַט. זייער מעגלעכ, אז דאָס אייגענע וועט מענ דארפנ זאָגנ ניט בלויז וועגנ שאָלעמ־אליייכעמס הומאָר, נאָר אויכ וועגנ אסאכ אנדערע פאלנ פונ שפּראכ־וויצלדיקנ הומאָר, ד. ה. פונ א הומאָר, ווו דאָס קאָמישע ליגט דעריקער ניט אינ די געשעענישנ, פאקטנ, סיטואציעס, פיגורנ אונ זייער שילדערונג, נאָר דעריקער אינ די „רייד”, דורכ וועלכע זיי ווערנ געשילדערט. איכ רעכנ, אז אפילע ביטער־סקעפּטישער הומאָר באַווײַזט מער סאָציאַלע פעסטקײַט איידער דערדאָזיקער מינ לײַכט־וויצלדיקער באַרעדעוודיקער שפּראכ־הומאָר.

אינעמעסנ איז דערדאָזיקער קלוימערשט לײַכט־וויצלדיקער הומאָר אנ אויסדרוק־פאָרמ פונ א רעזיגנירנדיקער, אויסזיכטלאָזער אונ זייער געדריקטער קלאסאָווער שטימונג. זי איז דורכויס ניט פארשיידנ, נאָר בלויז אנ אנדערע זײַט פונ דערזעלבער שטימונג, וואָס ווערט אמאָל אויסגעדריקט דורכ אנ איינדײַטיק טרויעריקנ טראגישנ טאָנ. א פּעסימיסטיש־מעלאנכאָלישער נוסעכ אונ אזא וויצלדיקער שפּראכ־הומאָר

קאָנענ אינ טאָכ אָפּשפּיגלענ די אייגענע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישנ. דער הומאָר שאָלעמ־אַלייכעמס קאָנ פּונקט אזוי אויסדריקנ א טיפּנ סאָציאַלנ פּעסימיזמ, ווי לעמאָשל, די באַשטימטע רעאַליסטיש־ראָמאַנטישע פּעסימיסטישע דערציילונגענ פּערעצעס וועגנ נויט אונ אָרעמקייט (אָדער ווי די אנשפּרעכנדיקע נאָוועלעס רייזענס, נאָמבערגס [1]) א.אז.וו.).

א.נ. טאָכ ווערט אינ ביידע פאַלנ אָפּגעשפּיגלט דיזעלבע סיטואַציע פונעמ צעטומלטנ דעגראַדירנדיקנ קלייני־בירגערטומ. דער כילעק באַשטייט בלויז א״נ דעמ, וואָס שאָלעמ־אַלייכעמ דריקט אויס דידאָזיקע שיכטנ קלייני־בירגערטומ אינ זייער „וואַנדערנדיקנ״ עטאַפּ: פונ שטעטל אינ שטאָט, פונ רוסלאַנד קיינ אַמעריקע, לאָנדאָנ א. אז. וו. פּערעצ זעט דידאָזיקע מאַסע אַלס א פּעסטזיצנדיקע, פאַרגליווערטע אפּ איינ אָרט — קאָנ ער זיכ „העלפנ״ בלויז נאָר דורכ דער ראָמאַנטישער שיינ פונ דער „פאַרגאַנגענהייט״, צו וועלכער ער קומט טאַקע אָנ. שאָלעמ־עלייכעמס באַזע איז אינ א גרויסער מאָס די „וואַנדערנדיקע״ קלייני־בירגער־מאַסע. דאָס גיט אימ פאָרט די מעגלעכקייט פאַר עפּעס א שפּור פונ א ווייטער איליוזיע אינ דער צוקונפט. דאָס דערלאָזט אימ ניט דערפירנ די „טראַגיק״ פונ דער סיטואַציע ביז צומ סאָפּ; עפּעס א שפּעלטל פונ אויסזיכט איז פאָרט אָפּנ, די האָפענונג אפּ דער אויסוואַנדערונג. א קאַלאַמוטנע האָפענונג, א סאָפּעקדיקע, אָבער פאָרט א שטיקל האָפענונג, אפּ וועלכער דער שיכט, וואָס ער דריקט אויס, האַלט זיכ אונ וואַקלט זיכ גענוג לאַנג אהינ אונ אהער. די האָפענונג איז סאָפּעקדיק, ווילצלט מענ זיכ איבער איר, זי לאָזט אָבער ניט אַריינפאַלנ אינ א פולער „טראַגישער״ שטימונג. דעריבער איז די פאָרמ פונ שאָלעמ־אַלייכעמס סאָציאַלער „טרייסט״ — דער איליוזאָריש־ווילצלדיקער רייד־הומאָר; פּונקט ווי בא פּערעצנ — די ראָמאַנטיק פונ דער פאַרגאַנגענהייט.

.22

מיר האָבנ דאָ, הייסט עס, צו טונ בלויז מיט פאַרשיידענע אויסדרוק־פאָרמעס פאַר קימאַט דערזעלבער סאָציאַלער סיטואַציע. ס׳איז

---

1) א גלייכצייכנ צווישנ דעמ סאָציאַלנ פּעסימיזמ בא פּערעצנ, רייזענענ אונ נאָמבערגנ קאָנ מענ אינ אַלגעמיינ נאָר אפּ אַזויפיל שטעלנ, אפּ וויפל ער איז אינ טאָכ אנ אויסדרוק פונ קלייני־בירגערטומ. אכוץ דעמ אָבער מוז מענ דאָ, פאַרשטייט זיכ, דעמ אויסדרוק פונ דער סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע בא יעדנ פונ די דערמאָנטע שרייבער קאָנקרעט אופּדעקנ, דיפערענצירנ אונ דערקלערנ.

ניט קיין וועזנטלעכער כילעק צי מע באַשײַנט אַזאַ סיטואַציע מיט ראָמאַנטישער מעלאַנכאָליע, אָדער אויב מע וויצלט זיך איבער איר ווי שאָלעם־אַליכעם. ביידע אופֿאַנים אַנטהאַלטן אין זיך גענוג אַסאַך פּעסימיזם. און ס׳איז טאַקע פֿאַראַן שרײַבער, וואָס באַנוצן פֿאַרן אויסדרוק פֿון אַן אַנאַלאָגער סאָציאַלער סיטואַציע אין פֿאַרשיידענע ווערק סײַ דעם, סײַ יענעם אופֿן (טשעכאָוו, לעמאָשל).

די האָפֿענונג פֿון באַשטימטע שיכטן פֿאַראָרעמטע און „איבערוואַנדערנדיקע" קליינבירגער ליגט דעריקער אַפֿן וועג פֿון די קליין־ספּעקולאַנטישע, פֿאַרמיטלעריש־מעקלערישע פֿאַרנאָסעס אַרום די „מיליאָנען". די קאַפּצאָנישע קאָמיסיאָנערן, קאָמי־וואָיאַזשאָרן, געשעפֿטן־מעקלערס, אַגענטן פֿאַר לעבנספֿאַרזיכערונג, בירזשע־האָזן, אָט־אָ די אַלע, וואָס זײַנען אויסגעקאָכט אין אַלע ספּעקולאַנטישע קונצן און וואָס זעען די איינציקע מעניע צו ווערן גווירים אין איינע אויגנבליק בלויז אין עם „מאַזל" און אין זייער קאַפּיטאַלאָזיקייט, האַלטן דאָס דערגרייכן מיליאָנען אַ פֿאַר זייער נאָענט אַ פֿאַר זייער ווײַט. זיי זעען, ווי גרינג די „אויסדערוויילטע" געווינען און „פֿאַרדינען". גיך רײַך צו ווערן האַלטן זיי אויך פֿאַר דורכויס מעגלעך. זייערע האָפֿענונגען ווערן געבראָכן דורך סקעפּסיס, די סקעפּסיס ווערט געלייזט אין האָפֿענונג. באַהאַלט זיך דער ערנסט און די געדריקטקייט פֿון זייער סיטואַציע אונטער אַ וויצל. דער אָרעמער צוקוקער באַם קאָרטנשפּיל פֿון רײַכע וויצלט זיך. פֿון אַזאַ מין פּסיכאָלאָגיע בויט זיך דעריקער יענע וויצלערײַ, וואָס ווערט צוגעשריבן אַ באַשטימטן מין „פֿריילעכע קאַפּצנים".

עס איז אָבער קלאָר, אַז אַזאַ צווײדײַטיק וויצלדיקער פּעסימיזם פֿאַרמאָגט פֿאָרט אין זיך מער עלעמענטן פֿון סאָציאַלער „טרייסט" איידער דער איינדײַטיק מעלאַנכאָלישער פּעסימיזם, ווי שטאַרק ער זאָל ניט געמילדערט ווערן דורך ראָמאַנטיק. די אויסזיכטלאָזיקייט איז דאָ פֿאָרט ווייניקער אַבסאָליוט. אַ שפּור פֿון אַן איליוזיע בלײַבט דאָ פֿאָרט נאָך, ווי מענאַכעם־מענדלש זי זאָל ניט זײַן. וואָרעם ס׳האָבן זיך דאָך טאַקע פֿאָרט געטראָפֿן פֿאַלן, ווען מענאַכעם־מענדלס האָבן זיך „אַרופֿגעכאַפּט" און זײַנען געוואָרן באַהערשערס פֿון דער בירזשע, פֿון דער אינדוסטריע און פֿון האַנדל. און דעמאָלט איז דאָך דער אַמאָליקער מענאַכעם־מענדל — געוואָרן אויס מענאַכעם־מענדל. טליעט דאָ נאָך אַ האָפֿענונג, אַ ווײַטע, אַ מאָגערע, אַ איליוזאָרישע און אַפֿילע אַ קאָמישע, אָבער פֿאָרט אַ האָפֿענונג. דידאָזיקע שטימונגען באַקומען אַן

אויסדרוק אין שאָלעם־אַלייכעמס הומאָר. קיינער איז ניט געווען אזא שארפער צעשטערער פון די מענאכעם־מענדלשע אילױזיעס ווי שאָ־לעם־אַלייכעם. אָבער שטענדיק האָט ער זיי ווידער און ווידער צו ביס־לעך צוריק אופגעבויט. אין דעם באשטייט דאָך זיין „ראָמאַנטיק אַפּ פּאָרויס", זיין „סאָציִאַלע טרייסט", זיין „סאָציִאַלע באשטעלונג". דערין ליגט דאָך אויך די סיבע פון זיין אומגעווייינלעכער פּאָפּוליאַריטעט אין די ברייטסטע שיכטן פון קליינבירגערטום [1].

שאָלעם־אַלייכעם צעשטערט מענאכעם־מענדלס אילױזיעס, אָבער גע־ווייינלעך ניט ביזן גרונט, ער בויט זיי צוריק אוף, סקעפּטיש און צוביס־לעך, אָבער פּאָרט. ער צעשטערט זיי ווידער און ווידער, און בויט זיי ווידער און ווידער אוף. און צו דעם אנטשפּרעכט זיין וויצלדיקע האַל־טונג, וואָס קאָן זיין העלפט 90־ער יאָרן ניט מער אויסוואקסן צו א דורכויס קריטישער, צעשטערערישער, אָנגרייפערישער סאטירע, ווייל ער וועט דאָך ווידער טייקעף דארפן צוריק אופבויען. אופבויענדיק די אי־ליוזיעס — טוט ער עס ניט מיט פולן גלויבן און האָפערדיקייט, ווייל ער וועט זיי דאָך באלד דארפן צעשטערן. קאָן ער זיך ניט ארופכאפּן צו א פּארפּעסטיקטן אָפּטימיזם, מוז ער דעריבער סיי דאָס אופבויען, סיי דאָס צעשטערן די אילױזיעס ארויסזאָגן בלויז „אין שפּאס". ער קאָן דעריבער אין דעם פּעריאָד זיינעם ניט אפּ אן ערנסט כויזעק מאכן, נאָר זיך בלויז וויצלען. ער קאָן ניט אפּ אן ערנסט גלויבן און אָנווייזן — נאָר בלויז זיך וויצלען. וועגן די סאמע ערנסטע איניאָנים קאָר ער בלויז „שפּאסן", ווייל ער וויל בלייבן וואקלדיק, ווייל ער וויל זיך מיט גאָרניט בינדן.

.23

דעריבער איז שאָלעם־אַלייכעמס הומאָר — לויט דער פאָרם — אין אזא גרוי־סער מאָס דעריקער א וואָרט־הומאָר, לעהייפּעך צו א הומאָר, וואָס דריקט זיך אויס אין בילדערישן שילדערן פאקטן, זאכן, געשעענישן, סיטואציעס. זיין הומאָר איז גיכער ענלעך צום הומאָר פון א נעסטרוי, פּריץ רויטער און אפילע פון סאפיר (פון וועלכן ער איז אפּ אזויפיל העכער, ווי א גרוי־סער קינסטלער פון א באגרענעצטן ווערטל־זאָגער) איידער צום הומאָר פון א סטערן, דיקענס, גאָנטשאראָוו, גאָטפריד קעלער. דיראָזיקע הומאָ־

[1]) א באזונדערע פראגע איז דער אויפן ווי שאָלעם־אַלייכעמס שאפן איז אויסגע־נוצט געוואָרן דורך דער בורזשואזיע אויך (אפּ פאָרלעזונגען, דורך איבערזעצונגען א.אז.וו.).

ריסטנ לאכנ אויס דעריקער שילדערנדיק, מאָלנדיק פאקטנ, זאכנ, סיטואציעס, געשעענישנ, כאָטש זיי קומענ אָנ אויכ צומ וואָרטלעכנ הומאָר. שאָלעמ־אַלייכעמ שילדערט דעריקער דאָס רעדנ, ער הומאָריזירט דעריקער רעדנדיק, ריכטיקער: לאָזנדיק די פיגורנ רעדנ און ניט אזוי די פאקטנ א. אז. וו.

דער אויפנ רעדנ איז ניט בלויז א מיטל, נאָר אויכ די פריזמע, דורכ וועלכער עס קומט צומ אויסדרוק דאָס קאָמישע אויכ פונ די פאקטנ א. אז. וו. דאָרט, ווו שאָלעמ־אַלייכעמ הערט אופ צו לאָזנ רעדנ, דאָרט הערט אופ אויכ שאָלעמ־אַלייכעמס קויעכ צו קאָמיק. די קאָמישסטע סיטואציע באקומט בא אימ די קאָמישע באפארבונג דעריקער דורכנ אויפנ ווי זי ווערט דערציילט פונ זייַנע פיגורנ אָדער ווי זיי רעאגירנ אפ איר מיט זייערע רייד.

די עקאָנאָמישע פונדירטקייַט פונעמ מענאכעמ־מענדלשנ שיכט איז איליוזאָריש, די גאנצע אטמאָספער פונ דערדאָזיקער סוויווע, איר סאָציאלע פסיכאָלאָגיע און ביכלאל אלע אירע אידעאָלאָגישע אויסדרוקנ ווערנ באשטימט דורכ דערדאָזיקער איליוזאָרישקייַט. בא דעמ שיכט באקומט „דאָס רעדנ", די „בארעדעוודיקייַט" (אינ קעגנזאץ צו „טונ", צו שאפערישער טעטיקייַט און ביכלאל צו רעאליטעט) גאָר א באזונדערנ באטייַט. זייַנ איקער „ארבעט" איז „רעדנ". מיט אלע באלייטדערשייַנונגענ, וואָס געהערנ צומ אינטענסיווג רעדנ און איבערעדנ: מאכנ מיט די הענט, מאכנ איבעריקע טנועס מיט דער שטימ, מיטנ פּאָנעמ, מיטנ גאנצנ קערפער. אינ דער בארעדעוודיקייַט באשטייט זייַנ „קויעכ", זייַנ „ארבעט". זי איז אומפראָדוקטיוו, „אומווירקלעכ", „פאנטאסטיש" און דארפ גיכער פארשטעלנ די „ווירקלעכקייַט" איידער זי אנטפלעקנ. צו דידאָזיקע שטריכנ אינ דער סאָציאלער פסיכאָלאָגיע פונ דעמ שיכט אנטשפרעכנ די כאראקטעריסטישע שטריכנ פונ שאָלעמ־אַלייכעמס דעריקער ווערבאלנ הומאָר. שאָלעמ־אַלייכעמ האָט גענוג אָפט געפרווט ארויסגיינ פונ די גרענעצנ, וואָס זייַנ רייד־הומאָר האָט אימ געשטעלט. געווייגלעכ — אכוץ אויסנאמעס — איז ער דאנ אינ יעדנ פראט דורכגעפאלנ. דידאָזיקע ווערק געהערנ אינ אלגעמיינ ניט צו זייַנע מייַסטער־שאפונגענ. באמ מאָלנ און כאראקטעריזירנ פאקטנ, זאכנ, געשעענישנ, סיטואציעס אָדער גאָר באמ שילדערנ געדאנקענ איז שאָלעמ־אַלייכעמ הילפלאָז און שוואכ. אינ זייַנע „ראָמאנענ" פאלט ער רעגלמעסיק דורכ. ערשט דאָרט, ווו ער לאָזט זייַנע פיגורנ הומאָריסטיש

רעדן, אָדער, ווי ער נעמט אליין איבער דעם טאָן פון זײַנס א פיגור, באקומען זיך אפילו די העכסט „אומווירקלעכע" פאקטן, געשעענישן און סיטואציעס איבערצײַגנדיק און ווירקלעך. ווײַל וואָס שײַכט דעם אידעאָלאָגישן און טעמאטישן אינהאלט — און דאָ מעמיילע אויך פון פאָרם־מעהוס — פון זײַן שאפן וועט ניט זײַן קיין פאראדאָקס צו זאָגן, אז זייער ווירקלעכקײַט באשטייט אין זייער „אומווירקלעכקײַט".

דערמיט קאָן מען דערקלערן שאָלעם־אלייכעמס נעטיָע צו דער דיאלאָגישער און ביכלאל געשפּרעכמעסיקער פאָרם. און אויך די נעטיָע צו זײַן ספּעציפישער שאָלעם־אלייכעמישער „פעליעטאָן"־פאָרם, וואָס איז געוויינלעך אינעמעסן א שמועס אינעם „אונטערגעכאפּטן" טאָן און נוסעך פון זײַנס א פיגור. פונדאנען נעמט זיך, אז אפילו וועגן אזעלכע מײַסטערווערק זײַנע ווי „מאָטל פּייסי דעם כאזנס" קאָן זיך בא אים ארויסכאפּן די באצייכענונג „פעליעטאָן"; און פון דער אנדערער זײַט, אז אפילו זײַנע ווירקלעכע פעליעטאָנען, ווי ער נעמט דירעקט שטעלונג צו טאָג־פראגן, זײַנען אויך ניט געשריבן אין א פערזענלעך־פּריוואטן סטיל, נאָר אין א סטיליזירטן נוסעך, וואָס איז סינטעטיש צונויפגעשטעלט פון פארשיידענע עלעמענטן אינעם רייד־שטייגער פון פארשיידענע זײַנע פיגורן.

פאר זײַן פערזענלעכן באדארף, ד. ה. פאר יענע פאלן, ווי שאָלעם־אלייכעם גופע דארף אין זײַן אייגענעם נאָמען אָדער פון זיך אויס ארויסטרעטן, סײַ אין זײַן שאפן, סײַ אין זײַנע בריוו א. אז. וו., האָט זיך שאָלעם־אלייכעם צורעכט געמאכט א גאנץ באשטימטן באוווסטזיניק סטיליזירטן נוסעך. דערדאָזיקער נוסעך איז אין זײַנע הויפּט־שטריכן ארויסגעוואוקסן פון א קליינשטעטלדיק־ווילייונגערישן, באָהעמיש־„פאָלקסטימלעכן" וויצלדיקן פיגוראָ, צוגעמישט מיט א קאפּ — קלויזני־שער ייִדישלעכקײַט. ער איז א מין סינטעז פון די רייד־שטייגערס בא זײַנע וויכטיקסטע פיגורן פון דעגראדירטן קליינבירגערטום. אונטער דעמדאָזיקן באוווסטזיניק סטיליזירטן נוסעך פארשטעלט זיך שאָלעם־אלייכעם ווי אונטער א שירמע אין אלע פאלן, ווי ער מוז ארויסטרעטן פון זיך־אויס. וועגן די סיבעס האָבן מיר שוין אויספירלעך גערעדט. דערדאָזיקער ס י נ ט ע ט י ז י ר ט ע ר נוסעך כאפּט זיך אמאָל ארײַן אפילו אין יענע ערטער, ווו ער לאָזט רעדן א פיגור מיט אן אויסגעשפּראָכענעם אייגענעם גרופּן־נוסעך, געוויינלעך אין באשטימטע שילדערנדיקע צווישן־מאָמענטן צווישן רייד און רייד, דעריקער אָבער

דאָרט, וווּ די רעדנדיקע פיגור קאָנ לויט איר טעווע ניט האָבנ קיינ געניג שארפ אויסגעפורעמטנ אייגענעם רייד־שטייגער, לעמאָשל: אז מאָטל גיט איבער פעסיס, בראָכעס אָדער פיניעס ווערטער, טוט ער דאָס מיט זייער רייד־שטייגער, אז ער דארפ אָבער אליינ רעדנ אָדער גאָר ארויסזאָגנ „געדאנקענ“, מישט זיכ אָפט אריינ אינ זיינ סטיל אריינ — וואָס האָט אכוצ „קינדערישקייט“ ווייניק אייגענעם כאראקטער — דער דערמאנטער סינטעטיזירטער רייד־נוסעכ שאָלעמ־אליכעמס גופע. אונ אינעמעסנ זיינע געוויינטלעכ טאקע מאָטלס „געפילנ אונ געדאנקענ“ — שאָלעמ־אליכעמס אייגענע געדאנקענ, ניט געקוקט אפ דער טאָפלטער שירמע, אונטער וועלכער זיי האָבנ זיכ דאָ באהאלטנ.

.24

אנטשפרעכנדיק צו דער פונקציע פונ דער רעדעוודיקייט איז אינ איר וויכטיק געווענ ניט בלויז דאָס וואָרט אליינ, נאָר אויכ די אינטאָנאציע אונ מאָדוליאציע פונעמ וואָרט, די טיפישע טנועס אונ זשעסטנ, וואָס באלייטנ עס געוויינלעכ. דאָס וואָרט האָט געדארפט געבנ אנ אָנווייזונג, וויאזוי צו רעפראָדוצירנ דעמ גאנצנ באוועגלעכנ איליוזאָריש־אויסדרוקפולנ, שמייענדיקנ, וויכטיק־טוערישנ רייד־שפיל, אנטשפרעכנדיק צומ כאראקטער פונ דער ווירקלעכקייט, וועלכע ס'האָט באדארפט אָפשפיגלענ. שאָלעמ־אליכעמ האָט טאקע מיט באוווסטזיניקייט אונ גרויס מייסטערשאפט אָט די אלע באלייט־מאָמענטנ פונעמ רעדנ ארייגעפרעסט אינ די ווערטער גופע. ריכטיק באנומענ, גיבנ שוינ די ווערטער גופע אלע אָנווייזונגענ פאר אינטאָנאציע, טנועס פונעמ פאָנעמ אונ זשעסטיקוליאציע פונעמ גאנצנ קערפער. שאָלעמ־אליכעמ בויט אזוי דעמ זאצ, אז פונ די בלויזע רייד זאָל מענ דאָס אלצ שוינ הערנ אונ זעענ.

איכ זאָג: „באוווּסטזיניק“, ווייל שוינ אינ יאָר 1884 שרייבט שאָלעמ־אליכעמ („שאָלעמ־אליכעמ־בוכ“ ז. 326) „אז אונדזער זשארגאָנ האָט אינ זיכ מער שטאָפ צו דער סאטירע (לעצאָנעס) אלס אנדערע שפראכנ; דאמיט האָט ער צו דאנקענ דער טעכניק פונ דער שפראכ; מיט א קנייטשעלע אינ דער זייט, מיט א „מאמר המוסגר“, מיט א נאָמענ, מיט א קליינ שטריכעלע ווערט שוינ די פראזע סאטיריש אונ רופט ארויס א שמייכל באמ לעזער ניט ווילנדיק; אונ ווער שמועסט, אז מע קאָנ נאָכ נאָכמאכנ יעדער מענטשנ מיט זיינ לאָשנ (יעדער ייִד

קימאט האָט זיך זײַן לאָשן) און מיט דער זשעסטיקוליאַציע (מאכן מיט די הענט, מיט די פיס, מיט די פּלייצעס בעשאס רעדן...)" שאָלעם־אַליכעם שרײַבט דאָ צו דער שפּראַך גופא דאָס, וואָס ס'איז געווען זײַן גרויסע קינסטלערישע פעיִקייט, אַכוצדעם פאַרבײַט ער דעם טי־פּישן רייד־נוסעך פון זײַנע פיגורן מיט דער ייִדישער שפּראַך ביכלאַל גענומען. אָבער פון דידאָזיקע זאַצן איז קלאָר צו זען, ווי באַוווסטזי־ניק שאָלעם־אַליכעם איז שוין דעמאָלט צוגעגאַנגען צו דער אויפגאַבע, איבערגעבן אינייִנעם מיטן וואָרט, און נאָר דעריקער דורכן וואָרט, אויך די באַוועגונגען, וואָס באַלייטן דאָס רעדן.

דער רייד־שטייגער דאַרף דאָך בײַ שאָלעם־אַליכעמען געשילדערט ווערן אין זײַן גאַנצן „דראַמאַטישן" פאַרנעם, אויב ער זאָל טאַקע אי־בערגעבן דעם פולן כאַראַקטער פון זײַן אילױזאָרישקײַט. דאָס איז דאָך ניט יענער רייד־אויפן, וואָס איז אויסן איבערצוגעבן „פאַקטן", „ווירקלעכקײַט" מיט א שטרעבן צו זאַכלעכקײַט און אָביעקטיווקײַט. פאַרקערט. דאָרט, ווו אַזאַ רייד־שטייגער קומט פאָר אין ווירקלעכן לעבן, איז ער דאָך אויסן צו פאַרעדן, צו פאַרשטעלן, אויפצובויען אילױזאָרישע „פאַקטן". ער איז אויסן ניט די „ווירקלעכקײַט", דערי־קער שפּילט דאָך דאָ א ראָל דאָס רעדן גופא און זײַן ווירקונג: דאָס איבעררעדן און פאַרעדן. דעריבער זײַנען דאָ באַזונדערס וויכטיק אַלע יענע מאָמענטן, וואָס פאַרשטאַרקן די ווירקונג פונעם רעדן אַלס אַזעלכן: אינטאָנאַציע, טנועס א. אַז. וו. — שאָלעם־אַלײ־כעמס הומאָר באַקומט זיך ניט בלויז פון דער רייד־קאָמיק, נאָר אויך פון די פאַרשיידענע באַלייט־מאָמענטן, וואָס ווערן אַסאָציִירט בעשאַס מע לייענט די רייד פון זײַנע פיגורן.

דעריבער באַקומען שאָלעם־אַליכעמס מײַסטערווערק זייער אייגנ־טלעכע און פולע ווירקונג ניט בײַם שטומען לייענען אין זיך, נאָר ערשט דעמאָלט, ווען מע לייענט זיי הויך, ערשט דעמאָלט אַנטפּלעקט זיך זייער גאַנצער „הומאָר" און „קאָמיק", זייער גאַנצער באַטײַט לויט דער אידעאָלאָגיש־קינסטלערישער קאַוואָנע. אַסאַך מײַסטערישע ערטער באַמערקט מען אַלס אַזעלכע אין זייער גאַנצן פאַרנעם ערשט דעמאָלט, ווען מע לייענט זיי אויפן קאָל.

שאָלעם־אַליכעמס קינסטלערישקײַט ווענדט זיך דאָך ניט אַזוי זייער צו „פאַקטן־פאַנטאַזיע", ווי דעריקער צו דער „וואָרט־פאַנטאַזיע", אויב מע קאָן זיך אַזוי אומפּינקטלעך אויסדריקן (אומפּינקטלעך — ווײַל ביידע

מינים „פאַנטאַזיעס" האָבן א דורכויס קאָנקרעטן אידעאָלאָגישן אינ־האלט). ער שילדערט דעריקער „רייד" און דורכ „רייד" ערשט דעם אינ־האלט, און „רייד" אלס א זעלכע קאָן מען אין זייער פולער סטיל־ספע־ציפישקייט באַנעמען ערשט באַם הויכן לייענען. שאָלעם־אלייכעמס בעסטע ווערק זיינען דעריבער אינ טאָכ „דעקלאַמאַטאַריש" אינ דעם זינען, אז זיי זיינען באַשטימט פאַרגעלייענט צו ווערן, „געשפילט" צו ווערן. פונדאַנען נעמט זיכ שאָלעם־אלייכעמס נעטיקע זיינע ווערק עפּנטלעכ אלס „דעקלאַמאַ־טאָר" פאַרצולייענען. די מאַטעריעלע סיבעס זיינען צוגעקומען אלס א נעבן־רעזולטאַט. די לייענערישע איליוסטראַציע האָט ער געדאַרפט האָבן קעדיי צו דערפירן דעם מייג, דעם אייגנטלעכן אינהאלט פון זיין קינסטלע־רישקייט ביז צום טאָכ. ער האָט דערמיט געוואָלט ווייזן דער פובליקע, וויאַזוי מע דאַרף זיינע ווערק לייענען קעדיי מע זאָל זיי באַנעמען ביז צום גרונט פון זייער אינהאלט. און עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס קיין שום יידישן שרייבערס ווערק זיינען ניט אזויפיל און אָפט הויכ געלייענט געוואָרן (פאַר ענגערע און ברייטערע קרייזן צוהערער), ווי שאָלעם־אלייכעמס. פאַר דער ווירקנדי־קער רעאַליזירונג פון זייער אייגנטלעכן אינהאלט איז דאָס פונקט אזוי נייטיק געווען ווי פאַר א פּיעסע, אז זי זאָל געשפּילט ווערן.

שאָלעם־אלייכעמס בעסטע ווערק זיינען דעריבער א מינ רייד־שפּילן. די „הויכע קאָמעדיע" איז אינ טאָכ א דורכויס געזעלשאַפט־קריטישער זשאַנר. דעריבער איז די „הויכע קאָמעדיע", ניט געקוקט אפ א ריי מער אָדער ווייניקער געלונגענע פּיעסעס און דראַמאַטיזירונגען, ניט געווען שאָלעם־אלייכעמס אייגנטלעכער זשאַנר. זי האָט ניט אנטשפּראָכן צום סאָציאַלן מעהוס פון זיין שאַפן, וואָס האָט געדאַרפט „אנטשולדיקן" און „טרייסטן". דאָ האָט ניט גע־פּאַסט דאָס ארויספירן פיגורן אפ א „הויכער" ערנסטער טעאַטער־טרי־בונע פאַרן „געריכט" פון די מאַסן. דער קינסטלערישער רעאַליזירונג פון דער דראַמאַטיק אינ זיינע דערציילערישע רייד־שפּילן האָט אמ־בעסטן אנטשפּראָכן א געמיטלעכ פאַרלייענען אינ א ענגערן אָדער גאָר ברייטן „מישפּאָכע"־קרייז, אלציינס, צי ער איז באַשטאַנען פון צענ קעפּ אָדער פון פינפ טויזנט קעפּ. דער סאָציאַלער מעהוס פון זיין שאַפן האָט אויכ אינ דער רעפּראָדוצירנדיקער „אופירונג" געקאָנט באַר אזוי אמבעסטן קומען צום פאַסיקסטן אויסדרוק: אינ אנ אָנצוהערע־ניש אפ א שפּיל, וואָס שילדערט — אלס זיין טעמע — א איליוזאָריש „שפּיל".

קיעוו, 2 נאָיאַבער 1931. מ. ווינער.

מאָטל פּייסי דעם חזנס

קסאָווים פון אַ יינגל אַ יאָסעם

ערשטער טייל:

פון דער היים קיין אמעריקע

I

הײַנט איז יאָנטעװ — מע טאָר נישט װײנען!

א.

איך גײ מיט אײַך אין געװעט אַף װיפֿל איר װילט, אַז קײנער אין דער װעלט איז נישט געװען אַזױ צופֿרידן מיטן װאַרעמען ליכטיקן נאָך־פּייסעך, װי איך, פּייסי דעם כאַזנס ייִנגל, מאָטל, און דעם שאָכנס קעלבל, װאָס מע רופֿט דאָס „מעני“ (דאָס האָב איך, מאָטל, דעם א נאָמען געגעבן „מעני“).

בײדע גלײַך האָבן מיר דערפֿילט די ערשטע שטראַלן פֿון דער װאַרעמער זון אינעם ערשטן װאַרעמען נאָך־פּייסעכדיקן טאָג, בײדע גלײַך האָבן מיר דערשמעקט דעם רײעך פֿונעם ערשטן גרינעם גרעזעלע, װאָס קריכט, שפּראָצט אַרױס פֿון דער נאָר־װאָס אָפּגעדעקטער ערד, און בײדע גלײַך זענען מיר אַרױסגעקראָכן פֿונעם פֿינצטערן ענג־שאַפֿט צו מעקאַבל־פּאָנעם זײַן דעם ערשטן זיסן, ליכטיקן, װאַרעמען פֿרילינגס־מאָרגן. איך, פּייסי דעם כאַזנס ייִנגל, מאָטל, בין אַרױס פֿון א טװאַן, פֿון א קאַלטן נאַסלעכן קעלער, װאָס שמעקט מיט זױערטײג און מיט רעפֿועס פֿון דער אַפּטײק; און מעני, דעם שאָכנס קעלבל, האָט מען אַרױסגעלאָזט נאָך פֿון אן ערגערן איפּעש: פֿון א קלײן, פֿינצטער, בלאָטיק, פֿאַרפֿאַסקודיקט שטעלעכל מיט אױסגעקרימטע צע־פֿליקטע װענט, װאָס װינטער בלאָזט אַרײַן אַהין דער שנײ, און זומער שמײַסט אַרײַן דער רעגן.

אַרױסגעכאַפּט זיך אַף גאָטס פֿרײַע ליכטיקע װעלט, האָבן מיר בײדע, איך און מעני, אױס דאַנקבאַרקײַט צו דער נאַטור, זיך גענומען אױסדריקן אונדזער צופֿרידנהײַט. איך, פּייסי דעם כאַזנס ייִנגל, האָב אױפֿגעהױבן בײדע הענט אַרױף, אױפֿגעעפֿנט דאָס מױל און אַרײַנגעצױגן אין זיך די פֿרישע װאַרעמע לופֿט אַזױפֿיל, װיפֿל איך האָב געקאָנט, — און עס האָט זיך מיר אױסגעדאַכט, אַז איך װאַקס אין דער הײך, און עס ציט מיך אַרױף־אַרױף, אין דער טיפֿער־טיפֿער בלױער יאַרמעלקע אַרײַן, דאָרט, װוּ די שיטערע רױכיקע װאָלקנס שװעבן, דאָרט, װוּ די

ווײַסע פֿיגלען טוקן זיך, באַווײַזן זיך און ווערן פֿאַרשווּנדן מיט א קוויטש און מיט א צוויטשער, און עס רײַסט זיך אַרויס פֿון מײַן אָנגעפֿילטער ברוסט, אָן מײַן וויסן, א מין געזאַנג, נאָך שענער ווי יאַנטעוו מיטן טאַטנס באַם אָמעד, א געזאַנג אָן ווערטער, אָן נאָטן, אָן א שום מאָטיוו, א מין נאַטור־געזאַנג פֿון א וואַסערפֿאַל, פֿון יאָגנדיקע כוואַליעס, א מין שיר־השירים[1]), א געטלעכע היספּײַלעס, א הימלישע באַגײַסטערונג: אוי־ווײ, טאַטע! אוי־ווײ, פֿאָטער! אוי־ווײ, לעבעדיקער גאָאָאָאָט!!!

אָט אַזוי האָט אַרויסבאַוויזן זײַן צופֿרידנהײַט מיטן ערשטן פֿרילינגס־טאָג פּײסי דעם כאַזנס ייִנגל. גאַנץ אַנדערש האָט דאָס אויסגעדריקט מעני, דעם שאָכנס קעלבל.

מעני, דעם שאָכנס קעלבל, האָט קודעם אַרײַנגעשטעקט די שוואַר־צע נאַסע מאָרדע אין מיסט אַרײַן, א שאַר געטאָן מיטן פֿאָדערשטן פֿיסל די ערד אונטער זיך אַמאָל דרײַ, פֿאַריסן דעם עק, אויפֿגעשפּרונגען נאָכדעם אויף אַלע פֿיר, און אַרויסגעלאָזט א טומפּיקן „מע!“ דער „מע“ האָט מיר אויסגעוויזן אַזוי קאָמיש, אַז איך האָב מיך געמוזט צעלאַכן און נאָכמאַכן פּונקט דעם אייגענעם „מע“ מיטן זעלביקן נוסעך, וואָס מעני. מעניִן איז דאָס, ווײַזט אויס, געפֿעלן, וואָרעם עס האָט לאַנג נישט גענומען, האָט דאָס קעלבל איבערגעכאַזערט דאָס אייגענע נאָכאַמאָל, מיטן זעלביקן נוסעך און מיטן זעלביקן שפּרונג. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז איך האָב דאָס באַלד נאָכגעטאָן מיט אַלע פּישטשעווקעס, מיטן קאָל און מיטן שפּרונג. אַזוי עטלעכע מאָל: איך א שפּרונג, דאָס קעלבל א שפּרונג; דאָס קעלבל א „מע“, איך א „מע“. ווער ווייסט, ביז וואַנען דאָס שפּיל וואָלט זיך אַזוי געצויגן, ווען נישט א שנײַד פֿון הינטן אין האַלדז אַרײַן פֿון מײַן עלטערן ברודער עליע מיט אַלע זײַנע פֿינף פֿינגער:

— אײַנגעזונקען זאָלסטו ווערן! א באָכערל פֿון קימאַט נײַען יאָר שטעלט זיך אַוועק טאַנצן מיט א קעלבל!... אין שטוב אַרײַן גײ, דו הולטײַ אײנער!... דער טאַטע וועט דיר שוין געבן!...

ב.

בלאָטע! דער טאַטע וועט מיר נישט „געבן“ גאָרנישט. דער טאַטע איז קראַנק. ער דאַווענט שוין נישט פֿאַרן אָמעד פֿון סימכעסטוירע אָן. גאַנצע נעכט הוסט ער. עס גײט צו אונדז דער שוואַרצער דאָקטער, א גראָבער, מיט שוואַרצע וואָנצעס און מיט לאַכנדיקע אויגן — א פֿרײ־

נר דאָקטער. מיכ רופט ער „פופעק" און שנעלט מיר מיט די פינגער אינ בײַכל אריַינ. ער זאָגט אָנ אלעמאָל דער מאמענ, מע זאָל מיכ ניט שטאָפּנ מיט קיינ קארטאָפּליעס, און דעמ קראנקנ זאָל מענ געבנ נאָר בוליאָנ און מילכ, מילכ און בוליאָנ. די מאמע הערט אימ אויס, און אז ער גייט אוועק, באהאלט זי דאָס פּאָנעמ אינ פארטעכ, און די אקסל־עכ טרייסלענ זיכ בא איר... נאָכדעמווישט זי אויס די אויגנ, רופט אָפּ מײַנ ברודער עליע אפּ א זײַט און מע סורעט זיכ שטילערהייט. וואָס זיי רעדנ—וויס איכ ניט. נאָר מיר דאכט, זיי קריגנ זיכ. די מאמע שיקט אימ ערגעצ, ער וויל ניט גיינ. ער זאָגט צו איר:

— איידער אָנקומענ צו זיי, וועל איכ דיר בעסער גיינ אינ דער ערד אריַינ!... איכ וועל בעסער שטארבנ הײַנטיקנ טאָג!...

— בײַס דיר אָפּ די צונג, מעשומעד איינער, וואָס רעדסטו?

אזוי ענטפערט אימ די מאמע שטיל, ציפּעט צונויפ די ציינ, מאכט צו אימ מיט די הענט, איז גרייט אימ דורעס זײַנ [2]. זי ווערט אָבער באלד וויכ און מאכט צו אימ:

— וואָס זאָל איכ טונ, מײַנ זונ, א ראכמאָנעס אפּנ טאטנ... מע מוז דאָכ אימ ראטעווענ!..

— פארקויפט מענ עפּעס,—זאָגט מײַנ ברודער עליע און כאפּט א קוק אפּ דער גלעזערנער שאפּע. און די מאמע קוקט אויכ אפּ דער־זעלבער שאפּע, ווישט די אויגנ און זאָגט שטיל:

— וואָס זאָל איכ פארקויפנ? די נעשאָמע? שוינ נישטאָ וואָס צו פארקויפנ. סײַדנ דיליידיקע שאפּע?

— פארוואָס ניט?—זאָגט איר מײַנ ברודער עליע.

— רעצייעכ!—ענטפערט אימ די מאמע מיט רויטע אויגנ,—פונ־וואנענ האָבנ זיכ צו מיר גענומענ אזעלכע ראָצכימ קינדער?!

די מאמע פײַערט און קאָכט, וויינט זיכ אויס, ווישט אויס די אויגנ און בעט זיכ באלד איבער. אזוי איז געווענ אויכ מיט די ספאָרימ, מיט דער זילבערנער אטאָרע [3] פונעמ טאלעס, מיט די צוויי געגילטע בעכער־לעכ, מיט איר זײַדנ מאלבעש און מיט אלע איבעריקע זאכנ, וואָס זענענ פארקויפט געוואָרנ בא אונדז איינציקווײַז און אלעמאָל אנ אנדער קוינע.

די ספאָרימ האָט אוועקגעקויפט מיכל דער פאקטערעגער, א ייִד מיט א שיטער בערדל, וואָס ער האלט דאָס אינ איינ קראצנ. מײַנ ברודער עליע איז נעבעכ געגאנגענ צו אימ דרײַ מאָל, איידער ער האָט אימ

אראָפּגעבראכט. די מאמע האָט זיך מעכייע געווען, אז זי האָט דערזעען, און באַוויזן אים מיטן פינגער, ער זאָל רעדן שטיל, ביכד דער טאטע זאָל נישט הערן. מיכל האָט פארשטאנען, פאריסן דעם קאָפּ ארויף אפן דער פאָליצע, זיך געקראצט אונטערן בערדל און א זאָג געטאָן:

— אנו, וויַיזט, וואָס האָט איר דאָרטן?

מיט א ווונק האָט מיר די מאמע באַוויזן, איך זאָל ארופּ אפן טיש און דערלאנגען די ספאָרים. צוויי מאָל איבערכאַזערן איז נישט געווען נייטיק. איך בין מיט איין שפרונג ארופּ מיט אזא גדולע, אז איך האָב מיך אויסגעצויגן איבערן טיש און נאָך געכאפּט א צוגאָב פון מיַין ברודער עליע, איך זאָל ניט שפרינגען, ווי א מעשוגענער. מיַין ברודער עליע האָט זיך אליין מאטריַכ געווען אפן טיש און האָט דערלאנגט מיכלען אלע ספאָרים. מיכל האָט מיט איין האנט געבלעטערט די ספאָרים, מיט דער אנדערער זיך געקראצט דאָס בערדל און געזאָגט כעסרוינעס. יעדער סייפער האָט זיַין כיסאָרן: דאָרט איז דער בונד געווען נישט גוט. בא דעם איז דער רוקן שטארק צעגעסן. דאָ איז דער סייפער אליין קיין סייפער ניט. און אז ער האָט שוין גאנץ גוט איבערגעקוקט אלע ספאָרים, מיט אלע בונדן, מיט אלע רוקנס, האָט ער זיך א קראצ געטאָן אין בערדל:

— ס'זאָל זיַין מישנעסן[4], א גאנצער גאנג, וואָלט איך זיי עפשער אוועקגעקויפט.

די מאמע איז געוואָרן טויט ווי די וואנט, און מיַין ברודער עליע איז, פארקערט, געוואָרן רויט ווי פיַיער; ער איז אָנגעפאלן אפן פאקנטרעגער:

— האָט איר דאָך לעכאטכילע געקאָנט זאָגן, אז איר קויפט נאָר מישנעיעסן! וואָס זענט איר געקומען דולן א ספאָדעק און דרייען א מויעך?

— לאָז זיַין שטיל! — בעט זיך בא אים די מאמע, און עס הערט זיך א הייזעריקע שטים פונעם צווייטן אלקער, ווו דער טאטע ליגט:

— ווער איז דאָרטן?

— קיינער ניט! — ענטפערט אים די מאמע און שיקט אָפּ מיַין ברודער עליען צום קראנקן, און אליין האנדלט זי מיט מיכל דעם פאקנטרעגער, פארהאנדלט אים די ספאָרים, אפּאָנעם, פאר זייער ווינציק געלט, וואָרעם אז מיַין ברודער עליע קומט ארויס פונעם טאטנס אלקער און פרעגט זי: „וויפל?“ — שטופט זי אים אָפּ און זאָגט אים: „ס'איז ניט דיַין אייסעק!“... און מיכל כאפּט די ספאָרים גיך־גיך, פאקט זיי איַין אין א זאק ארײַן און מאכט פּלייטע.

ג.

פון די אַלע זאַכן, וואָס מיר האָבן אויספּאַרקויפט פון שטוב, האָט מיר קיינע פון זיי ניט צוגעשטעלט אַזויפיל פאַרגעניגן, ווי די גלעזערנע שאַפע.

עמעס, די זילבערנע אַטאָרע פונעם טאַטנס טאַלעס, אַז מע האָט באַדאַרפט אָפּטרענען, איז אויך געווען פאַר מיר אַ שטיקל יאָנטעוו. קוידעם — דאָס דינגען זיך מיט יאָסל דעם גאָלדשמיד, אַ בלייכער ייִד מיט אַ רויטער פּליאַמע אויפן פּאָנעם. דריי מאָל איז ער אַוועקגעגאַנגען צוריק — און אויסגעפירט האָט ער. נאָכדעם האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אַ פוס איבער אַ פוס צום פענצטער מיטן טאַטנס טאַלעס, אַרויסגענומען אַ קליינ מעסערל מיט אַ געל קלעצל פון הירשנביין, אויסגעבויגן דעם מיטלסטן פינגער און גענומען טרענען די אַטאָרע אַזוי קונציק, אַז ווען איך קאָן אַזוי טרענען אַטאָרעס, וואָלט איך, דאַכט זיך, געווען איינער אַ גליקלעכער! און פונדעסטוועגן, האָט איר באַדאַרפט אָנקוקן דעמאָלט די מאַמע מיינע, וויִאַזוי זי האָט זיך עס אָביסל צעוויינט! אַפילע מיין ברודער עליע, וואָס ער איז שוין אַ באָכער און אַ כאָסן, האָט זיך עפּעס אויך מאָדנע אויסגעבויגן מיטן פּאָנעם צו דער טיר, קלוימערשט געשנייצט די נאָז מיט איין פינגער, פאַרקרימט דאָס פּאָנעם און אַרויסגעלאָזט אַ מאָדנעם קוויטש פונעם האַלדז און געווישט מיט דער פּאָלע די אויגן.

— וואָס איז דאָרטן? — פרעגט דער טאַטע פון זיין קראַנקן אַלקער.

— גאָרניט, — ענטפערט אים די מאַמע אוןווישט די רויטע אויגן, און די אונטערשטע ליפּ מיט איר גאַנצן האַלבן פּאָנעם טרייסלט זיך אַזוי, אַז מע דאַרף זיין שטאַרקער פון אייזן, מע זאָל ניט פּלאַצן פאַר געלעכטער.

נאָר ווי קומט דאָס צו דער גלעזערנער שאַפע?

ערשטנס, וואָס הייסט מע וועט זי צונעמען? מיר האָט זיך טאָמיד געדאַכט, אַז אונדזער גלעזערנע שאַפע איז צוגעוואָקסן מיט דער וואַנט, — וויִאַזוי וועט מען זי נעמען? צווייטנס — ווו וועט די מאַמע פאַרשליסן דאָס ברויט, מיט דער כאַלע, מיט די טעלער, מיט די בלייענע לעפל און גאָפּלען (צוויי זילבערנע לעפל און איין גאָפּל אַ זילבערנעם האָבן מיר געהאַט, האָט זיי די מאַמע שוין לאַנג פאַרקויפט!), און ווו וועלן מיר האַלטן פּייסעך די מאַצע? די געדאַנקען זענען מיר געקומען אויפן קאָפּ, בעשאַס נאָכמען דער סטאָליער איז געשטאַנען און געמאָסטן די־

שאפע מיט זײַנע גרויסנ רויטנ נאָגל פונעם גראָבנ פינגער פונ דער אויסגעשמירטער האנט. ער האָט אלצ געדרונגענ, אז די שאפע וועט נית ארויס פונ דער טיר. א סימענ: אָט האָט איר אײַך די ברייט פונ דער שאפע און אָט האָט איר די טיר — אָסער אויב זי וועט ארויס!

— וויִאזוי־זשע איז זי ארײַנ? — פרעגט אים מײַנ ברודער עליע.

— גיי פרעג זי! — ענטפערט אים נאכמענ מיט קאס. — איכ וויס, וויִאזוי זי איז ארײַנ? מע האָט זי ארײַנגעטראָגנ, איז זי ארײַנ!...

איינ מינוט איז געווענ אזעלכע, וואָס איכ האָב מוירע געהאט פאר דער שאפע. דאָס הייסט, איכ האָב געמיינט, זי בלײַבט בא אונדז. עס האָט אָבער לאנג נישט גענומענ, און נאכמענ דער סטאָליער איז געקומענ מיט זײַנע צוויי באָנים, אויכ סטאָליארעס, און מע האָט געגעבנ א׳נעם אונדזער גלעזערנע שאפע, טאקע נאָר ווי דער רועכ דעם מעלאמעד; פריִער איז געגאנגענ נאכמענ, נאָכדעם ביידע באָנים, הינטנ — איכ. דער פאָטער האָט געקאָמאנדעוועט: „קאָפּל, אָנ א זײַט! מענדל, רעכטס! קאָפּל, נית לויפ! מענדל, האלט!”... איכ האָב זיי געהאָלפנ נאָכטאנצנ די מאמע און מײַנ ברודער עליע האָבנ נית געוואָלט העלפנ. זיי זענענ געשטאנענ, געקוקט אפ דער ליידיקער וואנט, וואָס איז געווענ באדעקט מיט שפינוועבס, און האָבנ געוויינט... אנ אקציע מיט די צוויי — נאָר זיי וויינענ!... פלוצים—טרראכ! סאמע בא דער טיר האָט געפּלאצט דאָס גלאָז, און דער סטאָליער מיט די באָנים האָבנ גענומענ זידלענ זיכ, ארופלייגנ איינס אפ דאָס אנדערע די באָד: „א ריר פונ א בלײַענעם פויגל!” „בערישע פיס!” „דער רועכ כאפט אים אוועק!” „ברעכ דעם קאָפּ, צו׳נ אלדי שווארצע יאָר!”...

— וואָס איז דאָרטנ? — הערט זיכ א הייזעריק קאָל פונעם קראנקנ אלקער.

— גאָרנישט! — ענטפערט די מאמע און ווישט די אויגנ.

ד.

די בעסטע סימכע פונ אלע סימכעס איז געווענ בא מיר, אז ס׳איז געקומענ צו מײַנ ברודער עליעס קאנאפקע און צו מײַנ בעטל. מײַנ ברודער עליעס קאנאפקע איז פריִער געווענ א קאנאפע, וואָס מע פלעגט אפ איר זיצנ. נאָר זינט מײַנ ברודער עליע איז געוואָרנ א כאָסנ און האָט אָנגעהויבנ צו שלאָפנ אפ דער קאנאפע און איכ אפ זײַנ בעטל,

איז די קאנאפּע געוואָרן אַ „קאנאפּקע". אַמאָל, אין די גוטע יאָרן, אַז דער טאטע איז געווען געזונט און געדאַוונט מוסאָפים [5] אין דער קאַצאָ־ווישער קלויז מיט פיר מעשוירערים, האָט די קאנאפּע געהאט אין זיך „שפּרינזינעס". איצט זענען שוין די „שפּרינזינעס" געווען מײַנע. איך האָב פון זיי געמאכט קאָל האמינים פּאָקוסן שעבעוילעם: צעקאַליע־טשעט די הענט, שיר ניט ארויסגענומען זיך אַן אויג, אָנגעטאָן זיי איינמאָל אפן האלדז און געשטאנען אַ מינוט אפ צו דערוואָרגן ווערן. ביז מײַן ברודער עליע האָט מיך גוט אָנגעבוכעט און פארוואָרפן די „שפּרינזינעס" אפן בוידעם און צוגענומען דעם לייטער.

אָפּגעהאנדלט די קאנאפּע מיטן בעטל האָט כאַנע די ייִדענע. איידער כאַנע האָט דאָס מעבל אָפּגעקויפט, האָט זי די מאמע ניט צוגעלאָזט אריינקוקן אינווייניק אין טאָכ אריין: „אָט דאָס, וואָס איר זעט, דאָס קאָנט איר האנדלען; קוקן איז ניטאָ וואָס!" נאָר אַז כאַנע האָט זיך אויסגעדונגען און געגעבן אַן אופגאָב, איז זי צוגעגאנגען צו דער קאַ־נאפּע און צום בעטל, אופגעהויבן דאָס בעטגעוואנט, פּאוואָלינקע ארײַנ־געקוקט אין אַלע פארבאָרגענע ערטער און האָט שטארק געשפּיגן... די מאמע איז געווען בערויגעז פארן שפּײַען, געוואָלט אומקערן דעם אופ־גאָב, האָט זיך ארײַנגעמישט מײַן ברודער עליע:

— געקויפט, איז פארפאלן!

אויסגעבעט אפ דער ערד, האָבן מיר זיך אויסגעצויגן ביידע, איך און מײַן ברודער עליע, ווי די גראפן, צוגעדעקט זיך ביידע מיט איין קאָלדרע (זײַנע האָט מען פארקויפט), און ס'איז מיר געווען זייער אײַנ־גענעם צו הערן פון מײַן עלטערן ברודער, אַז אפ דער ערד צו שלאָפן איז גאָרניט אזוי שלעכט.

איך ווארט אָפּ ביז ער לייענט אָפּ קרישמע און ווערט אנשלאָפן, דעמאָלט נעם איך מיך קאטשען איבער דער גאנצער ערד. פּלאַץ איז הײַנט דאָ, באָרוכאשעם, גענוג. אַ פעלד, אַ פארגעניגן, אַ גאניידן!...

ה.

— וואָס טוט מען ווײַטער?

אזוי זאָגט די מאמע צו מײַן ברודער עליע אין אַ פרימאָרגן און באטראכט מיט אַ געקנייטשטן שטערן די ליידיקע פיר ווענט. איך און מײַן ברודער עליע העלפן איר באקוקן די פיר ווענט. מײַן ברודער עליע קוקט אפ מיר פארזאָרגט און מיט ראכמאָנעס.

— גיי אין דרויסן! — מאכט ער צו מיר שטרענג, — מיר דאַרפן עפּעס רעדן...

אַף איין פוס שפּרינג איך אַרויס אין דרויסן אַרויס — און, פאַרשטייט זיך, גלייך צום שאַכנס קעלבל.

די לעצטע צייט האָט זיך „מעני" געגעבן אַ הייב אַף די פיסלעך, קיין אייַנהאָרע אויסגעוואַקסן, געוואָרן שיין, דאָס שוואַרצע מאָרדעלע כיינעוודיק, די קיילעכיקע אויגן קלוג, מיט פאַרשטאַנד, ווי, לעהאַוודל, אַ מענטש, אַ באַרדאַס, קוקט אַרויס, מע זאָל דעם עפּעס געבן אין מויל אַרייַן, האָט ליב, אַז מע קראַצט דעם מיט צוויי פינגער אונטערן העלדזל.

— שוין? דו האָסט זיך שוין ווידער צונויפגעסקאָמפּאַניעט מיטן קעלבל? קאָנסט זיך גאָרניט צעשיידן מיט דייַן טייַערן כאַווער?

אַזוי זאָגט צו מיר מייַן ברודער עליע שוין אָן קלאַפּעס און נעמט מיך פאַר אַ האַנט און זאָגט, אַז ער גייט מיט מיר צו הערש־בער דעם כאַזן. בײַ הערש־בער דעם כאַזן, זאָגט ער, וועט מיר זייַן גוט. ערשטנס, זאָגט ער, וועל איך האָבן וואָס צו עסן. אינדערהיים איז ניט גוט, זאָגט ער; דער טאַטע, זאָגט ער, איז קראַנק, מע דאַרף אים, זאָגט ער, ראַטעווען. מיר ראַטעווען אים, זאָגט ער, ווי ווייַט מיר קאָנען. און מייַן ברודער עליע צעשפּיליעט די קאַפּאָטע און ווייַזט אַף מיר זייַן זשילעט:

— אָט האָב איך געהאַט אַ זייגער, אַ מאַטאָנע פון מייַן מעכותן, האָב איך אים פאַרקויפט. דער מעכותן זאָל וויסן, וואָלט זיך געטאָן כוישעך! די וועלט וואָלט זיך איבערגעקערט!...

איך דאַנק און לויב גאָט, וואָס זייַן מעכותן ווייסט ניט פונעם זייגער און וואָס די וועלט קערט זיך נאָך ניט איבער. ווײ! ווײ! ווען, כאָלילע, די שאָ זאָל גאָרניט זייַן, עס קערט זיך איבער די וועלט, וואָס וואָלט דעמאָלט זייַן מיט מעניע, מיטן שאַכנס קעלבל? אַ שטומע צונג!...

— אָט זענען מיר געקומען! — מאַכט צו מיר מייַן ברודער עליע, וואָס ווערט צו מיר אַלע מינוט מער צוגעלאָזט און פרייַנטלעך.

הערש־בער דער כאַזן איז אַ ייִד אַ „מענאַגן". דאָס הייסט, ער אַליין קאָן ניט זינגען; ער האָט נעבעך קיין קאָל נישט. אַזוי האָב איך געהערט פון טאַטן. נאָר ער פאַרשטייט נעגינע. און זינגערלעך האָט ער אַ שטיקלעך פּופּצן, און איז אַ בייזער מענטש — סאַקאָנעס! ער פאַרהערט מיך זינגען. איך זאָג אים אַ „מגן אבות"[6] מיט אַ „דריידל". ער גלעט מיך און זאָגט צו מייַן ברודער, אַז איך האָב אַ „סאָפּראַנאָ". מייַן

ברודער זאָגט, אז ניט נאָר א סאָפּראַנאָ, נאָר א סאָפּראַנאָ שעבֿע־סאָפּראַנאָ!... מײַנ ברודער עליע דינגט זיכ מיט אים, נעמט אנ אופּגאָבֿ און זאָגט מיר, אז איכ בלײַבֿ שוינ דאָ, בא רעבֿ הערש־בער דעמ כאַזנ. איכ זאָל אים פֿאָלגנ, זאָגט ער, און איכ זאָל ניט בענקענ!...

אימ איז גרינג צו זאָגנ, איכ זאָל נישט בענקענ! וויאַזוי זאָל איכ ניט בענקענ זומער־לעבנ? די זונ באַקט, דער הימל איז ווי א קרישטאָל, די בלאָטע האָט שוינ לאַנג אויסגעטריקנט. אינ דרויסנ בא אונדז נעבנ שטובֿ ליגנ קלעצער. נישט אונדזערע, דאָס איז יאָסי דעמ נאָגידס קלעצער. ער קלױבט זיכ בויענ א שטובֿ, האָט ער צוגעגרייט קלעצער, האָט ער ניט וווּ זיי אָפּצולייגנ, האָט ער זיי אָפּגעוואָרפֿנ נעבנ אונדז. לאַנג לעבנ זאָל ער, יאָסי דער נאָגיד! וואָרעמ פֿונ די קלעצער קאָנ איכ מיר מאַכנ א „קרעפּאָסט", און צווישנ די קלעצער וואַקסנ שטעכעלקעס מיט קריגעלעכ. די שטעכעלקעס זענענ גוט אָפּ צו שטעכנ, און די קריגעלעכ בלאָזט מענ אָנ און מע טוט זיי א קנאַק אָנ שטערנ — פּלאַצנ זיי.

מיר איז גוט. מענינ, אונדזער שאָכנס קעלבל, איז אויכ גוט. איכ און מעני זענענ די אײנציקע באַלעבאַטימ אָט דאָ, „אינווייניק אינ דרויסנ", און וויאַזוי זאָל איכ ניט בענקענ נאָכ מענינ, אונדזער שאָכנס קעלבל?...

ו.

עס איז שוינ באַלד דרײַ וואָכנ, ווי איכ בינ בא הערש־בער דעמ כאַזנ, און זינגענ זינג איכ קימאַט גאָרניט. איכ האָבֿ אנ אַנדער אַרבעט. איכ טראָג מיכ אַרומ מיט זײַנ דאָבציִנ. דאָבצי איז א קינד א הויקער. קיינ צוויי יאָר אַלט, און פֿונדעסטוועגנ איז זי, קיינ אײַנהאָרע, א שווערינקע, שווערער פֿונ מיר. איכ רײַס מיר אײַנ דאָס געזונט, זי טראָגנדיק. דאָבצי האָט מיכ ליבֿ. זי באַפּט מיכ אַרומ מיט אירע דאַרע הענטלעכ און טשעפּעט זיכ אָנ מיט די דינע פֿינגערלעכ. זי רופֿט מיכ „קיקאָ". וואָס עפּעס „קיקאָ", ווייס איכ ניט. דאָבצי האָט מיכ ליבֿ. לאָזט מיכ ניט שלאָפֿנ גאַנצע נעכט: „קיקאָ, קי"! — דאָס הייסט, איכ זאָל זי וויגנ. דאָבצי האָט מיכ ליבֿ. אז איכ עס, רײַסט זי בא מיר פֿונעמ מויל: „קי־קאָ, פּי!" — דאָס הייסט: געבֿ עס מיר!.. עס ציט מיכ אַהיימ... דאָס עסנ איז דאָ אויכ ניט אײַ־אײַ־אײַ... יאָנטעוו. שוועס אָפּדערנאַכט. עס ווילט זיכ גיינ אינ דרויסנ זענ, ווי דער הימל שפּאַלט זיכ. דאָבצי לאָזט ניט. דאָבצי האָט מיכ ליבֿ: „קיקאָ, קי!" — איכ זאָל זי וויגנ. איכ וויג זי און וויג זי און ווער אַנשלאָפֿנ. און עס קומט צו מיר א גאַסט —

מעני, דעם שטאָפּערקעלבל, קוקט אַפ מיר מיט אויגנ, ווי א באַרדאַס, אונ זאָגט מיר: קום! אונ מיר לאָזנ זיך גייג באַרג־אַראָפּ, צום טײַך. נישט לאַנג געטראַכט, פּאַרקאַטשע איך די הייזלעך: האָפּ! איך בינ שוינ אינ טײַך. איך שווים, אונ מעני שווימט מיר נאָך. אַפ יענער זײַט טײַך איז גוט. ניטאָ קיינ כאַזנ, ניטאָ קיינ דאָבצי, ניטאָ קיינ קראַנקער טאַטע... איך כאַפּ זיך אופּ — ס׳איז נאָר א כאָלעם... אַנטלויפנ! אַנטלויפנ! אַנט־לויפנ! וויאַזוי אַנטלויפט מענ? ווּהינ? אַהיימ, געוויינטלעך. הערש־בער דער כאַזנ איז שוינ אָבער אופּגעשטאַנענ פריִער פונ מיר. ער האָט א גרויסנ קאַמערטאָנ, פּרוּווט אימ מיט די ציינ, טראָגט צו צום אויער. ער הייסט מיר אָנטונ זיך אַפּגיך אונ גיינ מיט אימ אינ שול. מע וועט הײַנט צו מוסעפ זאָגנ „אַנ אויסגעשטעלטע זאַך". אינ שול זע איך מײַנ ברודער עליע. ווי קומט ער אַהער? ער דאַוונט דאָך גאָר בא די קאַ־צאָווימ, דאָרט ווו דער טאַטע איז כאַזנ! וואָס באַטײַט עס?... מײַנ ברודער עליע רעדט עפּעס מיט הערש־בער דעם כאַזנ. הערש־בער דער כאַזנ איז ניט צופרידנ. ער זאָגט:

— גערענק־זשע, לעמאַנעשעמ, טייקעפ נאָכנ עסנ!...

— קומ! וועסט זיך זענ מיטנ טאַטנ! — אַזוי זאָגט צו מיר מײַנ ברודער עליע, אונ מיר גייענ אַהיימ אינצווייענ. ער גייט, אונ איך שפּרינג, איך לויפ, איך פלי.

— האָב צײַט! וואָס פליסטו אַזוי? — זאָגט צו מיר מײַנ ברודער עליע אונ האַלט מיך צו. אימ ווילט זיך, אַפּאָנעמ, מיט מיר אַביסל רעדנ.

— דו ווייסט? דער טאַטע איז קראַנק, זייער־זייער קראַנק!... גאָט ווייסט, וואָס ס׳וועט זײַנ מיט אימ... מע דאַרפ אימ ראַטעווענ, ניטאָ מיט וואָס... קיינער וויל ניט העלפנ... אינ „העקדעש" וויל די מאַמע אימ נישט לאָזנ בעשומויפנ! זי וועט פריִער שטאַרבנ, זאָגט זי, איידער לאָזנ אימ אינ העקדעש!... שאַ, אָט גייט די מאַמע.

ז.

מיט אויסגעשטרעקטע הענט גייט אונדז די מאַמע אַקעגנ, פאַלט מיר אַפּנ האַלדז, אונ איך פיל אַפ מײַנע באַקנ א פרעמדע טרער. מײַנ ברודער עליע גייט צום קראַנקנ טאַטנ, אונ איך מיט דער מאַמענ בלײַבנ שטיינ אינ דרויסנ. מע האָט זיך אונדז אַרומגעשטעלט פונ אַלע זײַטנ: אונ־דזער שאָכנס ווײַב פּעסי די גראָבע, אונ איר טאָכטער מינדל, אונ איר שנור פּערל, אונ נאָך א צוויי ווײַבלעך.

— איר האָט א גאסט אפ שוועס? גאָט ליב אײַך מיט אײַער גאסט!

די מאמע לאָזט אראָפּ די אָנגעשוואָלענע אויגן.

— א גאסט, מישטיינס־געזאָגט, א קינד. געקומען געוואָר ווערן דעם קראנקן טאטן. פּאָרט א קינד...

אזוי זאָגט די מאמע צו דער גאנצער קנופּיע ווײַבער, און צום שאָכנס ווײַב, צו פעסין, זאָגט זי עקסטרע, שטילערהייט, בעשאס פעסי שאָקלט מיטן קאָפּ:

— א שטאָט! עמעצער זאָל זיך אפילע ארומקוקן... דרײַ און צוואנ־ציק יאָר אָפּגעקלאָפּט באם אָמעד... דאָס געזונט אוועקגעלייגט... איך וואָלט אים עפשער ראטעווען—נישטאָ מיט וואָס... אלץ, באָרוכאשעם, פארקויפט... דאָס לעצטע קישעלע... דאָס קינד באשטעלט בא א כאזן... אלץ צוליב אים... אלץ צוליבן קראנקן...

אזוי באקלאָגט זיך די מאמע פאר איר שכיינע פעסי, שטייענדיק אינ דרויסן. איך דריי דעם קאָפּ אפ אלע זײַטן.

—וועמען זוכסטו? — מאכט צו מיר די מאמע.

— וועמען זוכט א קונדעס? דאָס קעלבל מינעסטאם...

אזוי זאָגט פעסי, אונדזער שכיינע, און מאכט צו מיר מיט א מאָדנע פרײַנטשאפט:

— ע, ייִנגעלע! נישטאָ קיין קעלבל! געמוזט פארקויפן דאָס דעם קאצעוו. א ברייריע האָט מען? געוויינ, אז מע דארף האָדעווען איין סקאטינע—נאָך צוויי סקאטינעס טראָגן אפן קאָפּ!...

איז שוין בא איר דאָס קעלבל, דאנקען גאָט, אויך געוואָרן א סקא־טינע?...

א מאָדנע ייִדענע אָט די פעסי. אומעטום שטופּט זי אריין איר נאָז. זי דארף וויסן, צי האָבן מיר א מילכיקע סודע?

— אקעגן וואָס פרעגט איר דאָס? — פרעגט בא איר די מאמע.

— גלאט אזוי! — זאָגט פעסי, הייבט אופ די שאל און שטופּט דער מאמען א טעפּל מיט סמעטענע. די מאמע שטופּט אָפּ דאָס טעפּל מיטביידע הענט.

— גאָט איז מיט אײַך, פעסי! וואָס טוט איר דאָס? וואָס זענען מיר? כאָלילע עפּעס ווייס איך ווער? איר קענט מיך נישט?

— אדעראבע, — פארענטפערט זיך פעסי, — טאקע ווײַל איך קען אײַך. דאָס בעהיימעלע, קיינ אײַנהאָרע ניט, האָט זיך די לעצטע צײַט

פאריכט... פאראן, קיין אײנהאָרע, קעז און פוטער... איך לײג אײך אויס... איר וועט מיר, אימירצעשעם, אָפּגעבן...

און פּעסי די שכײנע רעדט נאָך לאַנג מיט דער מאַמען, און מיר ציט דאָס האַרץ צו די קלעצער, צום קעלבל, צום קעלבל, צום קעלבל!... איך זאָל מיך ניט שעמען, וואָלט איך מיך צעוויינט...

— אַז דער טאַטע וועט דיך פרעגן, זאָלסטו זאָגן: אַדאַנק גאָט!

אַזוי זאָגט מיר אָן די מאַמע, און מײַן ברודער עליע גיט דאָס מיר צו פאַרשטיין אַביסל ברייטער:

— זאָלסט זיך ניט באַקלאָגן, ניט דערציילן קיין פּיזמוינעס, נעכטיקע טעג. זאָלסט נאָר זאָגן: אַדאַנק גאָט. דו הערסט, וואָס מע רעדט צו דיר?

און מײַן ברודער עליע פירט מיך אַרײַן אין קראַנקן כיידער. דער טיש איז אָנגעשטעלט מיט פלעשעלעך, פּודעלעך, באַנקעלעך. סע שמעקט אַפּטייק. דאָס פענצטער איז צוגעמאַכט. לעקאָווער שווועס האָט מען אים צוגעקליבן דעם כיידער מיט גרינס, צוקאָפּנס איבערן בעטל האָט מען אים אויפגעהאַנגען אַ מאָגן־דאָוויד פון „ליובּיסטעק". דאָס איז מײַן ברודער עליעס אַרבעט. אַף דער ערד איז אויסגעשפּרייט שמעקנדיק גראָז. דער טאַטע דערזעט מיך, רופט מיך צו צו זיך מיט אַ לאַנגן דאַרן פינגער. מײַן ברודער עליע שטופּט מיך אונטער. איך גיי צו צום טאַטן. איך האָב אים קוים דערקענט. דאָס פּאָנעם ווי ליים. די גרויע האָר גלאַנצן, שטאַרצן אײנציקווײַז, ווי אַרײַנגעשטרײַכטע, פרעמדע האָר. די שוואַרצע אויגן זיצן טיף, ווי אַרײַנגעפּאַסטע, פרעמדע אויגן. די ציין זעען אויס, ווי אַרײַנגעזעצטע, פרעמדע ציין. דער האַלדז איז אַזוי דין, אַז קוים וואָס דער קאָפּ האַלט זיך אײַנ אַף אים. אַ גליק, וואָס ער קאָן ניט זיצן... מיט די ליפּן מאַכט ער עפּעס מאָדנע, ווי אַ מענטש בעשאַס ער שווימט: מפּפּו!.. ער לייגט אַרויף אַף מײַן פּאָנעם אַ הייסע האַנט מיט ביינעריקע פינגער, דאָס פּאָנעם מאַכט אַ קרומען שמייכל, ווי אַ מעס.

אין דעם קומט אָן די מאַמע. נאָך איר דער דאָקטער, דער פריילעכער שוואַרצער דאָקטער מיט די גרויסע וואָנצעס. ער באַגעגנט מיך, ווי אַן אַלטן גוטן ברודער. ער איז מיך מעכאַבעד מיט אַ שנעל אין בײַכל און מאַכט צום טאַטן פריילעך:

— איר האָט אַ גאַסט אַף שווועס? גאָט ליב אײַך מיט אײַער גאַסט!

— אַדאַנק! — זאָגט די מאַמע און ווינקט צום דאָקטער, ער זאָל באַטראַכטן דעם כוילע און זאָל אים עפּעס פאַרשרײַבן. דער שוואַרצער

דאָקטער עפנט דאָס פענצטער מיט א ראש און ביי‏זערט זיך אפ מײַן ברודער עליע, פאַרוואָס מע האלט דאָס פענצטער צו.

— איך האָב אײַך טויזנט מאָל געזאָגט, אז א פענצטער האָט ליב׳ אז מע האלט אים אָפן!

מײַן ברודער עליע ווינקט אפ דער מאמען, אז דאָס איז די מאמעס שולדיק: זי לאָזט ניט עפענען קיין פענצטער, האָט מורא פארן טאטן, ער זאָל זיך כאָלילע נישט פארקילן. די מאמע ווינקט צום דאָקטער, ער זאָל שוין באטראכטן גיכער דעם כוילע און זאָל אים עפעס פארשרײַבן...

דער שווארצער דאָקטער נעמט ארויס דעם זייגער, א גרויסן גאָלדענעם זייגער. מײַן ברודער עליע קוקט זיך אײַן מיט ביידע אויגן אינעם דאָקטערס זייגער. דער דאָקטער באמערקט דאָס.

— איר ווילט וויסן, ווו האלט דער זייגער? אָן פיר האלב עלף. וויפל איז בא אײַך?

— מײַן זייגער שטייט,—ענטפערט אים מײַן ברודער עליע און ווערט מאָדנע רויט פון דעם שפּיץ נאָז ביז אפ יענער זײַט אויערן.

די מאמע רוט ניט. זי וואָלט געוואָלט, מע זאָל שוין באטראכטן דעם כוילע און אים עפעס פארשרײַבן... דער דאָקטער האָט אָבער צײַט. ער פרעגט זיך אויס בא דער מאמען זײַטיקע איניאָנים: ווען איז מײַן ברודערס כאסענע? און וואָס זאָגט הערש־בער דער כאזן אפ מײַן שטים? בא מיר דארף זײַן, זאָגט ער, א גוטע שטים. א שטים, זאָגט ער, גייט ביערושע. די מאמע עקט זיך! מיטאמאָל טוט זיך דער דאָקטער א דריי־אויס מיטן בענקל צום קראנקן טאטן, נעמט אים אָן בא דער טרוקענער הייסער האנט:

— נו, כאזן, וויאזוי דאוונט מען עפּעס בא אונדז הײַנטיקן שוועס?

— אדאנק גאָט! — ענטפערט אים דער טאטע מיט א שמייכל פון א מעס.

— דעהײַנע? ווינציקער געהוסט? גוט געשלאָפן? — פרעגט אים דער דאָקטער און בייגט זיך אײַן צו אים גאנץ נאָענט.

— ניין! — ענטפערט אים דער טאטע, קוים וואָס ער כאפּט דעם אָטעם. — אדערבעבע... הוסטן הוסט מען... און שלאָפן שלאָפט מען דאפקע ניט... נאָר דאנקען גאָט... ס׳איז שוועס... אזא טאָג... מעקאבל געווען די טוירע... הײַנט א גאסט... א גאסט אפ שוועס...

אלעמענס אויגן קוקן אפן „גאסט״, און דער „גאסט״ קוקט אראָפ אפ דער ערד, און דער קאָפּ איז אים אין דרויסן, ערגעץ בא די קלעצער,

בא די שטעכעלקעס, וואָס שטעכן, בא די קריגעלעך, וואָס קנאַקן, באַם שאָכנס קעלבל דעם בארדאָס, וואָס איז שוין געוואָרן אַ „סקאָטינע״ באַם טײַכל, וואָס רוישט דאָרט באַרג־אַראָפּ, אָדער גאָר אין דער הויכער, ברייטער, טיפער, בלויער יאַרמעלקע, וואָס מע רופט דאָס הימל...

ט.

דאָס ביסל „מילכיקס״, וואָס אונדזער שכיינע, פּעסי די גראָבע האָט אונדז „אויסגעליִען״, איז אונדז, נישקאָשע, צונוץ געקומען. איך און מײַן ברודער עליע האָבן דאָס געמאַכט אַ מילכיקע סודע, געטונקען ביידע פֿון איין שאָל פֿרישע כאַלע אין דער קאַלטער סמעטענע, און ס׳איז טאַקע געווען גאָרנים שלעכט.

„איין כיסאָרן, וואָס אַזוי ווינציק״, — האָט באַמערקט מײַן ברודער עליע, וואָס איז דעם טאָג געווען זייער האָפֿערדיק, אַזוי האָפֿערדיק, אַז ער האָט מיר צוליב געטאָן, איך זאָל ניט גיין אַזוי גיך צוריק צו הערש־בער דעם כאַזן און איך זאָל זיך נאָך אַביסל שפּילן אינדערהיים.

— דו ביסט דאָך בא אונדז אַן אוירעך אַף שוועס, — האָט ער מיר געזאָגט און דערלויבט צו שפּילן זיך אין דרויסן אַף די קלעצער, נאָר מיט אַ טנאַי, איך זאָל ניט קלעטערן צופֿיל און כאָלילע ניט צערײַסן די איינציקע פּאָר הייזלעך.

כאַ־כאַ־כאַ! נישט צערײַסן די איינציקע פּאָר הייזלעך? נישטאָ ווער ס׳זאָל לאַכן, ווי איך בין אַ ייִד! איר זאָלט זען אַ פּאָר הייזלעך— נו־נו! לאָמיר בעסער ניט רעדן פֿון קיין הויזן!.. לאָמיר בעסער רעדן פֿון יאָסי דעם נאָגידס קלעצער. אײַ, קלעצער, קלעצער! יאָסי דער נאָגיד מיינט, אַז די קלעצער זענען זײַנע קלעצער. אַ נעכטיקער טאָג! די קלעצער זענען מײַנע קלעצער! איך האָב מיר געמאַכט פֿון זיי אַ פּאַלאַץ מיט אַ ווײַנגאָרטן. איך בין דער פּרינץ. דער פּרינץ שפּאַצירט אַרום פֿראַנק און פֿרײַ בא זיך אין ווײַנגאָרטן, רײַסט אָפּ אַ קריגעלע — אַ קנאַק אָן שטערן, נאָך אַ קריגעלע — אַ קנאַק אָן שטערן... אַלע זענען מיר מעקאַנע. אַפֿילע יאָסי דעם נאָגידס ייִנגל, הענעך מיטן אייגל, פּאַרגינט מיר ניט מײַן גוטס. ער גייט פֿאַרבײַ אין זײַנע נײַע ליוסטרינענע מאַלבושימלעך און ווײַזט מיר אָף מײַנע הויזן און לאַכט און קרימט דאָס אייגל און זאָגט צו מיר:

— זע נאָר, זאָלסט עפּעס ניט פֿאַרלירן...

— גיי בעסער אוועק מיט גוטן, — זאָג איך אים, — אַניט, רוף איך ארויס מײַן ברודער עליע!...

פאַר מײַן ברודער עליע האָבן אַלע ייִנגלעך דערעכערעצ, און הענעך מיטן אייגל טראָגט זיך אָפּ, און איך בלײַב ווידער אַליין, ווידער דער־זעלבער פּרינצ באַ זיך אין ווײַנגאָרטן... אַן אווײרע נאַר, וואָס „מעני" איז דאָ ניטאָ! אונדזער שאָכנס קעלבל איז שוין מער קיין קעלבל, ס'איז שוין אַ „סקאָטינע" (אַזוי זאָגט אונדזער שכיינע פּעסי). וואָס הייסט דאָס אַ סקאָטינע? און צוליב וואָס האָט מען דאָס פאַרקויפט צום קאַצעוו? שויג־זשע אַפּ אַוועקצוקוילען? צוליב דעם איז דאָס געבוירן געוואָרן, מע זאָל דאָס נאָכדעם קוילען?.. צו וואָס ווערט געבוירן אַ קעלבל און צו וואָס ווערט געבוירן אַ מענטש?...

פּלוצים דערהער איך פון שטוב אַרויס אַ מאָדנע אויסגעשריי מיט אַ געוויין... איך דערקען דער מאַמעס קאָל... איך הייב אויף די אויגן — אַן אײַנגעלויפּ באַ אונדז אין שטוב... ייִדן און ווײַבער... דער ארויס, דער אַרײַן... איך ליג אַפּ אַ קלאָץ מיטן בויך אַראָפּ. מיר איז גוט!... שאַט־שאַט! אָט גייט יאָסי דער נאָגיד! יאָסי דער נאָגיד איז גאַבע אין דער קאַצאָווישער קלויז, דאָרט ווו מײַן טאַטע איז כאַזן שוין דרײַ און צוואַנציק יאָר. יאָסי איז אַליין געוועזן אַמאָל אַ קאַצעוו. הײַנט האַנדלט ער מיט אָקסן און מיט פעל און איז אַ נאָגיד, אַ גרויסער נאָגיד! יאָסי מאַכט מיט די הענט, בייזערט זיך אַפּ דער מאַמע און טײַנעט:

— סטײַצ! סטײַצ! וואָס האָט מען מיר ניט געזאָגט, אַז פּייסי דער כאַזן איז אַזוי סלאַפּ? (ער קאָן ניט אויסריידן קיין שין). וואָס האָט איר געסוויגן?

— וואָס זאָל איך שרײַען? — פאַרענטפערט זיך פאַר אים די מאַמע און גיסט מיט טרערן, — די גאַנצע שטאָט האָט געזען, ווי איך מוטשע מיך, געוואָלט אים ראַטעווען... און ער אַליין האָט אויך געבעטן זיך, מע זאָל אים ראַטעווען...

און די מאַמע קאָן נישט רעדן ווײַטער, פאַרברעכט מיט די הענט, פאַרוואַרפט מיטן קאָפּ. מײַן ברודער עליע כאַפּט זי אונטער:

— מאַמע! וואָס דאַרפסטו זיך פאַרענטפערן? מאַמע! פאַרגעס ניט, מאַמע, ס'איז יאָנטעוו, ס'איז שוועס, מע טאָר ניט וויינען, מאַמע'...

און יאָסי דער נאָגיד הערט ניט אויף צו פּײַערן אַפּ מ_ג מאַמע

— וואָס דערציילט איר מיר — די גאַנצע סטאָט! וועך איז די סטאָט? זאָגן זאָלט איר מ י ר! לעמאַנעסעם, צו מיר! אַלצדינג אַפּ מײַן

כעסבנ! כעוורע־קאדיסע, סאמאָסים, טאכריכים, — אלץ אפ מיר, אלצ־דינג אפ מײַנ כעסבנ!.. אונ טאָמער דארפ מענ עפּעס טונ פאר די יעסוימים, זאָלט איר גײנ צו מיר, איר זאָלט זיכ גאָרניט סעמענ

יאָסי דעמ נאָגידס װערטער בארוּיִקנ אָבער װינציק־װאָס מײַנ מאמע. זי האלט אינ אײנ יאָמערנ אונ אינ אײנ כאלעשנ בא מײַנ ברודער עליע אפ די הענט. אונ מײַנ ברודער עליע, װאָס האלט אלײנ אינ װײנענ, הערט נישט אופ צו דערמאנענ איר, אז „הײַנט איז יאָנטעװ, מאמע, הײַנט איז שװועס, מאמע! מאמע, מע טאָר ניט װײנענ, מאמע!”

אונ מיטאמאָל װערט מיר אלצ קלאָר. אונ עס טוט מיר א קלעמ דאָס הארצ, א ציִ בא דער נעשאָמע, אונ עס גלוסט זיכ מיר װײנענ, אונ איכ װײס ניט אפ װעמענ... אונ ראכמאָנעס האָב איכ אפ דער מאַ־מע, אונ איכ קאָנ ניט זעענ, װי זי װײנט, אונ װי זי כאלעשט, אונ װי זי צאפּלט בא מײַנ ברודער אפ די הענט. אונ איכ פארלאָז מײַנ פּאלאצ, מיט מײַנ װײַנגאָרטנ, אונ איכ גײ צו צו איר פונ הינטנ, אונ איכ זאָג איר מיטנ זעלבנ לאָשנ, װאָס מײַנ ברודער עליע, אונ טרערנ קאפּענ פונ מײַנע אויגנ:

— מאמע, הײַנט איז יאָנטעװ, מאמע, הײַנט איז שװועס, מאמע! מאמע, מע טאָר ניט װײנענ, מאמע!...

II

מיר איז גוט — איך בין א יאָסעם!

א.

פון זינט איך בין צו מײַן סייכל געקומען, געדענק איך ניט, איך זאָל זײַן אזא מעיוכעס, ווי אצינד. וואָס איז מיט מיר דער יִכעס? — מײַן טאטע, פּייסי דער כאזן, ווייסט איר דאָך, איז געשטאָרבן דעם ערשטן טאָג שוועס, און איך בין געבליבן א יאָסעם.

פון דעם ערשטן טאָג נאָך שוועס האָבן מיר אָנגעהויבן זאָגן קאַדעש — איך און מײַן ברודער עליע. ער טאקע האָט מיך אויסגעלערנט זאָגן קאדעש.

מײַן ברודער עליע איז א געטרײַער ברודער, אָבער נישט קיין גוטער רעבע. ער איז א קאַסן, ער שלאָגט זיך! ער האָט אופגעעפנט א סידער און האָט זיך אוועקגעזעצט מיט מיר און האָט אָנגעהויבן מיט מיר שטודירן:

— יתגדל ויתקדש שמיה רבה...[7] ער וויל, אז איך זאָל שוין קאָנען אויסנווייניק. ער כאזערט איבער מיט מיר נאָכאמאָל און נאָכאמאָל פון אָנהייב ביזן סאָף, און הייסט מיר, אז איצט זאָל איך שוין זאָגן אליין. איך זאָג אליין, אָבער עס גייט ניט.

ביז „ויצמח פורקניה" [7]) איז נאָך ווי עס איז, און קומט צו „ויצמח פורקניה" פארטשעפּע איך מיך. דערלאנגט ער מיר מיטן עלנבויגן און זאָגט מיר, אז דער קאָפּ איז מיר, אפּאָנעם, אין דרויסן (גלײַך ווי געט־ראָפן), אָדער ערגעץ באַם קעלבל (גלײַך ווי ער איז געווען דערבײַ)... ער פוילט זיך ניט און כאזערט אײַן מיט מיר נאָכאמאָל. איך האָב מיך קוים דערשלאָגן ביז „לעילא ולעילא מן כל ברכתא ושירתא תושבחתא" [7]) און ווײַטער נישט א טראָט! ער נעמט מיך אָן פארן אויער און זאָגט, אז דער טאטע זאָל אופשטיין און זעען, וואָס פאר א זון ער האָט!...

— וואָלט איך פארשפּאָרט זאָגן קאדעש...

אזוי זאָג איך צו מײַן ברודער עליע און כאַפּ פון אים א געשמאַק פּאַטש מיט דער לינקער האַנט אין דער רעכטער באַק אַרײַן. דער־הערט די מאַמע און גיט אים א פּסאַק, ער זאָל מיך ניט שלאָגן, וואָרעם איך בין א יאָסעם.

— גאָט איז מיט דיר! וואָס טוסטו? וועמען שלאָגסטו? האָסט פאַרגעסן, אפשר, אז דאָס קינד איז א יאָסעם?!

שלאָפן שלאָף איך מיט דער מאַמען אינעם טאַטנס בעט—דאָס איינ־ציקע שטיקל מעבל אין שטוב. די קאָלדרע גיט זי אָפּ קימאַט אינ־גאַנצן מיר.

— דעק דיך אײַן, — זאָגט זי צו מיר, — און ווער אַנשלאָפן, מײַן טײַערער יאָסעם. עסן איז ניטאָ וואָס...

דעקן דעק איך מיך אײַן, אָבער שלאָפן שלאָף איך ניט. איך כאַ־זער מיר דעם קאַדעש, אַפּ אויסנווייניק. אין כיידער גיי איך ניט, לער־נען לערן איך ניט, דאַווענען דאַוון איך ניט, זינגען זינג איך ניט. פּאָטער פון אַלצדינג.

מיר איז גוט — איך בין א יאָסעם!

ב.

מאַזלטאָוו! איך קאָן שוין גאַנץ קאַדעש אַפּ אויסנווייניק. ראַבאָנען־קאַדעש[8] אויך. אין שול שטיי איך אַפּ א באַנק און קלאָפּ דעם קאַדעש, ווי א מאַזעק. א קאָל־נעגינע האָב איך אויך, ביערושע פון מײַן טאַטן, אַן עמעסע סאָפּראַנאָ. אַלע ייִנגלעך שטעלן זיך אויס אַרום מיר און זענען מיר מעקאַנע. ווײַבער וויינען. באַלעבאַטים שענקען מיר א קאָ־פּיקע. יאָסי דעם נאָגידס ייִנגל, הענעך מיטן אייגל (ער איז א מוירעדי־קער ניט־פאַרגינער!), אז עס קומט צו ראַבאָנען־קאַדעש, שטעלט ער מיר אַרויס א צונג, — ער וויל, ער גייט אויס, ער כאַלעשט, איך זאָל מיך צעלאַכן. אים אַפּ צולאָכעס וועל איך ניט לאַכן! האָט דערזען ארן דער שאַמעס, האָט ער אים געגומען פאַר אן אויער און האָט אים צוגעפירט צו דער טיר. א מיצווע אַפּ אים! מאַכמעס איך זאָג קאַדעש אינדערפרי און אַפּדערנאַכט, גיי איך שוין מער ניט צו הערש־בער דעם כאַזן און טראָג מיך ניט אום מיט זײַן דאַבציע. איך בין פרײַ. א גאַנצן טאָג גענפּין איך מיך באַם טײַך — אָדער איך כאַפּ פיש, אָדער איך באָד מיך. כאַפּן פיש האָב איך מיך אויסגעלערנט פון זיך אַליין. א איר ווילט, קאָן איך אײַך אויך אויסלערנען. מע טוט אויס דאָס העמד

און מע פארקניפּט דעם ארבל און מע גייט פּאוואָלי ביזן האלדז אין וואסער. מע דארף גיין לאַנג־לאַנג. אז איר פילט, אז דאָס העמד איז שווער, איז א סימען, אז ס'איז פול, גייט איר ארויס וואָס גיכער און טרייסלט אויס דאָס גאנצע גראָז מיט דער בלאָטע און קוקט זיך גוט צו. אין גראָז ליגן פארפּלאָנטעט אָפּטמאָל קליינע זשאַבקעלעך — ווארפט זיי אַרײַן צוריק אין וואסער אַרײַן, ס'א צאר־באַלעכאַים. אין דער געדיכטער בלאָטע קאָנט איר אמאָל געפינען א פּיאווקע. פּיאווקעס איז געלט — פאר א צענדליק פּיאווקעלעך קאָנט איר באקומען דרײַ גראָשן, אנדערהאלבן קאָפּיקעס. עס גייט נישט צופוס... קיין פיש זאָלט איר ניט זוכן. אמאָל איז געווען פיש אויך. הײַנט איז נישטאָ. איך יאָג זיך ניט נאָך קיין פיש. איך בין צופרידן, עס זאָל כאָטש זײַן פּיאווקעס. ניט אלעמאָל איז דאָ פּיאווקעס. הײַנטיקן זומער איז ניט געווען איין פּיאווקע! פונוואַנען האָט זיך דערוווּסט מײַן ברודער עליע, אז איך כאַפּ פיש — ווייס איך ניט. ער האָט מיר שיר ניט אָפּגעריסן אן אויער פאר די פיש. א גליק, וואָס פּעסי די גראָבע, אונדזער שכיינע, האָט דערזען. אן אייגענע מאמע דארף זיך אזוי ניט אײַנשטעלן פאר איר קינד.

— אָט אזוי שלאָגט מען א יאָסעם?...

מײַן ברודער עליע האָט זיך פארשעמט און האָט מיר אָפּגעלאָזט דעם אויער. אלע שטעלן זיך אײַן פאר מיר. מיר איז גוט — איך בין א יאָסעם.

ג.

אונדזער שכיינע פּעסי די גראָבע האָט זיך אין מיר פארליבט. זי האָט זיך צוגעטשעפּעט צו מײַן מאמען, ווי א קלעשטש, איך זאָל דערווײַלע זײַן בא איר, בא פּעסין, הייסט עס.

— וואָס וועט אײַך ארן? — האָט זי געטײַנעט, — עס גייען בא מיר צום טיש צוועלף, וועט ער זײַן א דרײַצנטער. — בא דער מאמען האָט זי קוים געפּועלט. האָט זיך אָבער ארויסגעשטעלט מײַן ברודער עליע.

— ווער וועט אפּ אים אכטונג געבן, ער זאָל גיין זאָגן קאַדעש?

— איך וועל אכטונג געבן, ער זאָל גיין זאָגן קאַדעש. נו, שוין? האָט איר צו מיר גאַרניט?

פּעסי איז ניט קיין גווירטע. איר מאן איז אן אײַנבינדער און הייסט מוישע. ער האָט א שעם פארן בעסטן באלמעלאָכע. דאָס אליין

איז אָבער קאַרג. מע דאַרף נאָך האָבן מאַזל אויך. אַזוי זאָגט פּעסי צו מײַן מאַמען. מײַן מאַמע גיט איר נאָך. זי זאָגט, אַז צום שלימאַזל דאַרף מען אויך האָבן מאַזל. פֿאַר אַ סימען נעמט זי מיך. אָט בין איך אַ יאָסעם, און אַלע ווילן מיך. פֿאַראַן באַלאָנים, וואָס ווילן מיך צו זיך אַף שטענדיק, נאָר ווי לאַנג קרענקען אירע סאָנים, ווי לאַנג זי וועט מיך אַוועקגעבן אַף שטענדיק! אַזוי זאָגט די מאַמע און וויינט. זי האַלט זיך אַן אײַצע מיט מײַן ברודער עליע.

— ווי מיינסטו? זאָל ער זײַן דערוויַיל בא פּעסין?

מײַן ברודער עליע איז שוין אַ גרויסער. אַניט, וואָלט מען זיך מיט אים ניט געהאַלטן קיין אײַצע. ער גלעט זיך מיט דער האַנט דאָס ריי־נע, נאָך ניט באַוואָקסענע פּאָנעם, גלײַך ווי ער וואָלט שוין געהאַט אַ באָרד, און רעדט ווי אַ גרויסער:

— מאַכטייסע, אַבי ער זאָל נאָר ניט זײַן קיין שייגעץ.

און עס בלײַבט, אַז איך וועל זײַן דערוויַיל בא אונדזער שכיינע פּעסין, נאָר ביטנײַ, איך זאָל ניט זײַן קיין שייגעץ. אַלצדינג הייסט בא זיי אַ שייגעץ! אָנהענגען דער קאַץ אַ פּאַפּיר אַפן עק, זי זאָל זיך דרייען — הייסט בא זיי אַ שייגעץ. קלאַפּן מיט אַ שטעקל איבער די גראַטעס פֿונעם גאַלעכס הויף, אַלע הינט זאָלן זיך צונויפֿלויפֿן — הייסט בא זיי אַ שייגעץ. אָפּשטעקן בא לייבקע דעם וואַסערפֿירער דעם צאַפּן פֿון דעם פֿאַס, ס'זאָל אויסלויפֿן העכער האַלב וואַסער — הייסט בא זיי אַ שייגעץ.

— דײַן גליק, וואָס דו ביסט אַ יאָסעם! — זאָגט צו מיר לייבקע דער וואַסערפֿירער. — אַניט, וואָלט איך דיר איבערגעבראָכן אַ האַנט מיט אַ פֿוס! מעגסט מיר גלויבן אַף נעמאָנעס.

איך גלויב אים אַף נעמאָנעס. איך ווייס, אַז איצט וועט ער מיך ניט אָנרירן, ווײַל איך בין אַ יאָסעם.

מיר איז גוט — איך בין אַ יאָסעם.

ד.

אונדזער שכיינע פּעסי, זאָל מיר מויכל זײַן, האָט געזאָגט אַ גרויסן ליגן. צוועלף, האָט זי געזאָגט, גייען בא איר צום טיש. לויט מײַן רעכענונג בין איך דער פֿערצנטער. אַפּאָנעם, זי האָט פֿאַרגעסן אַרײַנרעכענען דעם בלינדן פּעטער באָרוך. און עפּשער האָט זי אים ניט אַרײַנגעשטעלט צווישן די עסערס דערפֿאַר, ווײַל ער איז שוין זייער

אלט און האָט קיינ ציינ ניט אפ צו קײַענ. איכ וועל מיכ ניט שפּארנ. קײַענ קאָנ ער נישט, דערפאר אָבער שלינגט ער, ווי א גאנדז, און כאפּט. אלע כאפּנ זיי. זייער כאפּנ איז כוצ לעדערעכ האטעווע. איכ כאפּ אויכ. שלאָגנ זיי מיכ. מיט די פּיס אונטערנ טיש שלאָגנ זיי מיכ. מער פונ אלע שלאָגט זיכ וואשטי. וואשטי איז א רעצײַעכ. הייסנ הייסט ער הערשל, נאָר מאכמעס ער האָט א גאָלי אפּנ שטערנ, האָט מענ אימ א נאָמענ געגעבנ „וואשטי". אלע האָבנ זיי דאָ נעמענ און צונעמענ: „קלעצל", „קאָטער", „טשערנאָהוז", „בופלאקס", „פּעטעלעלע", „געב מיר נאָכ" „שמיר מיט פּוטער"...

האָט קיינ יעסורימ ניט — יעדער נאָמענ האָט זיכ זײַנ שוירעש. פיני הייסט „קלעצל" דערפאר, ווײַל ער איז גראָב און קײַלעכיק, ווי א קלעצל. וועלוול איז א שווארצער, רופט מענ אימ „קאָטער". כאימ איז א בופלאקס, הייסט ער „בופלאקס". מענדל האָט א שפּיצעכיקע נאָז, איז ער א „טשערנאָהוז". „פּעטעלעלע" האָט מענ א נאָמענ געגעבנ פּײַטלען דערפאר, ווײַל ער קענ ניט רעדנ. בערל איז א גרויסער נאשער: אז מע גיט אימ א שטיקל ברויט מיט שמאלצ, זאָגט ער: „געב מיר נאָכ". זאָרעכנ האָט מענ געגעבנ א מיִעסנ נאָמענ „שמיר מיט פּוטער" איבער א מיִעסנ כיסאָרנ, וואָס ניט ער איז שולדיק. שולדיק קאָנ זײַנ איז די מוטער, וואָס זי האָט דאָס פארלאָזט און קינדווײַז ווינציק געצוואָגנ. און עפּשער איז זי אויכ ניט שולדיק? איכ וועל זיכ ניט גיינ שפּארנ. שלאָגנ זיכ אוואדע ניט! קורצ, ס'איז א שטוב, וואָס יעדער האָט א צונעמעניש. וואָס דארפט איר מער — די קאצ, שוינ גאָר א שטומע צונג, שוינ געוויס גאָט די נעשאָמע שולדיק, הייסט זי בא זיי: „פייגע-לייע די גאבעטע". איר ווייסט, פארוואָס? דערפאר, וואָס זי איז א גראָבע, און פייגע-לייע, נאכמענ דעמ גאבעס ווײַב, איז אויכ א גראָבע. וויפל, מיינט איר, האָבנ זיי שוינ געכאפּט פּעטש דערפאר, זיי זאָלנ ניט רופנ די קאצ מיט א מענטשלעכנ נאָמענ? ווי אנ ארבעס אינ וואנט! האָבנ זיי געגעבנ עמעצנ א צונעמעניש, איז פארפאלנ!

ה.

מיר האָבנ זיי א נאָמענ געגעבנ — טרעפט וויִאזוי? „מאָטל מיט די לעפצנ"... לעפצנ איז א דײַטשיש וואָרט. אפ אונדזער לאָשנ הייסט דאָס „ליפּנ". אפּאָנעמ, זיי איז ניט געפעלנ מײַנע ליפּנ. זיי זאָגנ, אז איכ עס, מאכ איכ מיט די ליפּנ. איכ וואָלט וועלנ זעענ יענעמ מענטשנ,

וואָס זאָל עסן און ניט מאכן מיט די ליפּן! איך בין ניט פון די האָנאָ־ריסטע, וואָס מע טאָר זיי ניט אָנרירן זייער קאָוועד. נאָר איך ווייס ניט פארוואָס — מיר איז דאָס צונעמעניש שטארק ניט געפעלן! און ווײַל ס'איז מיר ניט געפעלן, רייצן זיי זיך מיט מיר און רופן מיך דאפקע אזוי. אײַנגעגעסענע ברוּים — איר האָט נאָך אזעלכע ניט געזען! פרי־ער האָב איך בא זיי געהייסן: „מאָטל מיט די לעפצן". נאָכדעם: גלאט „מיט די לעפצן". שפּעטער: „די לעפצן". גאָר שפּעטער: „לעפצן".

— לעפצן! ווו זענט איר געווען?

— לעפצן! ווישט אָפּ די נאָז!

עס פאדריסט מיך און עס ברענט מיך, און איך וויין. דערזעט דער פּאָטער זייערער, פּעסיס מאן, מוישע דער אײַנבינדער, איינמאָל, אז איך וויין, פרעגט ער מיך: וואָס וויינ איך? זאָג איך אים, וויאזוי זאָל איך ניט וויינען, אז איך הייס מאָטל און מע רופט מיך „לעפצן"! פרעגט ער: ווער? זאָג איך: „וואשטי". וויל ער שלאָגן „וואשטין", זאָגט „וואשטי": ס'ניט איך, ס'איז „קלעצל". וויל ער שלאָגן „קלעצ־לען", זאָגט „קלעצל:" ס'איז ניט איך, ס'איז „קאָטער".

איינער אפּן אנדערן, דער אנדערער אפּן דריטן — א מײַסע אָן אנ עק! איז זיך מעיאשעוו דער פּאָטער, מוישע דער אײַנבינדער, און לייגט יי אוועק אלע איינציקווײַז און שמײַסט זיי אָפּ מיט א טאָוול פון א „קרבן־מנחה" 9) און זאָגט זיי:

— מאמזיירים! איך וועל אײַך ווײַזן, וויאזוי צו לעצעווען פון א יאָסעם! עס וועט א רועך אינ אײַער טאטנס ערד ארײַנ!...

אָט אזוי. יעדער נעמט זיך אָן מײַנ קריוודע. אלע, אלע שטעלן זיך אײַנ פאר מיר.

מיר איז גוט — איך בינ א יאָסעם.

III

װאָס װעט זײַנ פֿונ מיר?

א.

אנו, טרעפט, װו איז דער גאנײדנ? איר װעט ניט טרעפנ. װײסט איר פֿאַרװאָס? װײַל בא איטלעכנ איז ער אפ אנ אנדער אָרט. לעמאָשל, די מאמע זאָגט, אז דער גאנײדנ איז דאָרטנ, װו מײַנ טאטע, פֿײסי דער כאזנ, געפֿינט זיכ. דאָרטנ, זאָגט זי, געפֿינענ זיכ אלע ערלעכע נעשאָמעס, װאָס זענענ נעבעכ אָפּגעקומענ אפ דער װעלט; דערפֿאַר, װאָס זײ האָבנ ניט די װעלט, קומט זײ יענע װעלט. דאָס איז דאָכ קלאָר װי דער טאָג. דער בעסטער באװײַז איז טאקע דער טאטע מײַנער. װאָרעמ װו דענ זאָל ער זײַנ, אז ניט אינ גאנײדנ? קאָרג האָט ער זיכ אָנגעמוטשעט אפ דער װעלט?... אזוי זאָגט די מאמע מײַנע אונ װישט זיכ בעשאַס־מײַסע די אױגנ, װי איר שטײגער איז, אז זי רעדט פֿונעמ טאטנ. פֿרעגט־זשע אָבער בא מײַנע כאַװײרימ, װעלנ זײ אײַכ דערצײלנ מײַסעס, אז דער גאנײדנ געפֿינט זיכ ערגעץ אפ א באַרג פֿונ סאמע קרישטאָל, הױכ ביזנ הימל. ייִנגלעכ לױפֿנ דאָרט ארומ פֿראַנק אונ פֿרײַ, לערנענ לערנט מענ ניט, נאָר מע באָדט זיכ גאנצע טעג אינ מילכ אונ מע עסט האָניק מיט פֿולע הױפֿנס. זענט איר שױנ פֿאַרטיק? קומט צו גײנ א ייִד אנ אײַנבינדער אונ טוט זיכ א זאָג, אז דער עמעסער גאנײדנ איז גאָר פֿרײַטיק אינ באָד. איכ האָב עס אלײנ געהערט פֿונ אונדזער שכײנעס מאנ, מױשע דעמ אײַנבינדער, איכ זאָל אזױ הערנ אלדאָס גוטס! הײַנט גײט דערגײט אנ עק! מע זאָל, אשטײגער, פֿרעגנ מיכ, װאָלט איכ געזאָגט, אז דער גאנײדנ — דאָס איז מענאשע דעמ רױפֿעס גאָרטנ. זינט איר לעבט, האָט איר נאָכ אזא גאָרטנ ניט געזענ. דאָס איז דער אײנציקער גאָרטנ ניט נאָר אפ אונדזער גאס, ניט נאָר בא אונדז אינ שטאָט, — איכ האָב מוירע, אז אפ דער גאנצער װעלט איז ניטאָ נאָכ אזא גאָרטנ. נישט געװענ אונ סע װעט ניט זײַנ! דאָס װעלנ אײַכ אלע זאָגנ. װאָס װילט איר, זאָל איכ אײַכ באַשרײַבנ פֿריִער:

מענאשע דעם רופּע מיט זײַן ווײַב מענאשעכע די רופּעטע? צי איך זאָל אײַך מאָלן פריִער דעם גאניידן, מיין איך דעם גאָרטן זייערן? איך רעכן, אז פריִער פון אלץ זאָל איך אײַך דערציילן פון מענאשען מיט מענאשעכען. זיי זענען דאָך די באַלעבאטים, קומט זיי פריִער דער קאָוועד.

ב.

מענאשע דער רופּע טראָגט סײַ ווינטער סײַ זומער א הענג־קאָל־נער. ער טוט נאָך דעם שווארצן דאָקטער. איינע אויג האָט ער א קליינס, און דאָס מויל איז אים, ניט אין מײַנע מאָס, אביסל אפּ א זײַט. דאָס הייסט, ניט אביסל, נאָר אסאך, טאקע גאָר אסאך. פון א ווינטל איז דאָס אים געקומען. אזוי זאָגט מענאשע דער רופּע אליין. איך פארשטיי ניט, וויאזוי ווערט דאָס פון א ווינטל דאָס גאנצע מויל אפּ א זײַט? וויפל ווינטן, גרויסע און קליינע, בין איך, אשטייגער, אויסגעשטאנען אין מײַן לעבן! דער גאנצער קאָפּ וואָלט שוין אצינד באדארפט זײַן בא מיר פון יענער זײַט פּלייצעס. איך רעכן, אז ס'איז נאָר א רעגילעס, וויאזוי מע געוויינט זיך איין. אָט, לעמאָשל, פאראן בא מיר א כאווער בערל, פינטלט ער מיט די אויגן. נאָך א כאוועד האָב איך, וועלוול, זופּט ער לאָקשן מיט יויך, ווען ער רעדט. אלצדינג אפּ דער וועלט איז א רעגילעס. און כאָטש דאָס מויל איז אים אפּ א זײַט, פונדעסטוועגן מאכט מענאשע בעסער פון אלע דאָקטוירים. ערשטנס, איז ער בא זיך ניט אזא פּאָרעץ, ווי אנדערע דאָקטוירים. אז מע רופט אים, קומט ער באלד צו לויפן א פארשוויצטער. און צווייטנס, איז בא אים נישט קיין מאָדע שרײַבן רעצעפּטן. רעפועס מאכט ער אליין. אנומלטן האָט מיך א כאפּ געטאָן א מין שטעכעניש מיט א קעלט מיט א ציטערניש (אפּאָנעם, פון צופיל ליגן אין טײַך?), איז די מאמע באלד אוועקגעלאָפן און האָט אראָפּגעבראכט מענאשע דעם רופּע. האָט ער מיך באטראכט און א זאָג געטאָן מיטן קרומען מויל צו דער מאמען:

— איר האָט זיך ניט וואָס צו שרעקן. ס'איז א געלעכטער. דער שיי־געצ האָט זיך צוגעקילט די לונג.

און מיט די ווערטער נעמט ער ארויס פון דער קעשענע א בלוי־פלעשעלע און שיט אויס אין זעקס שטיקלעך פּאפּיר עפּעס א ווײַסע זאך. דאָס ווערט אָנגערופן „פּראָשקעס". איין פּראָשעק הייסט ער מיר,

איך זאָל איַינעמען באלד. דריי איך מיך און קנייטש מיך אפ אלע זיַיטן. דאָס הארץ זאָגט מיר, אז עס דארף זיַין ביטער, ווי דער טויט. קאכאווע. איך האָב דאָך טאקע געטראָפן! ביטער צו ביטער איז ניט גליַיך. פרישע קאָרע פון קליינע ביימעלעך האָט איר אמאָל פארזוכט? אָט אזא טאם האָבן זיַינע פראָשקעס. איר זאָלט האָבן א קלאל: ווי־באלד פראָשקעס, מוזן זיי זיַין ביטער. ס'האָט מיר ניט געהאָלפן קיין שום ריבוינעשעלוילעם. איך האָב דעם פראָשעק איַינגענומען און גע־זעען זיך מיטן טויט... די איבעריקע פינף פראָשקעס, האָט ער אָנגע־זאָגט דער מאמען, זאָל איך איַינעמען אלע צוויי שאָ א פראָשעק. געפונען א באלן אפ איַינעמען גאל! די מאמע האָט זיך נאָר אָפגעקע־רעוועט אפ א מינוט, געגאנגען אָנזאָגן מיַין ברודער עליע, אז איך בין קראנק, האָב איך אלע פינף פראָשקעס אויסגעשאָטן אין פאָמעניצע און אָנגעשאָטן אין די פאפירלעך אביסל מעל. א גוט שטיקל ארבעט האָט אפ זיך געהאט די מאמע: אלע צוויי שאָ האָט זי געמוזט לויפן צו אונדזער שכיינע פעסי קוקן אפן זייגער. נאָך יעדן פראָשעק, וואָס איך האָב איַינגענומען, האָט זי באמערקט, אז עס ווערט מיר בעסער. נאָך דעם זעקסטן פראָשעק בין איך אופגעשטאנען א געזונטער מענטש.

— אָט דאָס הייסט א דאָקטער! — האָט זי געזאָגט און נישט געלאָזט מיך גיין אין כיידער, געהאלטן א גאנצן טאָג אין שטוב און געגעבן מיר זיסן טיי מיט וויַיסער בולקע.

— מענאשע איז מער דאָקטער פון אלע דאָקטוירים, געבן זאָל אי'מ גאָט געזונט און אסאך יאָרן! ער האָט אזעלכע פראָשקעס, וואָס זענען מעכיַיע מייסים, מאכן פון טויט לעבעדיק.

אזוי האָט זיך די מאמע נאָכדעם בארימט פאר דער גאנצער וועלט, בעשאס־מיַיסע זיך געווישט די אויגן, ווי איר שטייגער איז.

ג.

מענאשע דעם רויפעס וויַיב רופט מען אפ איר מאנס נאָמען: „מענאשעכע די רויפעטע". זי איז א טרייפע יידענע. אזוי זאָגן אלע. ווייסט איר פארוואָס? וויַיל זי איז א ראָשעטע. א פּאָנעם האָט זי, ווי אפ צולאָכעס, א מאנצבילשן, א קאָל פון א מאנצביל, טראָגט מאנצביל־שע שטיוול, און אז זי רעדט, דאכט זיך איַיך אויס, אז זי בייזערט זיך. זי האָט א שיינעם שעם אפ דער וועלט. זינט זי לעבט, האָט נאָך קיין אָרעמאן בא איר קיין שטיקל ברויט ניט אופגעגעסן. און א

שטוב איז בא איר פון קאַלטוו. בא איר קאָנט איר געפינען איינגע־מאכטסן פון פאראיאָרן, פון פאר דריי יאָרן און פון פאר צען יאָרן. וואָס דארף זי, לעמאָשל, אזויפיל איינגעמאכטס? פרעגט זי, אשטייגער, ווייסט זי אליין ניט. אָט אזא טעווע איז בא איר. א פארפאלענע זאך, איר וועט זי שוין ניט איבערמאכן. זי ווייסט, אז עס קומט דער זומער, האלט זי אין איין פרעגלען איינגעמאכטס. איר מיינט, זי פרעגלט אפּ קוילן? ווער־וואָס? זי קען באשטיין אפּ שטעכעלקעס, שישקעס, אָפּגעפאלענע בלעטלעך. זי מאכט אָן אזא רויך אפּ דער גאנצער גאס, אז מע קאָן דערשטיקט ווערן. טאָמער וועט זיך איך מאכן אמאָל קומען צו אונדז זומער־צייט און איר וועט דערפילן א רויך פון „סמאלינע", זאָלט איר זיך ניט שרעקן, ס'איז ניט קיין סרייפע. דאָס פרעגלט מענאשעכע די רויפעטע איינגעמאכטס, אליין, מיט אירע אייגענע הענט, פון אירע אייגענע פיירעס, אין איר אייגענעם גאָרטן. און אָט אזוי קומען מיר צו צום גאָרטן, וואָס כ'האָב אייך צוגעזאָגט.

ד.

וואָס פאר א פיירעס געפינט איר ניט אינעם דאָזיקן גאָרטן? עפּל, און בארן, און ווייַנשל, און פלוימען, און קארשן, און אגרעסן, און ווייַנפערלעך, און פערשקעס, און שפּאָנקעס, און מארעלן, און מאלינעס, און אָזשעניצעס, און שאָלקאָוויצעס, און וואָס ניט? וואָס דארף איר מער — אפילו ווייַנטרויבן ערעוו ראָשעשאָנע אפּ שעכעיאָנו [10], ווו קריגט מען? — בא איר, בא מענאשעכע דער רויפעטע! עמעס, די ווייַנטרויבן אז מע פארזוכט, דערזעט מען קראָקע מיט לעמבערג. אזוי שטארק זויער זענען זיי! פונדעסטוועגן נעמט זי אָפּ פאר זיי גוט געלט! פון אלצדינג מאכט זי געלט. אפילו פון די סאָנישניקעס. גאָט זאָל אייך היטן, איר זאָלט בא איר בעטן אויסרייַסן א סאָנישניק! זי וועט אייך ניט געבן! א צאָן זיך אויסרייַסן פונעם מויל איז בא איר גרינגער, ווי אויסרייַסן א סאָנישניק בא איר פונעם גאָרטן. הייַנט ווער רעדט פון אן עפּל, א באר, א ווייַנשל, א פלוים? כייַעס ניט זיכער! איך בין באקאנט מיטן דאָזיקן גאָרטן, ווי א ייִד אין אשרי [11]. איך ווייס אפילו, ווו איטלעכס ביימעלע געפינט זיך, און וואָס עס וואקסט אפּ דעם, און צי ס'איז הייַנטיקס יאָר געראָטן אָדער ניט אזוי געראָטן. פונוואנען ווייס איך דאָס? שרעקט אייך ניט, איך בין דאָרטן נאָך קיינמאָל ניט געווען. וויאזוי האָב איך געקאָנט זיין, אז דער גאָרטן

איז ארומגעצוימט מיט א הויכנ פארקאנ, איבערגעדעקט מיט מוירעדיקע שטעכעלקעס? זענט איר שוינ פארטיק? איז אינעווייניק דאָ א הונט. נישט קיינ הונט, נאָר א וואָלפ! אפ א לאנגנ שטריק שטייט ער צוגעבונדנ — אָט דערדאָזיקער קעלעוו שעבעקלאָווים, אונ אנו, לאָז נאָר עמעצער דורכגיינ פארבײַ, אָדער לאָז זיכ אימ דאכטנ, אז עמעצער גייט פארבײַ, הייבט ער אָנ צו רײַסנ זיכ, שפרינגענ אונ בילנ מיט אזא קאס, גלײַכ ווי דער רועכ כאפט אימ אוועק! פרעגט זיכ א קאשע: וויבאלד אזוי, ווי קומ איכ אינ גאָרטנ ארײַנ? הערט־זשע, וועל איכ אײַכ דערציילנ.

ה.

מענדל דעמ שויכעטס קענט איר, צי ניינ? קענט איר דאָכ מענדל דעמ שויכעטס דירע אוודאי נישט. זי איז די אנדערע פונ מענאשע דעמ רויפעס אונ קוקט גלײַכ צו אימ אינ גאָרטנ ארײַנ. בא מענדל דעמ שויכעטס, אז מע זיצט אפנ דאכ, קאָנ מענ זעענ אלצדינג, וואָס בא מענאשע דעמ רויפע אינ גאָרטנ טוט זיכ. די גאנצע קונצ איז, וויאזוי קלעטערט מענ ארופ צו מענדל דעמ שויכעטס אפנ דאכ? מיר איז דאָס גאָרנישט. ווייסט איר פארוואָס? ווײַל מענדל דעמ שויכעטס דירע איז די אנדערע פונ אונדז אונ איז אסאכ נידעריקער פונ אונדזער דירע. אז מע דראפעט זיכ ארופ צו אונדז אפנ בוידעמ (איכ טו דאָס אָנ א לייטער. איכ וועל אײַכ עפשער אמאָל זאָגנ, וויאזוי), אונ שטעלט איר ארויס א פוס פונעמ קליינעמ פענצערל, אזוי זענט איר שוינ בא מענדל דעמ שויכעטס אפנ דאכ. דאָרטנ לייגט איר זיכ אוועק וויאזוי איר ווילט: אָדער מיטנ פּאָנעמ ארופ, אָדער מיטנ פּאָנעמ אראָפ. יעדנפאלס, לייגנ זיכ מוזט איר, אניט — קאָנ מענ אײַכ כאָלילע דערזעענ: וואָס טוט איר בא מענדל דעמ שויכעטס אפנ דאכ? איכ האָב אויסגעקליבנ טאָמיד א צײַט פארנאכטלעכ, צווישנ מינכע אונ מײַרעוו, ווענ איכ בינ געגאנגענ אינ שול ארײַנ קאדעש זאָגנ. דעמאָלט איז ניט טאָג אונ ניט נאכט, די בעסטע צײַט. פונ דאָרטנ אראָפּגעקוקט אינ גאָרטנ ארײַנ, שווער איכ אײַכ, אז ס'איז א גאנײדנ שעבעגאנײדנ!...

אז דער זומער הייבט זיכ אָנ אונ די ביימער הייבנ אָנ צו בליִענ, זיכ באדעקנ מיט ווײַסע פעדערלעכ, קאָנט איר האָפנ, אז ניט הײַנט, איז מאָרגנ — וועלנ זיכ באווײַזנ אינ די קורצע שטעכלדיקע ביימעלעכ גרינע אגרעסנ. דאָס איז די ערשטע פּירע, וואָס עס גלוסט זיכ אײַכ

פארזוכן. פאראן מענטשן, וואָס וואַרטן ביז די אגרעסן ווערן רויט. באַראַנים! איך זאָל האָבן די בראָכעס, וואָס גרינערהייט זענען זיי אסאך מער באַטאַמט און געשמאַק. איר וועט זאָגן, זיי זענען זויער? עס ווערט פון זיי הײַליק די ציין? נו, וואָס־זשע איז? א זויערס קוויקט דאָס האַרץ, און צו הײַליקע ציין איז דאָ א סגולע: זאַלץ. מע שיט אַרויף זאַלץ אף די ציין און מע האַלט אָפן דאָס מויל אקעגן א האַלבע שאָ, קאָן מען נאָכדעם עסן ווידעראַמאָל די זויערע אגרעסן. נאָך די אגרעסן קומען אויף די ווײַנפּערלעך. רויטינקע, מיט שוואַרצע פּיסקעלעך, מיט געלע קערעלעך, און צענדליקער־צענדליקער אף איין צווײַגעלע. איין צווײַגעלע אז איר פירט דורך צווישן די ליפּן, באַקומט איר א פולן מויל מיט ווײַנפּערלעך, ווײַניקע, שמעקנדיקע, מעכײַע נעפּאָשעס! אז זיי קומען אויף, קויפט מיר די מאַמע פאַר א גראָשן א קווערטעלע ווײַנפּערלעך אף שעכעיאָנו — עס איך זיי מיט ברויט. בא מענאַשעכע דער רויפּעטע אין גאָרטן זענען דאָ צוויי רייען קליינע ביימעלעך, האַרט בא דער ערד, אָנגעזעצט מיט ווײַנפּערלעך. אף דער זון ברענען זיי און פינקלען אָפּ, און עס גלוסט זיך כאָטש איין צווײַגעלע, כאָטש איין ווײַנפּערל מיט צוויי פינגער געבן א ריס־אָפּ און גלײַך אין מויל אַרײַן! איר וועט מיר גלויבן? אז איך רעד פון גרינע אגרעסן מיט רויטע ווײַנפּערלעך, ווערט מיר שוין הײַליק די ציין. לאָמיר בעסער רעדן פון ווײַנשל. ווײַנשל האַלטן זיך ניט לאַנג גרין. ווײַנשל ווערן גיך פאַרטיק. איך קאָן אײַך שווערן בא וואָס איר ווילט, אז איך אליין האָב באַמערקט, ליגנדיק בא מענדל דעם שויכעטס אפן דאַך, עטלעכע ווײַנשעלעך זענען אינדערפרי געווען גרין אזוי ווי גראָז. איך האָב זיי גוט באַמערקט, געמאַכט אף זיי א סימען. באַטאָג האָבן זיי פון דער זון באַקומען רויטע בעקעלעך. דעם־זעלבן טאָג פאַרנאַכט זענען זיי שוין געווען רויט ווי פײַער! ווײַנשל פלעגט מיר אויך די מאַמע ברענגען אף שעכעיאָנו. אָבער וויפל ווײַנשל? פינף שטיק אף א פּאָדעם. וואָס טוט מען מיט פינף ווײַנשל? מע שפּילט זיך מיט זיי אזוי לאַנג, ביז מע ווייסט ניט, וווּ זיי זענען אהינגעקומען...

ו.

וויפל שטערן אין הימל — אזויפיל ווײַנשל בא מענאַשע דעם רויפע אין גאָרטן. איר קאָנט פאַרשטיין, אז איך בין א באַלן געווען אף איין צווײַגעלע איבערציילן די ווײַנשל. האָב איך געציילט, און נישט געקאָנט

איבערצײלן!... װײַנשל האָב א טעװע, זײ האלטנ זיך שטארק אפּ די ריטלעך. זעלטנ־זעלטנ װענ ס׳פאלט אראָפּ א װײַנשל אפ דער ערד — ער מוז שוינ זײַנ איבערצײַטיק, שװארצ אזוי װי א פלוים. זעט איר, פערשקעס — די פאלנ אָפּ, װיבאלד נאָר זײ װערנ רעכט געל. אַך, פערשקעס! פערשקעס! איך האָב זײ ליב מער פונ אלע פּײרעס. איך האָב אפ מײַנ לעבנ געגעסנ נישט מער װי אײנ פערשקע, ליגט זי מיר נאָך אינ טאם. דאָס איז געװענ מיט עטלעכע יאָר פריִער, איך בינ דעמאָלט נאָך נישט אלט געװענ קײנ פינפ יאָר. מײַנ טאטע האָט נאָך געלעבט, אונ אינ שטוב איז נאָך געװענ בא אונדז אלצדינג: די גלעזערנע שאפע, מיט דער קאנאפּקע, מיט די ספאָרים, מיטנ גאנצנ בעטגעװאנט. קומט צו גײנ אײנמאָל דער טאטע פונ שול אהײמ אונ מאכט צו מיר אונ צו מײַנ ברודער עליע, אונ לײגט ארײַנ די האנט אינ דער הינטער־שטער קעשענע, דאָרט װו מע האלט די נאָז־פאטשײלע:

— קינדער! פערשקעס װעט איר עסנ? איך האָב אײַך געבראכט פערשקעס. א פּאָר פערשקעס.

אונ ער נעמט ארויס די האנט פונ דער הינטערשטער קעשענע, דאָרט װו מע האלט די נאָז־פאטשײלע, אונ טראָגט אונדז אונטער, מיר אונ מײַנ ברודער עליע, צװײ גרויסע געלע קײַלעכיקע שמעקנדיקע פּײרעס. מײַנ ברודער עליע האָט קײנ צײַט ניט. ער מאכט א בראָכע, הויך אפ א קאָל, „בורא פרי העץ" 12) אונ כאפּט ארײַנ די גאנצע פּײרע אינ מויל ארײַנ. איך קאָנ באשטײנ פריִער זיך אָנשפּילנ, זיך אָנשמעקנ, אָנשפּיגלענ, אונ נאָכדעמ שוינ װעל איך זי עסנ. אי דאָס — נישט אפ אײנ מאָל, נאָר שטיקלעכװײַז, אונ מיט ברויט. פערשקעס זײַנען גוט מיט ברויט. פונ דעמאָלט אָנ האָב איך מער קײנ פערשקעס נישט פארזוכט, נאָר דעמ טאמ פונ יענער ערשטער פערשקע קאָנ איך ניט פארגעסנ! איצטער שטײט פאר מיר א גאנצער בוימ מיט פערשקעס, אונ איך ליג בא מענדל דעמ שויכעטס אפנ דאך אונ קוק אונ זע, װי עס פאלט א פערשקע נאָך א פערשקע. אײנע א געלע, אזש א רויטלעכע, האָט זיך פארשפּאָלטנ אונ געעפנט. עס זעט זיך ארויס פונ איר דאָס בײַכיקע קערל. װאָס װעט זי טונ, די רויפעטע, מיט אזויפיל פערשקעס? זי װעט זײ אָפּטרײס־לענ מיגעסטאמ אונ װעט פרעגלענ פונ זײ אײַנגעמאכטס. דעמ אײַנ־געמאכטס װעט זי פארוקנ װײַט אינ דער הרובע. װינטער װעט זי אימ אװעקשטעלנ אינ קעלער ארײַנ, אונ דאָרטנ װעט ער שטײנ אזוי לאנג, ביז ער װעט װערנ געצוקערט אונ כאפּנ א שימל.

נאָכ די פערשקעס קומענ אופ פלוימענ. נישט אלע פלוימענ מיטאמאָל. איכ האָב צוויי סאָרטנ פלוימענ בא מענאשע דעמ רויפע אינ גאָרטנ. איינ בוימ האָב איכ מיט „טשערקינעס". דאָס איז א מינ קײַלעכיקע, זיסע, הארטע, שווארצע פלוימ. דער אנדערער בוימ איז א בוימ פונ פראָסטע פלוימענ. דאָס איז א מינ פלוימענ, וואָס מע רופט זיי „עמער־פלוימענ". מע פארקויפט זיי אפנ עמער. זיי האָבנ א דינ הײַטל, זענענ גליטשיק אונ קלעפעדיק אונ וואסעריק אפנ טאַמ. פונדעסטוועגנ זענענ זיי ניט אזוי שלעכט, ווי איר מיינט. האלעווײַ וואָלט מענ זיי נאָר וועלנ געבנ. מענאשעכע די רויפעטע איז אָבער ניט פונ די איבעריקע געבערקעס. זי מאכט בעסער פונ די פלוימענ פאָווידלע אפנ ווינטער. ווענ וועט זי אופעסנ אזויפיל פאָווידלע?

ז.

אראָפגעפאטערט די ווײַנשל מיט די פערשקעס מיט די פלוימענ, הייבט זיכ אָנ פאר מיר א סעדרע עפל. עפל, דארפט איר וויסנ, איז ניט קיינ בארנ. בארנ, זיי מעגנ זײַנ די בעסטע בארנ אינ דער וועלט („בערגאמאָטנ"), וויבאלד זיי זענענ ניט רעכט פארטיק, קאָנט איר מיט זיי גאָרניט מאכנ. גייט קײַט האָלצ! עפל מעגנ זײַנ ווי גרינ, די קערעלעכ מעגנ זײַנ ווי ווײַס, האָבנ זיי שוינ א טאַמ פונ עפל. איר שטעקט ארײַנ די ציינ אינ א גרינעמ עפל, ווערט אײַכ זויער אינ מויל. ווייסט איר, וואָס איכ וועל אײַכ זאָגנ? איכ וועל אײַכ ניט אוועקגעבנ קיינ האלבנ גרינעמ עפל פאר צוויי צײַטיקע. אפ צײַטיקע דארפ מענ ווארטנ ביז העט-העט, אונ גרינע עפל קאָנט איר האָבנ טייקעפ נאָכ דעמ, ווי דאָס ביימעלע האָט אָפגעבליט. עס ווענדט זיכ נאָר אינ דער גרייס. וואָס ווײַטער אנ עפל וואקסט, ווערט ער גרעסער, ווי, לעהאווידל, א מענטש... עס איז ניט קיינ רײַע, אז א גרויסער עפל דארפ זײַנ גוט. אמאָל מאכט זיכ, אז זא קליינ עפעלע זאָל זײַנ בעסער פונעמ גרעסטנ עפל. לעמאָשל, נעמט „ערעצ־יִיסראָעל־עפעלעכ". זיי זײַנענ ווײַניק, אָבער געשמאק. צי אשטייגער, קיסליצעס, אָדער קוואס־עפעלעכ, וואָס גייט זיי אָפ? הײַנ־טיקנ זומער איז אפ זיי א מוירעדיק גערעטעניש. עס וועט זײַנ אזויפיל, אז מע וועט זיי פירנ מיט וועגנ. אזוי האָב איכ געהערט פונ מענאשעכע דער רויפעטעס מויל. זי האָט דאָס געזאָגט צו „רוונ דעמ עפל־ייִד", בעשאס די עפל זענענ נאָכ געוועזנ אינ רעכטנ בליִען. רוונ דער עפל־ייִד איז געקומענ צו גיינ אָנקוקנ דעמ גאָרטנ. ער האָט געוואָלט אָפ־

האנדלען בא איר די עפּל מיט די בארג אפּן בוים. אפּ עפּל און אפּ בארג איז רוווג שוין איינמאָל א מיוון. ער, אז ער טוט א קוק מיט איין אויג אפּ א בוים, וועט ער אײַך באלד זאָגן, וויפל פארנאָסע דער בוים קאָן געבן. ער וועט אײַך קיינמאָל נישט האָבן קיין טאָעס אפּ אָט אזויפיל. סײַדן עס וועלן זײַן גרויסע ווינטן, און די עפּל וועלן אָפּפאלן פאר דער צײַט, אָדער א וואָרעם וועט זיך ארײַנכאפּן, א „האָסעניצע" וועט זיך זעצן. דאָס איז אלץ אזעלכע זאכן, וואָס א מענטש קאָן ניט ויסן. א ווינט איז דאָך פון גאָט, און „האָסעניצעס" אויך. כאָטש אפּי־עלע איך ווייס ניט, אפּ וואָס דארפּ גאָט ווערים מיט „האָסעניצעס" ? סײַדן צוליב דעם, זיי זאָלן צונעמען בא רווון דעם עפּל־ייִד דאָס שטיקל ברויט?... רווון זאָגט, אז ער פארלאנגט נישט מער פון א בוים, ווי א שטיקל ברויט. ער האָט, זאָגט ער, א ווײַב און קינדער און זוכט פאר זיי א שטיקל ברויט. מענאשעכע זאָגט אים צו נישט נאָר א שטיקל ברויט, נאָר ברויט מיט פלייש. זי ווינטשט זיך אזא מאזל, וואָס פארביימער זי גיט אים. ס'איז דען ביימער? ס'איז גאָלד, ניט קיין ביימער.

— איר ווייסט, אז איך בין אײַך, כאָלילע, ניט קיין סוינעטע, — זאָגט אים מענאשעכע, — וואָס איך ווינטש אײַך, מעג עס מיר אָנקומען.

— אָמיין! — מאכט צו איר רווון מיט א שמייכל אפּ זײַן גוט רויט פּאָנעם, וואָס עס שיילט זיך פון דער זון, — איר גיט מיר ארויס א קסאוו פאר ווינטן, ווערים און האָסעניצעס, געב איך אײַך נאָך מער וויפל איר ווילט.

מענאשעכע טוט אפּ אים א מאָדנעם קוק פונונטן ארופּ און מאכט צו אים מיט איר מאנצבילשער שטים:

— גיט מיר ארויס א קסאוו, אז איר גייט אוועק פונדאנען און גלײַטשט זיך ניט אויס אפּן גלײַכן וועג און ברעכט זיך ניט אויס א פוס.

— פון אויסגלײַטשן זיך און אויסברעכן א פוס איז קיינער ניט באוואָרנט! — זאָגט רווון און קוקט אפּ איר מיט זײַנע גוטע שמייכלענדיקע אויגן, — דאָס קאָן זיך טרעפן מיט א נאָגיד נאָך גיכער ווי מיט אן אָרעמאן, ווײַל א נאָגיד האָט מיט וואָס צו קרענקען.

— איר זענט א ייִד א כאָכעם! — ענטפערט אים מענאשעכע מאָלע גאזלען, — נאָר א מענטש, וואָס ווינטשט דעם אנדערן זיך אויסברעכן א פוס, קאָן אים אָפּדארן די צונג אזוי, אז ער זאָל גאָרניט ויסן, פונוואנען ס'איז צו אים געקומען.

— פארוואָס ניט? — זאָגט זיך רווון אלץ מיטן זעלבן שמייכעלע, — פאר גויט איז א צונג אויך נישקאָשע, אבי נישט כאָלילע באַם קאפּצן...

ט.

אַן אָווייִרע, וואָס דער גאָרטן איז ניט אַריבער צו רוּוון דעם עפּל־
יִיד אין רעשוּס אַרײַן. מיר וואָלט דאָס געווען אַסאַך מער ניכע, ווי בּאַ
דער מעכאַשײפּעטע. איר האָט נאָך אַזאַ צאָרע ניט געזעען. לאָז אַראָפּ־
פאַלן אַן עפּעלע אַ ווערעמדיקס, אַן אײַנגעדאַרטס, אַן אײַנגעקנײטשטס,
ווי בּאַ אַן אַלטער באַבּעצי דאָס פּאָנעם, וועט זי זיך ניט פוילן זיך
אָנבּייגן, אוֹפהייבּן, אַרײַנלייגן אין פאַרטעך אַרײַן און אַוועקטראָגן. ווו־
הין טראָגט זי זיי? אַפּאָנעם, אַפן בּוידעם, און עפּשער אין קעלער?
עס ווײַזט אויס, אַז אין קעלער. מאַכמעס איך האָבּ געהערט דערציילן,
אַז פאַריאָרן איז בּאַ איר פאַרפוילט געוואָרן אַ קעלער מיט עפּל. איז
בּישט אַ מיצווע, מע זאָל בּאַ איר רײַסן עפּל? יאָ, אָבּער וויאַזוי רײַסט
מען זיי? אַרײַנכאַפּן זיך אין גאָרטן בּאַדערנאַכט, ווען אַלע שלאָפן, און
אָנשטופּן פולע קעשענעס, וואָלט אַוואַדע געווען אַ סייכל. וואָס־זשע
וועט אָבּער זאָגן דער קעלעוו? און ווי אַפּ צולאָכעס וואַקסן הײַנטיקן
זומער עפּל איינס אין איינס. זיי בּעטן זיך, זיי כאַלעשן, מע זאָל זיי
אָפּרײַסן! וואָס טוט מען? ס׳זאָל זײַן אַזאַ שפּרוך, אַ מין קישעף, די
עפּל זאָלן גיין צו מיר!... איך קלער אַזוי לאַנג, בּיז איך דערקלער.
בּישט קיין שפּרוך און בּישט קיין קישעף, נאָר אַן אַנדער זאַך. אַ שטעקן,
אַ לאַנגן שטעקן מיט אַ צוויאָק בּאַם שפּיץ. מיט דעם שטעקן, אַבּי איר
טרעפט נאָר מיטן צוויאָק בּאַם הענגערל פונעם עפּל און טוט אַ צי צו
זיך — איז דער עפּל אײַערער. איר דאַרפט נאָר זעען האַלטן דעם שטעקן
אַזוי, אַז דער עפּל זאָל כאָלילע ניט אַראָפּפאַלן אַפּ דער ערד. און טאָ־
מער פאַלט דער עפּל אַראָפּ, איז אויך אָן אַן אומגליק. זי וועט מיינען,
אַז דאָס האָט אים דער ווינט אַראָפּגעשלײַדערט. פאַרשטייט זיך, איר
דאַרפט דעם עפּל ניט אָנרירן מיטן צוויאָק, זי זאָל זיך ניט שטויסן... איך
שווער אײַך בּענעמאָנעס, אַז איך האָבּ איין עפּל בּישט צעשלאָגן. און
אַראָפּגעפאַלן איז בּאַ מיר אויך ניט. בּאַ מיר פאַלן בּישט קיין עפּל. איך
ווייס, וויאַזוי מע דאַרפ האַלטן אַ שטעקן, אַז מע רײַסט עפּל. דעריי־
קער איז, מע זאָל זיך ניט כאַפּן. וואָס האָט איר קיין צײַט ניט? איר
האָט דערטאַפּט אַן עפּל? עסט אים אויפ שטילערהייט, רוט זיך אָפּ אַבּיסל
און רײַסט ווײַטער. איך בּין אײַך אָרעוו, אַז קיין פויגל וועט ניט וויסן!

גייט זײַט אַ נאָווי, אַז די מעכאַשײפּע וועט גאָר וויסן דעם כעזשבּן
פון די עפּל נאָך אַפן בּוים! אַפּאָנעם, זי האָט זיי איבּערגעציילט בּאַטאָג

און האָט זיך געכאַפּט אַפּ מאָרגן, אַז עס פעלן איר עטלעכע שטיק. האָט זי זיך באַהאַלטן בא זיך אַפּן בוידעם און גענומען אונטערקוקן זיך טאָמער וועט איר געראָטן כאַפּן דעם גאַנעוו. אַזוי דענק איך. מאַכמעס פונוואַנען דען האָט זי געקענט דערוויסן זיך, אַז איך ליג בא מענדל דעם שויכעטס אַפּן דאַך און אַרבעט מיטן שטעקן? נעכײַ וואָלט זי מיך כאָטש געכאַפּט אַליין, אָן אײדעס, וואָלט איך מיך געקענט אָפּבעטן בא איר. פאָרט א יאָסעם — טאָמער וועט זי האָבן אַפּ מיר ראַכמאָנעס? איז זי זיך אָבער מעיאַשעוו און גייט אַוועק צו מײַן מאַמען און צו אונדזער שכיינע פּעסי און צו דער שויכעטקע און נעמט זיי אַלע דרײַ מיט זיך און קלעטערט מיט זיי אַרופּ צו אונדז אַפּן בוידעם (א מעכאַשייפע קאָן!). פונעם בוידעם איז זיי שוין געווען ניט שווער צו זען דורכן פענצטערל, וויאַזוי איך אַרבעט מיטן שטעקן.

— נו? וואָס זאָגט איר אַפּ אײַער טאַכשיט? אַצינד גלויבט איר שוין?

די ווערטער האָבן געהערט צו דער רויפעטע. איך האָב דערקענט איר מאַנצבילשע שטים. איך האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום בוידעם און האָב דערזעען אַלע פיר ווײַבער. איך האָב דעם שטעקן מיטן עפּל ניט אַוועקגעוואָרפן. זיי זענען אַליין אַרויסגעפאַלן. א גליק, וואָס איך אַליין האָב מיך געהאַלטן אַפּ די פיס. איך האָב נישט געקאָנט קוקן קיינעם אין די אויגן אַרײַן. דער הונט זאָל ניט ליגן אין גאָרטן, וואָלט איך זיך דערהאַרגעט פאַר ביזאָיען. ערגער פון אַלץ איז מיר געווען דער מאַמעס טרערן. זי האָט ניט אופגעהערט צו קלאָגן און צו יאָמערן און צו באַווײנען מיך:

— ווײ איז מיר! ווינד איז מיר! צו וואָס איך האָב מיך דערלעבט! איך האָב געמיינט, אַז מײַן יאָסעם גייט אין שול אַרײַן זאָגן קאַדעש נאָכן טאַטן, צום סאָפּ ליגט ער גאָר אַפּ א בוידעם, א דונער איז מיר, און רײַסט עפּל פון א פרעמדן גאָרטן!...

און די מעכאַשייפע שטייט איבער איר און לייגט צו מיט איר מאַנצבילשער שטים:

— שמײַסן דאַרפ מען אים, אָט אַזא מעשומעד! קאַטעוועס! גנאָטעוועג, בלוט זאָל גיין! א ייִנגל זאָל וויסן דאָס אַנדערע מאָל, וויאַזוי צו זײַן א ג...

די מאַמע דערלאָזט נישט אַרויסזאָגן דאָס וואָרט „גאַנעוו".

— ער איז א יאָסעם! נעבעך א יאָסעם! — טײַנעט די מאַמע צו דער רויפעטע און קושט איר אין די הענט אַרײַן און בעט בא איר,

אז זי זאָל מיר מוחל זײַן, אז מער וועט דאָס שוין ניט זײַן! זי שווערט איר מיט קאָל האשוועס שעבעוילעם, אז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל, אניט — זאָל זי אָדער אליין שטארבן, אָדער זי זאָל כאָלילע מיך באגראָבן!...

— לאָז ער שווערן, אז ער וועט שוין מער אפילע ניט ארײַנקוקן צו מיר אין גאָרטן ארײַן! — פאָדערט די רויפעטע מיט איר מאנצבילשער שטים אָן א קאפ ראכמאָנעס צו א יאָסעם.

— לאָז מיר אָפּדארן די הענט! לאָז מיר ארויס די אויגן! — זאָג איך, און גיי מיט דער מאמען אהיים און הער אויס איר מוסער מיט איר וויינען, און צעוויין מיך אליין אויך גאנץ געשמאק.

— איך פרעג דיך נאָר, וואָס וועט פון דיר זײַן? — פרעגט מיך די מאמע מיט טרערן, און שטעלט מיר צו א בענקעלע פאר מײַן ברודער עליע. מײַן ברודער עליע הערט אויס די מײַסע מיט די עפל און ווערט בלאס. אפאָנעם, פאר קאס. די מאמע דערזעט, אז ער איז אויסער זיך. זי האָט מוירע, ער זאָל מיך ניט שלאָגן. זי רוימט אים אײַן א סאָד, ער זאָל מיך ניט שלאָגן, וואָרעם איך בין א יאָסעם.

— ווער טשעפעט אים? — זאָגט מײַן ברודער עליע. — איך בין נאָר א באלן צו וויסן, וואָס וועט זײַן פון אים? וואָס וועט זײַן פון אים?!!

אזוי זאָגט מײַן ברודער עליע און קריצט מיט די ציין און קוקט אף מיר, איך זאָל אים זאָגן, וואָס וועט זײַן פון מיר? איך וויס, וואָס וועט זײַן פון מיר? עפשער ווייסט איר, וואָס וועט זײַן פון מיר?

IV

מײַן ברודער עליע האָט כאַסענע

א.

מאַזלטאָוו! איר ווייסט? מײַן ברודער עליע האָט כאַסענע!

וויי־וויי, וואָס סע טוט זיך! עס קאָכט די שטאָט. די וועלט וויגט זיך! אַזוי זאָגט אונדזער שכיינע, פּעסי די גראָבע. זי זאָגט, אַז עס וועט זײַן אַ געהויבענע כאַסענע. אַזאַ כאַסענע, זאָגט זי, איז שוין לאַנג ניט געווען בײַ אונדז אין שטאָט!

וואָס איז די מײַסע? נאָר מיצאַד ראַכמאָנעס. מאַכמעס די מאַמע איז אַן אַלמאָנע און דער כאָסן איז אַ יאָסעם. און אַבּיסל איז טאַקע צוליב זכוס־אָוועס. דעם טאַטנס נאָמען! דער טאַטע, אָלעווהאַשאָלעם, האָט איבערגעלאָזט אַ שיינעם נאָמען! פּאַרן לעבן האָט מען עפּעס ניט געהערט, עמעצער זאָל פֿון אים אַזוי שטאַרק רעדן. איצט, נאָכן טויט, איז פּייסי דער כאַזן געהויכט און געקרוינט. סאַקאָנעס נעפאָשעס! איך הער, וואָס מענטשן זאָגן דער מאַמע מײַנער. זיי זאָגן איר, אַז דער מעכוטן איז ניט קראַנק צו נעמען אָפּ זיך אַלע הויצאָעס און נאָך עפּעס צוצאָלן אויך. ער טאָר ניט פֿאַרגעסן, זאָגן זיי, אַז ער נעמט פּייסי דעם כאַזנס זון פֿאַר אַ כאָסן! מײַן ברודער עליע הערט דאָס. ער פֿאַרשעמט זיך, גלעט זיך דאָס בערדל, ווי אַ גרויסער, ווי אַ מאַנצביל. ער איז שוין אַ מאַנצביל. ערשט אָט דאָ ניט לאַנג האָט זיך אים אָנגעהויבן שיטן אַ בערדל. געוויס איז דאָס אים געקומען פֿון רויכערן. פֿון זינט דער טאַטע איז געשטאָרבן, האָט ער אָנגעהויבן רויכערן. די ערשטע צײַט האָט ער זיך געמוטשעט, פֿלעגט זיך פֿאַרהוסטן. איצט פֿאַרציט ער זיך שוין און קאָן אַרויסלאָזן דעם רויך דורך דער נאָז. אַ טײַערע מעציִע! איר מיינט, אַז איך קאָן דאָס ניט? די גאַנצע צאָרע, וואָס איך האָב ניט קיין טיטון! רויכער איך פּאַפּיר, רויכער איך שטרוי, רויכער איך דער רועך ווייסט וואָס. איז געוואָרן דערפֿון מײַן ברודער עליע. האָט ער מיר געגעבן! ער מעג, און איך טאָר ניט! באַשער איך בין נאָך ניט אַלט

קיין גאנצע נײַען יאָר, אימקיינ וואָס בינ איכ שולדיק? איכ האָב אים געגעבנ דאָס וואָרט, איכ האָב אים געשוואָרנ בא א כומעש, אז אנ עק, מער רויכער איכ ניט. ווי מיינט איר, לאנג האָב איכ געהאלטנ וואָרט? איכ בעט אײַכ, ווער רויכערט ניט הײַנטיקע צײַטנ?

ב.

באלד וועט זיכ איבערקערנ די וועלט. אזוי זאָגט פעסי, אונדזער שכיינע. זי איז געקומענ צו גיינ פונעם מעכוטנ א געקאָכטע. ס'איז א מיִעסע מײַסע. דער מעכוטנ איז געוואָר געוואָרנ, אז דער כאָסנ (מײַנ ברודער עליע) האָט ניט דעם זייגער. דער זייגער איז געווענ א גוטער זייגער, אנ עמעסער, א זילבערנער זייגער. דאָס האָט אים דער מעכוטנ געקויפט א מאטאָנע. ווו איז אהינגעקומענ דער זייגער? ער האָט אים, כאָלילע, ניט פארשפילט אינ קאָרטנ. ער האָט אים פארקויפט אונ דאָס געלט אויסגעגעבנ אפ דאָקטוירים אונ רעפועס. ער האָט געוואָלט ראטעווענ דעם טאטנ — וואָס קומט אים דערפאר? אזוי האָט געטײַנעט פעסי. דער מעכוטנ איז אָבער א פראָסטער ייִד. ער פרעגט, וואָס גע־הער זיכ אָנ א פרעמדער טאטע צו זײַנ זייגער? ער איז ניט מעכויעוו, זאָגט ער, מיט זײַנע זייגערס אויסצוהאלטנ פרעמדע טאטעס. פונעם זייגער איז שוינ בא אים געוואָרנ „זייגערס“, אונ פונעם טאטנ -- „טאטעס“! פעסי זאָגט, אז פונ א כאזערשנ עק קאָנ מענ קיינ שטרײַמל ניט מאכנ... דאָס מיינט זי אונדזער מעכוטנ. ער איז א פראָסטער נעפעש. א בעקער איז ער אונ הייסט יוינע דער בייגלבעקער. ער באקט בייגל. „איר מעגט שוינ ליגנ אינ דער ערד אונ באקנ בייגל“. אזוי זאָגט אים פעסי מיסטאמע אפ קאטאָוועס. אונ עפשער מיינט זי טאקע אפ דער עמעסנ? איכ פארשטיי ניט, וויִאזוי קאָנ מענ ליגנ אינ דער ערד אונ באקנ בייגל: ווער וועט זיי דאָרטנ קויפנ?... ער איז א ייִד א נאָגיד, אונדזער מעכוטנ. פעסי דרינגט, אז ער איז אנ אדיר! זי זאָגט אים אינ די אויגנ, אז ווענ זי פארמאָגט האלב פונ אים, טוט זי מיט אים קיינ שידעכ ניט. זי האָט פײַנט א כאזער. ער מוז אָפּשווײַגנ, וואָרעמ צו איר אז מע פאלט ארײַנ, איז דאָס בעסטע — שווײַגנ. ער איז שוינ מויכל דעם כאָסנ דעמ זייגער, אבי לאָז דאָס האָבנ א סאָפ. זאָגט אָבער פעסי, אז זי איז ניט מויכל. זי וויל, ער זאָל קויפנ דעמ כאָסנ א נײַעמ זייגער. עס פאסט ניט, זאָגט זי, א כאָסנ זאָל גיינ צו דער כופע אָנ א זייגער. טײַנעט ער: וואָס פאר א שײַכעס האָט זי מיט זײַנ כאָסנ? זאָגט זי:

עס האָט א שײַכעס. דערפאר, וואָס דער כאָסנ איז פּייסי דעמ כאזנס א זונ, אונ ער, יױנע דער בײגלבעקער, איז בײדע זאכנ: אי א נאָגיד אי א כאזער. פאַרדריסט דאָס אימ, טוט ער א קלאָפּ מיט דער טיר אונ זאָגט: „לאָז דאָס גײנ אינ דער ערד אַרײַנ!" זאָגט אימ פּעסי: „אפּ גײנ אינ דער ערד אַרײַנ זענט איר בילכער — איר זײַט א בעקער!"...

די מאמע האָט שטארק מוירע, טאָמער כאָלילע שיקט ער אָפּ די טנאָימ. זאָגט איר פּעסי, זי זאָל שלאָפנ רויִק: א יאָסעמ שיקט מענ נישט אָפּ קײנ טנאָימ. איר מײנט, ווער האָט אויסגעפירט? מיר! דער מעכוטנ האָט געקויפט דעמ כאָסנ (מײַנ ברודער עליע) א נײַעמ זײגער, אויכ א זילבערנעמ. נאָכ א בעסערנ פונ יענעמ. דער מעכוטנ האָט אימ אלײנ געבראכט צו טראָגנ. אוי, ווענ איכ האָב אזא זײגער! וואָס מײנט איר וואָלט געווענ? קודעמ וואָלט איכ ארויסגענומענ די געדערימ אונ דער־גאנגענ דעמ סײכל, פארוואָס א זײגער גײט. אונ נאָכדעמ? נאָכדעמ ווײס איכ שוינ וואָס עס וואָלט געווענ. די מאמע ווינטשעוועט אימ, דעמ מעכוטנ, ער זאָל דערלעבנ אימ קויפנ א גאָלדענעמ זײגער. דער מעכוטנ ווינטשעוועט איר אָפּ צוריק, זי זאָל דערלעבנ כאסענע מאכנ דעמ מיזיניק. דאָס מײנט מענ מיכ. איכ בינ צופרידנ אפילע הײַנטיקנ טאָג, אבי א זײגער. די מאמע גלעט מיכ אונ זאָגט, אז עס וועט נאָכ גענוג וואסער איבער־לויפנ, אונ בעשאס־מײַסע זענענ איר די אויגנ נאס. איכ פאַרשטײ ניט, וואָס דארפ לויפנ אזויפיל וואסער, אײדער איכ גײ כאסענע האָבנ, אונ וואָס דארפ מענ דערבײַ ווײנענ? ווײנענ איז בא איר א וואָכעדיקער גאנג, אונ דאָס מוז זי אלע טאָג. ווײנענ איז בא איר ווי, לעמאָשל, בא אײַכ דאווענ, אָדער עסנ. דער שנײַדער האָט אָפּגעבראכט דעמ כאָסנ די מאלבושימ, וואָס דער מעכוטנ האָט באשטעלט — דארפ זי ווײנענ. פּעסי האָט איר אָפּגעבאקנ לעקעכ צו דער כאסענע — דארפ מענ ווײנענ. מאָרגנ אינ דער צײַט איז די כופּע — ווידער געוויינט! איכ פאַרשטײ ניט, פונוואנענ נעמענ זיכ בא מענטשנ אזויפיל טרערנ?...

ג.

עס גיט זיכ אויס א מאָל א טאָג — א גאנײדנ! אינ דרויסנ איז כאָצי עלעל[13]) אונ טאקע כאָצי־עלעלדיק. די זונ בראָט ניט אפּ צו שוויצנ, אפּ צו וועלנ באָדנ זיכ. זי וואַרעמט אונ גלעט קושט אזוי ווי א מאמע. דער הימל איז אויסגעצוואָגנ שאבעסדיק. דער גאנצער אינדרויסנ פרײט זיכ, וואָס מײַנ ברודער עליע האָט כאסענע. גאנצפרי האָט זיכ

אויסגעשטעלט א יאריד אין שטעטל. ווײַבאלד א יאריד, מוז איך דאָרטן זײַן. איך האָב ליב א יאריד דאָס כײַעס. ייִדן לויפֿן ארום, ווי פֿאר־סאמטע מײַז. שוויצן, שרײַען, פּילדערן זיך, רײַסן די גוייִם פֿאר די פּאָלעס, גייען אויס לייזן געלט — א טעאטער מיט זיי! און די גוייִם האָבן צײַט; זיי גייען דאפּקע פּאוואָלי, די היטלען ארופּ, קוקן, טאַפּן, קראצן זיך, דינגען זיך, ווילן האנדלען מעציִעס. גויעס מיט מעשונע מאָדנע שלייערס, מיט ברייטע אָפֿענע פּאזעכעס, מע זעט ארויס די בריסט. אין די פּאזעכעס כאַפּן זיי ארײַן אמאָל, אז מע זעט ניט, א שטיקל סכוירע. ייִדן ווייסן שוין, קוקן מיט אויגן. אז מע דערזעט, טרייסלט מען אויס, און עס ווערט א כאסענע. אמאָל מאכט זיך, אז אן ארייליס [14]) קויפֿט א ליכטל אין קלויסטער ארײַן און פֿארשטעקט דאָס אין שלייער. יונגעלײַט האָבן ניט וואָס צו טון, ווילן זיך מאכן א שטיקל יאָנטעוו, צינדן זיי איר אָן שטילערהייט דאָס ליכטל. אלע קוקן אף דער ארייליס און לאכן. די ארייליס ווייסט ניט וואָס די ייִדן לאכן. הייבט זי אָן צו שעלטן אלע ייִדן מיט טויטע קלאָלעס. לאכט מען נאָך מער. אמאָל ווערט דערפֿון א געשלעג צווישן גוייִם און ייִדן. איך זאָג אײַך — מע דארף נישט קיין טעאטער!... שענער פֿון אלץ איז די „קאָנע". ווייסט איר, וואָס דאָס הייסט? דאָס איז דער פֿערד־מארק. דאָרט קויפֿט מען און מע פֿארקויפֿט פֿערד. דאָרט זעט איר פֿערד, ציגײַנער, בײַטשן, ייִדן, גוייִם און פּריצים. דער טומל איז דאָ כוץ לעדערעכ האטעווע, מע קאָן טויב ווערן. די ציגײַנער שווערן זיך, ייִדן פּאטשן איבער די הענט, פּריצים קנאקן מיט די בײַטשן, און פֿערדלעך לויפֿן אהין און אהער פֿײַל אויסן בויגן. איך האָב ליב צו קוקן, ווי פֿערדלעך לויפֿן, און ווער שמועסט לאָשעקלעך! איך גיי אויס, איך שטארב נאָך א לאָשעקל! און נישט נאָר קליינע לאָשעקלעך האָב איך ליב — אלצדינג וואָס איז קליין: קליינע הינטלעך, קליינע קעצלעך. איר ווייסט? אפּילע אוגערקעלעך קליינינקע, קארטאָפֿל יונגיטשקע, ציבלקעלעך, קנעבעלעך, — אלץ, וואָס קליין, איז ליב. אכוץ כאזיירימלעך. כאזײריִם האָב איך פֿײַנט אפּילע קליינערהייט... איך קער מיך אום צו די פֿערדלעך. די פֿערד לויפֿן. די לאָשעקלעך לויפֿן נאָך די פֿערד. איך לויף נאָך די לאָשעקלעך. אלע לויפֿן מיר. אף לויפֿן בין איך א פֿײַער. איך האָב זייער גרינגע פֿיס, דערצו גיי איך באָרוועס און זייער לײַכט אָנגעטאָן: א העמדל, איין הויז און פֿונויבן א סיצן ארבעקאנפֿעסל. אז איך לויף אראָפּ־א־בארג און ס'איז א ווינטל און די

ציִצעס צעלאָזן זיך, מאָלט זיך מיר אויס, אַז איך האָב פֿליגל און איך פֿלי.

— מאָטל! גאָט איז מיט דיר! שטיי אַ ווײַלע!

אַזוי שרײַט צו מיר פּעסיס מאַן, מוישע דער אײַנבינדער. ער לויפֿט פֿונעם יאַריד אַהיים מיט אַ פּאַק באַבולע פּאַפּיר. איך האָב מוירע, אַז ער זאָל מיר ניט צושטעלן אַ בענקעלע פֿאַר דער מאַמען, און איך זאָל ניט כאַפּן קיין פּסאַק פֿון מײַן ברודער עליִע. איך הער אויף צו לויפֿן, גיי צו פּאַמעלעך מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן צו אונדזער שכיינעס מאַן. ער לייגט אָפּ דאָס פּעקל פּאַפּיר, ווישט זיך מיט דער פּאָלע דעם שווייס און זאָגט מיר מוסער:

— ווי שעמסט זיך דאָס ניט אַ ייִנגעלע אַ יאָסעם דרייען זיך צווישן ציגײַנערס און לויפֿן מעשוגענערהייט מיט אַלע פֿערד? און נאָך אין אַזאַ טאָג! שוין באַלד די כופּע באַ דײַן ברודער — דאָס ווייסטו? קום אַהיים!

ד.

— ווו ביסטו געווען? אַ דונער איז מיר!

אַזוי זאָגט צו מיר די מאַמע מיט אַ פּליעסק מיט די הענט און באַטראַכט מײַן צעריסן הייזל, מײַנע צעבלוטיקטע פּיס און מײַן פֿאַר־פּלאַמט, פֿאַרשוויצט פּאָנעם. לאַנג לעבן זאָל מוישע דער אײַנבינדער. קיין וואָרט האָט ער ניט דערציילט פֿאַר קיינעם. די מאַמע וואַשט מיך אַרום, טוט מיר אָן אַ פּאָר נײַע הייזלעך מיט אַ קאַשקעטל צו דער כאַסענע. די הייזלעך זענען געמאַכט געוואָרן, איך ווייס ניט פֿון וואָ־סער אַ מאַטעריִע: אַז מע שטעלט זיי אַוועק, שטייען זיי, און אַז מע גייט, שרײַען זיי. מאָדנע הייזלעך!

— אַז דו וועסט צערײַסן אָט־אָ די הייזלעך, איז שוין עק וועלט!

אַזוי זאָגט די מאַמע, און איך מיין אויך אַזוי. אַזעלכע הויזן קאָנען זיך שוין ניט צערײַסן. סײַדן מע זאָל זיי צעברעכן. דאָס קאַשקעטל איז גאָר פֿון די אַנטיקן, און אַ דאַשעקל האָט דאָס אַ שוואַרצס, אַ גלאַנ־צנדיקס. אַז עס הערט אויף צו גלאַנצן, באַשפּײַט מען דאָס, הייבט עס אָן אָפּסנײַ צו גלאַנצן. די מאַמע קוקט אָפּ מיר און קוועלט, און טרערן קײַקלען זיך אָפּ אירע געקנייטשטע באַקן. איר ווילט זיך זייער, אַז איך זאָל אָפּ דער כאַסענע אויסנעמען. זי זאָגט צום כאָסן:

— עליִע! ווי מיינסטו? איך וועל מיט אים ניט פֿאַרשעמט ווערן? ער גייט אָנגעטאָן, קיין אײַנהאָרע, ווי אַ מאָנאַרכס אַ קינד.

מײַן ברודער עליע באַטראַכט מיך, גלעט זיך דאָס בערדל און קוקט אַף מײַנע פיס. איך ווייס, וואָס באַטײַט זײַן קוקן. ער קוקט, וואָס דעם „מאָנאַרכס קינד" גייט באָרוועס... די מאַמע פאַרשטייט אויך זײַן קוק, נאָר זי מאַכט זיך ניט ווי סנדיק... אַליין גייט זי אָנגעטאָן אין אַ מאָדנע געל מאַלבעש, וואָס איך האָב עס אַף איר קיינמאָל נישט געזען. דאָס מאַלבעש איז אַף איר מעגושעמ ברייט. איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז איך האָב עס אַמאָל געזען אַף אונדזער שכיינע פעסי... דערפאַר טראָגט זי אַפן קאָפּ אַ זײַדענע פאַטשיילע, אַ שפּאָגל נײַע, נאָך מיט אַלע קנייטשן. דעם קאָליר פון דער פאַטשיילע איז שווער צו באַשרײַבן. מע קאָן זאָגן ווײַס, מע קאָן זאָגן געל, מע קאָן זאָגן ראָז — עס ווענדט זיך אָן דער צײַט. באַטאָג איז עס העל־ראָז, פאַרנאַכט קוקט דאָס אויס געלבלעך, און באַנאַכט — ווײַס. גאַנצפרי מאָלט זיך עס אויס גרינלעך, און אַמאָל, אַז מע קוקט זיך שטאַרק אײַן, פאַלט דאָס גאָר אַרײַן אין „אַנטיק־מאָרע". דאָס הייסט: העל־רויטלעך־בלוי־טונקל־גרין־פּאָפּעליאַטע. זאָגן אַף דער פאַטשיילע אַ כיסאָרן קאָן מען ניט, וואָרעם ס׳איז אַ זעלטענע פאַטשיילע, נישט מער, אַף דער מאַמע זעט זי אויס פרעמד, שטאַרק פרעמד, עפּעס קלעפּט זיך ניט די פאַטשיילע צום פּאָ־נעם. די פאַטשיילע איז פאַר זיך, און דאָס פּאָנעם איז פאַר זיך. אַ ווײַבערשע פאַטשיילע איז ווי, לעהאַוודל, אַ מאַנצבילש היטל. דאָס היטל מיטן פּאָנעם באַדאַרפן זיך פּאָרן, זײַן ווי צוגעפּאַסט. אָט, למשל, מײַן ברודער עליע. ער גייט אָנגעטאָן אַ קאַרטוזל, איז דאָס ווי אויס־געוואָקסן בײַ אים אַפן קאָפּ. די פּייעס האָט מען אים אינגאַנצן אָפּגע־שאָרן, און ניט נאָר אָפּגעשאָרן, נאָר אָפּגעגאָלט. אַ מאַנישקע האָט ער אָנגעטאָן אַ ווײַסע מיט אַ האַרטן קאָלנער, מיט אָפּגעלייגטע שפּיצן. און אַ שניפּסל האָט ער געקויפט אַ ווײַס מיט רויטע, גרינע און בלויע פּינטעלעך. אַ רײַכער שניפּס! שטיוול מיטן גלאַנץ און מיטן סקריפּ און אַף שטאַרק הויכע אָפּצאַסן — ער זאָל אויסזען אַביסל העכער. עס וועט אים אָבער העלפן, ווי אַ טויטן באַנקעס: ער איז זייער קליין געוואַקסן. ער איז ניט אַזוי קליין, ווי זי איז גרויס און הויך און מאַנצבילדיק, און רויט און ראַבעטיני, און אַ שטימע האָט זי אַ מאַנצבילשע. איך רעד פון דער קאַלע, פון יוינע דעם בעקערס טאָכטער. בראָכע הייסט זי. אַ פאַרגעניגן געווען צו זען דאָס פּאָרל אונטער דער כופּע. איך האָב קיין צײַט ניט צו קוקן אַף כאָסן־קאַלע. איך בין פאַרנומען. איך דאַרף זען די קלעזמער. און ניט אַזוי די קלעזמער, ווי זייערע

קיילים. מער ווי אלץ — דעם קאָנטרבאַס מיטן קעסלפּויק. שיינע צוויי קיילים! דער כיסאָרן, וואָס מע קאָן ניט צוגיין נאָענט א פּרווו טון די קיילים. באַלד עפּעס געבן זיי איבער די הענט, אָדער דרייען אײַך אָן אַן אויער. דער רועכ כאַפּט זיי אוועק, טאָמער רירט איר זיך צו מיט א פינגער! איר וועט זיי אָפּבײַסן! אַך, ווען די מאַמע זאָל זײַן א גוטע מאַמע, וואָלט זי מיך געמאַכט פאַר א קלעזמער. איך ווייס אָבער, אַז זי וועט דאָס ניט וועלן, ניט מאַכמעס זי איז א שלעכטע, נאָר מאַכמעס די וועלט וועט ניט דערלאָזן, אַז פּייסי דעם כאַזנס ייִנגל זאָל זײַן א קלעזמער. ניט קיין קלעזמער און ניט קיין באַלמעלאָכע. מע האָט שוין גערעדט דערפון ניט איין מאָל, וואָס וועט זײַן פון מיר דער טאַכלעס. די מאַמע, מײַן ברודער עליע, אונדזער שכיינע פּעסי און איר מאַן, מוישע דער אײַנבינדער. ער האָט כיישעק מיך נעמען צו דער אַרבעט. דערלאָזט נישט פּעסי. זי זאָגט, אַז פּייסי דער כאַזנס, אָלעווהאַשאָלעם, האָט ניט פאַרדינט, אַז זײַן זון זאָל זײַן א באַלמעלאָכע... איך האָב מיך פאַרעדט און גאָר פאַרגעסן פון דער כאַסענע. ס'איז שוין לאַנג נאָך דער כופּע. מע גרייט שוין צום טיש. ווײַבער און מיידלעך טאַנצן א קאַדריל. איך האָב מיך אַרײַנגעפּלאָנטעט מיט מײַנע הילצערנע הויזן אינמיטן. די, וואָס קוקן ווי מע טאַנצט, האָבן מיך געכאַפּט און געשטופּט אינעם קראָמ ... — — גענומען וואַרפן איינער צום אַנדערן, ווי א מיאַטש. „וואָס איז דאָס פאַר א פּריטשעפּע?" זאָגט איינער. „עפּעס א שלימאַזל!" זאָגט דער אַנדערער. „א רעשטל צו די צאָרעס!" זאָגט א דריטער. דערזעט אונדזער שכיינע און צעשרײַט זיך (זי איז שוין הייזעריק ווי די וואַנט!):

— צי איר זענט מעשוגע, צי כאָסערדייע, צי מעטורעף, צי גערירט, צי פונעם זינען, צי ניט בא אַלע געדאַנקען? דאָס איז דאָך דעם כאָסנס ברודערל!!!...

אַהאַ! עס האָט זיי גענומען! אוואַדע האָט מען מיך אוועקגעזעצט באַם טיש גלײַך מיט קאַלעס צאַד. און ווייסט איר, מיט וועמען מע האָט מיך באַזעצט? אַז איר וועט זײַן מיט אַכצן קעפּ, וועט איר אויך ניט טרעפן! מיט דער קאַלעס שוועסטערל, יוינע דעם בעקערס קליין טעכטערל. אַלטע הייסט זי. זי איז עלטער פון מיר סאַכאַקל מיט איין יאָר און טראָגט צוויי צעפּלעך, צונויפגעבונדן פונונטן מיט א סטענגעלע, און זעען אויס ווי א געפלאָכטענער בייגל. איך און אַלטע עסן פון איין טעלער ניט ווײַט פון כאָסן־קאַלע. דער כאָסן, מײַן ברודער עליע, קוקט אף מיר, איך זאָל זיצן ווי א מענטש, איך זאָל עסן מיט א גאָפּל

און זאָל ניט כאפּן, און זאָל אכטונג געבּן אפ דער נאָז. איר ווייסט, וואָס איך ועל אײַך זאָגן? איך האָבּ קיין האנאָע ניט פון דער וועטשע־רע. איך האָבּ פײַנט, אז מע קוקט אפ מיר. צו די אלע זאכן טראָגט אָן דער גוטער יאָר אונדזער שכיינע פּעסי.

— זאָלט איר זײַן געזונט! — שרײַט זי מיט אלע קויכעס צו דער מאמען. — טוט נאָר א קוק אהער. פארוואָס זאָל ניט זײַן קיין שידעך?... א זיווג מין האשאָמאַיִם [15]!

אפ איר הייזעריקן געשריי קומט אָן דער מעכוטן, יוינע דער בּע־קער, אָנגעטאָן שאבּעסדיק, און עס ווערט א שמועס, אז איך און אלטע זענען כאָסן־קאלע. יוינע דער בּעקער לאכט מיט א האלבּן מויל. דאָס הייסט: די אייבּערשטע ליפּ בּא אים לאכט, די אונטערשטע וויינט. דער גאנצער אוילעם קוקט אפ אונדז. מיר בּיידע, איך און אלטע, לאָזן אראָפּ די אויגן אונטערן טיש און שטיקן זיך פאר געלעכטער. בּיכדיי איך זאָל ניט אויסשיסן, האלט איך מיך צו בּא דער נאָז און בּלאָז מיך אָן ווי א פּאָכיר. נאָך א מינוט וועט דער פּאָכיר פּלאצן און ס'וועט זײַן א סקאנדאל. א גליק, וואָס די קלעזמער טוען א זעץ א שיינעם ניגן, א וואָלעך. דער גאנצער אוילעם ווערט פארטראכט. איך הייבּ אוף דעם קאָפּ און דערזע די מאמע מיטן געלן פרעמדן מאלבּעש און מיט דער זײַדענער פאטשיילע. זי טוט דאָס, וואָס אלע מאָל: זי וויינט! איר ווייסט ניט, זי וועט אמאָל אופהערן צו וויינען?...

V

איך האָב אַ רײַכע שטעלע

א.

די מאמע האָט מיר אָנגעזאָגט אַ בשורה, אַז איך האָב שוין אַ שטע־לע. נישט כאָלילע בײַ אַ באַלמעלאָכע — אירע סאָנים, זאָגט זי, װעלן דאָס ניט דערלעבן, אַז פּײַסי דעם כאַזנס זון זאָל זײַן אַ באַלמעלאָכע. מײַן שטעלע, זאָגט זי, איז אַ רײַכע שטעלע, אַ גרינגע שטעלע. אַ גאַנצן טאָג װעל איך גײן אין כײדער, אין טאַלמעד־טוירע, הײסט עס, און באַנאַכט װעל איך גײן שלאָפן צום אַלטן לוריע. דער אַלטער לוריע איז אַ גרױסער גװיר, זאָגט זי. ער איז נאָר אַ קראַנקער, דאָס הײסט, אַזױ איז ער געזונט, עסט און טרינקט און שלאָפט, נאָר ניט באַנאַכט. באַנאַכט קאָן ער ניט שלאָפן. קײן אײן אױג מאַכט זיך אים ניט צו. האָבן די קינדער מוירע אים לאָזן אײנעם אַלײן באַנאַכט. דאַרף מען האָבן אַ מענטש זאָל זײַן מיט אים. עס מעג זײַן אַ קינד, אַבי אַ מענטש. אװעקזעצן צו אים אַן אַלטן ייִדן פּאַסט נישט. אַ קינד — גאָר נישט, עלעהײ אַ קעצל. פינף רובל אַ װאָך האָבן זײ צוגעזאָגט, און װעטשערע פאַר דיר אַלע פאַרנאַכט, װען דו קומסט פון טאַלמעד־טוירע (אַזױ זאָגט מיר די מאַמע מײַנע). אַ גוטע װעטשערע, אַ נעגידישע. װאָס בײַ זײ פאַלט אַראָפּ, קאָן עס זײַן גענוג פאַר אונדז אַלע. גײ, מײַן קינד, אין כײדער. פאַרנאַכט װעסטו קומען, װעל איך דיך אָפּפירן אַהין. װעסט נישט האָבן קײנשום אַרבעט. אַ נעגידישע װעטשערע און אַ געלעגער אױך אַ גוטן. און פינף רובל אַ װאָך. איך װעל דיר מאַכן אַ פּאָר מאַלבושימלעך, שטיװעלעך דיר קױפן.

דאַכט זיך, גוט — איאָ? װאָס־זשע דאַרף מען װײנען? קאָן זי אָבער אַנדערש ניט, די מאַמע מײַנע. װײנען מוז זי!

ב.

אין טאַלמעד־טוירע גײ איך דערװײַל אַזױ. לערנען לערן איך ניט. נישטאָ פאַר מיר קײן קיטע[16]. העלפ איך דער רעבעצן אין שטוב און שפּיל מיך מיט דער קאַץ. דער רעבעצנס אַרבעט איז ניט קײן שװערע אַר־

בעט. אויסקערן די שטוב, העלפן אַרײַנטראָגן האָלץ, גײן אַ גאַנג — ס'איז בלאָטע, ס'איז ניט קײן אַרבעט. אַבי ניט לערנען. לערנען איז ערגער. דערפֿאַר אָבער די קאַץ — אַסאַך מער אײַנגענעם. אַ קאַץ, זאָגט מען, איז אַ טאָמע. איך זאָג: ס'אַ ליגן. אַ קאַץ איז אַ ריינע חיה. אַ קאַץ, זאָגט מען, איז אַ מזיק. איך זאָג: ס'אַ ליגן. אַ קאַץ איז אַ צוגעלאָזטע זאַך. אַ הונט האָט אין זיך כאַניפֿע, אַ הונט דרייט מיטן עק. אַ קאַץ לאַשטשעט זיך, און אַז מע גלעט זי איבערן קעפּל, מאַכט זי צו די אײגלעך און הייבט אָן מורקען. איך האָב ליב אַ קאַץ, — וואָס קומט מיר דערפֿאַר? רעדט־זשע אָבער מיט זיי, מיט מײַנע כאַווײרים, וועלן זיי אײַך דערציילן טויזנט מעשׂים. אַז מע האַלט אַ קאַץ, דאַרף מען וואַשן די הענט. אַז מע האַלט אַ קאַץ, שאַדט צום זיקאָרן. זיי ווייסן שוין ניט וואָס אויסצוטראַכטן. זיי האָבן אַ טעווע — לאָז צוגיין צו זיי די קאַץ, דערלאַנגען זיי איר אַ שנײַד מיטן פֿוס אין זײַט אַרײַן. איך קאָן ניט זען, ווי מע שלאָגט אַ קאַץ. לאַכן זיי פֿון מיר. באַ זיי איז ניטאָ קײן צאַר־באַלעכאַיִם. איך רעד פֿון די קינדער, וואָס מיט מיר אין דער טאַלמעד־טוירע. זיי זײַנען ראָצכים. פֿון מיר לאַכן זיי, זיי רופֿן מיך: „די הילצערנע הויזן", — און מײַן מאַמע — „די קלאָגעדיקע", ווײַל זי וויינט שטענדיק.

— אָן גייט דײַן קלאָגעדיקע מאַמע! — זאָגן זיי צו מיר.

דאָס איז זי געקומען מיך אָפּנעמען פֿון חיידער און אָפּפֿירן אַף מײַן רײַכע שטעלע.

ג.

אַפּן וועג באַקלאָגט זיך די מאַמע, אַז איר איז ביטער און פֿינצ־טער (ביטער אַליין איז קאַרג). גאָט האָט איר געגעבן צוויי קינדער, און זי דאַרף זײַן אַליין. מײַן ברודער עליע האָט, זאָגט זי, כאַסענע געהאַט, קײן אײַנהאָרע, זייער גוט, אַרײַן אין אַ שמאַלץ־גרוב. איז אָבער דער כיסאָרן, וואָס דער שווער איז אַ גראָבער יונג. אַ בעקער, מישטיינס־געזאָגט. וואָס קאָן מען פֿאַרלאַנגען פֿון אַ בעקער? אַזוי טײַנעט מיט מיר די מאַמע, און מיר קומען אַף מײַן רײַכער שטעלע, צום אַלטן לוריע. דער אַלטער לוריע זיצט אין אַ קייזערלעכן פּאַלאַץ. אַזוי זאָגט די מאַמע. אין אַ קייזערלעכן פּאַלאַץ בין איך אַ באַלן זײַן. דערווײַלע זענען מיר אין קיך. איך און די מאַמע. אין קיך איז אויך ניט מיִעס. דער אויוון איז ווײַס און גלאַנצט, און די קיילים גלאַנצן,

אונ אלצדינג גלאנצט. מע בעט אונדז זיצנ. עס קומט ארויס א ווײַבל, אָנגעטאָנ ווי א פריצע. זי רעדט מיט דער מאמע אונ ווײַזט אפ מיר. די מאמע שאָקלט צו מיטנ קאָפ, ווישט אלעמאָל די ליפנ אונ וויל ניט זיצנ. איכ זיצ דאפקע יאָ. די מאמע גייט אוועק, זאָגט מיר אָנ, איכ זאָל זיכ האלטנ, ווי א מענטש. דערבײַ כאפט זי דערווײַל א ווײַנ אונ א וויש די אויגנ. מאָרגנ וועט זי קומענ נאָכ מיר אונ וועט מיכ אָפפירנ, זאָגט זי, אינ כיידער ארײַנ. מע גיט מיר עסנ. יויכ מיט קוילעטש (אינדערוואָכנ קוילעטש!) אונ פלייש — א גוזמע פלייש! אָפגעגעסנ, הייסט מענ מיר גײַנ ארופ. ווייס איכ ניט, וואָס הייסט „ארופ"? פירט מיכ אָפ די קעכנ. כאנע הייסט זי. זי איז א שווארצע מיט א לאנגער נאָז. מע פירט מיכ ארופ אפ טרעפ. די טרעפ זענענ אויסגעבעט מיט ווייכנ. מיט באָרוועסע פיס איז א מעכײַע צו גיינ. ס'איז נאָכ ניט רעכט נאכט, אונ בא זיי ברענענ שוינ לאָמפנ. אָנ א שיר לאָמפנ. די ווענט זענענ אויסגעקלעפט מיט צאצקעס אונ מיט מענטשעלעכ. די שטולנ זענענ באדעקט מיט לעדער. די סטעליע איז צעמאָלט, ווי, לעהאוודל, אינ בעסמעדרעש. נאָכ שענער ווי אינ בעסמעדרעש. מע האָט מיכ ארײַנגעפירט אינ א גרויסנ אלקער. דער אלקער איז אזוי גרויס, אז ווענ איכ זאָל זײַנ איינער אליינ, וואָלט איכ געלאָפנ פונ איינ וואנט ביז דער אנדערער, אָדער איכ וואָלט מיכ גאָר אנידערגעלייגט אונ געקאטשעט זיכ אפ דער סאמעטנער קאָלדרע, וואָס איז אויסגעשפרייט איבער דער גאנצער ערד. אפ אזא קאָלדרע דארפ זײַנ ניט שלעכט צו קאטשענ זיכ. שלאָפנ דארפ זײַנ אויכ נישקאָשעדיק.

ד.

א שיינער ייִד, א הויכער, מיט א גרויער באָרד, מיט א ברייטנ שטערנ, א זײַדענער כאלאט, א יארמעלקע פונ גאָלע סאמעט, שטעקשיכ אפ די פיס, אויכ פונ סאמעט מיט בליטשקע אויסגענייט, — אָט דאָס איז דער אלטער לוריע. ער זיצט איבער א גרויסנ גראָבנ סייפער. זאָגנ זאָגט ער גאָרניט, נאָר ער קײַט די שפיצנ פונעמ באָרד, קוקט ארײַנ אינ סייפער, שאָקלט מיט א פוס אונ ברומט שטילערהייט צ זיכ אליינ. א מאָדנער ייִד אָט דער אלטער לוריע. איכ קוק אפ אימ אונ טראכט: ער זעט מיכ, צי ער זעט מיכ ניט? ווײַזנ ווײַזט אויס, אז ניינ. וואָרעמ קוקנ קוקט ער ניט, אונ געזאָגט האָט מענ אימ גאָרניט. מע האָט מיכ נאָר ארײַנגעלאָזט אהער אונ מע האָט פארשלאָסנ די טיר

פון יענער זײַט. פּלוצים רופט זיך אָן דער אַלטער לוריע, און קוקנ קוקט ער אַלץ נאָך ניט אַף מיר:

— קומט אַהער, װעל איך אײַך װײַזן אַ שטיקל ראַמבאַם [17].

צו װעמען רעדט ער דאָס? צו מיר? מיר זאָגט ער „איר"? איך קוק מיך אום אַף אַלע זײַטן. אַכוץ מיר איז גישטאָ דאָ קײנער. דער אַלטער לוריע ברומט אױס נאָכאַמאָל אַף זײַן גראָבער שטים:

— קומט אַהער, װעט איר זעען, װאָס דער ראַמבאַם זאָגט!

איך בין אַ באַלן צוצוגײן צו אים נאָענט.

— מיך רופט איר?

— אײַך, אײַך, װעמען דען?

אַזױ מאַכט צו מיר דער אַלטער לוריע און קוקט אין גרױסן בוך אַרײַן און נעמט מיך פאַר אַ האַנט און טײַטלט מיט אײן פינגער און גיט מיר צו פאַרשטײן, װאָס דער ראַמבאַם זאָגט. און װאָס װײַטער, רעדט ער העכער און מיט אַלץ מער היץ. ער צעקאָכט זיך אַזױ שטאַרק, אַז ער װערט אַזש רױט. ער דרײט מיטן גראָבן פינגער, און מיטן עלנבױגן דערלאַנגט ער מיר אַלע מינוט אין זײַט אַרײַן און מאַכט צו מיר:

— נו, װאָס זאָגט איר? איאָ, עס איז גוט?

ס'זאָל זײַן שטאַרק גוט, זע איך ניט. דעריבער שװײַג איך. איך שװײַג, און ער קאָכט זיך. ער קאָכט זיך, און איך שװײַג. עס הערט זיך אַ קלונג פון אַ שליסל פון יענער זײַט. עס עפנט זיך די טיר און עס קומט אַרײַן דיזעלבע, װאָס גײט פריציש אָנגעטאָן. זי גײט צו צום אַלטן לוריע און רעדט אים גלײַך אין אױער אַרײַן. אַפּאָנעם, ער איז אַ טױבער. אַניט — װאָס דאַרף זי שרײַען? זי זאָגט אים, ער זאָל מיך אָפּ־לאָזן, װאָרעם איך דאַרף שױן שלאָפן. זי נעמט מיך צו פון זײַנע הענט און באַלײגט מיך אַף אַ סאָפע מיט „שפּרינזינעס". דאָס בעטגעװאַנט איז װײַס אַזױ װי שנײ. אַ קאָלדרע אַ זײַדענע, אַ װײכע — טאַם גאַנײדן! די, װאָס גײט פריציש אָנגעטאָן, דעקט מיך אײַן, גײט אַװעק און פאַר־שליסט די טיר פון יענער זײַט. דער אַלטער לוריע גײט אַרום איבער דער שטוב, די הענט פאַרלײגט אַהינטער, קוקט אַראָפּ צו זיך אַף די שײנע שטעקשיך, און ברומט, און באָמקעט, און מאַכט עפּעס מאָדנע מיט די ברעמען. מיר קלעפּן זיך די אױגן. איך װיל שלאָפן. פּלוצים גײט צו צו מיר דער אַלטער לוריע און זאָגט מיר:

— דו װײסט? איך װעל דיך אופּעסן.

איך קוק אף אים און פארשטיי ניט, וואָס ער זאָגט.

— שטיי אוף, איך וועל דיך אופעסן.

— וועמען? מיך?

— דיך! דיך! איך מוז דיך אופעסן! אנדערש קאָן דאָס ניט זיין!

אזוי זאָגט דער אלטער לוריע. ער גייט ארום איבער דער שטוב, האלט דעם קאָפּ אראָפּ, די הענט ארונטער, דעם שטערן פארקנייטשט. ער רעדט אָבער אלעמאָל שטילער, צו זיך אליין. איך הער זיך צו צו איטלעכס וואָרט. קוים וואָס איך כאַפּ דעם אָטעם. ער אליין פרעגט בא זיך און ענטפערט זיך אליין. אָט וואָס דער אלטער לוריע זאָגט:

— דער ראמבאם זאָגט, אז די וועלט איז ניט קיין קדמון [18]. פונוואנען איז געדרונגען? ווייל א סיבע מוז האָבן א מסבב [19]! מיט וואָס קאָן איך דאָס באווייזן? מיט מיינע ראָצן. וויאזוי? אָט וויל איך אים אופעסן, עס איך אים אוף. איי וואָס? ראכמאָנעס? עס קער זיך גאָר ניט אָן. איך טו מיינע ראָצן. דער ראָצן איז ניט דער טאכלעס. איך עס אים אוף, איך וויל אים אופעסן. איך מוז אים אופעסן!...

ה.

א גוטע בסורע האָט ער מיר אָנגעזאָגט, אָט דער אלטער לוריע. ער מוז מיך אופעסן! וואָס וועט די מאמע זאָגן? עס פאלט אָן אף מיר א פּאכעד... עס ציטערט אף מיר דאָס לייב. די סאָפע, וואָס איך ליג אף איר, איז אָפּגערוקט פון דער וואנט. ביסלעכווייז רוק איך מיך צו דער וואנט און גליטש מיך אראָפּ אף דער ערד, צווישן סאָפע און צווישן וואנט. עס קלאָפּט מיר א צאָן אָן א צאָן. איך הער מיך איין און וואַרט, ווען וועט ער מיך עסן. און וויאזוי? שטילערהייט רופ איך די מאמע און פיל, ווי נאסע טראָפּנס קאטשען זיך מיר איבער די באקן, פון די באקן אין מויל אריין. די טראָפּנס זיינען געזאלצן. איך האָב קיינמאָל אזוי ניט געבענקט נאָך דער מאמע, ווי אצינד. נאָך מיין ברודער עליע בענק איך אויך, נאָר ניט אזוי. און אָן דעם טאטן דער־מאן איך מיר, וואָס איך זאָג נאָך אים קאדעש. ווער וועט נאָך מיר זאָגן קאדעש, אז דער אלטער לוריע וועט מיך אופעסן?...

— — — — — — — — — — — — — — —

אפּאָנעם, איך בין גוט געשלאָפן? וואָרעם אז איך כאַפּ מיך אוף, קוק איך מיך ארום, וווּ בין איך אף דער וועלט? איך טאַפּ די וואנט. איך טאַפּ די סאָפע. איך שטעק ארויס מיין קאָפּ — א גרויסער, א ליכטיקער

אלקער. סאמעטענע קאַלדרעס אַף דער ערד. די ווענט אויסגעקלעפּט מיט מענטשעלעך. די סטעליע — ווי לעהאוודל אין בעסמעדרעש. דער אַלטער לוריע זיצט נאָך אַלץ איבער יענעם גרויסן סייפער, וואָס ער רופט אים ראמבאַם. מיר געפעלט דער נאָמען „ראַמבאַם". עס קומט אויס בא מיר ווי „בים־באָם". פּלוצים דערמאַן איך מיך, אַז דער אַל־טער לוריע האָט מיך ערשט נעכטן געוואָלט אופּעסן. איך האָב מוירע, ער זאָל מיך ניט דערזען און ווידער וועלן עסן. באַהאַלט איך מיך צוריק צווישן וואַנט און צווישן סאָפע און שווייַג. עס עפנט זיך די טיר מיט אַ קלונג פון יענער זייַט. עס קומט אַריַין אַלץ יענע, וואָס גייט אָנגעטאָן ווי אַ פּריצע. נאָך איר גייט נאָך די קעכן, וואָס מע רופט זי כאַנע, מיט אַ גרויסן בעקן. אַפן בעקן שטייען קריגעלעך מיט קאַווע, הייסע מילך און פּוטערבולקעס פרישע.

— ווו איז דאָס באָכער'ל? — פרעגט כאַנע און קוקט זיך אַרום אַף אַלע זייַטן. זי דערזעט מיך צווישן וואַנט און צווישן סאָפע.

— ביסט אַ רעכטער שייגעץ, ווי איך זע! וואָס טוסטו דאָ? קום אַראָפּ מיט מיר אין קיך. דאָרט וואַרט אַף דיר די מאַמע.

איך טו אַ שפּרונג אַרויס פון מייַן באַהעלטעניש און לויף אַראָ איבער די אויסגעבעטע טרעפּ מיט די באָרוועסע פיס און זינג מיר אונטער צום טאַקט: ראַמבאָם, בים־באָם! בים־באָם, ראַם־באָם! — ביז איך קום אין קיך אַריַין.

— כאַפּט זיך נישט! — זאָגט כאַנע די קעכן צו דער מאַמע. — לאָז ער אויסטרינקען כאָטש אַ גלעזל קאַווע מיט אַ פּוטער־געבעקס'ל! און איר אַלײן, נישקאָשע, מעגט אויכעט נעמען אַ גלעזל קאַווע. דער גוטער יאָר וועט זיי ניט נעמען. זיי האָבן גענוג.

אַזוי זאָגט כאַנע די שוואַרצע, און די מאַמע דאַנקט איר און זעצט זיך אַוועק, און מע דערלאַנגט אונדז הייסע שמעקעדיקע קאַווע מיט פרישע פּוטער־געבעקס.

איר האָט אַמאָל געגעסן אייערקיכלעך מיט צוקער? — אָט דאָס זע־נען די נעגידישע פּוטער־געבעקס'לעך. און עפּשער נאָך בעסער. דעם טאַם פון דער קאַווע קאָן איך אייַך ניט באַשרייַבן. טאַם גאַניידן! די מאַמע האַלט דאָס גלאָז און זופּט, און קוויקט זיך און גיט מיר פון איר פּוטער־געבעקס'ל העכער האַלב. דערזעט כאַנע די קעכן און מאַכט אַ גוואַלד, גלייַך ווי מע האָט זי געקוילעט:

— וואָס טוט איר דאָס? עסט, עסט, ס'איז דאָ גענוג!

און כאנע די קעכנ גיט מיר נאָכ א פּוטער־געבעקסל. האָב איכ שוינ צוויי מיט א האלבנ. איכ הער מיכ צו צו זייער שמועס. דער שמועס איז מיר באקאנט. די מאמע קלאָגט זיכ אפ איר מאזל. אנ אלמאָנע, צוויי קינדער; איינער אינ א שמאלצ־גרוב, דער אנדערער נעבעכ אזוי. איכ וואָלט וועלנ וויסנ, וויאזוי איז דאָס מײַנ ברודער עליע אינ א שמאלצ־גרוב? א גרוב מיט שמאלצ? טאָמיד פליישיק? כאנע הערט אויס די מאמע, שאָקלט מיטנ קאָפּ. נאָכדעם הייבט אָנ כאנע רעדנ, קלאָגנ זיכ אפ איר מאזל, וואָס זי דארפ זײַנ בא יענעמ. זי איז א טאטנס א קינד. איר טאטע איז געווענ א ייִד א באלעבאָס, איז ער אָפּגעבערענט געוואָרנ. נאָכדעמ האָט ער אָנגעהויבנ קרענקענ. נאָכדעמ איז ער געשטאָרבנ. איר טאטע, זאָגט זי, זאָל אצינד אופשטיינ און געבנ א קוק אפ זײַנ כאנע, ווי זי שטייט בא א פרעמדנ אויווּנ! זי קאָנ זיכ ניט באקלאָגנ. דאנקענ גאָט דערפאר. זי האָט א גוטע שטעלע. איינ כיסאָרנ — דער אלטער באלעבאָס איז אביסל...

וואָס „אביסל" — וויים איכ ניט. כאנע ווײַזט עפּעס מיטנ פינגער אפנ שטערנ. די מאמע הערט אויס כאנענ, שאָקלט מיטנ קאָפּ. נאָכדעמ הייבט אָנ ווידער די מאמע רעדנ. כאנע הערט אויס די מאמע, שאָקלט מיטנ קאָפּ. אפנ וועג גיט זי מיר מיט נאָכ א פּוטער־געבעקסל, און איכ ווײַז די ייִנגלעכ אינ טאלמעד־טוירע. זיי רינגלענ מיכ ארומ און קוקנ אינ די אויגנ, ווי איכ עס. אפּאָנעמ, בא זיי איז דאָס א גאנצער אנטיק? איכ געב זיי אלעמענ צו קליינע שטיקעלעכ. זיי לעקנ די פינגער.

— ווו האָסטו גענומענ אזא מײַכל?

איכ שטופּ אָנביידע באקנ, שטעל זיכ אוועק אקעגנ זיי מיט די הענט אינ די טיפע קעשענעס פונ מײַנע הילצערנע הויזנ און קײַ און שלינג און טאנצ אונטער אפ מײַנע באָרוועסע פיס אָנ ווערטער, ווי איינער רעדט:

— עכ, קאפּצאָנישע טאָרבעס, וואָס איר זײַט! א טײַערע מעציִע פּוטער־געבעקס, כא־כא־כא! איר זאָלט נאָכ פּרובירנ מיט קאווע, וואָלט איר ערשט דעמאָלט געוווּסט, וואָס הייסט טאמ גאניידנ אפ דער וועלט!...

VI

א שמאלצ־גרוב

א.

דאָס אײנציקע שטיקל גליק, וואָס האלט מײַנ מאמענ אפ די פיס, איז דאָס, וואָס מײַנ ברודער עליע איז, דאנקענ גאָט, גוט. ער האָט זיכ ארײַנגעכאפט אינ א שמאלצ־גרוב. אזוי זאָגט די מאמע מײַנע, אונ פאר גרויס נאכעס כאפט זי א וויש די אויגנ, ווי איר שטייגער איז. זי האָט אימ שוינ פארזאָרגט, זאָגט זי, אפ אייביק. איר שנור, זאָגט זי, איז אפילע ניט קיינ אײַ־אײַ־אײַ (איכ מיינ אויכ אזוי!), האָט אימ אָבער גאָט צוגעשיקט דערפאר א רײַכנ שווער. ער איז א בעקער. יוינגע רופט מענ אימ, יוינע דער בעקער. דאָס הייסט, ער אליינ באקט ניט. באקנ באקנ אנדערע. ער קויפט נאָר מעל אונ פארקויפט ברויט. פייסעכ באקט ער מאצעס פאר דער גאנצער שטאָט. ער איז צו בעקערײַ א ברענ, או דערצו איז ער א בייזער ייִד — סאקאָנעס. איכ מעג זאָגנ, אז ער איז א רעצייעכ. ער האָט מיכ איינמאָל געכאפט, בעשאס איכ בינ געווענ צו גאסט בא מײַנ ברודער עליע אונ האָב מיכ מעכאבעד געווענ מיט אנ אייער־בייגל. דער בייגל איז געווענ א פרישער, א ווארעמער, נאָר־וואָס פונעמ אויוונ. האָט דער רועכ באדארפט אָנטראָגנ יוינע דעמ בעקער. איר זאָלט געווענ זענ זײַנ רעציכעדיק פאָנעמ מיט זײַנע גאזלעוואָיע אויגנ! פונ דעמאָלט אָנ גיי איכ ניט מער אהינ, מײַנ פוס וועט שוינ דאָרט ניט זײַנ מער, איכ זאָל וויסנ גאָלד! א ייִד זאָל האָבנ א טעווע אָנעמענ פארנ קאָלנער אונ ארויסווארפנ אפ יענער זײַט טיר, אונ נאָכ געבנ גוטע דרײַ סטוסאקעס פונהינטנ! איכ האָב עס דערציילט דער מאמענ, איז זי באלד אוועקגעלאָפנ אהינ — זי האָט אימ געוואָלט אָפשפילנ א כאסענע, ווי אימ קומט. האָט אָבער מײַנ ברודער עליע ניט דערלאָזט. ער האָט אימ אָפגעגעבנ דעמ גערעכט. ער האָט געדרונגענ דער מאמענ, אז ער האָט דורכ מיר ביזיוינעס. אלעמאָל, ווענ איכ קומ צו אימ, עס איכ, זאָגט ער, בייגל. ער וועט מיר בעסער געבנ, זאָגט ער, א קאָפיקע, אונ לאָמיכ גיינ ערגעצ אנדערש זיכ קויפנ א בייגל. זאָגט

אים די מאמע, אז ער האָט אפ מיר קיינ קאפּ ראכמאָנעס ניט, אז עס ארט אים ניט, וואָס דאָס קינד איז א יאָסעם. זאָגט איר מײַנ ברודער עליע, אז מע קאָנ זײַנ א יאָסעמ אונ מע טאָר ניט כאפּנ קיינ בייגל פונ א פרעמדנ אויוונ. זאָגט אים די מאמע, ער זאָל רעדנ אביסל שטילער. זאָגט איר מײַנ ברודער עליע, אז ער וועט דאפקע שרײַענ הויכ, ביכדיי אלע זאָלנ וויסנ, אז איכ בינ א גאנעוו. דאָס וואָרט „גאנעוו" קאָנ די מאמע נישט הערנ. זי ווערט אלערליי פארבנ אונ זאָגט צו מײַנ ברודער עליע, ער זאָל ניט פארגעסנ, אז ס'איז דאָ א גאָט אפ דער וועלט. מיט גאָט שפּילט מענ זיכ ניט. גאָט וועט ניט שווײַגנ. ער איז אנ אבי־יתומים[20]. ער וועט זיכ אָנעמענ פארנ יאָסעם. נישקאָשע, ער איז א גרויסער גאָט. ער קאָנ. אז גאָט וויל, קאָנ יוינע דער בעקער ניט פארמאָגנ וואָס א בייגל איז ווערט!... אזוי זאָגט אָפּ די מאמע צו מײַנ מײַנ ברודער עליע. זי נעמט מיכ פאר א האנט, טוט א קלאָפּ מיט דער טיר אונ מיר גייענ אהיימ.

ב.

הערט איר, אפּאָנעמ, אז מיט גאָט טאָר מענ זיכ טאקע ניט שפּילנ! איר וואָלט וויסנ וואָסער א סאָפּ יוינע דער בעקער האָט געהאט! איכ האָב דאָכ אײַכ געזאָגט, אז ער אליינ באקט ניט. באקנ באקנ אנדערע. עפּעס צוויי יידנ שווארצע מיט דרײַ ווײַבער פרעמדע, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, מיט רויטע ווארעמע פאטשיילקעס אפנ קאָפּ (כאָטש אינ דרויסנ איז א היצ—סאקאָנעס נעפּאָשעס!). האָט זיכ געטראָפנ א מײַסע. ניט איינ מײַסע, נאָר עטלעכע מײַסעס. דער אוילעמ האָט זיכ געקלאָגט, אז מע געפינט אינ די בולקעלעכ פאָדעמ, אונ טאשטעס, אונ טאראקאנעס, אונ שטיקלעכ גלאָז. איינער א קריסט האָט געבראכט צו טראָגנ צו דעמ בעקער א גאנצנ זשמוט מיט האָר, שווארצע האָר. פאר א קריסט האָט זיכ יוינע דער בעקער איבערגעשראָקנ. אוביפראט דער קריסט האָט געסטראשעט מיט פּאָליציע. מע האָט זיכ גענומענ צו די בעקערס, פארגלײַכנ וועמענס האָר. די מאנצבילנ האָבנ געזאָגט אפ די ווײַבער, די ווײַבער האָבנ געזאָגט אפ די מאנצבילנ. די ווײַבער האָבנ געטײַנעט, אז זיי האָבנ אלע געלע האָר. די מאנצבילנ האָבנ געטײַנעט: ווו האָט איר געזעענ בא מאנצבילנ אזעלכע לאנגע האָר? ביז די ווײַבער האָבנ זיכ צעקריגט. אונ אז די ווײַבער האָבנ זיכ צעקריגט, איז מענ געוואָר געוואָרנ שיינע זאכנ: איינע האָט פארלוירנ א זאָקנ־בענדל אינ דער

כאלע. איינע האָט פארקנאָטן אין טייג א זאניטעצע פון א קראנקן פינגער. נאָך איינע פלעג זיך לייגן אלע באנאכט צוקאָפּנס די אופגעיוי־רענע כאלע. זי האָט געשוואָרן מיט קאָל האשוועס שעבעוילעם, אז ס'איז שעקער וועקאָזאָוו. סאכאקל האָט זיך דאָס געטראָפן איין מאָל, אָדער העכסטנס צוויי מאָל. זי האָט ניט געהאט קיין קישן...

די גאנצע שטאָט האָט זיך געוויגט. יוינע דער בעקער האָט נעבעך געהאט דאָס לויפעניש. עס האָט נישט געהאָלפן קיין שום ריבוינעשע־לוילעם. מע האָט נישט געוואָלט נעמען זײַן געבעקס אין די הענט ארײַן! כאָטש ווארף עס ארויס פאר די הינט! א מיצווע אפ אים!

ג.

יוינע דער בעקער איז אָבער א יונג מיט ביינער. ער האָט צעטריבן די בעקערס, די יידן מיט די ווײַבער, און האָט צוגענומען אנדערע בעקערס. שאבעס האָט ער געלאָזט אויסרופן אין אלע שולן, אז ער האָט צוגענומען נײַע בעקערס און אז פון הײַנט אָן און ווײַטער גיט ער אכטונג אליין, ס'זאָל זײַן ריין און ציכטיק. ער איז אָרעוו מיט צען רובל שטראָף, טאָמער געפינט מען בא אים אין דער כאלע איין האָר אפילע. פון דעמאָלט אָן האָט ער אָנגעהויבן לייזן געלט. דער אוילעם האָט געזוכט האָר בא אים אין די געבעקס און מע האָט דאפקע נישט געפונען. אפילע אז מע האָט יאָ עפּעס געפונען און מע האָט אים געבראכט, האָט ער ארויסגעטריבן. ער האָט געזאָגט, אז דאָס האָט מען אומיסנע ארײַנגעלייגט, ביכדיי צו באקומען די צען רובל שטראָף. מע ווייסט די מײַסעס!... א רעכטער כעווערמאן אָט דער יוינע דער בעקער! גאָט האָט אָבער געוואָלט זיך אָפּרעכענען מיט אים, האָט ער אים צו־געשיקט א נײַעם אומגליק. איינמאָל אין א שיינעם פרימאָרגן זענען אלע זײַנע בעקערס אופגעשטאנען, צונויפגענומען די קלומקעס און זענען אוועק. זיי וועלן מער ניט באקן בא אים פאר קיין געלט. סײַדן ער וועט זיי העכערן דעם פרײַז אפ א קערבל א וואָך, און וועט זיי לאָזן אפ באנאכט אהיים שלאָפן, און וועט זיי ניט שלאָגן מיט די הענט גלײַך אין די ציין ארײַן. בא יוינע דעם בעקער איז אזא טעווע: באלד עפּעס — גיט ער מיט די הענט אין די ציין ארײַן. יוינע איז געוואָרן אָנגעצונדן. ער איז שוין א באלעבאָס פון היפּשע עטלעכע יאָר, האָט זיך אים נאָך ניט געטראָפן, אז א באלמעלאָכע זאָל גאָר זאָגן א דייע, וויאזוי צו שלאָגן זיך! פון העכערן דעם פרײַז איז גאָר ניטאָ וואָס צו רעדן. ער

קאָן קריגן צען אנדערע אפ זייער אָרט. א טײַערע מעציִע — ארבעטער! קארג מענטשן שטארבן פון הונגער? ער איז אוועק זוכן בעקערס. ניטאָ קיין בעקערס. קיינער וויל ניט גיין. וואָס איז די מײַסע? אלע בעקערס האָבן זיך געמאכט יאדאכעס. זיי וועלן צו אים ניט גיין, ביז ער וועט ניט צונעמען אלע פריִעריקע בעקערס און ביז ער וועט ניט מעקײַעם זײַן אלע דרײַ זאכן: 1) א קערבל א וואָך. 2) באנאכט אהיים שלאָפן. 3) ניט שלאָגן זיך מיט די הענט אין די ציינן... שיין געוועזן אָנצוקוקן, ווי יוינע האָט זיך געקאָכט, געפּינעט, געקלאָפּט מיט די הענט אין טיש און געשאָלטן זיך. אײַ, האָב איך געהאט א נעקאָמע! נאָר דאָס איז נאָך גאָרניט אקעגן דעם, וואָס ס'איז געווען ווײַטער.

ד.

א הייסער זומער־טאָג, נאָר־וואָס זענען אופגעקומען דיניעס מיט קאווענעס (ארבוזעס). דאָס איז די בעסטע צײַט אין יאָר. שפּעטער אביסל הייבן זיך אָן די ווינטערדיקע טעג. גאָט זאָל מיך ניט שטראָפן פאר די רייד — איך האָב פײַנט די ווינטערדיקע טעג. איך האָב בעסער ליב, אז ס'איז פריילעך. און וואָס קאָן זײַן פריילעכער פון א פולן מארק מיט דיניעס, און מיט קאווענעס? אומעטום, ווו איר טוט זיך א קער, איז אָדער דיניעס, אָדער קאווענעס. די דיניעס זײַנען געל און שמעקן ווי עסרויגים. די קאווענעס זײַנען רויט (אינווייניק) ווי פײַער, און קערלעך האָבן זיי שווארצע און די זיסקײַט זייערע איז ווי א גוטער האָניק. מײַן מאמע האלט ניט פון קאווענעס. זי זאָגט, אז דיניעס זײַנען שפּאָרעוודיקער. אז זי קויפט, זאָגט זי, א דיניע, האָט זי אפ צוויי טעג פאר אונדז ביידן — אפ אָנבײַסן, אפ וואַרעמעס און אפ וועטשערע. און א קאווענע, זאָגט זי, איז א נאשערײַ: פּויזשעט נאָר אָן א פולן בויך מיט וואסער. איך מיין, אז זי האָט א טאָעס. איך זאָל זײַן א קייסער, וואָלט איך א גאנץ יאָר געגעסן קאווענע מיט ברויט. עס מאכט ניט אויס, וואָס ס'איז דאָ אין זיי אסאך קערלעך. א גוטע קאווענע, אז מע טוט א דערכטן טרייסל, טוען די קערלעך א פאל ארויס — און דעמאָלט עסט, וויפל איר ווילט אלײן! אָהאָ! זעט נאָר, איך האָב מיך אזוי פאַרעדט פון די קאווענעס, אז איך האָב פארגעסן פון וואָס איך האָב אָנגעהויבן. איך האלט בא מײַן ברודער עליעס שווער, יוינע דעם בייגלבעקער. ס'איז געקומען אפ אים א רעכטע מאפּאָלע. קיינער האָט זיך

אפּ אזעלכעס ניט גערירט. שטעלט אײַך פאָר, מיר זיצן מיט מײַן מאַמען באַם טיש און עסן ווארעמעס: דיניע מיט ברויט. עפנט זיך די טיר און עס קומט אַרײַן מײַן ברודער עליע מיט א כומעש אין האנט, דעם טאטנס כומעש. נאָך אים שלעפּט זיך נאָך זײַן ווײַב בראָכע. אין איין האנט האלט זי א פוטערנעם קאָלנער מיט ווידעלעך, אין דער אנדערער האנט — א פּאַרעווע „דורכשלאָג". איר ווייסט ניט, וואָס הייסט א דורכשלאָג? אזא קיילע, וואָס מע זײַעט אָפּ אפ דעם די לאָקשן. מײַן ברודער עליע איז טויט, ווי די וואנט. מײַן שוועגערן בראָכע איז רויט, ווי א העליש פײַער.

— שוויגער, מיר זענען געקומען צו אײַך, — זאָגט מײַן שוועגערן בראָכע.

— מאמע, מיר זענען קוים ארויס מיטן לעבן, — זאָגט מײַן ברודער עליע.

און ביידע זעצן זיך אוועק וויינען, און די מאמע העלפט זיי אונטער. וואָס האָט זיך געטראָפן? אָפּגעברענט געוואָרן? ארויסגעטריבן? עס הייבט זיך גאָר ניט אָן! מײַן ברודער עליעס שווער, יוינע דער בעקער, האָט זיך געשטעלט. אָנגעזעצט, הייסט דאָס בא אונדז. זענען געקומען די באַלעכויוועס און האָבן אים אָפּגעשריבן פון קאָפּ ביז פיס. זיי האָבן צוגענומען בא אים ביז א פאָדעם. אלץ וואָס אין שטוב, און אפילע די שטוב אליין אויך, נאָך מיט וואָסערע ביזיונעס! מע האָט אים געבעטן מעכילע, ער זאָל אָפּרייניקן די שטוב. דאָס הייסט, מע האָט אים ארויסגעוואָרפן, זאָגט ער, אפּ דרײַ שפּענדלעך.

— ווי איז מיר! — זאָגט די מאמע און ברעכט די הענט. — וווּ איז אהינגעקומען זײַן געלט? ער איז דאָך געווען אזא נאָגיד!

ענטפערט איר מײַן ברודער עליע, אז ערשטנס, איז ער גאָרניט געווען אזא נאָגיד. און צווייטנס... דאָ מישט זיך אַרײַן מײַן שוועגערן, בראָכע, אז איר טאטע איז דאפקע יאָ געווען א נאָגיד. כוץ זײַן שאָדן אפּ איר געזאָגט געוואָרן כאָטש האלב. נאָר וואָס דען? איר כאסענע האָט אים אָפּגעקאָסט אן אויצער! זי האָט ליב רעדן פון איר כאסענע. אלעמאָל, ווען זי קומט צו אונדז, הערט איר נאָר פון איר כאסענע. אזא כאסענע, ווי איר כאסענע, איז ניט געווען, זאָגט זי, אפּ דער גאנצער וועלט. דאָס געבעקס, וואָס אפּ איר כאסענע, די געבראָטנס, וואָס אפּ איר כאסענע, די טאָרטן מיט די לעקעכער מיט די שטרודלען מיט די מאלכעס־ברויטלעך מיט די אײַנגעמאכטסן, וואָס אפּ איר כאסענע!...

דערווײַל איז זי געבליבנ, ווי זי שטייט אונ גייט, מיט א פוטערנ קעלנערל אונ מיט א פארעוונ דורכשלאָג. דאָס נאדנ, וואָס איר פאָטער האָט צוגעזאָגט, שמועסט מענ ניט, אז ס'איז פארפאלנ. מײַנ ברודער עליע האָט נאָכ געהאט רעוואָכים: מע האָט אים אָפגעשריבנ זײַנע שאַבעסדיקע מאלבושימ, מיטנ טאלעס, מיטנ בעטגעוואנט. דעמ זייגער אויכ. ער איז געבליבנ ווי אפנ וואסער. מײַנ מאמע האָט אײַנגעלייגט די וועלט. סטײַטש, אזא'נ אומגליק! ווער האָט זיכ געקאָנט ריכטנ? איר האָבנ דאָכ אלע מעקאנע געוועג אפנ שידעכ! אפּאָנעמ, לײַט האָבנ איר א גוט אויג געגעבנ, אָדער זי אליינ האָט אימ דעמאָלט מיט איר מויל פארשאָלטנ?.. ווי'אזוי די מײַסע איז, איר האָט דאָס געטראָפנ, זאָגט זי, מער פונ אלעמענ. א שמאלצ־גרוב האָט זיכ איר פארגלוסט!

— די שמאלצ רינט אויס, די גרוב בלײַבט איבער. זײַ דערווײַל בא מיר, מײַנ קינד, ביז גאָט וועט ראכמאָנעס האָבנ...

אזוי זאָגט די מאמע אונ טרעט אָפּ דער שנור איר בעט, דאָס איינציקע שטיקל מעבל, וואָס בא אונדז איז שטוב.

VII

מײַן ברודער עליעס געטראַנק

א.

„פאַר אײן רובל — הונדערט רובל! הונדערט רובל א מאָנאַט און מער קאָן פאַרדינען יעדער אײנציקער, װער עס װעט זיך באַקענען מיטן אינהאַלט פון אונדזער בוך, װאָס קאָסט סאַכאַקל 1 רובל מיט פּאָרטאָ. לויפט, קויפט! סטאַפּט, כאַפּט — איר װעט פאַרשפּעטיקן!"

אָט אַזאַ מין זאַך האָט אויסגעלײענט ערגעץ אַף די בלעטער מײַן ברודער עליע באַלד װי ער איז אַראָפּ פון קעסט. און אַראָפּ פון קעסט איז מײַן ברודער עליע ניט דערפאַר, װײַל עס איז אים „אויסגעגאַנגען די יאָרן". צוגעזאָגט האָט מען אים, אײגנטלעך, קעסט גאַנצע דרײַ יאָר, און געהאַלטן האָט מען אים אַפילע נישט קײן דרײַ פערטל יאָר. עס האָט זיך מיט זײַן רײַכן שװער געטראָפן אַן אומגליק. יוינע דער בעקער האָט אָנגעזעצט און איז געװאָרן פון אַ נאָגיד אַ קאַפּצן. פונוואַנען דער בראָך איז געקומען — האָב איך אײַך שוין דערצײלט. צװײ מאָל אײן זאַך דערצײל איך קײנמאָל נישט, סײַדן מע בעט מיך. איצטיקס מאָל װעט זיך ניט העלפן קײן בעטן אויך, װײַל איך בין זײער פאַרנומען. איך פאַרדין געלט. איך טראָג אַרום אַ געטראַנק, װאָס מײַן ברודער עליע מאַכט אים אַלײן מיט זײַנע אײגענע הענט. ער האָט זיך אויסגעלערנט מאַכן דאָס פון אַ בוך, װאָס קאָסט סאַכאַקל אײן רובל, און פאַרדינען קאָן מען מיט דעם הונדערט רובל אַ כוידעש און מער מײַן ברודער עליע, װיבאַלד ער האָט נאָר איבערגעלײענט, אַז ס'איז דאָ אַזאַ בוך אַף דער װעלט, אַזוי האָט ער באַלד אָװעקגעשיקט אַף דער פּאָסט אַ קערבל (דאָס לעצטע קערבל) און האָט אָנגעזאָגט דער מאַמען אַ בסורע, זי זאָל ניט זאָרגן מער.

— מאמע! דאנקען גאָט, מיר זענען געהאָלפן. מיט פּאַרנאָסע זענען מיר שוין פאַרזאָרגט אָט אַזוי ווײַט (ער ווײַזט מיט דער האַנט אַפן האַלדז).

— וואָס איז דען? — פרעגט די מאַמע, — האָסט געקריגן אַ שטעלע?

— נאָך בעסער פון אַ שטעלע! — ענטפערט איר מײַן ברודער עליע, און די אויגן בא אים לײַכטן. אפּאַנעם, פון גרויס סימכע. ער הייסט איר וואַרטן נאָך עטלעכע טעג, ביז דאָס בוך וועט אים אָנקומען.

— וואָסער בוך? — פרעגט אים די מאַמע.

— ס'איז שוין איינמאָל אַ בוך! — זאָגט איר מײַן ברודער עליע און פרעגט זי, אויב זי וועט זײַן צופרידן מיט הונדערט רובל אַ כוי־דעש? לאַכט פון אים די מאַמע און זאָגט אים, אַז זי וואָלט געווען צופרידן מיט הונדערט רובל אַ יאָר, אַבי זיכערע. ענטפערט איר דערויף מײַן ברודער עליע, אַז בא איר איז צו אַ קליינע האַסאָגע, און ער לאָזט זיך גיין אַפ דער פּאָסט. אַלע טאָג גייט ער אַפ דער פּאָסט און פרעגט זיך נאָך אַפן בוך. שוין העכער אַ וואָך, אַז ער האָט אָוועקגע־שיקט דאָס קערבל, און קיין בוך איז נישטאָ! דערווײַל דאַרף מען לעבן. „די נעשאָמע אויסשפּײַען קאָן מען ניט". אַזוי זאָגט די מאַמע. איך פאַרשטיי ניט, וויאַזוי שפּײַט מען דאָס אויס אַ נעשאָמע?

ב.

שאַט, שוין דאָ אַ בוך! מיר האָבן דאָס נאָר אויסגעפּאַקט, האָט מײַן ברודער עליע זיך אָוועקגעזעצט לייענען דאָס בוך. וויי־וויי, וואָס ער האָט דאָרטן אויסגעלייענט! וויפל סגולעס אַפ צו מאַכן געלט דורך פאַרשיידענע רעצעפּטן! אַ רעצעפּט אַפ צו פאַרדינען הונדערט רובל אַ כוידעש דורך מאַכן די בעסטע טינטן. אַ רעצעפּט אַפ צו פאַרדינען הונדערט רובל אַ כוידעש דורך מאַכן גוטע שוואַרצע שוואַקס. אַ רעצעפּט אַפ צו פאַרדינען הונדערט רובל אַ כוידעש דורך אַרויסטרײַבן מײַז, טאַראַקאַ־נעס און אַנדערע מיִעסקײַטן. אַ רעצעפּט אַפ צו פאַרדינען הונדערט רובל אַ כוידעש און מער דורך מאַכן ליקערן, זיסע בראָנפנס, לימאָ־נאַד, סאָדע־וואַסער, קוואַס און אַנדערע נאָך מער ביליקע גע־טראַנקען.

מײַן ברודער עליע האָט זיך אָפּגעשטעלט אַפן לעצטן רעצעפּט. ערשטנס, ווײַל דורך אים קאָן מען פאַרדינען נאָך מער פון הונדערט

רובל א כוידעש. אזוי שטייט דאָך בעפֿײרעש געשריבן אין בוך. צוויי־טנס, מע דארף זיך ניט פּאטשקען מיט טינט און מיט שוואקס און ניט האָבן צו טון מיט מײַז, טאראקאנעס און אנדערע מיִעסקײַטן. די פראגע איז נאָר, צו וואָסער א געטראנק זאָל מען זיך נעמען? צו לי־קערן און זיסע בראָנפנס דארף מען האָבן רויטשילדס פארמעגן. צו לימאָנאד און סאָדע־וואסער דארף מען האָבן א מאשינע אזעלכע, עפּעס א מין שטיין, וואָס קאָסט מיִעדייע וויפל! בלײַבט איבער נאָר איין זאך: קוואס! קוואס איז אזא מין געטראנק, וואָס קאָסט וואָלוול און עס גייט אסאך. אוביפראט נאָך אין אזא הייסן זומער ווי היינט. פון קוואס, דארפט איר וויסן, איז בא אונדז באָרוך דער קוואסניק געוואָרן א גוויר. ער מאכט „בוטל־קוואס". זײַן קוואס האָט א שעם אף דער וועלט. עס שיסט פון די פלעשער, ווי פון א הארמאט. וואָס איז דער סייכל, וואָס סע שיסט, ווייסט קיינער ניט. דאָס איז באָרוכס סאָד. מע זאָגט, אז ער לייגט ארײַן אינווייניק עפּעס אזעלכעס, וואָס שיסט. אנדערע זאָגן — א ראָזינקע, אנדערע זאָגן — האָפּן. קומט דער זומער, האָט ער ניט קיין הענט. אזויפיל לייזט ער געלט!

אונדזער קוואס, וואָס מײַן ברודער עליע מאכט נאָכן רעצעפּט, איז ניט קיין בוטל־קוואס און שיסט ניט. אונדזער קוואס איז אן אנדער מין געטראנק. וויאזוי ער ווערט געמאכט — קאָן איך אײַך ניט זאָגן. מײַן ברודער עליע לאָזט קיינעם נישט צו, בעשאס ער מאכט אים. אז ער גיסט וואסער — זעען אלע, נאָר אז ער האלט אין רעכטן מאכן, פאר־שליסט ער זיך אין דער מאמעס אלקער. נישט איך, נישט די מאמע, נישט מײַן שווענערן בראָכע — קיינער האָט ניט די זכיָע צו זײַן דערבײַ. נאָר אויב איר זאָגט מיר צו, אז ס'וועט זײַן א סאָד, קאָן איך אײַך זאָגן, וואָס אין דעם געטראנק געפינט זיך. איך ווייס דאָך, וואָס ער גרייט צו. דאָרטן געפינט זיך שאָלעכץ פון לימענע, שיטערער האָניק (מעליס), א זאך, וואָס מע רופט דאָס קרימעטאַרטערום און וואָס איז זויערער פון עסיק, און דאָס איבעריקע — וואסער. וואסער איז דאָרטן דאָ מער פון אלצדינג. וואָס מער — מער וואסער קוואס. דאָס אלץ ווערט גוט אויסגעמישט מיט א פּראָסטן שטעקן, אזוי שטייט געשריבן אין בוך, און דאָס געטראנק איז פארטיק. נאָכדעם ווערט ער ארײַנגע־גאָסן אין א גרויסן קרוג, און מע ווארפט ארײַן אהין א שטיק אײַז. אײַז איז דער איקער! אָן אײַז טויג דאָס גאנצע געטראנק אף טישע [21] נײַנציק קאפּאָרעס. דאָס זאָג איך אײַך ניט פונעם בוך, נאָר איך האָב

איינמאָל אליין פארזוכט אביסל קוואס אָן איַיז, האָב איך געמיינט, אז ס'איז אן עק פון מײַן לעבן!

ג.

געמאכט דאָס ערשטע פעסל קוואס, איז געבליבן, אז ארויס־טראָגן פארקויפן אים אפן דער גאס זאָל איך. ווער דען, אז ניט איך? מײַן ברודער עליען פאסט ניט. ער איז דאָך שוין א באוויַיבטער. דער מאמען — אוואדע ניט. מיר וועלן גאָרניט דערלאָזן, אז די מאמע זאָל ארומגיין מיט א קרוג איבערן מארק און שרײַען: „קוואס! קוואס! ייִדן, קוואס!" אלע האָבן געפּאסקנט, אז דאָס דאַרף זײַן מײַן ארבעט. איך אליין האָב אויך אזוי געדענקט. איך האָב מיך מעכײַע געווען, אז איך האָב דער־הערט דאָס נײַס. מײַן ברודער עליע האָט גענומען מיך לערנען, וויאזוי איך זאָל טון. דעם קרוג זאָל איך האלטן אין איין האנט אפן א שטריקל, דאָס גלאָז אין דער אנדערער האנט, און ביכדיי דער עולם זאָל זיך אָפּשטעלן, זאָל איך זינגען הויך, און מיט א ניגון, אָט אזוי:

ייִדן! א געטראנק!
א קאָפּיקע א גלאָז!
קאַלט און זיס —
א דערקוויקעניש!...

א קאָל, האָב איך איַיך שוין לאנג געזאָגט, אז איך האָב א שיינס. א סאָפּראנאָ־שטימע, בירושה פון מײַן טאטן, אָלעווהאשאָלעם. איך האָב געגעבן א זינג־ארויס אפן א קאָל און האָב איבערגעדרייט דעם פּאָסעק מיט די פיס ארויף:

זיסער קוואס א גלאָז!
א קאָפּיקע א ייִד!
א קוויק און א קאלט —
א דערטרינקעניש!...

איך ווייס ניט: צי מײַן געזאנג איז אזוי געפעלן געוואָרן? צי דאָס געטראנק איז טאקע געווען אזוי גוט? צי עפשער ווײַל דער טאָג איז געווען זייער א הייסער? איך האָב דעם ערשטן קרוג אויספארקויפט אין איין האלבע שעה און בין געקומען אהיים מיט קימאט פינף גילדן.

פידיען. מײַן ברודער עליע האָט אָפּגעגעבן דאָס געלט דער מאמען, און מיר האָט ער באַלד אָנגעגאָסן א פרישן קרוג. ער האָט געזאָגט, אז אויב איך וועל מיך קאָנען אויסדרייען אזוי פינף — זעקס מאָל דורכן טאָג, וועלן מיר האָבן פארדינט פונקט הונדערט רובל א כוידעש. איצט רעכנט, זײַט מוחל, אראָפּ די פיר טעג שאבעס, וואָס אין כוידעש, וועט איר שוין אליין וויסן, וויפל דאָס געטראנק קאָסט אונדז און וואָס פאר א פראָצענט מיר פארדינען בא אים? דאָס געטראנק קאָסט אונדז זייער וואָלוול. מע קאָן זאָגן, קימאט גאָרניט. דאָס גאנצע געלט גייט אוועק אפן אײַז. דעריבער דארף מען זען, וואָס גיכער אויספארקויפן דעם קרוג מיטן געטראנק, ביכדיי דאָס שטיקל אײַז זאָל צונוץ קומען אפן צווייטן קרוג, און אפן דריטן קרוג און אזוי ווײַטער. דעריבער דארף מען מיטן געטראנק גיין גיך, טאקע לויפן. נאָך מיר לויפן נאָך יינגלעך, שקאָצים, א גאנצע טיטשקע. זיי קרימען מיך איבער, ווי איך זינג. איך הער זיי אָבער מיטן קאָטער. איך זע וואָס גיכער אויסברענגען דעם קרוג און לויפן אהיים נעמען נאָך א קרוג. וויפל איך האָב געמאכט דעם ערשטן טאָג — ווייס איך אליין ניט. איך ווייס נאָר, אז מײַן ברודער עליע מיט מײַן שווענערן בראָכע מיט מײַן מאמען האָבן מיך שטארק געלויבט. וועטשערע האָט מען מיר געגעבן א שטיק דיניע מיט א שטיק קאווענע מיט צוויי פלוימען אונגערשע. פון קוואס שמועסט מען ניט. קוואס טרינקען מיר אלע אזוי ווי וואסער. פארן שלאָפּ בעט מיר אויס די מאמע אפ דער ערד און פרעגט מיך, צי עס טוען מיר ניט וויי, כאָלילע, די פיס. מײַן ברודער עליע לאכט פון איר. ער זאָגט אפ מיר, אז איך בין אזא יינגל, וואָס מיר טוט קיינמאָל ניט וויי קיין זאך.

— געוויס! — זאָג איך, — א סימען, אויב איר ווילט, גיי איך באלד מיט א קרוג אינמיטן האלבע נאכט.

אלע דרײַ צעלאכן זיך פון מײַן בעריעשאפט. נאָר אפ דער מאמעס אויגן זע איך טרערן. נו, דאָס איז דאָך אן אלטער קלאל — א מאמע דארף וויינען! איך וואָלט וועלן וויסן: אלע מאמעס וויינען אזוי שטענדיק, ווי מײַן מאמע?

ד.

עס גייט אונדז קיין אײַנהאָרע דורך טיר און דורך טויער. איין טאָג איז הייסער פונעם אנדערן. עס ברענט! מענטשן גייען אויס פאר היץ,

קינדער פֿאלן אזוי ווי פֿליגן. ווען ניט דאָס גלעזל קוואס, וואָלט מען פֿארברענט געוואָרן. איך קער מיך אום מיטן קרוג, בעלוי־גוזמע, צען מאָל א טאָג! מײַן ברודער עליע קוקט ארײַן אין פֿאס ארײַן מיט איין אויג און זאָגט, אז עס טאָגט שוין. פֿאלט ער אַף אן אייצע און גיסט צו נאָך א פּאָר עמער וואסער. אַף דער אייצע בין איך געפֿאלן נאָך פֿריִער פֿון אים. איך מוז מיך מוידע זײַן פֿאר אײַך, אז איך האָב אָפּגעטאָן א שפּיצל שוין עטלעכע מאָל. קימאט אלע טאָג כאַפּ איך מיך ארײַן צו אונדזער שכיינע פּעסי און גיב איר פֿארזוכן א גלעזל פֿון אונדזער אייגענעם געטראנק. איר מאן, מוישע דעם אײַנבינדער, גיב איך צוויי גלעזלעך. ער איז א גוטער מענטש. די קינדער אלע גיב איך אויך צו גלעזלעך קוואס. לאָזן זיי אויך וויסן, וואָס פֿאר א געטראנק מיר קאָנען מאכן. דעם בלינדן פֿעטער גיב איך אויך א גלעזל קוואס אַפּ צו פֿארזוכן. א ראכמאָנעס, ער איז נעבעך א קאליקע. אלע מײַנע באקאנטע גיב איך קוואס. אומזיסט, אָן א קאָפּיקע געלט. און ביכדיי ס׳זאָל ניט זײַן קיין שאָדן, דערגיס איך דעם קרוג מיט וואסער. אַפּ איטלעכס גלעזל קוואס, וואָס איך גיב אוועק אומזיסט, דערגיס איך צוויי גלעזער וואסער. דאָס אייגענע טוט מען אינדערהיים אויך. לעמאָשל, מײַן ברודער עליע טרינקט אויס א גלעזל קוואס, דערגיסט ער באלד מיט וואסער. ער איז גערעכט. ס׳איז אן אווירע א קאָפּיקע. מײַן שווער ברענע טרינקט אויס א פּאָר גלעזלעך קוואס (זי האָט ליב מײַן ברודער עליעס קוואס — סאקאָנעס!), דערגיסט זי באלד מיט וואסער. די מאמע פֿארזוכט אמאָל א גלעזל קוואס (זי דארף מען בעטן. אליין וועט זי ניט נעמען!), דערגיסט מען באלד מיט וואסער. האקלאל, עס גייט ניט כאָסער קיין טראָפּן, און מיר מאכן, קיין אײַנהאָרע, פֿײַן געלט. די מאמע האָט זיך ארומגעצאָלט מיט אסאך כויוועס. אויסגעלייזט א פּאָר נייטיקע מאשקאָנעס, דאָס בעטגעוואנט. אין שטוב האָט זיך באוויזן א טישל, א בענקל. אַפּ שאבעס האָבן מיר פֿיש און פֿלייש און ווײַסע קוילעטשן. מיר האָט מען צוגעזאָגט, אימירצעשעם, אַפּ יאָנטויווים א פּאָר שטיוועלעך נײַע. מיר דאכט, אז קיינעם איז ניט אזוי גוט ווי מיר!

ה.

גייט זײַט א נאָווי און טרעפֿט, אז ס׳וועט זיך טרעפֿן אזא מין אומגליק, און אונדזער געטראנק וועט ווערן פּאָסל, כאָטש נעמט גיסט אים ארויס אין פּאָמעניצע! נאָך א גליק, וואָס מע האָט מיך

ניט פארנומען אין פּאָליציע. הערט א מעשׂה! איינמאָל האָב איך פארבלאָנדזשעט מיטן קרוג קוואס צו אונדזער שכנים פּעסי. דער גאַנ־צער אוילעם האָט גענומען צו גלעזלעך קוואס, און איך אליין אויך מיט זיי. אויסגערעכנט, אז עס פעלט מיר א גלעזלעך צוועלף — דרייצן געטראַנק, האָב איך מיך אריינגעכאפּט אין הויז, דאָרטן, ווו דאָס וואַ־סער שטייט בא זיי. אנשטאָט דער דייזשע מיט וואסער האָב איך, אפּאַ־נעם, געטראָפן צו דער באַליע, ווו מע וואשט גרעט, און אריינ־געפּליאָסקעט א פּופּצן — צוואַנציק גלעזער צו מיר אין קרוג אריין, און ביז אוועק אין גאס אריין מיט א נייעם ניגון, וואָס איך אליין האָב צוגעטראכט:

יידן, א געטראַנק!
טאַם גאַנציידן!
אזא יאָר אף מיר,
אף אייך און אף אונדז ביידן!

שטעלט מיך אָפּ א ייד, באַצאָלט מיר א קאָפּיקע און ער הייסט זיך אָנגיסן א גלעזל קוואס. ער טרינקט אויס דאָס גאַנצע גלאָז און פארקרימט זיך.

— יינגעלע! וואָס איז דאָס בא דיר פאר א געטראַנק?

איך הער אים אין טראַק. עס שטייען נאָך צוויי יידן און ווארטן, איך זאָל זיי שוין אָנגיסן. איינער זופט אָפּ א האלבע גלאָז, דער אַנ־דערער — א דריטל. זיי באַצאָלן, שפּייען אויס און גייען אוועק. נאָך איינער טראָגט צו דאָס גלאָז צו די ליפּן. ער פארזוכט און זאָגט, אז סע שמעקט מיט זייף און ס'איז, דאכט זיך, געזאַלצן. נאָך איינער טוט א קוק אפן גלאָז און גיט מיר אָפּ צוריק מיט די ווערטער:

— וואָס איז דאָס בא דיר?

— אזא געטראַנק, — זאָג איך.

— א געטראַנק? — מאכט ער צו מיר, — א געשטאַנק, נישט קיין גע־טראַנק!

איינער גייט צו, פארזוכט און טוט א פּאַליאָסקע אויס דאָס גלאָז גלייך מיר אין פּאָנעם אריין. אין א מינוט ארום שטייען ארום מיר א גאַנצ רעדל מיט יידן, ווייבער און קינדער. אלע רעדן, מאכן מיט די הענט, קאָכן זיך. דערזעט א יאָווג, אז מע קלייבט זיך, גייט ער צו און פרעגט, וואָס איז דאָ? דערציילט מען אים. גייט ער און קוקט אריין צו מיר אין קרוג אריין און הייסט זיך געבן פארזוכן. גיס איך

אים אָן א גלעזל מיט קוואס. דער יאָוונ טוט א טרונק אָפּ און שפּײַט אויס און ווערט מאָלע רעציכע.

— ווו האָסטו געגומען אזעלכע פּאָמאָיעס? — פרעגט ער מיך.

— דאָס איז פון א בוך, — זאָג איך אים, — מײַן ברודערס מעלאָכע. מײַן ברודער אליינ מאכט דאָס.

— ווער איז דײַנ ברודער? — פרעגט ער מיך.

— מײַן ברודער עליע, — זאָג איך אים.

— וואָסער עליע? — פרעגט ער מיך.

— דאבער נישט, דו נארישער יאָלד, אפּ דײַנ אָכי! — זאָגנ צו מיר עטלעכע ייִדנ אלע מיטאמאָל. עס ווערט א טומל, א ראש, א מעהומע. אלע מינוט קומענ צו נײַע מענטשנ. דער יאָוונ האלט מיך פאר א האנט און וויל אונדז אָפּפירנ (מיך מיטנ געטראנק) גלײַך אינ פּאָליציע ארײַנ. דער טומל ווערט נאָך גרעסער: „א יאָסעם! נעבעך, א יאָסעם!" — הער איך פונ אלע זײַטנ. דאָס הארצ זאָגט מיר, אז איך האלט שמאָל. איך קוק אפנ אוילעם, וואָס ארום מיר. „ייִדנ, האָט ראכמאָנעס!"... מע וויל ארײַנרוקנ דעמ יאָוונ א מאטבייע. דער יאָוונ נעמט ניט. רופט זיך אָנ צו מיר איינער, אנ אלטער ייִד מיט גנייווישע אויגנ, פארשטעלט, אפּ לאָשנקוידעש:

— מאָטל! רײַס ארויס דעמ יאד פונעמ יאָוונ און הייב אופ די ראגלאימ און מאכ פּלייטע!

איך טו זיך א רײַס־אויס, נעמ די פיס אפּ די פּלייצעס און מארש אהיימ! ניט טויט, ניט לעבעדיק פאל איך ארײַנ אינ שטוב ארײַנ.

— ווו איז דער קרוג? — פרעגט מיך מײַנ ברודער עליע.

— אינ פּאָליציע! — ענטפער איך אים און פאל צו צו דער מאמענ מיט א געוויינ.

VIII

מיר פארפלייצנ די וועלט מיט טינט

א.

אוי, בינ איך געוועז א נאר! דערפאר וואָס איך האָב פארקויפט ניט אזא גוטנ קוואס, האָב איך געמיינט, אז מע וועט מיך קעפנ! צום סאָפ — גאָרנישט. אומזיסט איבערגעשראָקנ. יענטע מעג פארקויפנ כיילעוו פאר געגדזנ־שמאלצ? אונ גדאליע דער קאצעוו האָט ניט געהאָדעוועט די שטאָט א קייַלעכיק יאָר מיט טרייפע פלייש? אזוי האָט אונדזער שכיינע פעסי אויסגערעדט מייַנ מאמע דאָס הארצ. אנ אקציע מיט מייַנ מאמענ! אלצדינג נעמט זי זיך צום הארצנ. דערפאר האָב איך ליב מייַנ ברודער עליע. מייַנ ברודער עליע פאלט ניט אראָפ בא זיך דערמיט, וואָס מיר האָבנ זיך אָפגעבריט אפנ קוואס. אבי ער האָט דעם בוך, איז אימ גוט. ער האָט געקויפט א בוך פאר א רובל. דאָס בוך הייסט „פאר א רובל — הונדערט!” ער זיצט אונ לערנט אימ אפ אויסנווייניק. דאָרטנ זייַנענ דאָ אָג א שיר רעצעפטנ, וויאזוי מע מאכט געלט. ער קענ שוינ קימאט אלע רעצעפטנ. ער ווייסט שוינ, וויאזוי מע מאכט טינט, וויאזוי מע מאכט שוואקס, וויאזוי מע טרייַבט ארויס מייַז אונ טאראקאנעס אונ אנדערע מיעסקייַטנ. ער רעכנט קוידעמקאָל זיך נעמענ צו טינט. טינט, זאָגט ער, איז א גוטער ארטיקל. אלע לערנענ זיך שרייַבנ. ער איז א באלנ געוועזנ פרעגנ בא יודל דעמ שרייַבער, וויפל גייט אוועק בא אימ טינט? זאָגט ער: א פארמעגנ! יודל דער שרייַבער האָט עפשער זעכציק מיידלעכ, וואָס ער לערנט זיי שרייַבנ. ייִנגלעכ לערנענ ניט בא אימ. מע האָט פאר אימ מוירע. ער שלאָגט זיך. ער שלאָגט מיט א ווירע איבער די הענט. מיידלעכ קאָנ מענ ניט שלאָגנ, שמייַסנ אוואדע ניט. עס טוט מיר באנק, וואָס איך בינ ניט געבוירנ געוואָרנ בעסער א מיידל. ערשטנס, וואָלט איך פארשפאָרט דאוונענ יעדנ טאָג. ס'איז מיר נימעס געוואָרנ. אלע טאָג איינ זאך. הייַנט וואָלט איך נישט געוווסט פונ קיינ טאלמעד־טוירע. א האלבנ

טאָג גיי איך אין טאַלמעד־טוירע. לערנען לערן איך אַפן שפּיץ מעסער, נאָר פּעטש כאַפּ איך אָן א שיר. איר מיינט, פונעם רעבן? דאַפקע פון דער רעבעצן. איר אייסעק, וואָס איך האָדעווע די קאַץ! איר זאָלט אָנקוקן בא איר א קאַץ — א גאָטס ראַכמאָנעס! טאָמיד איז זי הונגעריק. ניאַווקען ניאַווקעט זי שטילערהייט, מיט א געוויין, ווי לעהאַוודל א מענטש. עס רייַסט אויס א שטיק האַרץ! בא זיי איז אָבער ניטאָ קיין קאַפּ ראַכמאָנעס. וואָס האָבן זיי צו איר? לאָז זי צוגיין צו עמעצן א שמעק טון — טוט מען אַפּ איר א געשריי: א טפּרוסס! פליט זי אַוועק ווי דער שוואַרצער פּעפּער וואַקסט. קיין קאָפּ לאָזט מען איר ניט אויפהייבן. אַנומלטן איז זי גאָר פאַרפאַלן געוואָרן אַפּ עטלעכע טעג. איך האָב געמיינט, אַז זי איז, כאָלילע, געפּייגערט. צום סאָף האָט זי זיך געקעצלט... איך קער מיך אום צו מייַן ברודער עליעס טיַנט.

ב.

מייַן ברודער עליע זאָגט, אַז די וועלט איז געוואָרן גאָר נישט דאָס, וואָס אַמאָל. אַמאָל, אַז מע פלעגט וועלן מאַכן טינט, האָט מען, זאָגט ער, באַדאַרפט קויפן גאָלעש־עפּלעך, די גאָלעש־עפּלעך צעקלאַפּן, נאָכדעם קאָכן זיי אַפן פייַער, ווייס איך וויפל, נאָכדעם אַרייַנוואַרפן קופּערוואַסער; און ביכדיי די טינט זאָל גלאַנצן, האָט מען נאָך געמוזט צוגעבן א שטיקל צוקער — א גאַנצער טאַרעראַם! הייַנט, זאָגט ער, איז אַזאַ כייַעס! איך קויף מיר, זאָגט ער, אין דער אַפּטייק א „פּראָשעק" אַזעלכן מיט א פלעשל „גליצערינע", מיש דאָס אויס מיט וואַסער, א זייד אַפּן פייַער — און פאַרטיק טינט. אַזוי זאָגט מייַן ברודער עליע. ער איז אַוועק אין דער אַפּטייק און האָט געבראַכט א גוזמע „פּראָשקעס", און „גליצערינע" א גאַנצע פלאַש. נאָכדעם האָט ער זיך פאַרשפּאַרט אין אַלקער און האָט עפּעס געטאָן. וואָס — ווייס איך ניט. ס'א סאָד. אַלצדינג איז בא אים א סאָד. אַז ער דאַרף זאָגן דער מאַמען, לעמאָשל, זי זאָל אים געבן דאָס אייבערשטע פונעם שטייסל, רופט ער זי אָפּ אַפּ א זייַט און זאָגט איר שטילערהייט: „מאַמע! דאָס אייבערשטע פונעם שטייסל". די „פּראָשקעס" מיט דער „גליצערינע" האָט ער אויסגעמישט אין א גאַנץ גרויסן טאָפּ (א נייַעם טאָפּ געקויפט). דעם טאָפּ מיטן געמישעכץ האָט ער פאַררוקט אין אויוון און האָט געבעטן די מאַמע שטילערהייט, זי זאָל פאַרקייטלען די טיר. מיר אַלע האָבן געמיינט מיעדייע וואָך. די

מאמע האָט אַלע מינוט געכאַפּט א קוק צום אויוון. אפּאַנעם, זי האָט מוירע געהאַט, דער אויוון זאָל ניט צעפּאַלן ווערן אַף שטיקלעך. נאָך־ דעם האָט מען אַרײַנגעקאַטשעט אין שטוב אַרײַן דאָס פּעסל פון קוואַס. נאָכדעם האָט מען פּאַוואָלינקע אַרויסגענומען דעם טאָפּ פונעם אויוון און מע האָט פּאַוואָלינקע אַרײַנגעגאָסן דאָס געמישעכץ אין פּעסל אַרײַן. נאָכדעם האָט מען אָנגעהויבן גיסן אין פּעסל אַרײַן וואַסער. אַז דאָס פּעסל איז געוואָרן אָנגעפּילט העכער האַלב, האָט מײַן ברודער עליע א זאָג געטאָן: „געננוג!" און האָט זיך גענומען צום בוך, וואָס „פּאַר א רובל — הונדערט". געקוקט און געהייסן שטילערהייט זיך ברענגען א פרישע פּען מיט א ווײַסן בויגן פּאַפּיר. „וואָס מע שרײַבט פּראָשע־ ניעס" — האָט ער א זאָג געטאָן שטילערהייט דער מאַמען אַפן אויער. אײַנגעטונקען די פּען אין פּאַס און געגעבן א שרײַב עפּעס אַפן ווײַסן בויגן פּאַפּיר מיט א דריידל און מיט א צוק. דאָס אָנגעשריבענע האָט ער צוגעטראָגן פריִער צו דער מאַמען, נאָכדעם צו מײַן שוועגערן בראָכע. די ביידע האָבן געגעבן א קוק אַרײַן און א זאָג צו אים: —

— סע שרײַבט!

באַלד נאָכדעם האָט מען זיך גענומען ווידער צו דער פריִעריקער אַר־ בעט. אָנגעגאָסן נאָך א פּאָר עמער וואַסער, האָט מײַן ברודער עליע אופגעהויבן די האַנט: „געננוג!" ווידעראַמאָל אײַנגעטונקען די פּען אין פּאַס, ווידעראַמאָל געגעבן א שרײַב אַרײַן אין ווײַסן פּאַפּיר אַרײַן און ווידעראַמאָל צוגעטראָגן דאָס אָנגעשריבענע פריִער צו דער מאַמען און נאָכדעם צו מײַן שוועגערן בראָכע. די ביידע האָבן ווידער געגעבן א קוק אַרײַן אין פּאַפּיר אַרײַן און א זאָג:

— סע שרײַבט!

אָט אַזוי עטלעכע מאָל, ביז דאָס פּאַס איז געוואָרן פול ווי אַן אויג. עס איז שוין ניט געווען וווהין צו גיסן וואַסער. דעמאָלט האָט מײַן ברו־ דער עליע געגעבן א הייב אויף די האַנט: „געננוג!" — און מיר אַלע פיר האָבן זיך געזעצט עסן.

ג.

נאָכן עסן האָבן מיר זיך גענומען צום צעגיסן די טינט אין פלע־ שער. פלעשער האָט מײַן ברודער עליע צונויפגעבראַכט פון דער גאַנ־ צער וועלט. אַלערליי פלעשער און פלעשלעך. גרויסע און קליינע. פלע־ שער פון ביר, פלעשער פון ווײַן, פלעשער פון קוואַס, פלעשער פון בראָנפן. און גלאַט פלעשער. אויך פּראָבקעס האָט ער אײַנגעהאַנדלט

אלטע, ס'זאָל קאָסטן װעלװעלער, און א לייקע האָט ער געקויפט א נײַע, און א קווערטל א בלעכנס אפּ צו גיסן די טינט פון פאס אין די פלעשער. דאָ האָט ער ווידער אײַנגערוימט דער מאמען א סאָד, זי זאָל פארקייטלען די טיר. נאָכדעם האָט מען זיך אלע פיר גענומען צו דער ארבעט. די ארבעט איז געווען אײַנגעטיילט דאפקע גוט. מײַן שוועגערן בראָכע האָט די פלעשער דורכגעשווענקען און איבערגעגעבן צו דער מאמען. די מאמע האָט ארײַנגעקוקט אין יעדער פלאש און איבערגעגעבן צו מיר אין די הענט ארײַן. איך האָב נאָר באדארפט ארײַנשטעקן אין פלאש ארײַן די „לייקע" און צוהאלטן מיט איין האנט די לייקע, מיט דער אנדערער די פלאש. און מײַן ברודער עליע האָט געהאט איין ארבעט: אָנעמען מיטן קווערטל פון פאס און גיסן צו מיר איבער דער „לייקע". אָן ארבעט איז דאָס זייער א ווילע, א פריילעכע. איין ביסאָרן נאָר: ס'איז טינט, עס פלעקט די פינגער, די הענט, די נאָז, דאָס גאנצע פּאָנעם. מיר ביידע, איך און מײַן ברודער עליע, האָבן זיך גע־מאכט שווארץ ווי די שיידים. דאָס ערשטע מאָל זע איך, מײַן מאמע זאָל לאכן. פון מײַן שוועגערן בראָכע שמועסט מען ניט: יענע איז שיר צעזעצט געוואָרן פאר געלעכטער. מײַן ברודער עליע האָט פּײַנט, אז מע לאכט פון אים, בייזערט ער זיך אפּ מײַן שוועגערן בראָכע און פרעגט זי, וואָס זי לאכט. לאכט זי נאָך שטארקער. ווערט ער נאָך מער אין קאס. לאכט זי נאָך מער. אלע מינוט כאפּט זי אָן א ספּאזמע. מאמעש זי נעמט אײַן א מיסע מעשונע! ביז די מאמע הייבט זיך אָן בעטן, ס'זאָל האָבן א סאָף, און אונדז זאָגט זי, מיר זאָלן זיך אײַנוואשן. מײַן ברודער עליע האָט אָבער קיין צײַט ניט. אים קריכט ניט אין קאָפּ וואשן זיך, אים ליגט דער קאָפּ אין פלעשער. אויסגע־גאנגען אלע פלעשער. ניטאָ קיין פלעשער! ווו קריגט מען נאָך פלעשער? ער רופט אָפּ מײַן שוועגערן בראָכע אפּ א זײַט, גיט איר געלט און רוימט איר אײַן א סאָד, זי זאָל גיין נאָך פלעשער. הערט זי אים אויס, טוט אים א קוק אין פּאָנעם ארײַן און שיסט אויס א געלעכטער. ווערט ער אין קאס און רופט אוועק די מאמע אפּן זעלבן סאָד. די מאמע גייט אוועק קויפן פלעשער, און מיר נעמען זיך גיסן וואסער אין פאס ארײַן. פארשטייט זיך, ניט מיטאמאָל—ביסלעכווײַז. נאָך יעדן עמער וואסער טוט ער א הייב אוף די האנט און א זאָג צו זיך אליין: „גענוג!" נאָכדעם טוט ער א טונק־אײַן די פּען אין פאס און א שרײַב־ ארײַן אין ווײַסן פּאפּיר ארײַן און א זאָג צו זיך אליין:

— סע שרײַבט!

און אזוי עטלעכע מאָל, ביז די מאַמע קומט צו גיין מיט א נײַעם טראנספּאָרט פלעשער. מיר נעמען זיך ווידער צו דער פריִערדיקער אר־בעט: גיסן טינט פון פּאַס אין פלאַש. ביז מיר בלײַבן ווידער אָן פלעשער.

— ביזוואַנען איז דער שיר? — טוט א זאָג מײַן שוועגערן בראָכע.

— קיין אײַנהאָרע ניט! — מאַכט די מאַמע, און מײַן ברודער עליע טוט אַף בראָכען א בייזן קוק, ווי איינער רעדט:

— ביסט מיר טאַקע א ווײַב, נאָר א בעהיימע ביסטו, זאָל זיך גאָט דערבאַרעמען!

ד.

וויפל טינט מיר האָבן — קאָן איך אײַך ניט זאָגן. איך האָב מויר איוב ניט טויזנט פלעשער! נאָר וואָס קומט אַרויס — ס'איז ניטאָ זיי ווו אהינצוטון. מײַן ברודער עליע איז געוועזן שוין אומעטום. פאַרקויפן לאַכאָדים, פלעשלעכווײַז — איז נישט קיין פּלאַן. אזוי זאָגט מײַן ברו־דער עליע צו אונדזער שכיינעס מאַן, מוישע דעם אײַנבינדער. אז ער איז ארײַנגעקומען צו אונדז און דערזעען, קיין אײַנהאָרע, אזויפיל פלע־שער, האָט ער זיך דערשראָקן און זיך געגעבן אזש א וואָרף צוריק. דערזעט מײַן ברודער עליע, און עס קומט פאָר צווישן די צוויי א מאָד־נער שמועס. איך געב אײַך איבער דאָ דעם שמועס וואָרט בא וואָרט:

ע ל י ע: וואָס האָט איר זיך אזוי דערשראָקן?

אײַ נ ב י נ ד ע ר: וואָס איז בא דיר אין די פלעשער?

ע ל י ע: וואָס זאָל זײַן? ווײַן!

אײַ נ ב י נ ד ע ר: וואָסער ווײַן? ס'דאָך טינט!

ע ל י ע: הײַנט וואָס־זשע פרעגט איר?

אײַ נ ב י נ ד ע ר: וואָס וועסטו טון מיט אזויפיל טינט?

ע ל י ע: טרינקען.

אײַ נ ב י נ ד ע ר: ניין, איך מיין אָן קאַטאָוועס. וועסט פאַרקויפן לאַכאָדים אויך?

ע ל י ע: וואָס בין איך — א מעשוגענער? אז פאַרקויפן, וועל איך פאַרקויפן - צען פלעשער, צוואַנציק פלעשער, פופציק פלעשער. דאָס ווערט אָנגערופן „הורט". איר ווייסט, וואָס הייסט „הורט"?

אײַנבינדער: איך װײס, װאָס הײסט הורט. װעמען װעסטו פאַר־קױפֿן?

עליע: װעמען? דעם ראָװ!

און מײַן ברודער עליע גײט אַװעק צו די קרעמער. געקומען צו אײנעם, אַ גרױסן הורטאָװניק, הײסט ער זיך ברענגען אַ פּלעשל. ער װיל עס אָנקוקן. דעם אַנדערן האָט ער געבראַכט אַ פֿלאַש טינט, װײל ער ניט נעמען אין די הענט אַרײַן, װײַל ס'איז אָן אַ קװיטל. אַפֿן פּלעשל דאַרף זײַן, זאָגט ער, אַ שײן קװיטל מיט אַ צאַצקע. זאָגט אים מײַן ברודער עליע: „איך מאַך ניט קײן צאַצקעס, איך מאַך טינט". ענטפֿערט ער אים: „מאַכט געזונטערהײט". האָט ער זיך אַ װאָרף געטאָן צו יודל דעם שרײַבער. האָט אים יודל דער שרײַבער געזאָגט עפּעס זײער אַ מיִעס װאָרט. ער האָט שױן, זאָגט ער, זיך אָנגעקױפֿט מיט טינט אַף אַ גאַנצן זומער. פֿרעגט אים מײַן ברודער עליע: „װיפֿל פּלע־שער טינט האָט איר דאָס אײַנגעהאַנדלט?" זאָגט אים יודל דער שרײַ־בער: „פּלעשער? איך האָב געקױפֿט אַ פֿלאַש טינט, װעל איך האָבן און האָבן, ביז ס'װעט אױסגײן, װעל איך קױפֿן נאָך אַ פֿלאַש"... אָט האָסטו דיר אַ געשעפֿט! אַ שרײַבערוק קאָן! פֿריִער האָט ער געזאָגט, אַז אַף טינט גײט בײַ אים אַװעק אַ פֿאַרמעגן; איצט קױפֿט ער אַ פֿלאַש טינט, װעט ער האָבן און האָבן!... מײַן ברודער עליע איז נעבעך אױס מענטש. ער װײסט ניט, װאָס זאָל ער טאָן מיט אַזױפֿיל טינט? פֿריִער האָט ער געזאָגט, אַז לאַכאָדים פֿאַרקױפֿט ער ניט קײן טינט, נאָר הורט. איצט איז ער בעסער געװאָרן. ער װעט שױן אָנהײבן, זאָגט ער, פֿאַרקױפֿן לאַכאָדים. איך װאָלט שױן אַ באַלן זײַן װיסן, װאָס הײסט „לאַכאָדים"?

אָט װאָס „לאַכאָדים" הײסט. איר מעגט דאָס האָרכן.

ה.

מײַן ברודער עליע האָט געבראַכט צו טראָגן אַ גרױסן בױגן פּאַ־פּיר. ער האָט זיך אַװעקגעזעצט און אָנגעשריבן מיט גרױסע סידער־אױסיעס:

> דאָ פֿאַרקױפֿט מען טינט
> הורט און לאַכאָדים
> גוט און װאָלװל

די צווי ווערטער „לאכאַדים" און „וואָלוול" זענען געווען אזוי גרויס, אז זיי האָבן פארנומען קימאט דעם גאנצן בויגן. אז דאָס אָנגעשריבענע האָט זיך אויסגעטריקנט, האָט ער דאָס פאפיר אויסגעהאנגען בא אונדז אפ דער טיר פון יענער זײַט. אסאך מענטשן זענען דורכגעגאנגען און האָבן זיך אָפּגעשטעלט קוקן. איך האָב עס געזען דורכן פענצטער. מײַן ברודער עליע קוקט אויך אין פענצטער ארײַן און ברעכט די פינגער. א סימען, אז ער איז צעטראָגן. ער מאכט צו מיר:

— ווייסטו וואָס? גיי אומיסטנע, שטעל זיך אוועק בא דער טיר און הער זיך צו, וואָס זאָגט מען?

מיך דארף מען לאנג ניט בעטן. איך שטעל מיך אוועק בא דער טיר און הער זיך צו, וואָס זאָגט מען: ווער עס שטעלט זיך אָפּ און וואָס מע רעדט. אָפּגעשטאנענע אקעגן א האלבע שאָ, קום איך ארײַן צוריק אין שטוב. מײַן ברודער עליע גייט צו צו מיר און פרעגט מיך שטיל:

— נו?

— וואָס נו?

— וואָס האָבן זיי געזאָגט?

— ווער?

— די מענטשן, וואָס זענען געגאנגען פארבײַ.

— זיי האָבן געזאָגט, אז ס'איז שיין אָנגעשריבן.

— און מער גאָרנישט.

— מער גאָרנישט.

מײַן ברודער עליע זיפצט. וואָס זיפצט ער? די מאמע פרעגט אים אויך דאָסזעלבע.

— וואָס זיפצסטו, נארעלע? ווארט אויס א קאפּ. אין אייניג טאָג, ווילסטו, זאָל אויספארקויפט ווערן די גאנצע סכוירע?

— כאָטש א פעטשאטעק!...— זאָגט איר מײַן ברודער עליע מיט טרערן אין האלדז.

— ביסט א גרויסער נאר, זאָג איך דיר. ווארט אויס, מײַן קינד, דו וועסט, אימירצעשעם, האָבן א פעטשאטעק אויך.

אזוי זאָגט צו אים די מאמע און גרייט צום טיש. מיר וואשן זיך און גייען עסן. מיר שפארן זיך צונויפ אלע פיר אינײנעם. איבער די פלעשער איז ענג אין שטוב — סאקאָנעס. נאָר־וואָס מיר האָבן געמאכט

האמויצע, לויפט אריין א באָכערל. א ציקאווע באָכערל. ער איז שוין א כאָסן. איך קען אים. קאָפּל הייסט ער. דער טאטע זיינער איז א שניידער. א דאמסקי שניידער.

— דאָ פארקויפט זיך טינט לאכאָדים?

— יאָ, וואָס איז דען?

— איך האָב געוואָלט אביסל טינט.

— וויפל דארפסטו טינט?

— גיט מיר פאר א קאָפּיקע טינט.

מיין ברודער עליע איז אויסער זיך. ער זאָל זיך ניט שעמען פאר דער מאמען, וואָלט ער אָט דעם כאָסן קאָפּל פריִער דורכגעפּאטשט און נאָכ־דעם ארויסגעוואָרפן פון שטוב. ער האלט זיך איין און גיסט אים אָן פאר א קאָפּיקע טינט. עס גייט ניט אוועק קיין פערטל שאָ, קומט אריין א מיידל. דאָס מיידל קען איך ניט. זי קאָלופּעט מיטן פינגער די נאָז און רעדט צו מיין מאמען:

— דאָ מאכט מען טינט?

— יאָ, וואָס איז דען?

— די שוועסטער האָט געבעטן, טאָמער קאָנט איר איר לייען אביסל טינט? זי דארף אוועקשרייבן א בריוול קיין אמעריקע צו איר כאָסן.

— ווער איז דיין שוועסטער?

— באסיע די נייטערן.

— א? זע נאָר, ווי זי איז אויסגעוואָקסן! קיין איינהאָרע! איך האָב דיך באָרניט דערקענט. א טינטערל האָסטו?

— ווי קומט צו אונדז א טינטערל? מיין שוועסטער האָט געבעטן, טאָמער האָט איר א פען, זי וועט נאָר אָנשרייבן דאָס בריוול קיין אמע־ריקע, גיט זי אייך אָפּ צוריק די טינט און פען.

מיין ברודער עליע איז נישטאָ באם טיש. ער איז אינ אַלקער. ער גייט ארום מיט שטילע טריט, קוקט אראָפּ און בייסט די נעגל.

ו.

— וואָס האָסטו אָנגעמאכט אזויפיל טינט? האָסט, אפּאָנעם, געוואָלט פארזאָרגן די וועלט מיט טינט, טאָמער וועט זיין א הונגער אף טינט?

אזוי האָט אים געזאָגט אונדזער שכיינעס מאן, מוישע דער איינ־בינדער. א מאָדנער ייִד אָט דער איינבינדער! ער האָט אייך א טעווע זאלצן יענעם אף די ווונדן. אזוי איז ער, דאכט זיך, נישקאָשע פון א

מענטש, נאָר אביסל א נודניק. האָט ליב זיך איַינעסן יענעם אין דער גאַרגערעס. מײַן ברודער עליע האָט אים אָבער גוט געגעבן! ער האָט אים געזאָגט, אז ער זאָל בעסער אכטונג געבן אף זיך אליין, ער זאָל ניט פארבײַטן די יאָצרעס[22], ניט בינדן א האגאָדע מיט א סליכע איניינעם... מוישע דער איַינבינדער ווייסט שוין, וואָס דער שטאָך באַטײַט! ער האָט אמאָל גענומען א שטיקל ארבעט בא א ייִדן א באַלעגאָלע. א האגאָדע האָט אים דער באַלעגאָלע געגעבן איַינבינדן. האָט זיך געטראָפן אן אומגליק: אלפּי טאָעס האָט דער איַינבינדער ארײַנגעבונדן אין דער האגאָדע א שטיק פון א פרעמדער סליכע. דער באַלעגאָלע וואָלט זיך עפשער ניט כאַפּן, האָבן די שכיינים דערהערט, אז אנשטאָט „שפוך חמתך על הגוים"[23] האָט דער באַלעגאָלע געגעבן א זינג אויס מיט א וויינענדיקן ניגן פון סליכעס „הנשמה לך והגוף פעלך..."[24] ס'איז געוואָרן זייער א גרויס געלעכטער. אף מאָרגן איז דער באַלעגאָלע געקומען צו אונדזער שאָכן דעם איַינבינדער און האָט אים געוואָלט צערײַסן אף צווייען.

— גאזלען, וואָס האָט איר געהאט צו מיר? לעמײַ האָט איר ארײַנגעהאקט אין מײַן פייסעכדיקער האגאָדע א כאָמעצדיקע סליכע? אָט רײַס איך איַיך ארויס די קישקעס פון בויך!

יאָ, מיר האָבן געהאט דעמאָלט א פריילעכן פּייסעך.

נאָר האָט קיין פאריבל ניט, וואָס איך בין ארײַן מיט א פרעמדער מײַסע. איך קער מיך באלד אום צוריק צו אונדזערע גאָלדענע געשעפטן.

IX

נאָכווייענישן פון דער טינט־פארפלייצונג

א.

מײַן ברודער עליע גייט ארום אין איינע צאָרעס. וואָס טוט מען מיט דער טינט?

—ווידעראמאָל טינט? — זאָגט אים די מאמע.

— איך רעד נישט פון קיין טינט! — ענטפערט איר מײַן ברודער עליע. — כאפט דער רוּעך די טינט! איך רעד פון די פלעשער! עס ליגט א קאפּיטאל אין די פלעשער! מע דארף זען אויסליידיקן די פלעשער און מאכן פון זיי געלט!...

פון אלצדינג מאכט ער געלט! און עס בלײַבט, אז מע דארף די טינט אויסגיסן צו אלדי שווארצע יאָר! שלעכט איז נאָר איין זאך: וווהין גיסט מען אויס אזויפיל טינט? ס'איז פּאָשעט א ביזאָיען!...

— עס וועט זיך ניט העלפן, — זאָגט מײַן ברודער עליע, — מע וועט מוזן צוווארטן ביז באנאכט. באנאכט איז פינצטער, וועט קיינער ניט זען.

קוים דערלעבט נאכט. אף צולאָכעס שײַנט די לעוואָנע, ווי א לאנ־טערן. דעמאָלט ווען מע דארף, וועט זי זיך באהאלטן. איצט איז זי דאָ. מע האָט געשיקט נאָך איר!... אזוי זאָגט מײַן ברודער עליע, און מיר טראָגן ארויס א פלאש נאָך א פלאש—און פליוך אין דרויסן ארויס. פון גיסן אף איין אָרט ווערט א טײַך. מע דארף נישט גיסן קעסיי־דער אף איין אָרט. אזוי זאָגט צו מיר מײַן ברודער עליע, און איך פאָלג אים. איך זוך אויס אלעמאָל א פריש אָרט. יעדע פלאש האָט בא מיר אן אנדער אָרט. דער שכיינעס וואנט — פליוך! דעם שאָכנס פארקאן — פליוך! צוויי ציגן ליגן אקעגן דער לעוואָנע און מאלעגיי־רען — פליוך!

— הײַנטיקס מאָל גענוג! — זאָגט מײַן ברודער עליע, און מיר גייען שלאָפן. שטיל און פינצטער. עס לאָזט זיך הערן דער טשירקון. פון

אונטערנ אויוונ הערט זיכ א מרוקענ פונ דער קאַצ. א גרויסע פעפערנ:
טאָג ווי נאַכט וואָלט זי זיכ נאָר געווארעמט אונ געדרימלט. אינ הויז
אפ יענער זײַט טיר הערנ זיכ שטילע טריט. עפשער א ניט־גוטער?...
די מאמע שלאָפט נאָכ ניט. זי שלאָפט, דאַכט זיכ, קיינמאָל ניט. איכ
הער זי שטענדיק, ווי זי קנאַקט די פינגער, זיפצט אונ קרעכצט אונ
רעדט צו זיכ אליינ. אזא טעווע בא איר. אלע נאַכט טײַנעט זי זיכ
אויס אביסל. זי דערציילט אירע גרויסע צאָרעס. מיט וועמענ רעדט זי
דאָס? מיט גאָט?... אלע מינוט לאָזט זי אויס מיט א קרעכצ:

— אוי, גאָט! גאָט!...

ב.

איכ ליג נאָכ אפ מײַנ געלעגער, אפ דער ערד, אונ הער פונעמ
שלאָפ א הור־האַ. עס לאָזנ זיכ הערנ אלערליי באַקאַנטע קולעס. ביסלעכ־
ווײַז עפנ איכ אופ די אויגנ — ס'איז שוינ גרויסער טאָג. די שײַנ פונ
דער זונ האָט זיכ ארײַנגעריסנ דורכנ פענצטער. רופט מיכ אינ דרויסנ
ארויס. איכ וויל מיכ דערמאנענ, וואָס איז געווענ נעכטנ — אהא!
טינט!... איכ כאַפ מיכ אופ אונ טו זיכ אָנ אפגיכ. מײַנ מאמע איז
פארוויינט (ווענ איז זי ניט פארוויינט?). מײַנ שוועגערנ בראָכע איז
אינ קאַס (ווענ איז זי ניט אינ קאַס?). אונ מײַנ ברודער עליע שטייט
אינמיטנ שטוב, דעמ קאָפ אראָפ, כאַטש מעלק אימ אויס. וואָס איז די
מײַסע? ניט איינ מײַסע, נאָר עטלעכע מײַסעס! אונדזערע שכיינימ
ענענ אופגעשטאַנענ אינדערפרי, האָט זיכ אָנגעהויבנ א כאַסענע — מע
האָט זיי געקוילעט. איינעמ האָט מענ אָפגעשפריצט די גאַנצע וואַנט
מיט טינט. דעמ אנדערנ האָט מענ אָפגעגאָסנ דעמ פארקאנ, א נײַעמ
פארקאנ. דער דריטער האָט געהאַט צוויי ווײַסע ציגנ. האָט מענ זיי
אימ געמאַכט שווארצ, נישט צו דערקענענ. דאָס אלצ וואָלט נאָכ גע־
ווענ צו דערלײַדנ, ווענ ניט דעמ שויכעטס זאָקנ. א נײַע פאָר זאָקנ,
ווײַסע זאָקנ, האָט די שויכעטקע אויסגעהאָנגענ בא אונדזער שכיינע
אפנ פארקאנ, האָט מענ פונ זיי געמאַכט א טעל. עמעצער האָט זי גע־
בעטנ, זי זאָל אויסהענגענ זאָקנ אפ א פרעמדנ פארקאנ. די מאמע
האָט איר צוגעזאָגט אָפקויפנ א פאָר נײַע זאָקנ, אבי ס'זאָל זײַנ שטיל.
וואָס־זשע וועט זײַנ מיט דער וואַנט? מיטנ פארקאנ? ס'איז געבליבנ,
אז מײַנ מאמע מיט מײַנ שוועגערנ בראָכע זאָלנ מעכילע זיכ אוועק־
שטעלנ מיט צוויי בערשטלעכ אונ מיט ווײַסער ליימ אונ פארשמירנ די פלעקנ.

— אײַער גליק, וואָס איר האָט אָנגעטראָפֿן אַף ערלעכע שכײנים. ווען איר טרעפֿט מיט אײַער טינט אַף מענאַשע דעם רויפֿעס גאָרטן, וואָלט איר געוווּסט וואָס פֿאַר א גאָט מיר האָבן!

אזוי זאָגט אונדזער שכײנע פּעסי צו מײַן מאַמען.

— וואָס־זשע מײנט איר? צו שלימאזל באַדאַרף מען אויך האָבן מאַזל! — ענטפֿערט איר די מאַמע און קוקט אַף מיר.

וואָס מײנט זי, אשטײגער?...

ג.

איצט וועל איך שוין זײַן קליגער, — מאַכט צו מיר מײַן ברודער עליע. — לאָז נאָר ווערן נאַכט, אזוי טראָגן מיר אָפּ די פֿלעשער צום טײַך.

גערעכט, ווי איך בין א ייִד! וואָס קאָן זײַן נאָך קליגער דערפֿון? סײַוויסײַ גיסט מען אין טײַך ארײַן קאָל האַפּאַסקודסטוועס! דאָרט וואַשט מען גרעט, דאָרט באָדט מען פֿערד, דאָרט פּאָליאָסקען זיך כאַ־זײרים. איך בין מיטן טײַך א גאָענטער מעכוטן. איך האָב אײַך שוין אַמאָל באַשריבן, ווי איך כאַפּ דאָרטן פֿיש. דערפֿון ווייסט איר לײַכט פֿאַרשטײן, ווי איך האָב ארויסגעקוקט אַף דער מינוט, ווען מיר וועלן גײן צום טײַך. עס איז נאָר געוואָרן נאַכט, האָבן מיר אָנגעפּאַקט פֿולע קוישן מיט פֿלעשער און גענומען טראָגן זײ צום טײַך. אויסגעגאָסן די טינט, אָפּגעטראָגן די לײדיקע פֿלעשער אהײם און אָנגענומען ווי־דעראַמאָל פֿולע פֿלעשער. א גאַנצע נאַכט האָבן מיר אזוי געאַרבעט. איך האָב שוין לאַנג נישט געהאַט אזא גוטע, פֿרײלעכע נאַכט. שטעלט אײַך פֿאָר: די שטאָט שלאָפֿט. דער הימל איז אויסגעשטערנט. די לע־וואָנע שײַנט אַראָפּ אין טײַכל ארײַן. ס'איז שטיל־מעכײַע. דאָס טײַכל איז א לעבעדיק טײַכל. קומט נאָך פֿײסעך, אז עס צעגײט דאָס אײַז, אַרבעט דאָס מײַסים! בלאָזט זיך אָן, צעשפּרײט זיך און צעגיסט זיך. וואָס ווײַטער ווערט דאָס קלענער, שמעלער און פּלאַטשיקער. צום סאָף זו־מער ווערט דאָס גאָר אנשוויגן. עס כאַפּט א דרימל. עמעצער אַפּן דנאָ אין בלאָטע מאַכט: בול־בול־בול. א פּאָר זשאַבקעס רופֿן זיך אָפּ פֿון יענער זײַט: קרוא־קרוא! ס'איז א ביזאָיען, ניט קײן טײַך! איר קאָנט פֿאַרשטײן, אז איך קאָן אים איבערגײן צופֿוס פֿון ברעג צו ברעג, נישט אויסגעטאָן די הויזן!

פֿון אונדזער טינט איז דאָס טײַכל געוואָרן אביסל גרעסער. א קלײניקײַט, עפּשער טויזנט פֿלאַש טינט! דערפֿאַר אָבער האָבן מיר זיך

אָנגעהאָרעוועט, ווי די אָקסן. אנשלאָפּן געוואָרן זענען מיר, ווי די געהארגעטע. אופגעוועקט האָט אונדז די מאמע מיט א געוויין:

— פארפינצטערט בין איך געוואָרן און וויי איז מײַן וועלט! וואָס האָט איר געטאָן אזעלכעס מיטן טײַך?...

עס האָט זיך ארויסגעשטעלט, אז מיר האָבן אומגליקלעך געמאכט א גאנצע שטאָט: די וועשערנס האָבן ניט ווו צו וואשן גרעט. די באלעגאָלעס האָבן ניט ווו אָנצוטרינקען די פערד. די וואסערפירער... אָט וועלן זיי זיך צונויפנעמען אלע אינײנעם און וועלן קומען זיך רעכענען מיט אונדז. אזוי זאָגט אונדז אָן די מאמע א בסורע. מיר אָבער ווילן אף זיי ניט ווארטן. מיר ווילן ניט זען, וויאזוי וואסערפירערס וועלן זיך מיט אונדז רעכענען. איך און מײַן ברודער עליע נעמען די פיס אף די פלייצעס און — מארש צו זײַנעם א כאוועריפיני.

— דאָרט לאָזן זיי אונדז זוכן, אז זיי באדארפן!...

אזוי זאָגט מיר מײַן ברודער עליע, נעמט מיך פאר א האנט, און מיר לאָזן זיך גיך און געשווינד בארג־אראָפּ צו זײַן כאווער פיני. אז מיר וועלן זיך זען, וועל איך אײַך אמאָל באקאנט מאכן מיט מײַן ברודער עליעס כאווער פיני. ס'איז קעדײַ, איר זאָלט זיך מיט אים באקענען: ער האָט אויך אין זיך גוטע געדאנקען.

X

א גאס גיסט

א.

ווייסט איר, וואָס פאר א סעדרע עס גייט בא אונדז היינט? — מייז! מיין ברודער עליע האָט א גאנצע וואָך געלערנט דאָס בוך, וואָס מע מאכט דורך דעם געלט, „פאר א רובל — הונדערט". ער האָט זיך שוין אויסגעלערנט, זאָגט ער, ארויסטרייבן מייז, טאראקאנעס און אנ־דערע מיעסקייטן. שטשערעס אויך. לאָז מען אים נאָר ארייַנלאָזן ער־געץ מיט זיין פּראָשעק — אזוי בלייבט נישט איין מויז. זיי צעלויפן זיך. אסאך פייגערן אוועק. נישטאָ מער קיין מייז! וויאזוי ער מאכט דאָס — ווייס איך ניט. ס'איז א סאָד. פונעם סאָד ווייס נאָר דאָס בוך און ער, ווייטער קיינער ניט. דאָס בוך האלט ער אין בוזעם־קעשענע. דעם פּראָשעק אין א פאפיר. דער פּראָשעק איז רויטלעך און צעריבן דינ, ווי שמעק־טאבאק. רופן רופט זיך עס „שעמעריצע".

— וואָס הייסט דאָס שעמעריצע?

— טערקישער פעפער.

— וואָס הייסט דאָס טערקישער פעפער?

— איך וועל דיר געבן א „וואָס הייסט דאָס", וועסטו בא מיר עפּענען מיטן קאָפּ די טיר!

אזוי זאָגט צו מיר מיין ברודער עליע. ער האָט פיינט, אז מע פרעגט אים קאשעס סאמע בא דער רעכטער ארבעט. איך קוק און שווייג. איך זע, אז כוץ דעם רויטן פּראָשעק, איז דאָ בא אים נאָך א פּראָשעק. אויך גוט צו מייז. נאָר מע דארף זיין מיט דעם געהיט!

— סאמאמאָוועס! — זאָגט מיין ברודער עליע עפשער הונדערט מאָל דער מאמען, בראָכען און מיר. דעריקער — מיר, איך זאָל מיך כאָלילע צו דעם ניט צורירן — ס'איז סאם!

די ערשטע פּרווו האָבן מיר געמאכט אף אונדזער שכיינע פעסיס מייז. דאָרט האלטן זיך מייז אָן א שיר. איר ווייסט דאָך, אז איר מאן

איז אַן אײַנבינדער* מוישע רופֿט מען אים. טאַמיד איז בײַ אים אַ פֿר־לע שטוב מיט ספֿאָרים. מײַז האָבן ליב ספֿאָרים. און ניט אַזוי ספֿאָרים ווי פּאַפּ. פּאַפּ איז דאָס, וואָס מע קלעפּט מיט דעם ספֿאָרים. צוליב דעם פּאַפּ עסן זיי שוין ספֿאָרים אויך. טוען אים אָן גרויסע שאָדנס. אַנומלטן האָבן זיי אים דורכגעלעכערט אַ מאַכזער. אַ שפּאָגל־נײַעם מאַכזער סאַמע דאָרט, וווּ ס'איז מיט גרויסע אויסיעס געווען אָפּגעדרוקט דער „המלך״[25]. זיי האָבן זיך דאָס אַביסל צוגעכאַפּט צום „המלך״! איבערגע־לאָזט נאָר דאָס אייבערשטע קעפּל פֿון דעם לאַמעד.

— לאָזט מיך אָפּ איין נאַכט! — בעט זיך מײַן ברודער עליע בײַם אײַנבינדער. דער אײַנבינדער וויל נישט. ער זאָגט:

— איך האָב מוירע, זאָלסט מיר ניט איבערפֿירן די ספֿאָרים.

— מיט וואָס וועל איך אײַך איבערפֿירן די ספֿאָרים? — פֿרעגט אים מײַן ברודער עליע.

— איך ווייס אַליין ניט מיט וואָס, נאָר איך האָב מוירע. ס'איז פֿרעמדע ספֿאָרים.

נו, גייט רעדט מיט אַן אײַנבינדער! קוים געפּועלט, ער זאָל אונדז צולאָזן אָפּ איין נאַכט.

ב.

די ערשטע נאַכט איז אונדז ניט געראָטן. נישט געכאַפּט איין מויז אַפֿילע! מײַן ברודער עליע זאָגט אַפֿילע, אַז ס'איז אַ גוטער סימען. די מײַז, זאָגט ער, האָבן דערשמעקט דעם פּראָשעק, זענען זיי זיך צעלאָפֿן. דער אײַנבינדער דרייט מיטן קאָפּ און שמייכלט מיט איין ליפּ. אַפּאָנעם, ער גלויבט נישט. פֿונדעסטוועגן איז אַרויס אַ קלאַנג אין שטאָט, אַז מיר פֿאַרטרײַבן מײַז. דער קלאַנג האָט זיך גענומען פֿון אונדזער שכיינע פּעסי. זי איז אַוועק גאַנצפֿרי אין מאַרק און האָט צעפּויקט איבער דער גאַנצער שטאָט, „אַז אַזוי ווי מיר פֿאַרטרײַבן מײַז, פֿאַרטרײַבט קיינער ניט". זי האָט אונדז גע־מאַכט אַ נאָמען. פֿריִער מיטן קוואַס האָט זי אויך געפּויקט איבער דער גאַנצער שטאָט. נאָכדעם האָט זי אויסגעפּויקט, אַז מיר מאַכן אַזאַ טינט, וואָס סע עקט זיך די וועלט. וואָס האָט אָבער געהאָלפֿן איר פּויקן, אַז קיינער דאַרף ניט קיין טינט? מײַז איז נישט דאָס, וואָס טינט. מײַז זענען פֿאַראַן אומעטום, קימאַט אין יעדער שטוב. יעדער בעלע־באָס האָט אַ קאַץ. נאָר וואָס העלפֿט איין קאַץ קעגן אַזויפֿיל מײַז? אָביפֿראַט שטשערעס? שטשערעס הערן אַ קאַץ, ווי האָמאָן דעם גרײַ־

גער. א סוואָרע, אז פאר שטשערעס האָט א קאַץ אַליין אויך מוירע. אזוי זאָגט בערע דער שוסטער. ער דערציילט זיך אָן פון שטשערעס אזעלכע מייסעס, אז א שרעק! מע האַלט אים אפילע פאר א שטיקל באַל־מעגאזעם. נאָר לאָז זיין, אז ס׳איז נאָר האַלב עמעס, איז דאָס אויך שיין. ער זאָגט, אז די שטשערעס האָבן בא אים אופגעגעסן א פּאָר נייע שטיוול. ער שווערט מיט אזעלכע שוועס, אז מע מעג גלויבן א מעשומעד. ער זאָגט, אז ער האָט אַליין געזען, ווי צוויי גרויסע שטשערעס זענען ארויס פון זייערע נאָרעס און האָבן פאר זיינע אויגן אופגעגעסן א פּאָר שטיוול. באנאכט איז דאָס געוועזן. צוגיין נאָענט האָט ער מוירע געהאַט — צוויי מוירעדיקע שטשערעס, ווי קעלבלעך די גרייס. פונדערוויטנס האָט ער זיי געטריבן, געפּייפט אף זיי, געטופּעט מיט די פיס, געשריגן: קיש־קיש־קיש־קיש! עס האָט נישט געהאָלפן קיין זאַך. ער האָט זיי א וואָרף געטאָן א קאָפּיטע פון א שטיוול, האָבן זיי א קוק געטאָן אף אים און געטאָן זייערס. נאָכדעם האָט ער זיי א שמיץ געטון אין פּאָנעם די קאַץ. זענען זיי אָנגעפאַלן אף דער קאַץ און האָבן זי אויך אופגעגעסן. קיינער האָט אים נישט געוואָלט גלויבן, נאָר אז א מענטש שווערט!

— לאָזט מיך קאָרשט אף איין נאַכט, — זאָגט צו אים מיין ברודער עליע, — וועל איך אייך ארויסטרייבן אַלע שטשערעס!

— אָך, מיטן גרעסטן קאָוועד! — זאָגט בערע דער שוסטער, — איך וועל אייך נאָך זאָגן א דאַנק!...

ג.

א גאַנצע נאַכט זענען מיר אויסגעזעסן בא בערע דעם שוסטער. בערע אַליין איז אויך געזעסן מיט אונדז. אָך, וואָסערע שיינע מייסעס ער דערציילט זיך אָן! ער דערציילט פון דער טערקישער מילכאָמע (ער איז אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט). ער איז געווען אין אזא אַן אָרט, וואָס סע הייסט „פּלעוונע״. האָט מען דאָרט געשאָסן מיט האַרמאַטן. איר ווייסט, וויפל א האַרמאַט האַלט די גרייס? זייט זיך מעשאער, אז איין קויל איז גרעסער פון דער גאַנצער שטוב, און וואַרפן וואַרפט זי ארויס אין א מינוט עפּשער טויזנט אזעלכע קוילן. זענט איר צופרידן? די קויל, אז זי פליט, שרייט זי אזוי, אז מע ווערט טויב. איינמאָל איז ער געשטאַנען אף דער וואַך — אזוי דערציילט בערע דער שוסטער. פּלוצים דערהערט ער א קנאַק, און סע טראָגט אים אין דער לופטן, הויך

טראָגט דאָס אים, ביז אריבער דער כמארע, און דאָרט צערײַסט זיך די קויל אף טויזנט שטיקלעך. א גליק, זאָגט ער, וואָס ער איז געפאלן אף א ווייכן אָרט. אניט וואָלט ער זיך צעשלאָגן דעם קאָפּ. מײַן ברו־דער עליע הערט אויס די מײַסע, און די ברעמען בא אים שמייכלען. דאָס הייסט, ער אליין לאכט ניט, נאָר די ברעמען לאכן. א מאָדנער געלעכטער. בערע דער שוסטער באמערקט דאָס ניט. ער הערט ניט אוף צו דערציילן זײַנע וווּנדערלעכע מײַסעס. איין מײַסע איז מוירע־דיקער פון דער אנדערער. אָט אזוי זענען מיר אָפּגעזעסן ביז טאָג. און שטשערעס? איר זאָלט זאָגן — איין שטשער אפילע.

— איר זענט א קישעפמאכער! — זאָגט בערע דער שוסטער צו מײַן ברודער עליע. און ער גייט ארויס אין שטאָט און דערציילט זיך אָן כידושים, וויאזוי מיר האָבן בא אים מיט א שפּרוך צעטריבן אלע שטשערעס אין איין נאכט. ער שווערט, אז ער האָט אליין געזען, וויאזוי מײַן ברודער עליע האָט עפּעס געשעפּטשעט, זענען ארויס די שטשערעס פון די נאָרעס און האָבן זיך געלאָזט לויפן בארג־אראָפּ, אהין, צום טײַך־צו, אריבערגעשווומען דעם טײַך און אוועק ווײַטער. ער ווייסט ניט וווהין...

ד.

דאָ טרײַבט מען מײַז? — אזוי קומט מען אלעמאָל צו אונדז מיט א נײַס און מע רופט אונדז, מיר זאָלן זיך מאטריכע זײַן קומען ארויס־טרײַבן די מײַז מיט אונדזער שפּרוך...

מײַן ברודער עליע איז אָבער אן עמעסער מענטש. ער האָט פײַנט „ליגונים". ער זאָגט, אז טרײַבן טרײַבט ער מײַז ניט מיט קיין שפּרוך נאָר מיט א פּראָשעק. ער האָט א פּראָשעק אזעלכן, וואָס אז די מײַז דערשמעקן אים, צעלויפן זיי זיך.

— לאָז זײַן א פּראָשעק, לאָז זײַן א שווארץ יאָר, אבי איר זאָלט מיר ארויסטרײַבן די מײַז!... וויפל וועט דאָס קאָסטן?

מײַן ברודער עליע האָט פײַנט דינגען זיך. ער זאָגט, אז פארן פּראָ־שעק קומט אזויפיל, און פאר דער טירכע אזויפיל. געווײנ־טלעך, זאָגט ער אלעמאָל טײַערער. אלע טאָג העכערט ער דעם פּרײַז. דאָס הייסט, ניט ער העכערט, נאָר מײַן שוועגערין העכערט.

— מימאָנעפּשעך, — זאָגט זי, — עסט מען כאווער, זאָל רינען איבערן באָרד. אז דו ביסט שוין יאָ געוואָרן א מײַזנטרײַבער, נעם כאָטש געלט.

— נו, און יוישער ווו איז? ווו איז גאָט? — אזוי מישט זיך אריַין די מאמע. און מײַן שוועגערן בראָכע ענטפערט איר אָפּ:

— יוישער? אָט איז יוישער! (זי וויַיזט איר אָן אפּן אויוון). גאָט? אָט איז גאָט! (זי טוט זיך א פּאטש איבער דער קעשענע).

— בראָכע! וואָס האָסטו געזאָגט?! גאָט איז מיט דיר!!!

אזוי שריַיט אויס די מאמע און טוט א בראָך מיט די הענט.

— וואָס רעדסטו מיט א בעהיימע?! — זאָגט מײַן ברודער עליע, שפּאצירט איבער דער שטוב און ציפּעט זיך דאָס בערדל. ער האָט שוין א היפּש בערדל. סע וואקסט בא אים מיט רוכעס. ער ציפּעט דאָס, און סע וואקסט. מאָדנע וואקסט דאָס בערדל. אפן האלדז גאָר האָט זיך עס בא אים צעוואָקסן. דאָס פּאָנעם איז גלאט, נאָר דאָס האלדז איז פול מיט באָרד. איר האָט געזעען אמאָל אזא באָרד?

אַן אנדערס מאָל וואָלט אים מײַן שוועגערן בראָכע פארן וואָרט „בעהיימע" אָפּגעשפּילט א פּרימאָרגן, אז עס וואָלט אים פינצטער גע־וואָרן אין די אויגן. איצט האָט זי אים פארשוויגן, וויַיל ער פארדינט געלט. אלעמאָל, ווען מײַן ברודער עליע פארדינט געלט, ווערט ער בא איר א מעיוכעס. איך ווער אויך בא איר טיַיערער, וואָרעם איך העלף מײַן ברודער פארדינען געלט. אזוי רופט זי מיך „שלעפּער" אָדער „שלימאזל", אָדער „קאפּצאָנישע קישקע". איצט האָט זי מיך פארצויגן. איך הייס שוין בא איר „מאָטעלע":

— מאָטעלע! דערלאנג מיר די שיך.

— מאָטעלע! נעם מיר אָן א קוואָרט וואסער.

— מאָטעלע! טראָג ארויס דאָס מיסט.

אז מע־פארדינט געלט, איז גאָר אנדערע ווערטער.

ה.

דער כיסאָרן פון מײַן ברודער עליע — וואָס ער האָט ליב אסאך קוואס — א דייזשקע. טינט — טויזנט פלעשער. א פראָשעק פון מיַיז — א פולער זאק. אונדזער שכיינעס מאַן, דער איַינבינדער, האָט אים אָבער געזאָגט: „וואָס דארף מען אזוי פיל?" — האָט אים נאָך מײַן ברודער עליע גוט מעכאבעד געווען. וואָלט מען כאָטש דעם זאק פאר־שלאָסן ערגעץ אין א שאפע. גייען זיי אלע אוועק און לאָזן מיך אי־בער איינעם אליין מיטן זאק. וואָס קומט מיר דערפאר, וואָס איך האָב מיך אוועקגעזעצט אפּ אים אפּ א וויַילע רוַיטנדיק? עלעהיי ס'איז א

פערדל! זאָל איך זײַן א נאָווי, אז דער זאק וועט פּלאַצן און עס וועט זיך געבן א שאָט־אויס פון אים עפּעס א געלע זאַך! דאָס איז טאַקע דער פּראָשעק, וואָס מײַן ברודער עליע פּאַרטרײַבט מיט אים מײַז. ער האָט אזא שארפן רייעך, אז מע קאָן כאַלעשן! איך בייג מיך אָן, איך וויל צונויפנעמען דאָס, וואָס האָט זיך צעשאָטן, פאַלט אָן אַף מיר א ניסע־רײַ. איך זאָל אַרײַנציִען אין נאָז אַרײַן א גאַנצע פּושקע מיט שמעק־טאַבעקע, וואָלט איך ניט באַדאַרפט אזוי שטאַרק ניסן. איך ניס אזוי לאַנג, ביז איך כאַפּ מיר אַרויס אין דרויסן. טאָמער וועל איך אויפהערן ניסן. ווער־וואָס? עס קומט אָן די מאַמע און דערזעט, איך ניס. פּרעגט זי מיך, וואָס איז? איך קאָן איר ענטפערן נאָר טשכי! און טשכי! און ווידעראַמאָל טשכי!

— ווינד איז מיר, ווי האָסטו געכאַפּט אזא קאַטער! — זאָגט צו מיר די מאַמע און ברעכט די הענט. איך הער ניט אוף צו ניסן, און ווײַז איר מיט דער האַנט אַהין, אין שטוב אַרײַן. זי גייט אַרײַן און לויפט אַרויס צוריק נאָך מיט אַן ערגערער ניסערײַ, ווי איך. קומט אָן מײַן ברודער עליע און דערזעט אונדז ביידע ניסן. פרעגט ער: וואָס איז דאָס? ווײַזט אים די מאַמע מיט דער האַנט אַהין, אין שטוב אַרײַן. ער כאַפּט זיך אַרײַן און לויפט אַרויס צוריק מיט א גוואַלד:

— ווער האָט דאָס צע — טשכי! טשכי! טשכי!..

איך האָב שוין לאַנג ניט געזען מײַן ברודער עליע אין קאַס, אַזוי ווי אַצינד. ער לאָזט זיך מיט ביידע הענט גלײַך אַף מיר. א גליק, וואָס ער ניסט, אַניט — וואָלט איך פון זײַנע הענט אַרויס א קאַליקע. מײַן שוועגערן בראָכע קומט אָן, טרעפט זי אונדז אַלע דרײַ האַלטן זיך מיט די הענט בײַ די זײַטן און ניסן.

— וואָס איז מיט אײַך? וואָס האָט איר זיך פּלוצים צעניסט?

וואָס זאָלן מיר איר זאָגן? מיר קאָנען דען אויסרעדן א וואָרט? ווײַזן מיר איר מיט דער האַנט אַהין, אין שטוב אַרײַן. כאַפּט זי זיך אַרײַן און לויפט באַלד אַרויס צוריק רויט, ווי העליש פײַער, און פאַלט אָן אַף מײַן ברודער עליע:

— וואָס האָב איך דיר גע — טשכי! טשכי! טשכי!...

קומט אָן אונדזער שכיינע, פּעסי די גראָבע. זי רעדט צו אונדז, נאָר קיינער קאָן איר ניט ענטפערן קיין וואָרט. מיר ווײַזן איר מיט דער האַנט אַהין, אין שטוב אַרײַן. זי גייט אַרײַן און לויפט אַרויס צוריק:

— וואָס האָט איר אזעלכעס גע — טשכי! טשכי! טשכי!...

אונדזער שכיינע מאכט מיט ביידע הענט. עס קומט ארויס איר מאַן, דער אײַנבינדער. דער אײַנבינדער קוקט אף אונדז און לאכט.

— וואָס איז דאָס אף אײַך אָנגעפאלן פּלוצים פאר א ניסערײַ?

— זײַט זיך מאטריעכ אהי — טשכי! טשכי! טשכי! — זאָגן מיר צו אים און ווײַזן אים אלע אהין, אין שטוב ארײַן. דער אײַנבינדער גייט ארײַן צו אונדז אין שטוב ארײַן און שפּרינגט ארויס צוריק מיט א געלעכטער:

— איך ווייס שוין וואָס דאָס איז! איך האָב א שמעק געטאָן! דאָס איז שעמע — טשכי! טשכי!

און ער כאפּט זיך מיט ביידע הענט בא די זײַטן און ניסט געשמאק. נאָכ יעדן ניס טוט ער א שפּרונג־אונטער, בלײַבט שטיין אף די שפּיץ פינ־גער און טוט א ניס, און ווידער א שפּרונג־אונטער, און ווידער א ניס, און אזוי ווײַטער. אין איין האלבע שאָ ניסן שוין אַלע אונדזערע שכיינים און שכיינעס מיט זייערע פעטערס און מומעס און גליד־שוועס־טערקינדער און זייערע באקאנטע — די גאנצע גאס, פון איין עק ביזן אנדערן, האַלט אין איין ניסן!

וואָס האָט זיך מײַן ברודער עליע אזוי דערשראָקן? אפּאָנעם, ער האָט מוירע, מע זאָל ניט אויסלאָזן דעם קאס צו אים פארן ניסן, וואָס מע ניסט? ער נעמט מיך פאר א האנט, און ניסנדיק לאָזן מיר זיך ביידע גיין באַרג־אראָפּ, צו זײַן כאווער פיני. עס נעמט גוטע אנדערהאלבן שאָ, ביז מיר זענען אימשטאנד צו רעדן אזוי ווי מענטשן. מײַן ברודער עליע דערציילט זײַן כאווער פיניען די גאנצע מײַסע. זײַן כאווער פיני הערט אים אויס מיט קאָפּ, אזוי ווי א דאָקטער הערט אויס א כוילע. אז מײַן ברודער עליע האָט געענדיקט, מאכט צו אים זײַן כאווער פיני:

— אנו, ווײַז נאָר אהער דאָס בוך.

מײַן ברודער עליע נעמט ארויס דאָס בוך פון בוזעם־קעשענע און גיט דאָס איבער צו זײַן כאווער פיני. זײַן כאווער פיני לייענט איבער דאָס אייבערשטע בלעטל: „פאר איין רובל — הונדערט! א סגולע, ווי־אזוי פון גאָרניט, מיט די פינף פינגער, מאכן הונדערט רובל א כוידעש און מער"... ער נעמט דאָס בוך און טוט דאָס א וואָרף ארײַן אין אויוון ארײַן גלײַך אפן פײַער. מײַן ברודער עליע טוט זיך א לאָז מיט ביידע הענט צום פײַער. זײַן כאווער פיני שטעלט אים אָפּ:

— פּאוואָלי, נישט געכאפּט!

נאָך א פּאָר מינוט — און פון מײַן ברודער עליעס בוך, וואָס לערנט „וויאזוי צו מאכן הונדערט רובל א כוידעש און מער", איז געבליבן ניט מער ווי א בערגל אופגעבלאָזענע אש. פון איין זײַט איז פארבליבן א שטיקל ניט־פארברענט פּאפּיר, קוים־קוים וואָס מע האָט געקענט איבערלייענען: ש־ע־מ־ע־ר־י־צ־ע.

XI

אונדזער כאַווער פּיני

א.

געדענקט איר, איך האָב אײַך אַמאָל געזאָגט, אַז איך װעל אײַך באַקענען מיט מײַן ברודער עליעס כאַװער פּיני? איך האָב אײַך צוגעזאָגט באַקענען, װײַל ער האָט אין זיך גוטע געדאַנקען. נאָר אײדער איך װעל אײַך דערצײלן פֿון פּיניען, מוז איך אײַך דערצײלן פֿריִער פֿון זײַן זײדן, נאָכדעם פֿון זײַן טאַטן, נאָכדעם פֿון זײַן פֿעטער, און ערשט נאָכדעם שוין פֿון פּיניען אַלײן.

שרעקט אײַך נישט — איך װעל דאָס אײַך מאַכן בעקיצער. איך הײב אָן פֿון זײדן.

פֿון רעב העסי דעם גלעזער האָט איר אַמאָל געהערט? דאָס איז פּיניעס זײדע. ער איז אַ גלעזער, און אַ שפּיגל־מאַכער, און אַ פּאַרבער, און קאָן מאַכן טאַבעקע. הײַנט האָט ער אװעקגעװאָרפֿן אַלע אַרבעט און פֿאַרנעמט זיך נאָר דערמיט, װאָס ער רײַבט טאַבעקע און פּאַרקױפֿט. קאָלזמאַן, זאָגט ער, אַ מענטש לעבט, דאַרף ער אַרבעטן, נישט אָנקומען צו קײנעם. ער איז אַ הױכער, אַ דאַרער, מיט רױטע אױגן און מיט אַ מױרעדיקער נאָז, אונטן ברײט, אױבן שמאָל, און אױסגעבױגן, װי אַ שױפֿער. איך האָב מױרע, אױב עס איז אים ניט געקומען פֿון דעם, װאָס ער שמעקט טאַבעקע. ער איז אַ זאָקן. ער איז אַלט עפּשער הונדערט יאָר און איז נאָך בײַ אַלע געדאַנקען. ס'איז אַ סװאָרע, אַז ער האָט נאָך הײַנט אױך מער סײכל װי זײַנע צװײ זין: הערש־לײב דער מעכאַניק און שנײער דער זײגערמאַכער. הערש־לײב דער מעכאַניק איז אױך אַזױ דין און הױך, װי רעב העסי. ער האָט אױך אַ גרױסע נאָז, נאָר ער שמעקט ניט קײן טאַבעקע. עפּשער װעט ער אַמאָל שמעקן. דערװײַל נאָך נישט. ער איז אַ מעכאַניק פֿון אױװנס. ער מאַכט אױװנס. אַלע זאָגן אױף אים, אַז ער איז אַ קאָפּמענטש. ער האָט טאַקע אַ גרױסן שטערן. מע זאָל אים געװען, זאָגט

ער, לערנען אַ מעלאָכע, וואָלט ער זײַן אײנער אין דער וועלט. עס איז גאָר ניטאָ קײן זאַך אויף דער וועלט, וואָס ער זאָל׳עס ניט פֿאַרשטײן מיטן סײכל. אַזוי זאָגט ער אַלײן אויף זיך. אַלצדינג כאַפּט ער מיטן קוק. אויוונס מאַכן האָט ער זיך אויסגעלערנט פֿון זיך אַלײן. ער האָט געזען אַ פּאָר מאָל, ווי איוואַן פּיטשקור מאַכט אויוונס, האָט ער זיך געהאַלטן בײַ די זײַטן פֿון געלעכטער. ער האָט געזאָגט, אַז דער גוי הייבט ניט אָן צו פֿאַרשטײן, וואָס הייסט אַן אויוון. איז ער געקומען אַהײם און האָט צעוואָרפֿן דעם אויוון און האָט אָוועקגעשטעלט, טאַקע פֿון דיזעלבע ציגל, אַן אַנדער אויוון. די ערשטע צײַט האָט דער אויוון געררויכערט, מע האָט געקאָנט דערשטיקט ווערן. האָט ער צעוואָרפֿן דעם אויוון און געשטעלט אַ נײַעם אויוון. אַזוי עטלעכע מאָל, ביז ער איז געוואָרן דער באַרימטער מעכאַניק. ער האָט מיט זײַן אײגענעם סײכל דערקלערט אַזאַ מין אויוון, וואָס ס׳איז גענוג, מע זאָל אים הייצן אײן מאָל אין אַכט טעג. דער גאַנצער כיסאָרן, ער האָט נאָך ניט די ציגל, זאָגט ער, וואָס מע דאַרף דערצו האָבן. ווען מע גיט אים, זאָגט ער, „קאַכליאָווע״ ציגל, שטעלט ער אײַך אויף אַן אויוון, וואָס מע דאַרף אים גײן זען אויף כידושים! ער זאָגט, אַז אין אַן אויוון ליגט מער סײכל, ווי אין אַ זייגער. דאָס זאָגט ער שוין אויף צולאָכעס זײַן ברודער שנײער. זײַן ברודער שנײער איז ייִנגער פֿון אים און העכער פֿון אים, און האָט אויך אַ לאַנגע נאָז, און איז אַ זייגערמאַכער. געוואָלט האָט ער גאָר זײַן אַ ראָוו, אָדער אַ שויכעט, אָדער אַ מעלאַמעד. אַזאַ קאָפּ האָט ער געהאַט צום לערנען. האָט ער בעסער געוואָלט זײַן אַ זייגערמאַכער. ווי קומט צו אים זייגערמאַכערײַ? וועט איר הערן.

אַז ער איז נאָך געווען אַ ייִנגל און האָט געלערנט אין כײדער, אַזוי דערציילט שנײער אַלײן, האָט אים דער קאָפּ געטראָגן אויף גרויסע זאַכן. לעמאָשל, דערגײן דעם סײכל פֿון אַ שלאָס. פֿאַרוואָס אַז מע טוט אַ דרײ רעכטס, עפֿנט עס זיך, און אַז מע טוט אַ דרײ לינקס, פֿאַרשליסט עס זיך? אָדער וויִאַזוי גײט אַ זייגער? פֿאַרוואָס שלאָגט ער אַקוראַט דעמאָלט, ווען דער גרויסער ווײַזער קומט צו צום צוועלף? דאָס ערשטע מאָל, אַז ער האָט, זאָגט ער, דערזען אַ זייגער מיט אַ פֿויגל, איז ער שיִער ניט אַראָפּ פֿון זינען. דעם זייגער מיטן פֿויגל האָט דער אַלטער רעבע העסי באַקומען אַ מאַטאָנע פֿון אַן אויסגעדינטן פּאָלקאָווניק, וואָס פֿלעגט אים געבן אַרבעט. אַלע שאָ, אַז דער זייגער

האָט באַדאַרפט קלינגען, האָט זיך אופגעעפנט א טירל און ס'איז ארויס
א פויגל מיט א קו־קו! דער פויגל איז געווען נאַטירלעך, ווי לעבע-
דיק. איר קאָנט פארשטיין, אז אפילע די קאַץ האָט געהאַט א טאָעס.
אלעמאָל ווען דער פויגל איז ארויס מיט א קו־קו, פלעגט זיך די קאַץ
אָנבלאָזן און פלענט אים ווען כאַפּן. שנייער האָט זיך געגעבן דאָס
וואָרט, אז ער מוז דערגיין דעם סייכל פונעם פויגל. איינמאָל, אז קיי־
נער איז ניט געווען אינדערהיים, האָט ער זיך צוגעכאַפּט צום זייגער.
ער האָט אים אראָפּגענומען פון וואַנט, אָפּגעדרייט אַלע שרייפלעך און
ארויסגענומען די געדערים. איז אָנגעקומען דער פאָטער, האָט ער אים
אזוי געשלאָגן, אז מע האָט שוין נישט געהאַלטן פון זיין לעבן. אדייעם,
זאָגט ער, שטייען בא אים סימאָנים אפן לייב. ער האָט אָבער אויס־
געפירט זיינס — ער איז א זייגערמאַכער. איך ווייס ניט, צי ער איז
פון די בעסטע, נאָר ער נעמט נישט טייער און מאַכט גיך. מיין ברו־
דער עליע האָט בא אים שוין וויפל מאָל צורעכט געמאַכט דעם זיי־
גער. קימאַט א וואָך איבער א וואָך פאַריכט ער אים דעם זייגער.
א מאָדנער זייגער בא מיין ברודער עליע: אָדער ער לויפט
מעשוגענערווייז, אָדער ער גייט איינגעהאַלטן מיט א שאָ פיר, אָדער
ער שטעלט זיך גאָר אוועק — און טוט אים עפּעס! מיין ברודער עליע
וואָלט עפּשער געגאַנגען צו אן אנדער זייגערמאַכער, פאַסט אים ניט
פאר זיין כאַווער פּיני. זיין כאַווער פּיני זאָגט, אז שולדיק איז מיס־
טאמע דער זייגער, ניט דער פעטער שנייער. וואָרעם מימאָנעפשעך:
איז דער זייגער א זייגער, וועט אים דאָך יעדער זייגערמאַכער קאָנען
צורעכט מאַכן, עלע וואָס דען? דער זייגער אליין איז קיין זייגער
ניט, הייסט וואָס וועט אים העלפן דער זייגערמאַכער?
גייט זאָגט, אז ער איז אומגערעכט!

ב.

מיין ברודער עליעס כאַווער פּיני איז אויך א קאָפּמענטש, אזוי ווי
זיין טאַטע הערש־לייב דער מעכאַניק און אזוי ווי זיין פעטער שנייער
דער זייגערמאַכער. א נאָז האָט ער אויך א לאַנגע, אזוי ווי זיי. נעזע־
ריק זענען זיי אַלע, די גאַנצע מישפּאָכע זייערע. זיי האָבן א מומע
קריינע, האָט זי א טאָכטער מאַלקע, האָט זי א נאָז, וואָס מע דאַרף
גיין קוקן אף כידושים. און ניט אזוי די נאָז, ווי דאָס פּאָנעם. ס'איז
גאָרנישט קיין מענטשלעך פּאָנעם. זעט אויס ווי א פויגל, אָדער ווי א

כײַעֶ. זי שעמט זיך ארויסגײן אפ דער גאס. ס'איז אפ איר א גאָטס ראכמאָנעס! פיני איז אביסל אין איר געראָטן, נאָר ער איז א מאנצביל. א מאנצביל מאכט נישט אויס. ער זעט אפילע אויס מאָדנע. אז איר טוט אפ אים א קוק, מוזט איר זיך צעלאכן. נישט געווג, וואָס ער איז דין און הויך, האָט ער א פּאָר לאנגע אויערן, א לאנגן האלדז, ווי א גאָנער, און א נידעריקע ריִע דערצו. ווו ער זאָל ניט גײן, מוז ער זיך מיט עמעצן צעבוצקען. שטעלט ער זיך אוועק, מוז ער עמעצן אָנטרעטן אפן פוס. אײן הויז מוז בא אים זײַן פארקאטשעט. אײן זאָק מוז זײַן אראָפּגעלאָזט. דאָס העמד מוז זײַן צעשפּיליעט. דאָס שניפּסל מוז זײַן פון יענער זײַט. און אז ער רעדט, כאָרכלט ער, און האָט ליב צוקער־קעס. ווען איר זאָלט אים נישט באגעגענען, האלט ער עפּעס אין מויל און סמאָצקעט. דערפאר איז ער אָבער א געראָטענע קײלע. ניטאָ אײן זאך אפ דער וועלט, וואָס ער זאָל ניט קאָנען. מיט זײַן לערנען האָט ער, זאָגט מען, איבערגעיאָגט דעם ראָוו. מיט זײַן שרײַבן וועט ער פארשטעקן אין גארטל אלע קענערס. אכוץ וואָס ער האָט א זעלטענע האנטשריפט, איז ער א גרויסער בעריע אפ גראמען. וואָס ער זאָל ניט שרײַבן, שרײַבט ער מיט גראמען. ער האָט שוין באשריבן די גאנצע שטאָט: דעם ראָוו, דעם שויכעט, די גאבאָים, די יאטקעס, זײַן אײגע־נע מישפּאָכע — אלעמען האָט ער שוין באשריבן, און אלעמען אין גראמען. פיניעס גראמען זענען א צײַט ארומגעגאנגען פון האנט צו האנט און מע האָט זיך געקאטשעט פאר געלעכטער. אנדערע האָבן זיי אויסגעלערנט אפ אויסנווייניק. לעמאָשל, איך געדענק א פּאָר פון זײַנע גראמען:

אונדזער גאבע,
רעב שמועל־אבע,
האָט א גרויסן בויך;
זיצט באם טישל,
לאקכנט פון דער שיסל,
אז עס גײט א רויך!
זײַן ווײַב נעכאָמע,
א קאָשערע נעשאָמע —
איך וויל פון איר ניט ריידן,
זי איז קליג,
ווי דעם רעבנס ציג —
כאפּט דער רועך זיי ביידן...

די גאנצע שטאָט האָט געקאָכט מיט דידאָזיקע גראמען. איינער האָט צוגעמאַכט צו דעם א ניגון פון זמירעס. די גאנצע שטאָט האָט זיך ארומגעטראָגן מיטן לידל, ביז ס'איז אָנגעקומען צום גאבע מיט דער גאבעטע. האָבן זיי געשיקט רופן צו זיך דעם פאָטער, הערש־לייב דעם מעכאניק, און האָבן געוויינט פאר אים מיט טרערן. זיי האָבן אים געפרעגט: וואָס האָט צו זיי זײַן פיני?... געקומען אהיים, האָט דער פאָטער, הערש־לייב דער מעכאניק, ארײַנגערופן פיניען אין שטוב ארײַן, פארשלאָסן טיר און טויער און האָט אים גוט ארײַנגעצימבלט. ער האָט אים אזוי לאנג געשמיסן, ביז פיני האָט אים געמוזט געבן טקיעס־קאַפ, אז ער וועט שוין מער קיין גראמען ניט שרײַבן, ווײַל ער וועט לעבן.

ג.

פון דעמאָלט אָן שרײַבט שוין פיני מער ניט קיין גראמען. עס קריכן אים שוין ניט אין קאָפּ קיין גראמען. ער איז אַפּ גרויסע צאָרעס. אזוי זאָגט אַפּ זיך פיני אליין. עס האָט זיך אים פארגלוסט כאַסענע האָבן. דאָס הייסט, ניט אים, זײַן טאַטן הערש־לייב האָט זיך פארגלוסט, אז פיני זאָל כאַסענע האָבן און זאָל ווערן א „מענטש”. פיני האָט כאַסענע געהאַט פאר א מילנערס א טאָכטער. דער מילנער האָט אים געעפנט א קלייטל פון מעל. מײַן ברודער עליע איז אים מעקאַנע, וואָס ער האָט א געשעפט. פיני לאַכט פון אים. ער זאָגט ס'איז א געשעפט, נאָר ניט פאר אים. וואָס איז דאָס, זאָגט ער, פאר אַן אוועדע פּאַטשקען זיך מיט מעל? דאָס פּאַסט, זאָגט ער, פאר א גראָבן יונג, פאר א מילנער... וואָס איז ער, זאָגט ער, שולדיק, אז ער קאָן ניט זיצן אין קלייט? ער קאָן ניט, זאָגט ער. דער קאָפּ טראָגט אים, דער קאָפּ פליט. ס'איז בא זיי, זאָגט ער, אזא מישפּאָכע פון פליענדיקע קעפּ...

אזוי זאָגט פיני און וויל ניט גיין אין קלייט ארײַן. ער וועט בעסער, זאָגט ער, זיצן איבער א ביכל, וועט ער מער האנאָע האָבן. זײַן שווער, דער מילנער, איז דערפאר גוט בערויגעז, נאָר ער מוז שווײַגן. ער האָט מוירע פארן איידעם, ער זאָל אים ניט באשרײַבן, און אויסער דעם איז די טאָכטער בא אים זייער ציטעריק. זי איז א באַסיעכידע. טײַבל הייסט זי. זי איז אביסל קאַסאָקע אַפּ איין אויג, נאָר זייער א גוטע. מײַן מאמע זאָגט אַפּ איר, אז זי איז אָן א גאַל. איך פארשטיי ניט, וואָס הייסט, זי איז אָן א גאַל? ווו איז אהינגע־

קומען איר גאָל?... גאַנצע טעג זיצט זי אין קלייט, און פּיני איז אינ־דערהיים. מיר קומען צו אים מיט מײַן ברודער עליע קימאַט אַלע טאָג. ער רעדט זיך אויס פאַר אונדז דאָס האַרץ. אַלעמאָל, ווען מיר קומען צו אים, זיפצט ער און קרעכצט און באַקלאָגט זיך אויף זײַן פינצטער מאַזל. ס'איז אים דאָ ענג, זאָגט ער, און דושנע. ער פילט, זאָגט ער, אַז ער ווערט דערוואָרגן. ער זאָל זײַן, זאָגט ער, אין אַן אַנדער שטאָט, וואָלט געווען גאָר אַנדערש. ווען מע לאָזט אים, זאָגט ער, אַרויס פון דאַנען כאָטש אויף איין יאָר, קערט ער איבער די וועלט! אַזוי זאָגט ער צו מײַן ברודער עליע. קיינעם פאַרגלויבט ער נישט אַזויפיל, וויפל מײַן ברודער עליע. ער ווײַזט אים בריוו, וואָס ער האָט. די בריוו זענען פון גרויסע מענטשן. די „גרויסע מענטשן" שרײַבן אים, אַז ער האָט אין זיך עפּעס אינוווייניק. פּיני זאָגט, אַז ער אַליין פילט אויך, אַז ער האָט אין זיך עפּעס אינוווייניק. איך קוק אויף אים און טראַכט מיר: „ריבוינעשעלוילעם! וואָס האָט ער אַזעלכעס אין זיך אינוווייניק?"...

ד.

איינמאָל קומט צו אונדז פּיני און רופט אַרויס מײַן ברודער עליע אויף אַ סאָד. וויבאַלד אַ סאָד, מוז איך וויסן. איך האָב ליב וויסן אַלע סוידעס. איך גיי זיי נאָך פונהינטן און הער זיך אײַן און כאַפּ ווערטער. פּיני רעדט, און מײַן ברודער עליע רעדט. איך געב אײַך איבער זייערע ביידנס ווערטער:

פּיני: וואָס וועלן מיר דאָ אויסזיצן?

עליע: איך זאָג אויך דאָס אייגענע.

פּיני: אָט האָב איך געלייענט. אַז איינער איז אוועקגעפאָרן אַהין מיט פינף פינגער, אַ האַלב יאָר געשלאָפן אין דרויסן, געקערט די גאַסן פאַרן שטיקל ברויט.

עליע: נו, און הײַנט?

פּיני: אויף אונדז ביידן געזאָגט געוואָרן,

עליע: אַזוי?

פּיני: אַזוי! אַזוי! וואָס־זשע? איך וועל דיך אָפּנאַרן? איך האָב שוין גערעדט מיט מײַן טײַבלען.

עליע: וואָס־זשע זאָגט זי?

פּיני: וואָס זאָל זי זאָגן? זי פאָרט.

עליע: זי פאָרט? נו, און דער שווער?

פ י נ י: ווער הערט אים? אז איך וועל אוועקפאָרן אַליין, וועט אים זײַן בעסער? ער זעט דאָך, אז דער קאָפּ טראָגט מיך, איך קאָן דאָ ניט זײַן!

ע ל י ע: און איך, מיינסטו, קאָן דאָ זײַן?

פ י נ י: טאָ לאָמיר זיך אופהייבן און לאָמיר פאָרן.

ע ל י ע: אופהייבן און פאָרן? מיט וואָס?

פ י נ י: שיפסקארטן גיט מען דאָך אומזיסט, נארעלע.

ע ל י ע: וואָס הייסט, אומזיסט?

פ י נ י: אפ אויסצאָלן. מיר וועלן זיי אמאָל אויסצאָלן. דערווײַל האָבן מיר זיי אומזיסט.

ע ל י ע: נו, און ביזן שיף? הויצאָעס? הײַנט בילעטן? באַן?

פ י נ י: וויפל בילעטן דארפן מיר דען האָבן, נארעלע?

ע ל י ע: אדעראבע, וויפל דארפן מיר האָבן?

פ י נ י: רעכן אויס: איך און מײַן טײַבל איז ניט צוויי. דו און דײַן בראָכע צוויי, איז ניט פיר.

ע ל י ע: און די מאמע איז ניט פינף.

פ י נ י: אָנז פינף.

ע ל י ע: נו, און מאָטל?

פ י נ י: פאר אים איז גענוג א האלבער בילעט. און עפשער קיין האלבער אויך ניט... מיר וועלן זאָגן, אז ער איז נאָך ניט אלט קיין דרײַ יאָר.

ע ל י ע: ביסט מעשוגע?

* * *

וואָס זאָל איך טון? איך קאָן מיך מער נישט אײַנהאלטן. פאר גרויס פרייד לאָז איך ארויס א קוויטש.ביידע דרייען זיך אויס צו מיר.

— אוועק, דו שייגעץ! וואָס פאר א טנוע זיך אונטערהערן, אז גרויסע רעדן צווישן זיך?

איך לאָז מיך לויפן, שפרינג אונטער און פאטש מיך מיט ביידע הענט אין די ליטקעס פון די פיס. א קליינינקײַט — איך פאָר!... שיף!... באן!... בילעט!... א האלבער בילעט!... ווּהין, אשטייגער, פאָרן מיר? איך וויל גאָרניט וויסן ווּהין. וואָס גייט עס מיך אָן ווּהין? איך פאָר — און גענוג! איר ווייסט, וואָס איך וועל אײַך זאָגן? אז מיר זאָלן זיך וועלן גוט אויסרעכענען, בין איך דאָך נאָך קיינמאָל אפ מײַן לעבן אין

ערגעץ נישט געפאָרן. איך ווייס אפילע נישט דעם טאם, וואָס הייסט דאָס פאָרן? אביסל האָב איך יאָ פארזוכט דעם טאם. איך בין אמאָל זיך דורכגעפאָרן אפ אונדזער שאָכנס ציג, האָט דאָס מיך געקאָסט טײַער. אכוץ וואָס איך בין געפאלן און צעבלוטיקט די נאָז, האָב איך נאָך געכאפט א פאָר פעטש אויך. דערפאר רעכן איך ניט די נעסיִע.

איך בין דעם גאנצן טאָג ווי א צעמישטער. איך האָב פארלאָרן דעם אפעטיט צום עסן. באנאכט כאָלעמט זיך מיר, אז איך פאָר. ניט איך פאָר, נאָר איך פלי. איך האָב פליגל, ווי א טויב, און איך פלי. לעבן זאָל אונדזער כאוער פיני! ער באקומט אין מײַנע אויגן טויזנט מאָל מער כיין, ווי פריִער. איך זאָל מיך ניט שעמען, וואָלט איך אים געקושט און געהאלדזט. א טײַערער פיני דאָס איז!

נו, האָב איך אײַך נישט געזאָגט, אז ער האָט אין זיך גוטע געדאנקען?

XII

שאַט, מיר פאָרן קיין אַמעריקע!

א.

שאַט, מיר פאָרן קיין אַמעריקע! ווו איז אַמעריקע? — ווייס איך ניט. איך ווייס נאָר, אַז ס'איז ווײַט, שרעקלעך ווײַט. מע דאַרף אַהין פאָרן און פאָרן אַזוי לאַנג, ביז מע קומט. און אַז מע קומט, איז פאַראַן אַ „קעסטל־גאַרטל" [26]). דאָרט, אין „קעסטל־גאַרטל", טוט מען אײַך אויס נאַקעט און מע קוקט אײַך אין די אויגן. האָט איר געזונטע אויגן, איז גוט. עלע ניט, פאָרט, זײַט מוחל, צוריק! דאַכט זיך, איך האָב געזונטע אויגן. איינמאָל נאָר האָב איך געהאַט צו טון מיט די אויגן. ייִנגלעך פון דער שקאָלע האָבן מיך דערטאַפּט, אַוועקגעלייגט און אַרײַנגעבלאָזן מיר אין די אויגן אַרײַן טאַבאַק. אײַ, האָט זיי מײַן ברודער עליע געפּאַטשט! איצט זענען בײַ מיר די אויגן לויטער, ווי קרישטאָל. זעט איר, מיט מײַן מאַמען איז ניט פריילעך. אַזוי זאָגט מײַן ברודער עליע. ווער איז שולדיק? אַז טאָג ווי נאַכט וויינט זי. זינט דער טאַטע איז געשטאָרבן האָט זי נאָך גאָרניט אויפגעהערט צו וויינען.

— אום גאָטעס ווילן! דו האָסט קיין ראַכמאָנעס ניט אויף אונדז! איבער דיר וועלן מיר, כאָלילע, אַלע דאַרפן פאָרן צוריק!

אַזוי טײַנעט מיט איר מײַן ברודער עליע, און זי ענטפערט אים:

— נאַריש קינד, וואָס דו ביסט! איך וויין דען? עס וויינט זיך אַליין, אָן מיר!..

אַזוי זאָגט די מאַמע, ווישט די אויגן אין פאַרטעך און נעמט זיך צום בעטגעוואַנט, צו די קישנס. מע דאַרף איבערשיטן אַלע קישנס. אַמעריקע איז אַ לאַנד, ווו ס'איז ניטאָ קיין קישנס. אַלצדינג איז דאָרט דאָ, נאָר ניט קיין קישנס. וויִאַזוי שלאָפן דאָרט די מענטשן — פאַרשטיי איך ניט. עס דאַרף זיי זײַן האַרט צוקאָפּנס! מײַן שוועגערן בראָכע העלפט איר איבערשיטן די קישנס. מיר האָבן, ניט צו פאַרזינדיקן, היפּשע עטלעכע קישנס. דרײַ גרויסע איבערבעטן מיט זעקס קישנס מיט פיר

קליינע קישעלעך. מאמזיירימלעך הייסן זיי. פון אלע פיר מאמזיירימלעך מאכט די מאמע איין קישן. אן אווירע. איך האָב ליב די קליינע מאמזיירימלעך בעסער פון די גרויסע. איך שפּיל זיך מיט זיי אמאָל אינדערפרי. איך מאַך פון זיי א האָמען־טאַש, א ספּאָדעק...

— מיר וועלן קומען, אימירצעשעם, געזונטערהייט אהין, וועלן מיר זיי צוריק איבערשיטן אין קליינע מאמזיירימלעך.

אזוי זאָגט די מאמע צו מיר און צו מײַן שוועגערן בראָכע און גיט איר אָנצוהערעניש, אז זי זאָל אויך אזוי טון. מײַן שוועגערן בראָכע טוט אויך אזוי, כאָטש זי איז פון דער נעסיִע ניט צופרידן. ס'איז איר שווער זיך שיידן מיט איר טאַטע־מאַמע. מע זאָל איר געווען, זאָגט זי, זאָגן פאַראיאָרן אין דער צײַט, אז זי וועט פאָרן קיין אמעריקע, וואָלט זי יענעם, זאָגט זי, אָנגעשפּיגן א פולן פּאָנעם.

— מע זאָל מיר געווען זאָגן פאַראיאָרן, אז איך וועל זײַן אן אלמאָנע...

אזוי זאָגט די מאמע און צעוויינט זיך. דערזעט מײַן ברודער עליע און מאַכט א גוואַלד:

— ווידעראמאָל געוויינט? ווילסט אונדז, אפּאָנעם, אלעמען אומגליקלעך מאַכן?!...

ב.

טאָמער איז קאַרג, טראָגט עס אָן אונדזער שכיינע פּעסי. דערזעענדיק אונדז בײַ דער ארבעט, ווי מיר שיטן איבער די קישנס, שטעלט זי זיך אוועק אונדז אויסרעדן אביסל דאָס האַרץ. זי לייענט אונדז א גאַנצע טכינע:

— פאָרט איר, הייסט עס, טאַקע קיין אמעריקע? האלעווײַ דער אייבערשטער זאָל געבן, איר זאָלט קומען געזונטערהייט און זאָלט דאָרט באַגליקן. בײַ גאָט איז אלצ מעגלעך. אָט איז פאַראיאָרן אוועקגעפאָרן מײַנע אן אייגענע, ריוול הייסט זי, מיט איר מאַן הילי. שרײַבן זיי, אז זיי מוטשען זיך, נאָר זיי מאַכן א לעבן... וויפל מע בעט זיך בײַ זיי, זיי זאָלן שרײַבן ווי מענטשן: וואָס און ווען און וויאַזוי? ענטפערן זיי: אמעריקע איז א לאַנד פאַר אלעמען. יעדער מוטשעט זיך און מאַכט א לעבן... האָט איר עפּעס צו זיי? נאָך גוט, וואָס זיי שרײַבן כאָטש. די ערשטע צײַט האָבן זיי גאָרניט געשריבן, פאַרגעסן דעם זײַ־געזונט. מיר האָבן שוין געמיינט, אז זיי זענען כאָלילע ארײַנגעפאַלן אין יאַם ארײַן. ערשט העט ווייס איך ווען קומט אָן א יעדיִע,

אַז זיי זענען שוין, אַדאַנק גאָט, אין אַמעריקע. זיי מוטשען זיך און מאַכן אַ לעבן!... אוואַדע, זאָג איך אײַך, איז קעדײַ דער גאַנצער טאַ־רעראַם, מיטן ברעכן זיך, מיטן איבערשיטן דאָס בעטגעוואַנט, מיטן פאָרן איבערן יאַם, מיט נאָך אַזעלכע זאַכן!

— איך בעט אײַך, איר וועט אַמאָל אופהערן לייגן קנייטלעך?

אַזוי פאַלט אָן מײַן ברודער עליע אַף אונדזער שכיינע פּעסי און באַקומט פון איר אַ פאַרציע:

— לייגן קנייטלעך? זע נאָר, אַ גאַנצער כאָכעם פון דער מאַניש־טאַנע! ער פאָרט קיין אַמעריקע זיך מוטשען און מאַכן אַ לעבן! ווי לאַנג האָב איך דיך געהאַלטן אַף די הענט, זיך געניאַנטשעט, געהאַט צו טון? אַנו, פרעג נאָר די מאַמע דײַנע, וואָס איך האָב געהאַט מיטן ביינדל, וואָס דו האָסט קינדווײַז אײַנגעשלונגען אײנמאָל פרײַטיק צונאַכטס בא די פיש. ווען ניט איך טו דיך אַ כאַפּ פונהינטן איינס־צוויי־דרײַ, וואָלסטו שוין איצטער ניט געפאָרן קיין אַמעריקע זיך מוטשען און מאַכן אַ לעבן!...

אונדזער שכיינע פּעסי וואָלט נאָך גערעדט און גערעדט. אַ גליק, וואָס די מאַמע מישט זיך אַרײַן און הייבט אָן צו איר מיט גוטן:

— איך בעט אײַך, פּעסיניו, נעשאָמעניו, האַרצעניו, ליובעניו, זאָלט איר מיר זײַן געזונט און שטאַרק!...

מער קאָן די מאַמע ניט רעדן. זי צעוויינט זיך. דערזעט מײַן ברודער עליע, אַז זי וויינט, ווערט ער אָנגעצונדן. ער טוט אַ וואָרף די אַרבעט און לויפט אַרויס פון שטוב מיט אַ קלאַפּ די טיר:

— לאָז דאָס גיין אין דר׳ערד אַרײַן!

ג.

אין שטוב איז שוין בא אונדז פּוסט — אַ כורווע. דער אַלקער איז פול מיט פּעקלעך און מיט בעטגעוואַנט. דאָס בעטגעוואַנט פאַרנעמט קימאַט ביז דער סטעליע. אַז קיינער איז נישטאָ, דראַפּע איך מיך אַרוף אַף אַלע קישנס און גליטש מיך אַראָפּ, ווי אַף אַ שליטן. מיר דאַכט זיך, אַז אַזוי גוט ווי איצט, איז מיר נאָך קיינמאָל נישט געווען. קאָכן קאָכט מען שוין ניט בא אונדז פון לאַנג. מײַן ברודער עליע ברענגט פון מאַרק אַ געטריקנט פישל, עסן מיר דאָס מיט ציבעלע. פישל מיט ציבעלע — וואָס קאָן זײַן נאָך בעסער פון דעם? אונדזער כאַווער פיני עסט אויך מיט אונדז. ער איז דאָך פון טאָמיד אַ פאַר־

טראָגענער. דער קאָפּ פּליט בא אים. נאָר פון זינט מיר פאָרן קיין אמעריקע, איז ער גאָר צעדולט. אזוי זאָגט אפ אים די מאמע. איין הויז איז בא אים פארקאטשעט ארופ, איין זאָק אראָפּ. דאָס האלדז־טיכל שפּארט שוין אָן אפ יענער זײַט. און קומט ער ארײַן צו אונדז אין שטוב, אזוי מוז ער כאפּן א זעץ אין שטערן. אלעמאָל האָט צו אים די מאמע דיזעלבע טײַנע:

— דו זעסט דאָך, אז דו ביסט הויך אויסגעוואָקסן, בייגט מען זיך אײַן אביסל.

— ער האָט א נידעריקע ריִע, מאמע!

אזוי פאַרענטפערט אים מײַן ברודער עליע, און ביידע גייען זיי מאכן אן עק מיט אונדזער האלבער דירע. מע דארף זיך צעשרײַבן. מיר האָבן אונדזער האלבע דירע שוין לאנג פארקויפט. אונדזער האלבע די־רע האָט אוועקגעקויפט זילי דער שנײַדער. אזוי גיך קויפט א שנײַדער א דירע! א גרויסער נודניק אָט דער זילי דער שנײַדער! פריִער איז ער דרײַ מאָל א טאָג געקומען אָנקוקן אונדזער האלבע דירע איינער אליין. געשמעקט די ווענט, געטאפּט דעם קוימען, געקראָכן אפן בוי־דעם, באטראכט דעם דאך. נאָכדעם האָט ער געבראכט דאָס ווײַב. מעני הייסט זי. ווען איך קוק אפ איר, מוז איך מיך צעלאַכן. אונדזער שכיי־נעס קעלבל האָט אויך געהייסן „מעני". ביידע „מעניס" האָבן איין פּאָנעם. מעני דאָס קעלבל האָט געהאט א ווײַסע מאָרדע מיט קײַלעכי־קע אויגן. מעני דעם שנײַדערס אויך אזוי... שפּעטער האָט זילי דער שנײַדער אָנגעהויבן פירן מעווינים אָנקוקן די דירע. צומייסטן, שנײַ־דערס. יעדער האָט געפונען אפ אונדזער האלבער דירע אן אנדער כי־סאָרן. ביז ס'איז געבליבן, מע זאָל אראָפּברענגען פיניעס טאטן, הערש־לייב דעם מעכאניק. הערש־לייב דער מעכאניק איז א מיוון אפ דירעס. ער איז אן ערלעכער מענטש. אפ אים קאָן מען זיך פארלאָזן. הערש־לייב טוט צוליב. ער באטראכט אונדזער האלבע דירע פון אלע זײַטן. ער הייבט אופ דעם קאָפּ ווי הויך ער איז, פארקאטשעט דאָס היטל, טוט זיך א קראַץ אונטערן האלדז און א זאָג:

— אָט די דירע קאָן שטיין, בעלי גוזמע, א יאָר הונדערט, אויב נישט מער.

כאפּט זיך ארויס איינער א שנײַדער, פון זילי דעם שנײַדערס מעווינים.

— געוויס! אבי מע זאָל זי נאָר איבערשיטן מיט ציגל, אונטערשפּארן מיט א פּאָר גוטע אבאפּאָלקעס, ארײַנכמאליען פיר נײַע ווענט און

ארופציִמבלען א בלעכענעם דאַך, וועט זי שטיין און שטיין, אימירצע־שעם, ביז מָשיחַ וועט קומען!

מע זאָל געווען הערש־לייב דעם מעכאַניק, אַשטייגער, אויסשעלטן אין טאַטן אַריַין, אָדער אָפּגיסן מיט א טאָפּ זודיק וואַסער, וואָלט ער ניט באַדאַרפט ווערן מער אין קאַס. ער האָט נאָר געוואָלט וויסן איין זאַך: „ווי האָט דאָס אין זיך א ייִד א פּאַרך, א שניַידער, א גאַנעוו, א פּאַלגע, אַזא פּאָטעפּאַלנאָסט צו רעדן מיט אים, מיט הערש־לייב דעם מעכאַניק, אַזעלכע ווערטער, מיט אַזעלכע רייד, מיט אַזעלכע דיבורים, מיט אַזא שפּראַך, און מיט אַזא לאָשן?!" איך בין אומזיסט געווען פריילעך: איך האָב געמיינט, אָט־אָט פליִען פּעטש. צום סאָף האָבן זיך אַריַינגעלייגט מענטשן (אומעטום וואַקסן אויס „מענטשן"!) און מע האָט זיי צענומען, און מע האָט געמאַכט שאָלעם, און מע האָט זיך אָנגעהויבן דינגען, און מע האָט זיך אויסגעגליַיכט מיטן מעקעך, און מע האָט גע־שיקט נאָך בראָנפן, און מע האָט געטרונקען לעכאַיִם. מע האָט אונדז געווינטשעוועט, מיר זאָלן פאָרן געזונט, און קומען געזונט, און מאַכן גוטע געשעפטן, און פאַרדינען אַסאַך געלט, און קומען צוריק, אימירצעשעם...

— פּאַוואָלי! ניט אַזוי גיך קומט מען צוריק פון אַמעריקע, — זאָגט מיַין ברודער עליע, און עס פאַרבינדט זיך א שמועס וועגן אַמעריקע. הערש־לייב דער מעכאַניק ווינטשט זיך אַזא שטיק גאָלד, ווי מיר וועלן אַלע, אימירצעשעם, קומען צוריק פון אַמעריקע. ווען ניט דער „פּריזיוו", וואָלט ער זיַינע פיניע, זאָגט ער, ניט געלאָזט פאָרן קיין אַמעריקע. אַמעריקע, זאָגט ער, איז פע! פרעגט אים זילי דער שניַידער: ער זאָל קיין פאַריבל ניט האָבן, מיט וואָס איז אַמעריקע פע? ענטפערט אים הערש־לייב: דערפאַר, וויַיל אַמעריקע איז א פּאַסקודנע לאַנד. פרעגט אים ווידעראַמאָל זילי דער שניַידער, ער זאָל קיין פאַריבל ניט האָבן, פונוואַנען ווייסט ער, אַז אַמעריקע איז א פּאַסקודנע לאַנד? ענטפערט אים הערש־לייב, אַז ער פאַרשטייט דאָס אַלפּי סייכל. זאָגט אים זילי, ער זאָל אים געבן צו פאַרשטיין דעם סייכל. הייבט אָן הערש־לייב מעכאַניק צו שטאַמלען מיט דער צונג, געבן צו פאַרשטיין אַלפּי סייכל. נאָר עס קלעפּט זיך ניט א וואָרט צו א וואָרט, מאַכמעס ער איז שוין אַביסל אונטערן גלעזל. אַלע זענען אונטערן גלעזל. אַלע פילן זיך גוט, אויסגעצייכנט גוט. איך אויך. נאָר די מאַמע מיַינע באַהאַלט אַלע מינוט דאָס פּאָנעם אין פאַרטעך און ווישט די אויגן. מיַין ברודער עליע קוקט אָפּ איר און זאָגט צו איר שטילערהייט:

— גאזלענטע! דו האָסט קיין ראַכמאָנעס ניט אַף די אויגן! דו קוילעסט אונדז!...

ד.

איצט האָט זיך אָנגעהויבן א נייַע כאַסענע — געזעגענען זיך. פון שטוב צו שטוב גייען מיר זיך געזעגענען. מיר זענען שוין געווען בא אַלע אונדזערע קרויווים, שכיינים און באַקאַנטע. בא אונדזער מעכוטן, יוינע דעם בעקער, האָבן מיר פאַרבראַכט א גאַנצן טאָג. אונדזערע מע־כוטאָנים האָבן געמאַכט פאַר אונדז א ווארמעס, צונויפגערופן די מיש־פּאָכע, געשטעלט ביר צום טיש. מיך האָט מען אוועקגעזעצט באזונדער מיט מייַן שוועגערנס שוועסטערל. אַלע הייסט זי. איך האָב אײַך שוין אַמאָל דערציילט פון איר. זי איז עלטער פון מיר מיט א יאָר און טראָגט צוויי צעפּלעך, צונויפגעדרייט פונונטן ווי א בייגל. מע האָט זי מיר אַמאָל גערעדט פאַר א קאַלע. פון דעמאָלט אָן, אַז מע זעט אונדז ביידן, רופט מען אונדז: „די כאָסן־קאַלע”. פונדעסטוועגן שעמען מיר זיך ניט רעדן צווישן זיך. זי פרעגט בא מיר, אויב איך וועל נאָך איר בענקען? — געוויס וועל איך נאָך איר בענקען! נאָכדעם פרעגט זי מיך, אויב איך וועל איר שרייַבן בריוולעך פון אַמעריקע? — געוויס וועל איך שרייַבן בריוולעך פון אַמעריקע!

— וויאַזוי וועסטו שרייַבן? דו קאָנסט דען שרייַבן?

— א טייַערע מעציִע אין אַמעריקע זיך אויסלערנען שרייַבן! — זאָג איך און האַלט די הענט אין די קעשענעס. אַלטע קוקט אַף מיר און שמייכלט. איך ווייס, וואָס זי שמייכלט. זי מאַכט זיך א האַרץ. זי איז מיר מעקאַנע, וואָס איך פאָר, און זי ניט. אַלע זענען מיר מעקאַנע. אַפילו יאָסי דעם נאָגידס יִנגל, הענעך מיטן אייגל, זאָל מיך קאָנען דערטרינקען אין א לעפל וואַסער! ער שטעלט מיך אָפּ און מאַכט צו מיר מיטן אייגל: —

— הער נאָר, דו, דו פאָרסט קיין אַמעריקע?

— יאָ, איך פאָר קיין אַמעריקע.

— וואָס וועסטו דאָרטן טון? גיין איבער די הייַזער?

זייַן גליק, וואָס מייַן ברודער עליע איז דערבייַ נישטאָ. ער וואָלט אים געגעבן א „גיין איבער די הייַזער”!... איך וויל זיך מיט אים ניט אָנהייבן, מיט אַזא לאָבוס. איך ווייַז אים נאָר א צונג און לויף אוועק צו אונדזער שכיינע פעסי זיך געזעגענען מיט איר כאַליאַסטרע. א היפּשע כאַליאַסטרע. איך האָב אײַך שוין אַמאָל דערציילט פון זיי. אַכט שטיק,

איינס אין איינס. אלע אכט רינגלען מיך ארום. זיי פרעגן מיך, צי בין איך צופרידן, וואָס איך פאָר קיין אמעריקע? א שיינע מײַסע, נאָר א קורצע! וואָס טויג מיר גרויס — זיי זענען מיר גוט מעקאנע. מער פון אלע איז מיר מעקאנע הערשל. אָט דער, וואָס מע רופט אים „וואשטי", דערפאר וואָס ער האָט א גאָלי אפן שטערן. ער לאָזט פון מיר קיין אויג ניט אראָפּ. ער זיפצט און זאָגט צו מיר: „דו וועסט זיך עס אָנזען א וועלט!"

יאָ, איך וועל זיך אָנזען א וועלט! ווי דערלעבט מען שוין!...

ה.

שוין געקומען לײַזער מיט די „אָדלערס". דרײַ ברענענדיקע פערד! זיי קאָנען ניט אײַנשטיין אפ איין אָרט. אָדער זיי טופען מיט די פיס, אָדער זיי פאָרשקען מיט די נאָזלעכער און באשפריצן מיר דאָס פאָנעם. איך וויים ניט, וואָס איך זאָל טון פריִער: צי איך זאָל קוקן אפ די פערד, צי איך זאָל העלפן טראָגן די פעקלעך מיט די קישנס אין וואָגן ארײַן? איך קאָן באשטיין ביידע זאכן: איך שטיי בא די פערד און זע, ווי מע טראָגט די פעקלעך מיט די קישנס. א פולער וואָגן מיט פעקלעך און מיט קישנס. א גאנצער בארג מיט בעטגעוואנט. שוין צײַט אופצוזעצן זיך און פאָרן. מיר האָבן פינף און פערציק וויאָרסט צו דער באן. אלע זענען שוין דאָ: איך, און מײַן ברודער עליע, און מײַן שוועגערן בראָכע, און אונדזער כאווער פיני, און זײַן ווײַב טײַבל, און די גאנצע מישפּאָכע זייערע: פּיניעס טאטע, הערש־לייב מעכאניק, שנייער דער זייגערמאכער, פּיניעס שוועער און שוויגער, דער מילנער מיט דער מילנערקע, און דער מומע קריינים טאָכטער מיטן פויגלש פאָנעם, און אפילע דער אלטער זיידע רעב העסי איז אויך געקומען אָנזאָגן פּיניען, וויאזוי ער זאָל זיך פירן אין אמעריקע. פון אונדזער מישפּאָכע זענען געווען נאָר אונדזערע מעכוטאָנים, יוינע דער בעקער מיט זײַנע באָנים. אן אויירע, וואָס איך האָב אײַך ביז אהער נאָך נישט באקענט מיט זיי. איצט איז ניט די צײַט. מיר פאָרן קיין אמעריקע. אלע דרייען זיך ארום אונדז, קוקן אפ אונדז, געבן אונדז אייצעס, מיר זאָלן זײַן געהיט פאַר גאנאָווים.

— אין אמעריקע איז נישטאָ קיין גאנאָווים!

אזוי זאָגט מײַן ברודער עליע און טאפט זיך בא דער קעשענע, וואָס די מאמע האָט אים אײַנגענייט אין אזא אָרט, וואָס קיין גאנעוו

אין דער וועלט וועט ניט איינפאַלן, אז דאָרט זאָל זיין א קעשענע. דאָרט ליגט דאָס גאנצע געלט, וואָס מיר האָבן אָפּגעלייזט פאר אונ־דזער האַלבע דירע. אפּאָנעם, ס׳איז דאָרט א היפּשע פּויטעקע. וואָרעם אַלע פרעגן אים, צי האָט ער כאָטש גוט באהאלטן דאָס געלט?

— גוט! גוט! האָט קיין יעסורים ניט! — זאָגט מיין ברודער עליע. עס איז אים שוין פּאָשעט נימעס געוואָרן איטלעכן באזונדער אָפּגעבן דין־וועכעזשבן פארן געלט. דער אוילעם הייבט אָן זאָגן, מע זאָל זיך געזעגענען. אַלע הייבן אָן זיך גרייטן צום געזעגענען. מע טוט זיך א כאַפּ — נישטאָ די מאמע! ווו איז די מאמע? קיינער ווייסט ניט, ווו איז די מאמע! מיין ברודער עליע איז אויסער זיך. אונדזער כאווער פּיני האָט אינגאנצן פארלאָרן דאָס האַלדזטיכל. לייזער טרייבט האלדז־אונ־נאקן. ער זאָגט, אז מיר קאָנען פארשפּעטיקן די באַן. שאט! אָן גייט די מאמע. דאָס פּאָנעם איז איר רויט. די אויגן פארשוואָלן. מיין ברודער עליע פאלט צו צו איר:

— וואָס איז מיט דיר? ווו ביסטו געוועזן?

— אפן הייליקן אָרט, זיך געזעגענען מיטן טאטן...

מיין ברודער עליע קערעוועט זיך אָפּ אָן א זייט. אַלע בלייבן שטיין אָן לאָשן. זינט מיר פאָרן קיין אמעריקע איז דאָס דאָס ערשטע מאָל, וואָס דער טאטע קומט מיר אפן זינען. עס טוט מיר א צופּ באם הארצן. איך טראכט מיר: „אַלע פאָרן קיין אמעריקע, און דער טאטע, נעבעך, בלייבט דאָ, אפן הייליקן אָרט, איינער אליין“... לאַנג טראכטן לאָזט מען מיך ניט. מע טוט אפּ מיר א הוק און מע הייסט מיר קריכן אפן וואָגן. וויאזוי קאָן איך קריכן אפּ אזא הויכן וואָגן מיט אזא בארג מיט בעטגעוואנט? ס׳איז דאָ אן אייצע: לייזער שטעלט מיר אונטער זיינע ברייטע פּלייצעס. פּלוצים ווערט א קושעריי מיט א געוויין, א יעלאָלע. ערגער ווי טישעבאָוו. מער פון אַלע וויינט די מאמע. זי פאלט אונדזער שכיינע פּעסי אפן האלדז און זאָגט: „איר זענט מיר געווען א שוועס־טער, געטרייער פון א שוועסטער!“... אונדזער שכיינע פּעסי וויינט ניט, נאָר איר גראָבער גיידער טרייסלט זיך, און גרויסע טרערן, ווי באָב קייקלען זיך איבער אירע פעטע גלאנצנדיקע באקן. אַלע האָבן זיך שוין צעקושט, נאָר פּיני נאָך נישט. זעען פּיניען קושן זיך — דארף מען נישט קיין טעאטער. מאכמעס ער האָט א נידעריקע ריע, טרעפט ער ניט ווו מע דארף. אָדער ער קושט אין באָרד אריין, אָדער אין שפּיץ נאָז, אָדער ער טוט זיך גאָר א בוצקע אין שטערן. דערצו האָט ער א טע־

ווע, אז ער גייט, שפּרינגט ער אונטער און פֿאַרטשעפּעט זיך באַ זײַנע אייגענע פֿיס. איך זאָג אײַך, פֿון פֿיניען קאָן מען בלײַבן אָן א בויך לאַכנדיק. דאַנקען האַשעם יִסבאָרעך, מיר זיצן שוין אין וואָגן. דאָס הייסט, איך האָב געוואָלט זאָגן: אפֿן וואָגן. אויבנאָן, אפֿ די קישנס און צווישן די קישנס, זיצן: די מאַמע, בראָכע און טײַבל. פֿאָריטש (אקעגן)— מײַן ברודער עליע און אונדזער כאַווער פּיני; איך מיט לײזערן — אפֿ דער קעלניע. די מאַמע וויל אפּילע, איך זאָל מיך אוועקזעצן באַ איר צופֿוסנס. זאָגט אָבער מײַן ברודער עליע, אז אפֿ דער קעלניע וועט מיר זײַן בעסער. געוויס וועט מיר זײַן בעסער! אפֿ דער קעלניע זע איך פֿאַר זיך די גאַנצע וועלט, און די גאַנצע וועלט זעט מיך. לײזער נעמט זיך צו דער בײַטש. דער אוילעם געזעגנט זיך נאָך. די ווײַבער וויינען.

— זײַט געזונט!

— פֿאָרט געזונט!

— שרײַבט אונדז פֿון אײַער געזונט!

— זײַט מאַצלִיעך!

— פֿאַרגעסט אונדז ניט!

— שרײַבט אלע וואָך! לעמאַנעשעם, יעדע וואָך א בריוו!

— לאָזט גריסן מוישען, מיט באַסיען, מיט מיי רן, מיט זלאַטען מיט כאַנע־פּערלען, מיט סאָרע־ראָכלען, מיט זײערע קינדער.

— גאָר פֿרײַנטלעך! זײַט געזונט! זײַט געזונט!

אזוי שרײַען מיר אלע פֿונעם וואָגן ארויס, און איך וואָלט געמעגט שווערן, אז מיר פֿאָרן שוין. לײזער האָט געשענקט אלע דרײַ אָדלערס צו רעכטע שמיץ. איינעם האָט ער מעכאַבעד געווען מיטן שטעקן אכוץ. די רעדער קאַטשען זיך. מיר שאָקלען זיך און העצקען זיך. איך שפּרינג אונטער אפֿ דער קעלניע און פֿאַל שיר נישט אראָפּ פֿאַר פֿרייד. עס קיצלט מיך, עס גענדזלט מיך אין האַלדז. עס גלוסט זיך מיר זינגען. מיר פֿאָרן, מיר פֿאָרן, מיר פֿאָרן קיין אמעריקע!

XIII

מיר גאַנווענען די גרענעץ

א.

פֿאָרן מיט דער באַן איז אַ גאַנײדן! מיט דער פֿור איז אויך ניט שלעכט, נאָר סע טרייסלט, און די זײַטן טוען נאָכדעם ווײ סאַקאָנעס. לייזערס פֿערד פֿליִען טאַקע ווי די אָדלערס, פֿונדעסטוועגן האָבן מיר זיך גענוג געשלעפּט, ביז מיר זענען געקומען צו דער סטאַנציע. און אַז מיר זענען געקומען צו דער סטאַנציע, האָבן מיר נישט געקאָנט אַרויס. מיר איז געווען גרינגער פֿון אַלעמען. איך בין דאָך געזעסן מיט לייזערן אויף דער קעלניע. האַרט איז טאַקע געווען, און די ביינער האָבן גוט וויי געטאָן. דערפֿאַר האָט מען אָבער געקאָנט אַראָפּשפּרינגען אין איין מינוט. זיי האָבן שוין ניט געקאָנט שפּרינגען. איר ווייסט דאָך ווער: מײַן ברודער עליע מיט מײַן שוועגערין בראָכע, אונדזער כאַווער פּיני מיט זײַן ווײַב טײַבל, און די מאַמע מײַנע. ערגער פֿון אַלע איז געווען די ווײַבער. זיי זענען אַרײַן און פֿאַרהרוזנעט געוואָרן! מע האָט פֿריִער באַדאַרפֿט אַרויסוואַרפֿן פֿונעם וואָגן אַלע פּעקלעך מיטן גאַנצן בעטגעוואַנט, און ערשט נאָכדעם שלעפּן די ווײַבער אײַנציקווײַז. און דאָס האָט אַלץ געטאָן לייזער. ער איז טאַקע אַ בייזער ייִד און שעלט מיט טויטע קלאָלעס. ער איז אָבער אַן ערלעכער, אַ געטרײַער באַלעגאָלע. אַן אַווײַרע, וואָס ער האָט אונדז אָפּגעוואָרפֿן מיט די פּעקלעך און מיטן בעטגעוואַנט אויף דער סטאַנציע פֿון דער באַן, און אַלײן איז ער אַוועק זוכן פֿאַרשוינען אויף צוריק. מיר זענען געבליבן אָן אים עלנט, ווי אויפֿן וואַסער. ערשטנס, האָט אונדז דער גוי פֿון דער באַן אָנגעטאָן צאָרעס. ער האָט זיך געטשעפּעט צו אונדז פֿאַר די פּעקלעך. און ניט אַזוי פֿאַר די פּעקלעך, ווי פֿאַרן בעטגעוואַנט. זײַן אײַסעק, וואָס מיר פֿירן אַזאַך קישנס. די מאַמע רעדט צו אים מיט גוטן. זי זאָגט אים, אַז מיר פֿאָרן קיין אַמעריקע. ווערט ער גאַזלען און זאָגט אונדז, אַז מיר זאָלן פֿאָרן אין אַזאַ אַן אָרט, וואָס איך שעם מיך אויסצוזאָגן.

— מע דאַרף מיטן אָרל שלאָגן בלאַט, אים עפּעס נאַסענען אַפּ דער יאַד...

אַזוי זאָגט מײַן ברודער עליע צו אונדזער כאַווער פּיני. אונדזער כאַווער פּיני איז אונדזער פּירער, אונדזער קאָפּ. ער קאָן רעדן גוט רוסיש. אַ כיסאָרן, וואָס ער איז אַביסל צו אַ היציקער. מײַן ברודער עליע איז אויך אַ גוטער קײַסן, אָבער ניט אַזוי היציק, ווי פּיני. באַלד צינדט ער זיך אָן, ווי אַ פֿײַער, און זידלט זיך. ער גייט צו צום גוי און טוט מיט אים אַ שמועס אַפּ רוסיש. איך געב עס אײַך איבער מיט זײַן רו־סישער שפּראַך און זעצ עס אײַך באַלד איבער אַפּ אונדזער לאָשן:

— סלוכײַ נאָ, טשאָלאָוויקו! טשאָרט טאָבי נע וזיאַוו קאַק מי פּאָ׳ע־כאַלי וו׳אַמעריקו איז מנאָזשעסטווענע טשיסלאָ פּאָדושקי אי פּאָדושעטש־קו קאַטאָרע מי טאָבי דאַל נאַ וואָדקע אי מאָלטשי סוויניאַ!

אַפּ ייִדיש קומט דאָס אויס אַסאַך שענער:

— הער נאָר, דו מענטשל! דער שוואַרץ־יאָר וועט דיך ניט נעמען, וואָס מיר פאָרן קיין אַמעריקע מיט אַסאַך קישנס און קישעלעך, פאַר וועלכע מיר געבן דיר אַ טרונק בראָנפן — און שווײַג, כאַזער!

אַוואַדע האָט אים דער גוי ניט אָפּגעשוויגן. ער האָט אים אָנגערופן מיט אַלערלײַ נעמען: „זשיד כאַלאַמײַז!“, „היניטשע מאָרדע!“, „כאַ־זערשער אויער!“, „פּאַהאַנער גלויבן!“. מיר האָבן מוירע געהאַט פאַר אַ סקאַנדאַל, פאַר פּאָליציע. מײַן מאַמע האָט שוין געבראָכן די הענט, געוויינט פאַר פּיניען:

— ווער האָט דיך געבעטן, זאָלסט אַרויס מיט דײַן צונג, באַווײַזן, אַז דו קאָנסט?

— האָט קיין מוירע ניט, דער אָרל וועט נעמען אַ חצי רו״כ [27], און מע וועט זיך איבערבעטן.

קאַכאַווע. זיי האָבן זיך טאַקע איבערגעבעטן. פּיני האָט ניט אויפ־געהערט צו שיטן מיט רוסיש. דער אָרל האָט ניט אופגעהערט צו שעלטן און האָט איבערגעטראָגן אַלע פּעקלעך און אַלע קישנס אין אַ גרויסע שטוב מיט הויכע פענצטער, וואָס מע רופט דאָס „וואָקזאַל“. און ערשט דאָ הייבט זיך אָן די רעכטע כאַסענע. וואָס איז שוין ווײַטער? דער גוי זאָגט, אַז מע וועט אונדז ניט אַרײַנלאָזן אין וואַגאָן אַרײַן מיט אַזויפיל קישנס און מיט אַזויפיל שמאַטעס (דאָס מיינט ער, אַפּאָנעם, די קאָלדרעס: אַביסל צעריסן דער אונטערשלאַק, זעט זיך אַרויס די וואַטן, הייסט דאָס שוין בא אים שמאַטעס!). עס בלײַבט, מע זאָל גיין צום „נאַטשאַלניק“. ווער זאָל גיין? געוויינטלעך, פּיני! פּיני גייט מיטן

גוי צום „נאטשאלניק". איך גיי זיי נאָך. מיטן „נאטשאלניק" שטעלט זיך אוועק פיני אויסטײַנענ שוין גאָר מיט אנדער לאָשן. ער בייזערט זיך שוין ניט אזוי שטארק, נאָר ער רעדט און מאכט מיט די הענט. ער זאָגט אים עפּעס מאָדנע ווערטער, וואָס איך האָב זיי קיינמאָל ניט געהערט: „קאָלומבוס"... „ציוויליזאציע"... „אלעקסאנדער פאָן הומבאָלד"... „סלאָנימסקי"... „מאטעמאטיקע"... די איבעריקע ווערטער האָב איך שוין פארגעסן. דער „נאטשאלניק" האָט אים גוט אויסגעהערט, אָנגעקוקט און אָפּגעשוויגן. אפשאָנעם, אז פיני האָט אים גוט דערלאנגט! פונדעסטוועגן האָט דאָס אויך ניט געהאָלפן; מע האָט געמוזט אוועקגעבן דאָס גאנ־צע בעטגעוואנט אין באגאזש און ארויסנעמען א קוויטאנציע. די מאמע איז געווען אויסער זיך: אף וואָס וועלן מיר שלאָפן?

ב.

די מאמע האָט זיך אומזיסט געזאָרגט: אף וואָס וועלן מיר שלאָפן? איך בין אײַך שוין מויכל דאָס שלאָפן. איך וואָלט א באלן געווען, ס'זאָל כאָטש זײַן וווּ צו זיצן. ווי אף צולאָכעס, איז אין וואגאָן אזוי ענג, אז מע קאָן דערשטיקט ווערן. אכוץ אונדז, פאָרן נאָך אסאך פאר־שוינען, ייִדן און קריסטן, און מע שלאָגט זיך פאר די ערטער. איבערן בעטגעוואנט האָבן מיר פארשפּעטיקט אלע בעסטע ערטער. מיר האָבן קוים באזעצט די ווײַבער מיט די פעקלעך אף דער ערד. די מאמע אין איין זײַט וואגאָן, בראָכע און טײַבל אין דער אנדערער זײַט וואגאָן. אז זיי ווילן רעדן, מוזן זיי שרײַען הויך איבערן גאנצן וואגאָן. לאכט מען פון זיי. מײַן ברודער עליע און אונדזער כאווער פיני זענען געבליבן הענגען, ווי אין דער לופטן, ניט אהין, ניט אהער. פיני איז בלינד, כאפּט ער אלעמאָל א קלאָפּ אין שטערן. און איך? פאר מיר זאָרגט אײַך נישט. מיר איז גוט. מיר איז אויסגעצייכנט. מע קוועטשט מיך טאקע פון אלע זײַטן. איך שטיי אָבער בא א פענצטער. דאָס, וואָס איך זע, האָט איר געוויס קיינמאָל ניט געזעען. פאר מײַנע אויגן פליִען שטיבער, וויאָרסטן, ביימער, מענטשן, פעלדער, וועלדער — ס'איז ניט צו באשרײַבן! און וויאזוי פליט די באן! און וויאזוי קלאַפּן די רעדער! וויאזוי טראס־קעט דאָס! וויאזוי פײַפט דאָס! וויאזוי קוויטשעט דאָס! די מאמע האָט מוירע, איך זאָל ניט ארויספאלן דורכן פענצטער, שרײַט זי אלע מינוט אף א קאָל: „מאָטל! מאָטל?" און עפּעס איינער א פאָרעצל מיט בלויע ברילן קרימט איר איבער און זאָגט איר נאָך מיטן אייגענעם ניגון:

„מאָטל! מאָטל?‟ אלע קריסטן לאכן. די ייִדן מאכן זיך ניט וויסנדיק. די מאמע הערט זיי אוואדע ווי דעם פאראיאָריקן שניי. זי הערט ניט אוף צו שרייַען: „מאָטל! מאָטל?‟ וואָס וויל זי ווייַטער? זי וויל איך זאָל עפּעס נעמען אין מויל אריינ. מיר פירן מיט זיך פון קאָלטווו: רעטעך, און ציבעלעס, און קנאָבל, און גרינע אוגערקעס, און הארטע אייער, אפ יעדן אייניציקן אן איי. איך האָב שוין לאנג ניש‌ט אזא האַ־נאָע געהאט פונעם עסנ. אביסל האָט אונדז פארשטערט די סודע טאקע פיני אליינ. ער דארף זיך אָנעמענ דעם ייִדנס קריוודע. ער קאָן ניט לייַדנ, לעמיי די קריסטן לאכנ, וואָס מיר עסן ציבלקעס מיט קנאָבל. ער ציט זיך אויס, ווי לאנג ער איז, און רופט זיך אָן צום פּאָרעצל, וואָס מיט די בלויע ברילן, אפ זייַנ רוסישער שפּראך:

— א קאק ווי קושאיעטע סוויניא! (און אז איר עסט כאזער?)

דידאָזיקע ווערטער האָבנ דערלאנגט די קריסטן ביזנ ביינ ארייַנ. איינעם פון זיי האָט דאָס, אפּאָנעם, אָנגענומענ בא דער לעבער. ער האָט זיך אופגעכאפּט און האָט אראָפּגעלאָזט אונדזער כאווער פיניען א פּאטש, אז עס האָט געגעבנ א קלונג. פיני האָט פייַנט אָפּשווייַגנ. ער האָט אים געוואָלט געבנ צוויי צוריק. איז ער דאָך אָבער בלינד. טרעפט ער אינ אן אנדער קריסט. א גליק, וואָס עס קומט ארייַנ דער קאָנדוקטער מיטנ אָבער־קאָנדוקטער, און עס ווערט א טומל, א מעהומע. אלע רעדנ. די ייִדן קלאָגנ זיך אפ די קריסטנ. איינעם האָט מענ אָפּגעקוועטשט א פינגער פון פוס מיט א טשעמאָדאנ. איינעם האָט מענ ארויסגעוואָרפנ דאָס היטל דורכנ פענצטער. די קריסטנ שרייַענ: ס׳א ליגנ! ס׳א בילבל! די ייִדן שטעלנ אײדעס, און דאפקע צוויי קריסטנ. איינער פון זיי איז א גאלעכ. א גאלעכ וועט ניט זאָגנ קיינ ליגנ. די קריסטנ זאָגנ, אז די ייִדן האָבנ אונטערגעקויפט דעם גאלעכ. דער גאלעכ האלט א גאנצע דראָשע. עס לויפנ אָפּ אזוי עטלעכע סטאנציעס. אפ יעדער סטאנציע לײדיקט אויס דער וואגאָנ א פּאָר פארשווינדלעכ. עס ווערט אלעמאָל גראָמער. אונדזערע ווייַבער זיצנ שוינ, ווי די פּריצעס, אפ די בענק מיט זייערע פּעקלעכ. מייַנ ברודער עליע און אונדזער כאווער פיני האָבנ זיך מעכייַע געווענ. זיי האָבנ די בעסטע ערטער. ערשט דאָ דערזעט טייַבל, אז בא איר מאנ פיני איז אופגעלאָפנ א באק און מע קאָן דער־קענענ פינגער. טייַבל איז אויס מענטש. זי האָט אפ אים ראכמאָנעס. פיני שווערט איר, אז ער פילט ניט קיינ זאך. ער פילט נאָר, ווי סע שמארצט. ס׳וועט באלד איבערגיינ. ער האָט פייַנט רעדנ פון אזעלכע

זאכן. ער רעדט בעסער מיט די ייִדן. ער פרעגט זיי, וווהין זיי פֿאָרן. אסאך פון זיי פֿאָרן קיין אמעריקע. דערהערט, אז קיין אמעריקע, ווערט אַפּ אונדז א געדולע.

— ס׳טײַטש, וואָס־זשע האָט איר געשוויגן ביז אהער? מיר פֿאָרן דאָך אויך קיין אמעריקע!

אזוי זאָגט זיי פּיני, און מיר ווערן גיך באקאנט. מיר ווייסן אַלע, פון וואָסער א שטאָט איטלעכער פֿאָרט און צו וועמען.

— איר קיין ניו־יאָרק? מיר קיין פילאַדעלפיע!

— וואָס איז דאָס פילאַדעלפיע!

— אויך א שטאָט, ווי ניו־יאָרק.

— פּאוואָלי, האַלט זיך אײַן! פילאַדעלפיע קעגן ניו־יאָרק איז אזוי־ווי איישישאָק קעגן ווילנע, דראזשנע קעגן אדעס, אָטוואָצק קעגן ווארשעוו, סעמיאָנעווקע קעגן פעטערבורג, קאָזעלעץ קעגן כארקאָוו...

— טע־טע־טע! איר זענט דאָך עפּעס אויסגעוועגן א וועלט, קיין אײַנהאָרע!

— לאָמיך עס פארמאָגן! אויב איר ווילט, וועל איך אײַך אויסרעכענען אַלע שטעט, וואָס איך בין דאָרט געווען...

— דאָס לאָזט איבער אַפּ שאבעס. זאָגט בעסער, ייִדן, וואָס טו איך מיט דער גרענעץ?

— איר וועט טון דאָס, וואָס מיר טוען, דאָס וואָס אַלע טוען.

דאָ רוקן זיך צונויף אַלע ייִדן אײנײנעם און מע שמועסט וועגן גאנוועגען די גרענעץ. איך פארשטיי ניט, וואָס הייסט דאָס „גאנווענען די גרענעץ״? מיר זענען דען גאנאָווים?... וועמען פרעגט מען? די מאמע איז א ייִדענע. וואָס ווייסט א ייִדענע? מײַן ברודער עליע האָט פײַנט, אז מע דולט אים א קאָפּ. א ייִנגעלע ווי איך, זאָגט ער, דארף זיך ניט ארײַנמישן צווישן גרויסע. פּיני איז פארטראָגן. ער רעדט. אַלע רעדן. איטלעכער דערציילט אן אנדער מײַסע פון אן אנדער גרענעץ. איינער זאָגט, אז די בעסטע גרענעץ אַפּ צו גאנווענען איז נאָוואָסעליץ. דער אנדערער זאָגט, אז אַפּ בראָד איז בעסער ווי אומעטום. קומט צו גיין א דריטער און זאָגט, אז אונגעני איז אויך ניט שלעכט. ווערט א געלעכטער: „אונגעני אויך מיר א גרענעץ! רומעניע אויך מיר א לאנד! יִמאך שמאָם זאָלן זיי ווערן מיט זייער לאנד און מיט זייער גרענעץ!״...

— שאט! מיר זענען שוין בא דער גרענעץ!...

ג.

„די גרענעץ", האָב איך געמיינט, איז מיט הערנער. צום סאָף — גאָרנישט: די אייגענע הײַזער, די אייגענע ייִדן מיט די אייגענע גויִים, וואָס בײַ אונדז. אפילע א מארק מיט קלייטן מיט שטעלעכלעך — אלצדינג אזוי ווי בײַ אונדז. מײַנע שוועגערן בראָכע און אונדזער כאַווער פּיניעס ווײַבּ טײַבל זענען געגאנגען אין מארק אײַנקויפן. איך וויל אויך מיט זיי גיין — לאָזט מיך די מאמע ניט אָפּ פון זיך אף איין מינוט. זי האָט מוירע, מע זאָל מיך ניט אוועקגאנווענען סאמע בײַ דער גרענעץ. מײַן ברודער עליע און אונדזער כאַווער פּיני זענען נישטאָ. זיי דרייען זיך ארום מיט פרעמדע ייִדן, וואָס איך קען זיי ניט. די מאמע זאָגט, אז דאָס זענען אגענטן. די אגענטן וועלן מיט אונדז גאנווענען די גרענעץ. איינער זעט טאקע אויס ווי א גאנעוו. א גרינע קאפּאָטע, א ווײַסער שירעם, און אויגן געניייווישע. דער אנדערער איז דאפקע א פײַנער מענטש מיט א קאפּעליוש. און א ייִדענע דרייט זיך אויך ארום אין קאָן. די ייִדענע ווײַזט אויס א פרומע, אן ערלעכע. זי טראָגט א שייטל אפן קאָפּ און רעדט מיט גאָט. זי פרעגט די מאמע, ווו וועט זי בענטשן ליכט, אויב מיר האלטן דאָ שאבעס? די מאמע זאָגט, אז מיר האלטן דאָ ניט קיין שאבעס. שאבעס וועלן מיר שוין, זאָגט זי, מיט גאָטס הילף, זײַן אף יענער זײַט. די ייִדענע מאכט א פרום פּאָנעם און זאָגט: אָמיין, ריבוינעשעלוילעם! זי האָט אָבער מוירע, זאָגט זי, אז מע פירט אונדז אין באָד ארײַן. די אגענטן, זאָגט זי, וואָס מיר האנדלען מיט זיי, זענען פּראָסטע גאנאָווים. זיי וועלן אויסנארן בײַ אונדז דאָס געלט, זאָגט זי, און וועלן אונדז ארײַנפירן אין א בלאָטע ארײַן. אויב מיר ווילן, זאָגט זי, גאנווענען די גרענעץ, זאָלן מיר גאנווענען מיט איר, וועט אונדז זײַן, זאָגט זי, אז וויל און גוט!... אזוי? איז זי, הייסט עס, אויך א גאנעווטע? הײַנט וואָס טראָגט זי א שייטל און רעדט מיט גאָט?...

שוין געקומען מײַן ברודער עליע מיט אונדזער כאַווער פּיני. ביידע זענען זיי עפּעס צעטראָגן. אפּאָנעם, זיי האָבן זיך צעקריגט? איינער זאָגט אפן אנדערן, אז איבער אים וועלן מיר דאָ מוזן שאבעס האלטן. שאבעס האלטן אליין איז נאָך גאָרנישט. מיר ווערן געוואָר, אז ביידע אגענטן האָבן זיך בארימט, אז מע וועט אונדז מאסערן, אז מיר ווילן גאנווענען די גרענעץ. ביז עפּעס וואָס — די מאמע וויינט דערווײַלע. מײַן ברודער עליע בייזערט זיך אף איר, וואָס זי מאכט א טעל פון די

אויגן. איבער אירע אויגן, זאָגט ער, וועט מען אונדז אלעמען נישט ארײַנלאָזן קיין אמעריקע! מײַנע ברודער עליע און פיני הערן אוף צו האנדלען מיט די אגענטן. זיי זאָגן: אן עק, מיר פאָרן ניט קיין אמע־ריקע און גאנווענען ניט די גרענעץ! מיר רײַסט זיך אָפּ אין הארצן. איך מיין, ס'איז טאקע אן עמעס. צום סאָף איז דאָס גאָר א מאניפאָרגע. פיניעס קאָפּ! דאָס האָבן זיי אומיסטן אזוי געזאָגט, ביכדיי זיך אָפּטשעפּען פון די אגענטן. און מיר האָבן גענומען האנדלען מיט דער ייִדענע. די ייִדענע האָט גענומען אן אופגאָב און האָט אונדז גע־זאָגט, מיר זאָלן זײַן גרייט אף הײַנט ארום האלבע נאכט. די נעכט זענען פינצטערע נעכט. סאָף כוידעש. אויסגעצייכנט גוט אף צו גאנ־ווענען די גרענעץ. איך וואָלט שוין געוואָלט דערלעבן זען, וואָס הייסט דאָס „גרענעץ" און וויאזוי וועלן מיר דאָס גאנווענען?

ד.

א גאנצן טאָג זענען מיר געווען באשעפטיקט מיט די זאכן. מיר האָבן אלצדינג באדארפט אײַנפּאקן און אוועקגעבן דאָס דער ייִדענע. די זאכן וועט זי אונדז איבערפעקלען נאָכדעם. דער איקער איז בא איר, זאָגט זי, די נעפּאשעס. און זי זאָגט אונדז אָן, וויאזוי מיר זאָלן זיך פירן. אז ס'וועט ווערן, זאָגט זי, האלבע נאכט, זאָלן מיר ארויס־גיין הינטער דער שטאָט. דאָרט איז פאראן, זאָגט זי, א בערגל. זאָלן מיר, זאָגט זי, דאָס בערגל דורכלאָזן, און נעמען זיך לינקס, און גיין און גיין, ביז מיר וועלן דערזען נאָך א בערגל. פון דעם בערגל זאָלן מיר זיך נעמען, זאָגט זי, רעכטס, און גיין אזוי לאנג, ביז מיר וועלן קומען צו א שענקל. אין שענקל זאָל ארײַנגיין נאָר איינער פון אונדז, ניט אלע. אין שענקל וועלן מיר טרעפן, זאָגט זי, צוויי ארײַלים טרינקען בראָנפן בא איין טישל. זאָלן מיר צוגיין, זאָגט זי, צו די ארײַלים און א זאָג טון „כאימאָווא"—איז שוין גענוג. וויבאלד זיי וועלן דערהערן, זאָגט זי, דאָס וואָרט „כאימאָווא" (ס'איז איר נאָמען), אזוי וועלן זיי אופשטיין און גיין מיט אײַך ביזן וועלדל. אין וועלדל וועלן אף אײַך ווארטן נאָך פיר גוייִם. טאָמער וועלן זיי שלאָפן, זאָלט איר זיי אופוועקן, אין וועלדל אז איר וועט גיין, זאָלט איר, זאָגט זי, זײַן שטיל, קיין פּיפּס ניט ארויסלאָזן, מע זאָל, כאָלילע, ניט דערהערן און אויסשיסן. אף יעדן טריט, זאָגט זי, איז דאָ א סאָלדאט מיט א ביקס און שיסט... פון וועלדל, זאָגט זי, וועלן אײַך שוין די ארײַלים ארויספירן

אפן רעכטן וועג, באַרג־אַראָפּ, און אָט זענט איר שוין אף יענער זייט...

מיר איז די מײַסע מיטן בערגל, מיטן שענקל, מיטן וועלדל שטאַרק געפעלן. די מאַמע האָט אַביסל מוירע. בראָכע און טײַבל — אויך. מיר לאַכן פון זיי, נעקייוועס ציטערן פאַר אַ קאַץ אויך!...

קוים דערלעבט נאַכט. אָפּגעדאַוונט מײַריוו, אָפּגעגעסן וועטשערע, האָבן מיר אָפּגעוואַרט ביז עס וועט ווערן רעכט פינצטער. פונקט צוועלף דעם זייגער האָבן מיר זיך אַלע, זאַלבעזעקסט, געלאָזט אין וועג אַרײַן. פריִער זענען געגאַנגען מיר, די מאַנצבילן. נאָך אונדז זענען נאָכגעגאַנגען די ווײַבער, ווי געוויינלעך. אַזוי ווי די ייִדענע האָט נעווייִעס געזאָגט, אַזוי איז טאַקע געווען. אַרויסגעגאַנגען פון שטאָט, האָבן מיר דערזעען אַ בערגל. האָבן מיר דורכגעלאָזט דאָס בערגל און זיך גענומען לינקס. פונדאָרטן זענען מיר געגאַנגען און געגאַנגען און דערזעען נאָך אַ בערגל. פון דעם בערגל האָבן מיר זיך גענומען, ווי זי האָט אונדז אָנגעזאָגט, רעכטס און זענען געגאַנגען אַזוי לאַנג, ביז מיר האָבן דערזעען אַ שענקל. אין שענקל איז אַרײַן איינער פון אונדז. ווער? געוויינלעך, פּיני. מיר וואַרטן אַ האַלבע שאָ, אַ שאָ, צוויי שאָ — נישטאָ פּיני. הייבן אָן די ווײַבער זאָגן, מע זאָל גיין זען, וווּ איז פּיני? ווער זאָל גיין? מײַן ברודער עליע. זאָגט די מאַמע: זי וויל ניט. זאָג איך: „אָט־אָ גיי איך“. זאָגט די מאַמע: זי האָט מוירע. שאַט! אָט איז פּיני. „וווּ ביסטו געווען אַזוי לאַנג“? — „אין שענקל“. — „וווּ זענען די אַריילים“? — „זיי שלאָפן“. — „פאַרוואָס האָסטו זיי נישט געוועקט“? — פונוואַנען ווייסט איר, אַז איך האָב ניט געוועקט“? — „פאַרוואָס האָסטו זיי ניט געזאָגט „כאַימאָווע?“ — „פונוואַנען ווייסט איר, אַז איך האָב זיי ניט געזאָגט?“ — „נו?“ — „נו־נו!“ — „איז דאָך שלעכט“! — „ווער זאָגט דען, אַז ס'איז גוט?“...

ה.

מײַן ברודער עליע איז טאַקע אַ כאָכעם. ער זאָגט, זיי זאָלן גיין ביידע אין שענקל אַרײַן, פּרוּוון זיך נאָכאַמאָל אויפוועקן די אַריילים. קאַכאַווע. עס האָט ניט גענומען קיין האַלבע שאָ, מיר טוען אַ קוק, זיי גייען מיט די צוויי אַריילים. די אַריילים זענען נאָך פאַרשלאָפן, אַביסל שיקערלעך און שפּײַען און שעלטן זיך — סאַקאָנעס נעפאָ־שעס. דאָס וואָרט „טשאָרט“ ווערט איבערגעכאַזערט עפּשער הונדערט

מאָל. די וויַיבער הייבן אָן, דאכט מיר, מוירע האָבן. איך דערקען נאָך זייער זיפצן און זייער קרעכצן און נאָך דעם „ריבוינעשעלוילעמ״, וואָס די מאמע דערמאָנט אלע מינוט שטילערהייט. הויך האָט זי מוירע. מע הערט ניט פון אונדז קיין פּיפּס. מיר גייען, און גייען, און מער קיין גויִם זעען מיר ניט. ווו זענען די איבעריקע פיר? פּלוצים שטעלן זיך אָפּ אונדזערע צוויי ארײלים און רופן זיך אָפּ צו אונדז, מיר זאָלן זיי זאָגן, וויפל געלט מיר האָבן. עס פאלט אָן אַפּ אונדז אזא פּאכער, אז מיר קאָנען ניט רעדן קיין וואָרט. שטעלט זיך ארויס די מאמע און זאָגט, אז מיר האָבן נישט קיין געלט. זאָגן זיי: ס׳א ליגן. אלע ייִדן האָבן געלט. און נעמען ארויס צוויי לאנגע מעסערס און טראָגן אונדז צו גלײַך צום פּאָנעם און זאָגן: „וועט איר אונדז נישט אָפּגעבן באלד אינגאנצן, וואָס איר האָט, זענט איר געקוילעטע!״... אלע שטייען אָן לאָשן און ציטערן, ווי די לעמעלעך. רופט זיך אָפּ די מאמע צו מײַן ברודער עליע, ער זאָל אופּבינדן די קעשענע און אָפּגעבן דאָס געלט (דאָס איז דאָס געלט, וואָס מיר האָבן אָפּגעלייזט פאר אונדזער האלבע דירע). אין דער מינוט געפעלט מײַן שוועגערן בראָכע צו פאלן כאלאָשעס. דערזעען, אז בראָכע איז געפאלן, שרײַט די מאמע: גוואלד! אפ איר קוקנדיק, שרײַט טײַבל אויך: גוואלד! פּלוצים — טראַך־טאַרעראַך!!!... דאָס האָט מען אויסגעשאָסן. דער שאָס צעטראָגט זיך מיט א ווידערקאָל איבערן גאנצן וואלד. די ארײלים זענען אויסגעטריקנט געוואָרן. בראָכע האָט זיך אופגעכאפּט. די מאמע כאפּט מיך מיט איין האנט און מײַן ברודער עליע מיט דער אנדערער האנט:

— קינדער! לאָמיר לויפן!... דער שומער ייִסראָעל [28] איז מיט אונדז!...

איך ווייס ניט ווו עס נעמט זיך צו איר אזויפיל קויעך אפ צו לויפן? אלעמאָל פארטשעפּען מיר זיך אָן א בוים און פאלן. מיר שטייען אופ און לויפן ווײַטער. אלעמאָל דרייט אויס די מאמע דעם קאָפּ צוריק און טוט א פרעג שטילערהייט:

— פיני, דו לויפסט? בראָכע, דו לויפסט? טײַבל, דו לויפסט? לויפט, לויפט, דער שומער ייִסראָעל איז מיט אונדז!

וויפל מיר זענען אזוי געלאָפן — קאָן איך אײַך ניט זאָגן. פונעם וואלד זענען מיר שוין לאנג ארויס. עס הייבט אָן ווערן ווי טאָגלעך. עס בלאָזט א קיל ווינטל. נאָר אונדז איז הייס סאקאָנעס. מיר דערזעען פאר זיך א גאס, און נאָך א גאס. א ווײַסן קלויסטער, גערטנער, הויפן,

שטיבלעך. אפּאָנעם, דאָס איז דאָס שטעטל, וואָס די ייִדענע האָט אונדז געזאָגט נעוויִעס. וויבאַלד אַזוי, זענען מיר דאָך שוין פֿון „יענער זײַט". מיר באַגעגענען אַ ייִדן, מיט אַזעלכע פּייעס, וואָס איך האָב אויף מײַן לעבן נישט געזען. אַ קאַפּאָטע טראָגט ער אַ לאַנגע, אַ צעפּליקטע. אויפֿן האַלדז אַ גרינעם שאַל. ער טרײַבט אַ ציג. מיר שטעלן אים אָפּ מיט דער ציג און געבן אים „שאָלעם". דער ייִד פֿון דער ציג באַטראַכט אונדז פֿון קאָפּ ביז פֿיס. פֿיני פֿאַרבינדט מיט אים אַ שמועס. דער ייִד פֿון דער ציג רעדט עפּעס מאָדנע. טאַקע אונדזער לאָשן, נאָר מיט פּאַסעכן. פֿיני פֿרעגט אים, צי ס'איז נאָך עפּעס ווײַט צו דער גרענעץ? דער ייִד פֿון דער ציג קוקט אים אָן: „וואָסער גרענעץ?"... עס לאָזט זיך אויס אַ מײַסע, אַז מיר זענען שוין לאַנג אויף דער זײַט, מיר זענען שוין ווײַט פֿון דער רוסישער גרענעץ.

— וויבאַלד אַזוי, הײַנט וואָס־זשע לויפֿן מיר, ווי די מעשוגאָיִם?

עס פֿאַלט אָן אויף אונדז אַלעמען אַ מוירעדיק געלעכטער. די ווײַבער פֿאַלן אַוועק צו דער ערד לאַכנדיק. נאָר די מאַמע הייבט אויף די הענט אַרויף: „איך דאַנק דיר, גאָטעניו!" — און צעוויינט זיך.

XIV

מיר זענען שוין אין בראָד!

א.

ווייסט איר, ווו מיר שפּאַרן אָן? אַזש אין בראָד! איך מיין, אַ מיר זענען שוין נאָענט צו אַמעריקע. אַ שיינע שטאָט אָט דאָס בראָד! ס׳איז גאָרניט די שטאָט, די גאַסן, די מענטשן, וואָס בײַ אונדז. אַפילו די ייִדן זענען דאָ ניט די ייִדן, וואָס בײַ אונדז. דאָס הייסט, די ייִדן זענען די אייגענע ייִדן, וואָס בײַ אונדז. און אויב איר ווילט, זענען זיי נאָך מער ייִדן, ווי אונדזערע ייִדן. די פּייעס אַסאַך לענגערע, ווי בײַ אונדזערע. די קאַפּאָטעס בײַ זיי זענען קימאַט ביז דער ערד. זיי טראָגן מאָדנע קאַפּעליושלעך, גאַרטעלעך, מיט שיך און זאָקן, און די ווײַבער — פּאַריקן. נאָר דאָס לשון זייערס — אוי, דאָס לשון! דײַטש רופט מען דאָס. ס׳איז גאָרניט דאָס, וואָס בײַ אונדז. דאָס הייסט, די ווערטער זענען די אייגענע ווערטער, וואָס בײַ אונדז, נאָר מיט פּאַסעכן. לעמאָשל: „וואָס" איז „וואַס", דאָס" איז „דאַס" „שלאָפן" איז „שלאַפן", „ברויט" איז „ברײַט", „פלייש" איז „פלײַש", „מייער" איז „מײַער", אַ „בעהיימע" איז „בעהײַמע", אַ „שייגעץ" — „שײַגעץ", „מילך" איז „מעלך", „ליכט" איז „לעכט", אַ „ייִד" איז אַ „יאיִד"—אַ „ייִדענע" — אַ „יאיִדענע", „קינד" איז „קונד", אַ „טינטערל" איז אַ „טונטירל", אַ „ציבעלע" איז אַ „צייבעלע", אַ „סירניקל"—אַ „שוועבעלע". הײַנט דאָס רעדן זייערס! אַז זיי רעדן, זינגען זיי. עס קומט אויס, גלײַך ווי זיי וואָלטן שטענדיק מאָויר געווען די סעדרע [29]). מיר האָבן באַלד געכאַפּט דעם שניט. דער ערשטער איז געווען אונדזער כאַוער פּיני. ער האָט אָנגעהויבן רעדן דײַטש קימאַט פונעם ערשטן טאָג, וואָס מיר זענען געקומען. אים איז געווען גרינגער, ווײַל דײַטש האָט ער געלערנט נאָך אינדערהיים. מײַן ברודער עליע זאָגט, אַז כאָטש ער האָט קיין דײַטש קיינמאָל ניט געלערנט, פונדעסטוועגן פאַרשטייט ער נישט ווינציקער פון אים. איך הער מיר

צו, ווי מע רעדט אפ דײַטש און לערנ מיך. אינ א פרעמד לאנד מוז מענ קענענ די שפראך. אזוי זאָגט פיני. זײַנ ווײַב טײַבל רעדט שוינ אויך האלב דײַטש, האלב יידיש. מײַנ שוועגערנ בראָכע, עליעס ווײַב, וואָלט עפשער אויך וועלנ רעדנ דײַטש, קאָנ זי נעבעך ניט. א גראָבער קאָפּ בא איר. זעט איר, די מאמע וויל ניט הערנ פונ קיינ דײַטש. זי וועט, זאָגט זי, רעדנ אזוי ווי זי האָט גערעדט אינדערהיימ. ברעכנ זיך די צונג צוליב די דײַטשנ איז זי ניט מעכויעוו. זי איז גאָר אפ זיי בעּ־רויגעז. זי האָט געמיינט, אז די דײַטשנ זענענ ערלעכע מענטשנ. צום סאָפּ, איז זי געוואָר געוואָרנ, אז זיי זענענ אויך ניט קיינ גרויסע צאדיקימ. אנומלט איז זי געוועזנ אינ מארק, האָט מענ זי אָפּגענארט אפ דער וואָג. זי האָט געזאָגט, מע זאָל איר ־עבנ א פונט, און געגעבנ האָט מענ איר—זי ווייסט אליינ ניט וויפל.

אזוי דערציילט די מאמע און לאָזט אויס, אז צווישנ די דײַטשנ זענענ, אפּאָנעם, אויך דאָ גאנאָווימ. דערהערט מײַנ שוועגערנ בראָכע, כאפט זי זיך אופ און פײַערט און מאכט מיט די הענט:

— גאנאָווימ זאָגט איר, שוויגער? א גאנעוו אפ א גאנעוו! אייג גאנעוו גרעסער פונעם אנדערנ! מע דארפ זיך פאר זיי היטנ ערגער ווי בא אונדז! בא אונדז ווייסט מענ כאָטש, אז א גוי איז א גאנעוו.

— בא אונדז, נארעלע, ווייסט דער גוי אליינ, אז ער איז א גאנעוו.

איז זאָגט די מאמע און דערציילט א מײַסע מיט כימקענ. ס'איז געוועזנ בא אונדז אמאָל א שיקסע כימקע. דער טאטע, אָלעווהאשאָלעמ, האָט נאָך דעמאָלט געלעבט. איז די כימקע געוועזנ זייער א ווילדע שיקסע, נאָר אביסל א גאנעווטע. אז אלע זענענ אוועקגעגאנגענ פונ שטוב, פלעגט זי ניט וועלנ בלײַבנ אליינ. זי האָט מוירע געהאט פאר זיך אליינ, זי זאָל עפּעס ניט אוועקגאנווענענ...

ב.

אלצדינג איז בא די דײַטשנ אנדערש. אפילע דאָס געלט איז אויך ניט ווי בא אונדז. דאָ ווייסט מענ ניט פונ קאָפּיקעס, גריווּ־נעס, צוואנציקער, פערציקער. דאָ ווייסט מענ נאָר גרײַצערס[80]. אלצדינג פארקויפט זיך דאָ אפנ גרײַצער. פאר אונדזערנ א רובל גיט מענ אײַך אָנ א שיר גרײַצערס. מײַנ מאמע געפינט, אז ס'איז נישט קיינ געלט. ס'איז קנעפּלעך. מײַנ ברודער עליע זאָגט, אז זיי צעגייענ זיך עפּעס אונטער די פינגער, אזוי ווי שניי. אלע טאָג זעצט ער זיך אוועק אינ

א ווינקעלע, און טרעט אויף די קעשענע, און נעמט ארויס א רובל, און פארבייט די קעשענע צוריק. אין מאָרגן טרעט ער ווידער אויף די קעשענע, נעמט ארויס א רובל און פארבייט צוריק. אָט אזוי אלע טאָג. און די טעג גייען אוועק, און אונדזערע פעקלעך מיט אונדזער בעטגעוואנט זענען נאָך אלץ נישטאָ. די ייִדענע, וואָס האָט מיט אונדז געגאנוועט די גרענעץ, האָט אונדז, אפּאָנעם, אָנגעטאָן א רעכטן ספּאָדעק. אכוץ וואָס מען איז אונדז באפאלן אין וואלד, טאקע אירע שאָמרים אליין, וועלן מיר נאָך עפּשער בלייבן אָן זאכן. די מאמע הערט ניט אויף צו ברעכן די הענט און צו וויינען אף די זאכן. „דאָס בעטגעוואנט! די קישנס! וויאזוי וועלן מיר זיך רירן קיין אמעריקע אָן בעטגעוואנט, אָן קישנס?״... פּיני פּאלט אלעמאָל אף אן אנדער פּלאן. ער וועט גיין, זאָגט ער, מיט א „זאיאוולעניע״ דורך דער באן, מיט א „פּראָשעניע״ צום נאטשאלניק״ פון דער גרענעץ. ער וועט זיך אריבערכאפּן אהין צו דער ייִדענע און וועט איר מאכן א פינצטערן סאָף. ער וועט זי פרעגן: האיטאָכן?!... ס'איז אָבער קאלטע פּריפּארקעס! עס וועט ניט העלפן קיין „זאיאוולעניעס״ מיט קיין „פּראָשעניעס״. אריבערכאפּן זיך צו דער ייִדענע וועט אים טייבל נישט לאָזן. ס'איז בלאָטע, מע זאָל איר אָנשיטן די שטוב מיט גאָלד. אזוי האָט זי געזאָגט בעפיירעש. עס ליגט איר נאָך אין טאם דאָס „גאנווענען די גרענעץ״. מיר אלע געדענקען נאָך דעם טאם פון דער גרענעץ. מיר דערציילן איטלעכן די מייסע, וויאזוי מיר האָבן געגאנוועט די גרענעץ, וויאזוי די ייִדענע האָט אונדז געגעבן ארייליים אף אריבערצופעקלען אונדז, וויאזוי די ארייליים האָבן אונדז געפירט און פארפירט אין א וואלד און געוואָלט אונדז קוילען. א גליק, וואָס מיין שוועגערן בראָכע האָט א טעווע פון כאלעשן און וואָס מיין מאמע האָט געמאכט א גוואלד. האָבן דערהערט די סאָלדאטן און האָבן אָנגעהויבן שיסן. זענען זיך די ארייליים צעלאָפן, און מיר זענען גע־ נעזון געוואָרן. אזוי דערציילט די מאמע. מיין ברודער עליע דערציילט די אייגענע מייסע, נאָר אביסל אנדערש. שלאָגט אים בראָכע אי־ בער און דערציילט טאקע דאָס אייגענע, נאָר אביסל אנדערש. זאָגט אונדזער כאווער פּיניעס ווייב, טייבל, אז בראָכע געדענקט ניט אקוראט, וואָרעם בראָכע האָט געכאלעשט. און טייבל וויל אָנהייבן דערציילן די מייסע פון אָנהייב אָן, האקט איר פּיני איבער און זאָגט, אז זי ווייסט גאָרניט. אָט וועט ער דערציילן נאָכאמאָל פון אָנהייב ביזן סאָף. אלע טאָג און איטלעכן באזונדער דערציילן מיר די מייסע, וויאזוי מיר

האָבן געגאַנוועט די גרענעצ. אלע די, וואָס הערן, שאָקלען מיט די קעפּ, שמוצערן מיט די ליפּן. זיי זאָגן, אז מיר זענען גליקלעכע! מיר דאַרפן בענטשן גוימל!

ג.

אפ דער זײַט גרענעצ איז אונדז גוט, בעסער ווי אינדערהיים. טוג טוען מיר ניט קיין האנט אינ קאלט וואסער. אָדער מיר זיצן אפ דער אכסאַניע, אָדער מיר גייען אפן שפּאציר, אָנקוקן בראָד. א שיינע שטאָט. איכ ווייס ניט, וואָס מײַנ שווערגערן בראָכע האָט צו דער שטאָט. אלע טאָג געפינט זי אנ אנדער כיסאָרן אפ דער שטאָט. דאָס געפעלט איר ניט — ס'איז בלאָטיק. דאָס זאָגט זי — סע שטינקט, ערגער ווי בא אונדז. איינמאָל באנאכט כאַפּט זי זיכ אופ מיט א גוואַלד: מע האָט זי באַפאלן. מיר זענען אלע אראָפּ פונ די געלעגערס:

— ווער האָט דיכ באַפאלן? גאזלאָנים?

— וואָסערע גאזלאָנים? וואנצן!...

אינדערפרי דערציילן מיר דעם באלעבאָס פונ דער אכסאַניע, ווייסט ער ניט מיט וואָס מע עסט דאָס. גיט אים פיני צו פאַרשטיין אפ דײַטש, וואָס דאָס איז. זאָגט ער, אז בא זיי ווייסט מענ ניט דערפונ. אינ זייער דײַטשעס לאנד זעט מענ דאָס ניט. דאָס האָבן מיר, זאָגט ער, מיטגע־ברענגט מיט זיכ פונ דער היים... איי, איז בראָכע געווענ אינ כאַס! זי האָט פײַנט, זאָגט זי, דעמ יידן, ערגער ווי א מעשומעד! איכ ווייס ניט, פארוואָס. דאכט זיכ, זייער א פײַנער מענטש. אז ער רעדט, האלט ער אביסל דאָס מויל אפ א זײַט אונ שמייכלט. הײַנט האָט ער ליב געבן אייצעס. וווהינ מיר זאָלן גיינ, בא וועמענ מיר זאָלן קויפן אונ בא וועמענ ניט. אונ אז מיר גייען עפּעס קויפן, גייט ער מיט. אונ קויפן קויפן מיר צומייניסטנ מאלבושים. מיר האָבן אָנגעהויבן צו ביס־לעכ אויסקליידן זיכ. אונדזער כאַווער פיני זאָגט, אז ס'איז נישט שיינ, וואָס מיר גייען, ווי די שלעפּערס. אינ א פרעמדער שטאָט דארפ מענ, זאָגט ער, ארויסגיינ ווי מענטשן. אובּיפראַט דאָ, אינ אויסלאנד, ווו עס איז האלב אומזיסט. דאָס איז דאָכ באַוווּסט אפ דער גאנצער וועלט. קוידעמקאָל האָט ער זיכ געקויפט א קאפּעלױשל, ווי מע טראָגט בא די דײַטשן, אונ א פּידזשאַק א קורצנ ביז די קני מיט א נײַעם שניפּס. אָנ־קוקנ פיניען אינ זײַנע דײַטשישע מאלבושים דארפ מענ זײַנ שטאַרקער פונ אײַזנ. לאנג אונ דינ איז ער. א נידעריקע ריע האָט ער. אונ אז ער

גייט, שפּרינגט ער. הײַנט די נאָז? די מאַמע זאָגט, אַז ער האָט אַ פּאָ־נעם פֿון כּויזעק. מײַן ברודער עליע געפֿינט, אַז ער זעט אויס ווי אַ „וועגנגער", אָדער ווי אַ „קאַטערינשטשיק". פּיני זאָגט, אַז ער ווייסט ניט וואָס איז שענער: צי אַ „וועגנגער", צי אַ „קאַטערינשטשיק", צי גאָר אַ „שלעפּער"? דאָס מיינט ער טאַקע אונדז. מײַן ברודער עליע זאָגט, אַז ער זאָל וועלן, קען ער זיך אויך אויסקליידן ווי אַ דײַטש. ס'איז אָבער נישט קיין גרויסע קונץ, זאָגט ער, אויסבערענגען געלט, טרענצ־לען קערבלעך. מע דאַרף, זאָגט ער, דאָס קערבל היטן קיין אַמעריקע... זאָגט אים פּיני: אין אַמעריקע דאַרפֿן מיר קיין געלט ניט. דאָרטן, זאָגט ער, זענען מיר אַליין געלט! ער רעדט איבער אונדז אַזוי לאַנג, ביז מײַן ברודער עליע קויפֿט זיך אויך אַ קאַפּעליוש מיט אַ פּידזשאַק און מיר אויך אַ קאַפּעליושל מיט אַ רעקל. מיר גייען אַלע דרײַ איבער די גאַסן און רעדן דײַטש. איך בין זיכער, אַז אַלע מיינען, אַז מיר זענען דײַטשן. אייך כיסאָרן נאָר, וואָס אונדז גייען נאָך די ווײַבער. איך מיין טאַקע די מאַמע, מײַן שוועגערן בראָכע און פּיניעס ווײַב טײַבל. זיי טרעטן נישט אָפּ פֿון אונדז אַף קיין ווײַלע. די מאַמע האָט מוירע, איך זאָל צווישן די דײַטשן ניט פֿאַרבלאָנדזשעט ווערן, און יענע גייען גלאַט נאָך, ווי די קעלבלעך. וואָס האָבן זיי מוירע — ווייס איך ניט. מאַכ־מעס מיר דרייען זיך אַרום זאַלבעזעקסט, קוקט די גאַנצע וועלט אַף אונדז. וואָס האָבן זיי ניט געזעען?

— די גרעסטע נאַראָנים אין דער וועלט זענען דײַטשן, — אַזוי זאָגט מײַן ברודער עליע. אַ סימען, וואָס איר זאָלט ניט זאָגן, גלויבן זיי אײַך אַף נעמאָנעס.

— אַכוץ געלט. געלט איז בײַ זיי טײַערער ווי בײַ אונדז! אַ „גרײַ־צער" איז בײַ זיי די נעשאָמע. פֿאַר אַ „קרוינ"[31] וועלן זיי אײַך פֿאַר־קויפֿן דעם טאַטן, און פֿאַר אַ „גולדנ"[32] — גאָט אַליין!

אַזוי זאָגט בראָכע, און טײַבל האַלט זי אונטער. אַלע דרײַ ווײַבער, ווי איך האָב אײַך שוין געזאָגט, זענען עפּעס ניט צופֿרידן מיט די דײַטשן. איך ווייס ניט פֿאַרוואָס. מיר זענען זיי דאַפּקע געפֿעלן. וועגן ניט אַמעריקע, וואָלט איך דאָ געוואָלט זײַן אייביק און אייביק. ווו האָט איר אַזעלכע הײַזער, ווי דאָ? הײַנט די מענטשן? אַזעלכע גוטע מענטשן! אַלצדינג פֿאַרקויפֿן זיי אײַך! אַפֿילו די בעהיימעס זענען ניט די בעהיימעס, וואָס בײַ אונדז. סייכל, קען זײַן, האָבן זיי ניט מער ווי אונדזערע, נאָר זיי זעען אויס לײַטישער. אַלצדינג האָט דאָ אַן אַנדער פּאָנעם. און

רעדט מיט די ווײַבער, זאָגן זיי, אַז בא אונדז איז בעסער. קיין זאַך געפֿעלט זיי ניט, אַפֿילע די אַכסאַניע אויך ניט. און ניט אַזוי די אַכסאַניע, ווי די באַלעבאַטים. זיי רײַסן די הויט, זאָגט בראָכע. פֿאַר אַ גלעזל וואַרעם וואַסער הייסן זיי זיך באַצאָלן. אַבי־סל זאַלצ וועלן זיי אײַך נישט געבן אומזיסט. אַז מיר וועלן ניט אָפּפּאָרן פֿונדאַנען באַצײַטנס, וועלן מיר דאַרפֿן גיין איבער די הײַזער.

אַזוי זאָגט מײַן שוועגערן בראָכע. נאָר וואָס מײַן שוועגערן בראָכע קאָן זאָגן! לעמײַ זי זאָגט אָפּ מײַן ברודער עליע, אַז ער איז אַ ייִדענע? און אָפּ אונדזער כאַווער פֿיני זאָגט זי, אַז ער איז קאָלבוי, וואָס איז דער קאָרט. אַן אַנדערע אָפּ טײַבלס אָרט וואָלט איר געגעבן אַ וויסטן פּעטשאַטעק. טײַבל איז אָבער, ווי די מאַמע זאָגט, אַ מענטש אָן אַ גאַל. זי שווײַגט איר אָפּ. אַלע שווײַגן איר אָפּ. איך אויך. אָפּ מיר איז זי גאַזלען. מיך רופֿט זי דער „וויִשקראָבעק", אָדער „מאָטל מיט די פּיסקעס". איך האָב זיך אויסגעהאָדעוועט, זאָגט זי, אין וועג אַ פּאָר גוטע פּיסקעס. מיך הייבט דאָס אַפֿילע ניט אָן צו אַרן. נאָר די מאַמע וויל ניט לײַדן, לעמײַ זי רעדט פֿון מײַנע פּיסקעס. הייבט אָן די מאַמע ווײַנען. און מײַן ברודער עליע האָט פֿײַנט, אַז די מאַמע וויינט. ער זאָגט, אַז זי מאַכט זיך קאַליע די אויגן, און מיט קאַליעדיקע אויגן לאָזט אַמעריקע נישט אַרײַן.

ד.

איך קאָן אײַך איבערגעבן אַ נײַעס. מיר האָבן אַ גרויס פֿון אונדזערע זאַכן. די ייִדענע, וואָס האָט מיט אונדז „געגאַנוועט די גרענעצ", האָט מען אײַנגעזועצט אין טורמע. אונדזער כאַווער פֿיני קוועלט. ער זאָגט, אַז ס'איז אַ גרויסע מיצווע. זאָגט די מאַמע: „סטײַטש, און מײַנע זאַכן?" זאָגט פֿיני: „נו, און מײַנע זאַכן?"... אַצינד ווייסן מיר שוין פֿאַר געוויס, אַז אונדזערע זאַכן זענען פֿאַרפֿאַלן. וואָס טוט מען? מע דאַרף פֿאָרן ווײַטער. אַ ברײרע האָבן מיר? מײַן ברודער עליע גייט אַרום אָן אַ קאָפּ. די מאַמע רעדט אים אויס דאָס האַרצ. זי זאָגט אים: וואָס וואָלטן מיר געטאָן, נאַרעלע, ווען מע זאָל געווען צונעמען בא אונדז דאָס געלט, וואָס מיר האָבן אָפּגעלייזט פֿאַר דער האַלבער דירע, און נאָך קוילען אויך? אונדזער כאַווער פֿיני גיט אָפּ דער מאַמען דעם גערעכט. ער זאָגט, אַז אַ ייִד דאַרף שטענדיק זאָגן: „גם זו לטובה"[33]. בראָכע לײגט אויך צו אַ קנייטל. זי זאָגט, אַז ניט אומזיסט

האָט זי אימ א נאָמענ געגעבנ „ייִדענע". מיר גרייטנ זיכ אינ וועג אַרײַנ. מיר צעפרעגנ זיכ בא מענטשנ, וויִאַזוי פאָרט מענ קיינ אַמעריקע. מענטשנ הערנ אויס אונ געבנ אונדז אייצעס. איטלעכער אַנ אַנדער אייצע. איינער זאָגט: אַפ פאַריזש. דער אַנדערער — אַפ לאָנדאָנ. א דריי־טער דרינגט, אַז אַפ אַנטווערפּנ איז נעענטער. מע פאַרדולט אונדז אַזוי דעמ קאָפּ, אַז מיר ווייסנ שוינ אַלײנ ניט, וואָס צו טונ. פאַר פאַ־ריזש האָט די מאַמע מוירע. א צו גרויסער טומל, זאָגט מענ. אַנטווערפּנ געפעלט ניט בראָכעס. עפּעס אַנטווערפּנ — א מאָדנער נאָמענ. זי האָט אַזעלכנ ניט געהערט. עס בלײַבט לאָנדאָנ. פּיני זאָגט, אַז לאָנדאָנ איז דאָס בעסטע. ער האָט געלייענט וויפל מאָל אינ דער געאָגראַפיע (אַזאַ בוכ), אַז לאָנדאָנ איז א שאַרפע שטאָט. הײַנט קומט אַרויס פונ־דאָרטנ מוישע מאָנטעפיאָרע, אונ רויטשילד, זאָגט ער, איז אויכ פונ לאָנדאָנ.

— רויטשילד איז גאָר פונ פאַריזש!

אַזוי זאָגט מײַנ ברודער עליע. דאָס איז דאָכ בא זיי א קלאַל: וואָס איינער זאָגט, זאָגט דער אַנדערער פאַרקערט. אַז דער זאָגט: טאָג, זאָגט יענער: נאַכט. דאָס הייסט, מע זאָל זיכ קריגנ — דאָס ניט, נאָר מע שפּאַרט זיכ. זיי קאָנענ זיכ אַמאָל אַזוי אַוועקשפּאַרנ א שאָ קעסיידער, ביז מע צענעמט זיי. אַנומלט האָבנ זיי זיכ צעשפּאַרט איבער א דײַטשעס וואָרט: „כריינ". איינער האָט געזאָגט, אַז כריינ איז אַפ דײַטש: „כראַנ". דער אַנדערער האָט געדרונגענ, אַז כריינ דאַרפ מענ זאָגנ אַפ דײַטש: „כראָנ". א שאָ צוויי האָט מענ זיכ אַוועקגעריסנ, ביז ס'איז געבליבנ, אַז מע זאָל קויפנ א ווערצל כריינ אונ מע זאָל דאָס ווײַזנ דעמ באַלעבאָס פונ דער אַכסאַניע. געבראַכט דאָס ווערצל־כריינ, פרעגט מענ אימ: „רעב דײַטש! מיר האָבנ צו אײַכ א באַקאָשע, נאָר איר זאָלט אונדז זאָגנ דעמ ריינעמ עמעס. וויִאַזוי הייסט בא אײַכ אַפ אײַער לאָשנ אָט דידאָזיקע פיירע — „כראַנ" אָדער „כראָנ"?" רופט זיכ אָפ דער באַלעבאָס: — „אַפ אונדזער דײַטשער שפּראַכע הייסט דיזע פרוכט ניט „כראַנ" אונ ניט „כראָנ", נאָר „מע־רעטיכ"... נאַט אײַכ אַזאַ מעשוגאַס! קירע־דײַטש איז א גוטער צולאָ־כעסניק. ער קאָנ אײַכ אַמאָל געבנ א זאָג א וואָרט, זאָל זײַנ וואָס צו הערנ. לעמאָשל, נעמט, אַשטייגער, א זייגערל. דאַכט זיכ, וואָס קאָנ שוינ זײַנ מער פּאָשעט פונ א זייגערל? הייסט דאָס בא קירע־דײַטש ניט א זייגערל, נאָר א „האָר". אונ א האָר איז בא אימ א „האַר". א האַר איז בא אימ „א הער". א הער איז בא אימ „היר־היר". אַז מע זאָגט קירעדײַטש, זאָל מענ גלויבנ!

ה.

האָט קיין פאַריבל ניט, איך האָב מיך פאַרעדט וועגן די נאַרישע דײַטשן מיט זייער מעשוגענער שפּראַך און האָב פאַרגעסן, אַז מיר פאָרן קיין אַמעריקע. דאָס הייסט, ניט גלײַך קיין אַמעריקע,—דערווײַל פאָרן מיר קיין לאָנדאָן. און ניט גלײַך קיין לאָנדאָן, נאָר קיין לעמבערג. דאָרט, אין לעמבערג, איז פאַראַן, זאָגט מען, אַ קאָמיטעט פאַר עמיגראַנטן. עפּשער וועלן מיר קאָנען דורכן קאָמיטעט עפּעס באַהילפיק ווערן. מיט וואָס זענען מיר ערגער פון אַלע אַנדערע עמיגראַנטן? אויבּיפּראַט, מיר האָבן נאָך געהאַט אַזאַ שאָדן — אונדזערע אַלע פּעקלעך מיט אונדזער גאַנצן בעט־געוואַנט. די מאַמע גרייט זיך שוין, וויאַזוי זי זאָל זיי זאָגן, וויאַזוי זי זאָל פאַר זיי וויינען. מײַן ברודער עליע בעט זיך בײַ איר: „נאָר ניט געוויינט! מע דאַרף אײַנזינען האָבן די אויגן. אָן אויגן לאָזט אַמעריקע ניט אַרײַן״...

אַזוי זאָגט מײַן ברודער עליע און גייט אַרײַן צום באַלעבאָס זיך צעצאָלן פאַר דער אַכסאַניע. אין עטלעכע מינוט אַרום קומט אַרײַן מײַן ברודער עליע אַ טויטער. וואָס איז? דער באַלעבאָס האָט אים אוועקגע־לייגט אַ כעזשבן, איז אים, זאָגט ער, פינצטער געוואָרן אין די אויגן. פאַר אַלצדינג רעכנט ער אונדז געלט. פאַר לײַכטער אַפּ ליכט־בענטשן רעכנט ער זעקס לײַכטער — זעקס גרײַצערס. פאַר האַוודאָלע—פיר גרײַ־צערס. וואָסער האַוודאָלע? ער, דער באַל־אַכסאַניע, האָט געמאַכט האַוו־דאָלע און מיר האָבן געהערט, קומט אים פיר גרײַצערס. פרעגן מיר אים: „וואָס עפּעס פיר?״ — זאָגט ער: „ווילט איר פינף, לאָז זײַן פינף״. הײַנט רעכנט ער אונדז עפּעס אַ מין זאַך מיטן נאָמען „קאָמיסיאָן״. וואָס איז דאָס פאַר אַ שלאַק? דאָס קומט אים, זאָגט ער, פאַר דער טירכע, וואָס ער איז געגאַנגען מיט אונדז קויפן מאַלבושים.

דערהערט אַזאַ מײַסע, כאַפּט זיך אויף מײַן שוועגערין בראָכע מיט אַ פּליעסק אין די הענט.

— שוויגער! וואָס האָב איך אײַך געזאָגט? זענען די דײַטשן ניט ערגער ווי די נאַכט־גאַזלאָנים אין וואַלד? זענען אונדזערע רוסישע כולי־גאַנעס ניט קיין צאַדיקים אַקעגן זיי? מיר זענען דען אין בראָד? מיר זענען דאָך אין סדוים!!!...

דאָס פאַרגלײַכן אים מיט די רוסישע כוליגאַנעס, ווײַזט אויס, האָט דעם באַלעבאָס ניט אַזוי פאַרדראָסן, ווי דאָס פאַרגלײַכן בראָד מיט סדוים. ער איז געוואָרן אָנגעצונדן! ער האָט אונדז געזאָגט, אַז ס'איז זייער

רעכט, וואָס די רוסישע „כוליגאַנעס״ מאכן אַף אונדז פּאָגראָמען. ער געפינט, אַז ס'איז נאָך ווינציק, וואָס מע טוט אונדז. ווען ער זאָל זײַן, זאָגט ער, דער רוסישער „קײַזער״, וואָלט ער „געהײַסן״, מע זאָל אונדז אַלעמען „אויסקײַלען״ ביז „אײַנעם״!

מיר דאכט, איך האָב אײַך שוין געזאָגט, אַז אונדזער כאַווער פיני איז אַ היציקער פאַרשוין. ביז מע רירט אים ניט שטאַרק אָן, קאָן ער אײַך שווײַגן און שווײַגן. נאָר טאָמער דערלאַנגט מען אים מיט אַזאַ וואָרט, וואָס ער האָט פײַנט, איז כײַעס ניט זיכער! פיני האָט זיך אויפגעכאַפּט, אויסגעצויגן זיך ווי לאַנג ער איז, צוגעגאַנגען גלײַך צום באַלעבאָס פון דער סטאַנציע און האָט אים אויסגעשריגן אַפן קאָל גלײַך אין פּאָנעם אַרײַן:

— קירע־דאַאַאײַטש!!!... אַ רועך אין דײַן טאַאַטן אַרײַן!

עמעס, דער „קירע־דײַטש״ האָט אונדזער כאַווער פיניען געקאָסט טײַער. דער באַלעבאָס האָט אים פאַרן „קירע־דײַטש״ אָפּגעוואָרפן צוויי שווערע, געשמאַקע פּעטש, אַז פונקען זענען געפלויגן. עס האָט אָבער געהאַט דעם זיבעטן כיין. גאַנץ בראָד האָט זיך צונויפגעלאָפן. ס'איז געווען „לײַהודים״. איך האָב ליב, אַז ס'איז פרײלעך.

דעמזעלבן טאָג זענען מיר אַנטלאָפן קיין לעמבערג.

XV

קראָקע מיט לעמבערג

א.

לעמבערג, זעט איר, איז שוין גאָר ניט דאָס, וואָס בראָד. ערשטנס, די שטאָט אַליין. ריין, ברייט, ציכטיק, שיין — פאַרנעמט אַן אויג! דאָס הייסט, ס'איז פאַראַן אין לעמבערג אויך אַזעלכע גאַסן, ווי אין בראָד וואָס אַז מע גייט אינמיטן זומער, דאַרף מען אָנטון טיפע קאַלאָשן און פאַרשטעלן די נאָז. דערפאַר אָבער איז פאַראַן אינמיטן שטאָט אַ גאָרטן, וואָס אַלע מענטשן דאָרטן גיין שפּאַצירן, אַפילו ציגן. אַ פרייע מדינה. שאַבעס גייען ייִדן מיט שטריימלעך פראַנק און פריי אַף אַלע גאַסן, און קיינער זאָגט זיי ניט אַ וואָרט. הײַנט די מענטשן? גאָלד און זילבער! מײַן מאַמע זאָגט, אַז פון בראָד ביז לעמבערג איז אַזאַ כילעק, ווי פון טאָג וצו נאַכט. מײַן ברודער עליע זאָגט, אַז עס טוט אים באַנק, וואָס בײַ דער גרענעץ שטייט פריִער בראָד און נאָכדעם לעמבערג. עס וואָלט באַדאַרפט, זאָגט ער, זײַן פאַרקערט. גיט אים אונדזער כאַווער פּיני צו פאַרשטיין, אַז דערפאַר איז לעמבערג בעסער פון בראָד, ווײַל עס שטייט ווײַטער פון דער גרענעץ און נעענטער צו אַמעריקע. זאָגט אים עליע: „אַ פאָלג מיך אַ גאַנג! ווו איז לעמבערג און ווו איז אַמעריקע!" זאָגט אים פּיני, אַז וואָס ס'איז שײַעך צו שטעט, מעג ער זי נאָך דערווײַלע לערנען בײַ אים, וואָרעם ער האָט געלערנט געאָגראַפיע. זאָגט אים מײַן ברודער עליע: „אַז דו האָסט געלערנט געאָגראַפיע, זאָג־זשע מיר, ווו איז דער קאָמיטעט?" — „וואָסער קאָמיטעט?" — „דער עמיגראַנטן־קאָמיטעט!" — „אַ סמיכות־הפּרשה[34])! וואָס געהער זיך עס אָן מיט געאָגראַפיע?" — „דער, וואָס ווייסט געאָגראַפיע, דער דאַרף וויסן אַלצדינג".

אַזוי זאָגט צו אים מײַן ברודער עליע, און מיר פרעגן זיך נאָך אַפן קאָמיטעט. ווען מיר פרעגן, ווייסט קיינער ניט. אַ מאָדנע שטאָט.

— זיי ווייסן, נאָר זיי ווילן ניט זאָגן!

אזוי פאסקנט מײַנע שוועגערן בראָכע. איר געפעלט קיין זאַך ניט. אַפ לעמבערג האָט זי אויך אַ כיסאָרן: צו ברייטע גאסן. אַ כיסאָרן — די קאַלע איז צו שיין; אונדזער כאווער פיניעס ווײַב, טײַבל, האָט אַן אנדער כיסאָרן אַפ לעמבערג. דעהײַנע? לעמיר זאָגט מען בא אונדז „קראָקע מיט לעמבערג"? אז מע עסט אַ זויערע זאַך, זאָגט מען: „ס'איז אזוי זויער, אז מע קאָן דערזען קראָקע מיט לעמבערג". אָדער, אז מע דערלאַנגט איינעם אַ גוטן פּאטש, זאָגט מען, אז „ער האָט דערזען קראָקע מיט לעמבערג".

בקיצער, די ווײַבער האָבן שוין אזא טעווע. זעלטן זיי זאָל עפּעס געפעלן!...

ב.

מיר האָבן זיך שוין דערפרעגט צום קאָמיטעט. אַ הויכע שטוב מיט אַ רויטן דאַך. פריִער דאַרף מען שטיין אביסל אין דרויסן. דאָס הייסט, ניט אביסל, נאָר אסאַך. נאָכדעם עפנט מען די טיר. דאַרף מען גיין אַפּ טרעפּ. אז מע קומט אַרויף, טרעפט מען אסאַך מענטשן. צומיינסטן, אונדזערע רוסישע, עמיגראַנטן רופט מען זיי. קימאַט אַלע זענען זיי הונגעריק און אַלע האָבן קליינע זויגעדיקע קינדער. די, וואָס האָבן ניט קיין זויגעדיקע קינדער, זענען אויך הונגעריק. מע הייסט זיי קומען מאָרגן. מאָרגן זאָגט מען זיי ווידעראַמאָל, זיי זאָלן קומען מאָרגן. מײַן מאַמע באַקענט זיך מיט אסאַך ווײַבער. איטלעכע פון זיי האָט אַפּ זיך אַן אנדער אומגליק. פאַרגלײַכן, זאָגט זי, איר אומגליק מיט זייערע אומגליקן, קומט אויס, אז זי איז נאָך איינע אַ גליקלעכע! אסאַך פון זיי זענען אַנט־לאָפענע פון פּאָגראָמען. וואָס זיי דערציילן זיך אָן, איז אַ גוואַלד! אַלע פאָרן זיי קיין אמעריקע, און קיינער האָט ניט מיט וואָס. אסאַך פון זיי האָט מען אָפּגעשיקט צוריק. אייניקע גיט מען אַרבעט. אייניקע שיקט מען אָפּ קיין קראָקע. דאָרט איז, זאָגט מען, דער עמעסער קאָמיטעט. וואָס־זשע איז דאָ? — זיי ווייסן אַליין ניט. מע הייסט זיי קומען מאָרגן, קו־מען זיי. ווו איז דער קאָמיטעט? — אָט דאָס איז דאָך דער קאָמיטעט. ווער איז דער קאָמיטעט? זיי זאָלן אזוי וויסן פון בייז! עס קומט אַרײַן אַ הויכער פאַרשוין מיט אַ געשטופּלט פּאָנעם און מיט גוטע לאַכנדיקע אויגן.

— אָט דאָס איז איינער פונעם קאָמיטעט. ער איז אַ דאָקטער.

דער דאָקטער מיט די גוטע לאַכנדיקע אויגן זעצט זיך אוועק אַפֿ א שטול. אַלע מינוט גייט צו צו אים אַן אַנדער עמיגראַנט און טײַנעט עפּעס, מאַכט מיט די הענט. דער דאָקטער הערט אים אויס און ענט־פֿערט אים, אַז ער איז איינ מענטש אַליין. ער קאָן גאָרנישט העלפֿן. פֿאַראַן, זאָגט ער, בּאַ אונדז אַ קאָמיטעט פֿון עטלעכע און דרײַסיק פֿאַר־שוינ, נאָר קיינער וויל ניט קומען. וואָס קאָן איך, איינ מענטש אַליינ, טון?

די עמיגראַנטן ווילן ניט וויסן, וואָס ער איז איינ מענטש אַליינ. זיי קאָנען דאָ מער ניט זיצן. זיי האָבן שוינ אויפגעגעסן פֿון זיך, וואָס זיי האָבן געהאַט. זיי זאָגן, אָדער מע זאָל זיי געבן בּילעטן קיינ אַמע־ריקע, אָדער מע זאָל זיי אָפּשיקן צוריק. דער דאָקטער טײַנעט, אַז ער קאָן זיי נאָר שיקן קיינ קראָקע, אויב זיי ווילן. דאָרט איז דאָ אַ קאָמיטעט. עפּשער וועט זיי יענער קאָמיטעט עפּעס קאָנען העלפֿן. די עמיגראַנטן הערן דאָס אויס און זאָגן, אַז זיי האָבן ניט דערוויילע פֿונוואַנען אַ טאָג איבּער־צולעבן. דער דאָקטער נעמט אַרויס דאָס בּײַטעלע און שענקט זיי אַ מאַטבּייע. די עמיגראַנטן באַטראַכטן די מאַטבּייע און גייען אַוועק. עס קומען אָן נײַע עמיגראַנטן. זיי פֿאַלן, זאָגן זיי, מיטן פּאָנעם צו דער ערד

— וואָס ווילט איר? — טײַנעט נעבעך דער דאָקטער.

— מיר ווילן עסן! — זאָגן די עמיגראַנטן.

— אָט האָט מען מיר געבּראַכט עסן, עסט.

אַזוי זאָגט זיי דער דאָקטער מיט די גוטע לאַכנדיקע אויגן און ער ווײַזט זיי אָפּן אָנבּײַסן, וואָס מע האָט אים געבּראַכט: קאַווע מיט ווײַסע בּולקעלעך. ער זאָגט, אַז ער מיינט דאָס ערנסט. ער גיט זיי אַוועק זײַן אָנבּײַסן. וואָס זאָל ער טון, איינ מענטש אַליינ? די עמיגראַנטן באַ־דאַנקען אים. זיי זאָגן, אַז ניט פֿאַר זיך בּעטן זיי, פֿאַר זייערע קינדער נעבעך.

— נו, בּרענגט אַהער די קינדער! — זאָגט דער דאָקטער און טוט אַ ווונק צו אונדז מיט זײַנע גוטע לאַכנדיקע אויגן.

— וואָס ווילט איר?

ג.

טרעט אַרויס די מאַמע צום גוטן דאָקטער מיט די לאַכנדיקע אויגן און הייבּט אים אָן דערציילן אַ מײַסע פֿונעם אָנהייבּ, וויאַזוי זי האָט געהאַט אַ מאַן. דער מאַן איז געווען אַ כאַזן און האָט געקרענקט און געקרענקט. נאָכדעם איז ער געשטאָרבּן, איבּערגעלאָזט זי אַן אַלמאָנע

מיט צוויי קינדער, איינעם אנ עלטערנ אונ איינס נאָכ קימאט אנ אוי־פֿעלע (דאָס מיינט מענ מיכ). האָט זי דעמ עלטערנ כאסענע געמאכט, אַרײַנגעגעבנ אימ אינ א שמאלצ־גרוב. די שמאלצ איז אויסגערונענ, די גרוב איז געבליבנ. דער שווער האָט זיכ געשטעלט, אונ דער זונ דארפֿ שטיינ צומ פּריזיוו...

— מאמע! ווהינ ביסטו פֿארפֿאָרנ?

אזוי זאָגט מײַנ ברודער עליע אונ שטעלט זיכ אוועק דערציילנ די אייגענע מײַסע, נאָר אינ אנ אנדער אויפֿנ. ער הייבט אָנ אזוי:

— יאָ פּריזיוו, ניט פּריזיוו,—מיר פֿאָרנ, הייסט עס, קיינ אמעריקע. דאָס הייסט, איכ, אונ מײַנ מאמע, אונ מײַנ ווײַב, אונ א קליינ ברודערל (דאָס מיינט מענ מיכ), אונ אָט דער יונגערמאנ (ער ווײַזט אפֿ פֿיניענ) פֿאָרט אויכ, הייסט עס, מיט אונדז. האָבנ מיר באדארפֿט אריבער די גרענעצ. זענענ מיר, הייסט עס, געקומענ צו דער גרענעצ. אונ אזוי ווי קיינ פּעסער, הייסט עס, האָבנ מיר ניט, וואָרעמ מיר דארפֿנ ביידע שטיינ צומ פּריזיוו...

— אָט דאָ לאָז מיכ!—רופֿט זיכ אָנ אונדזער כאווער פֿיני אונ שטופּט אָפּ מײַנ ברודער עליע אונ דערציילט די אייגענע מײַסע, נאָר אביסל אנדערש. כאָטש עליע איז מיר א ברודער, פֿונדעסטוועגנ מוז איכ מודע זײַנ, אז פֿיני רעדט אסאכ שענער פֿונ אימ. ערשטנס, איז בא אימ גישטאָ קיינ „הייסט עס", ווי בא מײַנ ברודער עליע. הײַנט קענ ער רוסיש זייער גוט. אסאכ ווערטער זענענ בא אימ רוסישע. אונ גלאט שיינע ווערטער, מעכײַעדיקע. אסאכ פֿונ זיי פֿארשטיי איכ ניט וואָס ער מיינט, נאָר זיי זענענ שיינ. אָט וויאזוי אונדזער כאווער פֿיני האָט אָנגעהויבנ:

— איכ וועל אײַכ געבנ אינ קורצנ א ווזגליאד אפֿ דער גאנצער פֿאָלאָזשעניע, וועט איר האָבנ א טאָטשקע זרעניע. מיר פֿאָרנ קיינ אמעריקע ניט אזוי צוליב וואָינסקי פּאָווינאָסט, ווי צוליב סאמאָסטאָיא־טעלנאָסט אונ ציוויליזאציע, וואָרעמ מיר זענענ דאָרט זייער סטיעסני־טעלני נישט נאָר אינ פּראָגרעס, נאָר אפֿילע אינ וואָזדוכ, ווי טורגע־ניעוו זאָגט,—אונ וואָוטאָריכ, זינט עס האָט זיכ אָנגעהויבנ בא אונדז דער יעווריסקי וואָפּראָס מיט די פּאָגראָמענ, קאָנסטיטוציע אונ טאָמו פּאָדאָבנע, ווי באָקל זאָגט אינ זײַנ היסטאָריא ציוויליזאציא...

אנ אווירע! דאָ האָבנ ערשט אָנגעהויבנ גיינ די שיינע ווערטער. אונדזער כאווער פֿיני האָט זיכ ערשט רעכט צעשאָקלט. ער האָט זיכ ערשט

פאַרקאַטשעט רעדן און רעדן, — צום סאָף האָקט אים איבער דער דאָק־טער סאַמע אינמיטן, טוט א זופּ די קאַווע און רופט זיך אָן צו אים מיט א שמייכל:

— זאָגט: וואָס ווילט איר?

טרעט אַרויס ווידער מײַן ברודער עליע און מאַכט צו פּיניען:

— לעמײַ זאָלסטו האָבן א טעות נישט רעדן צו דער זאַך?

דאָס פאַרדריסט, אַפּאָנעם, אונדזער כאַוער פּיניען, מאַכמעס ער טרעט אָפּ אַפּ א זײַט, פאַרטשעפּעט זיך פאַר זײַנע אייגענע פּיס, און רופט זיך אָן בערויגעזולעך:

— דו רעדסט בעסער? רעד דו!

און מײַן ברודער עליע גייט צו צום טיש און דערציילט נאָכאַמאָל די מײַסע בעקיצער.

ד.

— זענען מיר, הייסט עס, געקומען צו דער גרענעץ. געקומען צו דער גרענעץ, האָבן מיר אָנגעהויבן האַנדלען, הייסט עס, מיט די אַגענטן. און די אַגענטן, ווייסט איר דאָך, זענען גרויסע מאַמזיירים. האָבן זיי אָנגעהויבן לויפן איינער איבערן אַנדערן, גראָבן, מאַסערן, יאַבעדן, ביז ס'האָט זיך אונטערגעכאַפּט איינע א ייִדענע, הייסט עס, א לײַטישע, אַן ערלעכע, א פרומע, א קאָשערע, און האָט זיך אויסגעגלײַכט מיט אונדז פאַרן מעקעך, הייסט עס, זיך אונטערגענומען אונדז אַלעמען אַריבער־פּעקלען, פריִער אונדז, און נאָכדעם די זאַכן. האָט זי אונדז געגעבן, די ייִדענע, הייסט עס, צוויי אַריילים, שאָמרים, הייסט עס...

— אָט אַזוי גיך? זע נאַר! ער איז שוין פאַרטיק מיט די אַריילים.

אַזוי שפּרינגט אַרויס מײַן שוועגערן בראָכע, שטופּט אָפּ מײַן ברו־דער עליע און דערציילט בעסער אַליין די מײַסע. טאַקע די אייגענע מײַסע, נאָר אַביסל אַנדערש: וויאַזוי די ייִדענע האָט אונדז געהייסן גיין און גיין, ביז מיר וועלן דערזעען א בערגל. פונעם בערגל זאָלן מיר זיך נע־מען רעכטס און גיין און גיין, ביז מיר וועלן קומען צו נאָך א בערגל. זאָלן מיר זיך פון יענעם בערגל נעמען לינקס און גיין און גיין, ביז מיר וועלן קומען צו א שענקל. זאָל אַרײַנגיין איינער פון אונדז אין שענקל, וועט ער טרעפן צוויי אַריילים טרינקען בראָנפן. זאָל מען צוגיין צו די אַריילים און זאָגן זיי נאָר איין וואָרט „כאַימאַווא", וועלן זיי שוין וויסן און וועלן אונדז פירן איבער א וועלדל. א גליק, וואָס איך האָב א טעווע פון כאַלעשן...

רופט זיך אָן דער דאָקטער:

— ווייסט איר, וואָס איך וועל אײַך זאָגן, מײַנע ליבע ווײַבער? איך האָב אויך א טעווע פון כאלעשן. זאָגט מיר אין קורצן, וואָס ווילט איר?

טרעט ארויס די מאמע ווידעראמאַל, און עס קומט פאָר צווישן איר און צווישן דאָקטער אזא מין געשפּרעך:

מאמע: איר ווילט אין קורצן? מע האָט בא אונדז צוגענומען די זאכן.

דאָקטער: וואָסערע זאכן?

מאמע: דאָס בעטגעוואנט: צוויי איבערבעטן, פיר קישנס גרויסע, און נאָך צוויי גרויסע קישנס, און דרײַ קלייניטשקע מאמזיירימלעך איבערגעשאָטן.

דאָקטער: דאָס איז גאָר?

מאמע: און קאָלדרעס דרײַ, צוויי אלטע, איינע א נײַע. און מאל-בושים א פּאָר, און א פאטשיילע א זײַדענע, און...

דאָקטער: נישט דאָס פרעג איך. מער קיין אומגליק האָט איר ניט געהאט?

מאמע: וואָסער אן אומגליק ווילט איר נאָך?

דאָקטער: איך מיין, וואָס פעלט אײַך?

מאמע: בעטגעוואנט.

דאָקטער: דאָס איז גאָר?

מאמע: ס'איז אײַך קארג?

דאָקטער: און בילעטן האָט איר? געלט האָט איר?

מאמע: נישט צו פארזינדיקן. מיר האָבן שיפסקארטן, מיר האָבן אפ בילעטן.

דאָקטער: זענט איר דאָך, דאנקען גאָט! איך בין אײַך מעקאנע. לאָמיר זיך בײַטן. מיינט ניט, איך שפּאס. איך זאָג עס אײַך אָן לעצאָ-נעס. נאט אײַך מײַן אָנבײַסן, נאט אײַך מײַנע עמיגראנטן, נאט אײַך מײַן קאָמיטעט, און גיט מיר אײַערע שיפסקארטן מיט אײַערע בילעטן, פאָר איך אוועק קיין אמעריקע הײַנטיקן טאָג. וואָס קאָן איך דאָ טון, איין מענטש אליין, מיט קיין אײַנהאָרע אזויפיל אָרעמעלײַט?

דער דאָקטער איז עפּעס—מיר ווייסן אליין ניט וואָס! — אזוי האָבן מיר אָפּגעפאסקנט, און מיר ווילן נישט מאכן דאָ קיין לאנגע שיִעס. מײַן ברודער עליע זאָגט: אן אוויירע די הויצאָעס. לאָמיר בעסער פאָרן קיין

קראַקע. אסאך עמיגראַנטן פאָרן קיין קראָקע. לאָז זיך אונדז דאכטן, עלעהיי מיר זענען אויך עמיגראַנטן.

— אז מיר זענען אין לעמבערג, מוזן מיר שוין זײַן אין קראָקע אויך, — זאָגט אונדזער כאַווער פיני.

— ביכדיי ס'זאָל אויסקומען, אפּאָנעם, קראָקע מיט לעמבערג? — כאַפּט אונטער זײַן ווײַב טײַבל.

זײַט געזונט, מיר פאָרן קיין קראָקע.

XVI

מיט די עמיגראַנטן

א.

אז איר ווילט פֿאָרן קיין אמעריקע, זאָלט איר פֿאָרן נאָר מיט עמי־גראַנטן. אַז איר פֿאָרט מיט עמיגראַנטן, איז אײַך גוט. קומט איר אין אַ שטאָט, פֿאַרשפּאָרט איר זוכן אַן אַכסאַניע. מע האָט אײַך אָנגעגרייט אַן אַכסאַניע פֿון פֿריִער. דערױף איז דאָך געמאַכט געוואָרן אַ קאָמיטעט. אַ קאָמיטעט זעט, אַז איר זאָלט האָבן אַלצדינג גרייט. אַז מיר זענען אָנגעקומען די ערשטע נאַכט קיין קראָקע, האָט מען אונדז באַלד פֿאַר־טריבן אין אַזאַ מין שטוב, אָדער אַ קאַמער, אָדער אַ שטאַל. דאָרט האָבן מיר אָפּגעוואַרט ביז אינדערפֿרי. אינדערפֿרי איז מען געקומען צו אונדז פֿונעם קאָמיטעט און מע האָט אונדז פֿאַרשריבן אַלע בײַ די נעמען. די מאַמע האָט אַפֿילע ניט געוואָלט זאָגן אונדזערע נעמען. זי האָט מורא געהאַט פֿאַרן פּריזיוו. אַ קאַשע אַף אַ מײַסע? האָבן די עמיגראַנטן זי אויסגעלאַכט: וואָס גייט אָן קיר־דײַטש אונדזער רוסי־שער פּריזיוו? נאָכדעם האָט מען אונדז געבראַכט אַלעמען אַף אַ גרוי־סער אַכסאַניע. אַ גאַנצע שטוב מיט אַסאַך בעטלעך מיט אָן אַ שיר עמיגראַנטן. „עס זעט דאָ אויס, ווי בײַ אונדז אַ העקדעש". אַזוי געפֿינט מײַן מאַמע. און מײַן שוועגערן בראָכע זאָגט: „שוויגער, לאָמיר בעסער פֿאָרן ווײַטער". איך האָב אײַך שוין געזאָגט אַמאָל, אַז די ווײַבער האָבן אַ טעווע — עס געפֿעלט זיי ניט קיין זאַך. אַף אַלצדינג מאַכן זיי אײַך אַ כיסאָרן. אַף דער שטאָט קראָקע האָבן זיי גלאַט געוואָרפֿן אַן אומ־כיין פֿון דער ערשטער מינוט. אַפֿילע מײַן ברודער עליע איז אויך אין קאַס אַף קראָקע. קראָקע, זאָגט ער, איז ניט לעמבערג. אין לעמבערג איז כאָטש דאָ ייִדן, און אין קראָקע איז ניטאָ קיין ייִדן. דאָס הייסט, ס'איז דאָ ייִדן, נאָר מעשונע־מאָדנע ייִדן — אַנדרויגעניסן, האַלב ייִד, האַלב פּליאַקע, פֿאַרדרייט די וואָנצעס און „פּראָשע פּאַני!"... אַזוי

זאָגט מײַן ברודער עליע. נאָר אונדזער כאַוועַר פּיני וויל אים איבער־שפּאַרן. ער זאָגט, אַז דאָ איז פאַראַן מער „ציוויליזאַציע". איך וואָלט וועלן וויסן, וואָס איז דאָס אַזעלכעס „ציוויליזאַציע", וואָס אונדזער כאַוועַר פּיני קאָן זיך אָן דעם ניט באַגיין?

ב.

אַפּ דער אַכסאַניע, וואָס מע האָט אונדז אָנגעגרייט פונעם קאָמיטעט, איז אויסגעצייכנט גוט. דאָס הייסט, עס איז ניט אַזוי גוט, ווי פריילעך. מע באַקענט זיך אַלעמאָל מיט נײַע עמיגראַנטן. מע זיצט אײַ־ניינעם, מע עסט איינעם, מע דערציילט מײַסעס. אַך, וואָסערע שיינע מײַסעס! ניסים ווונדערלאַעס! ניסים פון פּאָגראָם. ניסים פונעם פּריזיוו. ניסים פון דער גרענעץ. איטלעכער דערציילט אַן אַנדער מײַסע פון זײַן אַגענט. איינער פרעגט באַם אַנדערן: „ווער איז געווען אײַער אַגענט באַ דער גרענעץ — אַ רויטער צי אַ שוואַרצער?" ענטפערט אים דער אַנדערער: „ניט קיין רויטער, ניט קיין שוואַרצער, נאָר אַזוי אַ גאַנעוו"...

געוויינטלעך, דערציילן מיר אונדזער נעס אויך, וויאַזוי גאָט האָט מיט אונדז געפירט, וויאַזוי מיר האָבן געגאַנוועט די גרענעץ, וויאַזוי די אַגענטן האָבן אונדז באַפאַלן, וויאַזוי מיר האָבן זיך באַקענט מיט אַ ייִדענע, וויאַזוי די ייִדענע האָט באַ אונדז אויסגענאַרט די זאַכן, וויאַזוי אירע שאָמרים, צוויי אַריילים, האָבן אונדז פאַרפירט אין אַ וואַלד, געפרעגט אונדז, וויפל געלט מיר האָבן, און אַרויסגענומען מעסערס אַפּ צו קוילען. אַ גליק, וואָס אונדזער בראָכע האָט אַ טעווע פון כאַלעשן און וואָס די מאַמע האָט געמאַכט אַ גוואַלד — האָט זיך דערהערט אַ שאָס, זענען די אַריילים אַנטלאָפן און מיר זענען דערוויַיל אַריבער אַפּ יענער זײַט... אַלע הערן אויס אונדזער מײַסע, שאָקלען מיט די קעפּ און שמוצערן מיט די ליפּן. איינער אַ הויכער עמיגראַנט מיט אַ בייזן קוק און מיט וואַטע אין די אויערן טוט באַ אונדז אַ פרעג:

— וויאַזוי זעט זי אויס, די ייִדענע? אַ פרומע, אַ קאָשערע, מיט אַ שייטל אַפּן קאָפּ?

דערהערט, אַז אונדזער ייִדענע איז אַ פרומע, אַ קאָשערע, מיט אַ שייטל אַפּן קאָפּ, — טוט דער הויכער עמיגראַנט מיטן בייזן קוק זיך אַ כאַפּ־אויף און זאָגט צו זײַן ווײַב, וואָס זי הייסט סאָרע:

— סאָרע! דו האָרכסט? ס'איז דאָך די אייגענע ייִדענע!

— א כאָליערע זאָל קומען אַף איר און אַף אַלע אגענטן, ריבוינע־שעלוילעם!

אזוי זאָגט זײַן װײַב סאָרע, און זי דערצײלט אונדז אויך א שײנע מעשׂה, װיאַזוי די אײגענע ייִדענע מיטן שײטל האָט זיי אָפּגענאַרט, באַנומען פון קאָפּ ביז די פיס און געװאָלט ארײַנרוקן זיי שיפסקארטן קיין אמעריקע.

דערהערט דאָס װאָרט „שיפסקארטן", כאַפּט זיך אויף אַן עמיגראַנט, א שנײַדער, מיט שװארצע אויגן און מיט א בלאַס פּאָנעם, און רופט זיך אָן:

— שיפסקארטן? לאָזט מיך, װעל איך אײַך דערצײלן א מעשׂה פון שיפסקארטן.

און דער שנײַדער מיט די שװארצע אויגן און מיטן בלאַסן פּאָנעם װיל אָנהײבן דערצײלן א מעשׂה פון שיפסקארטן, שטײט אויף נאָך אַן עמיגראַנט, װאָס מע רופט אים טאָפּאָלינסקי. ער זאָגט, אז ער האָט א שענערע מעשׂה מיט שיפסקארטן, װיאַזוי אין שטעטל בא זיי איז דאָ א קאָמפּאַניע, װאָס פארקויפן קלוימערשט שיפסקארטן פון ליבאַװע קיין אמעריקע, האָבן זיי דערטאַפּט א יונגנמאַן און האָבן בא אים אויסגע־נארט עטלעכע און זעכציק קארבן און האָבן אים ארײַנגערוקט עפּעס א סוקע־שער מיט א רויטן אָדלער. דער יונגערמאַן קומט קיין ליבאַװע, װיל זיך זעצן אַפן שיף, נעמט ארויס און באַװײַזט די סוקע־שער מיטן רויטן אָדלער. װער? װאָס? א נעכטיקער טאָג! ס'איז ניט קיין שיפס־קארטע, ס'איז גאָר א שיר־האַמײַלעס!

ג.

די מעשׂה מיט די שיפסקארטן הײבן מיר אָן װערן נימעס. איך האָב ליב עמיגראַנטן. איך האָב מיר בעסער באַקענט, אין װאַגאָן זיצנדיק, מיט א ייִנגל פון די עמיגראַנטן אין מײַנע יאָרן. מע רופט אים קאָפּל, און ער האָט א צעשפּאָלטענע ליפּ. די ליפּ איז אים געקומען פון א פאַל. ער איז געקראָכן אַף א לײטער און איז געפאַלן אַף א שײַט האָלץ. ער שװערט, אז ס'האָט אים גאָרניט װיי געטאָן, נאָר בלוט איז געגאַנגען אסאך. ניט גענוג, זאָגט ער, ער האָט זיך צעשפּאָלטן די ליפּ, האָט ער נאָך געכאַפּט קלעפּ פונעם טאַטן. אָט דער הויכער, װאָס מיטן בײזן קוק און מיט װאַטע אין די אויערן, דאָס איז טאַקע זײַן טאַטע. און די ייִדענע, װאָס מע רופט זי סאָרע, דאָס איז זײַן מאַמע.

זיי זענען געווען, זאָגט ער, אמאָל גרויסע נעגידים. דאָס הייסט, ניט אמאָל, טאקע אָט דאָ ניט לאנג, פארן פּאָגראָם. איך פרעג אים, וויאַזוי איז דאָס א פּאָגראָם? איך הער אלץ פון די עמיגראנטן, מע זאָגט: „פּאָגראָם", „פּאָגראָם", נאָר וואָס דאָס איז — ווייס איך ניט. רופט זיך אָן צו מיר קאָפּל:

— א פּאָגראָם ווייסטו ניט? ע! ביסטו דאָך גאָר א ניונקעלע! א פּאָגראָם איז א זאך, וואָס איז היינט אומעטום. הייבן הייבט זיך עס אָן קימאט פון גאָרניט, און אז עס הייבט זיך אָן, ציט זיך עס אוועק דריי טעג...

— וואָס־זשע, זאָג איך, איז דאָס? א יאריד?

— וואָסער יאריד? א שיינער יאריד! מע שלאָגט פענצטער! מע ברעכט מעבל! מע טרענט קישנס! פעדערן פליען, אזוי ווי שניי!

— אקעגן וואָס?

— נא דיר גאָר אקעגן וואָס! אקעגן שמערלען! א פּאָגראָם איז ניט נאָר אף הייזער אליין. א פּאָגראָם איז אף קלייטן. מע צעשלאָגט אלע קלייטן, און מע ווארפט ארויס פונדאָרטן די סכוירע אף דער גאס, און מע צעטראָגט, און מע צעראבעוועט, און מע צעשיט, און מע באַגיסט מיט גאז, און מע צינדט אונטער, און מע ברענט.

— גיי שוין, גיי!

— וואָס דען מיינסטו? איך וועל דיר אויסטראכטן? נאָכדעם, אז ס'איז ניטאָ שוין וואָס צו ראבעווען, גייט מען איבער די הייזער מיט העק, מיט אייזנס און מיט שטעקנס, און פּאָליציע גייט נאָך פון הינטן. מע זינגט, און מע פייפט, און מע שרייט: „איי, רעביאטא, ביי זשידאָוו!" און מע שלאָגט, מע הארגעט, מע קוילעט, מע שטעכט מיט שפּיזן...

— וועמען?

— וואָס הייסט וועמען? יידן!

— פאר וואָס?

— נא דיר גאָר פאר וואָס! ס'איז דאָך א פּאָגראָם!

— און אז א פּאָגראָם, איז וואָס?

— גיי אוועק, דו ביסט א קעלבל! איך וויל מיט דיר ניט רעדן!
אזוי זאָגט צו מיר קאָפּל, שטופּט מיך אָפּ פון זיך און לייגט אריין די הענט אין די קעשענעס, ווי א גרויסער. מיר שטייט ניט אָן די מיסע. סע פארדריסט מיך אף קאָפּלען, וואָס ער האלט זיך אזוי גרויס אקעגן מיר. נאָר איך מאך א שווייג.

„וואַרט אויס, גאַדלעניוק! וועסט אַמאָל אָנקומען צו מיר!״... אַזוי טראַכט איך מיר און לאָז דורך עטלעכע מינוט. איך גיי צו ווידעראַמאָל צו קאָפּלען און מאַך מיט אים אַ שמועס. שוין נישט פון פּאָגראָ־מען — פון אַנדערע זאַכן. איך פרעג אים, צי קען ער רעדן אויף דײַטש. צעלאַכט ער זיך: „ווער קען דאָס ניט קיין דײַטש? דײַטש איז דאָך ייִדיש!״...

— אַזוי? אַז דו קענסט יאָ דײַטש, זאָג־זשע מיר, וויאַזוי זאָגט מען כריין אויף דײַטש?

צעלאַכט זיך קאָפּל נאָך שטאַרקער, קוים וואָס ער קען אויסרעדן אַ וואָרט.

— וואָס הייסט, וויאַזוי איז כריין? כריין איז כריין!

— אויב אַזוי, זאָג איך, ווייסטו טאַקע ניט!

— וויאַזוי־זשע דען איז כריין?

אויף צולאָכעס האָב איך אַליין אויך פאַרגעסן, וויאַזוי מע זאָגט אויף דײַטש כריין. איך האָב געוווּסט, נאָר איך האָב פאַרגעסן. גיי איך צו צו מײַן ברודער עליען און פרעג אים: וויאַזוי איז אויף דײַטש כריין? זאָגט ער: ער וועט מיר געבן אַ כריין, וועט מיר פאַרגיין אין די ציין... מײַן ברודער עליע איז, אַפּאָנעם, אין כּעס. אַלעמאָל, ווען ער גייט צו דער קעשענע נעמען געלט, איז ער אין כּעס. אונדזער כּוווער פּיני לאַכט פון אים. זיי ווערטלען זיך. איך זוך מיר אויס אַן אָרט אויף דער ערד צווישן די פּעקלעך און לייג מיך שלאָפן.

ד.

מיר האָבן אין קראָקע נישט געמאַכט גאָרנישט ניט. אין קאָמיטעט זענען מיר ניט געווען, די עמיגראַנטן האָבן אונדז געזאָגט, אַז ס'איז אַרויסגעוואָרפן. אַז איר קומט, זאָגן זיי, אין קאָמיטעט, הייבט זיך אָן אַ דולעניש. קודעם פאַרשרײַבט מען אײַך די יאָרן. נאָכדעם שיקט מען אײַך אָפּ צו אַ דאָקטער, ער זאָל אײַך באַטראַכטן. נאָכדעם הייסט מען אײַך וואַרטן. נאָכדעם הייסט מען אײַך קומען. קומט איר צו גיין, פרעגט מען אײַך: וואָס זענט איר געקומען? זאָגט איר, אַז מע האָט אײַך געהייסן קומען, זענט איר געקומען. הייבט מען אײַך אָן זאָגן מוסער, לעמײַ איר פאָרט קיין אַמעריקע. פרעגט איר: ווּהין דען זאָלן מיר פאָרן? זאָגט מען אײַך: ווו שטייט דאָס געשריבן, אַז איר דאַרפט פאָרן? דערציילט איר זיי אַ מעשה מיט אַ פּאָגראָם. זאָגן זיי:

איר זענט אַליינ שולדיק. א סימענ, אָט האָט נעכטנ א יינגל פונ אײַערע עמיגראנטנ אװעקגעגאנװעט א בולקע אינמיטנ מארק. זאָגט איר: עפשער איז ער געװענ הונגעריק? זאָגנ זיי: אָט האָט זיך נעכטנ צעשלאָגנ פונ אײַערע עמיגראנטנ אינמיטנ גאס א מאנ מיט א װײַב, מע האָט געמוזט ארויפּבּרענגענ זשאנדארמענ. זאָגט איר: דאָס װײַבל איז געװענ גערעכט; זי האָט דערקענט איר מאנ, װאָס האָט זי אװעקגעװאָרפנ אינדערהיימ, געװאָלט אנטלויפנ קיינ אמעריקע. האָט זי אימ דערזעענ דאָ אומגעריכט אונ האָט אימ געפּאקט. האָט ער זיך געװאָלט אויסרײַסנ אונ אנטלויפנ. האָט זי געמאכט א גװאלד ... זאָגנ זיי: לעמײַ גייענ אײַערע עמיגראנטנ, צומיינסטנס, אָפּגעריסנ? זאָגט איר: זיי זענענ אָרעמ; לאָז מענ זיי געבנ קליידער, װעלנ זיי ניט גייענ אָפּגעריסנ. בעקיצער, מוסער זאָגנ זיי, אונ קיינ געלט געבנ זיי ניט.

אזוי קלאָגנ זיך פאר אונדז די עמיגראנטנ. זיי זאָגנ, אז מיר זענענ גליקלעכע מענטשנ, װאָס מיר האָבנ ביז אהער ניט באדארפט אָנקומענ צו דער לאסקע פונעמ קאָמיטעט. די מאמע זאָגט: זי װאָלט איצטער אויך ניט אָנגעקומענ צו זיי, װענ ניט דאָס בעטגעװאנט. װענ מענ נארט ניט אויס בא אונדז די זאכנ אפ דער גרענעצ, װאָלט זי איצטער געװענ א „קייסערינע". איך דערמאנ מיך אָנ דער מאמעס זײַדענע געלע פּאַטשיילע, װאָס זי פלעגט טאקע אויסזעענ אינ איר, װי א „קייסערינע". די מאמע זאָגט אָבער, אז קיינ זאך טוט איר ניט אזוי באנק, װי דאָס בעטגעװאנט. װאָס װעלנ מיר טונ אינ אמעריקע אָנ בעטגעװאנט?

אזוי זאָגט די מאמע, ברעכט די הענט אונ צעװיינט זיך. דערהערט מײַנ ברודער עליע, צעשרײַט ער זיך אפ איר:

— שוינ? דו װיינסט שוינ װידער? האָסט פארגעסנ, אפּאָנעמ, אז מיר זענענ שוינ נאָענט צו אמעריקע אונ מע דארפ היטנ די אויגנ?

מיינט איר אװאדע, אז מיר זענענ טאקע נאָענט צו אמעריקע? עס הייבט זיך גאָרניט אָנ! מיר דארפנ נאָך פאָרנ אונ פאָרנ! װוהינ פאָרנ — װייס איך נאָך ניט אקוראט. איך הער פונ די עמיגראנטנ נעמענ פונ שטעט: האמבורג, װינ, פאריזש, לאָנדאָנ, ליװערפול ... אפ האמבורג זאָגנ אלע, אז עס מעג זיך אָנצינדנ הײַנטיקנ טאָג. האמבורג, זאָגנ זיי, איז סדומ. דאָרטנ טרײַבט מענ די עמיגראנטנ אינ א באָד ארײַנ, ערגער װי ארעסטאנטנ. אזעלכע רעשאָימ, װי אינ האמבורג, איז ניטאָ אינ ערגעצ.

אזוי זאָגנ די עמיגראנטנ, אונ מיר קלײַבנ זיך דערװײַל קיינ װינ. דאָרטנ, זאָגט מענ, איז פאראנ א קאָמיטעט, טאקע װאָס א קאָמיטעט הייסט!

יאָ קאָמיטעט, ניט קאָמיטעט — איך ווייס דערוויַיל, אז מיר פאָרן קיין ווין. איר האָט אמאָל געהערט פון דער שטאָט ווין? ווארט צו אביסל, אָט וועלן מיר קומען קיין ווין, וועל איך אײַך דערציילן אלצ־דינג, וואָס אין ווין טוט זיך.

XVII

ווינ איז א שטאָט אונ גאָט איז א פאָטער

א.

— ווינ איז א שטאָט!

אזוי האָט געפּאסקנט מײַנ ברודער עליע, אונ אונדזער כאווער פיני האָט צוגעבאָמקעט:

— נאָכ א מינ שטאָט! פונ שטאָטנלאנד א שטאָט!

אפילע די ווײַבער, וואָס זיי געפעלט נישט קיינ זאכ אינ דער וועלט, האָבנ אויכ צוגעגעבנ, אז ווינ איז א שטאָט. צוליב דער שטאָט ווינ האָט די מאמע ארויסגענומענ די שאבעסדיקע זײַדענע פאטשיילע. מײַנ שוועגערנ בראָכע האָט זיכ אויסגעפוצט, ווי צו דער כאסענע. זי האָט אָנגעטאָנ איר שאבעסדיק מאלבעש אונ האָט אויסגעזעענ אינעם פאריק מיט די לאנגע באָמבלדיקע אויערינגלעכ אונ מיט איר רויט קלײַענדיק פּאָנעם, אזוי ווי א רויטע קאצ אינ א שווארצנ שלייער. איר האָט אמאָל געזעענ א רויטע קאצ אינ א שווארצנ שלייער? איכ האָב שוינ געזעענ. אונדזער שכיינע פעסיס קינדער האָבנ ליב מאכנ מיט דער קאצ אלערליי אָנשטעלנ אונ טעאטער־שטיק. די קאצ האָט בא זיי, ווי איכ האָב אײַכ שוינ אמאָל דערציילט, א מאָדנעם צונעמעניש: „פייגע־לייע די גאבעטע“. זיי האָבנ שוינ אמאָל אָנגעטאָנ „פייגע־לייע די גאבעטע“ א יאַרמעלקע. עס פארשטייט זיכ, אז זיי האָבנ איר די יארמעלקע אונטערגעבונדנ מיט צוויי בענדלעכ אונ האָבנ זי געלאָזט לויפנ. אכוצדעם, האָבנ זיי איר אָנגעהאנגענ אפנ עק, אפּאָנעם, פונ שיינקײַט־וועגנ, א פלעדערוויש. די יארמעלקע איז געווענ פאר איר, ווײַזט אויס, אביסל צו גרויס, האָט דאָס איר פארשטעלט די אויגנ, אונ דעם פלעדערוויש קאָנ זי נישט לײַדנ. האָט זיכ „פייגע־לייע די גאבעטע“ געלאָזט לויפנ מעשוגענערווײַז, דראפּענ זיכ אפ די גלײַכע ווענט, אונ האָט אָנגעמאכט בא אלע שכיינים

מוירעדיקע שאָדנס. אײַ, האָט מען זיי דעמאָלט געקאַטעוועט! מער פון אַלע האָט געהאַט וואַשטי, הערשל, הייסט דאָס, אָט דער, וואָס מיט דער גאָלי אַפּגעשטאָרבן. א מאָדנער יונג, אָט דער וואַשטי! וויפל מע זאָל אים נישט שלאָגן, איז דאָס ווי אין א וואַנט. איך בענק נאָך אים מער ווי נאָך אַלעמען! עס קאָן זײַן, אַז מיר וועלן זיך אײַנגיכן זען מיט אים אין אַמעריקע. מיר האָבן געהאַט א ידיעה, אַז אונדזער שכנה פּעסי מיט איר מאַן מוישע דעם אײַנבינדער מיט דער גאַנצער כאַליאַסטרע פאָרן קיין אַמעריקע. פריער האָט זי געלייגט קנייטלעך, וואָס מיר פאָרן אין אַזא ווײַט לאַנד, און איצט פאָרט זי אַליין אויך אַהין. אַלע פאָרן הײַנט קיין אַמעריקע. אַזוי שרײַבט אונדז אונדזער מעכוטנ יוינע דער בעקער. ער פאָרט אויך קיין אַמעריקע. ער איז שוין אַפּ דער גרענעץ. נישט אַפּ דער גרענעץ, וואָס מיר האָבן געגאַנוועט. אַפּ אַן אַנדער גרענעץ. אונדזער גרענעץ טויג נישט. אַפּ אונדזער גרענעץ גאַנוועט מען אַוועק דאָס בעטגעוואַנט. אַפּ אַנדערע גרענעצן גאַנוועט מען אויך בעט־געוואַנט, נאָר מע פאַלט נישט אַן אײַנמיטן וואַלד מיט שאַרפע מעסערס, ווי מען איז אָנגעפאַלן אַפּ אונדז, לעמאָשל, עמיגראַנטן דערציילן, אַז ס'איז פאַראַן אַזעלכע גרענעצן, וווּ מע טוט אויס נאַקעט און מע נעמט צו וואָס מע האָט. נאָר שלאָגן שלאָגט מען נישט. אונדז האָט מען אויך נישט געשלאָגן, נאָר מע האָט אונדז געוואָלט שלאָגן. מיר זענען שיר נישט געשטאָרבן פאַר שרעק. א גליק, וואָס מע האָט אויסגעשאָסן פון א ביקס. איך האָב דאָך אײַך שוין דערציילט אַמאָל, וויאַזוי מיר האָבן געגאַנוועט די גרענעץ. מיר האָבן עס שוין לאַנג פאַרגעסן. מיר האָבן פײַנט געדענקען א זאַך. עמעס, די ווײַבער דערציילן נאָך הײַנט אויך די ניסים, וואָס מיט אונדז האָט געטראָפן בעשאַס גאַנוועגען די גרע־נעץ. עס מישן זיך אָבער אַרײַן די מאַנצבילן, איך מיין דאָס מײַן ברודער עליע און אונדזער כאַווער פּיני, און לאָזן נישט, אַז די ווײַבער זאָלן דערציילן. זיי וועלן דאָס אַליין דערציילן אַסאַך בעסער. אונדזער כאַווער פּיני זאָגט: ער מוז דאָס באַשרײַבן אַפּ די גאַזעטן. ער האָט שוין אַפילע אָנגעהויבן דאָס צו באַשרײַבן אין א לידל. איך האָב אײַך, דאַכט מיר, אַמאָל דערציילט, אַז פּיני שרײַבט לידלעך. דאָס לידל פון דער גרענעץ הייבט זיך אָן בא אים אַזוי:

ראַדזיוויל איז נישט גרעסער ווי א געגעץ,
דאָרט גאַנוועט מען די גרענעץ,

און מע ווערט באַגאַנוועט פֿון קאָפּ ביז פֿיס,
און מע ווערט באַהאַנדלט זייער מיִעס;
מע גיט אַוועק וואָס מע האָט,
און מע זאָגט נאָך דאַנקען גאָט!
מען איז גליקלעך, ווי די ראַבע קעץ,
וואָס מען איז אַריבער אָן אַ זעץ,
און אָן אַ קלאַפּ, און אָן אַ שטורך,
און אָן אַ מעסער דורך און דורך...

דאָס איז ערשט אָן אָנהייב, זאָגט פּיני. ווײַטער גייט בײַ אים, זאָגט ער, נאָך פֿיל שענער! ער האָט געמאַכט, זאָגט ער, אַ באַשרײַבונג פֿון בראָד אויך. און פֿון קראָקע מיט לעמבערג אויך. און אַלצדינג אין גראַמען. פּיני איז דערויף אַ מאַזיק. אַלצדינג גראַמט זיך בײַ אים, אַפֿילו אַפֿ זײַן אייגן ווײַב טײַבל האָט ער אויך געמאַכט אַ לידל. איך קען עס אַפֿ אויסנווייניק:

איך האָב אַ ווײַבל,
הייסט זי טײַבל,
גוט און שיין
און מאָלע כיין,
קיין אײַנהאָרע זאָל נישט שאַטן!
איינ כיסאָרן —
וויל נישט פֿאָרן
צוריק אַהיים צום טאַטן...

וואָס זאָגט איר אַפֿ דעם לידל? זאָלט איר אָבער זען, ווי טײַבל בלאָזט זיך! (זי האָט אַ טעווע פֿון בלאָזן זיך). מײַן שווער גערן בראָכע גערמט זיך אָן איר קריוודע. זי רופֿט פּיניען „שמאַדילניק". די מאַמע רופֿט אים „שלימאַזל". זיי קאָנען נישט לײַדן, לעמײַ ער מאַכט לידלעך. מײַן ברודער אליע, פֿאַרקערט, איז אים מעקאַנע. ער זאָגט, אַז אין אַמעריקע איז גראַמען און לידער אַ סכוירע. מײַן ברודער אליע זאָגט, אַז אין אַמעריקע וועט ער די סכוירע פֿאַרצוקערן. מע וועט אים אין אַמעריקע, זאָגט ער, אָפּגילטן. אין אַמעריקע זענען דאָ אַסאַך בלעטער מיט אַסאַך יִידישע גאַזעטן. פּיני זאָגט, אַז ער ווייסט אַליין, אַז אין אַמעריקע וועט ער מאַכן גוט. ער פֿילט, זאָגט ער, אַז ער איז באַשאַפֿן פֿאַר אַמעריקע און אַמעריקע איז באַשאַפֿן פֿאַר אים. ער וואָלט שוין געגרן, זאָגט ער,

מיר זאָלן שוין זיצן אַפן שיף און שווימען אַפן יאַם. דערווײַל זיצן מיר נאָך אַפ דער טריקעניש און זענען אין ווין.

ב.

וואָס טוען מיר אין ווין? גאָרנישט. מיר שפּאַצירן איבער די גאַסן. אײַ, גאַסן! אײַ, שטיבער! איר זאָלט זעען פענצטער! שפּיגלען, נישט קיין פענצטער! הײַנט זאַכן! צאַצקעס! מאַלבושים! קיילים! צירונג! קימאַט בא יעדן פענצטער שטעלן מיר זיך אוועק שאַצן, וויפל סע קאָן אָנטרעפן. מיר, מאַנצביל, שאַצן, און די ווײַבער ווינטשעווען זיך פאַר־מאַגן כאָטש האַלב פון דעם, וואָס סע טרעפט אָן די שטאָט ווין מיט די הײַזער און מיט די געוועלבן און מיט די סכוירעס. צעלאַכט זיך פּיני און זאָגט:

— איר מעגט זיך ווינטשן כאָטש א צענטכיילעק, איז אויך גענוג.

— וואָס אַרט דיך, אז האַלב? דו פאַרגינסט זיי נישט?

אזוי זאָגט צו אים מײַן ברודער עליע און דרייט זיך דאָס בערדל. אין דער צײַט פון אונדזער נעסיִע קיין אַמעריקע האָט דאָס בערדל בא מײַן ברודער עליע שטאַרק א וואַקס געטאָן. און מאָדנע א וואַקס געטאָן. עפּעס ווי א בעזעם. איך בין א באַלן געוועזן אים געבן א נעם־אַראָפּ אַפּ פּאַפּיר. איך האָב אַנומלטן פּיניען אויך אָפּגעמאָלט אַפּ א שטיקל פּאַפּיר. און מײַן שוועגערן בראָכע האָב איך אַראָפּגעכאַפּט מיט א שטיקל קרײַד אַפּן טיש. האָב איך געכאַפּט א מיִעסן פּסאַק. זי אַליין, בראָכע, הייסט עס, האָט דערזעען און האָט זיך דערקענט ווי אין א שפּיגל. האָט זי צוגערופן מײַן ברודער עליע. האָב איך פון אים געהאַט! ווען נישט די מאַמע, וואָלט ער מיר געמאַכט דעם טויט. ער שלאָגט מיך אַלעמאָל, ווען ער דערזעט מיך מאָלן. מאָלן האָב איך ליב פון קינדווײַז אָן. פריִער פלעג איך מאָלן מיט שוואַרצע קויל אַפּ די ווײַסע ווענט, האָט מען מיך געשלאָגן. נאָכדעם—מיט קרײַד אַפּ דער טיר, האָט מען מיך אויך געשלאָגן. איצט מאָל איך שוין מיט א בלײַשטיפטל אַפּ פּאַפּיר— וויל מען מיך ווײַטער שלאָגן.

— האָסט שוין ווידער גענומען זיך צו די „מענטשעלעך״?...

פאַר מאָלן שלאָגט מען מיך נישט אזוי, ווי פאַר קנעטן. איך האָב א טעווע קנעטן ווייך ברויט און מאַכן פון דעם כאַזיירימלעך. מײַן ברודער עליע, אז ער דערזעט, גיט ער מיר איבער די פינגער. אונדזער כאַווער פּיני וויל זיך אײַנשטעלן פאַר מיר. ער זאָגט:

— וואָס האָסטו צו אים? לאָז ער קנעטן, לאָז ער מאָלן! עפשער איז אים באַשערט זײַן אַמאָל אַ מאָלער?

מײַן ברודער עליע דערהערט און שיט מיט ווערטער:

— וואָס? אַ מאָלער? אַ מולגעטש? ער וועט שמירגעווען קלויסטערס? וואַלגאָזשען ווענט? פליאַסקען דעכער? אַרומגייען מיט פאַרפאַטשקעטע הענט, ווי אַ באַלעגאָלע מיט סמאָלע? לאָז ער מיר בעסער זײַן אַ זינ־גערל בײַ אַ כאַזן. אַז מיר וועלן קומען, אימירצעשעם, קיין אַמעריקע, באַשטעל איך אים בײַ אַ כאַזן. ער האָט אַ סאָפּראַנאָ־שטימע.

— פאַרוואָס נישט בײַ אַ באַלמעלאָכע? אין אַמעריקע זענען אַלע באַלמעלאָכעס. אין אַמעריקע אַרבעטן אַלע!

אַזוי טוט זיך אָפּ אַ מינוט אַ זאָג אונדזער כאַווער פּיני. כאַפּט זיך אַרויף אויף אים די מאַמע:

— אַזוי? אַ באַלמעלאָכע? מײַנע סאָנים וועלן נישט דערלעבן, אַז פּייסי דעם כאַזנס ייִנגל זאָל זײַן אַ באַלמעלאָכע!

איך זע, אַז די מאַמע וויל שוין אָנהייבן וויינען. פּיני וויל זיך פאַרענטפערן. ער זאָגט:

— אַ מאָדנע ייִדענע איר זענט! לעמיר אָט לערנען מיר אין דער געמאָרע, אַז דער טאַנע רעב יויכענען איז געווען אַ שוסטער. דער טאַנע רעב ייִצכאָק איז געווען אַ שמיד. אָדער וואָס דאַרפט איר אַסאַך? אָט איז מײַן פעטער אַ זייגערמאַכער און מײַן טאַטע אַ מעכאַניק!

פּיני מיינט, אַז ער האָט פאַריכט. צום סאָף האָט ער געמאַכט אַסאַך ערגער. די מאַמע הערט נישט אויף צו וויינען:

— אוואדע האָט מײַן מאַן באַדאַרפט זײַן אַ קאָשערער ייִד, אַ כאַזן, און גיין יונגערהייט פון דער וועלט, ביכדיי זײַן מיזיניקל זאָל זײַן כאָלילע אַ שנײַדער אָדער אַ שוסטער, און נאָך אין אַמע־ריקע דערצו?...

— שוין? דו וויינסט שוין ווידער? האָסט פאַרגעסן, אַז אין אַמע־ריקע דאַרף מען אויגן?...

אַזוי זאָגט מײַן ברודער עליע, און די מאַמע הערט באַלד אויף צו וויינען.

ג.

וואָס איך זאָל נישט זײַן אין אַמעריקע, אַבי איך זאָל שוין זײַן. עס ציט מיך אַהין — סאַקאָנעס. בײַ זיך האָב איך אָפּגעמאַכט, אַז אין אַמע־

ריקע לערן איך מיך אויס דריי זאכן: שווימען, שרייבן און רויכערן ציגארן. די אלע דריי זאכן קען איך איצט אויך, נאָר נישט אזוי גוט, ווי מע קאָן עס קענען אין אמעריקע. אפ שווימען ווייס איך, אז איך וואָלט געוואָנען א בעריע, האָב איך נישט געהאט ווו צו שווימען. בא אונדז אין טײַך איז אומעגלעך. בא אונדז אין טײַך, אז איר לייגט זיך אוועק מיטן בויך אפ דער בלאָטע, זענען די פיס אין דרויסן. אויך מיר א טײַך! אין אמעריקע, זאָגט מען, איז א יאם. דאָרט, אז איר לייגט זיך אפן וואסער מיט א פענכער, טראָגט דאָס אײַך אוועק צו אלדי רוכעס! שרײַבן קען איך אויך. כאָטש קיינער האָט מיך נישט געלערנט. איך שרייב געדרוקטע אויסיעס פון סידער. איך שרייב אזוי, אז ס'איז שווער צו דערקענען. איך מאָל, נישט איך שרייב. איך וואָלט אָבער א באלן געוואָנען שרײַבן גיך—קאָן איך נישט. אין אמע־ריקע, זאָגט מען, שרײַבט מען גיך. אלצדינג ווערט דאָרטן געטאָן, זאָגט מען, גיך און געשווינד, כאפנדיק. מע האָט דאָרט קיין צײַט נישט. אזוי האָב איך געהערט דערציילן אונטערוועגנס פון די עמיג־ראנטן. איך ווייס קימאט אלצדינג, וואָס אין אמעריקע טוט זיך, נאָך איידער איך בין דאָרטן געוועזן. דאָרט פאָרט מען, זאָגט מען, אונטער דער ערד און מע מאכט א לעבן. וויאזוי מע מאכט דאָס, ווייס איך נאָך נישט. נאָר איך וועל דאָס גיך וויסן. איך נעם איבער א זאך זייער גיך. אז איך זע א מענטשן איין מאָל, מאך איך אים נאָך מיט אלע פישטשעווקעס. איך האָב אנומלטן נאָכגעמאכט אונדזער כאַוער פיני, וויאזוי ער גייט מיט א טענצל, און ווי ער קוקט מיט די קורצזיכטיקע אויגן, און ווי ער רעדט גיך, זופט הייסע לאָקשן, האָט זיך מײַן שווע־גערן בראָכע געהאלטן בא די זײַטן, און די מאמע האָט אזש אָנגעהויבן וויינען פאר געלעכטער. מײַן ברודער עליע אָבער האָט דאָס פײַנט. ער לאָזט מיך נישט א קאָפּ אופהייבן. א מאָדנע זאך מיט מײַן ברודער עליע! ער האָט מיך ליב—און שלאָגט מיך, מאכט מיר דעם טויט. די מאמע דערלאָזט אים נישט, ער זאָל מיך שלאָגן. זי זאָגט צו אים:

— האָב פריער אייגענע קינדער, ועסטו זיי נאָכדעם שלאָגן...

לאָז אָבער פרווון א פרעמדער מיך אָנרירן מיט א פינגער, וועט ער יענעם די אויגן ארויסנעמען. אנומלטן האָט אן עמיגראנטס א יינגל מיר געשטעלט א גובערנאטער. איר ווייסט, וואָס הייסט „שטעלן א גובערנאטער"? אָט וועל איך אײַך אויסלערנען, וויאזוי: מע טוט א נעצ־אײַן דעם גראָבן פינגער אין מויל און מע דערלאנגט אײַך אין

זײַט צווישן די ריפּן און צווישן בויך, דערזעט איר זיך מיטן מאַלכאַמאָוועס. דאָס ייִנגל, וואָס האָט מיר געשטעלט א גובערנאַטער, איז א יונגאַטש פון א יאָר עלף מיט געשוואָלענע באַקן. האָט ער א פּאָר יאָדאיִם, — מעגן זיי אים אָפּדאַרן! ער האָט זיך געוואָלט מיט מיר באַקענען, איז ער צוגעגאַנגען צו מיר און האָט מיך א פרעג געטאָן, ווי אַזוי הייס איך? זאָג איך: מאָטל. זאָגט ער: מאָטל קאַפּאָטל, דראָבל דראָטל, יויסעף סאָטל, ערעץ קאַנאָטל. זאָג איך: וואָס הייסט דאָס? זאָגט ער: דאָס הייסט, אַז דו ביסט א יאָלד. כאָטש איך אַליין הייס אויך מאָטל. עפּשער ביסטו א באַלן אַף א גובערנאַטער? זאָג איך: פאַרוואָס נישט? זאָגט ער: קום אַהער אַביסל נעענטער, וועל איך דיר ווײַזן. בין איך צוגעגאַנגען. האָט ער מיר געוויזן. בין איך אַנידערגעפאַלן. האָט דערזען די מאַמע און געמאַכט א גוואַלד. איז געקומען צו לויפן מײַן ברודער עליע און האָט אים געגעבן!

פון דעמאָלט אָן זענען מיר געוואָרן מיט אים כאַווער. ער האָט מיך אויסגעלערנט, אַכוץ דעם „גובערנאַטער“, נאָך אַסאַך זאַכן. אַשטייגער, בויכרעדערײַ. איר קענט דאָס? אויסלערנען איז אײַך אומעגלעך. דערצו דאַרף מען זײַן געבאָרן. מע דאַרף האַלטן דאָס מויל צו, נישט רירן מיט קיין אייווער, און בילן ווי א הונט, אָדער כרוקען ווי א כאַזער, אַזוי אַז אַלע זאָלן זוכן אונטערן טיש. איך האָב גענוג איבערגעשראָקן אונדזערע לײַט. מײַן שווערגערן בראָכע, ווייסט איר דאָך, האָט א טעווע פון כאַלעשן. אַלע האָבן זיך א וואָרף געטאָן אונטערן טיש און אונטער די בעטן. איך האָב מיך אויך אָנגעבויגן זוכן דעם הונט און האָב נישט אופגעהערט צו בילן. עס איז געווען, זאָג איך אײַך, א ריינע קאָמעדיע! מײַן ברודער עליע האָט זיך אָבער סאָפּקאָלסאָפּ געכאַפּט, אַז דאָס וואַקסט פון מיר. האָט ער מיר אײַנגעטיילט! פון דעמאָלט אָן האָב איך אָוועקגעוואָרפן די קונצ פון בויכרעדערײַ.

ד.

מיר וואָלטן פון ווין שוין לאַנג אַוועקגעפאָרן, ווען נישט דער „אַליאַנץ“. ווער איז דאָס דער „אַליאַנץ“ — קאָן איך אײַך ריכטיק נישט זאָגן. איך הער נאָר, אַז מע רעדט פונעם „אַליאַנץ“. אַליאַנץ! אַליאַנץ! אַלע עמיגראַנטן זענען אַפן „אַליאַנץ“ בייז! זיי זאָגן, אַז דער „אַליאַנץ“ טוט גאָרנישט ניט. דער „אַליאַנץ“, זאָגן זיי, האָט קיין ראַכמאָנעס נישט אַף א מענטשן. דער „אַליאַנץ“ האָט פײַנט א ייִדן. אַלע טאָג

גייען צום „אַליאַנץ״ מײַן ברודער עליע און אונדזער כאַווער פּיני. און קומען צו גיין פונדאַרטן אַלעמאָל ווי פון א שוויץ־באָד.

— לאָז ער זיך אָנצינדן! — זאָגט עליע.

— לאָז ער ברענען, ווי א ליכט! — זאָגט פּיני.

— לאָזט בעסער מיך זיך אויסשמועסן מיטן „אַליאַנץ״! — זאָגט די מאַמע און זי נעמט מיך פאַר א האַנט.

מיר גייען אַלע צום „אַליאַנץ״: די מאַמע, און איך, און עליע, און פּיני, און בראָכע, און טײַבל. מיר שטעלן זיך פאַר דער „אַליאַנץ״ מיט א באָרד און מיט א גאַרטל און מיט א רויטער נאָז. פאַרוואָס עפּעס מיט א רויטער נאָז — ווייס איך אַליין נישט. לעמײַ דער „ונתנה תוקף?״[35] דעם „ונתנה תוקף״ האָב איך דען געזען אַמאָל? פונדעסט־וועגן מאָלט זיך מיר אויס, אַז איך קען אים: ער האָט בייזע גלאַנ־צנדיקע אויגן, טראָגט א ברייטן דזשעק און האַלט א קאַנטשיק אין דער האַנט.

אוי, זענען מיר זיך אָנגעגאַנגען! מײַן שוועגערן בראָכע האָט גע־ווינטשעוועט דעם „אַליאַנץ״, ס'זאָל אים אַזוי שטעכן אין דער רעכטער זײַט, ווי עס שטעכט איר אין דער לינקער, וואָלט ער זיך נישט פאַר־קליבן צו אַלדי שוואַרצע יאָר אין עק שטאָט! קוים מיט צאָרעס זענען מיר געקומען צום „אַליאַנץ״. ער זיצט אין א שטוב — „אַפּ אַלע יידן געזאָגט געוואָרן״. נאָר אָן א הויף. ווײַן האַלט נישט פון קיין הויפן. ווײַן האָט ליב מעשונע ברייטע פענצטער מיט אומגעלומפּערטע טירן. נאָר זיי האַלטן די טירן פאַרשלאָסן. „זיי האָבן מוירע, אַפּאָנעם, מע זאָל זיי נישט אַוועקגאַנווענען?״... אַזוי זאָגט מײַן שוועגערן בראָכע... שוין, זי האָט שוין געוואָרפן אַן אומכיין אַפּ ווײַן אויך! עס געפעלט איר נישט, וואָס אַז מע קומט צו צו א שטוב, דאַרף מען פריִער קלינגען. וואָס אַרט מיך, אַז מע קלינגט? אַבי מע זאָל עפענען. דער „אַליאַנץ״ אָבער עפנט נישט אַזוי גיך. איר מעגט קלינגען צעזעצטערהייט — ער האָט צײַט. איר מיינט, מיר זענען די איינציקע? אַכוץ אונדז שטייען דאָ נאָך עמיגראַנטן. זיי דאַרפן אויך צום „אַליאַנץ״. די עמיגראַנטן קוקן אַפּ אונדז, ווי מיר קלינגען. „קלינגט נאָך אַביסל, עפּשער וועט מען אײַך עפענען, עפּשער האָט איר מער גליק?״... אַזוי זאָגן זיי, די עמיגראַנטן, און לאַכן. אַפּאָנעם, ס'איז זיי גוט אַפּן האַרצן. אַלעמאָל קומען צו נײַע עמיגראַנטן. עס שטייען אַפּ דער גאַס שוין א היפּש ביסל עמיגראַנטן: יידן און ווײַבער און קליינע קינדער. איך האָב ליב,

אז ס'איז אסאך מענטשן. די קליינע קינדער זאָלן נישט איבערשלאָגן מיט זייער געוויין, און די מאַמעס זאָלן זיי נישט שעלטן און פאַר־שטופּן די מײַלער, וואָלט דאָ געווען גאַנץ פרייליך. דאַנקען גאָט, מע האָט געעפנט די טיר. אַלע האָבן זיך געגעבן אַ לאָז־אַרײַן אַף דער־שטיקט צו ווערן. אַ גליק, וואָס אַף דער טיר האָט זיך באַוויזן אַ נע־פעש אָן אַ היטל, מיט אַ רויט פּאָנעם און מיט אַ געגאָלטער מאָרדע, און האָט אונדז געגומענע שליידערן איינציקווײַז אין דרויסן אַרויס אַזוי ווי די האָלעשקעס. איינע, אַ ווײַבל מיט אַ קינד, האָט ער דערלאַנגט אַזאַ וואָרף אַרויס, אַז ווען נישט איך מיט מײַן ברודער עליע, וואָלט זי געקליבן די ציין. זי האָט זיך אַזוי אויך איבערגעקערט דרײַ מאָל. עס האָט לאַנג געדויערט, ביז מיר זענען אַרײַן אַלע איינציקווײַז אינ־ווייניק אין שטוב אַרײַן. און ערשט דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ כאַסע־נע — טאַטעניו! אַלע ווילן רעדן פריִער. אַלע קריכן גלײַך צו די טישן. בּאַ די טישן זיצן מענטשן מיט נאַקעטע קעפּ און מיט געגאָלטע בערד און לאַכן און רויכערן ציגאַרן. ווער פון זיי איז דער „אַליאַנץ"—ווייס איך נישט. מײַן מאַמע ווייסט אויך נישט. זי שטייט און טײַנעט צו זיי:

— זאָגט מיר, ווער פון אײַך איז דאָ דער „אַליאַנץ"? איך האָב געהאַט אַ שאָדן, דאָס גאַנצע בעטגעוואַנט האָט מען בּאַ מיר צוגענו־מען אַף דער גרענעץ און שיר נישט אומגעבראַכט מיך מיט מײַנע קינדער. אָט דאָס זענען זיי, יעסוימים געבליבן. מײַן מאַן איז געשטאָרבן יונגערהייט, געווען אַ כאַזן קאָל יאַמאָוו...

און ווײַטער לאָזט מען זי נישט רעדן אַ וואָרט. איינער ציט זי בּאַ דער שאַל און ווײַזט איר צו דער טיר. ער רעדט אַף אַ לאָשן, וואָס סע שווער צו פאַרשטיין. די מאַמע וויל נישט אָפּטרעטן ביז זי וועט נישט באַקומען איר רעכט. זי זאָגט:

— וואָס רעדט איר צו מיר אַף דײַטש? איר רעדט בעסער מיט מיר אַף אונדזער אייגן לאָשן, וועל איך אײַך אויסדערציילן מײַן ביטער האַרץ... איר זאָגט מיר נאָר, ווער פון אײַך איז דאָ דער „אַליאַנץ"?...

— שוויגער! פאָלגט מיך, קומט לאָמיר גיין. דער איבערשטער האָט אונדז אויסגעפירט ביז אַהער אָן דעם „אַליאַנץ", און אָן דער שטאָט ווין, וועט ער אונדז ווײַטער אויך מיסטאַמע אויספירן. גאָט איז אַ פאָטער.

אזוי זאָגט מײַן שוועגערן בראָכע צו דער מאמע. און די מאמע ענטפערט איר:

— ביסט גערעכט, מײַן קינד! קומט לאָמיר גיין! ווינ איז א שטאָט און גאָט איז א פאָטער...

XVIII

וואַנדער פֿון אַנטווערפּן

א.

איר האָט געהערט אַמאָל, אַ שטאָט זאָל הייסן אַנטווערפּן? פֿאַראַן אַזאַ שטאָט אויף דער וועלט, פֿאָרן מיר אַהינצוצו. ווי קומען מיר קיין אַנטווערפּן? ווײַל אונדזער מעכוטן, מײַן ברודער עליעס שווער, יוינע דער בעקער, פֿאָרט קיין אַמעריקע אויף אַנטווערפּן. דערהערט, אַז איר טאַטע איז אין אַנטווערפּן, האָט מײַן שוועגערן בראָכע גענומען שלאָגן האַלדז־און־נאַקן, מיר זאָלן אויך פֿאָרן אויף אַנטווערפּן. פֿריִער האָט זי פֿון דער שטאָט נישט געוואָלט הערן אַפֿילו. דער נאָמען איז איר נישט געפֿעלן. איצט האָט זי זיך פֿאַרליבט אין אַנטווערפּן! אונדזער כאַווער פּיני זאָגט, אַז ער וועט זיך מוזן אָפּטיילן פֿון אונדז. ער וויל בעסער פֿאָרן פֿון ווין גלײַך קיין לאָנדאָן. עס ציט אים, זאָגט ער, קיין לאָנדאָן. לאָנדאָן, זאָגט ער, שמעקט שוין מיט אַמעריקע: ענגלענדער... געלע האָר... קעסטלדיקע הויזן... ס'איז גאָר אַן אַנדער וועלט!

— פֿאַר־זשע דיר געזונטערהייט צו דײַנע ענגלענדער מיט די קעסטלדיקע האָר און מיט די געלע הויזן, און מיר וועלן זיך פֿאָרן קיין אַמעריקע אויף אַנטווערפּן.

אַזוי זאָגט מײַן שוועגערן בראָכע, און פּיניעס ווײַב טײַבל בלאָזט זיך אָן, ווי אַן אינדיטשקע. איך האָב דאָך אײַך געזאָגט, אַז זי האָט אַ טעווע, באַלד עפּעס—בלאָזט זי זיך אָן און רעדט נישט. פֿרעגט בא איר פּיני: וואָס ביסטו בערויגעז? זאָגט זי, אַז זי האָט פֿײַנט ענגלענדער. זאָגט צו איר פּיני: דו קענסט זיי דען? ווו האָסטו געזעען אַן ענגלענדער? זאָגט זי: נו, און דו, ווו האָסטו געזעען אַן ענגלענדער?

בעקיצער, עס בלײַבט, אַז מיר פֿאָרן אַלע קיין אַמעריקע אויף אַנטווערפּן. בא מיר מאַכט נישט אויס, מע זאָל פֿאָרן אַפֿילו איבער האָצעפּלאָצ— אַבי קיין אַמעריקע. איך און אונדזער כאַווער פּיני — מיר ביידע רײַסן זיך קיין

אמעריקע מער פון אלעמען. מיר פילן, אז אינדז וועט דאָרטן זײַן גוט, ווי די וועלט. פיני האָט טײַנעס צו מײַן ברודער עליע. ער זאָגט: מיר פאָרן און פאָרן—און שטייען אפּ איין אָרט. זאָגט אים עליע: נו, ווער האלט דיך צו? פאָר! לויף! פלי! זאָגט פיני: ווי קאָן איך פליִען, אז דײַן מאמע וויל זיך באקענען מיט אלע קאָמיטעטן פון דער גאנצער וועלט?... דערהערט די מאמע און זאָגט צו פיניען: אז דו ביסט יאָ אזא כאָכעם, טאָ גיב מיר אן אייצע, וויאזוי זאָלן מיר קומען קיין אמעריקע אָן בעטגעוואנט?... דאָ בלײַבט שוין פיני אָן לאָשן און מע ווערט ווידער כאַווער. אונדזער כאַווער פיני קאָן זיך מיט אונדז ניט צעשיידן. די ווײַבער קאָנען אויך נישט לעבן איינע אָן דער אנדערער. דאָס הייסט, מע קריגט זיך אפילע גאנצ אָפּט, מע זאָגט זיך שטעכווערטלעך. עס דערגייט אמאָל קימאט צו פּעטש אויך. מע בעט זיך אָבער באלד איבער. ווען נישט די מאמע, וואָלט מײַן שווענערן בראָכע מיט פיניעס ווײַב טײַבל קיין לאנגע גוטפרײַנטשאפט נישט אויסגעהאלטן. עס וואָלט בא זיי געווען אלע טאָג צוויי שלייערס א גראָשן. איבערהויפּט מײַן שווערערן. זי זאָגט אליין אפּ זיך, אז זי איז א שוועבעלע. איר, אז עס קומט אָן די שלעכטע מינוט, ווערט זי אײַך מאכן מיט דער בלאָטע. אין א ווײַלע ארום ווערט זי ווייך, כאָטש לייג זי צו צו א מאקע. מיט מיר „וואָיעוועט" זי פון דער ערשטער מינוט נאָך דער כאסענע. זי ווייסט, אז איך האָב זי נישט ליב. ערגער פון אלצדינג איז בא איר, לעמײַ איך לאך פון איר. עס ווײַזט זיך איר ראַק, אז איך לאך זי אויס. אז איך קוק אפּ איר, הייסט בא איר, אז איך לאך. איך האָב אײַך שוין דערציילט, אז איך האָב ליב מאָלן. און אז מײַן ברודער עליע שלאָגט מיך דערפאר. האָב איך אנומלטן אויסגע־מאָלט א פּוס. א מוירעדיק גרויסן פּוס. מיט קרײַד אפּ דער ערד האָב איך אים אויסגעמאָלט. האָט איר באַדארפט זעען, וואָס סע האָט זיך געטאָן! זי, בראָכע, הייסט עס, האָט זיך אָנגעטשעפּעט, אז דאָס האָב איך אויסגעמאָלט איר פּוס. פארוואָס עפּעס איר פּוס? ווײַל קיינער האָט נישט אזעלכע גרויסע פּיס ווי בראָכע. קאלאָשן טראָגט זי נומער דרײַצן. איר זאָלט זעען א פּאָר קאלאָשן!... האָט זי מיר צוגעשטעלט א בענקעלע צו מײַן ברודער עליע. האָט זיך מײַן ברודער עליע אפּ מיר צעשריִען, ווי געוויינטלעך:

— מענטשעלעך? האָסט זיך שוין ווידער גענומען צו דײַנע אלטע שטיק, מאָלן מענטשעלעך?...

שוין! פון א פוס איז שוין בא אים געוואָרן א מענטש! און פון א מענטש—„מענטשעלעך!"... מע קאָן פון זיי מעשוגע ווערן!... איך מוז מיך מוידע זײַן, אז וואָס ווײַטער ווערט בא מיר דאָס כאַלאָס פון מאָלן מענטשעלעך גרעסער און שטאַרקער. איך האָב דערטאַפּט א פּאַר־ביק בלײַשטיפטל. מיר האָט דאָס אוועקגעשענקט אַן עמיגראַנטס א יינגל, אָט דער אייגענער, וואָס האָט מיר באַוויזן, וויאַזוי מע שטעלט א „גובערנאַטער", און אויסגעלערנט מיך די קונצ פון בויכרעדערײַ. איך האָב אײַך שוין דערציילט פון אים. ער הייסט אויך מאָטל. רופן מיר אים מאָטל דער גרויסער, און מיך רופט מען מאָטל דער קליי־נער. מיר זענען געוואָרן כאַווער גאָר אַפּ אַן אַנדער אויפן! דערפאַר וואָס ער האָט מיר אוועקגעשענקט דאָס פּאַרביקע בלײַשטיפטל, האָב איך, פּאָרנדיק אין וואַגאָן, אים אָפּגעמאָלט אַפּ פּאַפּיר, אינגאַנצן זײַן געשטאַלט מיט די געשוואָלענע באַקן. איך האָב אים באַשוואָרן, ער זאָל דאָס קיינעם נישט ווײַזן, וואָרעם טאָמער דערוויסט זיך מײַן ברו־דער עליע, וועל איך האָבן א וויסטן סאָף. ווי מיינט איר? אוואדע האָט ער דאָס גלײַך אָפּגעטראָגן צו מײַן ברודער עליע און האָט אים געגעבן א טו־א־ווײַז דאָס געמאָלעכץ גלײַך אין פּאָנעם אַרײַן.

— דאָס דאַרף זײַן מאָטלס אַרבעט! ווו איז ער ערגעץ, דער מול־געטש מיט די „מענטשעלעך"?

אַזוי זאָגט מײַן ברודער עליע און זוכט מיך און קאָן מיך נישט געפינען. איך זיץ הינטער דער מאַמעס פּלייצעס און ווער שיר נישט דערשטיקט פאַר געלעכטער. קיין בעסערער אָרט אַפּ צו באַהאַלטן זיך, ווי בא דער מאַמען, איז נישטאָ אין דער גאַנצער וועלט!

ב.

דאַנקען גאָט, מיר זענען שוין אין אַנטווערפּן. מיר האָבן זיך גוט אָנגע־העצקעט, געגנוג אויסגעריסן געוואָרן, אָבער מיר זענען געקומען! וואָס זאָל איך אײַך זאָגן—איז דאָס א שטאָט! דאָס הייסט, צו ווין קומט דאָס נישט. מע דאַרף זאָגן „לעהאַוודל"! וואָרעם ווין איז פיל גרעסער און עפּשער שענער אויך. און מענטשן אויך מערער. דערפאַר איז אָבער דאָ אין אַנטווערפּן ריין, אַזוי ווי גאָלד. וואָס איז דאָס כידעש? אַז די גאַסן וואַשט מען, די טראָטואַרן פּוצט מען, און די הײַזער צוואָגט מען. איך האָב אַליין געזען, ווי מע צוואָגט זיי און מע זייפט זיי מיט זייף. דאָס הייסט, נישט אומעטום. לעמאָשל, דאָרט, אַפּ די אַכסאַניעס, ווו

מיר שטייען מיט אלע עמיגראַנטן, איז אַזוי ווי עס דאַרף צו זײַן, דאָס הייסט: בלאָטיק, און רויכיק, און נאַס, און גליטשיק, און ענג, און אַ יאַריד, מיט אַ טומל, מיט אַ האַרמידער. פֿריילעכ. אויסגעצייכנט. אַזוי ווי איך האָב ליב. אונדזער מעכוטן, יוינע דער בעקער, איז נאָך נישטאָ. אונדזער שכיינע פּעסי מיט דער כאַליאַסטרע — אויך נישט. זיי פֿאָרן נאָך. שלעפּן זיך ערגעץ איבער דײַטשלאַנד. „דײַטשלאַנד איז סדוים!" אַזוי זאָגן די עמיגראַנטן און דערציילן זיך אָן מוירעדיקע מעַיסעס! אונדזער אומגליק מיטן בעטגעוואַנט, וואָס מע האָט בײַ אונדז אַוועקגעלאַקכנט אויף דער גרענעץ, איז אַ הונט אַקעגן די אומגליקן, וואָס מע הערט זיך אָן פֿון די עמיגראַנטן. מיר האָבן זיך באַקענט דאָ אויף דער סטאַנציע מיט אַ ייִדענע פֿון מעזשביזש, דאַפֿקע נישט קיין אַלמאָנע. זי האָט דאַפֿקע אַ מאַן און דאַפֿקע אין אַמעריקע שוין. זי פֿאָרט אָט דאָס צו איר מאַן. שוין באַלד אַ יאָר, אַז זי שלעפּט זיך מיט צוויי קינדער. זי איז אויסגעוועבן ווי די וועלט האָט אַן עק. נישטאָ אַיין שטאָט, זי זאָל דאָרט נישט זײַן. זי האָט זיך איבערגעקריגט מיט אַלע קאָמיטעטן. קוים מיט צאָרעס האָט זי זיך פֿאַרשלעפּט אַהער, קיין אַנטווערפּן, און וויל זיך זעצן אויפֿן שיף. לאָזט מען זי נישט. איר מיינט, זי האָט קאַליעדיקע אויגן? כאָלילע! געזונט און שטאַרק. נאָר זי איז אַביסל געריבט פֿונעם זינען. דאָס הייסט, אַזוי, אַז איר וועט מיט איר רעדן, רעדט זי אַלצדינג ווי אַ מענטש. נאָר אַמאָל טוט זי אײַך אַ זאָג אַ וואָרט קאָן מען בלײַבן אָן אַ בויך לאַכנדיק. לעמאָשל, איר פֿרעגט בײַ איר: ווו איז אײַער מאַן? זאָגט זי: אין אַמעריקע. וואָס טוט ער דאָרטן? זאָגט זי: ער איז דאָרט קייסער... זאָגט איר דאָך איר: ווי קאָן אַ ייִד זײַן אַ קייסער? ענטפֿערט זי אײַך, אַז אין אַמעריקע מעג מען... נו, האָט איר עפּעס צו איר?... נאָך אַ זאַך האָט זי זיך אַרײַנגענומען אין קאָפּ אַרײַן: זי עסט נישט! אונדז הייסט זי אויך נישט עסן. זי זאָגט אונדז אָן, מיר זאָלן זיך נישט צורירן צו קיין מילכיקס, מאַכמעס דאָס מילכיקס איז דאָ פֿליישיק. פֿרעגט בײַ איר די מאַמע: נו, און דאָס פֿלייש? זאָגט זי: דאָס פֿלייש איז דאָ נישט פֿליישיק, נישט מילכיק, נאָר פֿאַרעווע... שיסן מיר אַרויס אַ געלעכטער אַלע. אַלע, אויסער די מאַמע. די מאַמע וויל נישט לאַכן. די מאַמע וויל בעסער וויינען. זי זאָגט: „אַז אָך און וויי איז צום געלעכטער" — און זי צעוויינט זיך טאַקע.

— שוין? האָסט שוין לאַנג נישט געוויינט? דו ווילסט, אַז פֿון

אנטווערפּן שוין זאָל מען אונדז אָפּשיקן צוריק אהיים איבער דײַנע אויגן ?...

אַזוי זאָגט צו איר מײַן ברודער עליע — און בײַ דער מאַמע ווערן אין איין מינוט די אויגן טרוקן. מער ווי אַף דער ייִדענע אַליין האָט די מאַמע ראַכמאָנעס אַף אירע צוויי קינדער נעבעך. איך ווייס נישט, וואָס די מאַמע באַוויינט אַזוי די קינדער? די קינדער זענען, דאַכט זיך, גאַנץ פֿריילעך! אַז זייער מאַמע הייבט אָן רעדן נאַרישקײַטן, צעלאַכן זיי זיך. איך האָב מיך מיט זיי גיך באַקענט. זיי האָבן מיר דערציילט, אַז מע שיקט זיי צוריק אהיים, נאָר זייער מוטער וויל נישט פֿאָרן. זי וויל קיין אַמעריקע צו זייער פֿאָטער, צום קייסער (כי־כי־כי!). נאָרט מען זי אָפּ און מע זאָגט איר, אַז מע שיקט זי מיט דער באַן קיין אַמע־ריקע (כי־כי־כי!). מע האָט איר אײַנגערעדט, אַז עס גייט אַ באַן פֿונדאַ־נען גלײַך קיין אַמעריקע (כי־כי־כי!).

ג.

די כּידושים, וואָס מע זעט זיך אָן אין דעם אַנטווערפּן, איז שוין גאָר נישט צום באַשרײַבן! אַלע טאָג קומען צו נײַע פֿאַרשוינען. צומיינסטנס מיט קאַליעדיקע אויגן. „טראַכאָמעס" רופֿט מען דאָס. אַמעריקע לאָזט נישט אַרײַן קיין „טראַכאָמעס". איר מעגט אײַך האָבן טויזנט שלאָפֿ־קײַטן, איר קאָנט אײַך זײַן קרום און שטום און וואָס איר ווילט, אַבי נישט קיין „טראַכאָמעס" אַף די אויגן. פֿונוואַנען נעמען זיך „טראַכאָ־מעס?" פֿון דעם, וואָס מע נעמט זיך אָן. אַמאָל מאַכט זיך, אַז מע ווייסט אַליין נישט, פֿונוואַנען עס האָט זיך גענומען. אַזוי האָב איך געהערט טאַקע דאָ אין אַנטווערפּן. פֿון אַ מיידל האָב איך עס געהערט. גאָלדעלע הייסט דאָס מיידל. זי איז אין מײַנע יאָרן, עפּשער עלטער פֿון מיר מיט אַ יאָר. מיט דער גאָלדעלע איז אַ שיינע געשיכטע. זאָל איך אײַך דערציילן?

באַקענט האָב איך מיך מיט איר אין דער „עזראָ". נאָר איר ווייסט דאָך נישט וואָס איז „עזראָ". דאַרף מען אײַך קלאָר מאַכן. די „עזראָ" אין אַנט־ווערפּן איז דאָס אייגענע, וואָס דער „אַליאַנץ" אין ווין. געמאַכט געוואָרן פֿון אונדזערטוועגן, פֿאַר די עמיגראַנטן. דער כילעק איז, וואָס דער „אַליאַנץ" איז אַ זאַכער און די „עזראָ" אַ נעקייווע. איר הערט דאָך, אַז מע זאָגט „ד ע ר אַליאַנץ", „ד י עזראָ". דאַרפֿט איר שוין אַליין פֿאַרשטיין דעם אונטערשייד... האַקלאַל, וויבאַלד מיר זענען אָנגעקומען

קיין אנטווערפּן, זענען מינר געגאַנגען גלײַך אין דער „עזראַ". די „עזראַ" איז נישט דאָס, וואָס דער „אַליאַנץ". דער „אַליאַנץ" וואַרפט מענטשן אַזוי ווי האַלעשקעס, און די „עזראַ" טרײַבט אײַך נישט. איר קאָנט קומען צו איר ווען איר ווילט און קאָנט זיך אויסרעדן פאַר איר דאָס האַרץ וויפל איר ווילט. אַלצדינג, וואָס איר רעדט, ווערט אַרײַנגעטראָגן אין א בוך. סע זיצט א מיידל, וואָס מע רופט זי פריילן זײַטשיק, און פאַרשרײַבט. זייער א וווילע מיידל. זי האָט מיך געפרעגט, וויִאַזוי איך הייס, שוין האָט מיר געשענקט א צוקערקע. נאָר פון דעם פריילן זײַטשיק וועל איך אײַך דערציילן אַן אַנדערש מאָל. איצט דאַרף איך אײַך זאָגן ווער איז גאָלדעלע. זי איז פון קוטנע. געקומען איז זי אהער פאַראָיאָרן מיט איר טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער. סוקעס־צײַט איז דאָס געווען. האָבן זיי געהאַט, זאָגט זי, א יאַנטעוו — אַפּ אַלע יִידן געזאָגט געוואָרן. דאָס הייסט, קיין גליקן האָבן זיי נישט געזוכט, און קיין האָניק האָבן זיי נישט געלעקט. געוואַלגערט זיך גלײַך מיט אַלע עמיגראַנטן. נאָר דערפאַר האָבן זיי געהאַט שיפסקאַרטן ביז אַמעריקע אַפּ דער גאַנצער מישפּאָכע און אויסגעקליידט איז מען געווען ביגדיי מאַלכעס [36]. אַלע האָבן געהאַט צו צוויי העמדער און גאַנצע שיך. הײַנט איז זי געבליבן אינגאַנצן מיט איין העמד און אָן שיך. ווען נישט דאָס פריילן זײַטשיק, זאָגט זי, וואָלט זי גאָר געגאַנגען באָרוועס. דאָס פריילן זײַטשיק האָט איר אוועקגעשענקט, זאָגט זי, א פּאָר שיך פון אירע אייגענע פיס. נאָך גאַנץ גוטע שיך. אַזוי האָט מיר דערציילט גאָלדעלע און האָט מיר באַוויזן די שיך, וואָס פריילן זײַטשיק האָט איר אוועקגעשענקט. גאַנץ שיינע שיך, נאָר אַביסל צו גרויס אַפּ איר... בעקיצער, ס'איז אוועקגעגאַנגען די ערשטע טעג סוקעס און סימכעסטוירע, ס'איז געקומען די צײַט, וואָס מע דאַרף זיך זעצן אַפּן שיף. זאָגט מען צו זיי, אַז זיי זאָלן זיך דורכגיין צום דאָקטער. זענען זיי געגאַנגען צום דאָקטער. האָט זיי דער דאָקטער באַטראַכט און געפונען, אַז זיי זענען אַלע געזונט און שטאַרק און קאָנען פאָרן קיין אַמעריקע, נאָר זי, גאָלדעלע, הייסט עס, קאָן נישט פאָרן, ווײַל זי האָט „טראַכאָמעס" אַפּ די אויגן. פריִער האָבן זיי גאָרנישט פאַרשטאַנען מיט וואָס מע עסט דאָס. ערשט שפּעטער האָבן זיי דאָס רעכט צעקײַט. דאָס האָט געהייסן, אַז אַלע פאָרן אוועק קיין אַמעריקע, נאָר זי, גאָלדעלע, בלײַבט איבער דאָ, אין אַנטווערפּן. איז געוואָרן א געוויין, א יאָמער, א קלאָג. די מאַמע האָט געכאַלעשט דרײַ מאָל. דער טאַטע האָט געוואָלט בלײַבן דאָ, האָט

מען נישט געקאָנט. די גאַנצע שיפּסקאַרטע וואָלט געגאַנגען פאַרלאָרן. איז געבליבן, אַז זיי פאָרן אַוועק קיין אַמעריקע, און זי, גאָלדעלע, בלייבט איבער דאָ ביז עס וועלן זיך אויסשטיין די „טראַכאָמעס" פון אירע אויגן... און אָט אַזוי, שוין באַלד אַ יאָר, אַז זי היילט זיך און האָט זיך נאָך נישט אויסגעהיילט. דאָס פּריילן זײַטשיק זאָגט, אַז דערפאַר היילן זיך נישט אויס אירע אויגן, ווײַל זי וויינט קעסיידער. נאָר זי, גאָלדע־לע, זאָגט, אַז איבער אַן אַנדער זאַך היילן זיך איר נישט אויס די אויגן. איבערן בלוישטיין! אַלעמאָל, ווען זי קומט צום דאָקטער, שמירט ער איר די אויגן, זאָגט זי, מיטן זעלבן בלוישטיין, וואָס ער שמירט אַלע איבעריקע קראַנקע. ווען זי, גאָלדעלע, פאַרמאָגט צו קויפן אַן אייגענעם בלוישטיין, וואָלט זי זיך שוין לאַנג, זאָגט זי, אויסגעהיילט.

— נו, און דײַנע טאַטע־מאַמע? — פרעג איך זי.

— זענען אין אַמעריקע. זיי מאַכן דאָרט אַ לעבן. איך האָב פון זיי בריוו. אַלע כוידעש קימאַט האָב איך פון זיי אַ בריוול. נאַ זע, קאָנסט לייענען? לייען מיר!

און זי נעמט אַרויס פון בוזעם אַ גאַנצן פּאַק מיט בריוולעך און גיט מיר, איך זאָל זיי איר לייענען הויך אַף אַ קאָל. איך וואָלט דאָס איר געוויס געטאָן. קאָן איך אָבער נישט לייענען קיין געשריבנס. ס'זאָל זײַן געדרוקט, וואָלט איך עס געלייענט. לאַכט זי פון מיר און זאָגט, אַז אַ ייִנגל איז נישט קיין מיידל. אַ ייִנגל דאַרף קאָנען אַלץ אַף דער וועלט! איך האָב מוירע, אַז זי איז גערעכט. אײַ, וואָלט איך אַ באַלן זײַן קאָנען לייענען געשריבנס! אײַ, בין איך מעקאַנע מײַן כאַווער מאָטל דעם גרויסן, וואָס ער קאָן לייענען און שרײַבן (איך האָב אײַך דערציילט פון אים)! האָט אים גאָלדעלע געגעבן איבערליי־ענען די בריוולעך, וואָס מע שרײַבט איר פון אַמעריקע. האָט זיי מאָטל דער גרויסער געלייענט ווי אַ וואַסער. די בריוולעך זענען קימאַט אַלע געשריבן מיט איין לאָשן און מיט דיזעלביקע ווערטער:

„טײַערע גאָלדעלע, האַרציקע גאָלדעלע, לעבן זאָלסטו! אַז מיר דערמאָנען זיך דאָ, אין דעם אַמעריקע, אַז אונדזער קינד האָט מען אַרויסגעריסן פון אונדזערע הענט און דו וואַלגערסט זיך דאָרטן אין דער פרעמד צווישן אומבאַקאַנטע מענטשן, גייט אונדז נישט אײַן דאָ דער ביסן. טאָג ווי נאַכט טוען מיר דאָ קלאָגן און וויינען אַף אונדזער ליכטיקן שטערן, וואָס איז צוגע־נומען געוואָרן פון אונדזערע אויגן..." און אַזוי ווײַטער.

מאָטל דער גרויסער לייענט און לייענט, און גאָלדעלע וויינט, ווישט זיך די אויגן. דערזעט דאָס פריילן זײַטשיק, הייבט זי אָן זיך בייזערן אף אונדז, וואָס מיר מאכן זי וויינענדיק. און צו גאָלדעלען זאָגט זי, אז זי האָט קיין ראכמאָנעס נישט אף זיך אליין. זי מאכט זיך א טעל פון דעם איבעריקן ביסל אויגן! ענטפערט איר דערוף גאָלדעלע מיט א געלעכטער, און טרערן גיסן זיך פון די אויגן:

— א טעל פון די אויגן מאכט מיר דער דאָקטער מיט זײַנע בלוישטיינ, ערגער ווי איך מיט מײַנע געוויינ...

מיר געזעגענען זיך מיט גאָלדעלען, און איך זאָג איר צו, אז מאָרגן אין דער צײַט וועלן מיר זיך דאָ ווידעראמאָל זעען.

— אימירצעשעם! — ענטפערט גאָלדעלע מיט א פרום פּאָנעם, ווי אן אלטע. און מיר ביידע, מאָטל דער קליינער און מאָטל דער גרויסער, לאָזן זיך גיין שפּאצירן איבער אנטווערפּן.

ד.

מיר, דאָס הייסט איך, מאָטל דער קליינער, און מײַן כאווער מאָטל דער גרויסער, זענען נישט אליין. מיר האָבן דאָ נאָך א כאווער. ער איז א יינגל פון א יאָר דרײַצן און הייסט מענדל. ער איז אויך פארבליבן אין אנטווערפּן, פאָרנדיק קיין אמעריקע. נישט איבער די אויגן, נאָר איבער אן אנדער זאך. אים האָט מען פארלוירן אפן וועג, ערגעץ אין דײַטשלאנד. א גאנצע וועג, דערציילט ער, האָבן זיי זיך דערהאלטן די נעשאָמע נאָר מיט הערינג. האָט אים געברענט אפן הארצן... האָט ער זיך אראָפּגעכאפּט אף א סטאנציע כאפּן א טרונק וואסער, און איז געבליבן שטעקן אָן א בילעט און אָן א קאָפּיקע געלט און אָן א העמד אפן לײַב. און מאכמעס ער האָט נישט געקענט זייער שפּראך, האָט ער זיך פארשטעלט פאר א שטומען. האָט מען אים אויסגעפירט ווו די וועלט האָט אן עק, ביז ער האָט דערזען א פארטיע עמיגראנטן, ייִדן. איז ער צוגעגאנגען צו זיי און האָט זיי דערציילט די גאנצע מײַסע. האָבן זיי אף אים ראכמאָנעס געהאט און האָבן אים גענומען מיט זיך און געבראכט צו פירן אהער, קיין אנטווערפּן. דאָ האָט ער זיך דערשלאָגן צו דער „עזראָ". האָט די „עזראָ" אוועקגעשריבן א בריוו קיין אמעריקע, טאָמער וועט מען אופזוכן זײַנע עלטערן. ווארט ער דאָס אף אן ענטפער און אף א שיפסקארטע. דאָס הייסט, אף א האלבע שיפסקארטע, מאכמעס ער איז נאָך א קליינער. דאָס הייסט, ער איז נישט אזוי קליין, ווי ער

האַלט זיך קלײן. ס'איז אַ סװאָרע, אַז ער איז שױן באַרמיצװע, כאָטש קײן טפֿילין לײגט ער נישט. ער האָט נישט. זענען געװאָר געװאָרן עמיגראַנטן, אַז מענדל איז אַ באַרמיצװע־בּאָכער און האָט נישט קײן טפֿילין, איז געװאָרן אַ גװאַלד: פֿאַרװאָס זעט מען אים נישט קײן טפֿילין? זאָגט מענדל: „פֿאַרװאָס זעט מען מיר נישט קײן שטיװל?"... רופֿט זיך אָן צו אים אײנער אַן עמי־גראַנט מיט שאַרפֿע אױגן: „אַ דו, שײגעץ! נישט גענוג, מע זאָרגט זיך פֿאַר דיר, ביסטו נאָך אַן אױסגעפּאַנעם?"... דער עמיגראַנט מיט די שאַרפֿע אױגן האָט אַזױ לאַנג געאַרבעט, ביז די איבעריקע עמיגראַנטן האָבן זיך צונױפֿגעלײגט און האָבן אים געקױפֿט אַ פּאָר טפֿילין. אַלצדינג איז צו קרינג אין דעם אַנטװערפּן. עפּשער מײנט איר, ס'איז נישטאָ קײן באַטעמעדראָשים מיט קײן שולן? אָהאָ, נאָך װאָסערע שולן! אײן שול איז דאָ אַ טערקישע. איר מײנט, דאָרטן דאַװנען טערקן? נײן! דאָרטן דאַװנען ייִדן, די אײגענע ייִדן, װאָס מיר, נאָר אַף טערקיש. דאָס הײסט, פֿאַרקערט. מע פֿאַרשטײט נישט אײן װאָרט! גע־פֿירט האָט אונדז אַהינצו אונדזער נײַער כאַװער מענדל. מיר אַלע דרײַ, איך און מאָטל דער גרױסער און מענדל, זענען געװאָרן כאַװער. גאַנצע טעג גײען מיר אַרום איבער דער שטאָט. דאָרט, אין בראָד, אין קראָ־קע מיט לעמבערג, אָדער אין װין, פֿלעגט מיך די מאַמע מוירע האָבן אָפּלאָזן פֿון זיך אַף אַ טריט. דאָ, אין אַנטװערפּן, האָט זי קײן מוירע נישט. דאָרט, זאָגט זי, זענען סאַמע דײַטשן, און דאָ, אין אַנטװערפּן, זענען מיר, זאָגט זי, צװישן מענטשן, צװישן אײגענע. מע הערט רעדן אַ ייִדיש װאָרט. דאָס מײנט זי די עמיגראַנטן. לעבן זאָלן די עמיגראַנטן! צװישן עמיגראַנטן פֿילן מיר זיך טאַקע הײמיש. אױבּיפֿראַט צװישן אײגענע! אָט באַלד װעלן מיר האָבן געסט. אימירצעשעם נאָך שאַבעס קומט אונדזער מעכוטן, יוינע דער בעקער, מיט זײַן הױזגעזינד. מיר װאַרטן, הײַנט־מאָרגן זאָל קומען אונדזער שכײנע פּעסי מיט איר כאַליאַסטרע. אָט דאָ װעט ערשט װערן אַ סימכע. איך װעל אײַך, אימיר־צעשעם, באַשרײַבן אַלצדינג.

XIX

די כאַליאַסטרע

א.

איר זענט דאָך שוין באַקאַנט מיט דער כאַליאַסטרע. דאָס איז אונדזער שכיינע פּעסי מיט איר מאַן דעם אײַנבינדער (ער הייסט מוישע), מיט זייערע אַכט קינדערלעך, וואָס יעדער האָט באַ זיי, ווי איך האָב אײַך שוין אַמאָל דערציילט, אַן אַנדער צונעמעניש. דער קלענערער פון אַלע איז אין מײַנע יאָרן (נײַן, דאָס צענטע). מע רופט אים „וואַשטי". דאָס הייסט, דער עמעסער נאָמען זײַנער איז הערשל, נאָר מאַכמעס ער האָט אַ גאָלי אויפן שטערן, האָבן אים די עלטערע אַ נאָמען געגעבן „וואַשטי". איך האַלט פון „וואַשטין". איך האָב אים ליב דערפאַר, וואָס ער וויינט נישט. וויפל איר זאָלט אים נישט שלאָגן, נעמט ער צו ווי אַ שוואָם. עס נעמט אים נישט קיין קויל. איינמאָל האָט ער צעריסן פרעמדן סידער. האָט אים זײַן טאַטע, מוישע דער אײַנבינדער, געשלאָגן מיטן ברעטל, וואָס מע שנײַדט אויף דעם פּאַפּיר. „וואַשטי" האָט נאָך דעם גוט געקרענקט צוויי טעג קעסיידער. איר קאָנט פאַרשטיין, אַז ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון בולקע. מע האָט שוין נישט געהאַלטן פון זײַן לעבן. די מאַמע זײַנע, אונדזער שכיינע פּעסי, האָט אים שוין באַוויינט, און דער פאָטער איז אַרומגעגאַנגען אָן אַ קאָפּ. אַלע האָבן געמיינט, אַז ס'איז אַן עק, אויס „וואַשטי"! צום סאָף — גאָרנישט. אויפן דריטן טאָג האָט „וואַשטי" געבעטן ברויט און געגעסן ווי נאָך אַ טאָנעס. עסן האָבן זיי ליב אַלע, זיי האַלטן פון דער אַכילע. „די הונגעריקע טשערעדע", אַזוי רופט זיי די מוטער אַליין, פּעסי, הייסט עס. פּעסי איז אַ ייִדענע זייער אַ ווילע, נאָר אַביסל צו דיק. זי האָט דרײַ גיידערס. איך האָב זי שוין עטלעכע מאָל אָראָפּגעכאַפּט אויף פּאַפּיר. האָט איינמאָל דערזעען „וואַשטי", האָט ער אַרויסגעכאַפּט באַ מיר דאָס געמאָלעכץ און האָט דאָס באַוויזן אויף אַ ציקאַוועסט דער מאַמע זײַנער.

האָט זי געלאַכט. איז געוואָר געוואָרן מײַן ברודער עליע, האָט ער מיר געוואָלט אײַנטײלן פאַר די „מענטשעלעך", ווי זײַן שטייגער איז. א גליק, וואָס פּעסי אליין האָט זיך אײַנגעשטעלט פאַר מיר. „א קינד, זאָגט זי, מאַכט זיך נאַריש, נישט קעדײַ זיך אָפּעסן דאָס הארץ". לאַנג לעבן זאָל זי, פּעסי. איך האָב זי ליב. איך האָב נאָר פײַנט, אז זי קושט זיך. אז זי איז געקומען קיין אַנטווערפּן, האָט זי מיך ארומגעכאַפּט קושן, ווי אַ קליין קינד. מיט אַלעמען האָט זי זיך געקושט. מער פון אַלע, געוויינטלעך, מיט דער מאַמע. די מאַמע, אז זי האָט זי דערזען, איז גלײַך ווי דעם טאַטן פון יענער וועלט: זי האָט זיך אזוי צעוויינט, אז מײַן ברודער עליע איז אָנגעפאַלן אָפּ פּעסין, אז איבער איר מאַכט די מאַמע א טעל פון די אויגן און קאָן נישט גיין צום דאָקטער... גיין צום דאָקטער — דאָס מוז יעדער, ווער עס קומט אהער קיין אַנטווערפּן. דאָס ערשטע, וואָס איינער פרעגט באַם אַנדערן, איז: „זענט איר שוין געווען באַם דאָקטער?"... „וואָס האָט אײַך געזאָגט דער דאָקטער?"... אפילו די „עזראָ", אז מע קומט צו איר צו גיין, שיקט זי באַלד אָפּ צום דאָקטער. אז מיר זענען געקומען אהין דאָס ערשטע מאָל, האָט די מאַמע נאָר־וואָס געוואָלט אָנהייבן דערציילן די מײַסע: וויאַזוי איר מאַן איז געווען קאָל יאָמאָוו א כאַזן אין דער קאַצאָווישער שול... וויאַזוי ער האָט זיך פאַרקילט און קראַנק געוואָרן... וויאַזוי זי האָט אַלצדינג פאַרקויפט, אַבי ראַטעווען דעם טאַטן... וויאַזוי דער טאַטע איז געשטאָרבן און זי איז געבליבן אַן אַלמאָנע מיט צוויי קינדער יע־סוימים... איינעם האָט זי באַרוכאַשעם כאַסענע געמאַכט, אַרײַנגעגעבן אין א שמאַלץ־גרוב... די שמאַלץ איז אויסגערונען, די גרוב איז געבליבן... נאָכדעם, וויאַזוי מיר האָבן פאַרקויפט דאָס לעצטע שטיקל כײַעס, און־דזער האַלבע שטוב און געלאָזט זיך קיין אַמעריקע... נאָכדעם, וויאַזוי מיר האָבן געגאַנוועט די גרענעץ הינטער בראָד, שיר נישט געהאַרגעט געוואָרן אין א פינצטערער נאַכט, און האָבן פאַרלאָרן דאָס גאַנצע ביסל גוטס, דאָס בעטגעוואַנט, — וואָס וועלן מיר טון איצט אָן בעטגעוואַנט אין אַזאַ ווײַט לאַנד?...

אזוי טײַנעט די מאַמע פאַר דער „עזראָ", און די „עזראָ" הערט, און דאָס מיידל, וואָס זיצט באַם טיש (פריילן זײַטשיק הייסט דאָס מיידל), פאַרשרײַבט איטלעכס וואָרט, וואָס די מאַמע זאָגט, אין א בוך אַרײַן. די מאַמע האָט נאָך צו דערציילן און צו דערציילן, רופט זיך אָן צו איר איינער פון דער „עזראָ":

— אלזאָ, פאָרט איר קיין אמעריקע?

זאָגן מיר:

— פארשטייט זיך, נישט קיין יעהופעץ, קיין אמעריקע.

רופט זיך אָן צו אונדז יענער, וואָס פון דער „עזראָ":

— זענט איר שוין געווען באַם דאָקטער?

זאָגן מיר:

— וואָסער דאָקטער?

רופט זיך אָן צו אונדז יענער, וואָס פון דער „עזראָ":

— אָט האָט איר אַן אדרעס. גייט זיך דורך, רייכיס כּאָכמע [37] צום דאָקטער, וועט ער באַטראַכטן אײַערע אויגן.

דערהערט דאָס וואָרט „אויגן", טוט מײַן ברודער עליע א קוק אַף דער מאמען און ווערט טויט ווי די וואַנט...

וואָס האָט ער זיך אַזוי דערשראָקן?...

ב.

שוין, דאַנקען גאָט. מיר זענען שוין אַלע געווען באַם דאָקטער, נאָר די מאמע נאָך נישט. די מאמע וועט זײַן שפּעטער. מײַן ברודער עליע האָט מוירע. זי האָט די לעצטע צײַט צופיל געוויינט... דער דאָקטער האָט אונדז אַרײַנגעקוקט אין די אויגן אַרײַן און אָנגעשריבן אונדז עפּעס אַף פּאַפּיר און פאַרכאַסמעט אין א קאָנווערט. האָבן מיר זיך טכילעס זייער דערשראָקן. מיר האָבן געמיינט, אַז דאָס האָט ער אונדז פאַרשריבן א רעפוע צו די אויגן. פרעגן מיר אים, וואָס האָט ער אונדז פאַרשריבן? ווײַזט ער אונדז מיט דער האַנט אַף דער טיר. שטויסן מיר זיך, אַז מע הייסט אונדז גיין... קומען מיר צו דער „עזראָ" און ווײַזן איר דאָס געשריפטס פונעם דאָקטער. נעמט דאָס מיידל (פריילן זײַטשיק) און עפנט אויף דאָס קאָנווערטל און לייענט איבער און מאַכט צו אונדז:

— איך קאָן אײַך אָנזאָגן א בסורע: דער דאָקטער זאָגט, אַז איר האָט געזונטע אויגן.

אוואדע איז דאָס פאַר אונדז א בסורע! וואָס טוט מען אָבער מיט דער מאמע? זי הערט נישט אויף צו וויינען. טײַנען מיר מיט איר:

— וואָס טוסטו? טאָמער כאָלילע וועט דער דאָקטער פאַרבראַקע־וועט דיר די אויגן?

— הערסטו? אָט דאָס וויין איך דאָך!...

אזוי ענטפערט די מאמע און לייגט צו צו די אויגן א פלעסטערל. דאָס פלעסטערל האָט איר געגעבן אַן עמיגראַנט א פעלדשער. ער איז זייער נישט קיין שיינער. ער האָט מעשונע מאָדנע ציין, נאָר ער באַכערט זיך. ער טראָגט א מעשענעם זייגער מיט א זילבערנער קייט מיט א דוקער, און א גאָלדן רינגל אַף דער האַנט. ער הייסט נישט קיין שיינעם נאָמען: „ביבער!" געקומען איז ער אהער קיין אַנטווערפּן מיט דער כאָליאַסטרע. אַפן וועג האָט ער זיך מיט זיי באַקענט. זיי האָבן איינעם געגאַנווערט די גרענעצ. קיין ניסים וועניפלאָעס, ווי מיט אונדז, האָט זיך זיי נישט געטראָפן. האַרגענען האָט מען זיי נישט געוואָלט, קיין בעטגעוואַנט האָט מען בא זיי נישט צוגענומען, נאָר זיי זענען גלאַט אזוי פאַרשוואַרצט געוואָרן. זיי האָבן געהאַט, זאָגן זיי, צו זינגען און צו זאָגן. זיי זענען דורכגעגאַנגען, זאָגן זיי, א שוויצ־באָד, אין האַמבורג. וואָס זיי דערציילן זיך אָן פון דעם האַמבורג! די האָר שטעלן זיך קאַפּויער! סדום איז א הונט אקעגן האַמבורג! מע באַגייט זיך דאָרטן, זאָגן זיי, מיט די עמיגראַנטן אַסאַך ערגער, ווי בא אונדז מיט אַרעסטאַנטן. ווען נישט אָט דער פעלדשער (ביבער), וואָלטן זיי דאָרטן אומגעקומען. ער איז זיי געשטאַנען אין זייערע גויטן. ער, ביבער, איז א גרויסער אויספאַנעם. ער דערציילט, וויאזוי ער האָט זיך געראַכנט מיט די דײַטשן, איז א שרעק! ער האָט זיך, זאָגט ער, אויסגעשמועסט מיט זיי דאַפקע אַף רוסיש. רוסיש, זאָגט ער, קאָן ער גוט, א סוואָרע, אַז נאָך בעסער פון אונדזער פּיניען. פּיני דרינגט, אַז אַלצדינג, וואָס דער ביבער דערציילט אונדז, וואָלט געווען זייער שיין, ווען ס'זאָל זײַן עמעס. אונדזער כאַווער פּיני האָט פון דער ערשטער מינוט אָן געוואָרפן אַן אומכיין אַף דעם פעלדשער ביבער. ער האָט געמאַכט אַף אים א לידל. אַז פּיני האָט נישט ליב א מענטשן, מאַכט ער אַף אים א לידל. אויב איר ווילט, קאָן איך עס אײַך איבערזאָגן:

אונדזער פעלדשער ביבער
איז א גרויסער גיבער
אַף דערציילן זאַכן.
ס'קאָן זיך אַמאָל מאַכן
(פּופּציק מאָל א טאָג),
טוט ער זיך א זאָג
א גרויסן ליגן
פון דערעכ־שאָלעם וועגן.

ג.

ביבער, אַט דער פעלדשער, וואָס איך דערצייל אײַך, האָט זיך אונטערגענומען צורעכט מאכן דער מאמע די אויגן. ער זאָגט, אז קיין דאָקטער אין דער וועלט וועט נישט געפינען אף זיי קיין חסרונות. ערשטנס, ווייס ער די קונץ נאָך פון דער היים. ער איז א פעלדשער, און א פעלדשער איז דאָך א האלבער דאָקטער. און חוץ לאָזע איז ער געווען אין „דײַטשנלאנד" און האָט זיך צוגעקוקט, וואָס מע טוט מיט די עמיגראנטן, זיי זאָלן האָבן געזונטע אויגן. ער זאָגט, אז מע מאכט מאמעש פון בלינד זעענדיק. פרעגט אים פיני: עפשער פארקערט?... ווערט ער אין כּעס (ביבער איז א גרויסער קעסן)! ער שיט אָפּ פיניען מיט ווערטער. ער זאָגט, אז ער איז צו א גרויסער חכם! צו קלוג פאר אמעריקע! אין אמעריקע, זאָגט ער, האָט מען פײַנט חיטראקעס! אמעריקע איז א לאנד, ווו מע ווייסט נישט פון קיין חכמעס. אין אמעריקע איז געזאָגט — געמיינט, געמיינט — געזאָגט. אין אמעריקע איז א וואָרט — א וואָרט. אמעריקע איז, זאָגט ער, געבויעט אף אמעס, און אף יוישער, און אף גערעכטיקייט, און אף קאָוועד, און אף ערלעכקייט, און אף סאָוועסט, און אף מענטשלעכקייט, און אף נעמאָנעס, און אף ראכמאָנעס... פרעגט אים פיני: „און אף וואָס נאָך?" ... ווערט ביבער נאָכמער אין כּעס! אן אווירע, וואָס מע האָט זיי איבערגעשלאָגן סאמע אינמיטן שמועס! מען איז אונדז געקומען זאָגן, אז עמעצער פרעגט זיך נאָך אף אונדז אין דרויסן. ווער קאָן עס זײַן? מיר גייען ארויס — געסט! געסט! אונדזערע מעכוטאָנים זענען געקומען! יוינע דער בעקער מיט דער גאנצער מישפּאָכע. א נײַע כאליאסטרע! ווידעראמאָל א געדולע: מײַן שוועגערן בראָכע קושט זיך מיט טאטע־מאמע, מײַן ברודער עליע קושט זיך מיט זײַן שווער און מיט די שוואָגערס. אף אים קוקנדיק, כאפּט זיך פיני אויך קושן מיט אונדזערע מעכוטאָנים, און אף אים קוקנדיק, קושט זיך מיט זיי דער פעלדשער אויך. פרעגן זיי: ווער איז דאָס? זאָגט ער: איך בין ביבער. שיסט אויס פיני א געלעכטער... און די מאמע מײַנע? די מאמע טוט זיך אירס: זי וויינט!... מײַן ברודער עליע עקט זיך. ער קוקט אף איר און צופּט זיך באַם בערדל. ער קאָן איר אָבער איצטער גאָרנישט זאָגן: ס'איז דאָך אייגענע, נישט קיין פרעמדע, מעכוטאָנים, און פון איין שטאָט. פארוואָס זאָל מען זי נישט לאָזן אביסל זיך אויסוויינען?...

— וויאַזוי האָט איר געגאַנוועט די גרענעץ און ווי האָט מען אײַך באַנומען?

דאָס איז געווען דאָס ערשטע, וואָס מיר האָבן געפרעגט בײַ אונדזערע מעכוטאָנים, און אונדזערע מעכוטאָנים האָבן פון דעם צו דערציילן גאַנצע פּעק! מיר קריכן אָבער נישט אין קאָפּ אַרײַן זייערע מײַסעס. איך האָב מיך פאַרקליבן אין אַ ווינקעלע מיט מײַן שוועגערנס אַ שוועסטערל. איך האָב אײַך אַמאָל דערציילט פון איר. זי הייסט אַלטע און טראָגט צוויי צעפּלעך, פונונטן צונויפגעדרייט, ווי אַ בייגל. איר דאַרפט געדענקען, אַז מע האָט זי מיר אַמאָל גערעדט פאַר אַ קאַלע (בײַ מײַן ברודער עליע אויף דער כאַסענע). דעמאָלט איז זי אַלט געווען נײַן יאָר, איצט איז זי שוין אַלט צען, דאָס עלפטע. אין איינע יאָרן מיט גאָלדעלען, מיט דעם מיידל, וואָס איז נעבעך געבליבן זיצן אין אַנטווערפּן איבער די אויגן. איך דערצייל אַלטען פון גאָלדעלען, און פון אירע קראַנקע אויגן, נעבעך, און פון מײַן כאַווער מאָטל דעם גרויסן, און פון מײַן כאַווער מענדלען, און פון דער „עזראָ", און פון דעם פריילן זײַטשיק, וואָס שרײַבט אין אַ בוך, און פונעם דאָקטער, וואָס קוקט אין די אויגן. און פון ווין דערצייל איך איר, פונעם „אַליאַנץ", וואָס האָט פײַנט אַ ייִדן, און פון קראָקע מיט לעמבערג דערצייל איך איר. און פון דער גרענעץ, וויאַזוי מיר האָבן געגאַנוועט, און וויאַזוי מיר זענען קוים אַרויס מיטן לעבן. איך לאָז נישט דורך קיין זאַך. אַלטע הערט מיך אויס מיט גרויסע אויגן. נאָכדעם דערציילט זי מיר, וואָס זיי האָבן געהאַט. וויאַזוי איר טאַטע האָט שוין לאַנג געוואָלט פאָרן קיין אַמעריקע, האָט איר מאַמע נישט געוואָלט. און נישט אַזוי די מאַמע, ווי די מישפּאָכע. די מישפּאָכע זאָגט, אַז אין אַמעריקע דאַרף מען האָרעווען, און איר מאַמע איז דערצו נישט געווינט געוואָרן. איר מאַמע האָט אַ רעטאָנדע. די רעטאָנדע האָט איר דער טאַטע געמאַכט נאָך אין די גוטע יאָרן, אַז זיי האָבן נאָך געהאַט אַסאַך געלט. איצט, אַז ס'איז זיי געוואָרן שלעכט, און די באַלעכויועס האָבן אָנגעהויבן צו דערקוטשען, איז געבליבן, מע זאָל פאַרקויפן אַלצדינג און פאָרן קיין אַמעריקע. אַז ס'איז געקומען צו דער רעטאָנדע, מע זאָל פאַרקויפן די רעטאָנדע, זאָגט די מאַמע: אַלצדינג וועט זי פאַרקויפן, נאָר נישט די רעטאָנדע! פרעגט זי דער טאַטע: אויף וואָס דאַרפסטו די רעטאָנדע? אין אַמעריקע דאַרף מען נישט קיין רעטאָנדע! זאָגט אים די מאַמע: וואָס הייסט, אויף וואָס דאַרף איך די רעטאָנ-

דע? וויפל יאָר האָב איך, זאָגט זי, געבעטן גאָט, איך זאָל מיך דער־שלאָגן צו א רעטאָנדע, קוים דערלעבט א רעטאָנדע, זאָל איך איצט נעמען און פארקויפן די רעטאָנדע? טאָג ווי נאכט האָט מען געהערט בא אונדז נאָר רעטאָנדע און רעטאָנדע! די גאנצע מישפּאָכע (פון דער מאמעס צאַד) זענען זיך צונויפגעקומען. מע האָט זיך געקריגט און געזידלט. עס האָט שוין געהאלטן קימאט בא צעגיין זיך, דאָס הייסט, דער טאטע זאָל זיך געטן מיט דער מאמע. אלץ איבער דער רעטאָנדע. ווער האָט אויסגעפירט? געוויינטלעך, די מאמע! מע האָט די רעטאָנ־דע נישט פארקויפט! מע האָט מיטגענומען די רעטאָנדע, איינגעפּאקע־וועט די רעטאָנדע באזונדער אין א פּעקל, און ביז מיר זענען געקו־מען צו דער גרענעץ, איז שוין נישט געווען קיין רעטאָנדע...

אזוי דערציילט מיר אלטע, און ווײַטער וויל איך שוין נישט הערן. מיר איז נאָר געגאנגען צו וויסן, אויב ס'איז נאָך דאָ א רעטאָנדע? דערהערט, אז ס'איז שוין נישטאָ קיין רעטאָנדע, בין איך צופרידן. איך נעם אלטען און גיי מיט איר שפּאצירן. איך באווייַז איר די שטאָט אנטווערפּן. זי ווערט נישט ניספּאָעל. זי האָט, זאָגט זי, געזען גרע־סערע שטעט. וואָס זאָגט איר אף טאטן? איך פיר זי אף די סטאנציעס, ווו עס שטייען עמיגראנטן. איך מאך זי באקאנט מיט מײַנע כאוויירים. אלטע ווערט נישט ניספּאָעל פון קיין זאך. זי האלט זיך גרויס. זי איז א גאדלענטע. זי איז פון טאָמיד אָן אזוי... שפּעטער גייען מיר אלע איניינעם, אונדזער כאליאסטרע און זייער כאליאסטרע, אין דער „עזרא". דאָרט באגעגענען מיר זיך מיט אונדזער שכיינע פּעסי און מיט איר כאליאסטרע. אויך גאָלדעלע זעען מיר דאָרטן. גאָלדעלע וויל זיך באקענען נעענטער מיט אלטען. אלטע האלט זיך מיט איר פון דער ווײַטן. גאָלדעלע פירט מיך אָפּ אף א זײַט און פרעגט מיך, וואָס איז מיט דעם מיידל אזוי דער ייִכעס, וואָס עס שטייט איר נישט אָן מיט איר צו רעדן? דערצייל איך איר, אז מע האָט מיר פאראיאָרן בא מײַן ברודער אף דער כאסענע גערעדט אלטען פאר א קאלע. ווערט זי רויט אזוי ווי פײַער און קערעוועט זיך אָפּ אף א זײַט און ווישט זיך די אויגן...

ד.

וואָס זאָגט איר אף דעם אומגליק, וואָס אונדז האָט געטראָפן? מיר זענען געווען מיט דער מאמע באַם דאָקטער, ער זאָל איר בא־טראכטן די אויגן. האָט ער איר באטראכט די אויגן און נישט געזאָגט

גאָרנישט. ער האָט נאָר אָנגעשריבן א צעטעלע און אַרײַנגעלייגט אין א קאָנווערט. האָבן מיר דעם קאָנווערט אוועקגעטראָגן צו דער „עזרא". געקומענ צו דער „עזרא", האָבן מיר דאָרט נישט געטראָפן קיינעם נאָך, נאָר איין פרײלן זײַטשיק, אָט די, וואָס זי פארשרײַבט אלע עמיגראנטן אין בוך אַרײַן. האָט זי מיך באגעגנט מיט א געלעכטער. טאָמיד לאכט זי, ווען זי זעט מיך. אלעמאָל גיט זי מיר איבער א גרוס פון גאָלדע־לען און לאכט. עפנט זי אוף דאָס קאָנווערטל, טוט א קוק אין צעטל אַרײַן און הערט אוף צו לאכן, און פארברעכט די הענט. פרעגט בא איר די מאמע: וואָס הערט זיך? זאָגט זי: וואָס זאָל זיך הערן, מײַנע ליבע יידענע? ס'איז שלעכט! דער דאָקטער זאָגט, אז איר קאָנט נישט פאָרן קיין אמעריקע... מײַן שוועגערן בראָכע, ווייסט איר דאָך, האָט א טעווע פון כאלעשן, איז זי באלד געפאלן כאלאָשעס. מײַן ברודער עליע איז געבליבן שטיין אָן א טראָפּן בלוט אין פּאָנעם. די מאמע איז געבליבן א פארשטיינערטע. זי קאָן שוין אפילו נישט וויינען... דאָס מיידל (פרײלן זײַטשיק) האָט זיך א וואָרף געטאָן נאָך וואסער. זי האָט אָפגעמינטערט בראָכען, געטרייסט עליען, אויסגערעדט דאָס הארץ דער מאמע און געהייסן קומען מאָרגן. אפן וועג זאָגט איר מײַן ברודער עליע מוסער, לעמײַ זי האָט געוויינט די גאנצע צײַט, און ער דערמאָנט איר, וויפל מאָל ער האָט איר געזאָגט, זי זאָל נישט וויינען!... די מאמע וויל אים ענטפערן, האָט זי נישט קיין ווערטער... זי קוקט ארוף און בעט גאָט: „טו מיט מיר, ריבוינעשעלוילעם, א כעסעד און מיט מײַנע קינדער, און נעם מיך צו פון דער וועלט!"... אונדזער כאַווער פיני דרינגט, אז אינגאנצן איז דאָ שולדיק אָט דער ליגנער, אָט דער פעלדשער ביבער. א גאנצן טאָג מיט א גאנצע נאכט הערט מען נישט אוף צו עסן איינס דאָס אנדערע, ביז עס קומט מאָרגן. אפ מאָרגן גייען מיר ווידער צו דער „עזרא". גיט אונדז די „עזרא" אן איינצע, אז מיר זאָלן זיך פּרוּוון פאָרן איבער לאָנדאָן, עפשער וועט לאָנדאָן דורכלאָזן די מאמע מיט אירע פארוויינטע אויגן קיין אמעריקע. אָדער אויב נישט קיין אמעריקע, איז כאָטש קיין קאנאדע... ווו איז קאנאדע—ווייסן מיר נישט, מע זאָגט, אז ס'איז נאָך ווײַטער פון אמעריקע... מײַן ברודער עליע און אונדזער כאַווער פיני האָבן דער־ווײַל איבער וואָס צו קריגן זיך. עליע פרעגט אים: „פיני! זאָג נאָר, ווו איז דאָס אָט דאָס קאנאדע? ביסט דאָך עפּעס אמאָל געווען א מענטש פון געאָגראפיע"... זאָגט אים פיני, אז קאנאדע איז אין קאנא־

דע, דאָס הייסט, נישט אין קאַנאַדע, נאָר אין אַמעריקע. דאָס הייסט, ער וויל זאָגן, אַז קאַנאַדע איז טאַקע דאָס אייגענע וואָס אַמעריקע, נאָר פּאָרט נישט אַמעריקע. פרעגט אים עליע: „ווי קאָן דאָס זײַן?״ זאָגט אים פּיני: „נו, זעסטו דאָך!״... דערווײַל דאַרף מען גיין צום שיף באַגלייטן גוטע פרײַנט, אונדזער שכנים פּעסי מיט איר מאַן דעם אײַנבינדער (מוישע הייסט ער) מיט איר גאַנצער כאַליאַסטרע. וויי-וויי, וואָס סע טוט זיך באַם שיף! ייִדן, ווײַבער, קינדער, קלומקעס, פּעקלעך, קישנס, זעק מיט בעטגעוואַנט. דער לויפט. דער שרײַט. דער וויינט. דער שוויצט. דער עסט. דער שעלט. פּלוצים הערט זיך אַ קאָל פון אַ ווילדע כײַע, פון אַ ווילזלטיר: ה-ה-ה-ה-ה-ו-ו-ו-ו!!!..

דאָס הודעט מען פון שיף, מע זאָל זיך שוין געזעגענען. עס ווערט אַ לויפערײַ מיט אַ קושערײַ מיט אַ געוויין — אַ טעאַטער און גענוג! אַלע געזעגענען זיך. מיר געזעגענען זיך אויך. אַלע קושן זיך, מיר קושן זיך אויך. מיר קושן זיך מיט דער כאַליאַסטרע. די מאַמע קושט זיך מיט אונדזער שכנה פּעסי. פּעסי רעדט איר אויס דאָס האַרץ, בעט, זי זאָל גאָר נישט זאָרגן, זיי וועלן זיך, אימירצעשעם, זען אינגיכן אין אַמעריקע... די מאַמע מאַכט מיט דער האַנט און שלינגט די טרערן... די לעצטע צײַט וויינט זי אַסאַך ווינציקער ווי פריִער. זי האָט עפּעס אײַנגענומען אַזעלכעס אַז נישט וויינען... דער גאַנצער עולם איז שוין אויפן שיף. מיר זענען אין דרויסן. אײַ, זענען מיר זיי מעקאַנע. אײַ, בין איך מעקאַנע „וואַשטינ״! אַמאָל האָט ער מיר מע-קאַנע געווען. הײַנט בין איך אים מעקאַנע!... און „וואַשטי״ שטייט מיט אַ צעריסן מיצל אויפן שיף. ער האַלט די הענט אַרונטער און ווײַזט מיר אַ צונג. דאָס הייסט, ער וויל מיר געבן אָנצוהערעניש, אַז ער פאָרט, און איך נישט. פאַרדריסט דאָס מיך זייער, נאָר איך נעם מיך אָן מיט האַרץ און שטעל אים אַרויס אַ פײַג: „נאַ דיר!״... דאָס הייסט אַזוי גרויס, ווי איך וואָלט אים זאָגן: „וואַשטי! אַזאַ מאַקע דיר און אַזאַ שטיק גאָלד מיר, ווי איך וועל אינגיכן זײַן אין אַמעריקע!״...

אָ! איר זאָלט גאָרנישט זאָרגן — איך וועל אינגיכן זײַן אין אַמעריקע!

XX

די כאַליאַסטרע ווערט צעקראָכן

א.

וואָס א טאָג, וואָס א טאָג ווערט די „כאַליאַסטרע״ עמיגראַנטן קלע־נער, און אַנטלויפן ווערט א פּוסטקע. שאַבעס מיטן שיף פאָרן אָפּ א גוזמע עמיגראַנטן, אַלע קיין אַמעריקע. מיט זיי פאָרט אַוועק אויך מיין כאָווער מאָטל. דאָס איז מאָטל דער גרויסער, אָט דער, וואָס האָט מיך אויסגעלערנט „שטעלן א גובערנאַטער״, די קונצן פון בויכרעדע־רייַ און נאָך אַזעלכע זאַכן. איך ווייס נישט, וואָס האָט אין אים דערזען אַזעלכעס מיין ברודער עליע, וואָס ער האָט אים פיינט. איך מיין, אַז דאָס וואַקסט פון בראָכעס. מיין שוועגערן בראָכע האָט א טעווע זיך אונטערהערן, וואָס מע רעדט, און צוקוקן זיך, וואָס מע לאַכט. ס'איז איר אייסעק, וואָס מיר לאַכן. עפּשער לאַכן מיר פון אונדזער פּיניע, עליעס כאָווער, וואָס ער שלעפּט לעקעך פון די קעשענעס מיט צוקערקעס און עסט? אָדער עפּשער גאָר פון ביבער דעם פעלדשער, וויאַזוי ער באַרימט זיך פאַר דער כאַליאַסטרע עמיגראַנטן, האָקט אַזעל־כע שקאָרים, אַז מע קאָן בלייבן אָן א בויך לאַכנדיק?

מאָלט אייַך, איצטיקס מאָל איז זי גערעכט געווען. מיר האָבן גע־מאַכט א גאַנצע קאָמעדיע פון איר מאַמע, ריוועלע די בעקערן מיט דער רעטאָנדע. טאָג ווי נאַכט רעדט זי פון דער רעטאָנדע. וואָס מע האָט בא איר אַוועקגעגאַנווּעט אַפּ דער גרענעץ, דאָס מויל מאַכט זיך איר נישט צו!

מאָלט אייַך, אַז מיין מאַמע קאָן זיך שוין נישט איינהאַלטן און זאָגט צו איר:

— אוי, מעכוטענעסטע! ווען איך זאָל וועלן אַזויפיל רעדן פון

מײַנ בעטגעוואנט, פונ מײַנע קישנס, וואָס מע האָט בא מיר צוגענו־מענ אפ דער גרענעצ, ווי איר פונ אײַער רעטאָנדע!...

זאָגט ריוועלע די בעקערנ מיט איר מאנצבילשער שטימ:

— זאָגט כאָטש לעהאוודל!

זאָגט איר די מאמע:

— בא מיר איז דענ גנייווישע קישנס?

זאָגט ריוועלע די בעקערנ:

— גנייווישע, נישט גנייווישע, איכ בינ צוקאָפּנס נישט געשטאנענ.

זאָגט איר די מאמע:

— איכ פארשטיי נישט, מעכוטענעסטע, וואָס איז בא אײַכ פאר א לאָשנ?

זאָגט ריוועלע די בעקערנ:

— וואָסער א גוט־מאָרגנ, אזא גוט־יאָר.

זאָגט איר די מאמע:

— מעכוטענעסטע! מיט וואָס האָב איכ דענ אָנגערירט אײַער האָנאָר?

זאָגט ריוועלע די בעקערנ:

— ווער זאָגט דענ, אז איר האָט מיר אָנגערירט דעמ האָנאָר?

זאָגט איר די מאמע:

— וואָס־זשע זאָגט איר לעהאוודל?

זאָגט ריוועלע די בעקערנ:

— פארשטייט זיכ, לעהאוודל! אז איכ רעד פונ מײַנ רעטאָנדע, פאָרט איר מיר ארײַנ מיט אײַער בעטגעוואנט, מיט אײַערע קישנס!

זאָגט איר די מאמע:

— בא מיר איז דענ גנייווישע קישנס?

זאָגט ריוועלע די בעקערנ:

— גנייווישע, נישט גנייווישע, איכ בינ צוקאָפּנס נישט געשטאנענ.

און ווידעראמאָל דאָס אייגענע, און אָבעראמאָל דאָס אייגענע!

דארפ מענ טעאטער?

ב.

פארשטייט זיכ, אז מיר ביידע, דאָס הייסט איכ, מאָטל דער קליי־נער, און מײַנ כאווער, מאָטל דער גרויסער, האָבנ זיכ דעמזעלבנ אפדערנאכט אוועקגעזעצט און האָבנ געמאכט אזא מינ אָנשטעל: ווײ־

סטו וואָס? איך וועל זײַן ריוועלע די בעקערן, און דו וועסט זײַן די מאמע דײַנע, און לאָמיר מאכן די אייגענע שפּיל, וואָס זיי. נאָר וואָס דען? מיטן אייגענעם לאָשן און מיטן אייגענעם קאָל: איך וועל רעדן גראָב, ווי ריוועלע די בעקערן, און דו — מיט א וויינענדיק קאָל, ווי די מאמע דײַנע.

און ביידע מאָטלעך האָבן זיך פארשטעלט. איינער האָט אָנגעטאָן א פאריק, דער אנדערער א פאטשיילע, צונויפגערופן כעווּרע: מענדל דאָס בארמיצווע־ייִנגל, אונדזער מעכוטנס טעכטערל אלטע, גאָלדעלע מיט די קאָלי אויגן, און נאָך ייִנגלעך און מיידלעך פון דער כאליאסטרע עמיגראנטן, און מיר האָבן זיך גענומען צו דער ארבעט:

מאָטל דער קלײנער (מיט א וויינענדיק קאָל): אוי, מעכוטענע־סטע! ווען איך זאָל וועלן אזויפיל רעדן פון מײַן בעטגעוואנט און פון מײַנע קישנס, וואָס מע האָט בא מיר צוגענומען אף דער גרענעץ, ווי איר פון אײַער רעטאָנדע!...

מאָטל דער גרויסער (מיט א גראָבער שטימע): זאָגט כאָטש „לעהאוודל".

מאָטל דער קלײנער: בא מיר איז דען גנייווישע קישנס?

מאָטל דער גרויסער: גנייווישע, נישט גנייווישע, איך בין צוקאָפּנס נישט געשטאנען.

מאָטל דער קלײנער: איך פארשטיי נישט, מעכוטענעסטע, וואָס איז בא אײַך פאר א לאָשן?

מאָטל דער גרויסער: וואָסער א גוט־מאָרגן, אזא גוט־יאָר

מאָטל דער קלײנער: מעכוטענעסטע! מיט וואָס האָב איך אָנ־גערירט אײַער האָנאָר?

מאָטל דער גרויסער: ווער זאָגט דען, אז איר האָט מיר אָנ־גערירט דעם האָנאָר?

מאָטל דער קלײנער: וואָס־זשע זאָגט איר „לעהאוודל?"

מאָטל דער גרויסער: פארשטייט זיך, לעהאוודל! אז איך רעד פון מײַן רעטאָנדע, פאָרט איר מיר ארײַן מיט אײַער בעטגע־וואנט!

מאָטל דער קלײנער: בא מיר איז דען גנייווישע קישנס?

מאָטל דער גרויסער: גנייווישע, נישט גנייווישע, איך בין צוקאָפּנס...

ג.

גיי ריכט זיך, אז אקוראט אפן וואָרט „צוקאָפּנס״ וועט זיך עפענען די טיר און עס וועלן זיך באַווייזן געסט: מײַן שוועגערין בראָכע מיט איר מאַמע ריוועלע די בעקערן, מיט איר טאַטן יוינע דעם בעקער, מיט זייערע „באָנים״, מײַן מאַמע, מײַן ברודער עליע, אונדזער כאַוווער פּיני מיט זײַן ווײַב טײַבל, ביבער דער פעלדשער מיט די גילע ציין און נאָך ייִדן און ווײַבער — א גאַנצע כאַליאַסטרע! דאָס ערשטע האָט מײַן שוועגערין בראָכע מיר צוגעשטעלט א בענקעלע · פאַר אַלע־מען, אַז איך מאַך נאָך דער גאַנצער וועלט. זי האָט געוואָלט, אַז די גאַנצע וועלט זאָל זיך אין מיר נוקעם זײַן. די גאַנצע וועלט האָט זיך אָבער נישט געוואָלט נוקעם זײַן אין מיר. פאַר מיר איז געווען גענוג מײַן ברודער עליע אַליין. מײַן ברודער עליע האָט א טרוקענע האַנט מיט דאַרע פינגער. אַז ער וואַרפט אײַך אויף א פּאַטש הײַנט פאַרנאַכט, בלײַבט בא אײַך א סימען אָפּ דער באַק ביז איבערמאָרגן אינדערפרי.

„מע דאַרף אָט די צוויי מאַטלס צעשיידן!״—אַזוי האָט געפּאַסקעט בראָכע, און מײַן ברודער עליע האָט מיר אָנגעזאָגט מיטן האַרבן וואָרט, אַז טאָמער דערזעט ער אונדז אינצווייען, מאַכט ער פון מיר א מאָצינ־קע! איך וואָלט וועלן זען, וויאַזוי ער וועט דאָס מאַכן פון מיר א מאָצינקע? ער פאַרגעסט, אַז ס׳איז דאָ א מאַמע אָפּ דער וועלט, וואָ וועט גיכער לאָזן זיך אַרויסנעמען די קאַלי אויגן, איידער דערלאָזן, מע זאָל פון מיר מאַכן א מאָצינקע.

ד.

מיט דער מאַמעס אויגן איז נישט אין בעסטן. דאָס הייסט, נישט גוט. זייער נישט גוט! מע זאָגט, אַז מע וועט זי נישט אַרופלאָזן אַפן שיף פאַר קיין מיליאָן אַפילע. מע דאַרף אַנטלויפן פון אַנטווערפן. אין אַנטווערפן זענען דאָקטוירים רעשאָיִם! זיי קוקן אין די אויגן אַרײַן. וויבאַלד זיי געפינען בא אײַך אָפּ די אויגן „טראַכאָמעס״, אַזוי כאַפּט זיי אַוועק דער רוען. נישטאָ בא זיי נישט קיין קאָוועד, נישט קיין ראַכמאָנעס! מיר וועלן מוזן פאָרן קיין אַמעריקע דורך אַן אַנדער וועג. דורך וואָסער א וועג—ווייסן מיר נאָך נישט. ס׳איז דאָ וועגן גע־נוג. האַלעווײַ וואָלט נאָר געווען מיט וואָס צו פאָרן. ס׳איז א סוואָרע, אַז בא מײַן ברודער עליע אין קעשענע טאָגט שוין. דער גאַנצער מאַ־יאָנטעק פון אונדזער האַלבער דירע איז בא אונדז אַוועק אָפּ די דאָק־

טוירים מיט די פעלדשערס — אלץ צוליב דער מאמעס אויגן. איך האָב געכאפּט א וואָרט פון מײַן ברודער עליע און פון זײַן כאַווער פיני: „האלעוויַי מיר זאָלן זיך כאָטש דערשלעפּן ביז לאָנדאָן!״... אוואדע וואָלט איך בעסער וועלן גלײַך קיין אמעריקע, איידער קיין לאָנדאָן. אונדזער שכיינע פּעסי די גראָבע מיט איר גאנצער כאַליאסטרע איז שוין לאנג אין אמעריקע. זיי מאכן שוין דאָרט א לעבן. וואשטי (הערשל מיט דער גאָלי) גייט שוין דאָרט ארום שפּאצירן מיט די הענט אין די קעשענעס איבער אלע גאסן און קנאקט ניסלעך. אונדזערע מעכוטאָנים — יוינע דער בעקער, ריװועלע די בעקערן, מיט די „באָנים״, מיט מײַן קאלע אלטע—האָבן זיך נישט געקענט דערוואַרטן אפ מײַן מאמעס אויגן און זענען אוועקגעפאָרן קיין אמעריקע אָן אונדז. אוי, אוי, אוי, וואָס סע האָט זיך אָפּגעטאָן יענעם טאָג אין אנטוועראפּן! מיר האָבן נישט געלאָזט די מאמע, זי זאָל זײַן באם שיף, וואָרעם אז זי וועט זיך דארפן געזעגענען מיט די מעכוטאָנים, וועט זי וויינען און דערוויַיל באגראָבן דאָס איבעריקע ביסל אויגן. וואָס האָבן מיר גע־פּועלט? האָט זי נאָך מער געוויינט. זי טײַנעט, אז מע נעמט צו בא איר דאָס איינציקע שטיקל כיַיעס — כאָטש אויסוויינען זיך די צאָרעס, גרינגער מאכן דאָס הארץ!... נאָר ווער הערט זי?

ה.

ווייסט איר ווער ס'איז צופרידן מיטן אָפּפאָרן פון אונדזערע מעכו־טאָנים? איר וועט קיינמאָל נישט טרעפן — גאָלדעלע! אָט דאָס מיידל, וואָס מיט די קאלי אויגן, וואָס איר פאָטער און מוטער זענען אין אמעריקע שוין העכער א יאָר, און זי זיצט דאָ, אין אנטווערפּן, צו־ליב די אויגן. דערהערט, אז אונדזערע מעכוטאָנים פאָרן אוועק, האָט זי געוואָלט גיין טאנצן. וואָס איז די מײַסע? זי האָט פײַנט אלטען, אָט די, וואָס מע האָט זי מיר גערעדט אמאָל פאר א קאלע. זי האָט זי פײַנט פאר איר גאדלעס. גאָלדעלע האָט פײַנט א מענטשן, וואָס בלאָזט פון זיך.

— דײַן קאלע מיט די רויטע צעפּעלעך קאָן איך נישט אָנקוקן: זי איז א גאדלענטע! — אזוי זאָגט צו מיר איינמאָל גאָלדעלע, און דאָס פּאָנעם ברענט איר, ווי אן אויוון.

— פונוואנען האָבן זיך גענומען בא אלטען רויטע צעפּעלעך, אז זי האָט גאָר שווארצע?

אזוי זאָג איך צו גאָלדעלע. ווערט זי נאָך מער אין קאַס, וויינט און זאָגט צו מיר:

— רויטע! רויטע! רויטע!...

גאָלדעלע, אז זי איז בייז, דארף מען זי לאָזן צורו, ביז עס גייט איר אָפּ דער קאַס. און אז עס גייט איר אָפּ דער קאַס — איז זי גאָלד און זילבער! מיט מיר איז זי טאַקע נאָר ווי א שוועסטער. אלצדינג דערציילט זי מיר: וויאַזוי זי האָרעוועט אפ דער סטאַנציע, קערט די שטובן, האָדעוועט די אויפעס, פאַרוויגט די קינדער (די באַלעבאָסטע, ווו זי שטייט, האָט א צייט נישט געהאַט קיין קינדער; איצט האָט זי גאָט געבענטשט מיט א צווילינג). הײַנט דערציילט זי מיר, וויאַזוי זי גייט צום דאָקטער אלע טאָג זיך קורירן די אויגן; וויאַזוי דער דאָקטער שמירט זי מיטן זעלבן בלוישטיין, וואָס ער שמירט אלע איבעריקע קראַנקע.

— אוי, ווען גאָט העלפט מיר אַן אייגענעם בלוישטיין, וואָלט איך עפשער קאָנען אמאָל זען מײַן טאַטע־מאַמע...

אזוי זאָגט גאָלדעלע מיט טרערן אפ אירע קראַנקע אויגן. עס רײַסט מיר אויס א שטיק הארץ. איך קאָן נישט הערן, ווי זי רעדט פון טאַטע־מאַמע. איך קאָן נישט זען, ווי זי וויינט. איך זאָג צו איר:

— ווייסטו וואָס, גאָלדעלע? אָט פאָר איך קיין אמעריקע. איך וועל מאַכן דאָרט א לעבן, וועל איך דיר צושיקן פונדאָרט א בלוישטיין.

— דו נאַרסט מיך ניט אָפּ? שווער מיר בא דײַנע הייליקע נעמאָנעס!

אזוי זאָגט צו מיר גאָלדעלע, און איך שווער איר בא מײַנע הייליקע נעמאָנעס, אז איך וועל זי ניט פאַרגעסן. אז גאָט וועט מיר העלפן, איך וועל נאָר אָנהייבן מאַכן א לעבן אין אמעריקע, אזוי שיק איך איר באַלד אַרויס א בלוישטיין.

ו.

איך ווייס שוין פאַר געוויס, אז מיר פאָרן שאַבעס אינדערפרי קיין לאָנדאָן. מיר גרייטן זיך שוין אין וועג אַרײַן. מײַן מאַמע מיט מײַן שוועגערין בראָכע מיט אונדזער כאַווער פיניעס ווײַב טײַבל גייען פון איין סטאַנציע אין דער אַנדערער זיך געזעגענען מיט דער כאַליאַסטרע עמיגראַנטן. נישט אזוי דאָס געזעגענען, ווי אויסרעדן זיך דאָס האַרץ פאַר מענטשן. וואָס לאָזט זיך אויס? מיר זענען נאָר מאָנאַרכן קעגן

אנדערע עמיגראנטן. ס'איז פאראן אין דער כאַליאַסטרע אזעלכע מאָדנע שלימאזלען, וואָס זענען אונגדז מעקאנע. זייערע צאָרעס איז גאָר נישט איבערצודערציילן. אלע זענען געווען אינדערהיים שיינע באַלעבאָטים. אלע האָבן פארמאָגט אלדאָס גוטס. אלע האָבן געהאט שטענדיק א טיש פאר אָרעמעלײַט. אלע ווינטשן זיך פארמאָגן, וואָס מענטשן האָבן בא זיי צוגענומען. אלע האָבן געטאָן די שענסטע שידוכים. הײַנט זענען זיי אלע שלעפּערס. מאָדנע ברוים! מיר האָבן זיך שוין צוגעגעסן זייערע מײַסעס. פריִער, אז איך פלעג הערן מע דערציילט פון א פּאָגראָם, האָב איך אָנגעשטעלט מויל און אויערן. הײַנט, אז איך דערהער דאָס וואָרט פּאָגראָם — אנטלויף איך. איך האָב בעסער ליב פריילעכע מײַסעס. איז אָבער נישטאָ ווער ס'זאָל דערציילן עפּעס פריילעכס. געווען איין פעלדשער ביבער א פריילעכער פארשוין, אפילו א גרויסער ליגנער, איז ער שוין אויך אין אמעריקע.

— ער האקט דאָרט שקאָרים אפּן פּוד! — אזוי זאָגט אונדזער כאַווער פּיני.

— מע ווערט אים דאָרט לאנג נישט לאָזן האקן שקאָרים. האָב קיין מוירע נישט. אין אמעריקע האָט מען פײַנט אזעלכע... אין אמעריקע איז א ליגנער ערגער פון א מעשומעד!...

אזוי זאָגט מײַן ברודער עליע, און בראָכע פרעגט אים: פונוואנען ווייסטו? הייבט זיך אָן בא אונדז א כאסענע: איך און פּיני האלטן מיט עליען, טײַבל האלט מיט בראָכען. וואָס איינער זאָגט, דרייט דער אנדערער קאפּויר.

מיר מאנצבילן: אמעריקע איז א לאנד פון גאָלע עמעס!...

זיי, די ווײַבער: אמעריקע איז א מעדינע פון סאמע ליגנערס!..

מיר מאנצבילן: אמעריקע איז געבויט אפּ עמעס, יוישער און ראכמאָנעס!...

זיי, די ווײַבער: גנייווע, גזיילע, שארלאטאנעס!...

א גליק, וואָס סע מישט זיך אַרײַן די מאמע. זי זאָגט:

— קינדערלעך, וואָס דארפט איר זיך קריגן איבער אמעריקע, אז מיר זענען נאָך אין אנטווערפן?

זי איז זייער גערעכט. מיר זענען נאָך אין אנטווערפן, אָבער נישט אפּ לאנג. אָט־אָט פאָרן מיר אוועק קיין לאָנדאָן. אלע צעפאָרן זיך פונדאנען, אלע עמיגראנטן, די גאנצע כאַליאַסטרע!...

וואָס ווערט זײַן מיט אנטווערפן??!

XXI

זײַ געזונט, אַנטווערפּן!

א.

קיין שטאָט האָט מיר אַזוי נישט באַנק געטאָן אָװעקצופֿאָרן, װי די שטאָט אַנטװערפּן. און נישט אַזוי די שטאָט, װי די מענטשן. און נישט אַזוי די מענטשן פֿון אַנטװערפּן, װי די כאַליאַסטרע עמיגראַנטן. און נישט אַזוי די כאַליאַסטרע אַלײן, װי מײַנע כאַװײרים און כאַװער־טעס. אַ סאַך זענען זיך צעפֿאָרן פֿריִער. װאַשטי, אַלטע, מאָטל דער גרױסער — די זענען שױן לאַנג אין אַמעריקע, מאַכן אַלע אַ לעבן. געבליבן איז נאָר מענדל דער באַרמיצװע־באָכער (בראָכע האָט אים געשענקט אַ צונעמעניש „דער לאָשעק"). און גאָלדעלע, דאָס מײדל מיט די קאַלי אױגן, איז געבליבן. װײַטער קײנער נישט. װאָס װעט טון די „עזראָ", די װאָס העלפֿט די עמיגראַנטן? װעמען װעט זי העלפֿן? עס טוט מיר באַנק אַנטװערפּן. איך װעל בענקען נאָך אַנט־װערפּן. אַ װױלע שטאָט, װױלע מענטשן. אַלע האַנדלען מיט בריליאַנטן. אַלע טראָגן זיך אַרום מיט שטײנער. אַלע קענען די מעלאָכע: שנײַדן, קליװן, שלײַפֿן שטײנער. װעמען איר באַגעגנט, איז ער אָדער אַ שטײנשנײַדער, אָדער אַ קליװער, אָדער אַ שלײַפֿער. אַ סאַך ייִנגלעך פֿון אונדזער כאַליאַסטרע זענען דאָ פֿאַרבליבן, געװאָרן שטײנשנײַדער. מיר זאָלן זיך אַזױ נישט רײַסן קײן אַמעריקע, װאָלט מען מיך אױך אָװעקגעגעבן צו דער אַרבעט, געמאַכט פֿון מיר אַ שטײנשנײַדער. מײַן ברודער עליען איז געפֿעלן די מעלאָכע. אונדזער כאַװער פּיניען אױך. זײ זאָלן זײַן, זאָגן זײ, אַבי־סעלע ייִנגער, װאָלטן זײ אַלײן גענומען זיך צו דער אַרבעט — שלײַפֿן שטײנער. בראָכע לאַכט פֿון זײ. זי זאָגט, אַז שטײנער איז גוט צו טראָגן, נישט צו שלײַפֿן. פּיניעס חײַװ טײַבל האַלט מיט איר. טײַבל איז אױך אַ באַלן אָפּ צו אָנטון שטײנער. זײ גײען

אלע טאָג קוקן אין די פענצטער און קאָנען זיך ניט אָפּלויבן פון די בריליאַנטן מיט די דימענטן, וואָס וואַלגערן זיך, אַזוי ווי מיסט. עס דרייט זיך אַזש דער קאָפּ. עס שעמערירט זיי אין די אויגן. זיי זעענען אויס מענטשן. פיני לאַכט פון זיי. ער זאָגט, אַז די אַלע שטיינער האָבן בא אים א פּאָנעם פון כויזעק, און די, וואָס געבן זיך אָפּ דערמיט, זעען אויס בא אים, ווי מעשוגאָים. איר מיינט, ער האָט נישט געמאַכט אַפּ זיי קיין לידל? אַזוי הייבט זיך אָן דאָס לידל:

אַנטווערפּן איז א לאַנד
פון די בעסטע שטיינער,
מיליאָנערן אַלערהאַנט —
קיין אָרעמאַן נישט איינער.
דימענטן ווי מיסט,
העכער האַלב אומזיסט!
בריליאַנטן האָבן זיי אַסאַך! אַסאַך!
צירונג? — פאַר דער גאַנצער וועלט!
עס פעלט זיי נאָר איין זאַך:
— — — — מעזומענ געלט...
און ווייַטער געדענק איך נישט.

ב.

אָנגעדענקען זיך אַלע לידלעך, וואָס פיני מאַכט, דאַרף מען האָבן א קאָפּ פון א מיניסטער. מייַן ברודער עליע קוילעט זיך מיט אים דערפאַר. עליע זאָגט, טאָמער ווערט מען געוואָר אין דער „עזראָ", אַז מיר מאַכן לידלעך אַפּ אַנטווערפּן, טרייַבט מען אונדז אַרויס פונדאָרטן. און מיר קוקן אַרויס אַפּ דער „עזראָ" פאַר אונדזער אָוועקפאָרן, זיי זאָלן אונדז עפּעס העלפן. מיר גייען צו איר אַלע טאָג. מיר זעענען דאָרט היימישע מענטשן. דאָס מיידל, וואָס שרייַבט אין בוך, דאָס פריילן זייַטשיק, קען אונדז אַלע בא די נעמען. מיך האָט זי ליב, ווי א קינד. מיט דער מאַמע איז זי ווי א שוועסטער. איר קאָנט פאַרשטיין, אַז אַפּילע בראָכע זאָגט, אַז פריילן זייַטשיק איז א גילגל פון א יידיש מיידל מיט א יידישער נעשאָמע. די גאַנצע כאַליאַסטרע עמיגראַנטן האָבן זיך פאַרליבט אין איר. און נאָר דערפאַר, וואָס זי רעדט צו זיי אַפּ יידיש, נישט אַפּ דייַטש. ווייַטער רעדן זיי אין אַנטווערפּן אַלע

דײַטש, כאָטש געב זיי א קרענק! פיני זאָגט אפילע, אז דאָס לאנד גע־
הער נישט צו קיין דײַטשן, און די יידן װאָלטן געמעגט רעדן יידיש
נישקאָשע, עס װאָלט זיי גאָרנישט געשאדט. אלע יידן פון דער זײַט
גרענעץ האָבן פײַנט יידיש, האָבן ליב דײַטש. אפילע די קאפּצאָנים
זייערע רעדן דאָ אויך אף דײַטש. ער װעט אײַך פייגערן פון הונגער,
אבי אף דײַטש! אזוי זאָגט בראָכע און טרײַבט אונדז אונטער, מיר
זאָלן שוין פאָרן קיין לאָנדאָן. ס'איז איר שוין נימעס געוואָרן דאָס
אנטלויפן מיט זייער לאָשן. אז ווו מע גייט און ווו מע שטייט, הערט
מען נאָר: בריליאנטן! דימענטן! אלע טראָגן זיך ארום מיט פולע קע־
שענעס, מיט גאנצע פעק בריליאנטן. עס זאָל זיך דאָס אפילע צוקלעפּן
צו אונדז א בריליאנטל! עמעצער פון זיי זאָל כאָטש װעלן פארלירן א
פאָר דימענטלעך, און איך זאָל זיי געפינען! אזוי זאָגט בראָכע, און די
אויגן אירע ברענען. איך ווייס נישט, וואָס בראָכע איז אזוי פארקאָכט
אין דימענטן מיט בריליאנטן. איך וואָלט אײַך אוועקגעגעבן אלע שטיי־
נער פון דער גאנצער וועלט פאר איין קעסטל פארבן מיט א בערש־
טעלע אף צו מאָלן. איך האָב אויסגעמאָלט א שיף נישט לאנג מיט א
שטיפטל אף פאפיר, א שיף מיט א כאליאסטרע עמיגראנטן, קעפּ אף
קעפּ. איך האָב דאָס מאָלעכץ אוועקגעשענקט גאָלדעלען, דעם מיידל,
וואָס מיט די קאלי אויגן. גאָלדעלע האָט דאָס געוויזן דעם פריילן
זײַטשיק. יענע האָט דאָס באוויזן אין דער „עזרא" פאר דער גאנצער
וועלט. האָט דערזעען אויך מײַן ברודער עליע, האָב איך געהאט פון
אים: „מענטשעלעך! וועסט אופהערן אמאָל מאָלן מענטשעלעך, צי
ניין?" מײַן ברודער עליע האָט מיך שוין לאנג אזוי נישט געשלאָגן.
איך האָב עס דערציילט גאָלדעלען. האָט דאָס גאָלדעלע דערציילט דעם
פריילן זײַטשיק. האָט דאָס פריילן זײַטשיק פירגעהאלטן מײַן ברודער עליע,
פארוואָס ער שלאָגט מיך. זי האָט אים באוויזן דאָס מאָלעכץ און האָט איבער
אים געטײַנעט און געטײַנעט. מײַן ברודער עליע האָט זי אויסגעהערט, און אז
ער איז געקומען אהיים, האָב איך ערשט דעמאָלט פון אים געהאט. מײַן
ברודער עליע זאָגט, אז ער מוז מיר ארויסשלאָגן דעם שיגאָען פון
מאָלן מענטשעלעך...

ג.

הײַנט זענען מיר געווען דאָס לעצטע מאָל בא דער „עזרא". וואָס מיר
האָבן דאָרט געטאָן — ווייס איך נישט. מײַן ברודער עליע האָט עפּעס
געטײַנעט. פיני האָט געמאכט מיט די הענט. בראָכע האָט זיך ארײַנגע־

מישט אינמיטן. די מאמע האָט געוויינט, די, וואָס זיצן אין דער „עזראָ", האָבן עפּעס גערעדט צו אונדז, געוויינטלעך, אַף דײַטש. דרײַ זענען דאָרטן געזעסן, און אַלע דרײַ האָבן זיך פאַרהערט, ווער קאָן בעסער רעדן דײַטש... פרעגט מיך בעכיירעם, וואָס זיי האָבן דאָרטן גערעדט? אַז מײַן קאָפּ איז מיר גאָר דאָרטן, אַפן שיף, אַפן יאַם, אין לאָנדאָן, אין אַמעריקע. און דאָ קומט צו לויפן גאָלדעלע אין איין אָטעם:

— דו פאָרסט שוין טאַקע?

— איך פאָר.

— ווען?

— מאָרגן.

— ווּהין?

— קיין לאָנדאָן.

— און פונדאָרטן?

— קיין אַמעריקע.

— און איך בלײַב דאָ מיט מײַנע קאַלי אויגן, און מײַן טאַטע־מאַמע — גאָט ווייסט, ווען איך וועל זיי זען!

אַזוי זאָגט גאָלדעלע און וויינט מיר אָפּ דעם קאָפּ. עס טוט מיר וויי דאָס האַרץ. איך וויל זי טרייסטן, האָב איך נישט קיין ווערטער. איך קוק אַף איר און טראַכט מיר: „ריבוינעשעלוילעם! וואָס האָסטו צו אָט דעם מיידל? וואָס האָט זי דיר געטאָן?"... איך נעם זי בײַ דער האַנט. איך גלעט זי:

— וויין נישט, גאָלדעלע. אָט וועסטו זען, איך וועל קומען קיין אַמעריקע און וועל מאַכן אַ לעבן, איז דאָס ערשטע — שיק איך דיר אַרויס אַ בלײַשטיינדל אַף צו שמירן די אויגן. נאָכדעם וועל איך דיר שיקן אַ שיפסקאַרטע, אַ האַלבע שיפסקאַרטע, ביסט דאָך נאָך נישט אַלט קיין צען יאָר. וועסטו קומען צו פאָרן קיין אַמעריקע. דאָרט וועט אַף דיר וואַרטן אין „קעסטל־גאַרטל" דײַן טאַטע מיט דײַן מאַמע. איך וועל אויך זײַן אין „קעסטל־גאַרטל". אַז דו וועסט צופאָרן מיטן שיף קיין אַמעריקע, זאָלסטו קוקן אין „קעסטל־גאַרטל" און זאָלסט מיך זוכן מיט די אויגן. איך וועל האַלטן אָט דאָס בלײַשטיפטל אין די הענט — זעסטו? אַז דו וועסט דערזען אין אַמעריקע אַ ייִנגל מיט אָט אַזאַ בלײַשטיפטל — זאָלסטו וויסן, אַז דאָס בין איך, מאָטל פייסים. נאָכדעם, אַז דו וועסט אַראָפּ פון שיף, וועסטו זיך צעקושן מיט דײַן טאַטע־

מאמע, אהיים וועסטו נישט גיין מיט זיי. דו וועסט זיי נאָר איבערגעבן די זאכן דײַנע און בעסער גיין אָנקוקן מיט מיר אמעריקע. איך וועל דיר ווײַזן גאנץ אמעריקע, מאכמעס איך וועל דאָך שוין זײַן קלאָר אין דעם אפּ אויסווייניק. נאָכדעם וועל איך דיך ברענגען אהיים צו דײַן טאטע־מאמע, וועסטו עסן מיט זיי וועטשערע, א פרישע יויך...

גאָלדעלע האָט נישט געוואָלט הערן ווײַטער. זי איז מיר געפאלן אפן האלדז און געקושט מיך. איך זי אויך.

ד.

אָט די בראָכע, הערט איר, האָט א טעווע: ווו מע פארזייעט זי נישט, אָרט וואקסט זי אויס. זי דארף אָנקומען אקוראט אין דער מינוט, ווען איך געזעגן זיך מיט גאָלדעלען! געזאָגט האָט זי מיר גאָרנישט. קיין האלב וואָרט אפילע. זי האָט נאָר אויסגעצויגן מיט איר מאנצבילשער שטים עפשער אף דרײַ קלאפטער: „אָז־וי־וי־וי?"...

נאָכדעם האָט זי עפּעס מאָדנע צונויפגענומען די ליפּן, פארדרייט די נאָז. א הוסט האָט זי אויך געטאָן בעשאס־מײַסע: „ע־העם!" און איז אוועק גלײַך צו מײַן ברודער עליע. וואָס זי האָט אים געזאָגט, וויס איך נישט. איך ווייס נאָר, אז איך בין ארויסגעגאנגען פון דער „עזרא", האָט מיר עליע אָפּגעשטעקט א געשמאקן פּאטש. עס האָט מיר געקלונגען אין ביידע אויערן.

— פאר וואָס? — פרעגט אים די מאמע, — פאר ווען?

— ער ווייסט שוין פאר וואָס!... — ענטפערט איר מײַן ברודער עליע, און מיר גייען אלע אף דער סטאנציע. דאָרט איז א מעהומע, א טאַ־רעראם. מע דארף זיך פּאקן. איך האָב ליב זען ווי מע פּאקט זיך. אפּ פּאקן זיך איז מײַן ברודער עליע איין בעריע. אז עס קומט צו פּאקן זיך, ווארפט ער אראָפּ די קאפּאָטע און הייבט אָן קאָמאנדעווען: „גיט אהער דאָס קויטיק גרעט!... מאמע, דעם טשײַניק!... דאָס היטעלע, בראָכע, דאָס היטעלע, גיכער! די קאלאָשן, פּיני, דו בלינדער יאצקאָ, דו סליפּאק איינער, דו זעסט נישט? אָט שטייען די קאלאָשן בא דיר אונטער דער נאָז!... מאָטל, וואָס שטייסטו, ווי א ליימענער גוילעם! העלפּ עפּעס טון! ער ווייסט נאָר מאָלן מענטשעלעך! מענטשעלעך!"...

דאָס מיינט ער שוין מיך. איך טו מיך א וואָרף און הייב אָן העלפּן טראָגן און ווארפן, וואָס עס קומט מיר אין די הענט. ווערט מײַן ברו־דער עליע אין קאס, לעמײַ איך ווארף, און וויל מיך שלאָגן. שטעלט

זיך אײַנ פאר מיר די מאמע: „וואָס ווילסטו האָבנ פונעם קינד?"...
געפעלט נישט בראָכענ, לעמײַ די מאמע רופט מיך „קינד", אונ צעקריגט
זיך מיט דער מאמע... דערמאנט איר די מאמע, אז איך בינ א יאָסעם,
אונ וויל אָנהייבנ וויינענ... זאָגט איר עליע: וויינ, וויינ! וויינ אויס
דאָס לעצטע ביסל אויגנ!...

אָט באלד פארלאָזנ מיר אנטווערפנ.

זײַ געזונט, אנטווערפנ!

XXII

לאָנדאָנ, פאַרוואָס ברענסטו נישט?

א.

זינט איך לעב, בינ איך נישט געווענ אפ אזא יאריד, ווי אינ לאָנדאָנ. נישט אינ לאָנדאָנ איז א יאריד, נאָר לאָנדאָנ אלײנ איז א יאריד. סע קלאפט, אונ סע קלינגט, אונ סע פײַפט, אונ סע טראסקעט, אונ מענטשנ — מענטשנ אזוי ווי מאָנ, אזוי ווי מערעשקעס! פונוואנענ נעמענ זיך אזויפיל מענטשנ, אונ ווהינ לויפנ זײ? אפּאָנעם, זײ זענענ הונגעריק, אָדער זײ האלטנ בא אוועקפּאָרנ. אניט, וואָס דארפ מענ זיך אזוי שטופנ, שלאָגנ זיך מיט די עלנבויגנס, אומווארפנ א מענטשנ אונ טרעטנ אימ מיט די פיס? איך רעד פונ פיניענ. אונדזער כאווער פיני, אויב איר געדענקט, האָט א נידעריקע ריִע. דערצו האָט ער א טעווע, ער האלט דעמ קאָפּ ארופּ אונ פלאָנטעט מיט די פיס. א פארטראָגענער מאלעכ. דער קאָפּ פליט בא אימ. דעמ ערשטנ באָרעכאבע האָט ער געכאפּט אפ דער באנ. מיר זענענ נאָר ארויסגעקראָכנ פונ וואגאָנ, האָט זיך שוינ געטראָפנ אנ אומגליק. דער ערשטער איז ארויסגעפלויגנ פיני. אײנ הויז פארקאטשעט, אײנ זאָק ארא͏ָפּגעלאָזט, דאָס האלדזטיכל פונ יענער זײַט — אזוי ווי טאָמיד. איך האָב נאָך פיניענ קײנמאָל נישט געזעענ אזוי האָפּערדיק. ער האָט געברענט, ווי אפ פּאָקנ. ער האָט אָנגעהויבנ שיטנ מיט מאָדנע ווערטער, ווי זײַנ שטײגער איז: „לאָנדאָנ! ענגלאנד! דיזראעלי! באָקל! היסטאָריע ציוויליזאציע!...” עס איז אומעגלעכ געווענ אימ אײַנצושטילנ. עס האָט נישט געדויערט קײנ צוויי מינוט, איז אונדזער כאווער פיני שוינ געלעגנ אפ דער ערד, אונ מענטשנ האָבנ געשפּאנט איבער אימ, ווי מע שפּאנט איבער א שײַט האָלצ. א גליק, וואָס זײַנ ווײַב טײַבל האָט געמאכט א גוואלד: „פיני, ווו ביסטו?” האָט זיך מײַנ ברודער עליע געגעבנ א וואָרפ אונ האָט אימ ארויסגע-

שלעפּט אַ צעקנייטשטן און אַן אָפּגעבליאַקעוועטן, ווי אַן אַלטן קאַפּעליוש. דאָס איז געווען נומער איינס. דעם צווייטן פּסאַק האָט ער געכאַפּט דעמזעלבן טאָג אין שטאָט, און דאַפּקע אַף דער ייִדישער גאַס, וואָס מע רופט זי מיט אַ מאָדנעם נאָמען „ווײַטשעפּעל", דאָרט, ווו מע פאַרקויפט פיש און פלייש, סידורים, ציצעס, עפּל, קוואַס, טאָרט מיט צוקערלעקעך, מיט אָנגעשניטענע שטיקלעך הערינג, טאַלייסים, לימענעס, וולוטשקע, אייער, גלעזלעך, טעפּ, קאַלאָשן, לאָקשן, בעזעמער, פּײַפּעלעך, פעפער, שטריק — פּונקט דאָס אייגענע, וואָס בײַ אונדז. ס'זאָל פעלן אַ האָר. אפילע בלאָטע אויך, ווי בײַ אונדז. און שמעקן שמעקט אויך ווי בײַ אונדז. אַמאָל נאָך ערגער. מיר האָבן זיך דערפרייט, אַז מיר האָבן דערזען דעם ווײַטשעפּעל. פּיני האָט זיך שוין צופיל דערפרייט. „באַרדיטשעוו! — האָט ער זיך צעשריגן, — גוואַלד, ייִדישע קינדער! מיר זענען נישט אין לאָנדאָן, מיר זענען אין באַרדיטשעוו!" אוי, האָט ער געכאַפּט אַ באַרדיטשעוו! איך האָב געמיינט, מע וועט אים דאַרפן אוועקפירן אין שפּיטאָל. פון דעמאָלט אָן לאָזט אים טײַבל אַליין נישט גיין איבער לאָנדאָן אפילע אַ טריט. איך קוק אַף דעם ווײַטשעפּעל און טראַכט מיר: ריבוינעשעלוילעם, אַז אין לאָנדאָן איז אַזוי, הײַנט וואָס קאָן שוין זײַן אין אַמעריקע?!...

רעדט-זשע אָבער מיט בראָכען, זאָגט זי, אַז לאָנדאָן וואָלט געמעגט פאַרברענט ווערן נאָך איידער מיר זענען געקומען. פון דער ערשטער מינוט, וואָס מיר זענען געקומען קיין לאָנדאָן, האָט מײַן שוועגערן בראָכע געוואָרפן אַן אומכיין אַף דער שטאָט—סאַקאָנעס! ס'איז דען אַ שטאָט? — זאָגט זי — ס'איז נישט קיין שטאָט, ס'איז אַ גענעם! עס וואָלט געמעגט קומען אַף איר אַ סרייפע נאָך פאַראַיאָרן! אַזוי זאָגט בראָכע, און מײַן ברודער עליע פּרוּווט זיך פאַרענטפערן די שטאָט, זוכן מײַלעס, נאָר עס העלפט אים, ווי אַ טויטן באַנקעס. בראָכע הערט נישט אויף צו שיטן פעך און שוועבל אַף דער שטאָט און ווינטשעווען, זי זאָל אָפּברענען. קיין אַנדער שטראָף ווינטשט זי איר נישט, נאָר ברענען. פּיניעס ווײַב טײַבל האַלט זי אונטער. די מאַמע זאָגט: „עפשער וועט גאָט ראַכמאָנעס האָבן און דאָס לאָנדאָן וועט זײַן אונדזער לעצט אָפּקומעניש?" נאָר מיר אין דרײַען: איך און עליע און פּיני האַלטן פון לאָנדאָן אַן אוילעם אומלויע. אונדז איז דאַפּקע געפעלן אָט דער טומל, וואָס סע טומלט, מיט דעם קאָכעניש, וואָס סע קאָכט.

וואָס אַרט עס אונדז, אַז סע קאָכט? לאָז קאָכן. אונדז געפעלט נאָר

נישט, וואָס מיר גייען ארום אָן ארבעט. מיר זוכן א קאָמיטעט און קאָנען נישט געפינען. וועמען מיר פרעגן, איז אָדער מע ווייסט נישט, אָדער מע וויל נישט ענטפערן. מע האָט קיין צײַט נישט. מען איז פארטראָגן. מע לויפט! מיר מוזן אָבער האָבן א קאָמיטעט, מיר קאָנען זיך אָן א קאָמיטעט נישט באגיין. נישט מאכמעס קיין זאך, נאָר מאכ־מעס דעם, וואָס מיר האָבן נישט מיט וואָס צו דערשלעפן זיך קיין אמעריקע. מײַן ברודער עליעס קעשענע האָט זיך אויסגעליידיקט. דאָס געלט, וואָס מיר האָבן אָפּגעלייזט פאר אונדזער האלבע דירע, איז אוועק ווי א רויך. פיני לאכט פון עליען: „וואָס וועסטו טון מיט דער קעשע־נע?"... עליע איז אין כּעס, ער האָט פײַנט, אז מע טרײַבט קאטאָוועס. ער איז פונקט דער היפּעך פון זײַן כאווער פיני. ער איז א פארוויינטע נעשאָמע. פיני רופט אים: „דאָס פארזאָרגטע באלעבעסל..." איך האָב פּי־ניען ליב נאָר דערפאר, וואָס ער איז טאָמיד פריילעך. זינט מיר זענען געקומען קיין לאָנדאָן, איז ער נאָך געוואָרן פריילעכער. ער זאָגט, אז דאָרט, אין קראָקע, לעמבערג, בראָד, אנטווערפּן, ווין מוז מען רעדן דײַטש. דאָ אין לאָנדאָן איז א מעכײַע. מע קען רעדן ייִדיש, ווי אין־דערהיים, דאָס הייסט האלב ייִדיש, האלב רוסיש.

דאָס לאָשן זייערס איז ערגער נאָך פון דײַטש. בראָכע זאָגט, אז דרײַ ענגלענדער מעגן זײַן א קאפּאָרע פאר איין דײַטש. זי זאָגט: ווו איז דאָס געהערט געוואָרן אין דער וועלט, אז א גאס זאָל הייסן ווײַטשעפּעל, און געלט זאָל הייסן „אײַפּעני", „טאפּעני", „טריפּעני"? ס'איז דאָ נאָך א וואָרט, וואָס געהער זיך אָן מיט געלט, הייסט עס „פײַפ". מיט דעמדאָזיקן „פײַפ" האָט זיך געטראָפן בא אונדז א גאנצע מײַסע. אויב איר ווילט, קאָן איך זי אײַך דערציילן.

ב.

איר ווייסט דאָך שוין, אז מיר זוכן א קאָמיטעט אין לאָנדאָן. געפּי־נען אין לאָנדאָן א קאָמיטעט—איז פונקט ווי אין א וואָגן שטרוי א נאָדל. נאָר ס'איז דאָך אָבער דאָ א גאָט אפ דער וועלט. גייען מיר איינמאָל אזוי איבערן ווײַטשעפּעל. פארנאכטלעך איז דאָס געוועזן. דאָס הייסט, נישט פארנאכט, נאָר באטאָג. אין לאָנדאָן איז נישטאָ נישט קיין באטאָג, נישט קיין אינדערפרי. אין לאָנדאָן איז שטענדיק פארנאכט. באגעגנט אונדז א ייִד מיט א קורץ ווייטיקל, מיט א טשודנעם קאפּעליוש און מיט זוכנדיקע אויגן.

— איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז איר זענט ייִדן...

אַזוי זאָגט צו אונדז דער ייִד מיטן קורצן ווייטיקל, און פּיני ענט־פערט אים:

— קאָניעטשנאָ. נאָך וואָסערע ייִדן! פון ייִדנלאַנד!...

— ווילט איר עפּשער פאַרדינען אַ מיצווע?

אַזוי מאַכט ווידער דער ייִד, און פּיני ענטפערט אים:

— לעמאָשל־נאַפּרימער?

— איך האָב יאָרצײַט און קאָן נישט אוועקגיין פון דער היים. עס פעלט מיר אויס נאָך אַ פּאָר מענטשן צו אַ מיניען... דאָס באָכערל איז שוין באַר־מיצווע, צי נאָך נישט?

דאָס מיינט ער מיך. מיר איז דאָס דאַפקע געפעלן, וואָס ער רופט מיך „באָכערל" און מיינט, אַז איך בין שוין באַרמיצווע.

אַרופגעדראַפּעט זיך מיט אים אין דער פינצטער אַף די טרעפּ, זענען מיר אַרײַן אין אַ פינצטער כיידערל, אָנגעפּאַקט מיט קליינע פאַר־מורזעטע קינדער און אָנגעפילט מיט אַ געדיכטן רייעך פון „געפּרייטע" פיש. קיין מיניען איז נאָך נישט געווען, עס האָבן נאָך געפעלט זיבן. דער ייִד האָט אונדז געבעטן זיצן, און אַליין האָט ער געגעבן אַ שפּרונג אַף דער גאַס, טאָמער וועט ער כאַפּן נאָך אַ צוויי ייִדן. ער האָט געגעבן עטלעכע שפּרינג, ביז ער האָט צונויפגעשלאָגן אַ מיניען. איך האָב מיך דערווײַל באַקענט מיט די פאַרמורזעטע קינדערלעך און געכאַפּט אַ קוק אין אויוון. דאָרט האָבן זיך „געפּרייט" פיש. בא אונדז אינדערהיים זאָגט מען געפּרעגלט. דאָ דאַרף מען זאָגן „געפּרייט". איך ווייס נישט, פאַרוואָס? עפּשער דערפאַר, ווײַל ס'איז אַ פרײַ לאַנד, הייסט דאָס געפּרייטע פיש? אָדער דערפאַר, ווײַל די פיש פרייען זיך בעשאַס מע פּרעגלט זיי? סײַווי־סײַ זענען געפּרייטע פיש גאָרניט אַזוי שלעכט, ווי מײַן שוועגערן בראָכע מאַכט דעם אָנשטעל. ווען מע גיט מיר איצטער אַ שטיקל געפּרייטע פיש, וואָלט איך זיך מעכײַע געווען. איך מיין, אַז בראָכע אַליין וואָלט זיך אויך נישט אָפּגעזאָגט. מיר האָבן אַלע אַ גאַנצן טאָג קימאַט געפאַסט. מיר לעבן שוין עטלעכע טאָג מיט אַ שטיקל הערינג און מיט רעטעך. אין ווײַטשעפּעל קריגט איר גוטע שוואַרצע רעטעכער. דער ייִד וואָלט געטאָן אַ סייכל, ווען ער בעט אונדז, מיר זאָלן בלײַבן מיט אים עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן. אַפּאָ־נעם, ער הייבט נישט אָן צו פילן, אַז מיר ווילן עסן. פונוואַנען ווייס איך דאָס? מאַכמעס, וויבאַלד מיר האָבן אָפּגעדאַוונט מינכע און ער

האָט אָפּגעכאפּט דעם קאדעש, האָט ער אונדז באלד אָפּגעדאנקט פאר
דער טירכע און האָט אונדז געזאָגט, אז מיר קאָנען גיין. מײַנ ברודער
עליע האָט אָבער געוואָלט האָבנ דורכ אים א שטיקל טויווע. האָט ער
געמאכט א שמו׳עס מיט אים וועגנ קאָמיטעט און געכאפּט א קוק בע־
שאס־מײַסע אפ די געפרייטע פיש און געגעבנ א שלונג־אראָפּ. דער ייִד
האָט מיט איינ האנט געהאלטנ בא דער קליאמקע פונ דער טיר, און
מיט דער אנדערער האנט האָט ער אונדז דערציילט פונעם קאָמיטעט
עפּעס זייער נישט קיינ פריילעכע מײַסעס. ערשטנס, האָט דער ייִד גע־
זאָגט, אז עס הייבט זיכ גאָרנישט אָנ—גאָר נישטאָ קיינ קאָמיטעט. דאָס
הייסט, ס׳איז דאָ א קאָמיטעט, עטלעכע קאָמיטעטנ, נאָר די לאָנדאָנער
קאָמיטעטנ געבנ נישט אזוי גיכ קיינ געלט. אויב איר ווילט באהילפיק
זײַנ פונ א לאָנדאָנער קאָמיטעט, מוזט איר פריִער זיכ גוט אָנלויפנ,
ברענגענ פאפּיר און איידעס, אז איר זענט אנ עמיגראנט און פאָרט
קיינ אמעריקע. מאכמעס ס׳איז דאָ אסאכ עמיגראנטנ, וואָס זאָגנ נאָר,
אז זיי פאָרנ קיינ אמעריקע. נאָכדעם, אז איר ברענגט שוינ אלצדינג,
קאָנ מענ אײַכ פונ קאָמיטעט געבנ צושטײַער נאָר אפ צוריקוועגס, דאָס
הייסט, איר זאָלט פאָרנ צוריק אהיים. מאכמעס די לאָנדאָנער קאָמיטעטנ
האלטנ נישט פונ אמעריקע. דערהערט אזעלכע דיבורים, איז מײַנ ברו־
דער עליע באלד געוואָרנ אינ קאס (איר ווייסט דאָכ, אז ער איז א
קײַסנ). און פּיני איז דאָכ אוודע א היציקער פארשוינ, האָט ער אָנגע־
הויבנ אפ זײַנ לאָשנ:

— קאק מאָזשנע — וויִאזוי איז דאָס מעגלעכ? קאקאָי פּאָלנע
פראוו — ווי האָבנ זיי דאָס רעכט אונדז הייסנ פאָרנ צוריק? קאק אימ
נע סטידנאָ — ווי שעמענ זיי זיכ נישט אינ א לאנד פונ ציוויליזאציע?

שלאָגט אים איבער דער ייִד פונעם מיניענ, האלט אָפּנ די טיר און
זאָגט צו אים:

— רעד אהער, רעד אהינ! אָט האָב איכ אײַכ געגעבנ אנ אדרעס
פונ א קאָמיטעט, פאָרט זיכ דורכ אליינ צום קאָמיטעט, וועט איר זענ,
אז ס׳איז אָלרײַט.

ג.

ארויסגעגאנגענ פונעם יאָרצײַט, איז אונדז נאָכגעלאָפנ דער רייעכ
פונ די געפרייטע פיש. מיר אלע האָבנ געקלערט וועגנ זיי, נאָר רעדנ
האָט קיינער נישט גערעדט פונ זיי, אכוץ בראָכע. זי האָט זיי אָנגע־
בענטשט א פולנ קאָפּ. זי האָט זיי געווינטשעוועט, זיי זאָלנ זיכ דער־

ווערגנ, ריבוינעשעלוילעם, מיט זייערע געפרייטע פיש, וואָס זיי אווערנ אפּ א מייל. מיינ מאמע קאָנ נישט ליידנ:

— וואָס האָסטו צו זיי? נעבעכ ערלעכע מענטשנ! זיצנ אינ אזא גענעם—פונדעסטוועגנ, אז עס קומט צו א יאָרצייט, זוכט מענ א מיניענ...

דערופ ענטפערט איר בראָכע:

— שוויגער! לאָזנ זיי אייכ ברענענ איגיינעם מיט זייערע יאָרצייטנ אונ מיט זייערע געפרייטע פיש! מע שטעלט אָפּ פרעמדע מענטשנ, מע רופט זיי אריינ צו זיכ אינ שטוב אריינ,—נעם געב דעם קינד א שטיקל געפרייטע פיש כאָטש פונ יויצע וועגנ...

דאָס מיינט זי מיכ. אָט ערשט בינ איכ געווענ באַם יידנ א באר־מיצווע־באָכערל, איצט בינ איכ שוינ געוואָרנ בא בראָכענ א „קינד"... גוטע יאָרנ, אז בראָכע נעמט זיכ אָנ מיינ קריוודע! אזוי טראכט איכ. מיר לאָזנ זיכ אלע זאלבעזעקסט צום קאָמיטעט. אנ אייצע האָט אונדז דער ייד געגעבנ, א דאנק אים, אז מיר זאָלנ נישט גיינ צופוס, מיר זאָלנ בעסער זיכ אופּזעצנ אפנ טראמוויי אונ פאָרנ גלייכ. האָט אָבער דער לאָנדאָנער טראמוויי א טעווע — ער האָט פיינט זיכ אָפּשטעלנ. וויפל מע זאָל צו אים נישט מאכנ מיט די הענט — ער טוט זיכ זיינס — ער לויפט. נאָכלויפנ אים וועט איינ נישט העלפנ — איר וועט אים נישט כאפּנ. א גליק, וואָס איינער האָט זיכ אפּ אונדז דערבארעמט, אונ דאפּקע אנ ענגלענדער מיט אָפּגעגאָלטע וואָנצעס (טאָמער זעט איר א מענטשנ מיט געגאָלטע וואָנצעס, זאָלט איר וויסנ, אז ס'איז אנ ענג־לענדער). דער ענגלענדער האָט געזעענ, אז מיר מאכנ מיט די הענט צו די טראמווייענ, אונ די טראמווייענ לויפנ, האָט ער אונדז צוגעפירט צו א קלויסטער אונ האָט אונדז אָנגעוויזנ מיט די הענט, אז דאָ זאָלנ מיר שטיינ. קאכאווע. עס האָט נישט געדויערט קיינ מינוט, איז אָנגעלאָפנ א טראמוויי אונ האָט זיכ אָפּגעשטעלט. זענענ מיר אלע אריינ — איכ אונ מיינ ברודער עליע, אונ אונדזער כאווער פיני, אונ די מאמע, אונ בראָכע, אונ טייבל — אונ מיר פאָרנ. גיימ צו דער קאָנדוקטער אונ הייסט זיכ, מע זאָל נעמענ בילעטנ. שטעלט זיכ ארויס פיני אונ פרעגט אים: סקאָלקאָ־וויפל? זאָגט אים דער קאָנדוקטער: „פּיים". פרעגט אים פיני נאָכאמאָל: סקאָלקאָ־וויפל? זאָגט אים דער קאָנדוקטער ווידעראמאָל, שוינ מיט קאס: „פּיים". דרייט זיכ אויס צו אונדז פיני אונ זאָגט: טשטאָ טאקאָיע, איר הערט? ער הייסט מיר פּייפנ! גייט צו מיינ ברודער עליע אונ פרעגט אים מיט די הענט: וויפל קאָסט א פאָר? זאָגט אים דער קאָנדוקטער

שוין רעכט אין קאָס: „פּײַפ״! צעלאַכט זיך פּיני, און עליע רופט זיך אָן צום קאָנדוקטער שוין אויך מיט קאָס: „פּײַפּ אַליין!״... ווערט דער קאָנדוקטער מאָלע גאזלען, טוט א צי בא א שטריק, שטעלט אָפּ דעם טראַמוויי און וואַרפט אונדז ארויס מיט אזא רעציכע, גלײַך ווי מיר האָבן אים געוואָלט קוילען און צונעמען זײַן רײַזע־טאַש מיטן געלט. צום סאָף לאָזט זיך אויס, אז דאָס, וואָס דער קאָנדוקטער האָט „געפּײַפט״, האָט ער דאָס געמיינט פינף.

— נו? זאָל נישט קומען א סרייפע אָפּ לאָנדאָן?

אזוי זאָגט בראָכע, און מיר גייען אין קאָמיטעט ארײַן צופוס.

ד.

אין לאָנדאָנער קאָמיטעט איז פרייליך, ווי אין אלע קאָמיטעטן. אין הויף וואַלגערן זיך עמיגראַנטן אזוי ווי מיסט, און אינווייניק אין שטוב זיצן מענטשן און רויכערן ציגאַרן און זאָגן זיך איינס דאָס אַנ־דערע: אָלרײַט. דער כילעק איז, וואָס די דײַטשישע קאָמיטעטשיקעס טראָגן די וואָנצעס פאַרדרייט ארוף און רעדן אָפּ דײַטש, און די לאָנ־דאָנער קאָמיטעטשיקעס האָבן אָפּגעגאָלט די בערד מיט די וואָנצעס אינגאַנצן און רעדן: „אָלרײַט״! א טעאַטער מיט זיי. די מאַנצבילן גייען געגאָלט, און די ווײַבער טראָגן אלע פּאַריקן אָפּ די קעפּ. און נישט נאָר די ווײַבער, אפילו די מיידלעך טראָגן צוגעקלעפּטע האָר מיט אויסגעדרייזלטע בוקלעס, האָבן אלע גרויסע ציין און זענען אזוי מיִעס, אז סע שלאָגט צו דער גאַל. פונדעסטוועגן לאַכן זיי פון אונדז אין די אויגן, טײַטן מיט די פינגער און קוויטשען אזוי, אז ס׳איז א ביזאָיען פאַר לײַטן. צוויי מיידלעך האָבן אונדז אָפּגעשטעלט אינמיטן גאַס און האָבן זיך צוגעטשעפּעט צו מײַן ברודער עליע, ער זאָל גיין אין „באַרבער־שאָפּ״. פריִער האָבן מיר נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס באַ־טײַט. איצט ווייסן מיר שוין: גיין אין באַרבער־שאָפּ הייסט אָפּשערן זיך און אָפּגאָלן זיך. מאָדנע ברויִם. אליין גייען זיי פאַרדריפּעט ביזן האַלדז, פרעסן אינמיטן גאַס געפּרייטע פיש, וואָס לאָזן זיך הערן פאַר א מײַל, און האָבן פּײַנט האָר. שיקורים זענען זיי אויך גאַנץ נישקאָשע־דיקע, נאָר זיי וואַלגערן זיך נישט אָפּ דער גאַס, אזוי ווי בא אונדז. מע לאָזט זיי נישט. א לאַנד איז דאָס זייער א ווילדס, זאָגט בראָכע, נאָר עס וויל נישט ברענען!

— וואָס וועט דיר ארויסקומען, אז ס׳וועט ברענען?

אזוי פרעגט בא איר מײַנ ברודער עליע, אונ כאפּט פונ איר א מיִעסנ פּסאק. בראָכע, אז זי וויל, קאָנ זי, אמאָל, מאכט זיך, זאָל זי אײַך שווײַגנ, נישט רעדנ א וואָרט צו קיינעם, אונ אמאָל עפּנט זיך אופּ בא איר א קוואל פונ ווערטער, איז אָדער פארשטעלנ זיך די אויערנ מיט וואטע, אָדער לויפנ אינ דער וועלט ארײַנ. איך געב אײַך איבער אירע רייד וואָרט בא וואָרט:

— וואָס שטעלסטו זיך אזוי אײַנ פאר דעם געבענטשטנ לאָנדאָנ מיטנ שווארצנ הימל, מיט די געגאָלטע מאָרדעס, מיט דעם שיינעם ווײַטשעפּעל, מיט די געפּרייטע פּיש, מיט די אלטע מוידנ, מיט די געדרייטע בוקלעס, מיט די פּארדריפּעטע קליידלעך, מיט די קאפּצאָנים, וואָס טרינקענ דזשינדזשער־ביר, מיט די קאָנדוקטאָרנ, וואָס הייסנ פּײַפּנ, מיט די ייִדנ, וואָס האָבנ יאָרצײַט אונ זשאלעווענ א טרונק וואסער? אזא שטאָט מוז ברענענ!

אזוי זאָגט בראָכע אינ אײנ אָטעם ווי די עשרת בני המן[38] — אונ לאָזט אויס מיט צונויפגעלייגטע הענט:

— לאָנדאָנ, פארוואָס ברענסטו נישט?!...

ריבוינעשעלוילעם! ווענ וועלנ מיר שוינ זײַנ אינ אמעריקע???...

מאָטל פּייסי דעם כאזנס

קסאָווים פון א יינגל א יאָסעם

צווייטער טייל

אין אמעריקע

1

מאזלטאָוו, מיר זענען שוין אין אמעריקע!

א.

אונדז קומט מאזלטאָוו — מיר זענען שוין אין אמעריקע. דאָס הייסט, מע זאָגט, אז מיר זענען אין אמעריקע. אמעריקע האָבן מיר נאָך ניט געזען, וואָרעם מיר זענען נאָך דערווייל אין „קעסטל גארטל". דאָס הייסט, אמאָל האָט דאָס אזוי געהייסן. היינט הייסט עס שוין מער ניט „קעסטל־גארטל", נאָר „עליס איילאנד". פארוואָס עפּעס „עליס איילאנד"? „ווייל דאָס שטיקל לאנד האָט אמאָל געהערט צו איינעם עלי, איז ער געווען א נאר ביז דער סטעלי". אזוי זאָגט אונדזער כאָווער פּיני צום גראם, ווי זיין שטייגער איז. פּיני איז אין כּאַס אפן עליס איילאנד מיט סאקאָנעס. לעמיי מע פארהאלט די אָרעמע עמיגראנטן, און די רייכע לאָזט מען אריין גלייך ווי זיי קומען אָן מיטן שיף. דאָס פּאסט, זאָגט ער, נאָר פאר פּאָני־גאנעוו, ניט פאר אזא פריייע מעדינע, ווי אמע־ריקע. אלע דארפן דאָ זיין גלייך. נישטאָ קיין אָרעם, נישטאָ קיין רייך. און ער הייבט אָן שיטן מיט נעמען: קאָלומבוס, שעקספּיר, באָקל, ציווי־ליזאציע... ער קלויבט זיך אָנשרייבן אף זיי א ליד און אוועקגעבן זיי א גאָב, אז דער שווארצער יאָר זאָל זיי נעמען! האָט ער ניט קיין טינט און פּעדער און קיין ברעקל פּאפּיר. זאָגט אים מיין ברודער עליע, אז אויב עס געפעלט אים ניט דאָס לאנד, האָט ער א בריירע פאָרן צוריק. און דאָס געדענקט איר דאָך מיסטאמע פון אמאָל, אז די צווי, פּיני און עליע, זיינען זעלטן שאָווע בעשאָווע [1]. וואָס איינער זאָגט, דרינגט דער אנדערער קאפּויר. „דער זומער מיטן ווינטער" — רופט זיי מיין ברודער עליעס ווייב, בראָכע, און כאפּט א מיעסן פּסאק פון איר מאן, פון עליען. ער רופט זי אָן „בעהיימע", און „סאָטע ציג", און נאָך אזעלכע נעמען, וואָס ס'איז ניט קעדיי איבערצוכאזערן. מישט זיך אריין די מאמע און זאָגט צו איר שנור, אז קעץ רייסן זיך, טאָר א מענטש ניט זיין אינמיטן, וואָרעם ער קאָן כאפּן א דראפּ.

ב.

וואָס טוען מיר אין עליס אײַלאנד? מיר וואַרטן ביז מע וועט קומען פון שטאָט, באַקאַנטע און פרײַנט, און מע וועט אונדז אויסשרײַבן. כאָטש שרײַבן האָט מען אונדז אויסגעשריבן שוין וויפל מאָל. מע האָט אונדז געשריבן, פאַרשריבן און אויסגעשריבן פאַרן אַרופגיין אפן שיף, און אפן שיף גופע, און איצט, באַם אַראָפגיין פון שיף. און אַלע מאָל די אייגענע כאָכמע: ווער זענען מיר? וווהין פאָרן מיר? און וועמען האָבן מיר אין אַמעריקע?

דערציילן מיר זיי, אַז ס'איז געווען אַ ייִד פּייסי דער כאַזן — איז ער געשטאָרבן. האָט ער איבערגעלאָזט אַן אַלמאָנע — דאָס איז די מאַמע. האָט זי אַ זון — הייסט ער עליע. האָט ער אַ ווײַב — הייסט זי בראָכע. האָט ער אַ כאַווער — הייסט ער פּיני. האָט ער אַ ווײַב — הייסט זי טײַבל. און איך בין דער מיזיניק — הייס איך מאָטל. און דאָס איז מײַן כאַווער — הייסט ער מענדל. און ווײַל ער איז אַ גרויסער — האָט אים בראָכע אַ נאָמען געגעבן לאָשעק.

וועמען האָבן מיר אין אַמעריקע? גאַנץ אַמעריקע איז אונדז באַקאַנט און אַלע ייִדן זענען אונדזערע פרײַנט. ריישיס כאָכמע[2], מוישע דער אײַנבינדער און זײַן ווײַב פּעסי די גראָבע — אונדזערע אַ שכיינע, מיט אַ גאַנצער כאַליאַסטרע קינדער. האָט זיך יעדער זײַן נאָמען מיט זײַן צונעמעניש. און מיר רעכענען זיי אויס אף די פינגער: פּיני קלעצל, וועלוול קאָטער, מענדל טשערנאָהוז, כאַים בופלאַקס, פײַטל פּעטעלעלע און הערשל מיט דער גאָלי אפן שטערן, וואָס מע רופט אים „וואַשטי"...

שלאָגט מען אונדז איבער אינמיטן און מע זאָגט אונדז: „גענוג, גענוג קליינוואַרג. עלטערע! גיט אהער עלטערע!" געבן מיר זיי עלטערע, און רעכענען זיי אויס די נעמען: יוינע דער בעקער, אַ ייִד אַ קײַסן. איז ניט איינס. זײַן ווײַב ריכועלע די בעקערן, אַ ייִדענע מיט אַ רעטאָנדע. איז ניט צווי. דאָס הייסט, זי האָט געהאַט אַ רעטאָנדע, האָט מען זי אָוועקגעגאַנוועט אף דער גרענעץ. דערהערט דאָס וואָרט „גרענעץ", דערמאַנט זיך די מאַמע אָן אונדזערע זאַכן, וואָס מע האָט אויך אָוועקגעגאַנוועט אף דער גרענעץ. הייבט זי אָן בעטן, טאָמער איז מעגלעך, מע זאָל איר קריגן די זאַכן, — און הייבט אָן צו וויינען. פאַלט אָן אף איר עליע, לעמײַ זי וויינט. זאָגט זי, אַז איצט איז זי שוין

אין אמעריקע און האָט שוין קיין מורע ניט פאר די אויגן, מען זי שוין, זאָגט זי, וויינען און וויינען.

ג.

וויאזוי האָט מען זי דורכגעלאָזט מיט די אויגן — איז טאקע א נעס מין השאמאַיִם [3]). לעמיי וויאזוי זענען מיר לעבן געבליבן פון דער נעסיעה אפן יאם? איז עס דען ניט געווען קיין ניסים ווענילפלאָעס? וויפל מאָל האָבן מיר געזעען מיט אונדזערע אויגן דעם מאלכאמאָ־וועס, דעם טויט פאר די אויגן? וויפל מאָל האָבן מיר זיך שוין געהאט אָפגעזעגנט מיטן לעבן?

טכילעס, אז מיר זענען ארוף אפן שיף „פרינצ אלבערט", איז דאָפּ־קע געווען גוט און פיין. איך און מיין כאווער מענדל האָבן זיך גע־לאָזט אויסמעסטן דעם „פרינצ אלבערט" אין דער לענג און אין דער בּרייט. קיינעם איז ניט געווען אזוי גוט, ווי אונדז. מיר האָבן קיינמאָל ניט געהאט אזא קווארטיר, ווי איצט. א וואסער־שטוב. א דריי־גאָר־נדיקע שטוב אפן וואסער. איך האָב אייך זי געהאט שוין אמאָל אויסגעמאָלט מיט אלע פּישטשעווקעס. שטעלט אייך פאָר — איר זיצט, דאכט זיך, אין שטוב, אָדער איר שפּאצירט ארום, די הענט איר די קעשענעס, און — איר פאָרט! איר עסט און — איר פאָרט! איר טרינקט און — איר פאָרט. הייִנט די מענטשן, וואָס איר זעט זיך אָן. א וועלט מיט מענטשן. א גאנצע שטאָט פאָרט מיט אייך. און מאכמעס אלע פאָרן אפ איין שיף און אלע פאָרן אין איין אָרט ארייַן, קיין אמעריקע — באקענט איר זיך מיט אלעמען און אלע באקענען זיך מיט אייך, און איר ווערט געוואָר אין איין טאָג אזויפיל זאכן, וואָס אין אן אנדער אָרט וואָלט איר עס ניט דערגאנגען אין א יאָר.

ד.

וויי־ווי, וויפל באקאנטע מיין מאמע און מיין שוועגערן בראָכע מיט פּיניעס ווייב טייבל האָבן זיך געמאכט צווישן די ווייבער. נאָר דאָס איז געווען גארניט קעגן די באקאנטע, וואָס מיין ברודער עליע און זייַן כאווער פּיני האָבן זיך געפונען צווישן די מאנצבילן. וויפל מע האָט ניט גערעדט און גערעדט, האָט מען ניט געקאָנט זיך געגוג אָנרעדן. ווייבער האָבן גערעדט מער פון היימישע זאכן. פון זאכן, וואָס זענען שייַעך צו דער קיך, צו דער שפּיזארני, וועסגרעט, קויטיק

גרעט, בעטגעוואנט, זאָקן, ציכלעך, רעטאָנדעס, און די מאַנצבילן — די האָבן גערעדט פון אמעריקע, פאַרנאַסע, קאָלומבוס, גזיירעס, פּאָג־ראָמען.

אָן גזירעס און אָן פּאָגראָמען קאָנען זיי זיך ניט באַגיין. און איך האָב אײַך שוין לאַנג געזאָגט, אַז איך האָב עס פֿײַנט. הייבט מען אָן רעדן פון גזירעס אָדער פון פּאָגראָמען, גיי איך אוועק. איך נעם מײַן כאַווער מענדל פאַר א האַנט, און מיר לאָזן זיך שפּאַצירן איבער די גאַסן פון „פּרינץ אַלבערט".

ה׳

„פּרינץ אַלבערט" איז גענוג גרויס. און שיין. שטיינערנע טרעפּ. מעשענע פּאַרענטשעס. שטאָל און אײַזן ווו מע טוט זיך א ריר. הײַנט „מענטשן". איך מיין די באַדינער. מע רופט זיי „סטיוארדס" און „נויר־סעס". הײַנט מאַטראַסן — אַזוי ווי די רוכעס. לויפן אַרום הין און הער. איך און מענדל זענען זיי מעקאַנע. מיר געבן זיך דאָס וואָרט, אַז מיר וועלן אויסוואַקסן, ווערן גרויסע, זאָלן מיר זיך פאַרשרײַבן פאַר מאַטראָסן.

איינע כיסאָרן האָט דער „פּרינץ אַלבערט". מע לאָזט אונדז ניט אַר־מעטום זײַן. קוים ווילן מיר געבן א קוק־אַרײַן אביסל ווײַטער פון צווישנדעק, ווו מיר פאָרן, אַזוי טרײַבט מען אונדז דורך. טאַקע די מאַטראָסן גופע. גרויסע רעשאָים. און די פּאַסאַזשירן אַליין, פון יענע העכערע קלאַסן, זענען אויך רעשאָים. וואָרעם זיי זאָלן ניט זײַן קיין רעשאָים, וואָלטן זיי פאַרזאָגט די מאַטראָסן, מע זאָל אונדז ניט טרײַבן. וואָס וועלן מיר זיי טון? מיר וועלן זיי אָפּבײַסן? מײַן כאַווער מענדל איז גלאַט ניט צופרידן. ער פאַרשטייט ניט, צו וואָס דאַרף מען קלאַסן? ער זאָגט, אַז אין אמעריקע איז ניטאָ קיין קלאַסן. טאָמער גלויב איך אים ניט, קאָן איך א פרעג טון בא מײַן ברודער עליע. האָט אָבער מײַן ברודער עליע פֿײַנט, אַז מע פרעגט בא אים פוסטע זאַכן. איך וועל שוין בעסער פרעגן בא אונדזער כאַווער פּיני.

אונדזער כאַווער פּיני האָט דאַפקע ליב צו רעדן פון אַזעלכע זאַכן. ער קאָן אײַך אָפּשיטן מיט רייד. און האָט איר אים נאָר זאַטשעפּעט מיט א וואָרט, איז ווי אַן אָנגעדרייטער וועקזייגער. ער וועט ניט אַנשוויגן ווערן, ביז דאָס רעדל וועט זיך אַליין ניט אָפּשטעלן.

ו.

איך האָב געפּאַקט פּיניען בעיִס ער איז געזעסן אפן דעק. ער האָט אַרײַנגעטאָן זײַן נאָז אין א בוך. מאַכמעס ער איז א קורצזיכטי־קער, לייענט ער ניט מיט די אויגן, נאָר מיט דער שפּיץ נאָז. איך בין צוגעגאַנגען צו אים נאָענט.

— רעב פּיני, איך דאַרף אײַך עפּעס פרעגן.

פּיני האָט צוגענומען די נאָז פון בוך.

— וואָס'טו זאָגן, קאָטוינטי? — קאָטוינטי הייסט בא אים קליי־ניטשקער. אַזוי רופט מיך פּיני בעיִס ער איז אופגעליײגט. און אופגע־לייגט איז ער קימאַט אַלעמאָל. אפילע דעמאָלט, ווען ער קריגט זיך מיט מײַן ברודער עליע. און אפילע דעמאָלט, ווען זײַן טײַבל בלאָזט זיך. דערצייל איך אים אַזוי און אַזוי. צי ס'איז, עמעס וואָס מע זאָגט, אַז אין אַמעריקע איז ניטאָ קיין קלאַסן?

האָט איר באַדאַרפט אָנקוקן, ווי אָט דער פּיני האָט זיך אָנגעצונדן און צעפלאַקערט זיך און גענומען רעדן און קײַען און שפּײַען און שיטן מיט פײַערדיקע הויכע ווערטער: אַז אַמעריקע איז דאָס אייִנציקע לאַנד, זאָגט ער, פון עמעסער פרײַהײַט און פון עמעסער גלײַכהײַט. אין אַמעריקע, זאָגט ער, קאָנסטו זיצן אָט־אָ־דאָ־אָ, און נעבן דיר זאָל זיצן דער „פּרעזידענט", און ווײַטער אביסל זאָל זיצן א בעטלער, א שלעפּער, א ניקס שעבעניקס. און נאָך אביסל ווײַטער — א גראַף, א סראָ־רע, א מיליאָנשטשיק! ציוויליזאַציע! פּראָגרעס! קאָלומבוס!... און דאָ הייבט ערשט פּיני אָן אַרויסצושיטן זײַנע שענסטע ווערטער. מישט זיך אַרײַן א ייִד אַן עמיגראַנט, א ווילד־פרעמדער:

— אַז ס'איז יאָ אַזאַ גליקלעכע מעדינע, ווי איר זאָגט, ווו אַלע זײַנען גלײַך, פונוואַנען־זשע נעמען זיך דאָרטן שלעפּערס און גראַפן און בעטלערס און שנאָרערס? מימאָנעפּשעך...

נאָר מיר לאָזן איבער פּיניען מיטן ייִדן, מיט נאָך ייִדן זיי זאָלן דיך רײַסן — אבי מיר זענען דערגאַנגען וואָס מיר דאַרפן, אַז אין אַמע־ריקע זענען קיין קלאַסן נישט פאַראַן. קומט אויס, אַז מענדל איז גערעכט. ער זאָגט, אַז קלאַסן דאַרף מען פײַנט האָבן. דאָס הייסט, אַז די פּאַסאַזשירן פון די העכערע קלאַסן דאַרף מען פײַנט האָבן. פאַרשטיי איך ניט, פאַרוואָס? וואָס האָב איך צו זיי? זאָגט מענדל: וואָס האָבן זיי זיך פאַרשלאָסן בא זיך אין צווייטער און אין ערשטער קלאַס צווישן

די שפיגלען? וואָס שטייט זיי אַזוי ניט אָן, די גרויסע פּריצים, צו זיצן מיט אונדז אָט דאָ, צווישן דעק? מיר זענען דען קיין מענטשן ניט גלײַך מיט זיי? אונדזער גאָט איז דען ניט דער אייגענער, וואָס זייער גאָט? — דערפאַר האָט ער דערלעבט אין זיי א נעקאָמע. ס'איז געקומען א נאכט, וואָס די מעיוכאָסים פון דער צווייטער און ערשטער קלאַס האָבן זיך אראָפּגעלאָזט צו אונדז, אין דריטע קלאַס, און געוואָרן גלײַך מיט אונדז אַלעמען.

דאָס איז געווען אין דער נאכט פון יאָמקיפּער, צו קאָלנידרע.

ז.

מאכמעס דער „פּרינץ אלבערט" איז ארויסגעגאנגען אסערעס יעמיי טשוווע [4], איז אונדז אויסגעקומען צו פּראווען יאָמקיפּער אפן שיף. ערעוו יאָמקיפּער האָבן מיר זיך פארפאסט מיט געבראָטענע קארטאָפל — „פּעטייטעס" רופט מען עס דאָ. קיין קאָשערע קיך איז אפּ „פּרינץ אלבערט" נישט פאראן, לעבן מיר די גאנצע צײַט פון „פּעטייטעס". און ברויט גיט מען אונדז לעראָוו. און טיי און צוקער אלע טאָג. ס'איז גאָרניט אזוי שלעכט. מע וואָלט געקאָנט א גאנץ יאָר אזוי לעבן. זאָגט אָבער בראָכע, מײַן ברודער עליעס ווײַב, אז פון פּעטייטעס ווערט געשוואָלן דער בויך. נאָר וואָס זי קאָן זאָגן! ס'איז דען פאראן א זאך, וואָס זאָל איר געפעלן? אפּ אלצדינג געפינט זי א כיסאָרן. לעמאָשל, איר געפעלט ניט דער „פּרינץ אלבערט", לעמײַ ער קריכט. ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, זאָגט זי, אז א נעסיִע זאָל געדויערן צען טעג? זאָגט מען איר, אז שולדיק איז ניט דאָס שיף — שולדיק איז דער יאם. און אונדזער כאווער פּיני נעמט זיך אונטער איר געבן צו פארשטיין, אז דער יאם באטרעפט דרײַ מאָל אזויפיל וויפל די יאבאָשע, די טרי־קעניש. זאָגט מײַן ברודער עליע, אז ניט דרײַ מאָל, נאָר צוויי מאָל אזויפיל. וואָס־וואָס — נאָר געאָגראפיע ווייסט ער בעסער. אפּ דער וועלט איז פאראן, זאָגט ער, צוויי דריטל וואסער, איין דריטל טריקע־ניש. קומט, זאָגט ער, אויס די רעכענונג, אז יאם איז צוויי מאָל אזוי־פיל, ווי יאבאָשע. זאָגט פּיני: ניין, דרײַ מאָל. זאָגט עליע: ניין, צוויי מאָל. „דרײַ מאָל!" „צוויי מאָל!" — צעקריגט מען זיך, נאָר מע בעט זיך גיך איבער.

ט.

ווער וועט דאווענען פארן אָמעד? זאָגן קאָלנידרע? פארשטייט זיך, מײַן ברודער עליע. ער איז טאקע קיין כאזן קיינמאָל ניט גע־

ווען. איז אָבער זײַן טאַטע געווען אַ כאַזן, און אַ באַרימטער כאַזן. אַ קאָל נעגינע האָט ער, איוורע קאָן ער. וואָס דאַרף מען נאָך? און דערצו האָט שוין אונדזער כאַווער פּיני מיטגעהאָלפן, אַז מע זאָל מײַן ברודער אַפּילע בעטן זאָגן קאָלנידרע. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג איבערן גאַנצן שיף, אײַנגערוימט יעדן באַזונדער אַ סאָד אַפּן אויער, אַז אָט דער יונגערמאַן מיטן געלן בערדל (עליע) איז אַ מוירעדיקער באַל־מענאַגן. זײַן דאַוונען — פּס! און ווער שמועסט, אַז זײַן קליין בערדעל, אָט דער קאָטוינטי (דאָס מיינט מען מיך), זאָל אים אונטערהעלפן אַפּ זײַן סאָפּראַנאָ, וועלן מיר האָבן אַ יאָמקיפּער, אַז גאָט און לײַט וועלן אונדז מעקאַנע זײַן.

וויפל עליע האָט זיך ניט געבעטן, מע זאָל אים לאָזן צורו, וויפל ער האָט ניט געשוואָרן, אַז ער האָט זינט ער לעבט נאָך ניט געדאַוונט פאַרן אָמעד יאָמים־נוראָים. עס האָט ניט געהאָלפן קיין שמאַ־יִיסראָעל. מע האָט אים קימאַט מיט גוואַלד אַוועקגעשטעלט פאַרן אָמעד (אַ קלײַנעכיק טישל, מיט אַ ווײַסן לײַלעך איבערגעדעקט), און מיך האָט פּיני געגומען פאַר אַן אויער: „גיי, קאָטוינטי, צו דער אַרבעט!" און מיר האָבן אַוועקגעלייגט פאַר די פּאַסאַזשירן אַ קאָלנידרע, וואָס זיי וועלן אים האָבן צו געדענקען אַפּ דויר־דוירעס.

י.

ניט אַזוי דער קאָלנידרע, ווי די „יעלות" 5). און ניט אַזוי די „יעלות", ווי דער געוויין פון די ווײַבער און פון די מאַנצבילן. פריער האָט מען נאָר געקרעכצט, געזיפצט, געשנײַצט די נעזער. דערנאָך האָט מען גענומען ווישן די אויגן. דערנאָך — וויינענ שטילערהייט. דערנאָך — וויינען העכער און העכער, שרײַען, קוויטשען און פאַלן כאַלאָשעס. זיי האָבן זיך דערמאַנט, אַז ערשט פאַראַיאָרן איז מען געווען איטלעכער בא זיך אינדערהיים. יעדער אין זײַן שול. אַפּ זײַן פּלאַץ. בא זײַן סטענדער מיט זײַן מאַכזער. געהערט זײַן כאַזן. זײַנע זינגערלעך. איצט איז מען נאַווענאַד, געיאָגט און געטריבן, ווי די שאָפּ, וואָס מע פּירט צו דער שכיטע, צונויפגעפּאַקט קאָפּ אַפּ קאָפּ. מע קאָן דעם אָטעם ניט כאַפּן. איר קאָנט פאַרשטיין, אַז אַפּילע די אויסגעפּוצטע פּאַסאַזשירן פון די העכערע קלאַסן, מיט די גלאַנצנדיקע צילינדערס אַפּ די קעפּ, האָבן זיך נישט געקאָנט אײַנהאַלטן און געווישט מיט זײַדענע טיכלעך קלוימערשט דעם שווייס. נאָר איך האָב

גוט געזעענ טרערנ בא זיי אפ די אויגנ. דער טרויער איז געווענ אזוי גרויס, אז אפילע די סטיואַרדס אונ די מאטראָסנ זענענ מיט דערעכ־ערעצ געשטאַנענ פונ דער ווײַטנ אונ צוגעקוקט, ווי יידנ האָבנ זיכ איינגעוויקלט אינ ווײַסע טאליסימ, שטייענ אינ די זאָקנ אונ שאָקלענ זיכ אונ וויינענ אונ יאָמערנ — אפּאָנעמ, ס׳איז זיי גוט ביטער אפנ הארצנ. אונ מײַנ ברודער עליע האָט זיכ צעזונגענ. אונ איכ העלפ אימ אונטער. אונ דאָרטנ אינ ווינקל, צווישנ די ווײַבער, שטייט די מאמע אינ דער יאָנטעוודיקער זײַדענער פאטשיילע, מיטנ מאכזער אינ די הענט, אונ באָדט זיכ אינ טרערנ.

דער מאמע איז הײַנט גוט, ווי די וועלט. הײַנט איז איר טאָג!

י״א.

אפ מאָרגנ האָבנ מיר זיכ געפעדערט אופצושטיינ אביסל פריִער, מע זאָל זיכ שטעלנ זאָגנ „אדונ עולמ״[6]) מיטנ אלטנ באקאַנטנ נוסעכ. ס׳איז אָבער דערפונ גאָרנישט ארויסגעקומענ. ס׳איז געווענ אומעגלעכ ניט נאָר צו דאווענ — מע האָט נישט געקאָנט שטיינ אפ די פיס. ניט געקאָנט טרעפנ צומ אָמעד. עס איז פינצטער געוואָרנ אינ די אויגנ. מיר זעענ ניט קימאט איינער דאָס אנדערע. עס איז נימעס דאָס לעבנ. ס׳איז שלעכט, שלעכט צומ שטארבנ. יאָ, מיר שטארבנ.

וואָס האָט זיכ געטראָפנ? איצט בינ איכ מיד. לאָז איכ עס איבער אפ מאָרגנ.

II

קריִעס יאָמסוף [7]

א.

איך האָב אײַכ געהאט אָנגעהויבנ צו דערציילנ פונ דעמ פסאק, וואָס מיר האָבנ געכאפּט יאָמקיפּער אינדערפרי אפנ שיפ „פרינצ אלבערט". דאָס איז געווענ א מיִעסער פסאק. מירנ אימ געדענקענ דאָס גאנצע לעבנ.

אָנגעהויבנ האָט זיכ עס פונ א קלייניקײַט. עפּעס א כמארעלע, א שווארצ, א געדיכט וואָלקנדל, האָט זיכ נאָכ פונ באנאכט, באלד נאָכ קאָלנידרע, באוויזנ אפנ עק הימל. פריִער פונ אלעמענ האָבנ עס דערזעענ איכ אונ מײַנ כאווער מענדל. וואָרעמ אז אלע ייִדנ זענענ נאָכ געווענ אונטנ, געוויינט אונ געזאָגט טילימ נאָכ קאָלנידרע, האָבנ מיר, איכ אונ מענדל, ארומגעשפּאצירט איבערנ „פרינצ אלבערט". דערנאָכ האָבנ מיר זיכ פארקלויבנ אינ א ווינקעלע, געזעסנ אונ געשוויגנ. עס איז געווענ שטיל אונ ווארעמ אונ גוט אפנ הארצנ. נאָר אביסל אומעטיקלעכ. וואָס מענדל האָט געטראכט — ווייס איכ ניט. איכ האָב געטראכט פונ גאָט, וואָס זיצט אָט דאָרט, אינ הימל. ווי גרויס ער דארפ זײַנ, אז דאָס איז אלצדינג זײַנס? אונ וואָס טראכט ער זיכ, אז ער הערט אזויפיל ייִדנ זאָגנ טילימ, לויבנ אימ אונ גיסנ אויס פאר אימ דאָס הארצ? די מאמע זאָגט, אז ער הערט אונ זעט אלעמענ. אונ אז ער ווייסט אלצדינג. אפילע דאָס, וואָס איכ טראכט אינ דער מינוט בא זיכ אינ הארצנ. אויב אזוי, איז ניט גוט. וואָרעמ איכ האָב נאָר — וואָס געטראכט פונ א גוטנ עפל, פונ א זיסער באר אונ כאָטש פונ א טרונק וואסער־קאלט וואסער. פונ די פעטייטעס ברענט אפנ הארצנ — אונ טרינקענ טאָר מענ נישט. יאָמקיפּער נאָכ קאָלנידרע — ווער וועט דאָס טרינקענ וואסער? מײַנ ברודער עליע וועט מיכ הארגענענ. ער וויל גאָר, איכ זאָל פאסטנ ביז מאָרגנ באנאכט נאָכ יאָמקיפּער. זאָגט די מאמע: „מירנ זעענ". דערווײַל זוכט זי מיכ אפנ גאנצנ שיפ אונ קאָנ מיכ ניט געפי־

נען. וויַזט איר אָן א מאטראַס, אז דאָרט, באַם סאַמע שפּיץ, זיצן מיר, איך און מײַן כאַוועד מענדל. שרײַט זי: „מאָטל! מאָטל!" — „וואָס איז, מאַמע?" — „וואָס הייסט וואָס איז? שלאָפֿן גיי! מאָרגן ז'ארף מען אויפשטיין פרי, האָסט פארגעסן? ס'איז יאָנטעוו"... גלוסטן גלוסט זיך ניט. נאָר מע דארף גיין שלאָפֿן.

ב.

אַפֿ מאָרגן, אז מיר האָבן זיך אויפגעכאַפּט אינדערפרי, איז שוין דער גאַנצער הימל געווען באַלייגט. דער יאַם האָט זיך צעבייזערט מיט סאַקאָנעס. די כוואַליעס האָבן זיך אויפגעהויבן העכער פונעם שיף, געוואָרפן דעם „פּרינץ אַלבערט", ווי עפּעס א שפּענדל, א שפּילעכל. די מאַטראָסן האָבן געגומען לויפן אַהין און אַהער, ווי די פאַרסאַמטע מײַז. די סטיואַרדס האָבן זיך צוגעהאַלטן באַ די פאַרענטשעס. די פּאַסאַזשירן זענען געגאַנגען האַרט באַ די ווענט און געפאַלן קימאַט אַפֿ יעדן טריט. מיטאַמאָל האָט געגעבן א גאָס א שלאַקס־רעגן. דונערן האָבן זיך געטראָגן איינס נאָך דאָס אַנדערע. גאָט פאָרט אַפֿ זײַן רײַטוואָגן. אום יאָמקיפּער גאָר!.. איין בליץ נאָכן אַנדערן באַלײַכט אַפֿ א רעגע דעם שוואַרצן געדיכטן הימל. דער „פּרינץ אַלבערט" קרעכצט, שאָקלט זיך אַהין און אַהער, אַרויף און אַראָפּ. און דער רעגן שמײַסט. וואָס איז דאָס? א מאַבל אַפֿ דער וועלט? האָט דאָך גאָט געשווירן, אז קיין מאַבל וועט ער שוין מער ניט ברענגען קיינמאָל אַפֿ דער ערד...

— קריִעס יאַמסוף, — זאָגט מײַן ברודער עליִע. און אונדזער כאַווער פּיני באַמקעט צו: „יאָ, ס'איז קריִעס יאַמסוף"... דאָס ערשטע מאָל, וואָס די צוויי זאָגן ביידע איין זאַך. דאָס וואָרט „קריִעס יאַמסוף" האָט אויסגענומען. אַלעמאָל הייבט זיך אוף אַן אַנדער פאַרשוין, טוט א קוק אין דרויסן אַרויס און גיט צו, אז ס'איז קריִעס יאַמסוף. דערנאָך לויפט ער עפּעס מאָדנע אַוועק אין א זײַט אַרײַן. דאָרט גיט ער אָפּ דער מאַמעס מילך, און מער זעט מען אים שוין ניט... ווער מיר דאַווענען? וואָס מיר יאָמקיפּער? מע האָט שוין גאָר פאַרגעסן אַפילע, ווו מען איז אין דער וועלט.

ג.

פון אונדזער מישפּאָכע האָט דעם ערשטן פּעטשאַטעק געמאַכט בראָכע. זי האָט אָנגעהויבן שרײַען, אז אָט שטאַרבט זי! דערנאָך האָט זי

געגומענ שעלטנ מײַנ ברודער עליע, לעמײַ ער האָט זי אײַנגערעדט צו פאָרנ קײנ אמעריקע. זי האָט געוווסט פריִער, אז אמעריקע איז סיביר. ערגער פונ סיביר. סיביר איז גאָלד קעגנ אמעריקע!... האָט זיכ די מאמע געוואָלט אָנעמענ די קריוודע פונ איר זונ. זי האָט איר גע־נומענ זאָגנ אביסל מוסער, אז א מענטש באדארפ אלצדינג קאָנענ איבערטראָגנ, וואָרעמ ס׳איז א גאָטס זאכ. א סימענ, סע שטײט אינ טײַטש־כומעש געשריבנ... האָט זי אָבער ניט געקאָנט אויסרעדנ, וואָס אינ טײַטש־כומעש שטײט געשריבנ, וואָרעמ ס׳איז איר מיטאמאָל געוואָרנ נישט גוט אפּ צו כאלעשנ. אפּ איר קוקנדיק, האָט געגומענ כאלעשנ אונדזער כאווער פיניעס ווײַב, טײַבל. איז פיני ארויס מיט ל׳אָשנ: „מיט די ווײַ־בער איז דיר נאָר א באשרײַבונג, א קאָמעדיע!״— ער האָט ארײַנגערוקט ביידע הענט אינ די הויזנ־קעשענעס אונ פארוקט דאָס קאפּעליושל אפּ א זײַט. ער האָט געזאָגט: „שויטים! נאראָנים! דאכט זיכ, וואָס קאָנ עס מיכ ארנ, אז דער יאמ שטורעמט אונ דאָס שיפּ קאטשעט זיכ? א מענטש א באדארפ גיט זיכ אנ אײצע. בעיס דאָס שיפּ טוט זיכ א בײג אהער, בײג איכ זיכ אויס אהינ. אונ אז דאָס שיפּ בײגט זיכ אהינ, טו איכ זיכ א בײג אהער. ווערט דאָס אָנגערופנ באלאנצ״...

אונ בײגנדיק זיכ אהינ אונ אהער, האָט פיני אונדז באוויזנ א „באלאנצ״, אז ס׳איז ניט גוט געוואָרנ אויכ מײַנ ברודער עליע, אונ ביידע האָבנ זײ געגומענ אונ אוועקגעגעבנ, וואָס זײ האָבנ אמאָל געהאט... דאָס אײגענע האָבנ געטאָנ אויכ די איבעריקע פאסאזשירנ. מע האָט זיכ קוים פארשלעפּט איטלעכער צו זײַנ געלעגער אונ מענ איז אנידערגע־פאלנ, ווי די סנאָפּעס. אונ ערשט דאָ האָט זיכ אָנגעהויבנ דער רעכ־טער געגעמ פונ קריִעס יאמסוף...

ד.

איכ אונ מײַנ כאווער מענדל האָבנ זיכ געהאלטנ לענגער פונ אלעמענ. מענדל האָט געהאט א סגולע פונ אנ עמיגראנט, וואָס איז געפאָרנ מיט אונדז אינײנעמ אונ האָט אונדז קעסיידער געגעבנ אײצעס. דערדאָזיקער עמיגראנט איז א „געריכערטע ליולקע״. אזוי זאָגט ער אלײנ אפּ זיכ. ער איז שוינ דרײַ מאָל געפאָרנ אפּנ יאמ קײנ אמעריקע הינ אונ צוריק. ווייסט ער א סגולע צומ יאמ. די סגולע באשטײט אינ דעמ, מע זאָל זיצנ אינ דרויסנ אפּ דער פּאלובע, קוקנ אינ דער ברײט פונעמ יאמ, נימ אינ דער לענג, אונ ניט אינזינענ האָבנ, אז איכ פאָר

רײַטנדיק אַף אַ פערד, נאָר אַז איך שליטל זיך מיט אַ שליטן אַפּן שנײ. דער סאָף איז געווען, אַז דער עמיגראַנט, די „גערויכערטע ליולקע", איז געלעגן אַ טויטער אַף זײַן געלעגער, און איך און מײַן כאַווער מענדל זענען מיר פונעם רעגן געוואָרן פּיטש־נאַס, כאַטש אויסצודרייען. צו אונדזערע געלעגערס האָבן מיר שוין אַליין נישט געקאָנט טרעפן. מע האָט אונדז גענומען מכילע אונטער די הענט און אָפּגעפירט אין אונדזער רו אַרײַן.

ה.

וויפל צײַט דאָס קריעס יאַמסוף האָט גענומען? אַ טאָג, צוויי און עפשער אַלע דרײַ — דאָס ווייס איך ניט. איך האָב שוין פאַרגעסן. איך ווייס נאָר איין זאַך, אַז מיר האָבן זיך אופגעכאַפּט, איז געווען אַ פרייד צו לעבן אַף דער וועלט. דער הימל איז געוואָרן ריין, ווי גינ־גאָלד. דאָס וואַסער — ווי אַ גלאָז. דער „פרינץ אַלבערט" איז געלאָפן אַן אויסגעצוואָגענער, אַן אויסגעפוצטער, געשניטן מיט די רעדער דאָס וואַסער, געפּינעט, געבראָזט און געשפּריצט אַף אַלע זײַטן. די פּאַסאַזשירן האָבן אופגעלעבט. מען איז אַרויס אין דרויסן אַלע, גרויס און קליינע, אַף דער וואַרעמער זון, אַף דער שיינער, ליכטיקער וועלט. עמעצער האָט אַרויס־געלאָזט אַ קלאַנג, אַז אָט באַלד וועט מען קאָנען זען דאָס לאַנד. איך און מײַן כאַווער מענדל זענען געווען די ערשטע, וואָס האָבן אָנגעזאָגט אַלעמען די גוטע בסורע, אַז מע זעט שוין דאָס לאַנד. פונ־דערווײַטן האָט דאָס אויסגעזען ווי אַ פלעק, אַ געלע, גרויסע פלאַמע. די פלאַמע ווערט אַלעמאָל גרעסער און ברייטער. מע זעט שוין שיפן פונדערווײַטן. אָן אַ שיר שיפן מיט הויכע, דינע זעגלביימער. גיך זענען פאַרגעסן געוואָרן אַלע צאָרעס. די פּאַסאַזשירן האָבן זיך אַלע אָנגעטאָן יאָנטעוודיק. די ווײַבער האָבן זיך אויסגעפוצט. מײַן ברודער עליע האָט צעקעמט די באָרד, בראָכע און טײַבל האָבן זיך אויסגעשלייערט. די מאַמע האָט אָנגעטאָן איר שאַבעסדיקע זײַדענע פאַטשיילע. איך און מײַן כאַווער מענדל האָבן נישט געהאַט וואָס אָנ־צוטון. און ס'איז טאַקע קיין צײַט אויך ניט געווען. מע האָט שוין געהאַלטן אָט־אָט באַם צופאָרן צו דעם ברעג פון אַמעריקע. עס איז געוואָרן אַ ליכט אין די אויגן און גוט אַפן האַרצן. פונקט אַזוי האָבן זיך באַדאַרפט פילן די ייִדן נאָך קריעס יאַמסוף. עס האָט זיך געגלוסט זאָגן שירה [8].

ו.

„שאָלעם־אַלייכעם דיר, קאָלומבוס! זײַ געגריסט, דו פרײַע מעדינע! דו גאָלדענע, גליקלעכע מעלוכע!"

אזוי האָט אונדזער כאווער פּיני באגריסט דאָס נײַע לאנד. ער האָט אזש אראָפּגעכאפּט דעם קאפּעליושל, זיך אײַנגעבויגן און זיך פארנויגט. און אזוי ווי איר ווייסט, אז ער האָט א נידעריקע ריע, האָט ער ניט באמערקט, אז עס לויפט פארבײַ א געזונטער, פארשוויצטער מאטראָס, מיט א רויט פארויכערט פּאָנעם, און האָט זיך מיט אים צעבוצקעט פּאָנעם־על־פּאָנעם. דאָס הייסט, אונדזער כאווער פּיניעס שפּיץ נאָז איז אויסגעקומען דעם פארויכערטן מאטראָס אקוראט צווישן די אויגן. א גליק, וואָס דער מאטראָס איז בעטעווע א גוטער גוי, ניט קיין ראָשע. האָט ער באטראכט אונדזער פּיניען מיט דער צעשלאָגענער נאָז, א שמייכל געטאָן און א מורקע געגעבן אונטער די וואָנצעס. אפּאָנעם, דאָס איז געווען א קלאָלע אף אמעריקאנער לאָשן.

ז.

מיטאמאָל איז געוואָרן א בעהאָלע, דריטע־קלאס־פּאסאזשירן בעט מען, זאָלן מויכל זײַן אראָפּ אונטן אין זייערע שטײַגעלעך. צוריק פארנעמען זייערע ערטער. פריער מיט גוטן. דערנאָך מיט בייזן. ווער עס אײַלט זיך ניט צו גיין, דער כאפּט א סטוסאק פון הינטן. אַלע זענען דאָ, יונג און אלט. ייִדן און ווײַבער און קינדער, גויים, טערקן, ציגײַנער. ס'איז א דערשטיקעניש. די טיר האָט מען געשלאָסן. א קיים האָט מען אופגעהאנגען אן אײַזערנע. מיר קאָנען זען נאָר דורך די פענצטער, וואָס אין דרויסן טוט זיך. קיינמאָל האָבן מיר זיך ניט גע־פילט אזוי שלעכט, ווי אצינד. מיר האָבן אויסגעזוכט באַ זיך אין די אויגן, ווי געפאנגענע. „פאר וואָס? פאר ווען?" — אזוי טײַנעט צו מיר מײַן כאווער מענדל, און די אויגן זײַנע ברענען, שיסן מיט פײַער...

ט.

לאָ'מיר זיך אויס א מײַסע, אז מיר זענען שוין געקומען. געקומען קיין אמעריקע. נאָר וואָס דען? די פּאסאזשירן פון ערשטער און צווייטער קלאס האָט מען אראָפּגעלאָזט דורך א לאנגן לייטער מיט עפּשער הונדערט טרעפּ. נו, און וואָס וועט זײַן מיט אונדז? מיר זענען דאָך שוין אין אמעריקע!

—ניט פאר אונדז געדאכט! — רופט זיך אָפּ א ייִד א שנײַדער פון הײַסין. דאפקע נישקאָשע פונ א מענטשל, נאָר אביסל א גודניק. ער גייט אויסגעפוצט, טראָגט שארפע בּרילן, האלט פון זיך אן אוילעם אומלויע און האָט ליב רעדן אף צולאָכעס. ער דארף נאָר הערן וואָס איר זאָגט, זאָגט ער קאפויר. צווישן אים און אונדזער כאווער פיני זענען שוין פאָרגעקומען עטלעכע סטיטשקעס. מײַן ברודער עליע האָט זיי קוים צעצומען. דער שנײַדער האָט זיך געגעבן דאָס וואָרט מער מיט פיניען קיין וואָרט ניט רעדן, דערפאר וואָס פיני האָט אים באַליידיקט. ער האָט אים אָנגערופן מיט אלע מיִעסע נעמען: „כײַעט", „שנײַדערוק" און „פאלגוץ". און האָט אים א פרעג געגעבן: וויפיל האָט ער אף זײַן לעבן אָנגעגאנוועט „ייִטער" [9]?... איצט, אז מע האָט אונדז פארשפארט, האָט זיך דער הײַסינער שנײַדער מיטאמאָל צערעדט. און דאפקע מיט לאָשנקוידעש־ווערטער:

— מה אנו, מה חיינו [10])—וואָס זענען מיר? ווער זענען מיר? משול כחרס הנשבר [11]) — מיר זענען געגליכן צו, להאוודל, סקאָט. סקאָט, אז מע פירט אריין, דארף מען דאָס באטראכטן...

פאלט אָן אף אים אונדזער כאווער פיני. ער זאָגט, אז דער מאָשל איז ניט גלײַך צום נימשל. אז מע רעדט פון אמעריקע, באדארף מען, זאָגט ער, פריִער די הענט וואשן. און ער הייבט אָן שיטן מיט זײַנע שיינע ווערטער, ווי פיני קאָן. ער קאָן ניט הערן, אז מע רעדט אויס א שלעכט וואָרט אף אמעריקע. פארענטפערט זיך דער הײַסינער שנײַדער. ער זאָגט, אז ער רעדט ניט פון אמעריקע ניט גוט, ניט שלעכט. ער זאָגט דאָס נאָר אקעגן דעם, וואָס ס'איז אלצדינג גוט, און שיין, און פײַן, נאָר ניט פאר אונדז געדאכט... אונדז וועט מען אזוי גיך ניט אראָפּלאָזן... פיני גייט ארויס פון די קיילים. ער שרײַט:

— וואָס דען וועט מען מיט אונדז טון? מע וועט אונדז אײַנזאלצן? „מע וועט אונדז ניט אײַנזאלצן,— זאָגט דער הײַסינער שנײַדער מיט גאל און האָט האנאָע,— נאָר מע וועט אונז ברענגען אין אזא מין אָרט, וואָס מע רופט דאָס „עליס אײַלאנד". דאָרט וועט מען אונדז פארשפארן, ווי די קעלבלעך אין א שטאל, ביז אונדזערע פרײַנט און באקאנטע וועלן זיך אמאָל דערמאנען קומען אונדז אראָפּנעמען"...

פיני שפרינגט אזש אונטער: „עס איז דיר אן אנטיק מיט דעם ייִדן! בראָש [12]) ווייסט אײַך דערדאָזיקער כײַעט פון אלע שווערע הערצער! ניט אזוי אלט, ווי געניט! אָט ווייסן מיר אויך, אז ס'איז דאָ א

קעסטל־גאַרדען, מיינ איך אנ „עליס איילאַנד״, פונדעסטוועגנ האָב איך ניט געהערט פונ קיינעם, אז „עליס איילאַנד״ איז געשטעלט געוואָרנ דערופֿ, מע זאָל האלטנ מענטשנ אזוי ווי קעלבלעך״... וואָס וויטער היצט זיך אונדזער פּיני אלץ מערער. ער טרעט ארופ אפ דעם הייסינער שניידער, גלייך ווי ער וואָלט אים וועלנ דוירעס זיינ. דער הייסינער שניידער שרעקט זיך איבער אונ רוקט זיך אָפּ. ער זאָגט:

— שאט! זעט נאַר! מע האָט אים געקוילעט די קאַפּאָטע! געדעדט אפ זיינ אמעריקע! איז לוי פּידאָלטי! מירנ עלטער ווערנ מיט א פּאָר שאָ, וועלנ מיר קליגער ווערנ.

III

אין געפענקעניש

א.

ניט אומזיסט האָט אונדזער כאַוער פיני געוואָרפן אַן אומכיין אַפּ „עליס איילאַנד", גרייט געווען מאַכן דערוף אַ ליד און צעקריגט זיך מיט מיין ברודער עליע. דעם קאַס האָט ער אָבער געהאַלטן אין זיך. פיני האָט ניט געוואָלט, אַז דער הייסינער שניידער זאָל וויסן, אַז ער, פיני, איז ניט צופרידן מיט אַמעריקע. האָט ער זיך געמאַכט הארצ. אָבער אינווייניק האָט עס אים געבערענט מיט סאַקאָנעס. „סטייטש־סטייטש, מע זאָל נעמען מענטשן און איינשפאַרן זיי, ווי סקאָט, ווי אַרעסטאַנטן, ווי געפאַנגענע!" — אַזוי האָט ער געטיינעט שטילערהייט מיט עליען נאָכדעם, ווי מע האָט אונדז געבראַכט צו פירן אַפּ „עליס איילאַנד". קומט אויס, אַז דער הייסינער שניידער איז געווען גערעכט. ער האָט פריִער נעוויִעס געזאָגט, אַז ס'וועט אַזוי זיין. נישמער, ער האָט אַביסל איבערגעכאַפּט די מאָס. ער האָט געזאָגט, אַז מע וועט אונדז איינשפּאַרן אין אַ שטאַל. צום סאָף האָט מען אונדז אַריינגעפירט אין אַ גרויסער ליכטיקער שטוב און מע האָט אונדז געגעבן עסן און טרינקען און אַלצדינג אומזיסט, אָן געלט. גוטע, ליבע מענטשן! נאָר וואָס דען? איידער מיר האָבן דערלעבט צו קומען צו דערדאָזיקער שטוב — טאַטע־פאָטער! דורך אַ לאַנגער בריק מיט טירעלעך באַ די זייטן זענען מיר דורכגעגאַנגען אייניציקווייז. אַפּ יעדן טריט האָט אונדז אָפּגעשטעלט אַן אַנדער אָנשיקעניש מיט אַ קנעפּל, באַקוקט, באַטראַכט, באַזוכט, באַטאַפּט. פריִער פון אַלצדינג האָט מען מיט אַ ווייס פּאַפּירל אונדז איבערגעקערט די ברעמען אַפּ דער לינקער זייט, באַטראַכט די אויגן. דערנאָך די איבעריקע אייוורים. און יעדער באַזונדער שטעלט אוועק אַפּ אייך אַ צייכן מיט עפּעס אַ קריידל און טוט אייך אַ ווייז מיט דער האַנט, וווּהין איר זאָלט גיין — רעכטס אָדער לינקס. דערנאָך זענען מיר ערשט אַריינגעקומען אין יענער גרויסער שטוב, וואָס איך זאָג אייך. און ערשט דאָרט האָבן מיר זיך אָפּגעזוכט איינס דאָס אַנדערע. ביז דעמאָלט

זענען מיר געווען צעטומלט און נישט געקאָנט געפינען זיך. און צעשראָקן זענען מיר געווען, ווי די קעלבער, ווען מע פירט זיי צו דער שכיטע.

ב.

וואָס האָבן מיר, מיינט איר, מוירע געהאַט? די גאַנצע מוירע אונדזערע איז געווען — דער מאַמעס אויגן: וואָס וועט זײַן מיט אירע רויטע פאַרוויינטע אויגן? לאָזט זיך אויס, אַז איר האָט מען ווינציקער פון אַלעמען געקוקט אין די אויגן אַרײַן.

— דאָס האָט ער זיך געמיט, דער טאַטע אײַערער, אַ ליכטיקן גאַניידן זאָל ער האָבן!... — אַזוי האָט געזאָגט די מאַמע און האָט אונדז אַלעמען אַרומגענומען און צעוויינט זיך אַזש פאַר פרייד. זי האָט גאָרניט געווּסט וואָס צו טון פאַר ווילטאָג. און אויך מײַן ברודער עליע איז געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש. אַזוי האָט ער אַ טעווע, אַז בעייס מע לויפט, מע פאָרט, מען איז צעטראָגן, לאָזט ער אויס זײַן גאַנצע ביטער האַרץ צו מיר. עס פליִען פעטש, ווי האָלצ. און בראָכע העלפט אים אונטער מיט אַ קללע. איצט איז אָפּ אים אַ נײַע הויט געוואָרן. ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע און געשענקט מיר אַן אָראַנדזש. דאָס הייסט אַ מאַראַנץ. פאַרבליבן בא אים פונעם שיף. אָפּן „פּרינץ אַלבערט" האָט מען אונדז געטיילט אַלע טאָג מאַראַנצן. אָראַנדזשעס רופט מען עס דאָרט. ווער עס האָט געוואָלט, דער האָט געגעסן. ווער ניט — דער האָט זײַן מאַראַנץ באַהאַלטן, אַז קיינער זאָל ניט זעען, ווײַט אין קעשענע. איך האָב מײַנע ניט באַהאַלטן. וויאַזוי קאָן מען זעען אַזא פיירע און ניט אופּעסן? — נאָר העכער פון אַלע האָט אויסגעדריקט זײַן געדולע אונדזער כאַווער פּיני. ער האָט געזאָגט צו אונדז אַלע:

— נו? ווער איז קלוג? איך צי איר? האָב איך ניט געזאָגט, אַז דאָס האָבן סאָנים אויסגעטראַכט אָפּ אַמעריקע, אַז מע לאָזט ניט אַרײַן אַ מענטשן, וואָס האָט פאַרוויינטע אויגן? מענטשן ליידיקגייערס, ליגנערס, באַרעדערס, לאָשנהאָרעניקעס, בייזע צינגער, לײַדאַקעס, פאַרכעס! זיי וועלן שוין באַלד אויסטראַכטן אָפּ אַמעריקע, אַז מע טרײַבט צו דער שמאַד. ווו איז ערגעץ דער הײַסינער שנײַדער, אַ רוּעכ אין זײַן טאַטנס ביינער אַרײַן?...

האָט זיך, הייסט דאָס, אונדזער פּיני ווידער איבערגעבעטן מיט אַמעריקע.

ג.

פון גרויס אימפעט האָבן מיר זיך אין דער בעהאָלטע גאָרניט ארומ־געקוקט, אז פון אונדזער קאָמפּאַניע פעלט איינער. דאָס איז געווען מײַן כאַווער מענדל. די ערשטע האָט זיך ארומגעזען דאַפקע בראָכע. זי האָט זיך א כאַפּ געטאָן און א פּליעסק געגעבן מיט די הענט: „ווײ איז מיר — וווּ איז דער לאָשעק?" „א דונער האָט מיך דער־שלאָגן!" — זאָגט די מאַמע, און מיר האָבן זיך אלע א וואָרף געגעבן זוכן מענדלען. און מענדל איז ניטאָ. פארפאַלן, ווי אין וואַסער אַרײַן.

שפּעטער האָט זיך ארויסגעוויזן, אז שולדיק איז ער אליין. טאַקע מענדל, מײַן איך. באַם פאַרהער האָט ער זיך שטארק פארפלאָנטעט. קוידעם האָט ער זיך פארשטעלט, ווי דעמאָלט אין דײַטשלאנד, פאר א שטומען. דערנאָך האָט ער מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו רעדן מוירעדיקע נארישקײַטן. אַט האָט ער געזאָגט, אַז ער איז ערשט אלט צען יאָר, און אַט איז אים אויסגעקומען צו זאָגן, אז ער איז שוין באַר־מיצווע און אז ער לייגט שוין טפילן. און צום סאָף האָט ער זיך מוידע געווען און אויסדערציילט פאר די קנעפּלעך דעם גאנצן עמעס: אז ער איז א פארלוירענער. דאָס הייסט, אז באַם אריבערכאַפּן זיך איבער דער גרענעץ האָבן טאַטע־מאַמע אים ערגעץ אין דײַטשלאנד פארלוירן און אז מיר האָבן אים פרילאָנטשעט. און אז ער קאָן נישט אָנרופן דעם ריכטיקן אָרט און אדרעס פון זײַנע עלטערן, ווײַל ער ווייסט אליין נישט. ער זאָל וויסן, זאָגט ער, וווּ זיי זענען, דארף ער נישט קיינעמס לאַסקע. ער וואָלט אליין, זאָגט ער, צו זיי געטראָפן. האָט מען אים דעריבער אײַנגעשפּארט, מיט נאָך אזעלכע ווי ער, אין א באַזונדער ביידער. מע וועט זיי שפּעטער אלע איניינעם צוריקשיקן.

ד.

דערהערט אזא מײַסע, האָבן מיר זיך ארויסגעשטעלט אלע פאר דעם אומגליקלעכן מענדלען. די מאַמע האָט געמאכט א גוואַלד. זי וועט דארפן אָפּגעבן דינ־וועכזשבן פאר א לעבעדיקן יאָסעם. טאָמער באַגעגנט זי זיך אמאָל מיט זײַנע טאַטע־מאַמע — וואָס וועט זי זיי זאָגן?

— וואַרט אויס א קאַפּעטשקעלע — איר זענט נאָך מיט זיך אליין אויך ניט פארטיק... — אזוי זאָגט צו איר דער הײַסינער שנײַדער. „ויבוא המן [18]!" — זאָגט פּיני און קוקט בייז אפן שנײַדער. ער איז גרייט אים

אָנכאַפּן פאַרן גאָרגל. דער שנײַדער מאַכט זיך ניט װיסנדיק. ער טוט און דאַרשנט, גלײַך װי עמעצער פֿרעגט בײַ אים. ער לײגט אונדז שטײ־גער אױפֿן האַרצן. ער רעכנט אױס אַ גאַנצן צעטל פֿון צאָרעס, יעסורים און לײַד, װאָס מיר האָבן נאָך אױסצושטײן. מע װעט בײַ אונדז, זאָגט ער, פֿריִער נעמען די אַדרײסים פֿון אונדזערע פֿרײַנט אָדער באַקאַנטע. דערנאָך װעט מען בײַ אונדז נעמען, זאָגט ער, געלט אױף צו קלאַפּן אַ דעפּעש צו אונדזערע באַקאַנטע און װאַרטן, ביז עמעצער װעט אַמאָל קומען. און ערשט דעמאָלט, זאָגט ער, װען יענער װעט זאָגן, אַז ער קען אונדז און װײסט אונדז און איז אָרעװ פֿאַר אונדז, אַז מיר װעלן דאָ זײַן גוט און פֿרום צו גאָט און צו לײַטן, װעט מען אונדז, זאָגט ער, אַרױסלאָזן פֿון געפֿענקעניש.

פֿאַרשטײט זיך, אַז אונדזער כאַװער פּיני צינדט זיך אָן, װי אַ שװע־בעלע. ער קוקט אױף מײַן ברודער עליע און רעדט צום שנײַדער. ער פֿרעגט בײַ אים נאָר אײן זאַך: פֿונװאַנען איז ער דאָס אַזױ געניט אין די זאַקאָנעס פֿון „עליס אײַלאַנד"? ענטפֿערט אים דער שנײַדער, אַז ער האָט זיך באַקענט דאָ אױפֿן שיף מיט אײנעם אַן עמיגראַנט, װעל־כער איז שױן געפֿאָרן קײן אַמעריקע דרײַ מאָל הין און צוריק. דאָס מײנט ער, אַפּאָנעם, די „געריכערטע ליולקע". פֿון אים איז ער דאָס געװױרע געװאָרן אַלע דינים און מינהאָגים. און ניט נאָר דאָס אַלײן. ער האָט פֿון דער „געריכערטער ליולקע" גענאַשט נאָך אַסאַך, אַסאַך זאַכן, װאָס זענען שײַעך צו אַמעריקע. אַזױ אַז ער פֿאָרט אַהין שױן אַ פֿאַרטיקער, אַן אַמעריקאַנער. ער װײסט שױן אַפּילע, װיאַזױ צו רעדן אױף אַמעריקאַנער לאָשן. צום בײַשפּיל: „טשיקען", „קיטשען", „שוגער", „מיסטער", „בוטשער", „בריטש". װאָס דאָס באַטײַט — װיל ער ניט זאָגן. אַז מירן זײַן אױפֿן אָרט, זאָגט ער, װעלן מיר שױן אַלײן געװױרע װערן װאָס דאָס איז. פּיני טוט אַ מאַך מיט דער האַנט און טרעט אָפּ אױף אַ זײַט, װי אײנער רעדט: „עלעהײ אַ הונט בילט"...

ה.

מײנט איר, אַז עס איז ניט געװען אַלצדינג אַקוראַט, װי דער הײַסי־נער שנײַדער האָט אונדז פֿירגעזאָגט? — נישט געמיגערט אַ האָר! אַז מיר זענען דורכגעגאַנגען די שיװע מעדורע גענעם [14] פֿון די דאָקטוירים, האָט מען אונדז אַ פֿרעג געגעבן, װעמען האָבן מיר אין אַמעריקע? שטעלט זיך אַרױסעט פֿריִער די מאַמע: „פֿרעגט בעסער, װעמען האָבן

מיר דאָ ניט?" און זי איז גרייט שוין אויסצורעכענען בא די נעמען אַלע אונדזערע פרײַנט און באַקאַנטע. א כײַעס א קוק צו טון אפ מײַן מאַמע אַצינד, נאָכדעם וואָס מע האָט זי דורכגעלאָזט מיט אירע פאַר־ווייִנטע אויגן. מײַן מאַמע איז שוין ניט קיין יונגעטשקע, נאָר זי איז נאָך מאָלע קיין. איך האָב שוין לאַנג ניט געזעען, די מאַמע זאָל אַזוי שײַנען, ווי זי שײַנט אַצינד. לאָזט זי אָבער מײַן ברודער עליע ניט רעדן. די אַדרעסים זענען, זאָגט ער, בא אים פאַרשריבן אפ א שטיקל פאַפיר. ווייסט ער בעסער. מישט זיך אַרײַן פיני און זאָגט, אז מע פרעגט נעמען, ניט קיין אַדרעסים. האַקט אים אָפּ בראָכע און זאָגט, אז בעסאַכאַקל האָט ער, פיני, הייסט עס, קיינעם ניט אין אַמעריקע. די אַלע פרײַנט און באַקאַנטע זענען אונדזערע פרײַנט. ווערט פיני אָנגע־צונדן און פרעגט בא איר א קאַשע: „מיט וואָס, לעמאָשל, איז פּעסי די גראָבע, אָדער איר מאַן מוישע דער אײַנבינדער, אונדז מער שמעלקע, ווי אים?" ענטפערט אים בראָכע, אז פּעסין האָט זי אין דער ערד. אז זי זאָגט קרוויוים, מיינט זי דאָס איר טאַטן יוינע דעם בעקער. לאָזט זיך אויס, אז גערעכט איז עליע. זיי פרעגן נישט אפ באַקאַנטע. זיי פרעגן אפ אַדרעסים. און עס הייבט זיך אָן א כאַסענע מיט אַדרעסים.

ו.

אפ אַדרעסים לייענען איז, פאַרשטייט זיך, פיני מער בעריע פון אונדז אַלעמען. נעמט ער צו בא עליען דאָס פאַפירל, טראָגט דאָס צו צום שפיץ נאָז און לייענט די אַדרעסים מיט דעם ניגן, ווי מע לייענט טנאָיִם אפ א קנאַסמאָל. פאַרשטייט מען אָבער ניט, וואָס ער זאָגט. עס קומט אויס בא אים יעדעס וואָרט קאַפויר. רײַסט אַרויס בא אים עליע דאָס פאַפירל מיט די אַדרעסים און גיט עס איבער דעם „קנעפל". זאָגט דאָס קנעפל צוויי ווערטער: „אָל־רײַט". ווייסן מיר ניט וואָס דאָס באַטײַט. זאָגט אונדז דער הײַסינער שנײַדער, אז ער ווייסט. די ווערטער „אָל" און „רײַט" איז, זאָגט ער, אַלץ איינס, לעמאָשל, ווי בא אונדז די ווערטער „מיילע בעקיצער", אָדער „מעהייכע־טייסע", אָדער „נו־נו". דאָס הייסט, עס וועט שוין זײַן ווי געוווּנטשן.

דערנאָך האָט מען גענומען בא אונדז קליינגעלט און מע האָט אוועקגעקלאַפּט צוויי דעפּעשן. איין דעפּעש צו מוישע דעם אײַנבינדער מיט זײַן ווײַב פּעסי די גראָבע. די אַנדערע — צו יוינע דעם בעקער. און אַליין האָבן מיר זיך דערווײַל מעכאַבעד געווען מיט א גוטן אָנ־

בײַסן. דער אָנבײַסן איז געווען ניט אַזוי פֿריגלדיק. דאָס ביסל טיי, וואָס מע האָט דערלאַנגט, האָט בראָכע געזאָגט, אַז מע קאָן עס שנײַדן מיט אַ מעסער. דערפֿאַר האָט אונדז דער אָנבײַסן נישט געקאָסט גאָר־נישט ניט. אַפֿ „עליס אײַלאַנד״ באַקומט מען, ווי איך האָב אײַך שוין געזאָגט, אַלץ אומזיסט. איבערגעכאַפּט דעם הונגער, האָבן מיר גענו־מען וואַרטן אַפֿ אונדזערע פֿרײַנט און באַקאַנטע.

ז.

ניט אַזוי גיך טוט זיך עס אָבער, ווי עס רעדט זיך. עס זענען אונדז גוט די אויגן אַרויס, ביז מיר האָבן דערלעבט צו זען אַ באַקאַנטן. די ערשטע איז געקומען אונדזער שכנטע פּעסי די גראָבע מיט איר מאַן מוישע דעם אײַנבינדער. דאָס הייסט, געזען האָבן מיר זיי ניט — מיר זיצן דאָך אײַנגעשפּאַרט. נאָר מע האָט אונדז געלאָזט וויסן, אַז ס׳איז געקומען צו אונדז אַ דיקע פֿרוי מיט איר מאַן. האָבן מיר שוין פֿאַר־שטאַנען, אַז דאָס דאַרף זײַן פּעסי מיט איר מוישען. מע לאָזט זיי ניט צו צו אונדז. מע האַלט זיי דאָרט אַפֿן פֿאַרהער. קרענקט דאָס אונדז זייער. גיט מען אונדז אַן אייצע, מיר זאָלן אונטערשמירן די שאָמרים, וואָס בײַ דער טיר, וועט מען עפּשער זיי יאָ צולאָזן. לאָז זײַן כאָטש פֿונדערווײַטן. זאָגט אָבער אונדזער כאַווער פּיני, אַז אַמעריקע איז ניט „ריסנלאַנד״. אין אַמעריקע שמירט מען ניט. זאָגט דער הײַסינער שנײַ־דער (אומעטום איז ער דאָ), אַז די גאַנצע וועלט איז איין שטאָט. „כסף וזהב מטהר ממזרים״ [15]... פּיני בלײַבט אָן לאָשן.

ט.

אוואַדע איז דער הײַסינער שנײַדער געווען גערעכט. עס האָט אונדז געקאָסט אַ קוואָדער (אַזאַ מאַטבייע פֿון אַ פֿערטל טאָלער), און מיר האָבן געזען דורך די גראַטעס אונדזער שכנטע פּעסי. דאָס רוי־טע פּאָנעם אירס מיטן פּעטן גיידער האָבן געשוויצט, געשמייכלט צו אונדז פֿונדערווײַטן. די מאַמע האָט צו איר געשאָקלט מיטן קאָפּ, און ביידע האָבן געוויינט מיט טרערן. הינטער אירע ברייטע פּלייצעס האָט אַרויסגעקוקט איר מאַן, מוישע דער אײַנבינדער. שוין ניט אין אַ קאַשקעט, ווי אינדערהיים, נאָר אין אַ קאַפּעליוש גאָר. אין אַ מינוט אַרום האָט זיך באַוויזן אויך יוינע דער בעקער מיט די בייזע אויגן. יוינע האָט זיך ווי־נציק־וואָס פֿאַרענדערט. נאָר די באָרד — אוי־ווײ! די

באָרד!... זײַן װײַב פֿון דער רעסטאָנדע איז אױך געקומען. מע װיל זיך אָפּגעבן שאָלעם־אַלײכעם, מע װיל זיך ארומנעמען, האַלדזן זיך, קושן זיך. מע װיל זיך צעפֿרעגן אײנס בײַ דאָס אַנדערע, װאָס מע מאַכט? און װאָס הערט זיך אױף דער װעלט? און װיאַזױ לעבט זיך עס דאָ, אין אַמעריקע? איך, לעמאָשל, גײ אױס װיסן, װוּ איז װאַשטי? װאָס טוט מײַן שװעגערנס שװעסטערל אַלטע? (מע האָט זי מיר גערעדט אַמאָל, אױב איר געדענקט, פֿאַר אַ קאַלע). און די גאַנצע כאַליאַסטרע װאָס מאַכט? נאָר גײ שרײַ כײַ װעקײַעם, אַז מע קאָן ניט אַ ריר טון זיך. מע האַלט אונדז פֿאַרשפּאַרט. זען זעען מיר זיך דורך די גראַטעס, אַזױ װי אַרעסטאַנטן, אַזױ װי געפֿאַנגענע, אָדער אַזױ װי כײַעס...

ל.

אַ ראַכמאָנעס נעבעך אױף אונדזער כאַװער פּיני. ער קאָן אונדז ניט קוקן גלײַך אין די אױגן אַרײַן. ס'איז אים אַ בײזאָיען פֿאַר אַמעריקע. איר װאָלט געמעגט שװערן, אַז ס'איז זײַן אַמעריקע, און ער דאַרף אָפּ־געבן דערפֿאַר דין־װעכעזשבן. אָט פֿון דעמאָלט אָן האָט ער געװאָרפֿן אַן אױמכײַן אױף „עליס אײַלאַנד" און האָט צוגעטראַכט דעם גראַם, אַז „דאָס שטיקל לאַנד געהער צו אײנעם עלי, װאָס איז אַ נאַר בײַ דער סטעלי"... און דעריבער פֿאַרדריסט עס מײַן ברודער עליע, מאַכמעס ער הײסט דאָך אױך עלי. צעאַמפּערט מען זיך און מע הײבט אָן צו קריגן זיך. מישט זיך אַרײַן בראָכע, און דאַפּקע פֿון פּיניעס צאַד, און זאָגט מיט אַ מאָשל, װי איר שטײגער איז, אַז „פֿאַר אַ געשלאָגענעם הונט װײַזט מען ניט קײן שטעקן"... װאָס מײנט זי דערמיט?

IV

א יאַם פון טרערן

א.

טאָמער איז קאַרג די אייגענע צאָרעס, יעסורים און פּײַן, האָט אונדז גאָט באַשערט פרעמדע צאָרעס אַף „עליס אײַלאַנד". טאָמער איז קאַרג געווען די טרערן, וואָס מײַן מאַמע האָט פאַרגאָסן פון זינט מײַן טאַטע איז געשטאָרבן און פון זינט מיר שלעפּן זיך אַרום אַף דער וועלט ביז צו הײַנטיקן טאָג, באַדאַרף זי איצטער וויינען און טרערן גיסן אַף די אומגליקן, וואָס מיר זעען זיך אָן אָטאָ דאָ, אַף עליס אײַלאַנד. אַלע מינוט שיקט איר גאָט צו אַ נײַעם כורבן. די מאַמע נעמט זיך יעדע זאַך צום האַרצן. זי ברעכט די הענט. זי באַהאַלט דאָס פּנים און וויינט זיך אויס שטילערהייט.

— דו זינדיקסט, מאַמע! — זאָגט צו איר מײַן ברודער עליע, און מיר דאַכט זיך, אַז ער איז גערעכט. וואָס האָט זי צו וויינען? מיר שלעפּן זיך שוין מער ניט איבער דער וועלט, ווי מיר האָבן זיך געשלעפּט ביז אַהער. די נסיעה אַפן יאַם זענען מיר, דאַנקען גאָט, אויך איבערגעקומען. מיר זענען שוין קימאַט אין אַמעריקע. נאָך אַ שאָ, נאָך צוויי שאָ — און מיר זענען פרײַ. נאָר וויאַזוי זאָל מען ניט וויינען, אַז מע זעט פאַר זיך אַזויפיל אומגליקן? אַזויפיל טרערן? אַ יאַם פון טרערן?

איבערדערציילן אײַך אַלע אומגליקן, וואָס מיר האָבן זיך אָנגעזען אַף עליס אײַלאַנד, באַדאַרף איך אָוועקזיצן מיט אײַך אַ טאָג מיט אַ נאַכט און דערציילן, דערציילן און דערציילן.

ב.

אַשטייגער, וואָס וועט איר זאָגן אַף אַזאַ מעשׂה? טאַטע־מאַמע און פיר קינדער זענען פאַרהאַלטן געוואָרן, ניט אַהער, ניט אַהין. וואָס איז די מעשׂה? באַם פאַרהער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זייערס אַ קינד, אַ מיידל פון אַ יאָר צוועלף, קאָן ניט ציילן אַף צוריק. מע פרעגט זי: „וויפל ביסטו אַלט?" זאָגט זי: „צוועלף יאָר". פרעגט מען

זי ווידער: „וויפל ביסטו אלט געווען פאראיאָרן אין דער צײַט?״ ווייסט זי ניט. זאָגט מען איר: „צייל פון איינס ביז צוועלף״. ציילט זי. זאָגט מען איר: „צייל פון צוועלף צוריק ביז איינס״. קאָן זי ניט. ווען מע פרעגט בא מיר אזא זאַך: צייל, — צייל איך דאָך ווי א וואסער: צוועלף, עלף, צען, נײַן, אכט, זיבן, זעקס, פינף, פיר, דרײַ, צוויי, איינס. א טײַערע מעציאָ! איז געבליבן, אז מע קאָן דאָס מיידל קיין אמעריקע ניט ארײַנלאָזן.

פרעגט זיך: וואָס וועט זײַן מיט איר טאטע־מאמע און מיט די איבעריקע קינדער? — צווזען דעם צאר פון פאָטער און מוטער און דעם ראכמאָנעס פון דעם קינד — דארף מען זײַן פון שטיין, מע זאָל ניט צעגאנגען ווערן. וויינט די מאמע אף זיי קוקנדיק, און מײַן שווע־גערן בראָכע און אונדזער פיניעס ווײַב טײַבל ווישן אויך די אויגן.

ג.

צי, אשטייגער, ווי געפעלט אײַך אזא געשיכטע? מיט אונדז פאָרט א יידענע, הייסט זי ציוויע. איז זי אן אגונע. דער מאן האָט זי אוועק־געוואָרפן שוין לאנג. האָט זי צעשיקט בריוו איבער אלע עקן פון דער וועלט. איז איר אָנגעקומען א ידיעה, אז איר מאן איז ערגעץ אין צינ־צינאטע, א שטאָט אזעלכע אין אמעריקע. פאָרט זי דאָס אהין אים צו פאקן. האָט מען איר געגעבן אן אייצע נאָך אפן שיף, אז זי זאָל ארויסרופן גלאט א יידן פון ניו־יאָרק, וואָס זאָל זאָגן, אז ער איז דאָס איר מאן, וועט מען זי ארונטערנעמען. דידאָזיקע אייצע שטאמט פון דער „גערויכערטער ליולקע״, וואָס איך האָב אײַך שוין דערציילט וועגן אים. דער הײַסינער שנײַדער האָט אויך אסאך מיטגעהאָלפן. די „גערויכערטע ליולקע״ האָט זיך אונטערגענומען צו שיקן איינעם א נאָענטן פרײַנט, אז ער זאָל זיך ארויסגעבן פאר איר מאן... ס׳איז גע־קומען צום שפיץ, באם פארהער, האָט זיך ארויסגעוויזן, אז די גאנצע מײַסע איז א שווינדל. דער ייד איז א באווײַבטער און קער זיך אזוי אָן מיט דער אגונע, ווי איר קערט מיר אָן א פעטער. וויי־וויי, וואָס עס האָט זיך אָפגעטאָן! גאנץ עליס אײַלאנד איז געגאנגען כאָדראָם. אונדזער כאווער פיני האָט דערלעבט א נעקאָמע אין דעם הײַסינער שנײַ־דער. און כאָטש אין הארצן איז פיני גאזלען אף עליס אײַלאנד, לעמײַ מע האָט אונדז פארהאלטן, נאָר ארויסבאוויזן דאָס פארג הײַסינער שנײַדער — א מאקע! אדעראבע, ער האָט זיך נאָך גערייצט מיט אים:

— נו, פאני כיַעס? האָב איך ניט געזאָגט פריִער, אז אמעריקע איז ניט ריסנלאנד? אין אמעריקע גייט ניט אָן קיין שווינדל, קיין כאָכ־מעס און קיין דריידלעך? קאָלומבוס, לעבן זאָלסטו!

האָט ער אָבער געכאפט א מיִעסן פסאק פון מײַן מאמע. און נאָכמער — פון מײַן ברודער עליעס ווײַב בראָכע. און זײַן אייגן ווײַב טײַבל האָט אויך צוגעלייגט א קניטל. די ווײַבער האָבן אים שיר די אויגן ניט אויסגעדראפעט, לעמיַ ער לאכט אָפּ פון מענטשן, וואָס עס גיסט זיך בלוט פון זיי. און ווי אפ צולאָכעס האָט די מאמע זיך באפרײַנדעט מיט דער אגונע, געוואָרן מיט איר, ווי שוועסטער. איצט שיקט מען די אגונע אָפּ צוריק, און דער ייִד, וואָס האָט זיך ארויסגעשטעלט פאר איר מאן, וועט אויך קיין האָניק ניט לעקן. דער־ווײַל האָט מען זיי ביידע פארהאלטן, און מײַן מאמע איז אויס מענטש.

ד.

א יונג ווײַבל, בלוט און מילך, פאָרט קיין באָסטאָן צו איר מאן. האָט זי א קינד, א מיידעלע מיט געקרײַזלטע הערעלעך, א בילד. הייסט עס קעצעלע. דער עמעסער נאָמען אירער איז קיילע, נאָך איר באבע. נאָר מע האָט זי פארצויגן „קעצעלע". קעצעלע איז נאָך דרײַ יאָר ניט אלט. נאָר עס לויפט ארום און רעדט און זינגט און טאנצט. „פרינץ אלבערט" איז פול מיט דעם קינד. קעצעלען האָבן אלע ליב. מע האלדזט דאָס און מע קושט דאָס און מע נעמט דאָס איבער פון האנט צו האנט. קעצעלע! קעצעלע! מיט אונדז איז דאָסדאָזיקע ווײַבל געוואָרן גאָר נעפעש אכעס [16]). זי איז ניט אָפּגעטראָטן פון דער מאמע אפ א מינוט. זי האָט איר אויסדערציילט אינגאנצן איר הארץ. איבערגעלייענט איר אלע בריוולעך, וואָס דער מאן שרײַבט צו איר. העכער דרײַ יאָר, אז זיי האָבן זיך ניט געזען. ער קאָן אפילע ניט דאָס קינד. ער האָט דאָס קיינמאָל ניט געזען. ער כאָלעמט פון דעם טאָג ווי נאכט. ער קאָן זיך גאָרניט פאָרשטעלן, וויאזוי ער וועט מיטאמאָל דערזען זײַן קינד, זײַן קעצעלע. דערבײַ גיסט זי שוין מיט טרערן, און מײַן מאמע ווישט די אויגן. לאכ איך פון זיי ביידן — וואָס דארף מען וויי־נען? און איך נעם קעצעלען אפ די הענט. און איך האָדעווע זי מיט שטיקלעך עפל און מיט אָראנדזשעס, מאראנצן, הייסט עס, גלײַך אין מויל ארײַן. קעצעלע קוקט מיר אין די אויגן, לאכט צו מיר און גלעט מיך מיט איר קליין סאמעטן הענטל. און איך קוש איר די קליינע

ווארעמע פינגערלעך. א שאָד, וואָס איך האָב ניט קיין קעסטעלע מיט פארב. איך וואָלט אויסגעמאָלט קעצעלעך אף פאפיר מיט אירע געקרייזלטע זיידענע הערעלעך, מיט אירע בלויע שיינע אייגעלעך און מיט איר פע־נעמל פון א מאלעך. מיין כאַווער מענדל לאכט פון מיר, וואָס איך האָב צו טון מיט א קוקלע. בא אים איז זי א „קוקלע״!

איז זיך מעיאשעוו קעצעלע שוין נאָענט צו אמעריקע און ווערט קראַנק און... עס גייט מיר איבער א פראָסט איבערן לייב, אז איך דערמאָן זיך אין יענער צייט. א שטיק פון מיין לעבן האָט אוועקגענו־מען בא מיר אָט דאָס קינד. איך קאָן גאָר וועגן דעם ניט רעדן, ניט טראַכטן אפילע. שלעפט מיך ניט פאר דער צונג, איך זאָל אייך זאָגן, וואָס מע האָט געטאָן מיט קעצעלען... איך וועל אייך נאָר דערציילן דעם ראַכמאָנעס פון דער יונגער מוטער, בעיס מיר זענען אָנגעקומען אף עליס איילאנד. זי האָט ניט געוויינט. אף אלעמען האָט זי געקוקט מיט גלעזערנע פארגליווערטע אויגן. וואָס מע האָט זי ניט געפרעגט, האָט זי ניט געענטפערט. מע האָט מוירע, אז דאָס ווייבל איז גערירט... מע וועט זי צוריקשיקן. מיין מאמע לייגט איין די וועלט. מיין ברודער עליע איז אויסער זיך. ער קאָן שוין ניט איבערטראָגן דער מאמעס טרערן. און פיני באהאלט זיך עפעס. מע זעט אים ניט...

ה.

איר מיינט, אז נאָר יידן האָבן צאָרעס אף עליס איילאנד? גויים ווערן אויך ניט ווינציק אויסגעריסן. עס פאָרט מיט אונדז א גאנצע כאָפטע איטאַליענער. אלע אין סאמעטענע הויזן און מיט הילצערנע שיך אף די פיס. אז זיי גייען, קלאָפן זיי, ווי די פערד מיט די קאָפי־טעס. ווילדע גויים, אויסגעצייכנטע מענטשן. נאָך מיר זענען זיי די קאפאָרע. זיי רופן מיך מיט א מאָדנעם נאָמען: „פיקאָלאָ באמבינאָ״ [17]. זיי זענען מיך מכאבעד מיט ניסלעך און מיט ראָזשינקעס פון די סאמעטענע הויזן־קעשענעס. און איך האָב דאָס דאפקע ניט פיינט. רעדן קאָן איך ניט מיט זיי. מאכמעס זיי פארשטייען ניט מיין לאָשן, איך פארשטיי ניט זייער לאָשן. נאָר מיר געפעלט, ווי זיי רעדן צווישן זיך. הארט קומט אויס בא זיי די רייש: „באָנא סעררא!״ „מיאָ קאררא!״ „פררדעגאָ סיניאָררע!״...[18].

דארף זיך טרעפן אן אומגליק. סאמע צום רעכטן שפיץ, אז ס׳איז געקומען צום פארהער, האָט זיך איינער פון דער כאָפטע ארויסגעכאפט מיט א וואָרט. ער האָט דערציילט דעם עמעס, אז זיי האָט ארויסגע־

רופן א פאָדראַדטשיק אַפ דער ארבעט פון לאָנדאָן דורך א קאָנטראַקט בא עפּעס א בריק. און דאָס, זאָגט מען, טאָר מען ניט אין אמעריקע, וויל מען זיי אָפּשיקן צוריק. רעדן זיי אַלע אינײַנעם, מאַכן מיט די הענט און קוועטשן די רייש: „סאַקררראַמענטאַ[19]”!.. העלפט אָבער נישט קיין זאַך. דער ראַכמאָנעס אַפ זיי איז זייער גרויס. בא עטלעכע פון זיי האָבן זיך געזועגן טרערן אַפ די אויגן.

ו.

מאַזלטאָוו! מיר האָבן א כאַסענע אַפ עליס אײַלאַנד. פונוואַנען האָט זיך גענומען א כאַסענע? וועט איר הערן. א מיידל פון טשודבאָוו — א יעסוימע, לייע איז איר נאָמען. א שוואַרץ־כיינעוודיקע און א צוגעלאָזטע. דעם גאַנצן וועג, וואָס מיר זענען אַפן שיף, איז זי מיט אונדזערע ווײַבער, מיט בראָכעס און מיט טײַבלען, איינע זעל, איינע נעשאָמע. דורך זיי ווערן מיר געוווירע, אַז לייע איז אַן עלנטע, האָט קיינעם ניט אין לאַנד. פון קליינווײַז אויף אַרבעט זי. זי האָט זיך צורויפגעשלאָגן אביסל געלט און פאָרט עס קיין אמעריקע. זי קאָן ניט זײַן מער אין טשודנאָוו. מע האָט דאָרטן געהאַרגעט איר טאַטן אין פאָגראָם. איר מאַמע איז פאַר צאָרעס געשטאָרבן. זי איז געבליבן, ווי אַפן וואַסער. גוטע מענטשן האָבן זיך אַפ איר דערבאַרעמט, אויסגעלערנט אַרבעטן. זי נייט און שטיקט און פּרעסט — „גאָלדענע הענט”, זאָגט אַפ איר די מאַמע. אַלע זענען זיכער, אַז אין אמעריקע וועט מען לייען אָפּגילטן פאַר איר אַרבעט. און א כאָסן וועט זי דאָרט קריגן — דעם בעסטן. לייע לאָזט אַראָפּ די אויגן און ווערט רויט ווי פײַער... די צאָרע איז — זי האָט ניט קיינעם אין אמעריקע, ווער ס'זאָל זי אַרונטערנעמען. האָט זיך געפונען אַפ „פּרינץ אַלבערט” א באָכער. לייזער באַך. ער איז א סטאָליער און פאָרט צו זײַנעם א פעטער אין שיקאַגאָ. לייזער איז מעגושעם. ער איז א געלער און האָט גראָבע צווייענדיקע ליפּן. נאָר איך האָב אים ליב פאַר זײַנע לידער. ער זינגט אויסגעצייכנט ייִדישע לידער. איז געבליבן: אַזוי ווי לייזער האָט ווער סע זאָל אים אַרונטערנעמען און לייע האָט קיינעם ניט, זאָל ער, לייזער באַך, זאָגן, אַז לייע קער אים אָן א קאַלע... פאַרשטייט זיך, אַז דאָס שמאַדשטיק וואַקסט פון יענעם ייִדן, וואָס מיר רופן די „געראָויכערטע ליולקע”. און אַזוי איז דאָס טאַקע געוועזן. באַם פאַרהער איז ער — דער כאָסן, זי — די קאַלע. דאַכט זיך.

גוט? לאָזט זיך אויס, אז אפ עליס איילאנד גייען ניט אָן אוועלכע שטיקלעך. וויבאלד אז כאָסנ־קאלע, באדארפ זיין א כופע. וויינט לייע מיט סאקאָנעס. רעדט מען איר אויס דאָס הארצ: „וואָס ארט דיך, נארעלע? וועסט קומען אינ שטאָט, וועט ער דיר געבנ געט, ביסטו צוריק די לייע ווי געוועזנ״... האָט זי מוירע. טאָמער נייִנ?... נאָר ווערנ אָפּגעשיקט צוריק איז בעסער? בעקיצער, ס׳איז א כופע. א טרויעריקע כופע. אָנ קלעזמער. נאָר מיט א ראָוו, מיט א שאמעס אונ מיט טרערנ, טרערנ אָנ א שיר. א יאם פונ טרערנ.

ז.

גוט איז נאָר איינ מענטש. ווייסט איר וועמענ? — דעם הייסינער שניידער. ער האָט דערלעבט א נעקאָמע אינ אונדזער כאווער פיני. ווער איז צו אים גלייך? זאָגנ זאָגט ער גאָרנישט ניט. נאָר ער שפּאנט ארום פארביי אונדז, גלעט זיך דאָס בערדל, קוקט אפ פיניען דורך זיינע שארפעברילנ. פיני איז אָבער קליגער פונ אים. ער האָט ארייִנגע־שטעקט זיינ שפּיצ נאָז עפּעס אינ א ביכל, זעט קלוימערשט ניט דעם שניידער. ער האָט אים אינ דער לינקער פּייע!

ט.

אביסל אייגענע צאָרעס, אביסל פרעמדע יעסורימ פארשטערנ אונדז די סימכע, וואָס מיר זענענ אינ אמעריקע. מיר האָבנ זיך אזוי־פיל אָנגעזעענ דאָ אפ דעם עליס איילאנד אונ אָנגעהערט, אז מיר זענענ מיד געוואָרנ אונ האָבנ זיך צונויפגעשלאָגנ אונדזער גאנצע מישפּאָכע קאָפּ אפ קאָפּ אונ געקוקט אהינ, אינ דער גרויסער ראשי־קער שטאָט ארייִנ, וואָס ליגט נאָך וויים פונ אונדז. ווייסט איר, ווי־אזוי מיר האָבנ אויסגעזעענ? מיר האָבנ געכאפּט דעם אָנבליק פונ א סטאדע שעפּעלעך, וואָס שטייענ צונויפגעפּרעסט אינ פעלד אינ א הייסנ זומער־טאָג, ניט ווייט פונ די רעלסנ פונ א באנ, אונ קוקנ פארוווּנ־דערט, ווי די וואגאָנעס לויפנ מיט א ראש פארביי אונ ווערנ פאר־שווונדנ. אנ אווירע, וואָס איך האָב ניט קיינ בלייַשטיפט אונ קיינ שטיקל פּאפּיר אפ אָפּצומאָלנ אונדזער צונויפגעפּרעסטע מישפּאָכע, אונ אויך די אלע איבעריקע אייִנגעשפּארטע עמיגראנטנ אפ עליס איי־לאנד, ווי זיי זיצנ יעדער אפ זיינ פעקל. מע זיפצט אונ מע דערציילט זיך אויס איינס פאר דאָס אנדערע דאָס ביטערע הארצ. אנדערע שווייגנ שטיל. אונ אנדערע וויינענ, באָדנ זיך אינ טרערנ, אינ א יאם פונ טרערנ.

V

מיט ביידע פיס אפ דער ערד

א.

אויב איר זענט קיינמאָל ניט געפאָרן אפן יאַם, אויב איר זענט קיינמאָל ניט געווען צען טעג מיט צען נעכט אפן וואסער, אויב איר זענט קיינמאָל ניט געווען געפאנגען אפ „עליס איילאנד" און האָט ניט אָנגעזען זיך און ניט אָנגעהערט זיך מיט צאָרעס, יעסורים און פּיין און ניט געבאָדן זיך אינעם יאַם פון טרערן, און ניט ארויסגעקוקט, מע זאָל אייך קומען אויסלייזן, — אויב איר האָט דאָס אלצדינג אליין נישט פארזוכט אפ אייערע אייגענע פּלייצעס, וועט איר ניט פילן דעם טאַם, וואָס הייסט שטיין מיט ביידע פיס אפ דער ערד. ווען איך זאָל ניט מוירע האָבן פאר מיין ברודער עליע און ניט שעמען זיך פאר לייטן, וואָלט איך אנידערגעפאלן אפ דער ערד און וואָלט זיך איבערגעקוליעט דריי מאָל מיטן קאָפּ אראָפּ און מיט די פיס ארויף. אזוי גוט און ליכטיק און פריילעך אפן הארצן איז מיר געוואָרן, אז איך האָב דערפילט, אז איך שטיי מיט ביידע פיס אפ דער טריקעניש. איר קאָנט פארשטיין, אז אפילע אזא מאָרעשכוירעניק, ווי מיין ברודער עליע, האָט שוין אויך באקומען אן אנדער פּאָנעם. ער האָט געריבן א האנט אָן א האנט און א זאָג געגעבן צו אונדז אלעמען: „זענען מיר, הייסט עס, אין אמעריקע?" — „מיטן אייבערשטנס הילף, געלויבט זאָל זיין דער נאָמען זיינער!" — זאָגט דערויף די מאמע און טוט א קוק ארויף אפן הימל. דערנאָך לייגט זי צו מיט א טיפן זיפץ: „ווער עס לעבט, דער קומט. קומען קומט ניט נאָר דער, וואָס ליגט אין דער ערד"...

דאָס מיינט זי שוין דעם טאטן. קיינמאָל און ערגעץ ניט פארגעסט זי ניט דעם טאטן, איר זאָלט זאָגן — אפ א מינוט.

ב.

נאָר מער פון אלץ און שטארקער פון אלע באווייזט ארויס זיין פרייד אונדזער כאווער פּיני. דער איז — איך האָב מוירע צו זאָגן — גאָר משוגע געוואָרן, פּאָשעט אראָפּ פון זינען. ער האָט זיך אוועקגעשטעלט

מיטן פּאָנעם צום יאַם און, אופגעהויבן די רעכטע האַנט אין א קולאַק, האָט ער אוועקגעלייגט א גאַנצן מאַנע־לאָשן:

— הערט צו, איר כאַמוירים, רעשאָים, שיקורים, כוליגאַנעס, פּאָג־ראָמשטשיקעס! דאָס האָבן מיר אײַך צו פאַרדאַנקען, וואָס מיר געפינען זיך אַצינד אין אַזאַ פרײַער, גליקלעכער מעדינע! ווען ניט איר מיט אײַ־ערע גזיירעס, רעדיפעס און פּאָגראָמען, וואָלטן מיר ניט געוווּסט פון קאָלומבוסן און קאָלומבוס וואָלט ניט געוווּסט פון אונדז! איר וועט דאַרפן לאַנג וואַרטן, ביז מיר וועלן קומען צו אײַך צוריק! אַזוי ווי איר זעט ניט אײַערע אויערן, אַזוי וועט איר שוין ניט זען אונדז, ווײַל איר וועט לעבן! איר וועט זיך אַמאָל אַרומקוקן, אַז איר האָט געהאַט א פאָלק ייִסראָעל און ניט געוווּסט ווי צו שאַנעווען דאָסדאָזיקע פאָלק! איר וועט האָבן א ווײסטן סאָף, אַזוי ווי שפּאַניע האָט געהאַט. איר וועט וויינען, ווי די קלויסטער־הינט. איר וועט זיך אַמאָל פאַרבענקען נאָך אונדז! עס וועט זײַן באַ אײַך א רענדל א ייִד. איר וועט אונדז רופן צו־ריק. נאָר א מאַקע וועלן מיר צו אײַך פאָרן!...

ווער ווייסט, ביז ווי לאַנג נאָך אונדזער פּיני וואָלט זיך אַזוי געקילט דאָס האַרץ, ווען יוינע דער בעקער זאָל ניט אַרופלייגן די האַנט אַף זײַ־נע פּלייצעס און א זאָג געבן צו אים:

— פּיני! גאָט איז מיט דיר! צו וועמען רעדסטו? צו די שטיינער? קום! מיר וועלן פאַרשפּעטיקן די פּערי! צי דו ווילסט דאָ בלײַבן נעכ־טיקן אַף עליס אײַלאַנד?

מיר נעמען זיך צו די פּעקלעך און לאָזן זיך גיין צו דער פּערי.

ג.

עס רעדט זיך אָבער נאָר אַזוי. ניט אַזוי גיך זעצן מיר זיך פאָרן. איר האָט פאַרגעסן, אַז מיר האָבן אַף זיך א פּעקל — מײַן כאַווער מענדל. מע לאָזט דאָך אים ניט אַרויס. און אָן אים קאָנען מיר זיך ניט רירן. די מאַמע זאָגט, אַז זי וועט ניט קאָנען רויק זײַן אין אַמעריקע, אויב כאָלילע מע שיקט דעם יאָסעם אָפּ צוריק, גאָט ווייסט וווהין. א גליק, וואָס מיר האָבן אַף עליס אײַלאַנד דערשלאָגן זיך צו אַזאַ כעווראַ, וואָס הייסט „האַכנאָסעס אָרכים". די כעווראַ האָט אַף עליס אײַלאַנד אירן א מענטשן. זייער א גוטער מענטש און א צוגעלאָזטער. צו דעמדאָזיקן מענטשן האָט מען אונדז אָנגעוויזן. פאַר אים האָבן מיר דערציילט דעם גאַנצן עמעס, וואָס מיט דעם באָכער איז געשען. פאַרשטייט זיך, אַז

גערעדט האָבן אַלע אײנײנעם. האָט אונדז דער מענטש אָפּגעהאַקט אינ־מיטן און פֿאַרגעלייגט, אַז מיר זאָלן צווישן זיך אויסקלויבן איינעם אַ רעדנער. נאָך אַ היפּש שטיקל צײַט איז שפּאַרעניש איז געבליבן, אַז רעדן זאָל דאַפּקע בראָכע, מײַן ברודער עליעס ווײַב. פֿאַרוואָס עפּעס בראָכע? ווײַל די מאַנצבילן, עליע און פּיני, קאָנען ניט זען איינעם דעם אַנדערן רעדן און גיט אַרײַנפּאַרן אים אינמיטן. און די מאַמע רעדט דאַפּקע גוט, נאָר אַביסל צו פֿיל. דאָס הייסט, אַז זי הייבט אָן צו רעדן, מוז זי אָנהייבן פֿון „מה טובו"[20]: וויאַזוי מיר האָבן געהאַט אַ טאַטן, האָט ער געהייסן פּייסי, און אַז ער איז געווען אַ כאַזן. דער־נאָך, וויאַזוי ער איז, ניט דאָ געדאַכט, קראַנק געוואָרן. און אַזוי ווײַ־טער און ווײַטער. ווײַל יענער ניט אויסהערן ביזן סאָף. און מײַן שווע־גערן בראָכע מאַכט דאָס בעקיצער. אַ וואָרט און צוויי אַ מאָהריטש, ווי מוישע דער אײַנבינדער זאָגט.

ערשט דעמאָלט, אַז בראָכע האָט אין קורצע ווערטער איבערגעגעבן מענדלס געשיכטע, האָט דער מענטש פֿון דער כעוורע „האַכנאָסעס אָר־כים" זיך אַ נעם געגעבן צו דער אַרבעט. ער איז ערגעץ אַוועקגעלאָפֿן, געקומען צוריק און ווידער אַוועקגעלאָפֿן. קוים מיט צאָרעס, מיט לייד—מע האָט געבראַכט דעם באָכער.

ד.

און אַז מע האָט געבראַכט דעם באָכער, מענדלען, הייסט עס, האָט דער מענטש פֿון דער כעוורע „האַכנאָסעס אָרכים" אים אָנגענומען פֿאַר אַן אויער און האָט אים אַרײַנגעזאָגט אַ גאַנצע דראָשע: „געדענק, באָ־כערל, אַז מיר זענען אָרעוו פֿאַר דיר, אַז דו וועסט זיך גוט אויפֿירן. צוויי יאָר דורכאַנאַנד ביסטו איז אונדזער רעשוס... מירן אָפּ דיר אַכטונג געבן. טאָמער פֿירסטו זיך ניט אויף, ווי עס געהער צו זײַן, שיקט מען דיך אַרויס צוריק פֿונוואַנען דו ביסט געקומען"... דערנאָך האָט דער מענטש פֿאַרשריבן זײַן נאָמען און אונדזערע אַלעמענס נעמען און די נע־מען פֿון אונדזערע פֿרײַנט און באַקאַנטע און זייערע אַדרייסים. און מיר זענען פֿרײַ. מיר קאָנען גיין, וווהין מיר ווילן און טון וואָס מיר ווילן.

מיינט איר עפּשער, אַז מענדלען האָט דאָס גערירט? עס הייבט זיך גאָר ניט אָן. מײַן כאַווער מענדל איז אַזאַ נעפּעש, וואָס ווערט ניט ניספּאָעל פֿון קיין זאַך. און דערפֿאַר האָב איך אים ליב. דערמאָן איך

מיך אָן מײַן כאווער מענדל, וואָס ער איז געווען און וואָס עס איז פון אים געוואָרן שפּעטער, העט־העט, אין אַ צײַט אַרום — איז טאַקע באָטס ניסים. נאָר אַזאַ לאַנד, ווי אַמעריקע, קאָן מאַכן פון קליין גרויס, פון נידעריק הויך, קימאַט פון טויט לעבעדיק... נאָר מיר האַלטן נאָך דערווײַל פון פאָרנט, בײַ דער פערי.

ה׳

די פערי — דאָס איז אַזאַ מין שיף, אָדער אַ פּאַראָם אַזעלכער, וואָס מע קאָן אַריבערפאָרן אויף אים מיט פערד און וואָגן און מיט האַק און פּאַק. די פערי איז גענוג ברייט און לאַנג, אַז איך און מײַן כאַווער מענדל זאָלן קאָנען זיך נעמען פאַר די הענט און שפּאַצירן אין דער לענג און אין דער ברייט. די ערשטע מינוט איז די מאַמע געווען פאַרטראָגן מיט אונדזערע מעכוטאָנים און מיט אונדזערע באַקאַנטע. אַלע האָבן גערעדט, זיך אויסגעפרעגט איינס בײַ דאָס אַנדערע, וואָס סע הערט זיך. שפּעטער אַביסל האָט זי זיך געכאַפּט, אַז מיר זענען ניטאָ — ניט איך, ניט מײַן כאַווער מענדל. אַוואַדע האָט זי געמאַכט אַ גוואַלד. זי האָט אַנדערש ניט גערעכנט, נאָר אַז מיר זענען אַרײַנגעפאַלן אין וואַסער אַרײַן און דערטרונקען געוואָרן. צום סאָף לאָזט זיך אויס, אַז מיר האָבן דערזען טרעפּ, זענען מיר אַרויף אויפן צווייטן שטאָק פון דער פערי, און פונדאָרטן האָבן מיר דערזען אַ מוירעדיק הויכע גרויסע אײַזערנע פיגור פון עפּעס אַ נעקייווע, וואָס זעט אויס ווי אַן אַם... מיר האָבן קיין צײַט ניט געהאַט אַפילע רעכט צו באַקוקן דידאָזיקע פיגור, האָבן מיר דערהערט דער מאַמעס קוילעס און דערזען פאַר זיך עליען. ער איז געווען אויף אונדז מאָלע גאַזלען פאַרן דערשרעק, וואָס מיר האָבן אָנגעוואָרפן אויף זיי אַלעמען מיט אונדזער פאַרפאַלן ווערן. מיר וואָלטן זיך ניט געגאַרט פון אים. מײַן ברודער עליע וואָלט אונדז פאַר אַזאַ זאַך רעכט באַצאָלט, האָט זיך געטראָפן אַ גליק — מײַן שוועגע'ס בראָכע האָט זיך דערפילט ניט גוט און האָט אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש ניט מיט איר קאָל: „אוי, שוויגער, ס'איז מיר שלעכט!״... און זי וויל שוין אָנהייבן אירע שטיק, אַזוי ווי אויפן יאַם. לאַנג לעבן זאָל דער הײַסינער שנײַדער (ער וויל גאָר פון אונדז ניט אָפּשטיין אויף אַ ווײַלע!). ער פאַלט אָן אויף בראָכען און זאָגט איר מוסער: „אַזאַ אָסאָבע, ווי איר, קיין אײַנהאָרע, זאָל ניט וויסן דעם כילעק פון אַ יאַם ביז אַ קליין טײַכל — פע, שעמען מעגט איר זיך!״...

פארענטפערט זיך בראָכע. זי האָט גיט געוווסט, אז ס'איז א טײַך. זי האָט געמיינט, אז מיר זענען שוין ווידער אפן יאם. וואָס קומט איר דערפאר?... זאָגט פּיני, אז אים דאכט זיך, אז נאָכן רייעכ אַליין קאָן מען דערקענען, וועלכס איז יאם און וועלכס איז א טײַך. א יאם, זאָגט ער, שמעקט מיט פיש, און אין א טײַך זענען קיין פיש ניטאָ. פרעגט אים דער הײַסינער שנײַדער: פונוואנען איז געדרונגען? ענטפערט אים פּיני, אז ער רעדט גאָרניט צו אים, און אז ער האָט ביכלאַל פּײַנט אריינלאָזן זיך אין וויקוכים מיט א שנײַדער. מישט זיך שוין אריין מוישע דער אײַנבינדער, פּעסים מאָן. ער מאכט פּיניען אן אויסרעד, אז ער איז איצט אין אמעריקע, ניט אין „ריסנלאנד". אמעריקע, זאָגט ער, איז א לאנד פון שנײַדערס. דאָ, אין אמעריקע, זאָגט ער, איז א שנײַדער אזא מעיוכעס, ווי בא אונדז דער שענסטער באַלעבאָס, און עפשער נאָך מער. אין אמעריקע, זאָגט ער, האָבן שנײַדערס א „יוניע". א יוניע איז קימאט דאָס, וואָס בא אונדז א „צעכ". נאָר די היגע יוניע, זאָגט ער, איז גאָר גישט דאָס, וואָס אונזדער צעכ...

— און מיר, בעקערס, האָבן זיך אונדזער „יוניע", — לייגט צו יוינע דער בעקער. — אונדזער בעקער־יוניע איז עפשער אזוי גרויס, ווי די שנײַדער־יוניע.

— זאָגט כאָטש לעהאוודל! — שלאָגט אים איבער מוישע דער אײַנבינדער. און עס גייט אוועק א כאסענע, וועלכע „יוניע" איז גרעסער.

— נאָכ עטלעכע מינוט, און מיר זענען אין „נעוועיאָרק", — זאָגט פּיני צו עליען, ביכדיי איבערצורײַסן דעם שמועס פון די „יוניעס", וואָס האָט זיך אונדז אַלעמען שוין צוגעגעסן... מיר קוקן זיך אײַן אין דער שטאָט, וואָס וואקסט פאר אונדזערע אויגן און באווײַזט זיך אלע ווײַלע בעענטער. אכ! וואָס פאר א שטאָט! אכ! וואָסערע הויכע הײַזער! קלויסטערס, ניט קיין הײַזער! און פענצטער! טויזנט פענצטער!... ווען איכ האָב בא זיך איצט א בלײַשטיפט מיט א בויגן פאפיר!

ו.

טררראכ־טאררערעראכ—טאכ־טאכ־טאכ! טאכ! דזינ־דזינ־דזינ־גלינ־גלאָנ! הו־הא! הו־הא! הו־הא! דו־דו־דו־דו! פּי־יו! איי־איי־איי־איי־איי־איי! און ווידעראמאָל — טראכ־טאררעראכ־טאכ־טאכ־טאכ! און אינמיטן הערט זיך א הייזעריקער קוויטש פון א פארטשעפּעטן כאזער: כרו! כרו! כרו!.. — אָט דאָס זענען געווען די קוילעס מיט די גוואלדן, וואָס מיר האָבן

דערהערט אין דער ערשטער מינוט, ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק. ביז אהער, קאָלזמאַנ מיר זענען געווען אפן וואסער, זענען מיר געווען רויק. נאָר דאָ, וויבאלד מיר האָבן דערפילט, אז מיר שטייען טאקע מיטביידע פיס אפ דער ערד, אין דעם רעכטן אמע־ריקע, אזוי איז אפ אונדז אָנגעפאלן א שרעק, א טומל מיט א בעהאָלע...

די ערשטע האָט זיך פארלוירן די מאמע. ווי א ספּאָלאָשעטע הון א קוואָטשקע, וואָס ציטערט איבער אירע הינדעלעך, צעשפרייט זי די פליגל, פיקט און קוואָקעט און הייבט אוף א געפילדער, פונקט אזוי האָט אויסגעזעען די מאמע מיינע. זי האָט צענומען ביידע הענט און געמאכט א גוואלד: „מאָטל! מענדל! עליע! בראָכע! פיני! טייבל! ווו זענט איר? אהער גייט!"...

— גאָט איז מיט אייך, שוויגער! וואָס שרייט איר? — זאָגט צו איר בראָכע, און מיין ברודער עליע לייגט צו: „דער סאָף וועט זיין, אז איבער דיין געשריי מיט דיין געפילדער וועט מען אונדז ארויס־שיקן צוריק פון אמעריקע!"...

— פורעם נאָכן קאלטן קוגל! — כאפט אים אונטער אונדזער כא־ווער פיני און לייגט אריין ביידע הענט אין די קעשענעס, און דאָס קאפּעליושל ארופגערוקט ארוף. — אזוי לאנג קרענקט פאָני־גאנעוו, ווי לאנג מע וועט אונדז שוין פונדאנען פאָטער ווערן! דו האָסט פאר־געסן, אז אמעריקע איז באשאפן געוואָרן פון גאָט אפ שוץ און באַ־העלטעניש פאר די אלע, וואָס ווערן געיאָגט און געפלאָגט, געשטויסן און געטריבן פון אלע עקן פון דער וועלט?...

דער געדראנג פון מענטשן איז געווען זייער גרויס. אונדזער כא־ווער פיני האָט שיר ניט געכאפט דעמזעלבן פסאק, וואָס אנומלטן אין לאָנדאָן, בא אונדזער ארייַנפאָרן אין יענער שטאָט אריין. דאָס הייסט, נאָך א מינוט — און ער וואָלט געלעגן א צעקנייטשטער, א צע־טראָטענער אפ דער גאס. איצטיקס מאָל איז ער אָפּגעקומען נאָר מיט א סטוסאק אין זייט אריין. נאָר אזוי שטארק איז געווען דער קלאָפּ, אז דאָס קאפּעליושל האָט זיך אראָפּגערוקט בא אים פון קאָפּ און, אונ־טערגעכאפּט פונעם ווינט, איז דאָס אוועקגעפלויגן אביסעלע אָן א זייַט. דאָס האָט צוגענומען בא אונדז אומזיסטע עטלעכע מינוט איבעריקע צייַט. מיר האָבן דעריבער פארשפעטיקט די קאר. דאָס הייסט, דעם טראמווייַ. בא אונדז הייסט דאָס טראמווייַ, בא זיי — קאר. פיניען איז דאָס וואָרט „קאר" בעסער געפעלן, ווי טראמווייַ. וואָרעם ס'איז קירצער.

מיר האָבנ אָבער לאנג נישט באדארפט ווארטנ. עס איז באלד אָנגעקומענ נאָכ א קאר, אונ מיר אלע האָבנ זיכ ארופגעקראצקעט מיט די פעקלעכ אפ דער קאר, פארכאפט אלע ליידיקע ערטער. אונ מיר פאָרנ אינ שטאָט ארייַנ.

— דאנקענ האשעמ יִסבאָרעכ — פאָטער געוואָרנ פונ א פריטשעפע, פונ דעמ הייַסינער שנייַדער! — פרייט זיכ אונדזער כאווער פיני, אונ מייַנ ברודער עליע זאָגט צו אימ: „ווארט אויס, פריי זיכ נאָכ ניט! אז מיר וועלנ ווערט זייַנ בא גאָט, וועלנ מיר זיכ מיט אימ נאָכ באגעגענענ ניט איינ מאָל אינ ניו־יאָרק"...

VI

אינ ניו־יאָרק אפ דער סטריט[21]

א.

דער ארײַנפאָר אינ שטאָט ניו־יאָרק איז שרעקלעכ. דאָס פאָרנ אלײנ איז נאָכ ניט אזוי גוואלדיק, ווי דאָס איבערזעצנ זיכ פונ אײנ וואגאָנ אינעמ אנדערנ. איר האָט זיכ נאָר־וואָס ארײַנגעזעצט — אהא! איר פליט שוינ, ווי די אָדלערס, אינ דער הויכ, איבער א לאנגער שמאָלער בריק אפ צו דערהארגעט ווערנ. ווערט דאָס אָנגערופנ בא זיי „עליווייטער". מײנט איר, אז איר זענט שוינ פארטיק? האָט צײַט אביסל. איר קריכט ארויסעט פונעמ „עליווייטער" אונ איר זעצט זיכ איבער אינ אנ אנדער וואגאָנ אונ איר לאָזט זיכ אראָפ דורכ טרעפ, ווי אינ א קעלער ארײַנ, אונ איר לויפט אונטער דער ערד מיט אזא אימפעט, אז עס שווינדלט אײַכ אינ די אויגנ. דאָס ווערט שוינ אָנגערופנ בא זיי „צאָבהיי". פארוואָס הײסט דאָס „עליווייטער" אונ דאָס „צאָבהיי"? — זאָגט מײַנ ברודער עליע, אז „עליווייטער" נעמט זיכ פונעמ וואָרט „לײטער". אונ צאָבהיי זאָגט מענ בא אונדז אויכ, אז מע טרײַבט אָנ א פאָר אָקסנ. לאכט פונ אימ אונדזער כאווער פיני מיט סאקאָנעס. ער זאָגט: „ס'א מאָשל אקעגנ א טאָרבע פלעקער! אָקסנ, זאָגט ער, קוימ וואָס זיי קריכנ, אונ דאָס פליט!" ענטפערט אימ דערופ עליע: „דערופ איז דאָס אמעריקע, ס'זאָל פליִענ"... מישט זיכ ארײַנ מײַנ שוועגערנ בראָכע אונ זאָגט, אז דאָס אײגענע אמעריקע וואָלט געווענ אסאכ בעסער, ווענ מע זאָל דאָ ניט אזוי פליִענ, ווי מע פליט. זי שווערט זיכ, אז מער פאָרט זי שוינ ניט, אנ עק! ניט מיטנ „עליווייטער", ניט מיטנ „צאָבהיי" — זי זאָל וויסנ גליקלעכ ווערנ. זי וועט שוינ, זאָגט זי, בעסער גײנ צופוס, אײדער אזוי מעשוגענערווײַז פליִענ הענדומ־פענדום איבער דער כמארע, אָדער לויפנ אונטער דער ערד. דערבײַ האָט זי געזאָגט א ווערטל: „הײב מיכ ניט אונ ווארפ מיכ ניט"... א מאָדנע ייִדענע מײַנ שוועגערנ. בא מיר וואָלט איר, פארקערט, געפוי־

עלט, איך זאָל ארומפאָרן מיטן „עליוויייטער" און מיטן „צאָבהיי" א גאנצן טאָג מיט א גאנצער נאכט. מײַן כאווער מענדל אויך דאָס אייגענע.

ב.

דאכט זיך, מיר זענען שוין אויסגעווען א וועלט. דאכט זיך, מיר האָבן זיך שוין געזען אָנגעזעען מיט די טראמוויַען אין לעמבערג, אין קראָקע, אין ווין, אין אנטווערפן און אין לאָנדאָן. נאָר אזא ענג־שאפט, מיט אזא שטופן זיך און אזא דערשטיקעניש, ווי אָט דאָ, אין דעם געגעם, האָבן מיר אינערגעץ ניט געזען! קאָפּ אף קאָפּ. איי־נער ארויס, צוויי ארײַן. זיצן איז ניטאָ ווו. דארף מען שטיין. פאלט מען אום. מוז מען זיך אָנהאלטן באַם רינג. הייסט דאָס דאָ „הענגען אפן סטראפּ". ווערט מען פארקליאקנעט. העלפט גאָט, עס ווערט ריין אן אָרט, איז פאראן דערוף אסאך באלאָנים. קוים מיט צאָרעס פארכאפט אן אָרט. איר קוקט זיך ארום, זיצט איר צווישן צוויי גוים. ביידע שווארצע. א ניגער מיט א ניגערטע. מעגושעמדיקע ברוים. מוירעדיק גראָבע ליפּן. גרויסע ווײַסע ציין און ווײַסע נעגל. זיי זיצן און קײַען עפּעס, מאלעגיירען, אזוי ווי אָקסן. ערשט דערנאָכדעם בין איך גע־ווירע געוואָרן, אז דאָס וואָס זיי קײַען ווערט אָנגערופן „טשאָיגגאָם". דאָס איז אזא מין קאָנפעקט פון גומילאסטיק. מע האלט דאָס אין מויל און מע קײַעט דאָס. אראָפּשלינגען טאָר מען דאָס ניט. יונגע באָיעס, דאָס הייסט קליינע יינגלעך, אלטע לײַט און קאליקעס מאכן דערפון א לעבן. אונדזער כאווער פּיני, אויב איר געדענקט, איך האָב אײַך אמאָל דערציילט, איז בעטעווע א גרויסער נאשער. ער האָט ליב זיסע זאכן. האָט ער זיך צוגעכאפּט צו דידאָזיקע קאָנפעקטלעך און האָט פּאוואָלינקע אײַנגעשלונגען א גאנץ שאכטל. דער סאָף איז געווען — ער האָט זיך אָנגעמאכט א כאסענע אין מאָגן, שיר ניט אָפּגעסאמט זיך. דאָקטוירים האָבן אויסגעפּאָמפּעט בא אים דורכן האלדז די „טשאָינגאָם", מע האָט אים געראטעוועט דאָס לעבן. נאָר איך פארלוים אף צו פריער. מיר קערן זיך אום צוריק צו אונדזער ערשטן ארײַנפאָר אין דער שטאָט ניו־יאָרק.

ג.

דעם גאנצן וועג, וואָס מיר זענען געפאָרן אפן „עליווייטער" און אפן „צאָבהיי", האָבן אונדזערע לײַט, די מאנצבילן מיט די ווײַבער, געהאלטן אין איין רעדן. איך זאָג רעדן, אָבער ס'איז ניט עמעס. ווער

קאָנ דאָס רעדנ אפנ „עליווייטער״? אָדער אפנ „צאָבהיי״? אז דער ראש מיטנ געפּילדער, מיטנ גראגערנ פונ די רעדער, מיטנ גרילצנ פונ די רעלסנ, מיטנ קלינגענ פונ די פענצטער מאכנ אײַך טויב. איר אליינ הערט ניט ײַער קאָל. איר מוזט שרײַענ איינס צום אנדערנ, ווי בעייס איר רעדט צו א טויבנ. אונדזערע לײַט זענענ אזש הייזעריק געוואָרנ שרײַענדיק. די מאמע האָט עטלעכע מאָל געבעטנ זיכ בא פּעסינ:

— פּעסיניו, נעשאָמעניו, הארצעניו, ליובעניו! לאָזט דאָס איבער אפ שפּעטער!...

מע ווערט אנשוויגנ אפ א מינוט אונ מע הייבט אָבער באלד אָנ ווידעראמאָל צו שרײַענ אפ קוילע־קוילעס. וואָרעם מענ איז דאָכ לע־בעדיקע מענטשנ, גוטע פרײַנט, געוועזענע שכיינים. וויאזוי קאָנ מענ זיכ אײַנהאלטנ אונ ניט אויסרעדנ זיכ די הערצער? מע האָט זיכ אזא צײַט ניט געזעענ. אונ צו רעדנ איז דאָ אזוי פיל! אזוי פיל!

ד.

אָנגערעדט זיכ אונ אָנגעשריענ זיכ וועגנ זײַטיקע זאכנ, איז מענ ארופ אפ א שמועס וועגנ ווהינ צו פארפאָרנ אונ בא וועמענ אָפּצושטעלנ זיכ. נאָכ אסאכ וויקוכים אונ שפּארענישנ איז געבליבנ, אז די מאמע אונ איכ אונ אונ־דזער כאווער פּיני מיט זײַנ שײַבלענ זאָלנ מיר זיכ אָפּשטעלנ בא אונדזער שכיינע פּעסי די גראָבע. אונ עליע מיט זײַנ ווײַב בראָכע זאָלנ פארפאָרנ צו זײַנ שווער אונ שוויגער, יוינע דעמ בעקער אונ ריוועלע די בעקערנ. נו, אונ מענדל? זאָגט פּעסי, אז מענדלענ נעמט זי צו זיכ. זאָגט ריוועלע די בע־קערנ — ניינ. בא פּעסינ, זאָגט זי, זענענ, קיינ אײַנהאָרע, פאראנ אָנ אימ אויכ א היפּש ביסל עסערס. פארדריסט דאָס פּעסינ. זי זאָגט, אז ס'איז ניטאָ קיינ איבעריקע ציינ אינ מויל אונ קיינ איבעריקע קינדער בא א מוטער.

— שאט! ווייסט איר וואָס? לאָמיר פרעגנ דעמ באל־דאָוואָר אליינ, — אזוי זאָגט מוישע דער אײַנבינדער, פּעסיס מאנ, אונ ער טוט א פרעג בא מענדלענ: ווהינ וויל ער בעסער — צו אימ אָדער צומ בעקער? ענטפערט אימ מענדל, אז ער וויל זײַנ דאָרטנ, ווו זײַנ כאווער מאָטל. איכ אליינ האָב אויכ גאָר אנדערש ניט געטראכט, אז אזוי באדארפ מענדל זאָגנ.

ה.

אָט דאָ באלד, נאָכ איינ סטיישענ, סטאפּענ מיר! — רופט זיכ אָנ יוינע דער בעקער שוינ אפ אמעריקאנער לאָשנ. מיר פארשטייענ ניט,

וואָס הייסט „סטיישענ״ און וואָס הייסט „סטאָפּענ״? פּאַרטײַטשט ער אונדז, אַז סטיישענ הייסט אַ סטאַנציע און סטאָפּענ מיינט מען אָפּ־שטעלן זיך, אַרויסקריכן.

— מעכוטן! פֿון ווען אָן האָט איר עס אָן געהויבן רעדן אפֿן היגן לאָשן? — פֿרעגט אים די מאַמע, און ריוועלע די בעקערן ענטפֿערט פֿאַר איר מאַן:

— איך בין אײַך אָרעוו, מעכוטענעסטע, אַז אין אַ וואָך אַרום וועט איר אויך אָנהייבן רעדן אפֿן היגן לאָשן. וואָרעם אַז איר וועט אַרויסקומען אין סטריט און פֿרעגן: ווו איז דאָ דער קאַצעוו? וועט איר מעגן קאַצעוון פֿון הײַנט ביז איבערמאָרגן, וועט אײַך קיינער ניט ענטפֿערן.

פֿרעגט זי די מאַמע:

— וויאַזוי־זשע דען זאָל איך זאָגן?

ענטפֿערט שוין פּעסי די גראָבע:

— אירט מוזט זאָגן „דער בוטשער״.

— אַזוי לאַנג קרענקען זיי! — מישט זיך אַרײַן מײַן שוועגערן בראָכע. — זיי זאָלן אַפּילע אויסליפֿן, וועל איך זיי זאָגן קאַצעוו, קאַצעוו און קאַצעוו!

ו.

מיטאַמאָל האָט מען זיך אָפּגעשטעלט. אונדזער מעכוטן יוינע דער בעקער האָט געכאַפּט די מעכוטענעסטע ריוועלע די בעקערן מיט מײַן ברודער עליע מיט מײַן שוועגערן בראָכע און האָבן זיך געגעבן אַ לאָז צום אַרויסגאַנג. האָט זיך די מאַמע אויך אויפֿגעהויבן. זי האָט געוואָלט גיין באַגלייטן אירע קינדער, זיך געזעגענען מיט זיי. אויך פּיני פֿון זײַן זײַט האָט זיך אויפֿגעהויבן, געגאַנגען געזעגענען זיך מיט זײַן כאַווער עליע און טאַקע אין איינוועגס אָפּרעדן מיט אים, ווו און ווען מע זאָל זיך זען. נאָר ווער? וואָס? ווען? אײדער מע קוקט זיך אַרום איז שוין יוינע דער בעקער מיט דער בעקערן מיט מײַן ברו־דער עליע און מיט זײַן ווײַב בראָכע אַף יענער זײַט. דער קאָנדוק־טער האָט שוין פֿאַרהאַקט די טיר. דער וואַגאָן האָט זיך געגעבן אַ ריס. אונדזער פּיני, ווי ער איז געשטאַנען פֿאַרטראַכט און צעטומלט, אַזוי האָט דאָס אים געגעבן אַ שלײַדער פֿון די פֿיס. אין אַ ווײַלע אַרום איז ער שוין געלעגן באַ אַ שוואַרצער גויע (אַ ניגערטע) אַפֿן

שויס. האָט אים די ניגערטע געגעבנ א וואָרפ פונ זיכ מיט בײדע הענט, אזוי, אז ער איז אוועקגעפלויגנ אפ דער צווייטער זײַט באנק אונ דאָס קאפעליושל צו דער טיר. אונ מאָמער איז קארג, איז נאָכ געוואָרנ א געלעכטער אויכ. דער גאנצער וואגאָנ האָט געלאכט. איכ אונ מײַנ כאַ־ווער מענדל האָבנ אויכ געלאכט. האָבנ מיר געכאפט א פסאק פונ דער מאמע אונ פונ פיניעס ווײַב טײַבל, לעמײַ מיר לאכנ. גייט, זײַט א בעריע, אדראבע, אונ לאכט ניט!

ז.

אלצדינג אפ דער וועלט האָט אנ עק. געקומענ א סאָפ צו אונדזער ארײַנפאָר אינ ניו־יאָרק. מיר זענענ שוינ אפ דער גאס. דאָ הייסט עס „סטריט". ווענ איכ זאָל ניט וויסנ, אז מיר זענענ אינ אמעריקע, וואָלט איכ זיכער געמיינט, אז מיר זענענ אינ בראָד, אָדער אינ לעמבערג. די אייגענע יידנ, די אייגענע ווײַבער, די אייגענע גוואלדנ, דאָס אייגענע מיסט, וואָס דאָרטנ. גישט מער, דער טומל מיטנ הארמידער איז דאָ אסאכ גרעסער. אונ דער ראש איז שטארקער, הילכיקער. אויכ די מויערנ זענענ העכער. אסאכ העכער. זעקס עטאזשנ איז א געלעכטער. פאראנ הײַזער פונ צוועלפ עטאזשנ. אונ פונ צוואנציק. אונ פונ דרײַסיק. אונ פונ פערציק. אונ נאָכ העכער. נאָר וועגנ דעמ שפעטער. דערווײַל זענענ מיר מיט אונדזערע פעקלעכ אפ דער סטריט. מיר האָבנ נאָכ א שטיק וועג צו גייג צופוס. דאָ הייסט דאָס — „וואָקענ". אונ מיר וואָקענ. פריער וואָקט מוישע דער אײַנבינדער מיט זײַנע קורצע פיס. נאָכ אים וואָקט זײַנ ווײַב פעסי די גראָבע. קוימ וואָס די פיס טראָגנ זי. אזוי פעט אונ שווער איז זי. נאָכ פעסינ וואָקענ פיני מיט זײַנ טײַבל. פונ פיניעס וואָקענ קאָנ מענ בלײַבנ אָנ א בויכ לאכנדיק. פיני, אז ער וואָקט, טאנצט ער אונטער מיט זײַנע דינע לאנגע פיס, וואָס פאר־טשעפענ זיכ איינער אָנ דעמ אנדערנ. איינ הויז אראָפ, דער אנדערער ארופ. דאָס קאפעליושל ארופגערוקט. דאָס האלדזטיכל אינ פאָצנ־זײַט. א מאָדנע פיגור, בעט זיכ אפ פאפיר. איכ אונ מײַנ כאווער מענדל וואָ־קענ פונ הינטנ, שפעטער פונ אלעמענ. מיר שטעלנ זיכ אָפ קימאט בא יעדנ פענצטער. אונדז איז געפעלנ, וואָס די אופשריפטנ זענענ אפ יידיש, אונ וואָס עס שטייענ ארויסגעשטעלט אלע יידישע זאכנ: סידו־רימ, טאלעסקאָטנס, יארמעלקעס, מעזוזעס, מאצעס — אינמיטנ דערינענ, סאמע אינ אָנהייב ווינטער — מאצעס! מאשמאָעס, א יידישע שטאָט.

לאָזט מען אונדז אָבער לאַנג ניט שטיין. די מאַמע רופט אונדז: „אַ־הער גייט!" — מוז מען גיין.

ט.

ווער עס האָט ניט געזעען די ניו־יאָרקער סטריט — דער האָט גאָר קיין שיינס ניט געזעען. וואָס געפינט איר ניט אַף דער סטריט? יידן האַנדלען. ווייבער זיצן און שמועסן. קינדער אין די וועגעלעך שלאָפן. „קערעדזשעס" הייסן דאָ די וועגעלעך. אַלע קערעדזשעס האָבן אייגן פּאָנעם. דאָ, אַף דער סטריט, האָדעוועט מען די קליינע אויפעלעך מיט מילך פון קליינע פלעשעלעך. גרעסערע קינדער שפּילן זיך. און שפּילן שפּילט מען זיך מיט טויזנטערליי שפּילערייען: מיט קנעפּלעך, מיט רעדעלעך, אין באַל, אין וועגעלעך, אין שליטעלעך און אין „סקייטס". דאָס איז אַ מין זאַך אַף פיר רעדלעך, צוגעבונדן צו די פיס, און אַף דעם רעדלט מען. מע קאָן טויב ווערן פונעם געפּילדער, וואָס די קינדער הייבן אוף אַף דער סטריט. די סטריט געהערט צו די קינדער קיינער וועט ניט וואַגן זיי פונדאַנען צו פאַרטרייבן. און ביכלאַל איז אַמעריקע אַ לאַנד, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן פון די קינדערס וועגן. און דערפאַר האָב איך ליב דאָס לאַנד. אַנו, לאָז עמעצער פּרוּוון אָנרירן אַ קינד מיט אַ פינגער! מיין ברודער עליע האָט דאָס פאַר־זוכט אַף זיין אייגענער הויט. ער וועט שוין פאַרזאָגן אַ צענטן. אַזוי איז געוועזן די מייסע:

איינמאָל בין איך מיט מענדלען געווען אַף דער סטריט און גע־שפּילט אין „טשעקעס"! דאָס איז אַ שפּיל מיט קיילעכיקע הילצערנע קנעפּלעך, וואָס מע שיסט מיט זיי. איז אָנגעקומען סאַמע אין רעכטן שפּיל מיין ברודער עליע. האָט ער מיך, נאָך דער אַלטער מאָדע, אָנגעכאַפּט באַם אויער מיט איין האַנט און מיט דער אַנדערער געוועג גרייט מיר שענקען אַ פּאָר פיינע פּעטש. וואַקסט אויס אַ באָי, אַ „ווער־געלעץ", ווי פון אונטער דער ערד. ער לויפט צו צו מיין ברודער און רייסט מיך אַרויס פון זיינע הענט. דערנאָך פאַרקאַטשעט ער די אַרבל און זאָגט עפּעס צו עליען אַף אַמעריקאַנער לאָשן. נאָר אַזוי ווי מיין ברודער פאַרשטייט ניט קיין ענגליש, נעמט דער ווערגעלעץ און טראָגט אים אונטער אַ צוגעמאַכטן קולאַק גלייך אונטער דער נאָז. קלויבט זיך באַלד צונויף אַ רעדל מיט מענטשן. און מיין ברודער פאַרענטפערט זיך פאַר זיי אַף יידיש, אַז ער קער מיך אָן אַ ברודער, מעג ער דערי־

בער מיט מיר לערנען דערעכערעצ. זאָגן אָבער די צונויפגעלאָפענע, אַז אין אמעריקע גייען נישט אָן די זאכן. א ברודער, נישט א ברודער — שלאָגן א קלענערן פון זיך טאָר מען ניט...

נו, גייט האָט ניט ליב אזא לאנד!

י.

דערווייל האָב איך מיך פארעדט און גאָר פארגעסן, אז מיר זענען שוין געקומען אהינצוצו, ווו מיר דארפן זיך אָפּשטעלן. דאָס הייסט, בא אונדזער שכיינע פעסי די גראָבע און בא איר מאן מוישע דעם איינבינדער. אריינגעקומען צו זיי אין שטוב, האָבן מיר ניט געטראָפן קיינעם פון דער כאליאסטרע. איך קוק זיך ארום אף אלע זייטן. איך זוך מיט די אויגן מיין אמאָליקן כאַווער „וואשטי״. ניטאָ ניט וואשטי, ניט קיינער. ווו זענען זיי אהינגעקומען אלע? וועט איר הערן א שיינס.

VII

די כאַליאַסטרע אַפּ דער אַרבעט

א.

איך האָב אײַך געהאַט דערציילט, אַז מיר זענען אַרײַנגעקומען צו אונדזער שכיינע פּעסי די גראָבע און צו איר מאַן מוישע דעם אײַנבינדער אין ניו־יאָרק, האָבן מיר פון זייער גאַנצער כאַליאַסטרע קיינעם ניט געטראָפן אינדערהיים. וואָס איז די מײַסע? — די כאַליאַסטרע איז אַפּ דער אַרבעט. נאָר איידער איך וועל אײַך גיין דערציילן, וואָס פאַר אַן אַרבעט יעדער פון זיי האָט, באַדאַרפּ מען אײַך פריִער באַשרײַבן, וויאַזוי אַ ייִד אַן אײַנבינדער פאַרגינט זיך צו זיצן אין אַמעריקע. ערשטנס, די שטוב. בא אונדז אין שטעטל וואָלט פּעסי די גראָבע גאָר מוירע געהאַט אַרופצוקלעטערן אַזוי הויך. מע גייט און מע גייט און מע גייט עפּשער אַפּ הונדערט טרעפּ, ביז מע קומט אַרײַן אין אַ דירע־מעלוכע. כאַדאָרים און כאַדאָרימלעך אָן אַ שיר. דאָ הייסט עס „רומס“. אין יעדן רום — בעטלעך מיט קאָלדרעס, מיט פאָרהענגלעך אַפּ די פענצטער. און איינ רום, וואָס מע רופט עס „קיטשען“. בא אונדז הייסט עס קיך. נאָר קיין אויוון איז ניטאָ. אַן אײַזערנע פּליטע מיט לעכער אַפּ צו קאָכן, און וואַסער צאַפּט זיך דאָ פון דער וואַנט. קאַלט וואַסער און הייס וואַסער — וויפל איר ווילט! איר דאַרפט נאָר געבן אַ דריי מיטן קראַן — און פאַרטיק.

ב.

שפּעטער, אַז מײַן ברודער עליע און זײַן ווײַב בראָכע זענען געקומען צו אונדז געווירע ווערן, וואָס מיר מאַכן, האָט אים אונדזער כאַוער פּיני אָנגענומען פאַר אַ האַנט, אַרײַנגעפירט אין קיטשען, באַוויזן די צוויי קראַנען מיט וואַסער און איז אַרויס מיט לאָשן, ווי פּיני קאָן. ער האָט געזאָגט:

— וואָס זאָגסטו עפּעס, עליע, אַפּ קאָלומבוסן? מעג ניט זײַן פּאָני די קאַפּאָרע פאַר זײַן מינדסטן נאָגל, וואָס אַכוץ בראָנפן און אַכוץ פּאָגראָמען ווייסט ער ניט ווער עס האָט אים געשלייערט?...

וועט אים דענ מײַנ ברודער עליע אָפּשווײַגנ? רופט ער זיכ אָנ צו אים, צו פּיניענ, הייסט עס: „איצטער ביסטו שוינ אינגאנצנ פאר קאָלומבוסנ. וואָס האָסטו אָבער געזאָגט פריִער אביסל, אַפּ עליס אײַלאנד!“ פארענטפערט זיכ פּיני און זאָגט, אז עליס אײַלאנד געהער ניט צו אמעריקע. עליס אײַלאנד, זאָגט ער, ליגט אַפּ דער גרענעצ צווישנ אמעריקע און צווישנ אויסלאנד. זאָגט אָבער מײַנ ברודער עליע, אז עס הייבט זיכ גאָרניט אָנ. צעקריגט מענ זיכ, ווי דער שטייגער איז בא די צוויי כאווײרים. ביז עס מישט זיכ ארײַנ בראָכע און מאכט צווישנ זיי א שאָלעם. זי זאָגט, אז זיי ווייסנ ביידע מער פונ א טויטנ, און אז דעריבער איז זייער קריגנ זיכ ניט ווערט אנ אָפּגעריבענער גראָשנ. נאָר איכ האָב אײַכ אָנגעהויבנ צו דערציילנ פונ מוישע דעמ אײַנבינדערס שטוב און בינ ארופּ גאָר אַפּ אנדערע זאכנ. האָט קיינ פאריבל ניט — מיר קערנ זיכ אומ צוריק צו אונדזער שכיינע פּעסי די גראָבע און צו אירע קינדער, צו דער כאליאסטרע.

ג.

אוואדע האָט זיכ אונדזער מוישענ און אונדזער פּעסינ קיינמאָל ניט געכאָלעמט אזא גוטס, אז זיי וועלנ זיצנ אינ אזא שטוב און האָבנ רומס. אַפּ אלצדינג א רומ. אַפּ צו שלאָפנ א רומ, הייסט עס „בעד־רומ“. און אַפּ צו עסנ האָבנ זיי א באזונדער רומ, וואָס מע רופט עס „דיינינג־רומ“. פארוואָס עפּעס דיינינג־רומ? ברעכנ זיכ עליע און פּיני די קעפּ און קאָנענ ניט פארשטיינ. מײַלע בעד־רומ — ווײַל דאָרטנ שטייענ בעטנ. אָבער דיינינג־רומ — וואָס איז די טײַטש דיינינג? פארוואָס ניט „עס־רומ“? מישט זיכ ארײַנ מוישע דער אײַנבינדער און זאָגט צו זיי:

— צו וואָס זאָלט איר זיכ ברעכנ אומזיסט דעמ מויעכ? אבי איכ בינ א באלעבאָס אינ ניו־יאָרק, גאָט צו דאנקענ, און מײַנע קינדער רבעטנ אלע, מיט גאָטס הילפ, און מע מאכט א לעבנ אינ אמעריקע...

איכ באקוק אָט דעמ מוישע דעמ אײַנבינדער און טראכט מיר: ריבוינעשעלוילעמ! ווי א מענטש בײַט זיכ איבער! אינדערהיימ האָט מענ אימ גאָרניט געהערט רעדנ אפילע. אומעטומ און אלעמאָל איז געווענ פּעסי. ער האָט נאָר געוווּסט מאכנ פּאַפּ און קלעפּנ ספאָרים. און דאָ איז ער געוואָרנ מיט א קאָפּ העכער. א קלייניקײַט — א מענטש האָט ניט קיינ שומ דײַגעס! אלע קינדער ארבעטנ און ברענגענ

געלט. איך וועל אײַך אויסרעכענען באַ איטלעכנעם די נעמען, וואָס פאַר אַן ארבעט ער טוט און וויפל ער פאַרדינט. די מאַמע איז מעקאַנע אונדזער שכיינע פעסי, וואָס גאָט האָט איר געשענקט אַזויפיל קינדער, קיין אײַנהאָרע.

ד.

דער עלטערער באָכער, קלעצל האָט ער געהייסן אינדערהיים. דאָ הייסט ער סעם. פאַרוואָס עפעס סעם? — ווייס איך ניט. איך ווייס נאָר, אַז ער פאַרדינט שוין געלט. ער איז אײַנגעשטעלט אין אַ „פּייפּער־באַקס־פעקטאָרי". איר ווייסט דאָך אָבער ניט מיט וואָס מע עסט דאָס, באַדאַרף מען אײַך פאַרטײַטשן. דאָס איז אַ פאַבריק, ווו מע מאַכט שאַכטלען פון קאַרטאָן־פּאַפּיר. מיינט ניט, אַז דאָס איז אַזאַ שווערער דזשאַב (דזשאַב הייסט אַ מעלאָכע). ער אַליין בעסאַכאַקל מאַכט נאָך ניט קיין שאַכטלען. ער צעטראָגט זיי נאָר. הייסט עס דאָ אויף זייער לאָשן: ער „דעליווערט" זיי. דאָס הייסט, ער נעמט אין יעדער האַנט אַ באָנדעל[22]) שאַכטלען פון אַ צען טוץ און לויפט מיט זיי איבער די ענגע סטריטן, צווישן קאַרס און אווטאָמאָבילן. מע דאַרף אַכטונג געבן, זיי זאָלן כאָלילע ניט צעקוועטשט ווערן. ער באַקומט דערפאַר דרײַטהאַלבן טאָלער אַ וואָך און האָפט אויף אַ „רעיז", דאָס הייסט, אויף אַ הויסאָפע. ס'איז מעגלעך, אַז מיט דער צײַט זאָל ער נעמען דרײַ טאָלער אַ וואָך. דאָס איז דערווײַל. שפּעטער אַביסל, זאָגט אים צו דער באָס (אַ באַלעבאָס הייסט דאָ „באָס"), אַז ער וועט אים אויסלערנען די ארבעט ווי־אַזוי צו מאַכן די שאַכטלען. ער זאָגט צו אים: „דו זײַ נאָר אַ גוד באָי, וועסטו זײַן אָלרײַט". אויף אונדזער לאָשן הייסט עס: „זײַ אַ מענטש, וועסטו עסן אין סוקע".

ה.

דאָס צווייטע באָכערל, וואָס מע האָט אים אַמאָל גערופן וועלוול קאָטער, און הײַנט הייסט ער שוין ווילי, איז אויך אַ דעליווער־באָי, דאָס הייסט, אַ ייִנגל, וואָס מע שיקט אים. ער איז אין אַ „גראָסערי־סטאָר". באַ אונדז הייסט עס אַ „באַקאַליינע קלייט". דאָס איז שוין אַ ביסל אַ שווערערער דזשאַב. מע דאַרף זיך פעדערן גאַנץ פרי, אַז גאָט אַליין שלאָפט נאָך. מע דאַרף קוידעם אויסאָרטירן און אויספּאַקן אַלע אָרדערס. דערנאָך צעטראָגן די באָנדעלס צו די קוינים. דאָ הייסן זיי

„קאָסטאָמערס". אין די באַנדעלס געפינען זיך זעמעלעך, פּוט ער, קעז אייער, צוקער, מילך, קרים — סמעטענע, הייסט עס. מע דאַרף זיך מיט דעם דראַפּען אַף צוויי הונדערט טרעפּ אַף דעם „טאָפּ־פלאָר", דאָס הייסט, גאַנץ אויבן אונטערן דאַך. און דאָס באַדאַרף אָפּגעטאָן ווערן גיך, אין איין אָטעם, וואָרעם ער דאַרף נאָך קומען צוריק אין סטאָר, צוקערן דאָס מיסט, אויפראַמען און טון נאָך עפּעס אַן אַרבעט ביז האַלבן טאָג. נאָך האַלבן טאָג איז ער פריַי. באַקומען באַקומט ער ניט קיין סאַך. איינגאַנצן פופצן סענט א טאָג. א כוץ פריַיטיק. פריַיטיק באַקומט ער א גאַנצן קוואָדער מיט א כאַלע אַף שאַבעס.

ו.

דאָס, וואָס איך האָב אײַך דערציילט אויבן, קער זיך אָן מיט די גרעסערע באָכורים. די קלענערע לאָזט מען דאָ ניט אַרבעטן איידער־פרי. מאַכמעס דאָ, אין אַמעריקע, מוזן קליינע קינדער לערנען, גיי אין סקול. דאָס הייסט, אין כיידער אַרײַן. אַניט — טוט זיך כוישעך, און לערנען לערנט מען אומזיסט. און מע גיט אײַך נאָך צו ביכער אויך. אונדזער כאַווער פּיני, אַז ער האָט דאָס דערהערט, איז ער געוואָרן אויסער זיך. ער האָט זיך דערמאַנט, אַז בא אונדז, אינדערהיים, לאָזט מען גאָר יידישע קינדער ניט אַרײַן אין גימנאַזיע. און דאָ, אין אַמעריקע, שלעפּט מען אײַך מיט גוואַלד. אַניט — וועט איר צאָלן שטראָף. „צוליב דעם אַליין, זאָגט פּיני, וואָלט זיך פאַני געמעגט באַ־גראָבן א לעבעדיקער אין דער ערד אַרײַן!"...

נאָר אַזוי ווי אין סקול גייט מען נאָר א האַלבן טאָג, קאָן מען דעם אַנדערן האַלבן טאָג עפּעס טון און פאַרדינען א פּאָר טאָלער. טוען זיי טאַקע אַזוי, פּעסיס קלענערע קינדער. איינער, אָט דער וואָס מע רופט אים טשערנאָהוז, אַרבעט אין אַן אַפּטייק. דאָ הייסט עס א „דראָג סטאָר". ער וואַשט פלעשלעך, גייט אין „פּאָסט־אָפיס" נאָך מאַרקעס. דאָ הייסט עס „סטעמפּס" און עס פאַרקויפט זיך אין דער אַפּטייק. ער באַקומט פאַר זײַן אַרבעט, נאָר פאַר א האַלבן טאָג, א טאָלער מיט א קוואָדער א וואָך. „עס גייט ניט צופוס" — זאָגט מוישע דער אײַנבינדער און נעמט צו בא אים דאָס געלט.

ז.

פּיַיטל פּעטעלעלע, דאָ הייסט ער שוין פיליפּ, גייט אויך א האַלבן טאָג אין סקול, און דעם אַנדערן האַלבן טאָג פּעדלט ער מיט יידישע

גאזועטנ. דאָ הייסט עס „פייפערס״. ער לויפט ארום אפ איסט־בראָדוויי — אזא סטריט — אונ שרײַט: „פייפערס! פייפערס!״ אונ רופט דערבײַ אויס דעם נאָמענ פונ יעדנ פייפער. ער מאכט דערפונ פונ פערציק ביז פופציק סענט א טאָג, אונ אמאָל מער אויכ. פארשטייט זיכ, אז דאָס גייט אויכ אוועק צום פאָטער אינ טאָפּ ארײַנ. אלע פארדינענ, אונ דער אײַנבינדער האלט זיי אלעמענ אויס.

ט.

אלע פארדינענ. אפילע מײַנ כאווער הערשל, דער וואָס מיט דער גולקע אונ וואָס מע רופט אימ דערפאר „וואשטי״. דאָ הייסט ער שוינ ניט וואשטי אונ ניט הערשל, נאָר הערי אונ לערנט אינ סקול. דעם אנדערנ האלבנ טאָג נאָכ דער סקול שטייט ער בא א סטענד [23] אינ ריווינגטאָנ סטריט בא א באקאנטער ייִדענע, טאקע פונ אונדזער שטעטל, אונ העלפט איר פארקויפנ רײַז, גרויפּנ, הירזש, ארבעס, בעבלעכ, ניס, ראָזינקעס, מאנדלענ, פײַגנ, טייטלענ, באָקסערנ, אונ זויערע אוגערקעס אויכ. קיינ סאכ אר־בעט דערבײַ האָט ער ניט. ער דארפ נאָר אכטונג געבנ, מע זאָל ניט צעשלעפּנ. וואָרעמ א ייִדענע, אז זי גייט צו פרעגנ אפ גרויפּנ, כאפּט זי ארײַנ דערווײַל א ראָזינקע, אָדער א מאנדל, אָדער א טייטל אינ מויל ארײַנ. דערפאר כאפּט ער אָבער אליינ אָפּטלעכ ארײַנ פונ די זיסע זאכנ. וואשטי, אָדער הערי, וועט מיר ניט פארלייקענענ. ער האָט זיכ מיר מוידע געוועג, אז ער האָט זיכ איינמאָל אזוי צוגעכאפּט צו די ראָזינקעס, אז עס האָט אימ נאָכדעם דרײַ טאָג וויי געטאָנ דער בויכ. באקומענ באקומט ער פאר זײַנ ארבעט גאָרניט, בילטי נאָר דאָס, וואָס עס פאלט אימ ארײַנ פאר העלפנ אָפּטראָגנ א קאָסטאָמער. קריגט ער דערפאר א פעני אָדער צוויי. אונ אמאָל א ניקל — פינפ סענט. בא אונדז הייסט עס „נא טשײַ״. דאָ הייסט עס א „טיפּ״. דאָס ברענגט אימ ארײַנ ביז א טאָלער א וואָכ. אינדערהיימ האָט וואשטי קיינ קאָפּיקע קיינמאָל נישט געזעענ אינ כאָלעמ אפילע. סײַדנ פורעמ בא שאלעכ־מאָנעס פאנאנדערטראָגנ. איז אָבער פורעמ איינ מאָל אינ יאָר, אונ דאָ איז בא אימ פורעמ אלע טאָג. אלע טאָג פארדינט ער געלט.

— קאָלומבוס! ביסט ווערט, מע זאָל דיכ אָפּגילטנ! — האָט געזאָגט אונדער כאווער פיני, ווענ ער איז דורכגעגאנגענ פארבײַ ריווינגטאָנ סטריט אונ דערזעענ וואשטינ באמ סטענד. ער האָט אימ געגעבנ צו לייזנ דרײַ

סענט פאר באָקסערן און איין סענט וואשטין „נא טשאיאָק", אָדער א
„טיפּ", ווי עס הייסט דאָ, אין אמעריקע.

י.

און מוישע דער איינבינדער אליין זיצט אויך ניט ליידיק. ער פאר־נעמט זיך ניט מיט איינבינדעריי, ווי אינדערהיים. מאכמעס דאָ, אין אמעריקע, זאָגט ער, דארף מען צו דער מלאָכע האָבן א מאטמען מיט געלט אפ צו דינגען א סטאָר, קויפן אינסטרומענטן און האָבן באקאנט־שאפט. און ווידער, זאָגט ער, זיין א „האנט" בא יענעם, דאָס הייסט, גיין דינען — איז שוין ניט די יאָרן. האָט מען אים געגעבן אן אייצע — צווישן ייִדן ווערט מען נישט פארפאלן, — אז ער זאָל זיך איינפיקסן 24
א סטענד פון ספאָרים, ביכער און ביכלעך אפ עסעקס סטריט, וועט ער מאכן א לעבן. אונדזער כאווער פיניע איז דאָס אזוי געפעלן, אז ער זאָגט, ער וואָלט אויך א באלן געוועזן האָבן אזא פארנאָסע. און געפעלן איז דאָס אים, זאָגט ער, דערפאר, ווייל ארום דעם, וואָס מע גייט, שמירט מען זיך. פיני האָט ליב ספאָרים און ביכער, ווי א פיש האָט ליב וואסער. ער, אז ער כאפט זיך צו צו א בוך און שטעקט אריין דעם שפיץ נאָז, וועט איר אים ניט אָפּרייסן.

י"א.

און אפילע אונדזער מעכוטן, יונע דער בעקער, פארנעמט זיך אויך ניט מיט זיין פריערדיקער מלאָכע, דאָס הייסט, מיט בעקעריי. פארוואָס? אלץ די אייגענע מייסע. אפ צו עפענען א בעקעריי באדארף מען, זאָגט ער, דאָ האָבן ראָטשילדס פארמעגן. און אויסער דעם, באדארף מען, זאָגט ער, באלאנגען צו דער „יוניע". און ער איז דערופ, זאָגט ער, שוין צו אלט. און גיין ארבעטן בא יענעם ניט אין א „יוניע" האָט ער מוירע, אז טאָמער מאכט זיך א שטרייק, — און דאָס איז אין אמעריקע אלע טאָג, — קאָן ער קריגן א צעשפּאָלטענעם קאָפּ. וואָס־זשע טוט מען? איז דאָך שלעכט. האָט מען אים געגעבן אן אייצע, אז קיין ברויט מיט קיין כאלע זאָל ער טאקע ניט באקן. נאָר וואָס דען? — קנישעס! היימישע קנישעס. מילכיקע מיט קעז, אָדער פארעווע מיט קרויט. און וואָס זאָלט איר קלערן — אונדזער מעכוטן מאכט ניט שלעכט. גאָרניט שלעכט! זיינע קנישעס האָבן א שעם אפ דער איסט־סייד. אז אירט גיין אפ עסעקס סטריט, וועט איר דערזעען אָנגעשריבן אפ א

פענצטער מיט גרויסע אויסיעס אפ ייִדיש: **בכאָן פארקויפט מען היימישע קנישעס** — זאָלט איר וויסן, אז דאָס איז אונדזער מעכוטן, מײַן ברודער עליעס שווער, יוינע דער בעקער. און טאָמער וועט איר זען טאקע אפ דער אייגענער סטריט, אקוראט אקעגן, אויך א ייִדישן אופשריפט און אויך מיט גרויסע אויסיעס: **בכאָן פארקויפט מען היימישע קנישעס** — זאָלט איר וויסן, אז דאָס איז שוין ניט אונדזער מעכוטן יוינע דער בעקער. דאָס האָט מען שוין געמאכט אים א קאָנקורענציע. זאָלט איר אהינצו ניט גיין. גיין זאָלט איר צו אונדזער מעכוטן, צו מײַן ברודער עליעס שווער. א סימען וועט איר האָבן, אז איר וועט ארײַנקומען, וועט איר באלד דערקענען אונדזער מעכוטן — ער איז א בייזער. און אויב איר וועט ניט דערקענען אים, וועט איר דערקענען זי, אונזער מעכוטענעסטע, ריוועלע די בעקערן. זי איז מיט א גיידער און טראָגט קארעלן. און מײַן שוועגערן בראָכע וועט איר דאָך געוויס דערקענען. זי האָט גרויסע פיס. און איר קליין שוועסטערל, א ראבעטינע מיידל מיט א צעפל, דרייט זיך דאָרט ארום. זי הייסט אלטע, און מע האָט זי מיר אמאָל געהאט גערערט פאר א קאלע. נאָר פון איר וועלן מיר שמועסן אן אנדערש מאָל.

VIII

מיר זוכן א דזשאָב

א.

מע קאָן ניט באַקלאָגן זיך. מיר זענען זייער אָנגעלייגטע געסט בא אונדזער שכיינע פּעסי די גראָבע און בא איר מאַן מוישע דעם אײַנבינדער. און עס איז אונדז דאָרט גאָר ניט שלעכט. און פריילעך איז אויך גענוג. ווער שמועסט זונטיק, דער טאָג, וואָס די כאַליאַסטרע איז פרײַ, — דעמאָלט איז א לעבן. מיר נעמען זיך צונויף אַלע, גאַנץ קליינוואַרג — און מײַן כאַווער מענדל אויך מיט אונדז — און מיר גייען אַוועק אין טעאַטער אַרײַן. איך מיין דאָס די „מוווינג־פּיקטשורס" [5]. עס קאָסט א ניקל א פּאַרשוין. און איר זעט זיך אָן אַזעלכע וווּנדיירים, אַז דער קאָפּ דרייט זיך אַזש! איך זאָל זײַן דעם קייסערס א זון, אָדער דזשייקאָב שיפּס אַן אייניקל, וואָלט איך גאַנצע טעג מיט גאַנצע נעכט געלעגן אין די מוווינג־פּיקטשורס. איך וואָלט גאָר קיינמאָל ניט אַרויסגעקראָכן פונדאָרטן. מײַן כאַווער מענדל אויך דאָס אייגענע. און וואַשטי, דער וואָס הייסט שוין הײַנט הערי, אויך אַזוי. גייט־זשע אָבער רעדט מיט מײַן ברודער עליע, זאָגט ער, אַז ס'איז א שטוסערײַ. ס'איז גאָרניט, זאָגט ער. ס'איז פאַר קינדער. פרעגט זיך א קאַשע: וויבאַלד אַז פאַר קינדער, פאַרוואָס־זשע רײַסט זיך אַהין אונדזער כאַווער פּיני? און זײַן ווײַב טײַבל? און מײַן שווענערן בראָכע? האָט מײַן ברודער אָפּ אַלצדינג א טערעצ. די ווײַבער, זאָגט ער, האָבן אַזויפיל סייכל, וויפל די קינדער. און פּיני, זאָגט ער, רײַסט זיך אַהין נאָר אים, עליען, אָפּ צולאָכעס. דער שפּיץ איז געווען, אַז עליע האָט אַזוי לאַנג גערעדט, ביז ער איז איינמאָל אין א זונטיק אויך מיטגעגאַנגען מיט אונדז. פון דעמאָלט אָן לאָזט ער ניט דורך קיין איין זונטיק און גייט אין די מוווינג־פּיקטשורס. מיר גייען אַלע. יונג און אַלט. קליין און גרויס. אַפילו פּעסי און מוישע און אונדזערע מעכוטאָנים — אַלע, אַלע. נאָר די מאַמע גייט ניט. „איר מאַן, זאָגט זי, ווער

ליגן אין דער ערד, און זי וועט גיין אין טרעיאַטער — ניט דערלעבן וועלן דאָס, זאָגט זי, אירע סאָנים!״...

ב.

עס איז ניט שלעכט בא אונדזערע שכיינים. טאקע גאָר־גאָרניט שלעכט. עס איז אָבער ניט קיין טאכלעס קעסיידער זיַין בא יענעם א גאסט. מע באדארף עפּעס זען א טועכץ, „טרייען א דזשאב״. אין אמעריקע באַדארף יעדער „מאכן א לעבן״. אזוי זאָגט מיַין ברודער עליע. ער גייט ארום פארזאָרגט מער פון אלעמען. ער קומט אלע טאָג צו אונדז פון זיַין שווער יוינע דעם בעקער און זעצט זיך אוועק מיט דער מאמע רעדן וועגן טאכלעס. בראָכע זיצט אויך דערביַי. און אונדזער כאווער פּיני איז אויך דאָ. ער, פּיני, האָט פּלאַנען און פּראָיעקטן אָן א שיר. נאָר אלע זיַינע פּלאַנען טויגן אף קאפּאָרעס. דאָס הייסט, טויגן טויגן זיי, נאָר זיי געפעלן ניט מיַין ברודער עליע. און טאָמער געפעלט עס עליען, געפעלט דאָס ניט בראָכען. לעמאָשל, פּיניען איז געקומען א געדאנק, אז ער און עליע און בראָכע און טיַיבל זאָלן אלע פיר גיין ארבעטן אין שאפּ און ווערן שניַידערס. דאָס הייסט, נייען אף דער מאשין. דאָ רופט מען דאָס „אָפּרייטערס״. זאָגט אָבער בראָכע, אז ס׳איז ניט קעדיי געווען צוליב דער שיינער מעלאָכע אוועקוואַרפן די היים, זיך איַינשטעלן דאָס לעבן איבערן יאם און ווערן שניַידערס אף דער עלטער. ענטפערט איר דערויף עליע, אז ער ווייסט ניט וואָס איז שענער — פארקויפן קנישעס אף עסעקס סטריט, אָדער ארבעטן בא דער מאשין? ווערט בראָכע אָנגעצונדן, לעמיַי עליע ווארפט איר אויס קנישעס. זי גיט אים אָנצוהערעניש, אז ווען ניט איר טאטנס קנישעס אף עסעקס סטריט, וואָלטן זיי אלע געשוואָלן פאר הונגער...

ג.

אונדזער כאווער פּיניען האָב איך ליב נאָר פאר זיַין רעדן. ער, אז ער צעהיצט זיך, איז א כיַיעס צו הערן. אויסגעהערט אלעמענס טיַיעס, כאפּט ער זיך אוף, מאכט מיט ביידע הענט און לייגט אוועק א מאנע־לאָשן. איך געדענק איטלעכס וואָרט, אָט וויאַזוי פּיני האָט גערעדט:

— אָ, איר פינצטערע, ווילדע מענטשן וואָס איר זענט! אין איַיך ליגט טיף איַינגעוואָרצלט דער גאָלעס פון יענעם וויסטן לאנד פון

פּאָני, יִמַאכ שמוֹ ווּעזיכרוֹ! אמעריקע איז אָבער ניט כּאזער־לאנד! אלע מיליאָנערן און מיליארדערן אין אמעריקע האָבן יונגערהייט גע־ארבעט שווער און ביטער. ווער אין א שאָפּ, און ווער אָפּ דער סטריט. פרעגט בא ראָקנפעלער, קארנעגי, מאָרגען, וואנדערבילד, וואָס זע־נען זיי געווען אמאָל? צי האָבן זיי ניט געקערט די סטריט? צי האָבן זיי ניט ארומגעטראָגן קיין פּייפּערס אָפּ צו פארקויפן? צי האָבן זיי ניט געפּוצט פרעמדע שיך פאר א ניקל? צי נעמט, לעמאָשל, דעם קעניג פון אווטאָמאָבילן, מיסטער פאָרד — פרעגט אים, צי איז ער ניט געווען אמאָל א שאָפּער, אן אָנטרײַבער? אָדער נעמט גאָר די גרויסע מענטשן, אשטייגער, א וואשינגטאָן, א לינקאָלן, א רוזוועלט — זענען זיי דען געבוירן געוואָרן גרויסע מענטשן, פּרעזידענטן? צי אפילו איצטיקער פּרעזידענט ווילסאָן, זאָל ער מיר מוחל זײַן, איז ניט געווען קיין מעלאמעד?...

ד.

דאָס קאָן שוין מײַן ברודער עליע ניט פארטראָגן. ער האקט איבער אונדזער כּאווער פּיניען סאמע אינמיטן:

— ע, פּיני, דו רעדסט שוין על ה׳ ועל משיחו און אָפּ „נגתקה״[26]! דו פארגעס נאָר נישט, אַז דערווײַל איז ווילסאָן מיילעך...

נאָר פּיני, אז ער צעהיצט זיך, איז געפערלעך. ער לאכט זיך אויס פון מײַן ברודער עליע:

— כא־כא! מיילעך? וואָס מיר מיילעך? ווער מיר מיילעך? ניטאָ קיין מיילעך אין אמעריקע! א פרײַע מעדינע, א דעמאָקראטיטשעסקע!...

— בעקיצער, איז ניט קיין מיילעך, איז ער פּרעזידענט, וואָס איז די נאפקעמינע? — פרוּווט זיך עליע. און פּיני האקט אים אָפּ:

— ס׳א גרויסע נאפקעמינע! פון מיילעך ביז פּרעזידענט איז אזא כילעק, ווי פון „יככה״ ביז „יבבה״[27]! א מיילעך איז א מיילעך און א פּרעזידענט איז א פּרעזידענט! א מיילעך איז ביערושע, און א פּרעזידענט קלויבט מען אויס. ווילן מיר — איז ווילסאָן פּרעזידענט אָפּ נאָך פיר יאָר, ווילן מיר ניט — איז ער צוריק א מעלאמעד. און דאָס ווייסטו, אז אין עטלעכע יאָר ארום קאָן איך אויך זײַן א פּרעזי-דענט?

— דו? א פּרעזידענט?...

— איך — א פּרעזידענט!...

ה.

זינט איך קען מײַן ברודער עליע האָב איך אים נאָך קײנמאָל ניט געזען אזוי לאכנדיק, ווי איצט. מײַן ברודער עליע, ווײסט איר דאָך, איז ביכלאל א מענטש א פארזאָרגטער, א מאָרעשכוירעניק. זעלטן ווען איר זעט אים, ער זאָל לאכן. און אפילו אז ער לאכט, איז אויך נאָר מיט א האלבן מויל. איצטיקס מאָל איז עפּעס אָנגעפאלן אף אים אזא געלעכטער, אז מײַן מאמע האָט זיך אזש איבערגעשראָקן פאר אים. עס איז אָבער טאקע געווען פון וואָס צו לאכן. מע האָט באדארפט נאָר א קוק טון אף אונדזער כאווער פּיניען, וויאזוי ער האלט די האנט אין די קעשענעס פון זײַנע שמאָלע הויזן, וואָס קוים זיי כאפּן ארום די בײַנע גרויסע אמעריקאנישע שיך, אפּן האלדזטיכל, וואָס טײַבל מאכט אים אלעמאָל צורעכט, ס׳זאָל ליגן גלײַך, און עס פּאָלגט ניט, כאָטש גיב דעם א קרענק, און אף זײַן הארט קלײַנ אמעריקאנער קאפּעליושל, וואָס וויל ניט זיצן אף אײן אָרט, און דעריקער — אף זײַנע קורצ־זיכטיקע אויגן מיט זײַן שפּיצעכיקער נאָז, וואָס קוקט אראָפּ אין מויל אריין.

— ריבוינעשעלוילעם! אָט דאָס וועט זײַן אמאָל א פּרעזידענט? זײַט א בעריע און לאכט ניט!

ו.

גוט אָנגעלאכט זיך, רופט זיך אָן מײַן ברודער עליע צו דער מאמע אזוי:

— מײַלע, אונדז האָט שוין אונדזער פּיני באוואָרנט. מיר גײען אלע אין שאפּ און וועלן נײען קלײדלעך אף דער מאשין. און פּיני אלײן איז דאָך אזוי א שוין א באוואָרנטער מענטש — ער וועט דאָך זײַן, אימירצעשעם, א פּרעזידענט... וואָס טוט מען אָבער מיט אונדזער קלײנוואַרג?

דאָס מײנט ער מיך און מײַן כאווער מענדל. ער קאָן ניט לײַדן, וואָס מיר גײען ארום בטל. ער איז אין קאס סאקאָנעס, לעמײַ מיר דרײען זיך ארום איבער דער סטריט און שפּילן אין „באָל“ אָדער אין „טשעקעס“ (בא אונדז הײסט עס „מיאטש“ און „קנעפּלעך“). ער האָט זיך א פּרווו געטאָן מיך אָנצונעמען באם אויער, געדענקט איר דאָך, וואָס פאר א מיִעסן פּסאק ער האָט געכאפּט פון א „ווערגעלעץ“, וואָס האָט אים צוגעשטעלט א קולאק גלײַך אין נאָז ארײַן — ער זאָל וויסן,

אז אין אמעריקע קאָן מען זיך „פּײַטן", דאָס הייסט שלאָגן, נאָר מיט א גלײַכן.

— וואָלט איר שוין געהאט אזא דײַגע מיט זיך, ווי איר האָט א דײַגע מיט די קינדער!... — רופט זיך אָן מוישע דער אײַנבינדער און דערמיט גיט ער אונדז אָנצוהערעניש, אז מיר זענען טאקע זייער ווילדע געסט, נאָר ס'איז שוין צײַט, מיר זאָלן עפּעס טון, עפּעס אליין פאר־דינען אונדזער שטיקל ברויט...

ז.

הײַנט אונדז, מיינט איר, איז דאָס אײַנגענעמען צו זיצן בא יענעם אפן לאַסקאָווע ברויט? מײַן מאמע העלפט אויס פעסין אין קיטשען. זי באַקט און קאָכט און וואשט און רוימט. אונדזער כאווער פיניעס ווײַב טײַבל פארבעט די בעטן און קערט אויס די רומס. פיני אליין העלפט מוישע דעם אײַנבינדער אפן סטענד בא די ספאָרים. כאָטש דעם עמעס זאָגן, איז פון פיניעס הילף נישטאָ אסאך צו ווארטן. וואָרעם פיני, אז ער דערזעט ספאָרים, איז אים ניט אָפּצורײַסן. שטעקט ער ארײַן די נאָז אין בוך — איז א גוטן טאָג! דאָס אליין וואָלט נאָך אויך ניט אויס־געמאכט. האָט ער א טעווע — ער דראַקעט. גאָט האָט אים צוגעשיקט א פאָנטאַן־פען, וואָס די טינט גייט ניט אויס אייביק און אייביק. פאפיר איז דאָ וואָלוול, ועלוועלער פון באָרשטש,—זיצט ער און דראַקעט.

— דו לערנסט זיך שרײַבן? — פרעגט אים עליע. נאָר פיני ענטפערט אים ניט. ער לייגט צונויף דאָס אָנגעשריבענע און באהאלט עס ווײַט־ווײַט אין די זײַט־קעשענעס פון פּידזשאַק פוןביידע זײַטן, און ער זעט אויס ווי געשוואָלן.

ט.

מיר, איך און מײַן כאווער מענדל, זיצן אויך ניט ליידיק. ביז מיר וועלן אמאָל קריגן א דזשאב, העלפן מיר אויס דער כאַליאַסטרע ווי ווײַט מעגלעך. איך העלף דעם עלטערן באָי קלעצל, וואָס מע רופט אים איצטער „סעם", באַם צעטראָגן די פעקלעך פון די פּייפּער־באקסעס. און מײַן כאווער מענדל רײַבט זיך אמאָל ארום וועלוולען, וואָס הײַנט הייסט ער „ווילי", אין דער באַקאַליינע סטאָר, און אמאָל ארום פּײַטלען, וואָס מע רופט אים הײַנט „פיליפ", דער וואָס פּעדלט מיט יִדישע „פּיי־פּערס". פאר אונדזער ארבעט באַקומען מיר פון זיי ניט קיין שום גע־

צאָלט, אכוץ נאָר, וואָס זיי נעמען אונדז זונטיק אַפּ זייערע הויצאָעס אין טעאַטער, איך מיין, אין די מווינג־פּיקטשורס. און אַז מיר גייען אַרויס פון די מווינג־פּיקטשורס, זענען זיי אונדז מעכאַבעד מיט „מאַראַ־זשענע״. דאָ הייסט עס „אײַז־קרים״, און מע עסט דאָס אָדער מיט צוויי שטיקלעך ביסקוויט, וואָס זעט אויס ווי אַ פורעמדיק פלעדל, אָדער מע טרינקט עס מיט סאָדע־וואַסער. דערנאָך „נעמען מיר אַ וואָק״, אַ שפּאַציר, הייסט עס, אין פּאַרק. און פּאַרקן זענען דאָ אין ניו־יאָרק אַסאַך, און אומעטום לאָזט מען אײַך אַרײַן אומזיסט, אָן געלט. אַמע־ריקע איז שוין איינמאָל אַ לאַנד! וווהין איך וויל — אַהין גיי איך, און וואָס איך וויל — דאָס טו איך.

י.

האָב איך צײַט, כאַפּ איך זיך אַראָפּ צו מײַן אַמאָליקן כאַווער וואַשטי (הײַנט הייסט ער שוין הערי). איז אָבער זײַן באָסעכע (באַלעבאָסטע) פונעם סטענד ניט צופרידן. זי האָט באַמערקט, אַז וואַשטי רוקט מיר אונטער אַמאָל אַ באָקסער און אַמאָל אַ פּאָר ראָזשינקעס מיט מאַנדלען. „צוויי נאַשערס, זאָגט זי, קאָן איר סטענד ניט פאַרטראָגן״... גיי איך שוין מער נישט צו וואַשטין, צו הערין, הייסט דאָס. איך וואַרט ביז ער קומט אָפּדערנאַכט אַהיים, ברענגט ער מיר אַלעמאָל צו טראָגן עפּעס אין קעשענע אַפּ צו נעמען אין מויל אַרײַן. דערזעט בראָכע, אַז איך קײַ, שטעלט זי מיר צו אַ בענקעלע פאַר מײַן ברודער עליע. פרעגט מיך עליע, וואָס איך קײַ? זאָג איך: „טשאָינגגאָם״, אָט דאָס, וואָס אַלע קײַען אין אַמעריקע. זאָגט בראָכע, אַז עס קערט זיך איר איבער די גאַל פון דעם קײַען, וואָס מע קײַעט דאָ. זאָגט איר עליע: „עלעהיי, לאָז זיך דיר דאַכטן, אַז בעהיימעס מאַלעגיירען״... קאָן דאָס פּיני ניט לײַדן, לעמײַ עליע פאַרגלײַכט די אַמעריקאַנער צו בעהיימעס. ער זאָגט:

— דו נעמסט אַ פאָלק, דאָס ערשטע, דאָס גרעסטע, דאָס קליגסטע און דאָס פרײַסטע פאָלק אין דער וועלט, און פאַרגלײַכסט זיי צו, לעהאַוודל, בעהיימעס?!... איך וואָלט אַ באַלן געוועזן, זאָלסט מיר זאָגן נאָר איין זאַך — וואָס וואָלט פון אונדז געוועזן, ווען קאָלומבוס זאָל כאָלילע ניט געווען אַנטדעקן אַמעריקע?

— וואָלט עס אַן אַנדערער אַנטדעקט! — ענטפערט אים אָפּ מײַן ברודער עליע גאָר פּראָסט און דאַפקע ניט לאַנג געטראַכט.

י״א.

דאנקענ האשעמ ייִסבאָרעכ, איכ קאָנ אײַכ אָנזאָגנ א בסורע — מיר האָבנ שוינ א דזשאָב. מירנ שוינ ניט דארפנ מער ארומגיינ ליידיק. מירנ שוינ ניט דארפנ אָנקומענ צו לאסקאווע ברויט. מיר ארבעטנ שוינ אינ שאפּ. דאָס הייסט, ניט איכ אונ ניט מײַנ כאווער מענדל. אונדז נעמט מענ ניט. מיר זענענ נאָכ צו יונג. אינ שאפּ גייענ ארבעטנ דערווײַל צוויי פונ אונדזער מישפּאָכע: מײַנ ברודער עליע אונ אונדזער כאווער פּיני. וואָס הייסט ארבעטנ אינ שאפּ, אונ וויאזוי ארבעט מענ דאָרט? — דאָס גיי איכ אײַכ דערציילנ.

IX

מיר אַרבעטן אין שאָפּ

א.

וויאַזוי מע אַרבעט אין שאָפּ — קאָן איך אַלײַך אַקוראַט ניט זאָגן, וואָרעם איך ווייס אַליין ניט. מע לאָזט מיך נאָך אַהינצו ניט אַרײַן. וואָרעם איך בין נאָך ניט באַרמיצווע. איך ווייס נאָר דאָס, וואָס איך הער פון מײַן ברודער עליע און פון אונדזער כאַווער פּיני. אַלע אָפּדערנאַכט, אַז זיי קומען אַהיים פון שאָפּ, דערציילן זיי אונדז כידושים ווענידפלאָעס. זיי קומען אַלעמאָל אויסגעמאַטערט און הונגעריק. און מיר זעצן זיך עסן וועטשערע. דאָ הייסט עס „סאַפּער". בראָכע האָט פײַנט אָט דאָס וואָרט, אַזוי ווי אַן ערלעכער ייִד האָט פײַנט כאַזער. נאָך אַ וואָרט איז פאַראַן, וואָס מײַן שוועגערן קאָן ניט אַריבערטראָגן. דאָס איז אַ „ווינדע". אַ ווינדע הייסט דאָ אַ פענצטער. זאָגט בראָכע דערויף: „ווינד און וויי זאָל זײַן צו זיי"... הײַנט קאָן זי ניט הערן, אַז מע זאָגט „סטאַקינגס". איר וועט קיינמאָל ניט פאַלן דערויף, אַז סטאַקינגס זענען זאָקן. אָדער, אַשטייגער, וואָס וועט איר זאָגן אויף וואָרט „דישעס"? דאַכט זיך, אַז „פּאָסודע", זאָגט בראָכע, איז אַסאַך שענער? אָדער וואָס קאָן זײַן פּאָשעטער פון אַ „לעפל", ניין, לוינט זיי ניט. בײַ זיי קומט אויס, אַז אַ לעפל איז אַ „ספּון". ניט אומזיסט זאָגט בראָכע אַ ווערטל (זי האָט זיך אירע אייגענע ווערטלעך): „אַמעריקע איז אַ לאַנד, סטייק איז אַ מײַכל, פּאָרק איז אַ גאָפּל און ענגליש איז אַ שפּראַך"...

ב.

מײַן ברודער עליע און אונדזער כאַווער פּיני אַרבעטן אין צוויי באַזונדערע שעפּער. איינער איז אַן „אָפּערייטער". דאָס הייסט, מעכילע, אַ שנײַדער. דער אַנדערער איז אַ „פּרעסער". אַן אָפּערייטער דאַרף ניט גייען מיט די הענט. ער שטעפּט בײַ דער מאַשין. דאָס דאַרף מען אָבער אויך קאָנען. עס שטעפּט זיך ניט אַליין. ווי־זשע קומט דאָס צו מײַן ברודער עליע, אַז אונדזער טאַטע, און אונדזער טאַטנס טאַטע,

און אונדזער טאטנס טאטנס טאטע איז קיינמאָל קיין שנײַדער ניט געװען און א מאשין קיינמאָל אין די אויגן ניט געזען? מיר שטאמען, זאָגט די מאמע, פון לויטער כאַזאָנים, ראַבאָנים און שאמאָסים. איז דאָך שלעכט! איז דאָס אָבער אמעריקע. אין אמעריקע איז ניטאָ א זאך, װאָס א מענטש זאָל ניט קאָנען. אין אמעריקע לערנט מען זיך אויס. א סימען האָט איר? לעמײַ א ראָװ? זײַן א ראָװ דארף מען דאָך אוואדע קאָנען. א ראָװ מוז כאָטש קאָנען פאסקענען שײַלעס. פונדעסטװעגן זענען פאראן אין אמעריקע ראַבאָנים, דאָ הייסן זיי „רעװערענטן“, װאָס אינדערהיים זענען זיי געװען קאַצאָװים. מײַן ברודער עליע האָט זיך דאָ באקענט מיט א מויעל, מיט א רעװערענט, װאָס מע נעמט אים אפּ בריסן. אינדערהיים איז ער געװען א שנײַדער, און נאָך א דאמסקע דערצו!

פרעגט אים עליע: „האי‌טאָכן?“...

ענטפערט ער אים: „אמעריקע!“...

ג.

װיאַזוי האָט זיך מײַן ברודער עליע אויסגעלערנט שטעפּן? — לעמײַ װיאַזוי איז דער דאמסקע שנײַדער געװאָרן א מויעל? איז עליע נעבעך טאקע גוט אויסגעריסן געװאָרן. מע האָט אים געגעבן איבערגעבליבענע שטיקלעך, ער זאָל זיי איבערנייען מיט דער מאשין. איז ער דורכגעגאנגען עטלעכע מאָל הין און צוריק און איז געװאָרן אָלרײַט. אפּ מאָרגן האָט ער שוין געשטעפּט. מאָלט אײַך, אז אָך און װיי איז געװען צום שטעפּן. נאָר גוט איז דאָס. לעמײַ פּיני האָט דאָס אויך ניט געקאָנט באװײַזן? ניט מאכמעס ער האָט זיך געפוילט ארבעטן. כאָסװעכאָלילע! פּיני װעט אײַך גיין ארבעטן טאטשקע־ארבעט—אבי מאכן א לעבן אין אמעריקע. איז די צאָרע, װאָס ער האָט א נידעריקע רי‌ע און טוט אלצדינג כאַפּנדיק. מע האָט אים אויך אװעקגעזעצט בא דער מאשין, װי מײַן ברודער עליע. מע האָט אים אויך געגעבן איבערגעבליבענע שטיקלעך, ער זאָל זיי איבערגייען הין און צוריק מיט דער מאשין. האָט זיך געטראָפן מיט אים אן אומגליק. דאָ װערט עס אָנגערופן „אן עקסידענצ“. אונדזער כאַװער פּיני האָט אין אײַלעניש פארטשעפּעט דעם פּידזשאַק און האָט צוגעשטעפּט דעם לינקן ארבל צו דער מאשין. א גליק כאָטש, װאָס ניט די האנט. װיי־װיי, װאָס מע האָט זיך אָנגעלאכט פון אים! כעװרע שנײַדערס האָבן אופגעהויבן א הוררא! „גרינהאָרן“ האָבן זיי אים א נאָמען געגעבן. גרינהאָרן איז די טײַטש

א גרינער. און א גרינער הייסט אזעלכער, וואָס איז נאָר־וואָס אראָפּ־געקומען פון דער היים און ווייסט ניט, ווו א טיר עפנט זיך. גרינהאָרן איז א ביזאָיען. ערגער פון א גאנעוו... נאָר דאָס וואָלט נאָך געווען, ווי זאָגט בראָכע, א האַלבע צאָרע. דאַרף זיך טרעפן — אָט וועט איר הערן וואָס.

ד.

פונקט אין דעם שאַפּ, ווו מײַן ברודער עליע האָט געאַרבעט בײַ דער מאַשין און אונדזער כאַווער פּיני איז אויך געקומען לערנען די אַרבעט, האָט זיך געפונען אונדזערער אַן אַלטער באַקאַנטער און פּיניעס א סוינע — דער הײַסינער שנײַדער. אויב איר האַלט קאָפּ, זענען מיר מיטן הײַסינער שנײַדער געפאָרן אינײנעם אַף איין שיף, אַפן „פּרינץ אַלבערט". איר דאַרפט געדענקען מיסטאָמע דאָס אויך, אַז מיט אונדזער כאַווער איז דער הײַסינער שנײַדער געווען אַף מעסער־שטעכ. באַדאַרף גאָט פירן אַזוי, אַז פּיני זאָל זיך מיט אים באַגעגענען אין איין שאַפּ. און נאָך וויִאַזוי באַגעגענען! אין דעמדאָזיקן שאַפּ איז דער הײַסינער שנײַדער א גאַנצער מאַכער. ער איז ניט קיין „אָפּרייטער" בײַ דער מאַשין, נאָר א „קאַטער". דאָס הייסט, ער איז א צושנײַדער, ער שנײַדט־צו, און די אָפּרייטערס נייען. איז אים נאָך ווינציק. ער זאָגט, אַז ער וועט לאַנג ניט זײַן אין די ביזנעס. ער האָפט גאָר אײַנגיכן ווערן א „דעזיינער". דאָס איז שוין גאָר א גרויס שטרײַמל. א דעזיי־נער הייסט אַזעלכער, וואָס מאַכט פאַסאָנען. א דעזיינער פאַרדינט פופ־ציק טאָלער א וואָך, און פינף און זיבעציק טאָלער א וואָך, און הונ־דערט אויך! אַז עס באַגײַקט א מענטשן, ווייסט ער ניט פונוואַנען! ווי זאָגט בראָכע: „איינעם גיט גאָט גאָר, דעם אַנדערן גאָרניט"...

ה.

אַז פּיני איז אַרײַנגעקומען אין שאַפּ, קומט אים דער הײַסינער שנײַדער אַקעגן. ער שטעלט אַוועק אַף אים די שאַרפע ברילן, ציט אויס פּיניען א יאַד און מאַכט צו אים: „העלאָו, לאַנדסמאַן! האַו דו יו דו?"... דאָס הייסט: „שאָלעם אַליינעם, וואָס מאַכט איר, רעב קאָרעוו?"... קוקט אַף אים אונדזער כאַווער פּיני מיט זײַנע קורצזיכטיקע אויגן. ווער איז דער לעצ? ער האָט אים גאָרניט דערקענט. ערשט אַז יענער האָט אים אָנגערופן דעם נאָמען פונעם שיף „פּרינץ אַלבערט", האָט זיך פּיני

דערמאנט ווער דאָס איז. און ס'איז אים געוואָרן, זאָגט ער, דרײַ לע־
כער אין הארצן. דאכט זיך, וואָס האָט אים דער הײַסינער שנײַדער
געטאָן? ער קאָן אָבער, זאָגט פיני, זײַן פּאָנעם ניט אָנקוקן. ער זאָל
וויסן, זאָגט ער, פאַרדינענ טויזנט טאָלער א שאָ, וועט ער אין דעם־
דאָזיקן שאַפ ניט זײַן קיין מינוט אפילע! און דערצו נאָך דער עקסי־
דענץ מיטן צוגעשטעפּטן ארבל...

ו.

בעקיצער — פיני וועט שוין ניט זײַן קיין אָפּרייטער. ער גייט אוועק
אין אן אנדער שאַפּ און באשטעלט זיך דאָרט פאר א פּרעסער. אן אונ־
טערפּרעסער דערווײַל. אז ער וועט זיך אויסלערנען די ארבעט, וועט
ער גיין העכער און העכער. ביז וווהין?

מע קאָן ניט וויסן, — זאָגט פיני. — קיינער ווייסט ניט וועמענס
מאָרגן ס'איז. ניט קארנעגי, זאָגט ער, ניט וואנדערבילד, ניט ראָקנפע־
לער האָבן געוווּסט, אז זיי וועלן אמאָל זײַן דאָס, וואָס זיי זײַנען...

דערווײַל ווערט נאָך פיני גוט פארשווארצט. און אלץ איבער זײַן
טעווע, וואָס ער האָט ליב אלצדינג טון כאַפּנדיק. און דערצו נאָך זײַן
נידעריקע ריִע. ער קומט אלע טאָג אהיים א צעבריטער.

איינמאָל איז ער געקומען מיט א סקאַליטשעטער נאָז. וואָס איז די
מײַסע? ער האָט זיך באם פּרעסן אָפּגעבריט די נאָז. ווי קומט דאָס
פּרעסל צו זײַן נאָז? זאָגט פיני, אז זײַן נאָז האָט ניט געוואַרט, ביז
דאָס פּרעסל וועט זיך מאַטריִען זײַן צו זײַן נאָז. ער קאָן באשטיין,
זאָגט ער, אז זײַן נאָז זאָל גיין צום פּרעסל. ווי קומט זי, די נאָז, צום
פּרעסל? לאָזט זיך אויס, אז פיני האָט גאָר געזוכט א שטיקל ארבעט,
און ווײַל ער האָט א נידעריקע ריִע, האָט ער זיך דעריבער אָנגעבויגן
הארט צום טיש און האָט געטראָפן מיטן שפּיץ נאָז גלײַך אפן אָנגע־
גליטן פּרעסל.

— א שלימאזל אז ער פאלט אין שניי, טרעפט ער אויך אפ א שטיין...

איך מיין, אז איך וועל אײַך ניט דערציילן, ווער דאָס האָט געזאָגט,
וועט איר אויך טרעפן, אז דאָס האָט געזאָגט בראָכע. מײַן שוועגערן
קאָן ארײַנזאָגן...

ז.

בראָכע איז ניט צופרידן. מײַן מאמע אויך ניט. טײַבל אויך ניט. איר
האָט אמאָל געזעען, אז ווײַבער זאָלן זײַן צופרידן? זיי באווײנען אונדז

מאנצבילנ, וואָס מיר דארפנ אזוי האָרעווענ אינ אמעריקע, ביכדיי צו מאכנ א לעבנ. א קלייניקייַט — ארבעטנ אינ שאפּ! אז האלב נאָכ זיבנ אינדערפרי מוז מענ שוינ זייַנ אפ דער ארבעט. א שאָ נעמט צו דאָס פאָרנ אהינ. עפּעס איבערכאפּנ דארפ מענ. דאווענ דאַרפ מענ דאָכ אוואדע. הייַנט רעכנט אויס, ווענ מיר דארפנ אופשטיינ? אונ פארשפּעטיקנ טאָר מענ ניט קיינ מינוט אפילע. וואָרעמ טאָמער פארשפּעטיקט איר, רעכנט מענ אייַכ אראָפּ פאר יעדע פינפ מינוט א האלבנ טאָג ארבעט. וויאזוי ווייסט מענ דאָס, צי איר האָט פארשפּעטיקט, אָדער ניינ? דערופ איז דאָס אמעריקע. האָט יעדער שאפּ אזא מינ זייגער. אז איר קומט אינ שאפּ, גייט איר צו צום אלעמ ערשטנ אונ טוט א קוועטש דעמ זייגער. ווערט דאָס אָנגערופנ אפ זייער לאָשנ: „פּאָנטשענ די קלאק". „קלאק" איז א זייגער אונ נעמט זיכ, זאָגט מייַנ ברודער עליע, פונ גלאָק. א גלאָק קלינגט אונ א זייגער, זאָגט ער, קלינגט אויכ. אָבער נאָר א וואנט־זייגער. א סימענ האָט איר: א קעשענע־זייגערל קלינגט ניט, הייסט עס „וואטש". פרעג איכ בא עליענ: „פארוואָס עפּעס וואטש?" זאָגט ער: „ווי דענ זאָל עס הייסנ?" זאָג איכ: „וואטשל". פרעגט מיכ עליע: „פארוואָס עפּעס „וואטשל"? זאָג איכ: „אז א זייגער איז א זייגערל, דארפ זייַנ וואטש א וואטשל. עלעהיי, זאָג איכ, א „באָי" איז א יונג, איז א ייִנגל „באָיטשיק", א קליינ ייִנגעלע — א „באָיטשיקל"... ווערט עליע אינ כּעס אונ זאָגט מיר, אז איכ האָב זיכ אויסגעלערנט פונ אונדזער כאווער פּיני זאָגנ אלצדינג פארקערט. א גליק, וואָס פּיני איז ניטאָ דערבייַ. פּיני זאָל זייַנ, וואָלטנ זיי זיכ שוינ צעאמפּערט איבערנ וואָרט „וואטש", אזוי ווי זיי האָבנ זיכ געאמפּערט אונ שיר ניט צעשלאָגנ זיכ איבערנ וואָרט „ברעקפיש" — אָנבייַסנ. דערפאר, זאָגט עליע, איז אנ אָנבייַסנ ברעקפיש, ווייַל צום אָנבייַסנ עסט מענ פיש אָדער הערינג. זאָגט פּיני: „וויבאלד אז הערינג, פארוואָס־זשע זאָגט מענ ניט: „ברעקהערינג"?" זאָגט אימ עליע: „בעהיימע וואָס דו ביסט! אונ וואָס איז א הערינג — ניט קיינ פיש?" פילט זיכ פּיני, אז ער איז געשלאָגנ, זאָגט ער: „ווייסטו וואָס? לאָמיר פרעגנ בא אנ אמעריקאנער ייִדנ!"... אונ מע פוילט זיכ ניט אונ מע שטעלט אָפּ א געגאָלטנ ייִדנ אינמיטנ גאס (שאבעס איז דאָס געווענ) אונ מע טוט אימ א פרעג אפ טשיקאוועסט: „פעטער, איר זענט שוינ לאנג אינ אמעריקע?" זאָגט ער: „דרייַסיק יאָר, וואָס איז דענ?"... זאָגנ זיי: „מיר ווילנ אייַכ עפּעס פרעגנ. גיט אונדז צו פארשטיינ, פאר-

וואָס זאָגט מענ בא אײַכ אפ אנ אָנבײַסנ ברעקפיש?״ קוקט זיי אָנ דער ייִד אונ זאָגט צו זיי: „ווער האָט דאָס אײַכ געזאָגט, אז אפ אנ אָנבײַסנ זאָגט מענ בא אונדז ברעקפיש?״ „וויִאזוי־זשע דענ זאָגט מענ?״

— ברעקפעסט! ברעקפעסט! ברעקפעסט! — שרײַט זיי אויס דרײַמאָל דער ייִד גלײַכ אינ פּאָנעם ארײַנ אונ איז זיי מעכאבעד מיטנ נאָמענ „גרינע כײַעס״...

ט.

איכ האָב מוירע, אז מיר וועלנ זיכ מיטנ שאפ ניט עלטערנ. מײַנ ברודער עליע זאָגט, אז די ארבעטער האָבנ צאָרעס פונעם „פאָרמאנ״. יעדער שאפ האָט א פאָרמאנ. אנ עלטסטנ, אנ אופזעער. אונ ניט נאָר איינ פאָרמאנ, יעדער שטאָק האָט זיכ זײַנ פאָרמאנ. אפ דעם שטאָק, ווו עליע ארבעט, איז דער פאָרמאנ א האָמאָנ, א ראָשע מערושע. ער איז אליינ אמאָל געוועזנ אנ אָפּרייטער. נאָר ער האָט זיכ ארופגעארבעט אונ איז געוואָרנ א פאָרמאנ. די ארבעטער זאָגנ, אז ער איז ערגער פונעם „באָס״. באָס איז א לאָשנקוידעש־וואָרט אונ שטאמט פונעם וואָרט „באַלעבאָס״. אזוי זאָגט עליע, אונ פּיני מוז אָפּשווײַגנ, ווארעמ אפ לאָשנקוידעש איז עליע באַל־מעצרע[28]). פאָרט א כאזנס א זונ.... נאָר מיר קערנ זיכ אום צום פאָרמאנ. מע האָט ארויסגעלאָזט א קלאנג אינ שאפ, אז דער פאָרמאנ רוקט דעם זייגער. אזוי, אז ווענ איר זאָלט ניט קומענ, וועט איר פארשפּעטיקנ — וואָס זאָגט איר אפ אזא מאמזער?... אונ אונדזער כאווער פּיני דערציילט פונ זײַנ שאפ נאָכ שענערע מײַסעס. זייער פאָרמאנ, זאָגט ער, לאָזט ניט דעם ארבעטער א קוק טונ אינ א פּייפּער ארײַנ. לייענענ א צײַטונג בא דער ארבעט — כײַעס ניט זיכער! רויכערנ שמועסט מענ ניט. א וואָרט טאָר מענ ניט אויסרעדנ צווישנ זיכ. ס'איז אזוי שטיל, זאָגט ער, אז מע קאָנ הערנ א פליג! אויסער דעם טראסק מיטנ גראגערנ פונ די מאשינענ. נאָכ א מײַלע האָט זײַנ שאפ. דאָרט ווערנ די פּרעסלעכ אָנגעווארעמט מיט גאז. דאָ זאָגט מענ ניט גאז, נאָר „געז״. דאָס הייסט, שטינקענ שטינקט עס אזוי ווי בא אונדז גאז. נאָר מע טאָר ניט זאָגנ גאז. מע דארפ זאָגנ געז. אקוראט פארקערט. סע זאָל בא אונדז אינדערהיימ הייסנ געז, וואָלט מענ דאָ מיסטאמע געזאָגט גאז.

י:

האקיצער, די געז פונ די פרעסלעכ פארהאקט אזוי דעם קאָפּ, אז י ארבעטער אינ שאפּ פאלנ כאלאָשעס אונ מוזנ סטאפּנ די ארבעט. רעכנט מענ זיי אָפּ פונ דער „פיידע”. דאָס הייסט, אז עס קומט צום אָפּנעמענ פאר דער וואָכ, וואָס מע האָט פארדינט, ווערט א לאָכ. דאָ האָט איר פארשפּעטיקט פינפ מינוט — אראָפּ א האלבער טאָג. דאָ זענט איר צו פרי אוועקגעגאנגענ — אראָפּ א האלבנ טאָג. דאָ זענט איר גע־פאלנ כאלאָשעס — פארפאלנ א טאָג.

ניינ. מע קאָנ שוינ מער ניט אַריבערטראָגנ. מע וועט מוזנ ארויס אינ א שטרײַק.

X

מיר שטרײַקן

א.

מיר דאכט זיך, אז ס'איז גאָר ניטאָ קײן בעסערע זאך אף דער וועלט, ווי אז מע שטרײַקט. דאָס האָט אזא פּאָנעם, ווי אז מע לערנט בא א רעבן, וואָס שלאָגט זיך צו שטארק, נעמט מען אָפּ בא אים די קינדער און מע זוכט אַן אנדער מעלאמעד. דערווײַל הערט איר אוף צו גײן אין כײדער. מײַן ברודער עליע און אונדזער כאווער פיני האָבן אופגע־הערט צו גײן אין שאפּ. אונדזער שטוב האָט שוין גאָר אַן אנדער פּאָנעם זינט זײ זענען אינדערהײם. אזוי האָבן מיר זײ אָנגעקוקט אײנמאָל אין וואָך — זונטיק. וואָרעם, ווי איך האָב אײַך שוין דערציילט, אז מע ארבעט אין שאפּ, מוז מען אופשטײן קאיאָר, ביכדיי מע זאָל כאָלילע ניט פארשפּעטיקן. און אז זײ זענען געקומען אהײם, פלעג איך שוין שלאָפן. פארוואָס? דערפאר, וואָס זײ האָבן געארבעט „אָווערטײם". דאָס הײסט, אז אלע אנדערע ארבעטער זענען געגאנגען אהײם, זענען אונדזערע לײַט נאָך געזעסן אין שאפּ בא דער ארבעט. ניט דערפאר וואָס מע האָט זײ געגוּיט פון קאָהאָל. זײ האָבן געארבעט אָווערטײם, ביכ־דיי זײ זאָלן מער פארדינען. אײַ, אז ס'איז געקומען צום צאָלן, האָט מען בא זײ אָפּגעריסן טעג — וואָס זענען זײ שולדיק? „עלעהיי, גאזלאָנים זענען אונדז באפאלן"... אזוי האָט געזאָגט מײַן ברודער עליע.

— „לעהיי, דו ביסט א לעקיש! — זאָגט צו אים מײַן שוועגערן בראָכע. ווען זי, זאָגט זי, זאָל ארבעטן אין א שאפּ, וואָלט זי זיך ניט געלאָזט שפּײַען אין דער קאשע. זי זאָגט, אז אלע פּאָרלײַט מיט אלע באָסעס וואָלטן בא איר געקײַעט די ערד. און איר מעגט איר גלויבן. בראָכע קאָן!

ב.

דערפאר האָט זי זיך געקילט דאָס הארץ, אז אלע שעפער האָבן דערקלערט א שטרײַק. דאָס הײסט, אלע שנײַדערס, וויפיל ס'איז פאראן

אין ניו־יאָרק, האָבן אוועקגעלייגט שער און אײַזן און — גוד בײַ[29] ווײַ־ווײַ, וואָס סע האָט זיך אָפּגעטאָן! אינדערהיים, און אף דער סטריט, און אין די האָלס! א „האָל" — איז א זאל, אָדער א טעאטער. מע קלויבט זיך צונויף אהינצוצו אלע שנײַדערס פון גאנצן ניו־יאָרק אף א מיטינג און מע רעדט און מע רעדט און מע רעדט. איר הערט זיך דאָרט אָן אזעלכע ווערטער, וואָס איר האָט זיי קיינמאָל ניט געהערט: „דזשענעראל סטרייק"[30]... „יוניאָן"... „אָרגאניזירט"... „אכט און פערציק שטונדן"... „העכערע ווידזשעס"[31]... „בעסערע באהאנדלונג"... „סקעבס"[32]... „סטרײַק־ברעכערס"... „פּיקעטס"... און נאָך קעדוימע אזעלכע ווערטער, וואָס איר פארשטייט זיי ניט. מײַן כאווער מענדל זאָגט, אז ער פארשטייט זיי יאָ. נאָר געבן מיר צו פארשטיין קאָן ער ניט. „וועסט עלטער ווערן, זאָגט ער מיר, וועסטו אליין פארשטיין". עס קאָן זײַן. דערווײַל קוק איך זיך צו, ווי דער אוילעם היצט זיך, און עס בײַסן זיך מיר די הענט. עס גלוסט זיך מיר זיי אלע אראָפּכאפּן אף פּאפּיר. אויסמאָלן איטלעכן באזונדער, ווי ער זעט אויס, וואָס ער טוט, וויאזוי ער שטייט און וויאזוי ער רעדט.

ג.

לעמאָשל, נעמט מײַן ברודער עליע. ער אליין רעדט ניט קיין וואָרט. ער גייט נאָר צו צו איטלעכס רעדל און שטעקט ארײַן די נאָז. אָדער ער לייגט צו אן אויער. בעיס־מײַסע בײַסט ער די נעגל און איז שטארק אופגערעגט. א פארגעניגן צו זעען מײַן ברודער, ווי ער שאָקלט צו מיטן קאָפּ יעדן איינציקן, וואָס ער רעדט. ער איז מיט אלעמען מערוצע, וואָס יענער זאָל ניט זאָגן. אָט איז צוגעקומען צו אים א שנײַדער מיט א גולקע אף איין זײַט קאָפּ — פון דער לינקער זײַט. דער שנײַדער האָט אים אָנגענומען בא א לאצ און טרייסלט אים און רעדט אין אים ארײַן, אז ס'איז ארויסגעוואָרפן דער גאנצער טארעראם. די שנײַדערס וועלן מיט זייער שטרײַק גאָרניט אויספירן. מאכמעס די „אסאָסיײשאָן"[33] פון די „מאנופעקטשורערס"[34] איז צו שטארק פאר אונדז! שאָקלט אים מײַן ברודער צו מיטן קאָפּ. און איך האָב זייער מוירע, אז מײַן ברודער עליע ווייסט אזוי, וואָס באטײַט „אסאָסיײשאָן" און „מאנופעקטשורערס", ווי איך... וואָרעם אָט איז צוגעגאנגען צו עליען אן אנדער שנײַדער מיט א פּאָנעם פון א קאטשקע. אז ער רעדט, פּאטשט ער מיט די ליפּן. דער שנײַדער האָט אָנגענומען

מײַן ברודער פאר א קנעפל און האָט לאנג איבער אים גערעדט געפאטשט מיט די ליפּן. ער האָט אלע מינוט אויסגערופן: „ניין, מיר מוזן קעמפן, אויסקעמפן ביזן סאָף!"... האָט אים מײַן ברודער אויך אויסגעהערט און אויך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. אן אווײרע, וואָס מײַנ שווער איז דאָ ניטאָ, זי וואָלט אים שוין עפּעס ארײַנגעזאָגט...

ד.

גאנץ אנדערש האָט אויסגעזען אונדזער כאַווער פיני. ווער עס האָט אים ניט געזען און ווער עס האָט אים ניט געהערט רעדן אפ א מיטינג, — דער האָט גאָר קיין שיינס ניט געזען אפ זײַן לעבן. אונדזער פיניעס פיגור דארף אײַך זײַן באקאנט נאָך פון מײַנע פריִערי־קע מײַסעס. זײַנע קורצזיכטיקע אויגן מיט זײַן לאנגער שפּיצעכיקער נאָז, וואָס קוקט אראָפּ אין מויל ארײַן, געדענקט איר מיסטאמע. זײַנע לאנגע שמאָלע הויזן, איינ הויז אראָפּ, איינ הויז ארופ, און זײַן שניפּס אפ דער צעשפּילעטער מאנישקע — האָט איר אוואדע אויך ניט פאר־געסן. הײַנט זײַן רעדן, זײַן פינען מיט דער נעשאָמע און זײַן שיטן פונעם ארבל מיט הויכע שיינע ווערטער און מיט קלינגענדיקע נעמען פון גרויסע לײַט? אצינד שטעלט אײַך פאָר, אז פיני צעהיצט זיך און רעדט פאר אן אוילעם פון טויזנטער מענטשן, וואָס ווילן אים דאפקע ניט הערן. אָנגעהויבן האָט ער אזש פון קאָלומבוסן, וויאזוי ער האָט אנטדעקט אמעריקע, און איז באלד ארופ אפ די פאריייניקטע שטאטן, און האָט זיך פארמאָסטן צו רעדן און צו רעדן. האָט מען אים ניט געלאָזט.

— ווער איז דער ספּיקער[35]? — פרעגט איינ שנײַדער באם אנדערן.
— א גרינהאָרן! — ענטפערט אים יענער.
— וואָס וויל ער?
— וואָס באדערט ער?
— וואָס האקט ער א טשײַניק?
— שאראפ! — שרײַט אויס איינער, און אסאך אנדערע כאַפּנ אים אונטער:
— שאראפ!...

ה.

„שאראפ" איז אפילע א מיִעס וואָרט. די טײַטש פונעם וואָרט איז „אראָפּ פונעם מארק!" נאָר אונדזער כאַווער פיני שרעקט זיך ניט

פאַר קיינ ווערטער. פּיני, אַז ער צערעדט זיכ, איז ווי אַ פאַס וואַסער, וואָס מע האָט אָפּגעשטעקט און פאַרוואָרפּנ דעם צאַפּנ. איר קאָנט צוהאַלטנ מיט דער האַנט, פאַרשטאָפּנ מיט אַ שמאַטע — עס וועט אײַכ קיינ זאַכ ניט העלפנ. ביז דאָס וואַסער וועט ניט אַרויסגיינ ביזנ לעצטנ טראָפּנ, איז אַנ אָווײַרע אײַער טירכע. פּיני מוז אָפּרעדנ זײַנס. סײַדנ מע זאָל אים אַראָפּשלעפּנ פונ דער בינע. דאָ הייסט עס ניט בינע. דאָ הייסט עס „סטיידזש". איצטיקס מאָל האָט מענ אים טאַקע געמוזט אַזוי טונ. צוויי שנײַדער־יונגען, פּרעסערס, האָבנ אים גענומענ פאַר ביידע הענט און מע האָט אים מיט קאָוועד אַראָפּגעפירט פונעם סטיידזש. דאָס האָט אים אָבער גאָרניט געשטערט אויסצופירנ דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט אויספירנ. ער האָט דאָס איבעריקע דערעדט, שוינ גייענדיק מיט אונדז אַהיימ. און אַז מיר זענענ געקומענ אַהיימ, האָט ער נאָכ לאַנג גערעדט פאַר דער מאַמענ און פאַר מײַנ שוועגערנ בראָכע און פאַר זײַנ ווײַב טײַבל. איכ און מײַנ כאַווער מענדל זענענ אויכ געווענ צווישנ די צוהערער. און מיר דאַכט, אַז ווערליק פּיני האָט געטײַנעט, איז ער גערעכט. נאָר גייט רעדט מיט ווײַבער. אַז פּיני האָט זיכ גוט אָנגערעדט, רופט זיכ אָנ מײַנ שוועגערנ בראָכע מיט אַ מאָשל, ווי איר שטייגער איז:

— וואָס איז דעמ אינדיק פאַר אַ כילעק, צי מע קוילעט אים פורעמ צו דער סודע, צי פּייסעכ צומ סיידער?...

טאָמער ווייסט איר, וואָס מיינט דערמיט בראָכע?...

ו.

דערווײַלע גייט אַוועק אַ טאָג און אַ טאָג. דער שטרײַק איז אַ שטרײַק. די אַרבעטער זענענ שטאָל און אײַזנ. מיטינגענ מאַכט מענ אַלע טאָג. און אַלעמאָל אָפּ אַ נײַעמ פּלאַצ. די מאַנופעקטשורערס, הער איכ זאָגנ, האַלטנ זיכ אויכ שטאַרק. זיי ווילנ ניט נאָכגעבנ. זיי וועלנ אָבער מוזנ נאָכגעבנ. אַזוי זאָגנ אַלע. ניטאָ אַ זאַכ, וואָס די אַרבעטער זאָלנ ניט אויספירנ. ס'איז אַמעריקע! עס האַלט שוינ באַמ לעצטנ מיטל. אַז דאָס וועט ניט העלפנ, איז עק וועלט! אַזוי זאָגנ אונ־דזערע לײַט. וואָס איז דאָס פאַר אַ מיטל? מיר וועלנ זיכ צונויפנעמענ אַלע שטרײַקער פונ גאַנצ ניו־יאָרק און מיר וועלנ דורכגיינ איבער די סטריטס מיט אַ מאַרטש. דאָס הייסט, טויזנטער און טויזנטער שנײַדערס וועלנ זיכ דורכשפּאַצירנ מיט די פאָנענ איבער דער שטאָט. מיר און מײַנ כאַווער מענדל איז דאָס דאַפקע געפעלנ. מיר וועלנ זײַנ די ערשטע. רעדט־זשע

אָבער מיט אזא יידענע, ווי מײַן שוועגערן בראָכע, זאָגט זי, אז בא איר זעט דאָס אויס, ווי קינדער שפּילן זיך אין סאָלדאטלעך... זי זאָגט: „אַז אווירע אײַערע שיך"... האָט איר באדארפט אָנקוקן אונ־דזער פּיניען און הערן, וואָס ער האָט איר זאָגט דערויף!

ז.

מיר האָבן שוין געהאלטן מיטן שטרײַק גאנץ ווײַט. איך און מײַן כאווער מענדל האָבן זיך שוין צוגעגרייט, ווי מע גרייט זיך צו צו דעם פּערטן דזשולײַ [36]). דעמאָלט איז א יאָנטעוו אין אמעריקע. מע שיסט אף דער סטריט מיט פײַער־קרעקערס און עס טרעפט זיך, זאָגט מען, אז מע דערהארגעט א מענטשן. א קלייניקײַט — דער פּערטער דזשולײַ? דאָס איז דאָך דער טאָג, וואָס די פאריייניקטע שטאַטן האָבן זיך באַ־פרײַט פון די סאָנים...

איך און מענדל זענען שוין געווען יאָנטעווודיק. איז אונדז פאר־שטערט געוואָרן די סימכע. אף קאנעל סטריט האָט מען געהארגעט א מענטשן. די יעדיִע האָט אונדז געבראכט פּיני. ער איז געווען אפן אָרט און האָט געזען דעם געהארגעטן. ער זאָגט, אז דער מענטש האָט פארדינט דעם טויט. ער איז געווען, זאָגט ער, א גענגסטער. פרעגט אים די מאמע: „וואָס הייסט א גענגסטער? א גאנעוו?" זאָגט פּיני: „ער־גער פון א גאנעוו!" פרעגט אים די מאמע: „א גאזלען?" זאָגט פּיני: „ערגער פון א גאזלען!" פרעגט די מאמע: „וואָס קאָן זײַן ערגער פון א גאזלען?" זאָגט פּיני: „א גענגסטער איז ערגער פון א גאזלען. וואָ־רעם א גאזלען איז א גאזלען, און א גענגסטער איז א געדונגענער גאזלען. דעם מענטשן האָט מען געדונגען, ער זאָל שלאָגן די שטרײַ־קערס. איז ער באפאלן א מיידל א שטרײַקערן און האָט זיך פארמאָסטן זי צו שלאָגן. האָט זי געמאכט א גוואַלד, זענען זיך צונויפגעלאָפן מענטשן און ס'איז ארויס א געשלעג"... מער האָט מען פון פּיניען ניט געקאָנט ארויסבאקומען גאָרניט. ער האָט ארומגעשפּאנט מיט זײַנע לאנגע פיס היין און צוריק. ער האָט געפינעט מיט דער נעשאָמע. ער האָט געשפּריצט מיט פײַער. ער האָט זיך געריסן בא די האָר און געשאָטן מיט ווערטער און מיט נעמען:

— אײַ־אײַ, קאָלומבוס! אײַ־אײַ, וואשינגטאָן! אײַ־אײַ, לינקאָלן!

דער סאָף איז געווען — פּיני האָט זיך אופגעהויבן און איז אנט־לאָפן!

ט.

ביז עפּעס וואָס, דערוויַיל האָט דאָס אונדז געטראָפֿן. מיך און מײַן כּאוועד מענדל. די מאַמע האָט זיך געשוואָרן בא איר געזונט און בא איר לעבן, אַז זי וועט אונדז ניט ארויסלאָזן אפֿ דער סטריט פֿאר קיין געלט אין דער וועלט! ניט מיך, ניט מענדלען, ניט עליען, ניט בראָכען און ניט טײַבלען. וואָרעם וויבאלד אז סע האלט שוין, זאָגט זי, אזוי וויַיט, אז מע הארגעט מענטשן אין סטריט — איז שוין עק וועלט! זי האָט אָנגעוואָרפֿן אפֿ אונדז אזא פּאכעד, אז טײַבל האָט זיך צעוויינט, ווי א קליין קינד. גאָט ווייסט, ווו איר פּיני איז אצינד!... האָט די מאמע שוין פֿארגעסן אָן אונדז און האָט גענומען אויסרעדן דאָס הארץ נעבעך טײַבלען: אז מיר האָבן א שטארקן גאָט. און אז סע וועט פּיניען גאָרניט געשען. און אז ער וועט מיט גאָטס הילף קומען בעשאָלעם אהיים. און אז ער וועט זײַן א מאַן צו זײַן ווײַב און א טאַטע צו זײַנע קינדערלעך, וואָס וועלן, אימירצעשעם, אמאָל זײַן. וואָרעם דערוויַיל האָט נאָך טײַבל קיין קינד און קיין רינד. זי דאָקטערט זיך און האָפֿט, אז זי וועט נאָך אמאָל האָבן קינדער.

— און אסאך קינדער! — זאָגט די מאמע.

— אָמיין, האלעוויַי! — זאָג איך און כאַפּ א פּאַטש פֿון מײַן ברודער עליע, איך זאָל ניט זײַן קיין שייגעץ און זאָל ניט שטופּן די צונג אהין, ווו מע דאַרף ניט...

י.

געליבט איז גאָט — געקומען פּיני. און געקומען איז ער מיט א סימכע, א געדולע: דער מענטש, דער גענגסטער, וואָס מע האָט אים גע־הארגעט, לעבט און וועט לעבן. נאָר א קאַליקע וועט ער שוין בלײַבן אפֿ אייביק. מע האָט אים ניט דערהארגעט אפֿ טויט. מע האָט אים נאָר אזוי גוט אָנגעהארגעט. מע האָט אים אויסגעזעצט אן אויג און איבערגעבראָכן א האנט. „א מיצווע — לאָז ער ניט זײַן קיין גענגסטער!" האָט אָבער די מאמע אפֿ אים ראכמאָנעס: „לאָז ער זיך זײַן, זאָגט זי, ס ער איז. פֿאראן א גאָט אין הימל, לאָז ער זיך, זאָגט זי, מיט אים רעכענען. פֿארוואָס זאָגט זי, קומט אים, מע זאָל אים איבער־ברעכן א האנט און אויסזעצן אן אויג? וואָס זענען שולדיק זײַן ווײַב און קינדער נעבעך, זיי זאָלן האָבן א טאַטן א קאַליקע?"...

י״א.

דער שטרײַק האָט זיך פארצויגן, און מיר גייען ארום אָן א שטאָך ארבעט. מײַן ברודער עליע איז אויס מענטש. די מאמע רעדט אים אויס דאָס הארץ. זי זאָגט, אז דער גאָט, וואָס האָט אונדז געבראכט קיין אמעריקע, וועט אונדז מיסטאמע ניט פארלאָזן. אונדזער מעכותנ יוינע דער בעקער און אונדזערע גוטע פרײַנט פעסי די גראָבע און מוישע דער אײַנבינדער און די איבעריקע פרײַנט און גוטע פרײַנט קומען אלע טאָג און טרייסטן אונדז מיט גוטע ווערטער. זיי זאָגן, אז דער הימל איז צו דער ערד ניט געפאלן. ווו שטייט דאָס געשריבן, אז מע מוז לעבן אין אמעריקע נאָר פון שנײַדערײַ? מע קאָן מאכן א לעבן אָן שנײַדערײַ אויך. וועהאָרײַע? אָט וועל איך אײַך דערציילן, וויאזוי מיר מאכן א לעבן אין אמעריקע.

XI

קאסרילעווקע אין ניו־יאָרק

א.

איידער איך גיי איך דערציילן, וויאַזוי מיר מאכן א לעבן אין דעם נייעם לאנד, מוז איך אייך פריער אויסרעכענען בא די נעמען, ווער איז דאָ אין אמעריקע פון אונדזערע פריינט און באקאנטע, ווייל נאָר זיי צו דאנקען האָבן מיר זיך ארופגעארבעט און אָנגעהויבן צו מאכן א לעבן. לאָזט זיך אויס, אז מיר האָבן דאָ פריינט און באקאנטע — קיין איינהאָרע, קיין בייז אויג! גאנץ קאסרילעווקע האָט זיך אריבערגעפעקלט אהער, קיין אמעריקע. נאָך אונדזער אוועקפאָרן פון דער היים איז געוואָרן, זאָגן זיי, דאָרטן א בעהאָלע, א מעהומע, א לוי־פעניש. עס האָט אויסגעבראָכן, זאָגן זיי, א מוירעדיקער פאָגראָם, א שכיטע און א סרייפע — גאנץ שטאָט איז אוועק מיטן פייער! ווער האָט אונדז געבראכט די נייעס? — די מאמע. ווו ערגעצ א צאָרע — ווערט פריער פון אלע געווירע די מאמע. פונוואנען? פון בעסמעדרעש. פון דער קאסרילעווקער שול. ס'איז פאראן אזא שול אין ניו־יאָרק.

ב.

די ערשטע וואָך, אז מיר זענען געקומען אין שטאָט אריין, האָט די מאמע קוידעמקאָל זיך צעפרעגט אף א שול, וווהין צו גיין שאבעס דאווענען. זענען אין ניו־יאָרק, באָרוכאשעם, פאראן שולן קימאט אף יעדער סטריט. האָט אונדז אונדזער שכיינע פעסי אָפגעפירט דעם ערשטן שאבעס אין שול אריין. די שול איז טאקע אונדזער שול. דאָס הייסט, די יידן, וואָס דאווענען דאָרטן, זענען אלע פון אונדזער שטעטל. זי הייסט מיטן נאָמען „קאָל יִסראָעל אנשיי קאסרילעווקע". אָדער „די קאסרילעווקער שול". האָבן מיר זיך דאָרט דערזעען מיט אסאך באקאנטע פון אונדזער שטאָט. טרעפט, וועמען האָבן מיר געזען? אז איר וועט זיין מיט אכצן קעפּ, ווער איר

אויך ניט טרעפן. ערשטנס — דעם כאזן. אונדזער הערש־בער דעם כאזן מיט דער גרויסער באָרד. אָט דער, וואָס איך בין בא אים געווען אמאָל א זינגערל, אויב איר געדענקט, און האָב זיך ארומגעטראָגן מיט זיין דאָבצין. א קינד א קאליקע. דאָס קינד איז געשטאָרבן נאָך דאָרטן, אינדערהיים, בעשאס פאָגראָם. און הערש־בער דער כאזן מיט דער כאזנטע מיט די עלטערע קינדער זענען אלע דאָ אין אמעריקע און מאכן א לעבן. הערש־בער איז דאָ א כאזן און א מויעל און א מעלאַמעד אויך. דאָ הייסט דאָס ניט מעלאמעד, דאָ הייסט דאָס „טיטשער". פארוואָס טיטשער? ווייל ער טיטשט די קינדער. דאָס הייסט, ער קנייפּט זיי שטילערהייט, קיינער זאָל ניט זען. מאכמעס שלאָגן א קינד טאָר מען דאָ ניט, ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט. הערש־בער האָט, זאָגט מען, דאָ גאנצ פיין פּארנאָסע. נאָר ער האָט זיך שטארק איבערגעאנדערשט. דאָס הייסט, איזן איז ער דער אייגענער, וואָס געווען, נאָר ער גייט אנדערש אָנגעטאָן. אינדערהיים, ווען ער טוט אָן אזא קאפּעליוש ווי דאָ, וואָלט מען אים נאָכגעלאָפן. די קאפּאָטע איז בא אים אויך פארקירצט. און די פּייעס אונטערגעהאקט. נאָר די באָרד טשעפּעט ער ניט. טשעפּען אים אָבער אנדערע די באָרד. דאָ, אין אמעריקע, האָט מען פיינט א באָרד. ערגער ווי אן ערלעכער ייִד האָט פיינט כאזער. אנומלטן האָבן אים דערטאפּט אינמיטן סטריט שקאָצים־לעך — „לויפערס" הייסן זיי דאָ — און האָבן אים נאָר געוואָלט אָפּשערן די באָרד. א גליק, וואָס ייִדן זענען אָנגעקומען און האָבן אים ארויס־געראטעוועט פון די „לויפערס" הענט. פון דעמאָלט אָן, אז ער גייט אין סטריט, באהאלט ער די באָרד אינעם אויבעראָק.

ג.

בערע דער שוסטער איז אויך דאָ. דאָס איז דער בערע, וואָס מיין ברודער עליע האָט זיך געהאט אונטערגענומען אמאָל ארויסצוטרייבן בא אים די מייז. אויב איר געדענקט, האָט בערע דער שוסטער ליב צו דערציילן גוזמאָעס. אויסטראכטן זאכן, וואָס ניט געשטויגן, ניט געפלויגן. דאָס הייסט, ער איז א ייִד א ליגנער. דאָ ווערט דאָס אָנגערופן א „בלאָפער". ער איז דאָ אויך דערזעלבער שוסטער, וואָס אינדערהיים. ער דערציילט פון זיינע שוסטעריי אזעלכע גליקן, אז ווען ס'זאָל זיין כאָטש א דריטל עמעס, וואָלט אויך געווען גוט. ער זאָגט, אז ער איז דאָ דער גרעסטער שוסטער אין אמעריקע. מיט זיינע שטיוול, זאָגט

ער, טראָגט מען זיך ארום איבערן גאנצן לאַנד. ער שווערט מיט אזעלכע שווועס, וואָס מע מעג גלויבן א מעשומעד, אז דער פרעזודענט אליין האָט זיך באשטעלט בא אים א פּאָר שטיוול. זאָגט מײַן ברודער עליע, אז די מײַסע מיטן פרעזודענטס שטיוול איז פונקט אזוי עמעס, ווי די מײַסע, וואָס בערע דער שוסטער האָט אונדז אמאָל געהאַט דער־ציילט, וויאזוי די מײַז האָבן בא אים אופגעגעסן א קאַצ... דאָ, אז עמעצער דערציילט אזעלכע מײַסעס, זאָגט מען אף אים, אז „ער האקט א טשײַניק". אָדער אז ער „בלאָפט". מיר געפעלט בעסער די ווערטער „ער האקט א טשײַניק". עס איז מיר אזוי שטארק געפעלן, אז איך האָב עס ארופגעכאפּט אף פּאפּיר. דאָס הייסט, איך האָב אויסגעמאָלט בערע דעם שוסטער, ווי ער האלט א האמער. אפן טיש שטייט א גרוי־סער טשײַניק, און ער האקט אים... אלע די, וואָס האָבן געזען דאָס בילד, האָבן זיך געקאטשעט פאר געלעכטער. אפילע מײַן ברודער עליע האָט אויך געשענקט א האלבן שמייכל. ער שלאָגט מיר שוין מער ניט דערפאר, וואָס איך מאך מענטשעלעך. ער בורטשעט נאָר און זאָגט: „אז ס'איז ניטאָ וואָס צו טון, איז דאָס אויך אן אייסעק"...

ד.

וואָס דארפט איר מער? רעב יאָסי דער נאָגיד, וואָס אלע האָבן זיך געוווּנטשן בא אונדז, כוץ זײַנע שאָדן, כאָטש א דריטלכייליק, — איז ער אויך דאָ, אין אמעריקע. ער איז שוין אָבער אויס נאָגיד. וואָס איז די מײַסע? אים האָט אוועקגעהארגעט דער פּאָגראָם. דאָס הייסט, פונעם פּאָגראָם גופע האָט ער ניט אזוי שטארק געליטן. דאָס הייסט, געראַ־בירט האָט מען אים. דאָס מעבל צעבראָכן. דאָס בעטגעוואנט צעריסן. די סכוירע פון קלייט צענומען. נאָר געשלאָגן האָט מען זיי ניט. מאכ־מעס זיי זענען געלעגן אלע אין א קעלער דרײַ טעג מיט דרײַ נעכט. שיר ניט אויסגעגאנגען פון הונגער. דאָס אלצדינג וואָלט געווען א האלבע צאָרע. דאָס אומגליק איז געווען דאָס, וואָס אלע זײַנע באַלע־כויוועס האָבן אים אָנגעזעצט. האָט ער אויך געמוזט אָנזעצן. ווער וואָלט זיך גערעכט, אשטייגער, אז אזא איש בטוח [37], ווי רעב יאָסי, זאָל דארפן אָנזעצן און אנטלויפן פון קאסרילעווקע? אינמיטן באנאכט איז ער אנטלאָפן. וווּהין — קיין אמעריקע. זײַנע זונדל הענעך מיטן אייגל, געדענקט איר, וויאזוי ער האָט געלאכט פון מיר, וואָס איך פאָר קיין אמעריקע? איצט שלעפּט ער זיך ארום דאָ איבער די סטריטס.

אז ער דערזעט מיך, אנטלויפט ער. עס שטייט אים נאָך היינט אויך ניט אָן צו רעדן מיט מיר. האָמאָנס גאדלעס! מיין כאוואר מענדל זאָגט, אז ער מוז אים מאכן בלויז דאָס אנדערע אייגל. מענדל האָט פיינט, אז מע נעמט זיך איבער, אָדער אז מע בלאָזט פון זיך.

ה.

שענער פון אלץ איז, וואָס מענאשע דער רויפע און מענאשעכע די רויפעטע זענען אויך דאָ. איר געדענקט דאָך מינעסטאָמ זייער גאָרטן, מיט זייערע פערשקעס, מיט זייערע ווײַנשל, מיט זייערע עפל און מיט זייערע בארן? איז דאָס אלצדינג אוועק מיטן רויך און מיטן פייער. מע האָט זיי פארברענט זייער שטוב מיט זייער גאָרטן, געמאכט פון אלצ־דינג אש. איר זאָלט זיי אָנקוקן, וואָלט איר זיי ניט דערקענט. ביידע זענען זיי געוואָרן גרוי און אלט. ער שטופט א פושקארט מיט עפל און מיט אָראנדזשעס, און זי פעדלט מיט וויסאָצקיס טיי. „אז אָך און וויי — זאָגט די מאמע מיינע מיט טרערן אפ די אויגן — אפ וואָס זיי זענען איבערגעקומען”...

— א שיינע ריינע קאפּאָרע! — זאָגט מיין ברודער עליע, און איך האלט מיט אים. א מיצווע אפ מענאשעכע די רויפעטע. זי איז גע־ווען א ראָשעטע. געזשאלעוועט אן אָרעמאן א פארפוילטן עפל, וואָס איז אראָפּגעפאלן פונעם בוים. זי מיינט, אז איך האָב שוין פארגעסן די מייסע, וויאזוי מע האָט מיך אמאָל געפאקט בא איר אין גאָרטן... איך וועל עס געדענקען ווײַל איך וועל לעבן!

ו.

אין דער צײַט, וואָס מיר האָבן זיך ארומגעשלעפּט איבער אויסלאנד, האָט מען דאָרט אינדערהיים געפּאָגראָמעוועט אונדזערע קאסרילעווקער יידן, געראַבירט די קלייטן און געבערנט די הײַזער. א סוואָרע, אז און־דזער האלבע שטוב, וואָס מיר האָבן פארקויפט צו זילי דעם שניידער, איז אויך אָפּגעבערנט געוואָרן, און זילי דער שניידער איז איצטער הי. ער איז א שניידער ווי געוועגן. דער כילעק איז, וואָס דאָרט, אינדערהיים, איז ער בעוועגן א באלעבאָס פאר זיך, און דאָ, אין אמעריקע, ארבעט ער בא יענעם. אמאָל איז ער א „אונטערפרעסער” בא הויזן און אמאָל איז ער אן אָפּרייטער בא דער מאשין. ער פארדינט, זאָגט ער, זיבן זיבן—אכט טאָלער א וואָך. עס וואָלט אים געוועגן, זאָגט ער,

וועגיקלעכ אפ צו מאכנ א לעבנ, ברענגענ אימ אריינ זיינע קינדער — דריי קינדער האָט ער, אונ אלע מיידלעכ — דריי מאָל אזויפיל. זיי ארבעטנ בא „שוירטס“. העמדער הייסנ דאָ „שוירטס“. פרעג איכ בא מיינ ברודער עליע, פארוואָס הייסנ העמדער „שוירטס“? זאָגט מיינ ברודער עליע, אז ער ווייסט ניט פונ וואָסער א שוירעש עס נעמט זיכ דאָס וואָרט „שוירטס“. זאָגט צו אימ אונדזער כאווער פיני, לעמיי ער ווייסט ניט דעמ שוירעש פונ נאָכ אסאכ אנדערע ווערטער? זאָגט עליע, אז פונ אנדערע ווערטער ווייסט ער יאָ דעמ שוירעש. פרעגט אימ פיני: „פונוואנענ־זשע נעמט זיכ דאָס וואָרט „בוטשער“, אונ פארוואָס איז בוטשער א קאצעוו?“ זאָגט אימ עליע: „דערפאר, וואָס א קאצעוו צעבוטשערט דאָס פלייש אפ שטיקלעכ“... פרעגט אימ פיני: „פונוואנענ־זשע נעמט זיכ עס, וואָס א שניידער הייסט דאָ אָפרייטער?“ זאָגט אליע: „דאָס נעמט זיכ דערפונ, וואָס... וואָס... וואָס האָסטו זיכ צוגעטשעפעט צו מיר? וואָס בינ איכ מעכויעוו דיר צו פארטייטשנ אלע ווערטער, וואָס מע זאָגט דאָ אינ אמעריקע?“

— ששא! שריי ניט! מע ווערט פונ דיר ניט גליקלעכ! — זאָגט פיני אונ דרייט זיכ אויס צו מיר מיטנ פאָנעמ. — קומ נאָר אהער, קאָטוינטי. אז דו ווילסט וויסנ עפעס א זאכ, זאָלסטו קיינמאָל ניט פרעגנ בא דיינ ברודער עליע, וואָרעמ ער ווייסט ניט.

— איר ווייסט ביידע מער פונ א טויטנ! — מישט זיכ אריינ מיינ שוועגערנ בראָכע אונ שטעלט זיכ איינ פאר איר מאנ.

ז.

דערווייל האָב איכ מיכ פארעדט פונ זייטיקע זאכנ אונ האָב פארגעסנ, אז איכ האָב גענומענ אויסרעכענענ, ווער פונ אונדזערע באקאנטע זענענ דאָ, אינ אמעריקע. אכוץ אונדזער כאווער פיניעס מישפאָכע, איז גאנצ קאסרילעווקע איצט אינ אמעריקע. אונ ס'איז א סוואָרע, אז פיניעס מישפאָכע קלויבט זיכ אויכ אהערצוצו. פיניעס פאָטער, הערש־לייב מעכאניק, אונ זיינ פעטער שנייער דער זייגערמאכער שרייבנ צו פיניענ, אז זיי וואָלטנ שוינ לאנג ארויסגעפאָרנ, האָבנ זיי ניט מיט וואָס. בעטנ זיי, מע זאָל זיי ארויסשיקנ שיפסקארטנ. קלויבנ מיר איצטער א פעני צו א פעני. אז מיר וועלנ צונויפקלויבנ די ערשטע עטלעכע טאָלער אפ איינצוצאָלנ אנ אופגאָב, וועלנ מיר זיי ארויסשיקנ שיפסקארטנ אפ אויסצוצאָלנ. אונ זיי וועלנ מיט גאָטס הילפ געוויס אויסצאָלנ. וואָרעמ

זיי קומען אהער ניט מיט ליידיקע הענט. הערש־לייב דער מעכאניק שרייבט, אז ער האָט צוגעטראכט א נייעם אויוון. אזא מין אויוון, וואָס מע דארף צו אים האָבן זייער ווינציק האָלץ. קימאט גאָלע גאָרניט. וויאזוי? דאָס איז זיין סאָד... און שניידער דער זייגערמאכער האָט אויסגעקלערט א זייגער, וואָס גאנצ אמעריקע וועט לויפן קוקן אפ כידושים. וואָס־זשע איז דאָס פאר א מין זייגער? וועט איר הערן, וואָס מע שרייבט צו פיניען פון דער היים.

ט.

דער זייגער אליין איז א געוויינלעכער וואנט־זייגער מיט א גע־וויינלעכן ציפערבלאַט. נאָר וואָס דען? אז איר קוקט זיך גוט צו צום ציפערבלאט, דערזעט איר אויסגעמאָלט די זון מיט דער לעוואָנע מיט אלע צוועלף שטערן. באטאָג זעט מען מער ארויס די זון. און באנאכט — די לעוואָנע מיט די שטערן. זעגט איר פארטיק? האָט צייט! אלעמאָל, ווען דער זייגער שלאָגט אויס צוועלף, עפנט זיך אוף פאר אידערע אויגן א קליין טירעלע און עס קומט ארויס פריער אן אָפיצער מיט א שפאגע. דערנאָך צוועלף סאָלדאטן־מוזיקאנטן. דער אָפיצער טוט א מאך מיט דער שפאגע, און די צוועלף סאָלדאטן שפילן אָפ א מארש און גייען אוועק. מאכט זיך צו דאָס טירעלע — און שוין! ווי מיינט איר, קאָן מען מיט אזא זייגער פארדינען געלט אין אמעריקע? אפ דעם זייגער האָט פיניעס פעטער פארבראכט היפשע עטלעכע יאָר. ער איז שוין געווען בא אים קימאט אינגאנצן פארטיק. האָט מען אים בעייסן פּאָגראָם צעריבן אפ שטיקלעך. נאָר עס מאכט ניט אויס. אבי דער סייכל פונעם זייגער איז געבליבן בא אים. לאָז ער נאָר קומען קיין אמעריקע, וועט שוין זיין, ווי מע זאָגט דאָ, אָלרייט.

י.

און וויאזוי מיר מאכן א לעבן — האָב איך אייך נאָך אלץ ניט געזאָגט. נאָר דאָס זאָל שוין זיין אפ מאָרגן.

XII

מיר מאכנ א לעבנ

א.

דער ערשטער האָט זיך ארופגעשלאָגנ אפ א וועג אונ גענומענ מאכנ א לעבנ מײַנ ברודער עליע. אונ וועמענ האָט ער צו פארדאנקענ? דער מאמענ. זי גייט אלע שאבעס דאוונענ אינ קאסרילעווקער בעסמעדרעש, באגעגנט זי זיך מיט מענטשנ. האָט זי זיך באגעגנט מיט דער פּרעזידענטיכע, דאָס מיינט מענ מיט דער גאבעטע פונ שול. וואָרעמ א גאבע אינ א שול הייסט דאָ „פּרעזידענט". די פּרעזידענטיכע איז א ווילע ייִדענע אונ האלט פונ מײַנ מאמע. דערפאר, וואָס מײַנ מאמע ווייסט אלעמאָל, ווו דער כאזנ האלט אונ וואָס דער כאזנ זאָגט. אונ די היגע ווײַבער ווייסנ ניט ווער עס האָט זיי געשלייערט. אזוי זאָגט מײַנ ברודער עליעס ווײַב בראָכע. מײַנ שוועגערנ בראָכע זאָגט, אז די היגע ווײַבער גייענ אינ שול ארײַנ נאָר צו באווײַזנ זייערע בארליאנטנ. דאָ הייסט עס „דיימאָנטס". אונ אז זיי זענענ מעכילע גרויסע בעהיימעס. אזוי זאָגט בראָכע. אונ אז זיי ווייסנ ניט קיינ ציילעמ פאר קיינ אלעפ. אונ אז זיי קאָנענ נאָר גוט פרעסנ אונ רעדנ לאָשנהאָרע... האקט איר איבער די מאמע אונ זאָגט, אז „אָט דאָס אליינ, טאָכטער לעבנ, איז דאָך אויך לאָשנהאָרע"... פארענטפערט זיך בראָכע, אז זי מעג, וואָרעמ זי זאָגט דאָס פאר אייגענע, ניט פאר פרעמדע... נאָר מיר קערנ זיך אום צוריק צו דער פּרעזידענטיכע אונ צו איר מאנ, דעמ פּרעזידענט פונ דער קאסרילעווקער שול.

ב.

האָט איר ווענ געהערט ווענג דער „היברו ניישאָנאל ווורשט־קאָמפּאניע"? דאָרט פארקויפט מענ ייִדישע קאָשערע קאָלבאסעס. דארע קישקע, געבראָטענע צונגענ אונ גערויכערטע פליישנ. אינ אלע עקנ שטאָט האָבנ זיי „סטאָרס", ווו איר קומט ארײַנ קויפנ קאָשער ווורשט. אויב איר זענט הונגעריק אונ האָט צײַט, הייסט איר אײַך דערלאנגענ הייסע קיש־

קעלעכ, נאָר־וואָס פון דער זאַט, און איר עסט דאָס מיט כריין, אָדער מיט זענעפט. וויאַזוי איר ווילט. אויב איר זענט ניט קורץ אין געלט, קאָנט איר זיך הייסן דערלאַנגען נאָך א פּאָרציע. איך און מײַן כאַווער מענדל האָבן אַמאָל אַרײַנגעשטעלט דרײַ פּאָרציעס און האָבן געפילט, אַז מיר וואָלטן בײַגעקומען נאָך צוויי פּאָרציעס — איז בא אונדז אָבער אויסגעגאַנגען פּאָדעם... נאָר ניט דאָס האָב איך אײַך געוואָלט דערציילן.

ג.

וואָס איך האָב אײַך געוואָלט דערציילן איז אָט וואָס. דער פּרעזידענט פון אונדזער שול איז איינער פון די באַלעבאַטים אין דער „היברו ניישאָנאַל וורשט־קאָמפּאַניע". האָט די מאַמע דורך דער פּרעזידענטיכע געפּויעלט באַם פּרעזידענט, אַז מע זאָל אַרײַנעמען מײַן ברודער עליע אין דער „היברו ניישאָנאַל וווּרשט־קאָמפּאַניע" פאַר א מענטשן. דאָ הייסט עס א סיילעסמאַן, א פּאַרקויפער. און ניט נאָר א פּאַרקויפער אליין, נאָר טאַקע א „ווייטער" אויך. דאָס הייסט, אַז איינער קומט אַרײַן און הייסט זיך דערלאַנגען הייסע קישקעלעך — דאַרף מען זיך ניט שעמען און דערלאַנגען. האָט זיך אפילע מײַן ברודער די ערשטע צײַט געבערעקלט: „סטײַטש, א יונגערמאַן מיט א בערדל, פּייסי דעם כאַזנס א זון און יוינע דעם בעקערס אַן איידעם, זאָל זײַן א מעשאָרעס!"... האָט אים אונדזער כאַווער פּיני אוועקגעגעבן א גאָב. „וואָס מיינסטו?—האָט אים פּיני געריבן די ביינער. — דו מיינסט, אַז דו ביסט אינעם פאַרשאָלטענעם קאַסרילעווקע? דו ביסט אין אַמעריקע ביסטו! אין אַמעריקע האָבן אַזעלכע פײַנע מענטשן ווי דו, לעמאָשל, א קאַרנעגי, א ראָקנפעלער, א וואַנדערבילד געפּעדלט מיט גאַזעטן, אַרומגעטראָגן שוועבעלעך (דאָ הייסט עס „מעטשעס") און געפּוצט שטיוול אַף דער סטריט! לייען די געשיכטע פון א דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, פון א אייבראַם לינקאָלן, אָדער פון אַנדערע גרויסע לײַט, וועסטו זען, אַז פּייסי דעם כאַזנס זון מעג אָנשטיין פּאַרקויפן קישקעלעך"...

ד.

דאָ האָט אָבער אונדזער כאַווער פּיני געכאַפּט א מיִעסן פּסאַק פון מײַן מאַמע. וואָרעם קאָלזמאַן פּיני האָט געשאָטן מיט נעמען: קאַרנעגי, ראָקנפעלער, וואַנדערבילד, — האָט איר ניט געאַרט. נאָר אַז ער האָט דערמאַנט דזשאָרדזש וואַשינגטאָן און אייבראַם לינקאָלן אינײנעם

מיט מײַנע טאטנס פּייסי דעם כאזן — האָט דאָס איר פאַרדראָסן. זי האָט געזאָגט, אַז זי קען ניט װאַשינגטאָנען און װײסט ניט װער אײבראַם ליני־קאָלן איז געװען. עס קאָן זײער זײַן, אַז דאָס זענען געװען גאַנץ לײַ־טישע מענטשן און גאַנץ שײנע ייִדן. נאָר זי װיל ניט, מע זאָל איר מאַנס נאָמען באַצירן אַהער קײן אַמעריקע. לאָז ער זיך זײַן, זאָגט זי, דאָרטן אין גאַנײדן אַ גוטער מיליץ פאַר איר, פאַר אײַך און פאַר קאָל־ייִסראָעל.

— אָמײן! — זאָג איך, און כאַפּ אַ פּאַטש פון מײַן ברודער עליען — איך זאָל ניט זײַן קײן אױספּאָנעם.

ה׳

בקיצור — מײַן ברודער עליע האָט אַ דזשאַב און מאַכט אַ לעבן. ער פאַרקױפט קישקעלעך און דערלאַנגט צום טיש און באַקומט דער־פאַר, ערשטנס, פינף טאָלער אַ װאָך, און אַכוץ לאָזש, צװײ מאָל אין טאָג עסן — איז אױך עפּעס װערט. הײַנט װאָס איז װערט דאָס, װאָס עס קומען אַרײַן אין „סטאָר״ קױפן פלײש אַ װעלט מיט מענטשן? אַלע טאָג מאַכט ער נײַע באַקאַנטשאַפטן מיט די פײַנסטע לײַט פון ניו־יאָרק. עס איז דאָ אַ האָפענונג, אַז מײַן ברודער זאָל גײן העכער און העכער. מאַכמעס ער איז באַליבט פון די באַלעבאַטים און זײער בעקאָװעדיק בײַ די קאָסטאָמערס. אַ קאָסטאָמער האָט האַנאָע, אַז אים באַדינט אַ טאַטנס אַ קינד, ניט קײן געבױרענער מעשאָרעס... אײן שטיקעלע כיסאָרן האָט מײַן ברודער — דאָס, װאָס עס װאַקסט אים, ניט פאַר אײַך געדאַכט, אַ באָרד. ער זאָל ניט האָבן קײן באָרד, װאָלט ער געװען גאָר־גאָר אָל־רײַט. איז אָבער, װי אַפּצעלאָכעס, האָט זיך זײַן באָרד אין אַמעריקע בײַ אים צעװאַקסן אין דער ברײט און אין דער לענג. דאָס הײסט, מער אין דער ברײט װי אין דער לענג. זאָגט אים פּיני, אַז ער װאָלט געמעגט דאָס בערדל, אַף אַמעריקאַנער לאָשן גערעדט, אַביסל „צופּיקסן״. אַזױ װי ער, פּיני, האָט געטאָן. ער האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט צו אַ שער־רער (דאָ הײסט עס אַ „באַרבער־שאַפּ״) און האָט זיך אַװעקגעזעצט, זאָגט ער, אַפּן „טשער״ (אַזאַ שטול) און פאַרװאָרפן דעם קאָפּ און ניט געזאָגט קײן װאָרט. מאַכמעס ער האָט נאָך דעמאָלט ניט געקענט רעדן קײן ענגליש. איז צוגעגאַנגען דער שערער, דער „באַרבער״, הײסט עס, און האָט אים, זאָגט ער, אָנגענומען בײַ דער נאָז — אַזױ זאָגט פּיני — און האָט נישט געטאָן גאָרניט. ער האָט אים, זאָגט

ער, נאָר אָנגעזייפּט גוט דאָס גאַנצע פּאָנעם און איז זיך דורכגעגאַנגען מיט א גאָלמעסער מער ניט אַז צוויי מאָל, און האָט אים געהייסן אופּשטיין. און אַז ער איז אופגעשטאַנען, אזוי דערציילט פּיני, און האָט געגעבן א קוק אין שפּיגל, האָט ער זיך אליין ניט דערקענט. אף זיין פּאָנעם איז ניט געבליבן, איר זאָלט זאָגן, א סימען פון א באָרד אָדער פון וואָנצעס. גלאַט, ווי א לאָקשנברעט. עס האָט זיך אים, זאָגט ער, אויסגעוויזן, אַז ער שמייכלט... וויי־וויי, וואָס ער האָט געהאַט פון זיין ווייב טײַבל! זי האָט נעבעך געכאַלעשט צוויי מאָל און איז אזש קראַנק געוואָרן פון צאָרעס און פון ביזאָיען. דאָס איז אָבער נאָר געווען די ערשטע צײַט. איצט האָט זי זיך שוין צוגעוווינט. איר פּיני גאָלט זיך אַלע וואָך דאָס גאַנצע פּאָנעם און זעט אויס, ווי אַן עכטער אַמעריקאַ־נער. ער רעדט שוין גאָר ענגליש און קײַעט שוין קעסיידער „טשאָינגגאָם".

ער שלינגט דאָס שוין אָבער מער ניט אַראָפּ... דערצו, ווען ער זאָל נאָך וועלן אכטונג געבן, די מאַנישקע זאָל זיך בא אים ניט צעשפּילען, דאָס האַלדזטיכל זאָל זיין אף אַן אָרט, און ביידע הויזן זאָלן זיין גלײַך, ניט איינער אַראָפּ, דער אַנדערער אַרוף, — וואָלט ער שוין געווען א גאַנצער דזשענטעלמען, א ספּאָרט.

ו.

פּיני זאָל ניט האָבן אף זיך קיין דרייקאָפּ (ער שטאַמט דאָך פון א מישפּאָכע פון „קאָפּמענטשן"), און דער קאָפּ זײַנער זאָל אים ניט טראָגן אין די גרויסע געשעפטן, וואָס דאָ הייסט עס „ביזנעס", וואָלט ער געקאָנט מאַכן א לעבן. נאָר דער כיסאָרן איז, וואָס ער וואַרפט זיך אַלעמאָל אף אן אַנדער דזשאָב. דערפאַר האָט ער א מײַלע, וואָס ער שעמט זיך ניט מיט קיין אַרבעט אין דער וועלט. ער וועט אײַך טון וואָס איר וועט אים הייסן, אבי מאַכן א טאָלער. קערן די סטריט — איז קערן די סטריט. שאַרן קוילן — איז שאַרן קוילן. פּעדלען מיט גאַזעטן — איז אוואדע גוט. אַמעריקע, זאָגט ער, איז א פּרײַע מעדינע, און א ביזאָיען איז, זאָגט ער, נאָר גאַנווענען. דערפאַר, זאָגט ער, אַרבעטן דאָ אַלע און קיינער גאַנוועט ניט. גאַנווענען, זאָגט ער, גאַנ־ווענען דאָ נאָר די איטאַליאַנער. א געבאָרענער אַן אַמעריקאַנער, זאָגט ער, וועט ניט גאַנווענען, עס מעג ליגן גאָלד. אַן אַמעריקאַנער וועט אײַך קיינמאָל ניט אָפּנאַרן. און קיין ליגן וועט אײַך קיינמאָל אַן אַמעריקאַנער ניט זאָגן. אזוי דרינגט פּיני. ער האָט שוין

אפילע געמאכט א ליד אפ אמעריקע. דאָס גאנצע ליד געדענק איך ניט. עטלעכע שורעס פון דעם קאָן איך אײַך זאָגן אפ אויסנווייניק. אָט אזוי הייבט זיך אָן בא אים:

„קאָלומבוסעס מעדינע
איז א לאנד פאר גרינע.
דאָס איינציקע געבליבן,
וואָס א ייִד מאכט דאָ א לעבן...
דאָס לאנד איז גרויס
גאָר אָן א סאָף.
דאָ האקט מען ניט קיין טשײַניק,
דאָ ווייסט מען ניט פון בלאָפּ...״

דערנאָך זינגט זיך בא אים ווײַטער און ווײַטער, און לאָזן לאָזט ער אויס מיט אזא מין גראם:

„אמעריקע איז דאָס לאנד פון יוישער,
האָט א פּרעזידענט און ניט קיין קייסער״...

לאכט פון אים מײַן ברודער עליע. ער זאָגט, אז „יוישער״ גראמט זיך עפּעס ניט אזוי גוט מיט „קייסער״. ענטפערט אים פיני מיט א מאָשל: „אז דער מאן הייסט מענדל, מעג מען עסן פון זײַן פּענדל. און אז דער מאן הייסט לייזער, איז א רוּעך אים אין טאטן... פרעגט די וועלט א קאשע: ווו איז דאָ דער גראם? איז דער טערעץ: א רוּעך אים אין טאטן אָן א גראם״...

ז.

איר מיינט, אז אונדזערע ווײַבער מאכן ניט קיין לעבן? איך מיין דאָס מײַן ברודער עליעס ווײַב בראָכע און אונדזער כאווער פּיניעס ווײַבל טײַבל. זיי ארבעטן בא „נעק-טייס״ (מענערשע שניפּסן). און ווע־מען האָבן זיי צו פאַרדאנקען? ווידעראמאָל מײַן מאמען, און ווידער־אמאָל צוליב דעם, וואָס זי גייט אלע שאבעס אין שול אַרײַן. דאָרט האָט זי זיך באקענט מיט אן אָלרײַטניטשקע, א נעגידעס הייסט עס (א נאָגיד הייסט דאָ אן „אָלרײַטניק״). דידאָזיקע אָלרײַטניטשקע איז אמאָל געווען, ניט אויסגערעדט זאָל זײַן, א דינסטמיידל בא אונדז אין קאס־רילעווקע, טאקע בא רעב יאָסי דעם נאָגיד. איר נאָמען איז קריינדל. מיט דער קריינדל איז א גאנצע געשיכטע, וואָס קאָן דערציילט ווערן אין קורצן.

ט.

באַ אונדז, אין קאַסריל־עווקע, איז אַמאָל געווען אַ קאַצעוו מיטן נאָמען מײלעך. מײלעך דער קאַצעוו. האָט דער מײלעך געהאַט אַ יונג מיטן נאָמען נעכעמיע. האָט ער זיך פאַרליבט, אָט דער נעכעמיע, הײסט עס, אין דער מויד, אין קרײַנדלען, און געוואָלט מיט איר חאַסענע האָבן. האָט ער ניט געהאַט מיט וואָס. האָט ער זיך מעיאַשעוו געווען אײנמאָל, — מײלעך דער קאַצעוו האָט אים געגעבן געלט, ער זאָל פאָרן אפן יאַריד קויפן אַ בעהײמע, — האָט ער גענומען דאָס געלט, נעכעמיע, הײסט עס, און איז אַוועק מיט דער מויד, מיט קרײַנדלען, הײסט עס, קײן אַמעריקע. האָט דאָס אים באַגליקט און ער איז געוואָרן אַן אָל־רײַטניק, און קרײַנדל איז געוואָרן אַן אָלרײַטניטשקע. איצט האָבן זײ אַ פאַבריק, דאָ הײסט עס אַ פעקטאָרי, פון נעק־טײס, דאָס הײסט פון האַלדזטיכלעך. האָט זיך געטראָפן אַ מײַסע, די אָלרײַטניטשקע, קרײַנדל, הײסט דאָס, האָט געהאַט יאָרצײַט נאָך איר מאַמע. איז זי געקומען אין שול און האָט זיך צערעדט מיט דער מאַמע און זיך געלאָזט דערקענען. דערהערט פון דער מאַמע, אַז מײַן טאַטע איז געווען פײַסי דער חאַזן, האָט זי זיך נאָכמער צוגעלאָזט צו מײַן מאַמע און צוגעזאָגט אונדז באַהילפיק זײַן מיט וואָס נאָר מעגלעך. האָט איר די מאַמע געזאָגט, אַז קײן הילף וויל זי ניט. זי פאַרלאַנגט נאָר אַרבעט פאַר אירע קינ־דער. אַ וואָרט און אַ וואָרט — די אָלרײַטניטשקע האָט אויסגעפּויעלט בײַ איר מאַן דעם אָלרײַטניק, ער זאָל געבן אַן אָרט בײַ זיך אין דער פעקטאָרי פאַר מײַן שוועגערן בראָכע און פאַר אונדזער פיניעס ווײַבל טײַבל. זענען זײ אַ פּאָר וואָכן געגאַנגען אָפּ בראָדוויי אַרבעטן אין פעקטאָרי. און דערנאָך האָט די מאַמע געפּויעלט, מע זאָל זײ געבן אַרבעט אַהײם, ניט זיצן אַ גאַנצן טאָג אין שאַפּ.

י.

עס האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן: קאָלומבאַן דער „סיזען״ [38] האָט זיך געהאַלטן, איז מען געווען „ביזי״, דאָס הײסט, מע האָט געהאַט אַרבעט. שפּעטער, אַז ס׳איז געוואָרן „סלעקטײם״, דאָס הײסט, ס׳איז קײן אַרבעט ניט געווען, זענען אונדזערע ווײַבער געבליבן אָן אַרבעט. מיר האָבן זיך אָבער שטאַרק ניט גענומען צום האַרצן. וואָרעם „גאָט איז אַ פאָטער — מיט אײן האַנט שטראָפט ער, מיט דער אַנדערער

היילט ער״. אזוי זאָגט די מאמע. איך פארשטיי דאָס ניט מיטן סייכל: צו וואָס דארף גאָט שטראָפן, דערנאָך היילן? אמער, לאָז ער ניט שטראָפן, וועט ער פארשפּאָרן היילן... און ווידער זאָגט די מאמע, „אז גאָט שיקט צו די רפואה פאר דער מאכה״...

י״א.

אקעגן וואָס זאָגט זי דאָס? — וועט איר באלד הערן. נאָר לאָמיר זיך אביסל אָפּרוען, קעדיי איך זאָל קוינען האָבן דערציילן ווייטער.

XIII

די רעפוע פאר דער מאקע

א.

איך האָב אײַך צוגעזאָגט דערציילן, וואָס מײַן מאמע האָט געמיינט מיט דעם, וואָס זי זאָגט, אז „גאָט שיקט צו די רעפוע פאר דער מאקע״? אזוי איז געווען די מײַסע:

מײַן ברודער עליען איז נימעס געוואָרן צו דינען אין דער „יידישער נײישאָנאל ווורשט־קאָמפאניע״. ס׳איז ניט פאר אים קיין דזשאָב. פארגעסט ניט, אז מײַן ברודער עליע איז פייסי דעם כאזנס א זון. ער איז א יונגערמאן אן איידעלער. ער האָט א קאָל־נעגינע. קאָן גאנץ פײַן דאווענען פארן אָמעד. ווי פאסט דאָס פאר אזא יונגן מאן צו דערלאנגען קישקעלעך צום טיש? דאָס דערלאנגען אליין וואָלט נאָך עפשער ניט אויסגעמאכט, זענען אָבער פאראן אלערליי מענטשן. פאראן מענטשן איידעלע. אן איידלמאן, א טאטנס א קינד, קומט ארײַן און הייסט זיך דערלאנגען א פאָרציע ווורשטלעך און זעצט זיך אוועק, עסט אוף די ווורשטלעך, באצאָלט און גוד בײַ.

ב.

פאראן אָבער אזעלכער, וואָס איז ניט קיין איידלמאן. עס מאכט זיך אמאָל א גראָבער נעפעש. קאָכט ער אויס דאָס וואסער. דאָס זענען אים די קישקעלעך ניט גענוג הייס. דאָס פעלט אים זענעפט. און אז ער רעדט, זאָגט ער ניט, ווי א מענטש: „זײַט־זשע מויכל, גיט מיר נאָך א פאָרציע״. נאָר ער טוט א פײַף, אָדער א קנאק מיט די פינגער און א הוק: „סיי, ווייטער! גיוו מי נאָך א פאָרציע!״ און מײַן ברודער עליע איז ניט געווינט געוואָרן, מע זאָל צו אים אזוי רעדן. ווערט ער אָנגעצונדן. ער ענטפערט ניט אזא גראָביאן. ווערט דער גראָביאן אין קאס און שרײַט נאָך העכער: „סיי, פראָפעסער! קאַם

היער!" ענטפערט אים דעמאָלט עליע: „וואָס פאר א פּראָפעסער בין איך אַײַך?"... ווערט יענער נאָכמער אין קאס און צעשרײַט זיך. דערהערט דער באַלעבאָס. קומט ער צו צו מײַן ברודער און פרעגט אים: „וואט איז די מערדער וויט יו?" דאָס הייסט: וואָס טוט זיך עס מיט דיר?... ענטפערט אים ניט עליע. פרעגט אים דער באַלעבאָס: „פאר־וואָס ענטפערסטו ניט, אז מע פרעגט דיך?" זאָגט אים עליע: „פרעגט מיך ווי א מענטש, וועל איך אײַך ענטפערן". פרעגט אים דער באַלעבאָס „וועלכס הייסט ווי א מענטש?" ענטפערט אים עליע: „א מענטש רעדט אף ייִדיש"... פרעגט אים ווידער דער באָס: „און אז איך רעד אף ענגליש, בין איך א פּיפּערנאָטער?"... ענטפערט אים עליע: „עס קאָן זײַן"...

— אויב אזוי, — זאָגט צו אים דער באָס, — קריגסטו די סעק. דאָס הייסט, דו קאָנסט מאָרגן זיצן אינדערהיים...

ג.

„דעם דריטן טאָג א שטיקל ברויט, אבי ניט פארקויפן קיין קיש־קעלעך". אזוי זאָגט מײַן ברודער עליע. אונדזער כאווער פּיני שטימט מיט אים ניט אײַן. פּיני גייט מיט דעם גאנג, אז אמעריקע איז א פרײַע מעדינע. אז אין אמעריקע באדארפ אלצדינג אָנשטיין. און טאָמער ווילט איר אים איבערשפּארן, הייבט ער באלד אָן מיט זײַנע מיליאָנערן: קארנעגי... וואנדערבילד... ראָנקפעלער... פרעגט אים עליע:

— פונוואנען קענסטו זיך מיט דידאָזיקע לײַט?

ענטפערט אים פּיני אָפּ:

— לעמײַ פונוואנען וויים איך, וואָס אין דעם רוסישן „הויף" טוט זיך?

פרעגט אים ווידער עליע:

— נריאָ, פונוואנען ווייסטו דאָס?

ענטפערט אים פּיני אָפּ:

— זאָלסט לייענען אזוי פיל ראָמאנען, ווי איך, וואָלסטו עפשער אויך געוווּסט...

ד.

דאָס מיינט פּיני די ביכער, וואָס ער לייענט בא אונדזער מוישע דעם אײַנבינדער. זיי זענען געדרוקט אף פּראָסט ייִדיש. און גראָב זענען זיי. און שווער. שווערער פון דער מאמעס טײַטש־כומעש. מוישע דער

אײַנבינדער גיט זיי אָפּ איבערלייענען. ער מאַכט דערפֿון אַ לעבן. וואָרעם אײַן בוך לייענען עפּשער הונדערט מענטשן. צומיינסטן, ווײַבער. ווײַבער האָבן ליב ראָמאַנען. מײַן שוועגערן בראָכע לייענט זיי אַלע שאַבעס באַטאָג, ווי אַ וואַסער. מײַן מאַמע און פּיניעס ווײַב טײַבל האָבן ליב צו הערן, ווי בראָכע לייענט. די מאַמע ווערט באַלד אַנשלאָפֿן. נאָר טײַבל הערט און זיפֿצט. אַמאָל וויינט זי. זי האָט אַ ווייך האַרץ. ס'זאָל ניט זײַן שאַבעס און מע זאָל מעגן, וואָלט איך אויסגעמאָלט מיט אַ פּענסיל [39] אַף פּאַפּיר, וויאַזוי בראָכע לייענט, און וויאַזוי די מאַמע שלאָפֿט, און וויאַזוי טײַבל וויינט...

נאָר מיר האָבן זיך אַביסל פֿאַרעדט, און מיר ווייסן נאָך אַלץ ניט, וויאַזוי גאָט שיקט צו די רעפֿוע פֿאַר דער מאַקע.

ה.

פּריִער — וועגן דער מאַקע. געוויס איז דאָס אַ מאַקע, אַז אַ יונגערמאַן, ווי מײַן ברודער עליע, גייט אַרום אָן אַ שטאָך אַרבעט. ער קאָן ניט טון דאָס, וואָס אונזער כאַווער פּיני טוט. פּיניען, לעמאָשל, שטייט אָן נעמען אַ לאָפּעטע ווינטער און רייניקן דעם שניי פֿון דער סטריט. עליע זאָגט, אַז ער וואָלט אויך געגאַנגען רייניקן דעם שניי, נאָר ניט אין סטריט. זאָגט צו אים פּיני: „וואָס דען האָסטו געוואָלט? מע זאָל דיר אַרײַנטראָגן דײַן פּאָרציע שניי אין שטוב אַרײַן?" ברענט דאָס עליען, וואָס פּיני איז אופֿגעלייגט.

— אַפּאָנעם, ס'איז דיר גוט, וואָס דו זאָגסט ווערטלעך? — טוט אים עליע אַ זאָג און באַקומט פֿון אים אַן ענטפֿער:

— שור [40] איז מיר גוט, אַז איך דערמאָן זיך, אַז איך בין אין אַמעריקע, ניט אין פּאַגראָמענלאַנד.

— אַ געדולע אַף דײַן באַבען! — זאָגט עליע, און פֿאַר האַרצווייטיק גייט ער אַוועק גאָר אין שול אַרײַן, אין קאַסרילעווקער בעסמעדרעש. און דאָ, אין קאַסרילעווקער בעסמעדרעש, קומט די רעפֿוע צו דער מאַקע. וויאַזוי? וועט איר הערן אַ שיינס.

ו.

מיר דאַכט, איך האָב אײַך שוין אַמאָל דערציילט, אַז אין דעם זומער, וואָס מיר האָבן זיך אַרומגעשלעפּט איבערן לאָנדאָנער ווײַטשעפּל, איז דערווײַל אין דער אַלטער היים, אין אונדזער ליבן קאַסרילעווקע, אויסגעבראָכן אַ קאָפּלשמוינעדיקער פּאָגראָם מיט אַ סרייפֿע

א צוגאָב. וואָס מע האָט געקאָנט ראַבעווען, האָט מען געראַבעוועט. וואָס מע האָט געקאָנט צעברעכן, האָט מען צעבראָכן. דאָס איבעריקע האָט מען אונטערגעצונדן און פאַרברענט. מיילע, פון אָרעמעלײַט שמועסט מען ניט. אַכוץ די עטלעכע קישעלעך האָבן זיי ניט געהאַט וואָס צו פאַרלירן. זיי האָבן געדאַנקט גאָט, וואָס זיי זענען כאָטש אַרויס מיטן לעבן. וואָרעם עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן גע־כאַפּט קלעפּ, און אַזעלכע, וואָס זענען פון די קלעפּ געשטאָרבן. אָרע־מע אויפּעלעך נעבעך זענען א טייל צעריסן געוואָרן פון די כוליגאַ־נעס און א טייל זענען אויסגעגאַנגען פון הונגער. נאָר פון די רעדט מען ניט. רעדן רעדט מען פון יענע, וואָס ערשט נעכטן זענען זיי גע־ווען נעגידים, גווירים, אדירים, און הײַנט זענען זיי געבליבן קאַפּצאָ־נים, דאַלפאָנים, אביונים וועוויונים, אָן א העמד אויפן לײַב און אָן א שטיקל ברויט. אָט פון דידאָזיקע געפאַלענע, אַז מע טוט א טראַכט, — אַזוי זאָגן אונדזערע לײַט, — גייט איבער א פּראָסט איבערן לײַב! פאַר־וואָס גייט ניט איבער קיין פּראָסט איבערן לײַב, אַז מע טוט א טראַכט וועגן די אָרעמעלײַט און וועגן זייערע אָרעמע אויפּעלעך, וואָס זענען צעריסן געוואָרן פון די כוליגאַנעס און וואָס זענען אויסגעגאַנגען פאַר הונגער? — דאָס קאָן איך ניט פאַרשטיין. מײַן כאַווער מענדל אויך ניט. ער זאָגט, אַז די קאַסרילעווקער יידן האָבן שוין אַזאַ טעווע: אַן אָרעמאַן, אַז ער גייט אויס פון הונגער, איז באַ זיי גאָרניט. און א נאָגיד, אַז ער ווערט א קאַפּצן, כאַפּט זיי אָוועק דער רועך!...

ז.

בעקיצער — צווישן אונדזערע קאַסרילעווקער נעגידים, גווירים, אדירים איז געווען איינער מיטן נאָמען מוישע־נויעך. אַכוץ וואָס ער האָט געהאַט אַן אייגענע שטוב מיט א הויף, מיט א גאָרטן, איז ער גלאַט געווען א גוויר. א סימען: זומער פלעגט ער אַרומגיין אין די גאַטקעס. דאָס הייסט, אין די אונטערהויזן. און אַף די אונטערהויזן — א כאַלאַט. א ייִד אַן אָרעמאַן וועט ניט וואַגן באַווײַזן זיך אין די אונטערהויזן. מיסטאַמע, דאַרף מען רעכענען, איז ער א טאַקיפ, א ייִד א גוויר — וועמען הערט ער?... הײַנט ווייסט די גאַנצע וועלט, אַז פון זײַן מאַמע איז אים געב־ליבן בירושע דרײַ קלייטן אינמיטן מאַרק. און א בעהיימע האָט ער געהאַט אַלעמאָל א מעלקעדיקע. די דרײַ קלייטן האָבן אים געגעבן אַרײַנגעטראָגן צום לעבן. נאָך איבער געווינ, פונדעסטוועגן האָט זײַן

ווײַב נעכאמע־מירל (מע האָט זי גערופן „דעכאבע־בירל״, דערפאר וואָס זי האָט א פארלייגטע נאָז) געשלעפּט פון דער מעלקעדיקער בעהיימע קי־מאט די גאנצע הויצאָע פון דער שטוב. און ביכדיי מע זאָל איר ניט געבן קיין אײַנהאָרע, האָט „דעכאבע־בירל״ ליב געהאט זיך קלאָגן, אז איר „בעהייבע״ האָט זיך אופגעהערט צו „בעלקן״ און זי גיט ניט קיין „בילך״... נאָר קאסריל׳עווקע נארט מען ניט אָפּ. אלע האָבן גע־ווּסט, אז ס׳א ליגן—די בעהיימע האָט זיך ניט אופגעהערט צו מעלקן און זי גיט מילך... הײַנט שטעלט אײַך פאָר, אז אזא ייִד, ווי מוישע־נויעך, אנטלויפט קיין אמעריקע א נאקעטער, א באָרוועסער, ווי די מא־מע האָט אים געהאט, — זאָל מען אפ אים ניט האָבן קיין ראכמאָנעס? נאָר וואָס קאָן טון מוישע־נויעך אין אמעריקע? ער ווערט דאָך ניט גיין ארבעטן אין א שאפּ. זײַנע קינדער אויך ניט. האָבן זיך די כעווי־רע „אנשיי קאסריל׳עווקע״ אפ אים ארומגעקוקט און האָבן אים געמאכט פאר א שאמעס אינעם קאסריל׳עווקער בעסמעדרעש.

ט.

אין אמעריקע א שאמעס זאָלט איר ניט אוועקמאכן מיט דער האנט. אין אמעריקע א שאמעס לעבט שענער ווי אין קאסריל׳עווקע א באַ־לעבאָס. פון יאָרצײַטן אליין קאָן מען דאָ ניסאשער ווערן. מע האלט דאָ זייער שטארק פון יאָרצײַטן. א גאנצ יאָר דאוונט מען דאָ ניט. מע האָט קיין צײַט ניט. „טיים איז מאָני״ — צײַט איז געלט. אזוי גייט דאָ דאָס לאָשן. נאָר אז איינער האָט יאָרצײַט — ווארפט ער אוועק אלע ביזנעס און לויפט אין שול ארײַן. און פון שול לויפט ער אוועק אין א ייִדישן רעסטאָראַן און הייסט זיך געבן א קאָשערן אָנבײַסן, וואָרעם ער האָט יאָרצײַט. און וויבאלד ער האָט יאָרצײַט, לעקט אָפּ דער שאמעס א ביינדל. און ווער שמועסט א בארמיצווע — דעמאָלט פאלט שוין ארײַן דעם שאמעס גאָר א גראָבס. בא אונדז, אין דער אלטער היים, אז א ייִנגל ווערט בארמיצווע, טוט מען אים אָן טפילן און ער מוז שוין גיין אלע טאָג דאוונען. דאָ, אין אמעריקע, א בארמיצ־ווע — איז א יאָנטעוו. מע טוט אָן דעם באָכערל א טאלעסל. מע רופט אים אוף, ווי א כאָסן, צו דער טוירע. ער קוויטשעט אויס, ווי א יונג האָנעכל, די האפטוירע, דערנאָך הייבט ער אָן די הענטלעך און בעלע־בעטשעט עפּעס א דראָשע, אויסגעכאזערט אפ אויסווייניק, און דאפקע אפ ענגליש. כאס־וועכאָלילע ניט אפ ייִדיש. דערנאָך גייט צו דער ראבי־

נער (דאָ הייסט ער „ראבײ", און גייט געגאַלט דאָס גאנצע פּאָנעם, און זעט אויס ווי בא אונדז א פּוילישער קסיאָנדז). ער לייגט ארויף די ברייטע ארבל אפּנ בארמיצווע און בענטשט אים „יברכך" [41] ...

י.

קורץ, מוישע־נויעכ האָט א גוטנ דזשאב. איינ זאכ נאָר, וואָס ער מוז נעבעכ אלייג גיינ צו די באלעבאטים קאָלעקטנ. דאָס הייסט, איינמאָנענ די „בעבור־שנדרס" [42] מיט די דיוס. דאָס הייסט, דאָס כוידעש־געלט פונ די באלעבאטים. נו, פּאסט דאָס פאר א ייִדנ, וואָס איז ערשט ניט לאנג געווענ א נאָגיד, — זאָל גיינ קאָלעקטנ? זײַנ ווײַב „דעכאבע־בירל" האָט אזש געוויינט פאר מײַנ מאמענ, אויסגעגאָסנ איר גאנצ ביטער הארצ פאר איר. זי האָט געזאָגט: „איר בעגט ביר גלויבד בעדעבאָדעס, אז איטלעכס באָל, וואָס בײַד באד דארפ גייד באָדעד באוווּר־שעדאָדערס, זעט ער זיכ ביטד באלכאבאָוועס..." איכ האָב מוירע, אז קיינער פונ אײַכ וועט ניט פארשטיינ אזא לאָשנ. עפּעס קומט דאָס אויס טארגעם [43]. מוז מענ אײַכ איבערזעצנ: „איר מעגט מיר גלויבנ בענעמאָנעס, אז איטלעכס מאָל, וואָס מײַנ מאנ גייט מאָנענ בעבור־שנדרס, זעט ער זיכ מיטנ מאלכאמאָוועס"... אויסגעהערט פונ נעכאמע־מירלענ איר ביטער הארצ, גיט איר מײַנ מאמע א גלײַכע אייצע, אז איר מוישע־נויעכ זאָל נעמענ מײַנ ברודער עליע פאר א קאָלעקטער. אים וועט דאָס זײַנ א הילפ, און מײַנ ברודער וועט מאכנ א לעבנ... פארשטייט זיכ, אז מוישע־נויעכ האָט זיכ אָנגעכאפּט אינ דעמ פלאנ מיטביידע הענט. מײַנ ברודער עליע האָט זיכ אפילע צום אָנהייב אביסל געקווענקלט. ס'איז אים נאָכ געווענ אביסל פריקרע. איז אונדזער כאווער פּיני אים געקומענ צו הילפ. ער האָט זיכ צעלאָזט מיט זײַנ לאָשנ, ווי ער קאָנ. ער האָט אוועקגעגעבנ עליענ א רעכטע פּאָרציע:

— איכ פארשטיי ניט, וואָס איז מיט דיר די גרויסקײַט? מיט וואָס ביסטו מער מעיוכעס פונ קארנעגי, ראָקנפעלער, וואנדערבילד?... און — פּאשטאָל! פּיני, אז ער וויל, קאָנ ער!

י"א.

ווער וואָלט זיכ, אשטייגער, געריכט, אז פונ אזא קליינעמ דזשאב, ווי זײַנ א קאָלעקטער בא א שאמעס פונ א שול, זאָל זיכ אויספּיקנ מיט דער צײַט אסאכ א גרעסערער דזשאב? און ניט איינ דזשאב,

נאָר צוויי דזשאבנ. איינ דזשאב אלס קאָלעקטער פונ א פוירניטשור־ביזנעס פאר מײַנ ברודער עליע, אונ דער אנדערער דזשאב אלס קאָלעקטער פונ א אינשורענס־קאָמפּאניע — פאר אונדזער כאַווער פּיני. נאָר איכ זע נאָכ אײַערע פּענעמער, אז איר הייבט ניט אָנ צו פארשטיינ, וואָס איז אזעלכס „פוירניטשור" אונ וואָס איז „אינשורענס". ווארט מיר צו אַחײַלע — איכ וועל אײַכ אלצדינג דערקלערנ.

XIV

מיר קאָלעקטן

א.

דערפאר איז גוט אינ אמעריקע, וואָס אלצדינג טראָגט מענ ארײַנ אינ שטוב ארײַנ. אונ אלצדינג גיט מענ אײַך דאָ אפ אויסצאָלן. פאר איינ טאָלער א וואָך קאָנט איר אײַך אויסמעבלירנ אײַער שטוב, ווי א גראפ. דאָ זאָגט מענ ניט „אויסמעבליר־נ". דאָ זאָגט מענ: „אויספוירנישענ". וואָרעם מעבל הייסט דאָ „פוירניטשור". פונוואנענ שטאמט דאָס וואָרט „פוירניטשור" — ווייס איכ ניט. מײַנ ברודער עליע דענקט, אז דאָס דארפ וואקסנ פונ צוויי ווערטער: „פאָרניט" — פונ פאָרנט, אונ „טשער" — א בענקל, א שטול. זאָגט אָבער אונדזער כאַווער פיני, אז עס הייבט זיכ גאָרניט אָנ. ערשטנס, וואָס עפּעס פונ פאָרנט, פארוואָס ניט פונ הינטנ? אונ פארוואָס עפּעס גראָד א שטול, פארוואָס ניט קיינ שפיגל? אונ צווייטנס, זאָגט מענ דענ פאָרניטשער? מע זאָגט דאָכ גאָר „פוירניטשער". אונ דריטנס, מע זאָגט ניט „פוירניטשער", נאָר „פוירניטשיר" — מיט א כיריק. זאָגט אים עליע, אז נאָר א מעשוגענער וועט זאָגנ פוירניטשיר, מיט א כיריק. א קלאָרער מענטש וועט אלעמאָל זאָגנ מיט א סעגל — „פוירניטשער". אזוי לאנג האָבנ זיי זיכ געשפּארט אונ געאמפּערט, עס האָט שוינ קימאט געהאלטנ בא פּעטש. א גליק, וואָס בראָכע איז דערבײַ געוועג, האָט זי ניט דער־לאָזט. ביז ס'איז געבליבנ, מע זאָל א פרעג טונ בא אנ עמעסנ אמערי־קאנער. דאָס הייסט, טאקע בא א ייִדנ, נאָר בא אזא ייִדנ, וואָס איז ניט קיינ גרינער. דאָס הייסט, אזעלכער, וואָס איז שוינ דאָ אינ לאנד כאָטש א יאָר עטלעכע אונ צוואנציק. לאָזט זיכ אויס, אז דאָס וואָרט פוירני־טשער לייגט זיכ ניט אויס ניט מיט א כיריק אונ ניט מיט א סעגל, נאָר מיט א מעלופּמ. דאָס הייסט, מע דארפ גאָר זאָגנ „פוירניטשור". הײַנט גייט זײַט א כאָכעם!

ב.

קיינער קויפט דאָ ניט א זאך פאר מעזומענ געלט. סײַדנ אזא ייִד, ווי דזשייקאָב שיפ. ער איז דער רײַכסטער מענטש, זאָגט מענ, אינ

אמעריקע. רײַכער פון אים איז שוין ניטאָ. אזוי זאָגט מײַן ברודער עליע, און אונדזער כאווער פּיני דרינגט, אז ניין. ער זאָגט, אז קאַר־נעגי איז אסאך רײַכער. וואַנדערבילד — אַוואדע. און ראָקנפעלער — אוואדע און אוואדע! זאָגט אָבער עליע: לוי מיט א ספּאָדעק! יענע זענען עפּשער רײַכער אין ערד, אין אימעניעס, אָבער מעזומענ געלט — בלאָטע! — איז שיף רײַכער פון זיי אלע. הייבט שוין פּיני אָן ארויס פון די קיילים און צעשרײַט זיך אף מײַן ברודער עליען, אז ער ווייסט ניט וואָס ער רעדט. וואָס ראָקנפעלער צעשענקט א יאָר נעדאָ־ווען נאָר, פארמאָגט דאָס עפּשער ניט שיף אף זײַן מאַיאָנטעק. ווערט שוין מײַן ברודער עליע אין קאס און זאָגט אף פּיניען, אז ער איז א סוינע־יִיסראָל, אן אנטיסעמיט, ווײַרעם אפילע ס׳זאָל זײַן עמעס, אז ראָקנפעלער זאָל זײַן רײַכער פון שיפן, דארף ער אויך זאָגן, אז שיף איז רײַכער. ווײַרעם ראָקנפעלער איז א גוי, און שיף איז א ייִד. צע־לאָזט זיך פּיני און זאָגט:

— און אז שיף זאָל זײַן דרײַ מאָל א ייִד, דעריבער זאָל איך זאָגן א ליגן? דו פארגעסט זיך, עליע, צו אָפּט, אז מיר זענען אין אמע־ריקע, און אז אמעריקע האָט פּײַנט בלאָף!

— אזויפיל מאקעס זאָל זיך זעצן אונדזערע סאָנים אף אזא אן אָרט, ווו איך ווייס, און אזויפיל גוטע יאָר זאָלן מיר אלע האָבן, וויפל ליגונים עס ווערט אויסגערעדט א טאָג נאָר אין ניו־יאָרק אליין, אכוץ ברוקלין און אכוץ בראָנזוויל און אכוץ די בראָנקס!

אזוי זאָגט מײַן שווענערן בראָכע, און זייער שפּארן זיך נעמט א סאָף.

ג.

וויבאלד אז מע גיט פּוירניטשור (געדענקט־זשע, אז מע דארף זאָגן „פּוירניטשור") אף אויסצאָלן צו טאָלער א וואָך, דארף מען דאָך האָבן מענטשן, וואָס זאָלן ארומגיין פון שטוב צו שטוב אײַנמאָנענ די טאָלערס. איז דערויף געשטעלט געוואָרן קאָלעקטערס, וואָס גייען ארום קאָלעקטן די טאָלערס. קאָלעקטערס זענען דאָ אסאך. יעדער קאָלעקטער האָט זיך זײַן „ראוט", זײַנע הײַזער, ווו ער גייט ארום קאָלעקטן. זײַן ארבעט איז אָנקלאַפּן אין דער טיר. דערנאָך קומט ער ארײַן און זאָגט: „גוד מאָרנינג"! — דאָס הייסט: א גוט מאָרגן. דערנאָך זאָגט ער: „ווערי נייס דיי" — דאָס הייסט: זייער א שיינער טאָג!... דערנאָך גיט ער אײַך ארויס א קוויטאנציע, נעמט אָפּ דעם טאָלער און זאָגט: „גוד

בײַ". מער דארפ ער ניט רעדנ. אונ דאָס היטל אראָפנעמענ איז אויכ ניט נייטיק. דאָ איז עס ניט קיינ מאָדע. איר קאָנט ארײַנגייננ אינעמ רײַכסטנ הויז אינ א היטל, אונ מיט די קאלאָשנ אפ די שטיוול, אונ איר קאָנט אײַכ בעיס־מײַסע פיפקענ א סיגארעט, אָדער פײַפנ א ניגנ, אָדער קײַענ אײַער טשאָינגאָמ. קיינער וועט אײַכ ניט זאָגנ קיינ קרומ וואָרט. ס'איז אמעריקע.

ד.

מײַנ ברודער עליע איז גאנצ צופרידנ פונעמ דזשאב. אסאכ שענער, ווי שטיינ אינ דער „קאָלבאסנע" אונ פארקויפנ קישקעלעכ. אונ פאר־דינענ פארדינט ער אויכ אסאכ מער. ווי וואָסער א וואָכ. אמאָל מאכט ער אכט טאָלער א וואָכ. אמאָל צענ. אונ אמאָל צוועלפ. עס ווענדט זיכ אינ דער „פאגאָדע". אינעמ וועטער, הייסט דאָס. בא א גוטנ וועטער קאָנ מענ גיינ צופוס. בא א שלעכטנ וועטער — מוז מענ אונ־טערפאָרנ מיט דער קאר. קאָסט דאָס א ניקל. נאָר אזעלכע ניקלס גייענ ניט אוועק בא מײַנ ברודער קיינ סאכ. וואָרעמ בעטעווע איז עליע א מענטש אנ אײַנגעהאלטענער. גאָר ניט דאָס, וואָס פיני. אונדזער פיני האָט שוינ אסאכ א ברייטערע האנט. זעלטנ ווענ ער גייט צופוס. ער מוז, זאָגט ער, פאָרנ, וואָרעמ ער האָט א נידעריקע ריִע. אימ קאָנ מענ גרינג איבערפאָרנ. ניט אזוי נאָכ צוליב זײַנ קורצזיכטיקײַט, ווי צוליב דעמ, וואָס ער איז א פארטראכטע בריִע. דער קאָפ טראָגט אימ. אונ דערצו קאָנ ער ניט באגיינ זיכ א מינוט אָנ דעמ, ער זאָל ניט ארײַנ־קוקנ אינ א בוכ, אָדער אינ א „פייפער". אונ אמאָל מאכט זיכ, אז ער האלט סאמע אינמיטנ שרײַבנ. דאָס הייסט, ער גייט ארומ אונ טראכט, אונ טראכט — ער הערט גאָרניט, וואָס מע רעדט צו אימ. דערנאָכ כאפט ער א פענסיל אָדער א טינט־אונ־פענ אונ הייבט אָנ שרײַבנ, קאָנ ער אײַכ באשרײַבנ עפשער צענ בויגנ פאפיר פונ אלע זײַטנ. וואָס ער האָט דאָרטנ אָנגעשריבנ אונ וואָס טוט ער מיטנ אָנגעשריבענעמ — דאָס ווייסט קיינער ניט. אפילע זײַנ ווײַב טײַבל אויכ ניט.

אז מײַנ ברודער עליע פרעגט אימ, וואָס ער האָט אָנגעשריבנ, ענטפערט ער אימ:

— מירנ עלטער ווערנ, וועלנ מיר וויסנ...

מיר זענענ שוינ א היפש ביסל עלטער געוואָרנ, אונ מיר ווייסנ נאָכ אלצ גאָרנישט.

ה.

פונדעסטוועגן שאדט דאָס ניט אונדזער כאַווער פיניען, ער זאָל מאכן א לעבן. און נאָך ווי מאכן א לעבן! אונדזער פיני איז אויך א קאָלעקטער. נישט בא „פוירינטשור", נאָר בא „אינשורענס". בא אונדז ווערט דאָס אָנגערופן „סעקוראַנץ", אָדער „פארזיכערן זיך פונעם טויט". דאָ פארזיכערן זיך אלע. יונג און אלט, ווייַבער און קינדער, טאטעס און מאמעס, שוועסטער און ברידער, זיידעס און באָבעס. און אויך נישט פאר מעזומען, נאָר אפ אויסצאָלן. פון א ניקל ביז א טאָלער א וואָך. וואָס די סומע פון די אינשורענס איז גרעסער, דארפט איר אלץ מער צאָלן. פאראן הייַזער אזעלכע, ווו אלע מענטשן, פונעם עלטער־זיידן ביזן אור־אייניקל, זענען אלע פארזיכערט פונעם טויט. און טאָמער זענען נאָך ניט אלע פארזיכערט, דארף דער קאָלעקטער זען דעם ניט־פארזיכערטן צו פארזיכערן. וואָס הייסט דאָס „פארזיכערן" און וויאַזוי פארזיכערט מען א מענטשן פונעם טויט — ווייס איך ניט אקוראט. איך ווייס נאָר, אז מייַן ברודער עליע האָט זיך אָפגעזאָגט פון דעם דזשאָב. ער האָט בעסער אויסגעקליבן דעם דזשאב פון פוירניטשור. פארוואָס? ווייַל בא פוירניטשור קאָלעקטן דארף מען נאָר באנוצן, ווי איך האָב אייַך שוין געזאָגט, די ווערטער: „גוד מאָרנינג" און „גוד בייַ". און בא „אינשורענס" דארף מען רעדן, צורעדן, פארעדן און איבעררעדן. דערופ איז מעסוגל נאָר אונדזער כאַווער פיני. ער קאָן איבעררעדן א וואנט. ער קאָן מאכן רעדנדיק א טויטן.

ו.

בא אונדזער כאַווער פיני מאכט ניט אויס, ווער איר זענט און וואָס איר זענט. פון וואָס איר זאָלט ניט רעדן — ער מוז ארופ אפ זייַנעם. זענט איר א פארזיכערטער — מעגט איר דאָך רעדן פון פארזיכערונג. זענט איר נאָך ניט פארזיכערט — דארפט איך דאָך אוואדע רעדן פון פארזיכערונג. און קוים לאָזט איר זיך רעדן, וועט איר זיך שוין פון פיניעס הענט ניט ארויסדרייען. ער וועט אייַך שוין פארזיכערן. און אויב ניט אייַך — איז אייַער ווייַב. אייַער קינד. אייַער זיידן. אייַער שוויגער. אייַער קאָזין. אייַער שאָכן (דאָ זאָגט מען ניט „שאָכן". דאָ זאָגט מען „נעכסטדאָריקער"). דאָס הייסט, איר פארזיכערט זיך, אז טאָמער שטארבט אייַער נעכסטדאָריקער פריִער פון אייַך, באקומט איר פון דער קאָמפּאַניע א שיינע פאָר הונדערט טאָלער. און דער נעכסטדאָריקער פון זייַן זייַט

פארזיכערט זיך אויך. דאָס הייסט, בעת כאַלילע איר שטאַרבט אוועק פריִער פון אים, באַקומט ער פון דער קאָמפּאַניע אַ פּאָר הונדערט טאָלער. צאָלן צאָלט איר ביידע דער קאָמפּאַניע צו קוואָדער אַ וואָך. איר זענט ניט מעכויעוו צו גיין אין דער קאָמפּאַניע. די קאָמפּאַניע טרעפט שוין צו אײַך. ניט אַליין — דורך איר קאָלעקטער. פיני קומט צו אײַך און קאָלעקטעט אײַן אײַערע קוואָדערס. ער קריגט דערפון פופצן פּראָצענט קאָמישאָן.

ז.

דאָס איז פאַרן קאָלעקטן. און אויב ער פאַרזיכערט אײַך איבעראַ־ נײַעס, דאָס הייסט, אויב ער „שרײַבט אײַך אַ נײַע פּאָליסי״ (אַזוי גייט דאָ די שפּראַך), באַקומט פיני דער איידזשענט 44) פופצן מאָל אַזויפיל. דאָס וועט הייסן, אַז טאָמער צאָלט איר אַ קוואָדער פּרעמיע, באַקומט דער איידזשענט פון דער קאָמפּאַניע אין איינע קלאַפּ פופצן קוואָדערס! אַנו, רעכנט אויס, זײַט מויכל, וויפל דאָס מאַכט? הײַנט שטעלט אײַך פאָר, אַז טאָמער געראָט דאָס אונדזער כאַווער פיניען צו שרײַבן צוויי, אָדער דרײַ, אָדער מער פּאָליסעס אַ טאָג, און אַלע צו קוואָדערס! דאָס איז דאָך אַ גאַנצער מאַיאָנטעק!...

— ווײ איז מיר! איר וועט דאָך אָנשיטן אָט די שטוב מיט גאָלד! — אַזוי זאָגט צו אים מײַן שוועגערין בראָכע, און טײַבל ווערט אַזש רויט, קוקנדיק אָפּ איר פיניען, ווי ער שלעפּט די קוואָדערס מיט די ניקלס פון אַלע קעשענעס.

— וואָס דען מיינט איר? — ענטפערט איר פיני און לייגט צונויף די קוואָדערס באַזונדער און די ניקלס באַזונדער. — איר מיינט, אַז קאַרנעגי, וואַנדערבילד און ראָקנפעלער זענען געבוירן געוואָרן מיט זייערע מיליאָנען?...

ט.

וווּ נעם איך איצט אַ ווײַסן בויגן פּאַפּיר? איך וואָלט מיט אַ שוואַר־ צער קויל אָנגעוואָרפן אַזאַ מין בילד: אַ טיש. אויבנאָן זיצט די מאַמע, צונויפגעלייגט די הענט. נעבן איר, פון איין זײַט, שטייט בראָכע. אַ הויכע, אַ לאַנגע, מיט גרויסע פיס. פון דער אַנדערער זײַט — טײַבל. אַ קליינינקע, אַ דאַרינקע, אַ פערטל אָפּ. ביידע אַרבעטן זיי. איינע נייט, די אַנדערע שטרייפט. בײַ איין עק טיש שטייט מײַן ברודער עליע, אַ באַוואַקסענער מיט אַ באָרד. האַלט אַ באָנטש קאַרטלעך אין איין

האנט און א פעקל פאפירענע טאָלערס אין דער צווייטער האנט. דאָס האָט ער אָנגעקאָלעקטעט דורכן טאָג. און באַם אנדערן עק טיש שטייט איינגעבויגן אונדזער כאַוועֹר פיני, א געגאָלטער, אַן עכטער אמעריקא־נער. ער שלעפט פון ביידע קעשענעס די קוואָדערס מיט די ניקלס. און מאכמעס ער האָט א נידעריקע ריִע, טראָגט ער צו יעדן קוואָדער מיט יעדן ניקל גלייך צו דער נאָז. אפן טיש שטייען שוין צוויי הויכע קופקעלעך. איין קופקעלע איז פון סאמע קוואָדערס, דאָס אנדערע קופ־קעלע איז פון לויטער ניקלס. און פיני איז נאָך ניט פארטיק. ער האָט נאָך און נאָך. דאָס קאָן מען ארויסזעען דורך די הויזן־קעשענעס, וואָס זענען פול. זענען געשוואָלן. זיי ווערן אזש צעשפארט...

י.

נישטאָ קיין אייביקע זאך אפ דער וועלט. און א מענטש איז קיין־מאָל ניט צופרידן מיט דעם, וואָס ער האָט. עס איז אונדז נימעס געוואָרן דאָס ארומגיין קאָלעקטן די פרעמדע טאָלערס מיט די פרעמדע קוואָדערס און יקלס. בעסער קליינע בולקעלעך אייגענע, איידער גרויסע קוילעטשן פרעמדע. אזוי זאָגט מיין שוועגערן בראָכע. פריִער האָט געוואָרפן אן אומכיין אפן קאָלעקטן מיין ברודער עליע. עס האָבן זיך אים צוגעגעסן די ביזנעס. און ניט אזוי די ביזנעס, ווי די קאַסטאָמערס. אנדערע קאַסטאָמערס האָבן אופגעהערט צאָלן. זיי האָבן געזאָגט: „נעמט אייך צו אייער פוירגיטשור, מיר דארפן עס אפ קאפּאָרעס"... אנדער האָבן געהאט א טיינע, לעמיי די בעט סקריפּעט? לעמיי דער שפיגל באוויַזט צוויי פּענעמער? לעמיי די קאמאָדע וויל זיך ניט עפענען און ניט פארמאכן? און לעמיי יעדעס בענקל וועגט דריי פוד? און אז מע זעצט זיך אוועק, איז ווי אפ צוויעכעס!... און אנדערע ווידער זענען זיך מעיאשעוו און מופן גאָר ארויס. דאָס הייסט, זיי קלויבן זיך איבער אפ אן אנדער סטריט — און גיי זוך זיי! נאָר ערגער פון אלץ איז אָט וואָס: פאראן אזעלכע, וואָס האָבן זיך אונטערגענומען צאָלן וואָכ־געלט. אז זיי האָבן געקאָנט צאָלן, האָבן זיי געצאָלט. איצט קאָנען זיי שוין מער ניט צאָלן. איבער וואָס? דער ברויטגעבער איז קראנק געוואָרן. אָדער עס איז קיין ארבעט ניטאָ. אָדער עס האָט אויסגעבראָכן א שטרייק. עס ווילט זיך ניט אָנווערן א קאַסטאָמער. וואָס טוט מען? לייגט אויס עליע דערוויַיל פון זיין פאקעט. וואָס זאָלט איר קלערן? ס'איז צאָ־רעס מיט צאָרעס!..

י״א.

מיינט איר, אז אונדזער כאווער פיני איז צופרידן מיט זײַן דזשאָב אויך נים. ביז מע קעטשט א קאָסטאָמער, זאָגט ער, קומט אָן קיקרײַעס יאַמסוף. מע רעדט איבער אים, זאָגט ער, דרײַ טעג מיט דרײַ נעכט. מע גיט אים צו פארשטיין, אזא כאמולע, דעם סייכל פון אינשורענס, קוים געפויעלט בא אים אן „אפליקיישאָן". לאָזט זיך אויס, אז ער האָט אפן צווייטן טאָג כאראָטע געקראָגן, אָדער דער דאָקטער האָט אים „רעד־זשעקטעט", דאָס הייסט, ער האָט אָנגעשריבן אפ אים האָמאָנס מעסירעס. דער קאָסטאָמער איז אים ניט געפעלן אין שלײער נאקעטערהייט... נאָר דאָס גרעסטע פון אלע אומגליקן און דאָס ערגסטע פון אלע צאָרעס בא אינשורענס־איידזשענטס איז די „לעפּס". „לעפּס" הייסט, אז א קאָס־טאָמער הערט אוף צו צאָלן. דעמאָלט רעכנט מען אָפּ דעם איידזשענט פופצן מאָל אזויפיל, וויפל דעם קאָסטאָמערס פרעמיע האָט באטראָפן. פיני זאָגט, אז ווען ניט די „לעפּסעס", וואָלט ער אָנגעשיט אָט די שטוב מיט גאָלד! און אפ זײַן שלימאזל האָבן עטלעכע קאָסטאָמערס מיטא־מאָל, גלײַך ווי מע האָט זיך אופגערעדט, אופגעהערט צו צאָלן.

— לאָזן זיי ברענען אפן פײַער, טאקע די קאָסטאָמערס, מיט די אינשורענס, מיט די אגענטן, מיט די „לעפּסעס" און מיט די קאָמפּא־ניעס! — אזוי זאָגט פיני. ער וועט שוין בעסער גיין, זאָגט ער, מיט מײַן ברודער עליע אין אייגענע ביזנעס. א פּאָר טאָלער האָבן זיי ביידע מיט גאָטס הילף אָפּגעשפּאָרט. זיי קאָנען שוין טון ביזנעס.

און ס'איז געבליבן, אז מיר גייען אין ביזנעס.

XV

מיר גײען אין ביזנעס

א.

וואָס אײַער הארץ גלוסט—דאָס געפינט איר דאָ אין די פּייפּערס, אין די גאזעטן, הייסט עס. פון פויגלמילך. זוכט איר ארבעט—געפינט איר דאָס אין פּייפּער. זוכט איר „הענט", דאָס הייסט ארבעטער — געפינט איר זיי אין פּייפּער. זוכט איר א כאָסן אָדער א קאַלע—געפינט איר עס אין פּיי־פּער. זוכט איר א ביזנעס — געפינט איר עס אין פּייפּער. מיר האָבן געזוכט ביזנעס, דעריבער האָבן מיר גענומען ארײַנקוקן אין פּייפּער ארײַן טאָג אַף טאָג, און מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַף אזא מין אַד־ווערטייזמענט [45]: „סיגארס־סטיישיאָנערי־קענדי־סאָדע־וואסער־סטענד צו פארקויפן. אקעגניבער א סקול. אורזאכע פאמיליען־טראָבל. גאראנ־טירט גוטע ביזנעס. קומט שנעל!"...

אויב איר זענט נאָך א גרינער, דאָס הייסט, איר זענט ניט לאנג אין לאנד, באדארף מען אײַך פארטײַטשן, וואָס דאָס מיינט: דאָס איז א טישל, וואָס מע פארקויפט דערויף סיגארעטלעך, שרײַבצײַג און צוקער־קעס און סאָדע־וואסער, און א בלאט־צײַטונג אויך. דאָס טישל איז אקעגן א שקאָלע. און פארקויפן פארקויפט מען עס איבער דעם, וואָס א מאן דארף זיך געטן מיט א ווײַב, אָדער אן אנדער סיבע אין דער פאמיליע.

ב.

האָט זיך אפילע מײַן ברודער עליעס ווײַב בראָכע אוועקגעשטעלט אקעגן מיט אירע טײַנעס: ערשטנס, פונוואנען ווייסט מען, אז דאָס איז עמעס? און צווייטנס, צו וואָס זאָלן מיר קריכן מיט א געזונטן קאָפּ אין א קראנקן בעט ארײַן? אז מאן און ווײַב ווילן זיך געטן — וואָס דארפן מיר זײַן אינמיטן?.. מיינט איר, אז נאָר דאָ האָט אונדזער בראָכע געפונען א טײַנע? בא הונדערט אנדערע ביזנעס האָט זי אויס־געזוכט אומעטום אן אנדער כיסאָרן. מײַן ברודער עליע האָט שוין

לאַנג אַ מאָל געגעבנ אַפּ איר מיט דער האַנט. האָט ער אָבער ניט גוט אָפּגעשניטנ פונ איר. זי האָט אימ געגעבנ צו וויסנ, אַז ער זאָל נאָר ניט זײַנ באַ זיכ אַזוי גאַדלדיק. אַז ער זאָל ניט מײנענ, אַז דאָס, וואָס ער האָט אַראָפּגעכאַפּט דרײַ כאַלאָקימ פונ זײַנ באָרד, גיט אימ דאָס רעכט צו בלאָזנ פונ זיכ... דערויפ האָט איר עליע געענטפערט, לעמײַ איר טאַטע יויגע דער בעקער האָט אַראָפּגענומענ די גאַנצע באָרד?... מישט זיכ אַרײַנ אונדזער כאַווער פיני אונ זאָגט: „ווייסט איר וואָס? איכ גיי מיט אײַכ אינ געוועט צוויי קעגנ איינס, אַז אויב איר וועט געפינענ צווישנ די הונדערט מיליאָנ אַמעריקאַנער אַ האַלב טוצ מענטשנ מיט בערד, זאָלט איר מיכ אָנרופנ בלאָפער!” „ס'אַ מאָשל! — רופט זיכ אָנ די מאַמע. — דערימעכ גייענ קאַטשקעס באָרוועס... רעדט שוינ בעסער פונ אַנדערע זאַכנ”...

מײַנ מאַמע האָט פײַנט, אַז מע רעדט פונ בערד. ס'איז געווונ פאַר איר, זאָגט זי, אַז זי האָט דערלעבט צו זעענ, אַז פּייסי דעמ כאַזנס זונ האָט געמאַכט אַ מעכאַק פונ זײַנ באָרד, אַז אָכ אונ וויי איז צו אירע סאָנימ!...

ג.

די ביזנעס, וואָס מיר זענענ אינ זיי געגאַנגענ, האָבנ געהאַט אַסאַכ מײַלעס. די ערשטע מײַלע איז געווענ, וואָס מײַנ ברודער עליע איז, אויב איר געדענקט, נאָכ פונ דער היימ אַ מײַסטער אַפּ צו מאַכנ (דאָ הייסט עס מאַנופעקטשורענ) אַלערליי געטראַנקענ. דעריבער האָט זיכ אונדז געלוינט צו מאַנופעקטשורענ סאָדע־וואַסער אונ פאַרקויפנ אַ גרויסע גלאָז פאַר אַ סענט. מיט סיראָפּ — צוויי סענט. דעמ סיראָפּ האָבנ מיר אויכ אַליינ געמאַכט. נאָכ אַ מײַלע — וואָס מיר האָבנ געהאַט די ביליקסטע קענדיס (קאָנפעקטנ). אַ פולע זשמעני האָבנ מיר געגעבנ פאַר איינ סענט. אונ אַליינ האָבנ מיר אויכ געקאָנט סמאָצקענ קענדיס. אַז איכ זאָג „מיר”, מיינ איכ דאָס מיכ אונ מײַנ כאַווער מענדל אונ פּיניענ. מיר אַלע דרײַ האָבנ געהאָלפנ שטיינ באַ אונדזער סטענד אונ געבנ אַ נאַש, אַז קיינער זאָל ניט זעענ. סײַדנ, אַז בראָכע איז געווענ דערבײַ, האָט מענ ניט געקאָנט נאַשנ. אונ ווי אַפּ צולאָכעס איז בראָכע געווענ קימאַט גאַנצע טעג באַמ סטענד, געהאָלפנ טונ ביזנעס. אַלע האָבנ מיר געהאָלפנ טונ ביזנעס. אפילע טײַבל, אונ אפילע די מאַמע. אַ קוינע, אַז ער איז צוגעגאַנגענ צו אונדזער סטענד, האָט ער זיכ אויש

דערשראָקן, דערזועענדיק אזא מישפּאָכע מיט אזויפיל ביזנעסלײַט. דאָס איז אָבער דאפקע געווען זייער גוט. א קוינע האָט ליב קריכן אהין, ווו ס'איז ענג.

ד.

די בעסטע צײַט פאר אונדזערע ביזנעס איז זומער, אין די הייסע טעג. זומער איז אין ניו־יאָרק אן עמעסער גענעם. דער אוילעם קוויקט זיך דעם גאנצן טאָג מיט מאראָזשענע. „אײַז־קרים" הייסט עס דאָ. אפּנ סענדוויטש פארקויפט זיך עס. דאָס הייסט, צוויי ביסקוויטלעך און אינ־מיטן אביסל אײַז־קרים. און דאָס קאָסט א פּעני. פּאַרדינען מיר דערבײַ האלב אפּ האלב. נאָר ניט דאָ שטעקט אונדזער פארדינסט. דער גאנ־צער מאזל־בראָכע ליגט גאָר ערגעץ אנדערש. אינ אזא מינ קאלטנ געטראנק, וואָס מע רופט דאָס „סיידער". דאָס איז א מינ זויער־זיסלע־כער, אָדער זיסלעכ־זויערער קוואס מיט א שוים און סע שטשיפּעט בא דער צונג. די, וואָס האָבנ אמאָל פארזוכט שאמפּאניער־ווײַנ, זאָגנ, אז ס'האָט א טאם פונ עמעסנ שאמפּאניער. און כאָטש „סיידער" איז אנ אמעריקאנער געטראנק, פונדעסטוועגנ ווער מאנופעקטשורט אים? מײַנ ברודער עליע. וואָס קאָנ דענ עליע ניט? קוקט ניט דערופ, וואָס פּיני מאכט אים אויסצודרייענ. אונדזער כאוועך פּיני האָט שוינ עטלעכע מאָל פּירגעהאלטנ מײַנ ברודער עליע, אז זײַנ שאמפּאניער האָט נאָר איינ מײַלע — ער איז קאלט. ווײַטער טויג ער אפּ קאפּאָרעס. קיינ קאפּ זיסקײַט! ענטפערט אים מײַנ ברודער אָפּ מיט א ווידערא־נאנד: וויבאלד אז דער שאמפּאניער טויג ניט, הײַנט וואָס זשליאָקעט ער אים גאנצע טעג? זאָגט אים פּיני: „וואָס ארט דיך, אז איך זשליאָ־קע? און וויפל קאָנ א מענטש אָנזשליאָקענ? איך זאָל זשליאָקענ פונ גאנצפרי ביז אפּדערנאכט, ווייס איך ניט, אויב איך וועל אָנזשליאָקענ אפּ א ניקל"... מישט זיך ארײַנ בראָכע און זאָגט, אז א ניקל גייט אויך ניט צופּוס. שטעלט זיך איינ טײַבל פאר איר מאנ און זאָגט, אז איר פּיני איז א גלײַכער שוטעפּ צו די ביזנעס ווי עליע, און א שור־טעפּ מעג זיך, דאכט זיך, פארגינענ אויסצוזשעבענ אמאָל א ניקל? א גליק, וואָס די מאמע איז דערבײַ. זאָגט זי, מע זאָל זי גילטנ, וואָלט זי פאר אירע זינד ניט געוואָלט זיך צורירנ צו אָט דער אמעריקאנער מאשקע, וואָס האָט א פּאָנעם פונ סאָראָוועצ און א טאם פונ כאלאָ־שעס!... ווערט א געלעכטער, און דערווײַל הערט מענ אופּ צו זאָגנ יך שטעכווערטלעך.

ה.

שפעטער, העט־העט. אין ווײַטן זומער, אז סע קומען אוף די קאַ־וועגעס (דאָ הייסט עס „וואָטער־מעלאָנ״), מאכן מיר נאָך מער ביזנעס. מיר צעשנײַדן דעם קאַווען אף אסאך שטיקלעך און פארקויפן צו סענט א שטיקל. אז גאָט העלפט א געראָטענעם קאַווען, מאכט מען פון אים גאָלד. און עס בלײַבט נאָך איבער א פּאָר שטיקלעך אפן סטענד. האָבן מיר א גוטע וועטשערע. וואָרעם אָנגעשניטענע קאַווענע טאָר מען ניט לאָזן אף מאָרגן. ס'וועט פון דעם ווערן דריליס. בעטן מיר גאָט, דאָס הייסט, איך און מײַן כאַווער מענדל און פּיני, ס'זאָל בלײַבן וואָס מער שטיקלעך פונעם טאָג...

ו.

דאָס איז אָבער אַלץ אזעלכע זאכן, וואָס האָבן אף זיך א צײַט, א סיזען. גייט אוועק דער זומער — איז אויס שאמפּאניער, אויס וואָטער־מעלאָן! דערפאר איז סיגארעטלעך א סכוידע, וואָס ווייסט ניט פון קיין סיזען. סיגארעטלעך גייען א גאַנצ קײַלעכיקן יאָר. און מיר מאכן מיט דעם גאַנץ גוטע ביזנעס. פאראן אלערליי סיגארעטן. פאראן צו סענט א שטיק. און פאראן צוויי שטיק פאר א סענט. סיגארעטן איז אויך אזא ארטיקל, וואָס מע קאָן אמאָל א נאש טון, פארויכערן א סיגארעטל בעסאָד, קיינער זאָל ניט זען. דאָ זאָגט מען ניט רויכערן, דאָ זאָגט מען „סמוקען״. באדארף זיך טרעפן א מעַסע — איך האָב איינמאָל אוועקגעשלעפּט א סיגארעטל, און מיר האָבן דאָס פארויכערט. איך און מײַן כאַווער מענדל. איך א ציִ, ער א ציִ. און עס וואָלט אָפּגעלאָפן גלאט. איז דאָך אָבער דאָ א בראָכע א דער וועלט. האָט זי באדארפט דערשמעקן, אז מיר סמוקען א סיגאַ־רעטל. גייט זי און דערציילט דאָס עליען. האָט מיר מײַן ברודער געגעבן א סיגארעטל — אז איך וועל דאָס געדענקען! אים האָט שוין ניט אזוי געארט דאָס סיגארעטל, ווי דאָס, וואָס ס'איז געווען שאבעס. פּייסי דעם כאזנס יינגל זאָל רויכערן אום שאבעס — באדארף מען אים הארגענען! פאר אזא זאך האָט שוין אפילע די מאמע צוגעגעבן, אז דער הונט איז ווערט דעם שטעקן... פון דעמאָלט אָן סמוקען מיר שוין ניט קיין סיגארעטן. איך קאָן שוין גאָר אפילע דעם רייעך ניט פאר־טראָגן...

ז.

אויסער סיגארעטן האָבן מיר אַפּ אונדזער סטענד פּייפּערס צו פאַר־קויפן. יידישע גאזעטן און זשורנאַלן. קיין גרויסע ביזנעס מאכן מיר ניט מיט זיי. דערפאר האָט אָבער אונדזער כאווער פיני וואָס צו לייע־נען. ער לאָזט ניט דורך איין פּייפּער. שטעקט ער אריין די נאָז, איז אים שווער אָפּצורייסן. עס ציט אים, זאָגט ער, צו די פּייפּערס, ווי א מאגנעט. ער האָט שטארק כיישעק אליין עפּעס ארייַנשרייַבן אין די פּייפּערס. ער איז שוין געווען אַפּ איסט־בראָדוויי, דאָרט, וווּ די פּיי־פּערס דרוקן זיך, עטלעכע מאָל. וואָס ער האָט דאָרטן געטאָן — זאָגט ער ניט. איך האָב מוירע, אז ער האָט געבראכט צו טראָגן אהינצוצו א פּאָר פון זייַנע לידלעך. מאכמעס אז מע ברענגט דעם באָנטש מיט פּייפּערס, כאַפּט זיך צו דעם פריַער פון אלעמען אונדזער כאווער פיני. ער זוכט און נישטערט אין אלע ווינקעלעך. די הענט ציטערן אים אַזש. דערנאָך כאַפּט ער זיך אוף און לאָזט זיך לויפן אַפּ איסט־בראָד־וויי. פרעגט אים מייַן ברודער עליע: וואָס האָט ער צו טון אַפּ איסט־בראָדוויי? זאָגט אים פיני, אז ער זוכט א ביזנעס. פרעגט אים עליע: מיר טוען דען ניט קיין ביזנעס? ענטפערט אים פיני: אָט דאָס הייסט אויך א ביזנעס? א גאנצע מישפּאָכע פון זיבן עטערס אַפּ איין שטיקל סטענד — אויך מיר א ביזנעס!... פרעגט אים עליע: וואָסערע זיבן עטערס? רעכנט אים פיני אויס אַפּ די פינגער: ער און זייַן טייַבל איז ניט צוויי. עליע און זייַן בראָכע איז ניט פיר. די מאמע איז יט פינף. און ביידע קאָטוינטיס איז ניט זיבן. די „קאָטוינטיס" — דאָס מיינט ער מיך און מייַן כאווער מענדל.

ט.

פארדריסט עס מייַן מאמען. זי שטעלט זיך אייַן פאר מיר און פאר מייַן כאווער מענדל. זי זאָגט, אז מיר פארדינען אונדזער שטיקל ברויט גאנץ קאָשער. וואָרעם פארטאָג, איידער דער סטענד ווערט געעפנט, צעטראָגן מיר שוין דעם מאָרגן־פּייפּער צו אונדזערע קאָסטאָמערס. דערנאָך גייען מיר אין סקול (יאָ, מיר גייען שוין אין סקול). און אז מיר קומען פון סקול, העלפן מיר אטענדען די ביזנעס. אזוי, טאקע מיט מיט דעם לאָשן, זאָגט די מאמע. זי רעדט שוין העכער האלב אַפּן היגן לאָשן. א „קיך" און א „הוני" זאָגט זי שוין ניט. זי זאָגט שוין „א

„טשיקענ” אונ „א קיטשענ”. נאָר וואָס דענ? בא איר קומט נאָכ אויס פארקערט: א „קיכ” איז בא איר א „טשיקענ”, אונ א הונ איז בא איר „א קיטשענ”. „איכ גיי, זאָגט זי, אינ טשיקענ אויסזאלצנ די קיטשענ”... לאכט מענ פונ איר. לאכט זי אויכ. „א דייגע — זאָגט זי — יאק ריידעלע טאָ ריידעלע, אבי דאָברע מיינעלע”... אנו, זייט א בעריע אונ זעצט דאָס איבער אפ ענגליש!...

XVI

העלאָו, לאנדסמאנ!

א.

לויפנ מיר איינמאָל פּארטאָג, איכ אונ מײַנ כאווער מענדל, מיט די פרישינקע פּייפּערס צו אונדזערע קאָסטאָמערס. פּלוצים דערפיל איכ א זעצ פונ הינטנ אינ פּלייצע אונ איכ הער עמעצער רופט אויס:

— העלאָו, לאנדסמאנ!

דריי איכ מיר אומ און טו א קוק — ס'איז מאָטל! „מאָטל דער גרויסער". דאָס איז דער מאָטל, וואָס האָט זיכ ארומגעשלעפּט מיט אונדז אמאָל איבער דער וועלט. אינ קראָקע מיט לעמבערג, אינ ווינ אונ אינ אנטווערפּנ. אויב איר געדענקט, האָט ער מיכ אויסגעלערנט שטעלנ א גובערנאטער אינ זײַט ארײַנ אונ איז געוועזנ א בויכרעדער. ער איז אוועק מיט דער כאליאסטרע אסאכ פריִער פונ אונדז. אז מיר האָבנ זיכ נאָכ ארומגעבלאָנקעט איבערנ לאָנדאָנער ווייטשעפּעל, איז ער שוינ געוועזנ דאָ אינ אמעריקע אָלרײַט, דאָס הייסט, ער האָט שוינ געהאט א דזשאָב אינ א קלינינג־סטאָר, אונ ער האלט נאָכ איצט אויכ אָנ דעם דזשאָב. פרעג איכ אימ: „וואָס איז דאָס פאר א דזשאָב?" דערקלערט ער מיר גייענדיק, אז דאָס איז א מינ קלינינג־פעקטאָרי, ווו מע רייניקט מאלבושים. דעהײַנע, וויאזוי? מע נעמט ארײַנ, זאָגט ער, א פּאָר צעקנייטשטע טאכטוינימ אינ אזא מאשינ צווישנ צוויי פּרעס־פּליגלענ. דורכ א באזונדער אויוועלע ווערנ די פּרעס־פּליגלענ גוט אָנגעוואָרעמט. א מענטש טומ א דריי — אויסגעפּרעסט א פּאָר הויזנ.

ב.

— אונ וואָס איז אײַער דזשאָב? — פרעגט מאָטל דער גרויסער בא מיר אונ מײַנ כאווער מענדל.

— מיר דעליווערנ, זאָג איכ, ניוס־פּייפּערס. מיר צעטראָגנ, זאָג איכ, צײַטונגענ צו אונדזערע קאָסטאָמערס, איידער מיר גייענ אינ סקול. אונ

אז מיר קומען, זאָג איך, פון סקול, העלפן מיר אטענדען די ביזנעס מיר האלטן, זאָג איך, א סטענד אפן קאָרנער און מיר מאכן א לעבן...

— אָהאָ! — זאָגט מאָטל דער גרויסער, — דו רעדסט שוין נישקאָ־שעדיק ענגליש. וויפיל מאכט איר, זאָגט ער, א וואָך, אזעלכע צוויי ביזנעסלײַט, ווי איר?

— אין דורכשניט, ארום ארום, — זאָג איך, — קאָנען מיר אויסשלאָגן א טאָלער א וואָך. און אמאָל א טאָלער און א קוואָדער...

— און דאטס אָל [46]? — רופט זיך אָן מאָטל דער גרויסער מיט גאד־לעס. — איך פארדין אליין דרײַ טאָלער א וואָך... וואָס איז די נײַם [47] פונעם דאָזיקן דזשענטעלמען? — מאכט מאָטל און ווײַזט אָן אף מײַן כאווער. זאָג איך, אז ער הייסט מענדל. צעלאכט זיך מאָטל און זאָגט, אז מענדל איז פּע! וואָס פאר א נאָמען מענדל? „וויִאזוי־זשע דען, פרעג איך אים, זאָל ער הייסן?"... פארטראכט זיך מאָטל אף א ווײַלע און זאָגט, אז ער וואָלט באדארפט בעסער הייסן מייק, ניט מענדל. מייק איז שענער. זאָג איך: „וויִאזוי־זשע רופט מען דיך?" זאָגט ער: „מעקס". זאָג איך: „וויבאלד אזוי, דארף איך דאָך אויך הייסן מעקס, איך הייס דאָך אויך מאָטל". זאָגט ער: „שור הייסטו מעקס". און ער געזעגנט זיך אָפּ מיט אונדז:

— גוד בײַ, מעקס! גוט בײַ, מייק!

און מיר רעדן אָפּ, אז נעכסטן זונטיק זעען מיר זיך אין מווינג־פּיקטשורס. מיר געבן זיך איינס דאָס אנדערע די אדרייסים און מיר צעגייען זיך איטלעכער אין זײַן וועג אַרײַן.

ג.

זונטיק נאָך דינער [48] גייען מיר, איך און מײַן כאווער מייק, וואָס האָט ניט לאנג געהייסן מענדל, אין מווינג־פּיקטשורס זעען דעם גרויסן מווינג־סטאר [49] טשארלי טשאפלין. מײַן ברודער עליע און אונדזער כאַ־ווער פּיני גייען אויך מיט אונדז. דעם גאנצן וועג רעדן זיי וועגן טשארלי טשאפלין. וואָס פאר א גרויסער מענטש ער איז, וויפל ער קריגט באצאָלט, און אז ער איז א ייִד. נאָר אזוי ווי די צוויי קאָנען זיך קיינמאָל ניט אויסגלײַכן מיט די מיינונגען, וואָס איינער זאָגט, דרינגט דער אנדערער קאפויר, פרעגט מײַן ברודער עליע: מיט וואָס איז טשארלי טשאפלין אזוי גרויס? ענטפערט אים פּיני, אז טויזנט טאָ־לער א וואָך צאָלט מען ניט גלאט אזוי אבי וועמען... פרעגט אים

עליע: פונוואנען ווייסט ער? ער האָט געציילט זײַנע געלט? זאָגט אים פיני, אַז ער האָט געלייענט אין די פּייפּערס. און פונוואנען ווייסט מען, אַז טשארלי טשאפּלין איז אַ ייִד? זאָגט אים פיני, אַז סע שטייט אזוי אין די פּייפּערס. פרעגט אים ווידער עליע: פונוואנען ווייסן דאָס די פּייפּערס? זיי זענען געווען אַף זײַן ברית? זאָגט אים פיני: די פּייפּערס ווייסן אַלץ. לעמײַ פונוואנען ווייסט מען, אַז טשארלי טשאפּלין איז אַ שטומער פון געבוירן? און אַז ער קאָן ניט שרײַבן, ניט לייענען? און אַז זײַן טאטע איז געווען אַ שיקער? און אַז אַליין איז ער געווען אַ קלאָון אין אַ צירק? הערט אים אויס עליע און זאָגט מיט אַ קאלטן לונג־און־לעבער: „און עפּשער איז די גאנצע מײַסע אַ ליגן?“... ווערט פיני אָנגעצונדן און זאָגט אַף מײַן ברודער, אַז ער איז אַ ייִד אַ נודניק... און איך האלט מיט פיניען. כאָטש עליע קער מיר אָן אַ לײַבלעכער ברודער, נאָר אַ נודניק איז ער. וואָס עמעס איז עמעס...

ד.

מיר זענען נאָר־וואָס צוגעגאנגען צו דער קאסע קויפן טיקעטס [50], דערהערן מיר אַ קאָל:

— האו דו יו דו, מעקס? האו אר יו, מייק [51]?

דאָס איז געווען מאָטל דער גרויסער, וואָס זײַן נאָמען איז שוין ניט מאָטל, נאָר מעקס.

— קויפט ניט קיין טיקעטס, — זאָגט אונדז מעקס, — איך טריט אײַך הײַנט מיט טיקעטס... דאָס הייסט, ער נעמט אונדז אַף זײַנע הוצאָעס. און ער ציט ארויס פון קעשענע אַ האלבן טאָלער און טוט אים אַ וואָרף דעם מיידל, וואָס זיצט באַם פענצטערל, און הייסט זיך געבן דרײַ טיקעטס אַפּסטערז, דאָס הייסט, פון אויבן אַף דער גאלעריי.

— ווער איז דער שלימאזל? — פרעגט עליע בײַ אונדז. דערציילן מיר אים, ווער דאָס איז. באַטראַכט אים עליע פון אויבן ביז אראָפּ און פרעגט אים, פאַרוואָס גיט ער אים ניט אָפּ קיין שאָלעם־אַלייכעם?

— צי דו ביסט שוין געוואָרן אזוי גרויס אין אמעריקע, אַז עס שטייט דיר שוין נישט אָן צו רעדן אַ ייִדיש וואָרט?...

ענטפערט אים ניט מאָטל דער גרויסער, דאָס הייסט מעקס, קיין וואָרט אפילע. נאָר עס דערהערט זיך אַ קוויטש פון דער דרויסן־טיר, ווי עמעצער וואָלט ארײַנגערעדט פון דער סטריט:

— אידיאָט!

מיר אַלע דרייען אויס די פּענעמער צו דער טיר און מיר זעען קיינעם ניט. מיר באַטראַכטן זיך איינס דאָס אַנדערע פאַרוואונדערט. טוט זיך אַ וואָרף צו דער טיר פריִער עליע, און נאָך אים פּיני — ניטאָ קיינער בײַ דער טיר. זיי קוקן אַף דער סטעלי, זיי באַזוכן אַלע ווינקע־לעך — ניטאָ קיין נפֿעש. ווער קאָן דאָס זײַן? דער כּעוורעמאַן מאָטל, וואָס הייסט שוין מעקס, נעמט אונדז, מיך און מײַן כאַווער מענדל, אָדער מייק, פאַר די הענט, און אַלע דרײַ קלעטערן מיר אַרוף אַפּסטערז. דאָרטן זאָגט ער אונדז אויס דעם סאָד, אַז דאָס האָט ער, מעקס, דורכן גוויכ אַרויסגערעדט דאָס וואָרט „אידיאָט". און ער כּאַזוערט דאָס איבער גייענדיק נאָכאַמאָל. און עס פעלט אָן אַף אונדז בײַדן אַזאַ געלעכטער, אַז קוים וואָס מיר קאָנען דערנאָך אײַנזיצן און זעען די קונצן פון טשאַרלי טשאַפּלין.

ה.

זינט איר לעבט האָט איר נאָך אַזאַ פאַרשלעפּטע קרענק ניט געזעען, ווי מאָטל דער גרויסער, אָדער מעקס. דאַכט זיך, מע באַדאַרף ניט האָבן קיין גרעסערן קונצנמאַכער, ווי טשאַרלי טשאַפּלין. מאַכט אים נאָך מעקס מיט אַלע פּישטשעווקעס. אַרויסגייענדיק פון טעאַטער, איז זיך מעיאַשעוו מעקס און קלעפּט זיך אָן אַ פּאָר קורצע שוואַרצע וואָנ־צעלעך, ווי בײַ טשאַרלי טשאַפּלין. דאָס קאַפּעליושל האָט ער אָנגערוקט, ווי טשאַרלי טשאַפּלין. די פיס אויסגעדרייט, ווי טשאַרלי טשאַפּלין. און דאָס גענגעלע מיטן דרייען פונעם הינטן, מיטן מאַכן פונעם שטעקעלע — צווילי טראָפּן וואַסער טשאַרלי טשאַפּלין! מײַן כאַווער מענדל, אָדער מייק, האָט זיך ניט געקאָנט אײַנהאַלטן. ער האָט אים אַרומגעכאַפּט קושן. און אַלע מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען באַם טעאַטער אין דרויסן, האָבן אונדז נאָכגעטײַטלט מיט די פינגער: „אָן גייט דער צווייי־טער טשאַרלי טשאַפּלין"... איר קאָנט זיך פאָרשטעלן, אַז אַפילע אַזאַ ערנסטער מאַן, ווי מײַן ברודער עליע, האָט זיך געהאַלטן בײַ די זײַטן לאַכנדיק. מײַן ברודער עליע האָט אָבער ניט לאַנג געלאַכט. אין איין מינוט איז אים פאַרשטערט געוואָרן דאָס געלעכטער. וואָס איז די מײַסע? די מײַסע איז, וואָס פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ קאָל, ווי פון אונטער דער ערד אַרויס, עפּעס ווי פון אַ קעלער:

— איִ־דיִ־יאָט!

ו.

און אַלע האָבן זיך אָנגעבויגן, אַרײַנגעקוקט אין קעלער אַרײַן, װעלכן מיר זענען פֿאַרבײַגעגאַנגען. אַלע האָבן מיר זיך אײַנגעהערט. מעקס האָט זיך אויך אײַנגעהערט גלײַך מיט אַלעמען, גלײַך װי ער װײסט ניט פֿון װאָס צו זאָגן... און פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ קאָל, שוין ניט פֿון הינטן, נאָר פֿון אויבן, עפּעס װי פֿונעם דאַך אַראָפּ:

— אי־די־יאָט!!...

פֿריִער עליע און דערנאָך אַלע האָבן פֿאַריסן די קעפּ אַרויף, אױפֿן דאַך. מעקס האָט אויך געקוקט אַרויף. און דאָס האָט געהאַט דעם זײַבעטן כײן. איך און מײַן כאַװער מײק, װאָס האָבן געװוּסט, פֿונװאַנען די קוילעס גײען, האָבן זיך ניט געקאָנט אײַנהאַלטן און האָבן מיטאַמאָל אויסגעשאָסן אַ געלעכטער.

ז.

דאָס האָט שוין מײַן ברודער עליע פֿאַרדראָסן. װען דאָס זאָל ניט זײַן אין ניו־יאָרק אױף דער סטריט, װאָלט מיר שוין אַרײַנגעפֿלויגן אַ פֿײַנע פּאָר פּעטש אין בײדע באַקן. מײַנע אויערן װאָלטן זיך אויך ניט געאַרט. נאָר אַזוי װי דאָס איז געװען אין מיטן ניו־יאָרק אױף דער סטריט, האָט זיך עליע באַגנוגנט נאָר דערמיט, װאָס ער האָט אונדז בײדן גוט אויסגעשאָלטן, מיך אין מײַן כאַװער מײק. און נאָכדעם האָט ער גענומען אונדז זאָגן מוסער. ער האָט אונדז אָנגעװיזן אױף מאָטל דעם גרויסן, דאָס הײסט — אױף מעקסן.

— נעמט אײַך אַראָפּ אַ מוסער, — האָט אונדז עליע געזײפֿט די פּענעמער, — לערנט זיך פֿון אײַערס אַ כאַװער... אַ באָכעדל גלײַך מיט אײַך, פֿאַרװאָס לאַכט ער ניט אַזוי װי איר?..

— אי־די־יאָט! — האָט זיך דערהערט װידעראַמאָל הינטער עליעס פּלײצעס. עליע האָט זיך אויסגעדרײט צוריק. אױף אים קוקנדיק, האָט זיך אויסגעדרײט אונדזער כאַװער פּיני. און מיר אַלע נאָך אים. און מעקס האָט זיך אויך געגעבן אַ דרײ־אויס צוריק. איך און מײק זענען שיר ניט צעזעצט געװאָרן פֿאַר געלעכטער.

ט.

„אין אַמעריקע רעדן די שטײנער"... אַזוי האָט זיך אויסגעדריקט אונדזער כאַװער פּיני. ער װאָלט נאָר אַ באַלן געװען װיסן, װעמען רופֿט מען דאָס „אידיאָט"? רופֿט זיך אָן מײַן ברודער עליע:

— ווער עס פרעגט, דער איז עס...

ווי דערשטוינט איז ער אָבער געוואָרן, אז פון אונטער דער ערד האָט זיך פלוצים דערהערט א פארטומפט קאָל:

— איך האָט א טאָעס, רעב עליע! ביקאָז [52]) דאָס זענט איר אליין סאקע דער אי־די־אָט! — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —

י'.

פון דעמאָלט אָן גייט שוין מער ניט מיין ברודער עליע אין די מווינג־פיקטשורס און וויל ניט הערן פון טשארלי טשאפלין.

XVII

מיר גייען פארגרעסערן די ביזנעס

א.

אין אמעריקע האָט מען פּיינט שטיין אף איין אָרט. אין אמע־ריקע גייט מען פאָרוועטס. דאָס הייסט, מע וואַקסט, מע ווערט וואָס א טאָג גרעסער... די ביזנעס, וואָס מיר האָבן געמאכט אף אונדזער סטענד, האָבן ניט געטראָגן אף אויסצוהאלטן א מישפּאָכע פון, קיין אייַנ־האָרע, זיבן פארשוין. האָבן מיר גענומען זוכן א גרעסערע ביזנעס. שוין ניט קיין סטענד, קיין טישל הייסט דאָס. נאָר טאקע א גאנצע סטאָר, א קלייט הייסט דאָס. אין אמעריקע באדארף מען לאנג ניט זוכן. מע דאַרף נאָר נאָכקוקן, ווי איך האָב אייַך דערציילט, אין די פּייפּערס. דאָרט געפינט איר, וואָס אייַער הארץ גלוסט. טאקע פון פויגלמילך. דער כּי־סאָרן איז, וואָס פאר אן אייַנגעפירטע ביזנעס הייסט מען זיך גוט באַ־צאָלן. א נאָמען קאָסט געלט. פאר דער פירמע באדארף מען אמאָל מער באצאָלן, ווי פאר דער סכוירע. א סימען האָט איר, אז אפילע אונדזער סטענד, וואָס האָט אונדז אריינגעבראכט קוים צען טאָלער א וואָך, האָבן מיר אויך פארקויפט פאר גוט געלט — נאָר צוליב דער פירמע. א גרינ־האָרן האָט דאָס בא אונדז אָפּגעקויפט. ער האָט זיך אפילע ניט שטארק נאָכגעפרעגט בא אונדז, וויפל מיר מאכן. אים איז געווען גענוג צו זען, אז זיבן נעפאשעס דרייען זיך ארום איין סטענד און מאכן א לעבן. מיס־טאמע איז דאָס א „ביזנעס"...

ב.

דעם סטענד האָבן מיר פארקויפט מיט דער גאנצער סכוירע, מיט די בעסקעטס [63], מיט די קיילים און אפילע מיט דער שאָר־קייס [54]. נאָר דעם סאָד, וויאַזוי מע מאנופעקטשורט סאָדע־וואסער, אלערליי סיראָפּן און, איבערהויפּט, וויאַזוי מע מאכט דעם געטראנק, וואָס מע רופט אים „סיידער" — דאָס האָט מייַן ברודער עליע נישט געוואָלט אויסזאָגן פאר קיין געלט ניט. ער האָט געזאָגט, אז איטלעכער מאנופעקטשורט

דאָס, ווי ער פאַרשטייט. לעמיַ ער מאַנופעקטשורט וויַנ אַפ פייסעכ? מיַינ ברודער עליעס פייסעכיקער וויַנ האָט א שעמ אינ אמעריקע· קוקט ניט דערופ, וואָס ער מאַנופעקטשורט אימ ערשט דאָס ערשטע יאָר. אַלע אונדזערע באַקאַנטע, וואָס דאַוונענ מיט אונדז שאַבעס אינ אונדזער קאַסרילעווקער שול, האָבנ אונדז צוגעזאָגט, אַז וויַנ אַפ פייסעכ וועלנ זיי ניט נעמענ אינ ערגעצ, נאָר בא אונדז. אונדזער כאַווער פיני האָט אַרויסגעלאָזט א קלאַנג אונ צעפּויקט איבער ניו־יאָרק, אַז מיַינ ברודער עליעס מאַנופעקטשורט פייסעכיקנ וויַנ — מעג אימ טרינקענ דער פּרעזידענט. אַפ צו פּויקנ איז אונדזער פיני א מאַזיק. דאָ ווערט עס אָנגערופנ: „אַדווערטייזענ". פיני זאָגט, אַז דערופ, דאָס הייסט אַפ אַדווערטייזמענטס, שטייט אמעריקע. איטלעכער סויכער מעג ליבנ זיַינ סכוירע. יעדער אַרבעטער מעג אַדווערטייזנ זיַינ מעלאָכע. די גאַנצע וועלט מעג וויסנ, אַז מיַינ געטראַנק איז זויער־עסיק. נאָר איכ מעג מיר אַדווערטייזנ, אַז ס'איז זיסער פונ צוקער. איר מעגט זיַינ איבערציַיגט, אַז מיַינ אַרבעט איז ניט ווערט קיינ פּעני. נאָר איכ קאָנ עס מיר שאַצנ, אַז ס'האָט די ווערט א מיליאָנ. עס איז אמעריקע. א פריַיע מעדינע.

ג.

שטאַרק אויסגעפּויקט אונ צעאַדווערטייזט איבער גאַנצ „דאַונ־טאַונ" 55) מיַינ ברודער עליעס פייסעכיקנ וויַנ, האָט אונדזער כאַווער פיני אַוועקגערופנ מיַינ ברודער אַפ א זיַיט אונ האָט אימ אַזוי געזאָגט:

— הער־זשע אויס, עליע, איכ האָב דיר אַדווערטייזט דיַינ פייסעכיקנ וויַנ, וואָס מע דאַרפ ניט בעסער. זע־זשע, איכ זאָל ניט האָבנ דורכ דיר קיינ ביזיוינעס. וואָרעמ דו קאָנסט אָנמאַנופעקטשורענ אַזא וויַנ, ער זאָל זיַינ אַזוי געשמאַק, ווי דיַינ געטראַנק אינ דער אַלטער היימ... זאָלסטו געדענקענ, אַז דאָס איז אמעריקע, אונ דאָ טרינקט מענ וויַנ, ניט קיינ קוואַס...

דאָ האָט זיכ מיַינ ברודער עליע געפּונענ באַליידיקט אונ האָט נישט געוואָלט ענטפערנ פיניען קיינ וואָרט אַפילע. פאַר אימ האָט שוינ אָפּגעענטפערט בראָכע. מיַינ שווּעגערנ האָט אָפּגעצוואָגנ אונדזער כאַווער פיני מיט א הייסנ אָקראָפּ. זי האָט זיכ אָנגערופנ אונ האָט אַזוי געזאָגט:

— עמעצער, א פרעמדער, זאָל שטיינ בא דער זיַיט אונ הערנ אַזעלכע ווערטער, וואָלט ער זיכער געקאָנט מיינענ, אַז אינ אמעריקע

זיינען לויטער מעיוכאָסים און סטעקראַטן, וואָס טרינקען ניט קיין אנדערע משקע, אַכוץ ווײַן, און באָדן זיך אין האָגיק און אין שמאַלץ און אין אַלדאָס גוטס... לאָמיך האָבן די גליקלעכע יאָר, וויפל קוואָרט סאָראָוועץ און ראָסל פון אוגערקעס עס ווערט דאָ אויסגעטרונקען אַ טאָג! איך האָב אַליין געזען מיט מײַנע אויגן אַן אַלרײַטניטשקע פון גרענד סטריט האָט באַשטעלט אַן עמער עפּלקוואַס מיט אַ מייע זויערע עפּעלעך, קיסליצעס... און די בראָכעס זאָל איך האָבן, וואָס די קיסליצעס זענען בעסער און געשמאַקער פון די היגע אָרענדזשעס מיט די גרייפּ־פרוטס [56], וואָס מע ווייסט אַפילע ניט, וויאַזוי מע שנײַדט דאָס און מיט וואָס מע עסט דאָס...

איך געב ניט איבער ביזן סאָף אַלצדינג, וואָס בראָכע האָט דאָ אַרויסגעזאָגט. וואָרעם בראָכע, אַז זי הייבט אָן צו רעדן, ווערט זי אַזוי גיך ניט אָנשווייגן ווערן. פיני ווייסט עס באַגלײַך מיט מיר. רוקט ער אָן דאָס היטל און נעמט דעם וועג. דאָס איז די בעסטע אייצע. אין טו אויך אַזוי.

ד.

„קענדי־סיגאַר־סטיישאָנערי־סטאָר מיט פינף רומס. גרויסער באַרגיין גוטע ביזנעס. בעסטע נאַכבאַרשאַפט. אורזאַכע סינגעל. שנעל איבער געבן". וואָס זאָגט איר אָפּ דער איוורע? איאָ, ס'איז בא אײַך טאַרגעם־לאָשן? מע מוז אײַך פאַרטײַטשן איטלעכס וואָרט באַזונדער אַניט, וועט איר ניט פאַרשטיין.

דער פּשאַט איז אַזוי: „עס גיט זיך איבער אַ קלייט, וווּ מע פאַר קויפט קאָנפעקטן, סיגאַרעטן, שרייבגעצײַג, גאַזעטן און נאָך אַזעלכע זאַכן. אַ גרויסע מעציע. מאַכט גוטע געשעפטן. די בעסטע שכיינים. און מאַכמעס דער באַלעבאָס איז ניט קיין באַווײַבטער, דעריבער גיט ער איבער דאָס געשעפט וואָס גיכער"...

דאָס האָבן מיר אַרויסגעלייענט פונעם פּייפּער, און מיר האָבן אַלע דערפילט, אַז דאָס איז פּאַר אונדז די ריכטיקע ביזנעס. גלײַך ווי גע מאָסטן. און מיר האָבן אָנגעהויבן גיין אָנקוקן די ביזנעס. פריער זענען געגאַנגען די מאַנצבילן. דאָס הייסט, מײַן ברודער עליע, אונדזער כאַווער פּיני און מיר אינצווייען, דאָס הייסט, איך און מײַן כאַווער מענדל, וואָס מע רופט אים שוין מייק. אונדז זענען די ביזנעס געפעלן דערנאָך זענען געגאַנגען די ווײַבער: די מאַמע, מײַן שוועגערין בראָכע און פּיניעס ווײַב טײַבל. איז זיי ניט געפעלן. איטלעכע פון זיי האָ

געפֿונענ אנ אנדער כיסאָרנ. מײַנ מאמע האָט געזאָגט, אז ס׳איז איר צו װײַט פֿונ דער שול. דאָס הײסט, ס׳איז אפֿ יענער גאס אױכ פֿאראנ א שול. איז דאָס אָבער א פֿרעמדע שול. ניט אונדזער קאסרילעװקער שול. פֿרעגט בא איר עליע, אױב אינ דער שול איז דער אײגענער ײִדישער גאָט, װאָס אינ יענער שול? ענטפֿערט אים די מאמע, אז דער גאָט איז דער אײגענער, נאָר די ײִדנ זענענ אנדערע. זי איז צוגעװױנט צו די קאסרילעװקער ײִדנ. מיט קאסרילעװקער ײִדנ, זאָגט זי, דאװנט זיכ גאָר אנדערש. זי קאָנ זיכ ניט פֿאָרשטעלנ, װיאַזױ װעט זי הערנ אנ אנדער באַל־טפֿילע, ניט אונדזער הערש־בער דעם כאזנ?

ה.

דאָס איז דער מאמעס טײַנעס. מײַנ שװעגערנ בראָכע האָט אפֿ די ביזנעס אנ אנדער כיסאָרנ: װאָס װעלנ מיר טונ, זאָגט זי, מיט אזױ פֿיל רומס? צו װאָס דארפֿנ מיר פֿינפֿ רומס? האָט אונדז אונדזער שכײנע פֿעסי די גראָבע געגעבנ אנ אײַצע: מיר זאָלנ די איבעריקע רומס פֿארדינגענ. אָפּגעבנ צו א פּאָר קװארטיראנטנ מיט קעסט. דאָ װערט עס אָנגערופֿנ: „ארײַנעמענ באָרדערס". א „באָרדער" הײסט א שאָכנ, א קװארטיראנט. זאָגט בראָכע: „נאָכ דאָס פֿעלט אונדז. האָבנ צוטונ מיט קעסט־קינדער". אונ טײַבל זאָגט איר נאָכ איטלעכס װאָרט, װי א פּאָפּוגײַ: „נאָכ דאָס פֿעלט אונדז. האָבנ צוטונ מיט קעסט־קינדער"... זאָגט פּיני צו זײַנ װײַבל: „טאָמער װאָלסטו אמאָל געזאָגט דײַנ אײגנ װאָרט, ניט איבערקײַענ בראָכעס װערטער?"... טרעט ארױס בראָכע אונ קילט אָפּ אונדזער פּיניענ: „איטלעכער איז א מײװנ אפֿ יענעם, ניט אפֿ זיכ"... אונ טײַבל כאזערט איבער: „איטלעכער איז א מײװנ אפֿ יענעם, ניט אפֿ זיכ"... רופֿט זיכ אָנ פּיני צו זײַנ װײַב: „װאָס װאָלסטו געטאָנ, װענ דו זאָלסט זײַנ אלײנ?" ענטפֿערט אים בראָכע: „װאָלט איכ — זאָלט איכ, לעקעכ — איז מעקעכ"... אונ טײַבל זאָגט איר נאָכ: „װאָלט איכ — זאָלט איכ, לעקעכ — איז מעקעכ"... טוט פּיני א שפּײַ אױס „טפֿו" — אונ גײט אװעק.

ו.

מײנט איר, אז נאָר מיר אלײנ זענענ געגאנגענ אָנקוקנ די ביזנעס? עס האָבנ זיכ מאטריעכ געװענ אױכ אונדזערע מעכוטאָנים, אונדזערע פֿרײַנט אונ באקאנטע. קױדעמקאָל איז געגאנגענ אונדזער מעכוטנ, יױנע דער בעקער. דערנאָכ — זײַנ װײַב, אונדזער מעכוטענעסטע, ריװעלע די

בעקערן.ביידע מיטאמאָל קאָנען זיי ניט איבערלאָזן די קנישעס אָ
העפקער. מוזן זיי אלעמאָל גיין איינציקווייז. דערנאָך איז געגאנגע
מוישע דער איינבינדער. און נאָך אים — פעסי די גראָבע... נאָר — שא
דאָ מוז איך מיך אליין אונטערברעכן און זאָגן אפן היגן לאָשן: „עק
סקיוז מי, איך האָב געמאכט א מיסטייק". אפ אונדזער מענטשלעכן לאָש
ווערט דאָס הייסן: „האָט קיין פאריבל ניט, איך האָב געהאט א טאָעס"
פריער איז געגאנגען אונדזער שכיינע פעסי די גראָבע, דערנאָך ערש
איז געגאנגען איר מאן, מוישע דער איינבינדער. און נאָך זיי זענע
געגאנגען גלאט א פאָר באקאנטע גוטע פריינט, וואָס דאוונען מי
אונדז אין איין שול, דאָס הייסט, א פאָר קאסרילעווקער יידן, וואָ
פארשטייען אין די ביזנעס. האָט זיי דער ביזנעסמאן ניט שיין אופגע
נומען. דאָס הייסט, ער האָט זיי פּאָשעט דורכגעטריבן. ער האָט זיי גע
זאָגט, אז ער האָט זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט אזא גרויסע מיש
פּאָכע! האָט דאָס מיין מאמע פארדראָסן, איז זי אוועק צו אים מי
מיין שווערן בראָכע. האָט אים בראָכע אָפגעשפּילט א וויוואט, א
ער ווערט זי האָבן צו געדענקען! דער סאָף איז געווען, אז דער ביזנעס
מאן האָט געשוואָרן בא גאָט, אז ער גיט אופ די ביזנעס נאָר צוליב
דעם, וואָס ער גייט כאסענע האָבן. איצט האָט ער שוין כאראָטע. א
א יידענע, זאָגט ער, קאָן האָבן אזא מויל, ווי אונדזער בראָכע, אי
ניט קעדיי צו כאסענע האָבן. שוין גלייכער, זאָגט ער, בלייבן ביזן טוי
א סינגעלמאן. דאָס הייסט, א באָכער.

ז.

דאָס איז אָבער נאָר געזאָגט. דער ביזנעסמאן איז אויסגעגאנגע
פארקויפן די ביזנעס, פונקט אזוי ווי מיר האָבן געכאלעשט נאָך ד
ביזנעס. ביפראט, אז אונדזער סטענד האָבן מיר שוין קימאט פארקויפט
איך זאָג „קימאט", ווייל דער גרינהאָרן, וואָס איז געגאנגען איבערנע
מען אונדזער סטענד, האָט אונדז מיט גוואלד אריינגעשטופּט צען טאָ
לער אן אופגאָב. דאָ הייסט עס א „דעפּאָזיט". מיר האָבן שוין כאראָט
געהאט, וואָס מיר האָבן בא אים גענומען דעם דעפּאָזיט. וואָרעם דע
גרינהאָרן איז געהאנגען איבער אונדז דעם גאנצן טאָג, ער האָט שוי
גאָרניט געוואָלט אָפּטרעטן פון אונדזער סטענד. א ייד א נודניק, אסא
א גרעסערער נודניק פון מיין ברודער עליע. מיין ברודער איז גאָל
אקעגן אים. ער האָט זיך אונדז אזוי איינגעגעסן אין די ביינער, ז

מיר האָבן אים געוואָרפן אין פּאָנעם אריין דעם דעפּאָזיט. האָט ער אָבער ניט געוואָלט אים נעמען צוריק. ער האָט זיך פאַרליבט אין אונדזער סטענד. ער איז געווען זיכער, אז מיר ווערן גליקלעך. „א גרינהאָרן בלייַבט א גרינהאָרן!"... אזוי זאָגט אונדזער כאוועד פּיני.

ט.

וואָס הייסט א „גרינהאָרן"? פרעגט מיך עפּעס גרינגערס! מייַן כאַוועד מייק ווייסט אויך ניט וואָס דאָס איז. מיר הערן, אז מע זאָגט „גרינהאָרן" — זאָגן מיר אויך. איך בין א באַלן געווען אַפּ א משיקאַוועסט אָפּמאָלן דעם יידן, וואָס האָט אָפּגעהאַנדלט בא אונדז דעם סטענד, מיט א ווייַס קרייַדל אַפּ די שטיינער פונעם טראָטואַר. נאָר אַפּן שטערן האָב איך אים צוגעזעצט א לאַנגן האָרן מיט גרינע קרייַד. האָט איר באַדאַרפט הערן די געלעכטער, וואָס זענען געווען. אַלע האָבן דער־קענט אונדזער גרינהאָרן און אַלע האָבן געלאַכט. אחוץ מייַן ברודער עליע. ער האָט ניט געלאַכט. דאָס הייסט, שלאָגן האָט ער מיך ניט געשלאָגן. נאָר ער האָט מיך געצוואונגען, איך זאָל מיט א נאסער שמאַטע אָפּווישן דעם גרינהאָרן. אניט, וועלן מיר דאַרפן צאָלן שטראָף. פאַר יעדע זאַך צאָלט מען דאָ שטראָף. פּרווט א שפּייַ טון אין סטריט — וואַקסט אויס א גאָראָדאָוואָי (דאָ הייסט ער „פּאָליסמאַן"). ער נעמט אייַך פאַר אַן אויער און פירט אייַך אַפּ גלייַך אין כאַד־גאַדיע אַריין (דאָ הייסט עס „פּאָליסטיישן"). און דאָרטן שטראָפירט מען אייַך אַפּ אין פינף טאָלער. זייער שטרענג אין אמעריקע!

י.

קערט איר אוואַדע מיינען, אז דאָ איז אזוי ריין און זויבער, ווי אין אַנטווערפּן, און קיינער שפּייַט ניט אַפּ דער סטריט? האָט איר א טאָעס. מע שפּייַט און מע כראַקעט אַפּ וואָס די וועלט שטייט. אמע־ריקע — א פרייַע מעדינע. סײַדן עפּשער אַפּ דער פינפטער עוועניו. און דאָס — ניט אומעטום. נאָר דאָרט, וווּ די מיליאָנערן זיצן. מיליאָנערן שפּייַען ניט. שפּייַען שפּייַט נאָר דער, וואָס ס'איז אים ניט גוט. און דעם רייַכן איז דאָך גוט — וואָס וועט ער שפּייַען?...

XVIII

מיר מופנ

א.

אינ אמעריקע איז א מינעג — מע מופט. דאָס הייסט, מע פּעקלט זיכ פונ איינ דירע אינ דער אנדערער. פונ איינ ביזנעס אינ דער אנדערער. יעדער איינציקער מוז מופנ. מופט ער ניט מיט זייַנ גוטנ ווילנ, מאכט מענ אימ, ער זאָל מופנ. דאָס הייסט, אז איר צאָלט ניט קיינ דירע־געלט (דאָ הייסט עס „רענט"), גיט מענ אייַנ אפּ אייַכ אונ מע ווארפט אייַכ ארויס. ווערט דאָס אָנגערופנ, אז מע האָט אייַכ ארויסגעמופט. דעריבער טאָרט איר זיכ ניט ווונדערנ, אז מע טוט אייַכ א פרעג: „וועג מופט איר?" אונ אז מע פרעגט אייַכ, מוזט איר ענטפערנ. פאר ניט וועלנ ענטפערנ האָט מייַנ ברודער עליע געכאפּט א פּסאק פונ אונדזערנ א קאָסטאָמער, וואָס גיט אונדז צו לייזנ פאר מעטשעט (שוועבעלעכ). דאָס הייסט, ער באקומט פונ אונדזער סטענד אלע וואָכ א באקסל מעטשעס אָנ געלט. דאָ גיט מענ שוועבעלעכ אומזיסט. מע דארפ גאָר ניט ווארטנ, ביז מע וועט געבנ. מע גייט צו אונ מע נעמט אליינ.

ב.

דער קאָסטאָמער, וואָס איכ דערצייל אייַכ, איז א מאָדנער מענטש. עס איז קעדייַ, איכ זאָל אייַכ אימ אָפּמאָלנ. ווער ער איז אונ וואָס ער איז — ווייסנ מיר ניט. ווו ער וווינט אונ וואָס זענענ זייַנע ביזנעס — ווייסנ מיר אויכ ניט. קיינ רייַכער מאנ, ווייַזט אויס, איז ער ניט. דאָס זעט מענ נאָכ זייַנ אויסגעריבענעמ קאָוט[57], וואָס ער בייַט אימ קיינמאָל ניט איבער. נאָכ זייַנ אָפּגעבארעט קאפּעלוּשל אונ נאָכ זייַנע געלאטעטע שיכ. דערפאר איז ער אָבער זייער אנ אקוראטנער מענטש. ער קומט צו אלע טאָג אינ דערזעלבער שאָ אונ צו דערזעלבער מינוט. ער נעמט דעמ מאָרגנ־פּייפּער, טוט אינ אימ א קוק אריַינ אפ דער ערשטער אונ אפ דער לעצטער פּיידזש[58], כאפּט א קוק אויכ אינ דער מיט פונעמ פּייפּער אונ לייגט אימ אוועק צוריק. קויפנ האָט ער נאָכ קיינ איינציק מאָל בא אונדז ניט

געקויפט קיינ זאכ. אכוצ וואָס ער נעמט אלע וואָכ א באקסעלע מעטשעס אומזיסט. אונ אכוצ וואָס ער לייענט אלע טאָג דעמ מאָרגנ־פייפער. האָט דאָס מײַנ ברודער עליע מיטסאמע פארדראָסנ. איינ מאָל א כאָכמע, צוויי מאָל א כאָכמע. אָבער ניט אלע טאָג. איז זיכ מעיא־שעוו עליע איינמאָל אונ טוט אימ א זאָג:

— עס קאָסט א פעני...

דער קאָסטאָמער טוט זיכ זײַנס. דאָס הייסט, ער לייענט די ערשטע אונ די לעצטע פיידזש פונעמ מאָרגנ־פייפער. מײַנ ברודער העכערט דאָס קאָל:

— עס קאָסט א סענט!...

דער קאָסטאָמער טוט א קוק אינ מיטנ, לייגט צונויפ דעמ פייפער אונ לייגט אימ אוועק אפנ זעלבנ אָרט, ווי ער איז געלעגנ.

ג.

— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —

נאָכוואָרט

(וואריִאנטנ אונ צוגאָבנ צו „מאָטל פּייסי דעם כאזנס")

די ערשטע פיר קאפיטלען פון ערשטן טייל „מאָטל פייסי דעם כאזנס" האָבן זיך אורשפּרינגלעך געדרוקט אין „דאָס יידישע פאָלק, א וואָכנבלאַט פאר אלע יידישע אינ־טערעסן", ווילנע 1907, אין די נומערן: 21, 23, 24, 26. — אין „א רעשימע פון די ווערק אין כראָנאָלאָגישן סיידער" („דאָס שאָלעם־אליכעם־בוך", ניו־יאָרק 1926 זז. 6 — 3), וואָס שאָלעם־אליכעם האָט אליין אויפגעשטעלט איינעם יאָר 1908, דערמאָנט ער (דאָרט, ז. 7) די „עמיגראַנטן" — אזא טיטל האָט געהאַט איינע א סעריע דערציילונגען פון ערשטן טייל „מאָטל פייסי דעם כאזנס" — צווישן די ווערק, וואָס זיינען אינטשטאַנען אָדער געדרוקט געוואָרן אין די יאָרן 1902—1904. העיוויס אָבער די ערשטע קאפּיטלען פון דעם בוך האָבן זיך געדרוקט ניט פריִער ווי 1907, האָט עפּשער שאָלעם־אליכעם דאָרט געוואָלט זאָגן, אז שוין אין יענע יאָרן האָט ער דעמזאָזיקן בוך פארטראַכט און איבער אים געאַרבעט. בי־פּואַט, אז אין דער רובריק פון 1908 אין יענעם פארצייכעניש שטייט שוין דאַפּקע בעפּיי־ריט (שא"ב ז. 8) „געדרוקט: עמיגראנטן..." (די לעצטע סעריע דערציילונגען פון ערשטן באַנד איז ארויסגעקומען אין „דער פריינד" 1907 — 1908).

ניט געקוקט דערויף, וואָס שאָלעם־אליכעם האָט דיזאָזיקע רעשימע געשריבן אויסנ־ווייניק און ס'האָבן זיך אין איר ארייַנגעכאַפּט פארשיידענע טאָוסיט, לייגט זיך פּאָרט שווער אפּן פייכל, אז שרייבנדיק די רעשימע טאַקע אין יאָר 1908 האָט ער געלאָזט מאכן אזא טאָעס און ארייַנשטעלן „עמיגראַנטן" אין דער רובריק פון 1902 — 1904 מיטן מיין, אז זיי זיינען דעמאָלט געדרוקט געוואָרן. וואַרשייַנלעכער איז, אז מיט יענער פארצייכענונג וויל שאָלעם־אליכעם בלויז זאָגן, אז יענע יאָרן האָט ער דאָס בוך פאר־טראַכט און אָנגעהויבן צו שרייבן. די היסטאָרישע פאַקטן פון די שפּעטערדיקע יאָרן, וואָס מיר געפינען אין דער טעמאַטיק פון דעם בוך (פּאָגראָמען א. אז. וו.), האָבן דאָ שפּעטער געקאָנט צוקומען, דעמאָלט ווען דער פּלאַן און די פּאַבולע פונעם בוך האָבן זיך דייטלעכער אויסגעפאָרמירט. זיכערס וועגן דעם לאָזט זיך אָבער גאָרניט זאָגן, העיוויס עס פעלן דערפאַר די געהעריקע מאַטעריאַלן.

דאָס ערשטע קאַפּיטל איז דערשינען אין „דאָס יידישע פאָלק" 1907 נ. 21 ז. 11, דאַטירט: „ערעוו שוועס תרס"ז, ניו־יאָרק". עס קאָן קיין שום סאָפעק נישט זיין, אז זייַן באַזוך אין ניו־יאָרק האָט שאָלעם־אליכעמען געגעבן די וויכטיקסטע אָנרעגונגען פאר דעם בוך אין זייַן איצטיקער פאַראַנענער פאָרם, כאָטש ער האָט עפּשער שוין פון פריִער גע־האַט באַשטימטע מאַטעריאַלן אָדער פאָראַרבעטן. די ערשטע דערציילונגען (23 קאַפּיטלען פון „מאָטל פייסי דעם כאזנס" האָבן זיך אין 1907 אויך גלייַכצייַטיק געדרוקט אין „דער אמעריקאַנער" (זע שא"ב ז. 296) און אין דער יידישער אָפּטיילונג פונעם לאָנדאָנער „דזשויש האָרלד".

פון די ארויסזאָגונגען שאָלעם־אליכעמס וועגן דעם ערשטן טייל פון דעם בוך וועלן מיר דאָ ברענגען דרייַ.

„אין אין אמעריטשקע, וואָס הערט מען דאָ בא אייַך? הייַנט האָב איך געשיקט דעם „אמעריקאַנער" די נייַע דערציילונגען פון מאָטל פייסי און זיי זענען צען מאָל בעסער ווי די ערשטע. אז דו וועסט זיך זען מיט אונדזער פרייַנט הער סאַפּירשטיין, זאָלסטו אים איבערגעבן א גרוס און אים בעטן, ער זאָל מיר אנטשולדיקן, וואָס ס'איז

ארויסגעקומען אַן אָפּשטעל איבער מײַן גרויסער נסיעה אין בעלגיע און האָלאַנד. פון איצט אָן און ווײַטער וועט דער „אַמעריקאַנער“ באַקומען מײַן דאָזיקע דערציילונג טייל נאָך טייל אָן שום אָפּשטעל“ (איבערגעזעצט פון אַ העברעיִשן בריוו צו י. ד. בערקאָוויטש, געשריבן אין גענף 24 אָקט. 1097. שא״ב ז. 8).

„געווען איז די מײַסע אינעם יאָר 1907, שוועס־צײַט. עס האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אין „אַמעריקאַנער“ מײַן „מאָטל פּייסי דעם חזנס“. מר. (מיסטער) ס״ש (סאַפּירשטיין, רעדאַקטער פון „דער אַמעריקאַנער“ — מ.וו.) האָט מיך אײַנגעלאַדן צו זיך אַף דער מילכיקער סודה. מר. ווערניק (רעדאַקטער פון „מאָרגן־זשורנאַל“) איז דאָרט אויך געווען. פון פאַר שוועס ביז שוועס האָב איך דערזען, מר. סאַפּירשטיינס פּאָנעם איז צו מיר ניט כּתמול שלשום. אויך מר. ווערניק בלאָזט זיך און שווײַגט. מר. סאַפּירשטיין איז דאָך אָבער אַ קלוגער, מאַכט ער זיך יאָנטעוודיק, איז גאַנץ העפלעך, נעמט מיך אין קוני־איילאַנד. איך זע אָבער — ס׳איז ניט דאָס. איך הייב אָן אויסטאַפּן, ערשט שאַ: עס איז ארויס דער בלאָטער אַביסל שפּעטער. מײַנע פּעליעטאָנען „מאָטל פּייסי דעם חזנס“ זענען אים ניט געפעלן. אַזוי ווײַט ניט געפעלן, אַז בײַ דער ערשטער געלעגנהײַט (אַ טײַנע פּאַרן „דזשוּיִש וואָרלד“ אין לאָנדאָן) („מאָטל פּייסי דעם חזנס“ האָט זיך געדרוקט אַכוץ אין דעם „אַמעריקאַנער“ אויך אין דער יִדישער אָפּטיילונג פונעם לאָנדאָנער „דזשוּיִש וואָרלד“, און סאַפּירשטיין האָט איבער דעם אָפּגעשטעלט אינמיטן דאָס דרוקן פון די דערציילונגען אינעם „אַמעריקאַנער“ — באַמערקונג פון י. ד. בערקאָוויטש, דאָרט) האָט ער זיי אַף קאַפּיטל 23 געהייסן סטאַפּן. און איך האָב זיי צוליב דעם בשׂט געענדיקט (נאָך זיבעצן קאַפּיטלעך).

ויהי היום, גייט פּאָני און זעצט זיי איבער אינעם רוסישן און גיט זיי אַרויס אין אַ באַזונדער אויפלאַגע מיטן נאָמען „Дети черты“ און די רוסישע קריטיק — פון די גרעסטע דענקער פון די פײַנסטע זשורנאַלן — כאַפּט עס אונטער און הייבט אוף דעם אויטער אַזוי הויך, אַז, כלעבן, עס דרייט זיך מיר נאָך איצטער דער קאָפּ! צו גאַנגאָלן געקומען מיך פאַרגלײַכן און אָנגעשריבן אַף מיר שוין גאַנצע ביכער. ניט נאָר די קריטיק — דאָס פּובליקום גאָר לעקט די פינגער. אין איין האַלב יאָר גייט מען שוין דרוקן, אַ שׂחוֹרע, די דריטע אויפלאַגע! אַנדערע פאַרלעגער האָבן גענומען איבערדרוקן ביגנײַוועס — און עס ווערט פאַרפירט מיט זיי אַ פּראָצעס. אַ נײַער רוסישער מאָנאַט־זשורנאַל פון פײַנסטן סאָרט ווערט געגרינדעט — ווער איך אײַנגעלאַדן צווישן די ערשטע (נעמלעך דעם זשורנאַל „סאָווּרעמעניק“, אין וועלכן עס האָט זיך געדרוקט די איבערזעצונג פון די „בלאָנדזשנדע שטערן“ — באַמערקונג פון בערקאָוויטש, דאָרט)... קינדערלעך, וואָס איז מיט אײַך: „סטײַטש, דיעטי טשערטי! סטײַטש, דעם חזנס יִנגל!“ כאַ־כאַ־כאַ! און דאָס איז סאַפּירשטיינען ניט געפעלן און ווערניק איז אַף מיר געווען גאַזלען! זיי האָבן מיר געגעבן צו וויסן — איך האָב מוירע, אויב ייִט פערזענלעך—אַז אין „טאַגעבלאַט“ גיב איך גוטע „סכוירע“ און זיי אין „אַמעריקאַנער“ עפּעס אַ שמאַטע, אַ חזנס אַ יִינגל. כאַ־כאַ־כאַ! איך האָב נאָך דעמאָלט געלאַכט, געפּילט, וואָס פאַר אַ חזנס אַ יִינגל דאָס וועט זײַן. איך האָב געזאָגט: איך גיי געבן עצם מעצמי ובשׂר מבשׂרי. עס איז, ליידער, ניט פאַרשריקס. איך וועל נאָך די איבעריקע 17 קאַפּיטלעך אימירצעשעם אויפשרײַבן, וועט דאָס זײַן ערשט דעמאָלט אַ כּלי שלמה. די דרײַ און צוואַנציק קאַפּיטלעך ווערן איצט פון רוסיש איבערגעטראָגן אין צוויי לשונות: דײַטש און ענגליש. איך שיק אײַך דאָ עטלעכע אויסשניטלעך נאָר פון עטלעכע צײַטשריפטן. לאָזן זיי ליגן בײַ אײַך ביז אַ קורצער צײַט.

איך וועל זיי דאַרפן געברויכן עפּעס איבער איבער איך וועל זיי דאַרפן געברויכן עפּעס אין ניו־יאָרק". (פון א בריוו געשריבן אין גערווי 5 דעצעמבער 1910, שא"ב ז. 296).

„און איך האָב געקוועלט, וואָס איר האָט געטראָפן, ווי א נאָווי, אַז מײַן געליבט קינד איז „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס". עמעס, ווי די טוירע איז עמעס. איך האָב נאָך מײַן מאָטלען ניט פאַרענדיקט. איך וועל זיך אײַנגיכן א געם טון צו אים, איך האָב דאָך אים געשיקט קיין אמעריקע". (פון א בריוו צו ניגער, געשריבן דעם 10 יאנוואר 1913, שא"ב ז. 245).

דער טיטל פונעם בוך איז ניט פון אָנהייב אָן פאַרטיק געווען. די סאַמע ערשטע דערציילונג (דאָס ערשטע קאַפּיטל) איז אין „דאָס יידישע פאָלק" נ. 21 באַטיטלט: „הײַנט איז יאָנטעוו — מע טאָר ניט וויינען" און אין קלאַמערן „(א ספּור־המעשה פון א כאַזנס א ייִנגל)". קאַפּיטל 2 : „מיר איז גוט, איך בין א יאָסעם (נאָך א ספּור־המעשה פון פּייסי דעם כאַזנס א ייִנגל איבערדערציילט פון שאָלעם־אַלייכעם". קאַפּ. 3 : „מײַן ברודער עליע האָט כאַסענע (נאָך א ספּור־המעשה פון פּייסי דעם כאַזנס ייִנגל) איבערדערציילט פון שאָלעם־אַלייכעם". קאַפּ. 4 : „וואָס וועט זײַן פון מיר ? (נאָך א נײַע מײַסע פון מאָטל פּייסי דעם כאַזנס) איבערדערציילט פון שאָלעם־אַלייכעם". פון אָט אָ דער קאַפּיטל־איבערשריפט איז דאַן געבליבן דער ענדגילטיקער טיטל „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס". דער פאַקט וואָס שאָלעם־אַלייכעם אימפּראָוויזירט יעדעס מאָל וואַרייִרנדיק אַן אַנדערן טיטל, אַנטשפּרעכט צו דעם קלוימעשט „פעליעטאָנמעסיקן כאַראַקטער" פון די דערציילונגען, וואָס באַהאַנדלען קלוימערשט לײַכט שמועסדיק אַקטועלע מאָמענטן (פאַראָרעמונג פון די קליינבירגערלעכע קליינשטעטלדיקע מאַסן, פּאָגראָמען, אויסוואַנדערונג קיין אמעריקע, די נויטן פון די אויסוואַנדערער א. אַז. וו.). אין דער פאָרזעצונג אין „דער פרײַנד" הייסן די דערציילונגען: „עמיגראַנטן, רײַזע־באַשרײַבונג פון א זיבנייעריקן יאָסעם, וואָס פאָרט מיט א גאַנצער כאַליאַסטרע קיין אמעריקע, איבערגעגעבן פון שאָלעם־אַלייכעם". אַכוץ אַלעם ווערט דאָ פאַראַפראַזירט דער „פאָלקסטימלעכער" טאָן פון די מײַסעביכל־טיטלען.

עס דאַרף דאָ נאָך באַמערקט ווערן, אַז אין „דאָס יידישע פאָלק" קומט דאָס קאַפּיטל „מײַן ברודער עליע האָט כאַסענע" (אונדזער אויסג. זז. 95 — 102) פאַרן קאַפּיטל 3 „וואָס וועט זײַן פון מיר" (אונדזער אויסג. זז. 83 — 94). איבער קאָמפּאָזיציאָנעלע טעמים האָט שאָלעם־אַלייכעם שפּעטער די קאַפּיטלען איבערגעשטעלט.

נאָכדעם ווי „דאָס יידישע פאָלק" האָט אויפגעהערט צו דערשײַנען, האָט זיך די דערציילונג ווײַטער געדרוקט אין דער טעגלעכער צײַטונג „דער פרײַנד", אָנגעהויבן פון 1907 (נג. 233—282 און 1908 נג. 7 — 22). אין „דאָס יידישע פאָלק" זײַנען אַלזאָ אָפּגעדרוקט די קאַפּיטלען 1—4, אין „דער פרײַנד"—די קאַפּיטלען 11—22 פון ערשטן באַנד. די קאַפּיטלען 5—10 (אונדזער אויסג. זז. 103—144) זײַנען אַלזאָ אין דיזאָזיקע זשורנאַלן ניט געדרוקט געוואָרן.

עס האַנדלט זיך וועגן די קאַפּיטלען: 5 „איך האָב א רײַכע שטעלע" ; 6 „א שמאַלצגרוב" ; 7 „מײַן ברודער עליעס געשראַנק" ; 8 „מיר פאַרפּלייצן די וועלט מיט טינט" ; 9 „נאָכווייענישן פון דער טינט־פאַרפּלייצונג" ; 10 „א גאַס ניסט". דיזאָזיקע זעקס קאַפּיטלען האָבן אַלע איין שוטפעסדיקע טעמע : די פּערספּעקטיוולאָזיקײַט פון די נעבעכדיקע קליינשטעטלדיק־מענאַכעמענדלשע פּאַרנאָסעס אין צאַרישן רוסלאַנד. ס'ווערט דאָ ביז צום גראָטעסק פאַרשטאַרקט די שילדערונג פון דער עקאָנאָמישער אויסזיכטלאָזיקײַט פון פאַראָרעמטן שטעטלשן קליינבירגערטום אין די ערשטע יאָרן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט־

דאָס דארפ דערקלערנ אונ דערציילעריש צוגרייטנ די אויסוואנדערונג קיינ אמעריקע. מיר האָבנ, צומ באדויערנ, ניט די מעגלעכקייַט צו פארגלייַכנ מיט די קאפּיטלענ, וואָס זייַנענ דערשינענ אינ ניו־יאָרקער „אמעריקאנער" 1907 אונ אויכ ניט מיט דער ייִדישער אָפּטייַלונג פונעמ לאָנדאָנער „דזשויש וואָרלד" פאר יענער צייַט. עפּשער זייַנענ די דאָזיקע זעקס קאפּיטלענ, וואָס געהערנ צו די גלענצנדיקסטע הומאָריסטיש־ווירקזאמסטע טיילנ אינעמ גאנצנ בוכ (אגעוו, ווייַזנ פיר פונ זיי — א זעלטענע זאכ בא שאָלעמ־אליכעמענ — אינ א גרויסער מאָס „קאָמיק פונ פאקטנ", פונ סיטואציעס; אונ פארשטענדלעכ פארוואָס, ווייַל דאָ ווערט שוינ טאקע געשילדערט ניט איליוזאָרישע, נאָר דורכויס „ווירקלעכע" ווירקלעכקייַט), אינ דער איצטיקער ברייט צעוויקלטער פאָרמ ערשט נאָכ 1908 אָנגעשריבנ געוואָרנ.

דעמ צווייטנ טייל פונ „מאָטל פייסי דעמ כאזנס" האָט שאָלעמ־אליכעמ אָנגעהויבנ שרייַבנ ניט שפּעטער ווי אינ יאָר 1914 („די וואסערשטוב"). אינ א בריוו פונ 25 פעווראל 1914 שרייַבט שאָלעמ־אליכעמ: „ווי נאָר איכ וועל ענדיקנ (די דראמאטיזירונג פונ „טעוויע דער מילכיקער" — נ. וו.), אזוי וועל איכ באלד אָפּשיקנ בערקאָוויטשנ אפ איבערצושרייַבנ אונ וועל זיכ נעמענ פאר מייַנ „מאָטלענ". ער קומט מיר צו כאָלעמ יעדע נאכט אינ פארשיידענע געשטאלטנ. נאָר אכוצ מאָטלענ דערקוטשענ מיר אויכ אנדערע טעמעס, ניט אָפּצוטרייַבנ זיכ פונ זיי..." (שא"ב ז. 122, לויט בערקאָוויטשעס איבערזעצונג פונ רוסיש). דעריקער אָבער האָט ער איבער דעמ צווייטנ טייל געארבעט אינ יאָר 1916 ביז צו זייַנע לעצטע טעג. דער דאָזיקער טייל איז דעמאָלט גלייַכצייַטיק אויכ דערשינענ אינ ענגלישער איבערזעצונג. שאָלעמ־אליכעמ שרייַבט וועגנ דעמ: „אכוצדעמ דרוק איכ זיכ פונ דעמ ערשטנ יאנוואר אינ איבערזעצונג אינ דער ענגלישער צייַטונג „וואָרלד" מיט איר סינדיקאט. דאָס מיינט, אז אינ אלע פארייניקטע שטאטנ דערשייַנט יעדע וואָכ, זונטיק מייַנ פעליעטאָנ (אויכ אפ ז. 131 לייענענ מיר אינעמ זעלבנ בריוו: „אכוצדעמ דרוק איכ יעדע וואָכ דעמ צווייטנ באנד פונ מאָטלענ („מאָטל פייסי דעמ כאזנס אינ אמעריקע") אונ א ריי אנדערע פעליעטאָנענ) אינ וואָסערע צוואנציק אָדער מער גרויסע צייַטונגענ, וואָס האָבנ ביז פינפ מיליאָנ לעזער, אָדער מער. זיי דרוקנ „מאָטל פייסי דעמ כאזנס" מיט איליוסטראציעס. די רעקלאמע איז א קאָלאָסאלע. לעמאָשל, אינ ניו־יאָרק אפ אלע סטאנציעס פונ דער שטאָטישער לופט־באנ איז מיט גרויסע אויסיעס אנאָנסירט: „לייענט שאָלעמ־אליכעמענ, דעמ ייִדישנ מארק טווענ, אינעמ זשורנאל „וואָרלד"! אָריגינעל! הומאָריסטיש! לייענט שאָלעמ־אליכעמענ! — דאָס איז א גוטער אָנהייב — — —" (פונ א בריוו, געשריבנ דעמ 29 יאנוואר 1916, שא"ב, זז. 130 — 131). —

אונדזער אויסגאבע פונ „מאָטל פייסי דעמ כאזנס" דרוקנ מיר איבער לויט דער שאָלעמ־אליכעמ־פאָלקס־פאָנד־אויסגאבע, ניו־יאָרק 1927. פארגלייַכנדיק דעמ טעקסט פונ די קאפּיטלענ 1—4 (ערשטער טייל) אינ דער דאָזיקער אויסגאבע מיט דעמזעלבנ טעקסט אינ „דאָס ייִדישע פאָלק" אונ פונ די קאפּיטלענ 11—22—מיטנ טעקסט אינ „דער פרייַנד" 1), קומענ מיר צומ באשלוס, אז די קליינע ענדערונגענ, וואָס זייַנענ, אפאָנעמ, פונ שאָלעמ־אליכעמענ (?),

1) מיר האָבנ, צומ באדויערנ, ניט די מעגלעכקייַט צו פארגלייַכנ די טעקסטנ פונ די א מ ע ר י ק א נ ע ר אויסגאבעס אינ צייַטונגענ אונ זשורנאלנ, פּונקט אזוי ווי מיר האָבנ אויכ ניט די מעגלעכקייַט צו פארגלייַכנ דעמ צווייטנ טייל בוכ מיט די טעקסטנ אינ דער אמעריקאנישער „די ווארהייַט" 1916 — 1918.

געמאַכט געוואָרן פאַר דער בוך־אויסגאַבע 1), זײַנען ניט־וועזנטלעכע סטיליסטישע, גראַמאַ־טיסקאַלישע, לעקסישע און קאָמפּאָזיציאָנעלע אויסבעסערונגען. אמאָל ווערן אויך דאָ בלויז פאַריכט גרײַזן און לאַפּסוסן. עס קומען אויך פאָר קליינע קירצונגען (אכוץ איין אויסנאָם) פון איבעריקע ווערטער און רייד אָן א באַזונדערן אינהאַלטלעכן מיין. דאָס זײַנען דאָ אַלץ דאָסראָוו אזעלכע מינימאַלע סטיליסטישע אויסבעסערונגען, וואָס א שרײַבער מאַכט געוויינלעך איטלעכס מאָל, ווען ער גייט נאָכאמאָל איבער זײַן מאַנוסקריפּט מיט דער פּע־דער אין דער האַנט. פונדעסטוועגן האַלטן מיר פאַר נייטיק צו ברענגען א געוויסע צאָל כאַראַקטעריסטישע בײַשפּילן (ווײַט ניט אַלע) פון די קלענערע ענדערונגען (דאָס איז אינ־טערעסאַנט צוליב גראַמאַטישע און סטיליסטישע אויספאָרשונגען) און אַלע „גרעסערע" ענדערונגען, וואָס מיר האָבן פעסטגעשטעלט באַם פאַרגלײַכן דעם טעקסט פון ערשטן טייל מיט דעם, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין „דאָס יידישע פאָלק" און אין „דער פרײַנד".

„דאָס יידישע פאָלק" 1907	שאָלעם - אַלייכעמס - פאָלקס־פאָנד־אויסג. 1927
ג. 14, ז. 2. דאָס האָב איך, מאָטל, דעם נאָמען געגעבן „מעני"	ז. 8, שורע 5 פונויבן. דאָס האָב איך, מאָטל, דעם א נאָמען געגעבן „מעני" ז. 10, שורע 22—24 פונויבן. אָט אזוי האָט ארויסבאַוויזן זײַן צו־פרידנהײַט מיטן ערשטן פרילינגס-טאָג א. אז. וו.

(דאָס זײַנען די איינציקע דרײַ שורעס אינעם גאַנצן בוך, ווו ס'רעדט זיך וועגן מאָטלען אין דריטער פּערזאָן. דער טעקסט פון דידאָזיקע שורעס איז סײַ אין „דאָס יידישע פאָלק", סײַ אין דער שאפ"פ־אויסג. דער אייגענער. עס האָט א פּאָנעם, אז דידאָזיקע שורעס זײַנען א לעצט רעשטל פון א פריִערדיקן וואַריאַנט, ווו די דערציילונג איז נאָך ניט געווען אינעם איצטיקן פּלאַן מיט מאָטלען אַלס דערציילער אין ערשטער פּערזאָן. עס איז מערקווירדיק, וואָס שאָלעם־אַלייכעם האָט דידאָזיקע שורעס פאַרזעען און ניט איבער־געמאַכט).

„דאָס יידישע פאָלק" 1907	שאָלעם - אַלייכעמס - פאָלקס־פאָנד־אויסג. 1927
ג. 21, ז. 3. ווישט אויס די אויגן	ז. 12, שורע 16 פונויבן. ווישט די אויגן
דאָרט, ז. 4. יעדער סייפער האָט גע־האַט זײַן כיסאָרן	ז. 13, שורע 19 פונויבן. יעדער סיי־פער האָט זײַן כיסאָרן
דאָרט, ז. 4. פון די אַלע זאַכן, וואָס מיר האָבן אויסגעפּאַרקויפט פון שטוב האָט מיר קיינס פון זיי	ז. 14, שורע 16 פונויבן. פון די אַלע זאַכן, וואָס מיר האָבן אויסגעפּאַרקויפט פון שטוב האָט מיר קיינע פון זיי
דאָרט. דרײַ מאָל איז ער אוועקגעגאַנ־גען און דרײַ מאָל זיך אומגעקערט, דאָס	ז. 14, שורע 22 פונויבן. דרײַ מאָל איז ער אוועקגעגאַנגען צוריק

1) די ערשטע בוך־אויסגאַבע, וואָס איז ארויס נאָך בא שאָלעם־אַלייכעמס לעבן, האָט זיך אונדז ביז איצט ניט אײַנגעגעבן צו געפינען.

די"פ 1907	שאפ"פ־אויסגאבע 1927
הייסט די מאמע האָט אים דרײַ מאָל אומגעקערט צוריק	
דאָרט. דעם פּאָנעם	ז. 15, שורע 8 פונויבנ. דאָס פּאָנעם
דאָרט. טרייסלענ	ז. 15 שורע 14 פונויבנ. טרייסלט

ז. 18, נאָכ שורע 10 פונויבנ איז דאָ אָפּגעטיילט געוואָרנ אלס אונטער־קאפּיטל ה אינ „דאָס יִדישע פאָלק” ציט זיכ אונטער-קאפּיטל ד ביז צו דעמ אָרט, ז. 20 שא"פפ־אויסג, ווו ס'געפינט זיכ דאָס אונטער-קאפּיטל 1. א. אז. וו.

די"פ 1907	שאפ"פ־אויסגאבע 1927
ג. 21, ז. 7. קיינ צוויי יאָר ניט אלט	ז. 20, שורע 25 פונויבנ. קיינ צוויי יאָר אלט.
ג. 21, ז, 11. שפּאלט 1, לעצטע שורע אונ ווײַטער אפ שפּאלט 2.	ז. 29, שורע 18 פונויבנ.
— ווערסט כאָטש קאָנענ זאָגנ קא- ייעש ... הא ? ...	— וואָס דערציילט איר מיר די גאנ-צע שטאָט.
מײַנ ברודער עליע בייגט זיכ אָנ, שנײַצט אויס קלוימערשט די נאָז מיט איינ פינגער, דאָס פּאָנעם וויינט.	(מיט רעכט וואַרפט ש"א ארויס די פריִערדיקע געמיטלעכע ווענדונג צו מאָט-לענ מיצאד יאָסינ. זי איז טאקע אינ העכסטנ גראד ניט פאסיק אונ ניט לויט די קאוואָנעס פונ ש"א בענעגייע יאָסינ..)
— וואָס דערציילט איר מיר די גאנ־צע שטאָט !	
ג. 23, ז. 5. שלאָגנ זיכ געוויס ניט	ז. 39, שורע 8 פונויבנ. שלאָגנ זיכ אוואדע ניט
ג. 26, ז. 2. אונ מע עסט האָניק מיט פולע הויפנס. מע זאָל אָבער אשטייגער פרעגנ מיכ, ווו איז דער גאניידנ, וואָלט געזאָגט	ז. 43, לעצטע שורע אונ ווײַטער אפ ז. 44. אונ מע עסט האָניק מיט פולע הויפנס. זענט איר שוינ פארטיק ? קומט צו גיינ א ייִד אנ אײַנבינדער אונ טוט זיכ א זאָג, אז דער עמעסער גאניידנ איז גאָר פרײַטיק אינ באָד. איכ האָב דאָס אלייג געהערט פונ אונדזער שכיינעס מאנ, מויי-שע דעמ אײַנבינדער, איכ זאָל אזוי הערנ אלדאָס גוטס ! הײַנט גייט דערגייט אנ עק! מע זאָל, אשטייגער, פרעגנ מיכ, וואָלט איכ געזאָגט
ג. 26, ז. 6. מיט א יאָר פריִער	ז. 51, שורע 13 פונויבנ. דאָס איז געווענ מיט עטלעכע יאָר פריִער

(ש"א האָט אינ דער באארבעטער פאָרמ מאָטלענ עלטער געמאכט מיט צוויי יאָר. דידאָזיקע ענדערונג ווערט דאָ אויסגעהאלטנ דורכגעפירט דורכנ גאנצנ בוכ. אפּאָנעם, אז ער איז אימ שפּעטער צו יונג אויסגעקומענ אפ איבערצוגעבנ די דערציילטע פאקטנ).

די״פ 1907	שא״פפ־אויסג. 1927
ב. 26, ז. 8. אזוי מיין איך	ז. 56, שורע 7 פונונטן. אזוי דענק איך
ב. 24, ז. 2. באשער איך בין נאָך צו קליין	ז. 62, שורע 12 פונויבן. באשער איך בין נאָך ניט אלט קיין גאנצע נײַן יאָר
ב. 24, ז. 3. „איר מעגט שוין ליגן אין דער ערד אונ באקן בייגל״. אזוי זאָגט אים טאָמיר פעסי. ער איז א ייִד א נאָגיד אונדזער מעכוטן. פעסי זאָגט, אז ער איז אן אדיר!	ז. 63, שורע 8 פונויבן. „איר מעגט שוין ליגן אין דער ערד אונ באקן בייגל״. אזוי זאָגט אים פעסי, מיסטאָמע אפ קאָטאָווע. אונ עפשער מיינט זי טאקע אפ דער עמעסן? איך פארשטיי ניט, וויִאזוי קאָן מען ליגן אין דער ערד אונ באקן בייגל: ווער וועט זיי דאָרט קויפן? ער איז א ייִד א נאָגיד, אונדזער מעכוטן. פעסי דרייגט, אז ער איז אן אדיר!
ב. 24, ז. 4. אונ ווער שמועסט לאָשעקלעך. איך האָב ליב אלץ, וואָס איז קליין: קליינע הינטלעך	ז. 65, שורע 4 פונונטן. אונ ווער שמועסט לאָשעקלעך! איך גיי אויס, איך שטארב נאָך א לאָשעקל! אונ בישט נאָר קליינע לאָשעקלעך האָב איך ליב — אלצדינג וואָס איז קליין: קליינע הינטלעך
ב. 24, 4. פארפלאַמט, פארשווארצט	ז. 66, שורע 2 פונונטן. פארפלאַמט, פארשוויצט פאָנעם.

אזעלכע פאריכטע דרוק־גרײַזן קומען אָפט פאָר. ז. 69, שורע 8 פונונטן. צו כאָסערדייע, צו מוטייר האָבן מ׳ר פאריכט: צו כאָסערדייע, צו מעטורעפ.

ב. 24, ז. 6. שרײַט זיך פאנאנדער	ז. 69, שורע 10 פונונטן. צעשרײַט זיך

אין איינאָפע האָט שאָלעם-אליכעם פאָרגעזעצט צו דרוקן „מאָטל פייסי דעם כאזנס״ אונטערן טיטל „עמיגראנטן״ אין דער צײַטונג „דער פרײַנד, די ערשטע טעגלעכע ייִדישע צײַטונג אין רוסלאנד, פעטערבורג״ 1907 אָנגעהויבן פון ז. 233, אָבער ערשט פון קאפיטל 11 אָן אונ ווײַטער (פון זז. 139 שא״פפ־אויסגאבע), וואָס הייסט דאָ „וווהין פאָרן מיר״ אונ איז אידענטיש מיט דעם קאפיטל „אונדזער כאווער פיני״. דעמדאָזיקן קאפיטל הייבט ש״א אָן מיט א קורצן רעזיומע פון די פריִערדיקע קאפיטלען:

„דער פרײַנד״ 1907	שאפ״פ־אויסג. 1927
ב. 233. ז. 2. מיר זײַנען שוין באקאנט. איך הייס מאָטל. מע רופט מיך מאָטל פייסי דעם כאזנס אָדער דעם כאזנס ייִנגל. מײַן טאטע האָט געהייסן פייסי אונ איז געווען א כאזן. פאראיאָרן שווועס איז ער	ז. 141, פון אָנהייב אָן. געדענקט איר, איך האָב אײַך אמאָל געזאָגט, אז איך וועל אײַך באקענען מיט מײַן ברודער עליעס כאווער פיני? איך האָב אײַך צוגעזאָגט באקענען, ווײַל ער האָט גוטע

געשטאָרבן. מײַן מאמע איז געבליבן אן אלמאָנע מיט צוויי קינדער. מײַן ברודער עליע און איך. מײַן ברודער עליע האָט כאסענע געהאט פאר יוינע דעם בעקערס טאָכטער און סע שיט זיך אים א בערדל. זי הייסט בראָכע און איז צוויי מאָל אזוי גרויס ווי מײַן ברודער עליע. זי איז א רויטע און א קלײַנדיקע און האָט א קאָל פון א מאנצביל. מײַן ברודער עליע האָט פאר איר כאסענע געהאט צוליב דעם, וואָס יוינע דער בעקער איז א נאָגיד. ער איז ארײַן אין א שמאלץ-גרוב. דער בע-קער האָט ניט לאנג אָנגעזעצט און פון שמאלץ-גרוב האָט זיך אויסגעלאָזט א טײַך. איצט זיצט דאָס פאָרפאָלק בא אונדז. מיר האָבן אונדזער אייגנס א האלבע די-רע, די אנדערע האלבע געהער צו אונדזער שכײנע פעסי. זי איז א גראָבע און האָט א מאַן אן אײַנבינדער, וואָס ער הייסט מוישע, און א בלינדן פעטער באָרוך און אכט באָנים, וואָס יעדערער פון זיי הייסט מיט אן אנדער צונעמעניש: „ושתי“, „קלעצל“, „יאמ־קאָטער“, „משערנאָהוז“, „בופלאקס“, „פעטעלעלע“, „גיב מיר נאָך“, „שמיר מיט פוטער“. יעדערער האָט בא זיי א צונעמעניש. אפילע די קאץ הייסט בא זיי „פייגע לייע די גאבעטע“. מיר האָבן זיי א נאָמען געגעבן „מאָטל מיט די לעפצן“. איך האָב א סאָפראנע שטימע בירושע פון מײַן טאטן און האָב א טע-ווע מאָלן מענטשעלעך. דאָס, וואָס איך האָב א קאָל נעגינע איז מײַן ברודער עליע צופרידן, נאָר פאר מאָלן מענטשעלעך, שלאָגט ער מיך. אין שטוב איז בא אונדז גאָרנישטאָ, אכוץ בעטגעוואנט, דער מאמעס קאָרבן־מינכע און א קליין סידערל.

וואָס איז געווען האָבן מיר פאר-קויפט בעשאס דער טאטע אָלעווהאשאָ־לעם איז געווען קראנק. מיר לעבן פון

גערדאנקען. נאָר איידער איך וועל אײַך דערציילן פון פיניען, מוז איך אײַך דער-ציילן פריִער פון זײַן זיידן, נאָכדעם פון זײַן טאטן, נאָכדעם פון זײַן פעטער, און ערשט נאָכדעם פון פיניען אַלייך.

שרעקט אײַך נישט — איך וועל דאָס אײַך מאכן בעקיצער. איך הייב אָן פון זיידן.

„דער פרײַנד״ 1907

דעם, וואָס אביסל פארדינט די מאמע מיט דעם, וואָס זי איז אַ אלמאָנע, אביסל מײַנ ברודער עליע, ער קאָנ מאכנ טינט, קוואס אונ שוואקס אונ פארטרײַבנ מײַז, אונ אביסל פארדינ איכ מיט מײַנ זינ־גענ. די לעצטע צײַט פארדינענ מיר קייּ־נער ניט. גיט מענ אונדז אַ אייצע, מיר זאָלנ פארקויפנ די האלבע דירע אונ אוועק־פאָרנ. וווהינ ווייס איכ ניט. אונדז רעדט שטארק צו אונדזער כאווער פיני (דער שפעטערדיקער טיפל פונעם קאפיטל — מ. וו.). וויבאלד אזוי, דארפ מענ אײַנ דערציילנ ווער איז אונדזער כאווער פיני. זאָל איכ אײַכ דערציילנ? שרעקט אײַכ נישט — איכ וועל אײַכ דאָס מאכנ בע־קיצער. איכ הייב אָנ פונ זײַנ זיידנ

(אפנ קאפיטל 5 „איכ האָב א רײַכע שטעלע״ איז אינ דעמדאָזיקנ קאפיטל קיינ שום אָנצוהערעניש ניטאָ. דידאָזיקע טעמע ווערט, אגעוו, אויכ איצט אינ דער לעצטער איצטי־קער פאָרמ ניט אנטוויקלט, האקט זיכ אָפ אינ דער מיט. פארקערט, עס רעדט זיכ אינעמ רעזיומע בעפיירעש, אז מאָטל פארדינט „אביסל מיט מײַנ זינגענ״, אינ סטירע צו דעם, וואָס דערציילט זיכ אינ קאפ. 7 — 10, אז מאָטל העלפט עליען אינ זײַנע מענאכעמ־מענדל־שע פארנאָסעס.)

נ. 234, ז. 2. פיני. — אפ אונדז ביידנ געזאָגט געוואָרנ.

עליע. — אזוי?

פיני. — רויטשילד איז אקעגנ אימ אַ עתישנ.

עליע. — אזוי?

נ. 234, ז. 2. עליע. — נו, אונ ביזנ שיפ? הויצאָעס? הײַנט בילעטנ? באנ?

פיני. — אונ ווו איז אײַער האלבע דירע?

עליע. — וואָס וועט אונדז קלעקנ די־האלבע דירע?

פיני. — וויפל בילעטנ

נ. 234, ז. 2. מיר וועלנ זאָגנ, אז ער איז נאָכ ניט אלט קיינ פינפ יאָר.

שאפ״פ־אויסג. 1927

ז. 148. שורע 12 פונויבנ.

פיני: אפ אונדז ביידנ געזאָגט גע־וואָרנ

עליע: אזוי?

ז. 149, שורע 3 פונויבנ. עליע: נו אונ ביזנ שיפ? הויצאָעס? הײַנט בי־לעטנ? באנ?

פיני. — וויפל בילעטנ?

ז. 149, שורע 14 פונויבנ. מיר וועלנ זאָגנ. אז ער איז נאָכ ניט אלט קיינ דרײַ יאָר.

עליע. ביסט מעשוגע?

(קעדיי צו פארשטארקן די קאָמיק, וואָס מע וויל פון א נײַן — צעניעריק ייִנגל מאכן א דרײַיעריקן).

„דער פרײַנד" 1907	שאפ"פ־אויסג. 1927
ב. 234, ז. 2. וואָלט איך אים געקושט און געהאַלדזט פאר דער גוטער בשׂורה, וואָס מיר פאָרן ... ווהין אָבער פאָרן מיר? ווייסט איר ניט ווהין פאָרן מיר?	ז. 150, שורה 4 פונונטן. וואָלט איך אים געקושט און געהאַלדזט. א טײַערער פּיני דאָס איז! נו, האָב איך אײַך ניט געזאָגט, אז ער האָט אין זיך גוטע געדאַנקען?
ב. 238, ז. 2. פעטע גלאַנצנדיקע באַקן. צעקושט זיך מיט דער מאמע, כאַפּט זי זיך ארום קושן מיך אויך. איך קערעווע אָפּ דעם קאָפּ. איך האָב פײַנט, אז אַלטע ווײַבער קושן מיך. זיי זײַנען געזאַלצן. אלע האָבן זיך שוין, דאַנקען גאָט, צעקושט.	ז. 163, שורה 7. פעטע גלאַנצנדיקע באַקן. אלע האָבן זיך שוין צעקושט. (די איבעריקע זאַצן, אלס ניט פּאַסיקע פאַר דער באַציִונג מאָטלס צו פּעסין, האָט דאָ שאָלעם־עליכעם אויסגעמעקט. און עפּשער זײַנען זיי ש"א איצט אויסגעקומען צו „פּריוואָל").
ב. 251, ז. 2, דער טיטל פונעם קאַפּיטל: „מאַזלטאָוו, מיר זײַנען שוין אָפּ יענער זײַט"	ז. 184. דער טיטל פונעם קאַפּיטל 14: „מיר זענען שוין אין בראָד"
ב. 251, ז. 2. ערגער ווי בא אונדז! די מאמע דערציילט א מעשׂה (די שאָוויניסטישע באַטראַכטונג האָט דאָ געפעלט, מיסטאָמע צוליב צענזור־טעמים).	ז. 183, שורה 2 פונונטן און ז. 185, שורה 1 אויבן און ווײַטער. ערגער ווי בא אונדז! בא אונדז ווייסט מען כאָטש, אז א גוי איז א גאַנעוו. — בא אונדז, נאַרעלע, ווייסט דער גוי אליין, אז ער איז א גאַנעוו. אזוי זאָגט די מאמע און דערציילט א מעשׂה
אין „פרײַנד" שטייט אומעטום „לעמבעריג" (א פּאָפּולערערע פאָרם).	ז. 193. לעצטע שורה. לעמבערג
ב. 261, ז. 2. טיטל פונעם קאַפּיטל „מיט דער כאָליאַסטרע"	ז. 209, טיטל פון קאַפּ. 16. „מיט די עמיגראַנטן"
ב. 267, ז. 3. איך האָב א טעווע קלעפּן חייך ברויט און מאכן פון זיי כאַזײַרים־לעך	ז. 224, שורה 5 פונויבן. איך האָב א טעווע קנעטן הייך ברויט און מאכן פון דעם כאַזײַרימלעך
אין „פרײַנד" שטייט אומעטום בעקיוונדיק פארקריפּלט „אַנטוועַרטן".	ז. 233 טיטל פון קאַפּיטל „וואַנדערער פון אַנטווערפּן"
ב. 281, ז. 5. טיטל פון קאַפּיטל: „די כאָליאַסטרע וואַקסט"	ז. 247, טיטל פון קאַפּ. 19. „די כאָליאַסטרע"

„דער פרײַנד“ 1908 (אָנגע־הויבן פֿון נ. 7)

נ. 21, ז. 2. דאָס הייסט האַלב ייִדיש, האַלב רוסיש.

איך האָב אײַך נאָך ניט דערציילט ווי־אַזוי פּיני רעדט ייִדיש? פּיני, אַז ער רעדט ייִדיש, זאָגט ער פֿריִער אַף רו־סיש, און זעצט דאָס אײַך באַלד איבער אַלײַן אַף ייִדיש. לעמאָשל, אָט וועל איך ריידן אַזוי ווי פּיני רעדט.

— שטאָ ווי סקאַזשיט, וואָס זאָגט איר אַף דעם פּאַרעך? איך גיי אַרויס סע־וואָדני אוטרעם אינדערפֿרי, באַגעגנט מיך באַש לאַוואָטשניק דער קרעמער און זאָגט צו מיר, פּאַזשאַלעטי אַווו קאָנטאָרע, קומט אַרײַן אַביסל זיצן און מעזשדו פּראָטשים וועלן מיר שפּילן אַ שאַכמאַט אין שאָך. אָנטפֿער איך אים: דושאָיו ראַד, איך האָב קיין צײַט ניט. מאַכט ער צו מיר: שטאָ טאַקאָיע? דאַרפֿסט שוין טאָטשיניאַיעג נײַע סטיכעס? ענטפֿער איך דאָך אים אָף מיסטאַמע — פּאָטשעמו ניעט? — פּאַרוואָס טאַקע ניט קיין סטיכעס? מאַכט ער צו מיר: וויסטו וואָס? סטופּײַ איק טשאָר־טו גיי צו אַלדי רובעס!... וואָס זאָגט איר אַף אַזאַ סקאָטינע אַ סוואָליטש?

אָט דאָס איז פּיניעס לשון. וויפֿל מיר ווילן אים אָפּגעווינען דערפֿון, איז אומעג־לעך. איצט קוועלט ער. ער זאָגט, אַז אין לאָנדאָן רעדן די ייִדן אויך אַזוי ווי ער, דאָס הייסט געמישט; לעמאָשל, אָט אַזוי רעדט מען אין לאָנדאָן:

— איך וואָלט בעגעסן דינער, האָב איך ניט קיין פּענע, רעכן איך אַרײַנגיין אין אַ סאַלאָן איבערלאָזן מײַן וואַקשנשטיין און הייס זיך געבן אַ כּעװד־וויטש מיט אַ דזשינדזשער ביר אָדער מיט אַ קאַפּע־טי אין בין מיר אָלרײַט. איך זאָל אײַך דאָס איבערזעצן אַף ייִדיש,

שאַפּ״ס־אויסג. 1927

ז. 286, שורע 2 פֿונויבן. דאָס הייסט: האַלב ייִדיש האַלב רוסיש.
דאָס לאָשן זייערס

„דער פרײַנד" 1908	שאפ"פ־אויסג. 1927
וועט איר נישט וועלן גלויבן. אפ יידיש הייסט דאָס אזוי: — איך וואָלט געגעסן וואַרעמעס, האָב איך מאַקעס געלט, רעכן איך אַרײַנ־גיין אין שענק, פאַרזעצן מײַן זייגער מיט דער קייט און הייסן מיר געבן פּאָר־בײַסן מיט א גלעזל ביר אָדער טיי — און בין מיר א פײַנער באָכער. דאָס לאָשן זייערס.	

אינעם זשורנאַל „די יידישע וועלט" ווילנע 1914 בד. 2, בוך 3, יוני, 1914 איז אָפּגעדרוקט א קאַפּיטל, וואָס איז באַטיטלט: „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס (קסאָווים פון א ייִנגל א יאָסעם). צווייטער טייל. די וואַסערשטוב". דאָס האָט געדאַרפט זײַן דאָס ערשטע קאַפּיטל פון צווייטן טייל „מאָטל פּייסי דעם כאַזנט". אין דער שאפ"פ־אויסגאַבע בד. II ז. 209 שטייט א באַמערקונג (שטאַמט פון אַרויסגעבער?) „געשריבן אין יאָר 1914" אכוצדעם לייענען מיר אפ דעמזעלבן זײַטל: „(דער ערשטער וואַריאַנט פון דעם קאַפּיטל „מאַזלטאָוו, מיר זענען שוין אין אַמעריקע!)".

דידאָזיקע באַמערקונג אָבער שטאַמט שוין זיכער פונעם אַרויסגעבער און איז זיכער ניט ריכטיק. דאָסדאָזיקע קאַפּיטל איז ניט קיין וואַריאַנט פונעם ערשטן קאַפּיטל, עס וואַריִרט גאָרניט, דערציילט לאַכלוטן עפּעס אַנדערש איידער קאַפּ. 1 פון צווייטן טייל. עס איז פּאָשעט א באַזונדער זעלבשטענדיק קאַפּיטל, וועלכעס ש"א האָט דערנאָך פון זײַן ווערק אַרויסגעוואָרפן, און אָנגעשריבן א לאַכלוטן אַנדער קאַפּיטל, ניט אויסנוצנדיק קיין שום מאָטיוו פון יענעם. דעריבער קאָן מע דאָ ניט רעדן וועגן א וואַריאַנט.

ש"א האָט מיט רעכט דאָסדאָזיקע קאַפּיטל אַרויסגעוואָרפן פונעם בוך. עס באַשרײַבט די שיפ, די נעסיִע אפן יאַם א. אז. וו. ס'איז אָבער מערקווירדיק שוואַך, צעשמירט, בלוטלאָז, טיפ אונטערן ניוואָ פונעם גאַנצן בוך — ניט געקוקט אפ איינצלנע הייניקע גוטע ערטער.

דער צווייטער טייל בוך הייבט זיך אָן פון עליס איילאַנד. אינעם קאַפּיטל 1 ווערט רעטראָספּעקטיוו און מיִסטעריש דערציילט וועגן דעם לעבן אפן שיף, אָבער די מאָטיוון פון דער „וואַסערשטוב" ווערן ניט באַנוצט. פון דעם איז קלאָר, אז ש"א האָט איבער־כאַזערנדיק אפ גאָר אן אַנדערן אופן די דערציילונג וועגן דער נעסיִע אפן יאַם, דאָס קאַפּיטל די „וואַסערשטוב" בעפּיירעש ניט געוואָלט האָבן אינעם בוך. מאָרנע איז נאָר, וואָס שאָלעם־אַליכעמ פאַרופט זיך אין איין אָרט פונעם קאַפּ. 1 אפן אַרויסגעוואָרפענעם קאַפּיטל. אין דער שאפ"פ־אויסגאַבע „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס" צווייטן טייל, ז. 12 שורע 6 לייענען מיר: „א דרײַגאָרנדיקע שטוב אפן וואַסער. איך האָב אמאָל זי געהאַט שוין אויסגעמאָלט מיט אלע פּישטשעווקעס". מיטן „אמאָל" קאָן ער דאָ מיינען נאָר דעם קאַפּיטל „די וואַסערשטוב" פון דער „יידישער וועלט".

די וואסערשטוב

א

א מוירעדיק גרויסע שטוב, אזוי גרויס קימאט ווי בא אונדז צענ שטיבער, אָדער עפּשער באַלמער.

אונ ווײַס איז זי, די שטוב, ווײַס ווי מילכ, מיט קלײניטשקע פענצטערלעכ אסאכ. די פענצטערלעכ זענענ קײַלעכיק, פונ רײנעמ קרישטאָל אונ מיט רויטנ באַצוויקלט.

אונ קוימענס האָט די שטוב צוויי גרויסע, הויכע, ברייטע, שווארצע קוימענס, וואָס פײַפנ אזוי שטארק, אז פונ אײנ פײַפ א גיטנ קאָנט איר פאלנ כאַלאָשעס.

אונ שטײנ שטײט די שטוב אפנ וואסער. א וואסערשטוב.

דאָס הײסט, ניט זי שטײט, נאָר זי גײט, גיכ־גיכ גײט זי—זי לויפט קימאט. זי שנײַדט די כוואליעס אפ צווײענ אונ גליטשט זיכ, גליטשט זיכ אפנ וואסער. זי הײבט זיכ ארופ אונ ארא͏פּ, ארופ אונ ארא͏פּ — אונ מיר פאָרנ, מיר פאָרנ קײנ אמעריקע!

ניט מיר אלײנ פאָרנ קײנ אמעריקע—מיט אונדז פאָרנ נאָכ אסאכ, אסאכ ייִדנ אונ ווײַבער, מיט קינדער אונ אָנ קינדער.

אונ אלע אינ אײנ שטאָט ארײַנ. איכ ווײס אפילע, וויאַזוי זי הײסט. „נעיאָרק” הײסט די שטאָט. א גרויסע שטאָט! נאָכ גרעסער פינ ווינ. אונ א ייִדישע שטאָט. א שטאָט פונ סאמע ייִדנ. אונ רעדנ רעדט מענ דאָרט, ווי מע רעדט בא אונדז, ווי אלע מענטשנ רעדנ.

מע רעדט אפ ייִדיש.

— דאנקענ אונ לויבנ יאָשקע דעמ טויבנ! מ'עט פארשפּאָרנ זיכ ברעכנ די צונג, ווי מע האָט זיכ געבראָכנ אינ בראָד, אינ קראָקע מיט לעמבעריג, אינ ווינ אונ אינ אנטווערפּנ אונ אינ שײנעמ לאָנדאָנ, וואָס וואָלט שוינ לאנג געמעגט ברענענ אפנ פײַער, ארבּיפּראט איצט, אז מיר זענענ שוינ דאָרט ניטאָ.

אזוי זאָגט בראָכע, מײַנ ברודער עליעס ווײַב, וואָס האָט שוינ לאנג געוואָרפנ אנ אומכײַנ אפ אלע גרויסע שטעט, אונ מער ווי אלצ—אפ לאָנדאָנ.

ב.

איצט ווײס איכ פאר געוויס, אז מיר פאָרנ קײנ אמעריקע. אפילע בראָכע, מײַנ ברודער עליעס ווײַב, איז מודע, אז מיר פאָרנ קײנ אמעריקע. ביז אהער האָט זי אלצ ניט געוואָלט גלײבנ: „מיר פאָרנ אונ פאָרנ — אונ שטײענ אפ אײנ אָרט”.

נאָר איר מײנט, אז איצט איז זי שוינ צופרידנ? ווער — וואָס! בראָכע איז קײנמאָל ניט צופרידנ. זי וויל נאָר וויסנ אײנ זאכ: ווער איז דער שלימאזל, וואָס האָט דאָס אויסגעטראכט אָט דירזאָיקע מעדינע?

— עס וואָלט אימ געמענט — זאָגט זי — ארויסוואַרפנ אונ פיניענ ארײַנוואַרפנ!

דאָס מײנט זי אונדזער כאווער פיניענ, וואָס פאָרט מיט אונדז קײנ אמעריקע.

וואָס האָט זי צו אימ? ווײַל ער איז, זאָגט זי, דער גאנצער כײַעוו. ווענ ניט ער, וואָלטנ מיר איצטער, זאָגט זי, געזעסנ אינדערהײמ, ווי אלע ייִדנ, אונ וואָלטנ זיכ ניט געשלעפּט איבער יאמימ אונ מידבאָריעס אונ וויסטענישנ.

ע.., פיני, הייסט עס, האָט ארופגעפירט, זאָגט זי, מײַנ ברודער עליע אפ א גליטש — מיר זאָלנ פארקוישנ אונדזער האלבע שטוב אונ פאָרנ קיינ „מאלעריקע".

ג.

„מאלעריקע" — אזוי רופט דאָס אָנ מײַנ שוועגערנ בראָכע אלעמאָל, ווענ זי איז אינ קאס.

אונ אינ קאס איז זי אָפט, קימאט ניטאָ דער טאָג, וואָס בראָכע זאָל נים זײַנ אינ קאס.

א גליק, וואָס מײַנ ברודער עליע הערט זי, ווי דעם קאָטער, אונ אונדזעד כאווער פיני — דער לאכט זיך גאָר אויס פונ איר באבע. איר גערענקט דאָך מיסטאמע אונדזער כאווער פיני? אימ אז מע דערעסט זיך שטארק, מאכט ער אײַך באלד אפ יענעמ א לידל — אונ טו אימ עפעס!

אנומלטנ האָט ער געמאכט אפ איר, טאקע אפ מײַנ שוועגערנ, הייסט עס, א לידל — איז זי שיר ניט צעזעצט געוואָרנ פאר ביזאָיענ.

אָט אזוי הייבט זיך אָנ דאָס לידל:

איך האָב א כאווער מוהר״ר עליע —
באשערט א מענטשנ א האצלאָכע! —
האָט ער א ווײַב — ביז דער סטעליע,
א שלאק פוראָניעס מאָראס בראָכע,
קיינ אײַנהאָרע ניט, א גראָבע,
אונ א ברייטע, אנ אָסאָבע...

ווײַטער גערענק איך נישט. איך גערענק נאָר, אז בראָכע איז אזש געווענ בלוי פונ קאס. דעם קאס האָט זי אויסגעלאָזט צו מײַנ ברודער עליע.

דערנאָך האָט זי זיך געוואָלט נויקעמ זײַנ אינ מיר. האָט זיך די מאמע אָנגענומענ מײַנ קריוודע. האָט איר בראָכע געזאָגט א גראָב וואָרט, אויסגעוואָרפנ דעם טאטנ דעם זונ, האָט זיך די מאמע צעוויינט. האָט זיך עליע צעשריגנ אפ איר, אז זי מאכט אונדז אומגליקלעך. מיר זענענ נאָך ניט פארטיק, זאָגט ער! וואָרעמ אז מיר וועלנ ארײַנקומענ קיינ אמעריקע בעשאָלעם, וועלנ מיר ערשט דעמאָלט באדארפנ, זאָגט ער, נאָכאמאָל באווײַזנ, אז מיר האָבנ, זאָגט ער, געזונטע אויגנ.

נאָר איך האָב מיך אביסל פארעדט אונ האָב שיר פארגעסנ, אז איך האָב אײַך נאָך ניט דערציילט וועגנ דער וואסערשטוב.

ד.

אך, ווי שיינ דאָס איז! אך, ווי גרויס! אונ אך, ווי גוט מיר איז!

א קײסער, זאָגט מענ, איז גוט. מיר — איז בעסער. דאָ בינ איך באלעבאָס.

איך אונ דער קאפיטאנ. א מענטש א גיבער. גאָלדענע קנעפ מיט גאָלדענע „פאלעטנ", טאָנצעס סוירעדיקע, גראָבע, גרעבער ווי בערד. אינגמיטנ אויסגעגאָלט. אויגנ — מעדיקע. זיי שמייכלענ בא אימ שטענדיק. אפילע דעמאָלט, ווענ ער בייזערט זיך. א מענטש פונ א קאפיטאנ! איך האָב אימ ליב — סאקאָנעס! איך האָב אימ אָפגעמאָלט א בלײַערל אפ א שטיקל פאפיר, ווי ער שטייט אונ גייט. אפילע מיט די וואָנצעס. איך האָב דאָס צעריסנ — עליע זאָל ניט דערזעענ. ער האָט פײַנט מענטשעלעך.

עליע זאָגט, אז א קאַפּיטאַן דאַרף קענען שווימען, ווי א פיש. און אונדזער כאַווער פיני לאַכט פון אים. פיני זאָגט, אז א קאַפּיטאַן דאַרף ניט קענען שווימען. שווימען דאַרפן נאָר מאַטראָסן. א קאַפּיטאַן, זאָגט פיני, באַדאַרף נאָר זײַן קלאָר אין דער געאָגראַפיע, ווי א ייִד אין אַשרי. אים דאַרף זײַן, זאָגט ער, קלאָר דער ים, אַזוי ווי אונדז די יאַבלאָשע. ער איז מעכויעוו, זאָגט ער, צו וויסן, וויפל דער ים האַלט אין דער לענג און אין דער ברייט און אין דער טיף. זאָגט אים מײַן ברודער עליע: „מיילע, די לענג און די ברייט — קאָן מען נאָך ווי עס איז אויסמעסטן מיט אן אַרשין. וואָס וועסטו אָבער טון מיט דער טיף?” זאָגט אים פיני: „ביסט א בעהיימע!” זאָגט אים עליע: „ביסט אַליין א פערד. לעמײַ זידלסטו זיך?” זאָגט אים פיני: „וויאַזוי זאָל איך דיך ניט זידלען, אז דו הייבסט ניט אָן צו וויסן, וואָס אָפּ דער וועלט טוט זיך. אָט נעם, זאָגט ער, לעמאָשל, די שטערן אין הימל. נו, ווייסט מען ניט וויפל שטערן ס'איז פאַראַן? און מע קאָן דען ניט, זאָגט ער, אויסרעכענען אַלע בא די נעמען?” זאָגט אים עליע: „איכ'ל דיר זאָגן דעם עמעס — איך בין אפן הימל קיינמאָל ניט געווען, און אפן ים פאָר איך און זע אַרויס, אז ער האָט קיין גרונט ניט”. זאָגט אים פיני: „נאַרעלע, נישט נאָר א גרונט, מע קאָן דיר אויסרעכענען אַפילע וויפל טראָפּן וואַסער געפינט זיך אין ים אַרום און אַרום”. פרעגט אים עליע שוין מיט א געלעכטער: „כ'וואָלט געוואָלט וויסן, וויאַזוי דו וועסט עס אויסרעכענען? סײַדן עפּשער דײַן פעטער דער זייגערמאַכער וועט דיר אונטערהעלפן”...

פאַרדריסט עס שוין פיניען, נאָר ער מאַכט זיך ניט וויסנדיק. פאַר אים שטעלט זיך אײַן זײַן ווײַב טײַבל. איר קענט זי. איך האָב שוין וויפל מאָל גערעדט פון איר. איך האָב זי ליב. זי איז א קליינטשקע און א שטילינקע. נאָר זי האָט א טעווע — טאָמער רירט מען אָן איר פיניען, איז כוישעכ! האָט זי אָפּגעשפּילט מײַן ברודער עליען א ווידוואָס!

זי האָט אים ניט געזאָגט גאָרניט. זי האָט אים נאָר א פרעג געגעבן: „מיט וואָס איז א בייגל־בעקער שענער פון א זייגערמאַכער?”

דאָס איז געווען א שטאָך אונדז אַלעמען אפּ אונדזער מעכוטן יויגע דעם בעקער.

אוואַדע האָט דאָס אָנגערירט בראָכע מער ווי אונדז אַלעמען. יויגע דער בעקער — דאָס איז דאָך איר טאַטע, וועט זי שווײַגן? א גליק, וואָס די מאַמע איז דערבײַ געזעסן. האָט זי זיי קוים־קוים צעגומען!

נאָר איך האָב מיך שוין פאַרעדט און פאַרגעסן, אז מיר האַלטן בא דער וואַסערשטוב!

ה.

גוט איז נאָר אונדז! מיר און דעם קאַפּיטאַן. מיר ביידע האָבן צו שאַפן דאָ אם אַלצ־דינג. ער, דער קאַפּיטאַן, הייטט עס, דאָרט אויבן בא די קוימענס, און איך, מאָטל פייסי דעם כאַזנס ייִנגל, דאָ אפן צווישנדעק.

אפּ אונדז ביידן שטייט די גאַנצע וואַסערשטוב. די שטוב מיט אַלע אירע קליינע שטיבעלעך מיט דער גאַנצער מאַשינעריע, וואָס קלאַפּט און טראַסקעט און הוידעט און פײַפט און קרעכצעט.

איטלעכער האָט זיך זײַן אַרבעט. דער קאַפּיטאַן אויבן טוט גאָרניט. ער שטייט נאָר און רעדט דורך א רער צו די מאַטראָסן. און די מאַטראָסן — אָנגעטאָן אין לאַטעפאַסנדיקע לײַבלעך מיט קײַלעכיקע היטעלעך — פיניען מיט דער נעשאָמע. וואָס מע הייסט זיי, דאָס טוען זיי. מע הייסט זיי לויפן אַהער — לויפן זיי אַהער. מע הייסט זיי לויפן אַהין — לויפן זיי אַהין. מע זאָל זיי הייסן שפּרינגען אין וואַסער — וואָלטן זיי אויך געשפּרונגען אין וואַסער

איר האָט באַדאַרפט זען זייער אַרבעט גאָר אין אָנהייב, באַם ברעג, איידער די וואַסער־שטוב האָט גערירט פון אָרט. וויי־וויי! ווי די רוכעס. ווי די מאַלכע־כאַבאָלע — אַזוי האָבן זיי געאַרבעט.

קוידעמקאָל האָבן מיר באַדאַרפט דורכלאָזן די זאַכן. אַלעמענס פעקלעך. אַלעמענס קאַסטנס און אַלעמענס בעטגעוואַנט. „באַגאַזש“ ווערט עס אָנגערופן. עפּשער צען טויזנט שטיק באַגאַזש. און עפּשער מער.

און דאָס אַלצדינג האָט מען באַדאַרפט אַרופּפּעקלען אַרויף אויפן שיף. אַ גוטע אַרבעט! איר מיינט מיט די הענט? כאַס־וועכאָלילע! ווו וועט איר נעמען אַזויפיל הענט? ס'איז פאַראַן אַ בעסערע אייצע.

אַן עלפאַנט האָט איר אַמאָל געזען? אַן עלפאַנט מיט אַ לאַנגן שנאָבל? נו, איז פאַראַן אַזאַ מאַשין, אַ גרויסע מאַשין, וואָס כאַפּט דעם אָנבליק פון אַן עלפאַנט מיט אַ לאַנגן שנאָבל. אָט הייבט זיך אויף דער שנאָבל, דרייט זיך קלוימערשט שלעפעריק אַף אַ זייט, לאָזט זיך אַראָפּ פּאַוואָלינקע, פּאַוואָלינקע. און אַז ער לאָזט זיך אַראָפּ אַף דער ערד, טוט ער מיטאַמאָל אַ כאַפּ־אויף צען — צוואַנציק — דרייסיק קאַסטנס און קעסטלעך, דרייט זיך אויס צוריק אַרויף און לאָזט זיי אַראָפּ צוריק אויפן שיף.

דערנאָך נאָכאַמאָל זיך אויפגעהויבן, נאָכאַמאָל זיך אויסגעדרייט, אַ כאַפּ די קאַסטנס מיט די קעסטלעך, און ווידער אויפן שיף.

אָט אַזוי האָבן מיר ביסלעכווייז אַריבערגעשלעפּט דעם גאַנצן באַגאַזש. מיר ביידע, איך און דער קאַפּיטאַן, זענען ניט אָפּגעטראָטן ביזן סאָף.

דערנאָך האָט זיך ערשט אָנגעהויבן בײַ אונדז די ריכטיקע אַרבעט. גיי ריר אַזאַ מאַשינע פון אָרט! איי־איי, וואָס מיר האָבן געאַרבעט! דער קאַפּיטאַן איז ניט אָפּגעטראָטן פון דעם טרײַבל. די מאַטראָסן זענען אַרומגעלאָפן ווי די מעשוגאָים. און איך בין אויפן צווישנדעק, די הענט האַלט איך אין די קעשענעס און גיב אַכטונג אַף דער אַרבעט, ווי די וואַסערשטוב רירט וואָס ווײַטער אַלץ שטאַרקער און אַלץ גיכער. און איך קוק אַראָפּ אין יאַם אַרײַן, און איך מיין, אַז מײַן ברודער עליע איז גערעכט:

דער יאַם האָט ניט קיין גרונט!

ו.

זינט איך לעב האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזויפיל מענטשן, איך מיין אַזויפיל ייִדן, ווי דאָ, בײַ אונדז אין וואַסערשטוב, אויפן צווישנדעק.

— קיין איינהאָרע! קיין בייז אויג! — זאָגט די מאַמע און טרערן שטייען איר אין די אויגן.

אַסאַך פון זיי האָבן מיך דערקענט. און אַסאַך האָב איך דערקענט. איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז איך האָב זיי געזען — איך געדענק שוין ניט ווו: צי אין קראָקע, צי אין לעמבערג? צי אין ווין בײַ דעם „אַליאַנץ“, צי אין אַנטווערפּן בײַ דער „ייִזראָ“? מע באַדאַרף אַ פרעג טון בײַ דער מאַמע. זי קען וויסן. נאָר איך וועל נאָך צײַט האָבן שפּעטער. דערווײַל דאַרף מען פאָרן. האָב איך מיך אויסגעזעצט אַף אַן אײַזערנער טומבע ווײַטנדיק און קוק גאָר אין הימל אַרײַן.

איך ווייס ניט, צי איז דאָס הימל, צי איז דאָס וואַסער? אָט איז עס, דאַכט זיך, הימל, און אָט איז דאָס וואַסער, און אָט איז דאָס שוין ווידער הימל. און די וואַסערשטוב מיט אַלע מענטשן און מיט אַלע זאַכן הייבט זיך אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ, און מיר פאָרן, מיר פאָרן — קיין אַמעריקע.

האָב איכ אָבער פֿײַנט זיצנ ליידיק, שטיי איכ אופ אונ לאָז מיכ באטראכטנ די וואַסערשטופ פונ אלע זײַטנ. זע איכ מענטשנ, אינ רויטע זשילעטנ אָנגעטאָנ אונ מיט גאָלדענע קנעפּ.

דידאָזיקע מענטשנ זענענ געשטעלט געוואָרנ אפ צו באדינענ אונדז. זיי הייסנ דאָ א מאָדנע נאָמענ. „סטיר־וואָרטס" רופט מענ זיי. אונ זייער אַרבעט איז: זיי טראָגנ ארום גרויסע בעקנס קאָלערליי מינימ עסנווארג אונ פלעשלעכ מיט מאשקע אונ סיפאָנעס מיט זעלצערוואסער אונ מיט לימאָנאדע.

איכ האָב ליב לימאָנאדע דאָס כײַעס! אינ לאָנדאָנ האָב איכ מיכ באקענט מיט דערדאָזיקער מאשקע. דאָרטנ רופט מענ דאָס „לעמאָנעייד". האָט זיי מײַנ שוועגערנ בראָכע אויסגעלאכט מיט זייער לאָשנ, אז פײַפ איז בא זיי פינפ, א קאָפּיקע איז א פּעני, טיימעס איז צײַט אונ לימענאדע איז גאָר „לעמאָנעייד". מעג עס ניט ברענענ אפנ פײַער?

אזוי זאָגט בראָכע, אונ איכ זאָג: לאָז זײַנ לימענאדע, לאָז זײַנ לימענעייד, אבי ס'איז גוט. ס'איז זיס אונ סע שטשיפּלט בא דער צונג.

איינ כיסאָרנ האָט עס — מע באדארפ דערפאר צאָלנ. אונ צאָלנ איז מײַנ ברודער עליע (ער איז דאָכ דער קאסירער) קיינ באלנ ניט. ער זאָגט, אז די שיפסקארטע איז שוינ מיט אלעמענ. מיט עסנ אונ מיט טרינקענ אונ מיט אלצדינג.

אכ, וואָס פאר אנ עסנ, וואָס פאר א טרינקענ מע גיט אונדז דאָ! דרײַ מאָל א טאָג. פיר מאָל א טאָג. פינפ מאָל א טאָג. עס האָט גאָר קיינ שיר ניט. אונ צומיינסטנ עסנ מיר דאָ „פּעטייטעס".

איכ זע אָבער, איר ווייסט ניט וואָס הייסט עס „פּעטייטעס". וואָס איז דאָס? אונ מיט וואָס עסט מענ דאָס?

עסנ עסט מענ דאָס מיט ברויט אונ מיט געבראָטענעמ הערינג, אונ א טאַמ האָט דאָס פונ קארטאָפל.

דאָס הייסט, ס'איז טאקע אונדזערע קארטאָפליעס, נאָר דאָ הייסט עס „פּעטייטעס".

מײַנ שוועגערנ בראָכע זאָגט אפילע, זי זאָל האָבנ די בראָכעס, וואָס אונדזערע קארטאָפליעס זענענ בעסער אונ זיסער אונ געשמאקער. נאָר ווער האָרכט זי, וואָס זי זאָגט? אפּאָנעמ, ס'איז דענ פאראנ א זאכ אפ דער וועלט, וואָס זאָל איר געפעלנ?

איכ האָב מוירע, אז זי וועט קומענ קיינ אמעריקע, זאָל איר אמעריקע כאָלילע אויכ ניט געפעלנ.

וואָס דארפט איר מער — אז אפי[illegible]די וואסערשטופ, וואָס מיר פאָרנ אפ איר, זאָגט זי אפ איר אויכ א כיסאָרנ. איכ זאָל ה[illegible]נ די בראָכעס, זאָגט זי, וואָס בא אונדזער לייזערנ אינ בויד איז בעסער! דאָרטנ, זאָגט זי, אז מע פאָרט, פאָרט מענ. אונ דאָ שלעפּט מענ זיכ אונ מע שלעפּט זיכ אונ סע נודעט ארויס די נעשאָמע. דער מאמעס מילכ, זאָגט זי, האָב איכ זיי שוינ אוועקגעגעבנ!...

ז.

דאָס מיינט זי די קרענק, [illegible]ואָס מיר האָבנ געקרענקט דעמ ערשטנ טאָג פונ אונדזער נעסיִע אפנ יאמ. ס'איז געווענ א [illegible]עמווינט אונ ס'האָט געוואָרפנ אונדזער וואסערשטוב העכער הײַזער. איז אונדז אלעמענ גע[illegible]אָרנ ניט גוט אפ צו כאלעשנ. אסאכ האָבנ טאקע געכאלעשט. געווענ קימאט ווי געשטאָרבענע. טײַבל, פיניעס ווײַב, האָט מענ געראטעוועט מיט הייסע האנטעכער. די מאמע האָט געבעטנ אפ זיכ דעמ טויט. מײַנ ברודער עליע איז

געלעגנ מיטנ פּאָנעמ אראָפּ אונ געוויינט, ווי א קליינ קינד. בראָכע, זײַנ ווײַב, האָט אזש אופגעהערט צו שילטנ זיך. ס'איז איר פארגאנגענ אזעלכס, אז זי האָט שוינ גאָר פארגעסנ, ווהינ זי פאָרט אונ ווו זי איז אינ דער וועלט. די גרינע גאל האָט זי אוועקגעגעבנ! ...

נאָר איינ פיני האָט זיך געהאלטנ ווי א קאָזאק. ער איז ארומגעלאָפנ, די הענט אינ די קעשענעס. געקוקט דורך די בריל׳נ ארופ. איינ הויז אראָפּ, איינ הויז פארקאטשעט. דאָס האלדזטיכל איז פארפאָרנ ווייס איך וווהינ. ער האָט ארומגעשפאנט הינ אונ צוריק איבערנ צווישנדעק אונ געמאכט כויזעק פונ דער גאנצער וועלט, געראָדט, געשאָטנ מיט ווערטער: בעהיימעס! פערד! אָקסנ! ווייסנ ניט, אז ס'איז דאָ א „זאקאָנ פריראָדע״! אז ווייבאלד עס ווארפט מיך אהער — דארפ איך מיך נעמענ אהינ. אונ אז עס ווארפט מיך אהינ — דארפ איך מיך נעמענ אהער. דאָס איז דאָך א זאקאָנ פריראָדע! ...

א מעכײַע אָנקוקנ אונדזער כאווער פיניענ בעייט ער קאָכט זיך. איך זאָל ניט מוירע האָבנ פאר מײַנ ברודער עליע, אונ ס'זאָל מיר אזוי גיט ווי טונ דער קאָפּ, וואָלט איך אימ אראָפּגעכאפּט מיטנ בלײַערל אפּ פּאפּיר מיט די הויזנ אונ מיט די ברילנ, ווי ער שפּאנט ארומ אונ שרײַט „זאקאָנ פריראָדע״, עס וואָלט מיר צוגעקומענ א שטיק געזונט.

פיני האָט אזוי לאנג געטײַנעט „זאקאָנ פריראָדע״, ביז ער האָט געמוזט אָפּטרעטנ אפּ א זײַט. אָנגעבויגנ זיך אונ באוויזנ דעמ אייגענעמ „זאקאָנ פריראָדע״, וואָס אלע ...

דערנאָך, אז ס'איז געוואָרנ שטילער, אויס שטורעמווינט, אונ די זונ האָט זיך באוויזנ — האָבנ אלע אופגעלעבט אונ פיני אויך בעסויכאָמ.

ער האָט שוינ מער ניט געראָדט פונ „זאקאָנ פריראָדע״.

ט.

אבי איך האָב געמיינט, אז נאָר בא אונדז אינ צווישנדעק איז א וועלט. צומ סאָפּ לאָזט זיך אויס, אז אכוצ אונדז, עמיגראנטנ, פאָרנ אפּ דער וואסערשטוב נאָך אסאך אסאך מענטשנ.

צומיינסטנ פריצימ, סאָכרימ, אָפיצערנ, גענעראלנ.

אונ רײַכע ייִדנ, מיליאָנשטשיקעס!

פונ זייערטוועגנ איז פאראנ בא אונדז אינ וואסערשטוב באזונדערע שטיבלעך. „קעבקעס״ הייסנ דאָ דיראָזיקע שטיבלעך. איטלעכער אינ א באזונדער שטיבעלע.

א ראכמאָנעס — זיי קאָנענ ניט זיצנ אלע אינײינעמ, ווי מיר, עמיגראנטנ, אפּנ צווישנ־דעק. זיי, אז זיי ווילנ זיך זעענ אייננס מיט דאָס אנדערע, מוזנ זיי ארויסקריכנ פונ זייערע נאָרעס אונ ארופדראפּענ זיך העט-העט אפּ טרעפּ ארופּ. אונ דאָרט איז פאראנ אזא זאל, ווו מע גייט זיך צונויפּ אלע מיליאָנשטשיקעס אינײינעמ אונ מע רעדט אונ מע שמועסט אונ מע עסט.

איך וואָלט א באלנ געוועזנ וויסנ, וואָס עסנ זיי? אויך „פּעטייטעס״ מיט געבראָ־טענעמ הערינג?

איך וואָלט גלאט א באלנ געוועזנ א קוק טונ, וואָס טוט זיך דאָרטנ. איך בינ דאָרטנ נאָך נישט געוועזנ, נאָר איך וועל זײַנ, איך וועל געוויס זײַנ.

איך וואָלט שוינ לאנג געוועזנ דאָרטנ — לאָזט מענ מיך ניט.

אביסל לאָזט ניט די מאמע — זי האָט בא מיר גענומענ א האנט טקיִעסקאָפּ באלד ווי מיר זענענ ארופ אפּנ שיפּ, אז איך וועל ניט אָפּטרעטנ פונ איר אפּ א האָר. אונ

אביסל לאָזט מיכ ניט מײַנ ברודער עליע. ער האָט מיר צוגעזאָגט, אז טאָמער וועל איכ זיכ דערוועגנ ערגעצ גײנ אָנ זײַנ וויסנ, בלײַב איכ אָנ א אויער. דאָס הייסט, איינ אויער וועט ער מיר אָפּרײַסנ, דעם אנדערנ וועט ער מיר איבערלאָזנ.

מאָלט אײַכ, עס רעדט זיכ נאָר אזוי! וויפל מאָל האָט ער מיר צוגעזאָגט, נאָכ אינ לעמבעריג אונ אינ וויג אונ אינ אנטווערפּנ אונ אינ לאָנדאָנ, אז ער מאכט מיר פאר א קאליקע? דאָס זאָגט ער נאָר אזוי בעײס ער איז אינ קאס. דעמאָלט פלעגט ער זײַנ קימאט קעסיידער אינ קאס. איצט שוינ ניט. איצט איז ער מיטאמאָל געוואָרנ ווייכ, ווי פּוטער. איכ ווייס אפילע פארוואָס. ער האָט אלצ מוירע געהאט פאר דער מאמעס אויגנ. טאָמער לאָזט מענ זי ניט ארופּ אפנ שיפּ — וועלנ מיר ניט קאָנענ פאָרנ קיינ אמעריקע.

האָט גאָט געטאָנ א נעס — מע האָט דער מאמענ דורכגעלאָזט. מע האָט איר אפילע קיינ קוק נישט געטאָנ אינ די אויגנ. פארקערט — מע האָט זי נאָכ אונטערגעשטופּט, זי זאָל שוינ גיכער ארופגיינ אפנ שיפּ מיט אירע פּעקלעכ. פאר פרייד האָט זי זיכ דערנאָכ דעמ אזש צעוויינט. האָט איר מײַנ ברודער עליע נאָכדעמ פירגעהאַלטנ: גו? וו כ ה איכ דיר געזאָגט? האָסטו באדארפט פארגיסנ אזויפיל טרערנ?

ענטפערט אימ די מאמע אונ ווישט זיכ די אויגנ:

— פונוואנענ ווייסטו, אז דאָס האָבנ נישט געמאכט מײַנע טרערנ?

אונ זי ווײנט שוינ ווידער!

ווערט מײַנ ברודער עליע אויסער זיכ. ער בײַסט זיכ די פינגער אונ רעדט צו איר שטיל, אונ מער אפּ לאָשנקוידעש, ביכדיי די מאטראָסנ מיט די „סטיו-ווארטס" זאָלנ נישט פארשטיינ:

— וויש אויס די אייגאַיִמ, וואָרעמ איידער מיר הײלעכנ ארײַנ אינ דער מעדינע, קאָנ מענ אוגדז נאָכ דרײַ מאָל זאָגנ האשיווײגנו באזאד...

קאָנ דאָכ אָבער בראָכע קיינ אוולע ניט לײַדנ. זאָגט זי צו אימ:

— בײַס דיר אָפּ די צונג!

זאָגט איר עליע:

— פּאָרע אדומאָ.

פרעגט אימ בראָכע:

— וואָס הייסט דאָס?

מישט זיכ שוינ ארײַנ אונדזער כאווער פּיני אונ פארטײַטשט איר די ווערטער „פּאָרע אדומאָ":

— אז דער מאנ איז א פערע-אָדעמ, איז דאָס ווײַב א פּאָרע אדומאָ.

ענטפערט אימ אָפּ בראָכע:

— מע דארפּ ניט האָבנ קיינ גרעסערנ פּערע-אָדעמ, ווי דו ביסט.

פארדריסט עס פיניעס ווײַב, טײַבלענ, אונ זי טוט א זאָג גלאט אזוי אינ דער וועלט ארײַנ:

— גאָט האָט ניט געהאט וואָס צו טונ, איז ער געגאנגענ אונ האָט דעמ גאנצנ סייכל מיט דער גאנצער כאָכמע אוועקגעשענקט צו יוינע דעמ בעקער מיט זײַנע קינדער.

מאָלט אײַכ, טײַבל וואָלט זיכ ניט געגארט פונ מײַנ שווענערנ בראָכע פאר אזא שטאָכוואָרט. האָט זיכ געטראָפנ א נעס. וועט איר הערנ, וואָס אינ א וואסערשטוב קענ זיכ פארלויפנ.

י.

אזוי ווי מיר זיצנ אונ שמועסנ זיכ אויס, וואקסט אויס, ווי פונעמ יאמ ארויס — טרעפט ווער? — נאכמענ דער סטאָליער.

איר דארפט אימ געדענקענ. דאָס איז דאָכ טאקע דער נאכמענ מיטנ רויטנ גאָגל פונ לאק, וואָס האָט געהאט אוועקגעקויפט בא אונדז אמאָל די גלעזערנע שאפע, בעיס דער טאטע, אָלעווה אשאָלעמ, איז געלעגנ קראנק אונ ס'איז ניט געווענ מיט וואָס אימ צו ראַטעווענ.

נאכמענ איז געקומענ דעמאָלט מיט זײַנע צוויי באָנימ, קאָפל אונ מענדל, ארויסגעטראָגנ די שאפע אונ צעבראָכנ דאָס גלאָז.

דערזעענ א באקאנטנ ייִדנ, פונ איינ שטאָט, האָבנ מיר זיכ אלע א לאָז געגעבנ צו אימ:

— רעב נאכמענ! ס'איז איר?

— ווער דענ?

— איר אויכ דאָ?

— פארוואָס ניט?

— אויכ קיינ אמעריקע?

— איכ בינ דענ קיינ ייִד ניט?

— וווהינ — קיינ נעיאָרק?

— וווהינ דענ?

אונ ס'איז אוועק בא זיי א שמועס פונ דער היימ אונ פונ דער נעסיִע, אונ פונ דער געגאנוועטער גרענעצ, אונ פונעמ קאָמיטעט, אונ פונעמ אויגנ־דאָקטער, אונ דעריקער פונ אונדזער שטאָט אונ פונ אירע מענטשנ — טויזנטער, טויזנטער באקאנטע. וואָס מאכט דער? וואָס מאכט יענער? ווער איז געבליבנ אינדערהיימ? אונ ווער איז ארויסגעפאָרנ קיינ אמעריקע? לאָזט זיכ אויס, אז ארויסגעפאָרנ זענענ אהינ קימאט אלע. אכ, ווי פריילעכ עס דארפ איצט זײַנ אינ אמעריקע! מירנ קומענ צו פאָרנ, וועלנ מיר טרעפנ טויזנטער באקאנטע — די גאנצע שטאָט! אונ אונדזער שאָכנטע פעסי די גראָבע, מיט איר מאנ מוישע דעמ אײַנבינדער, מיט איר גאנצער כאליאסטרע, אונ מײַנ כאווער הערשל, אָט דער, וואָס מע רופט אימ „וואשטי". אלע וועלנ אונדז פאָרנ אקעגנ. אלע וועלנ אונדז אָפּגעבנ שאָלעמאלייכעמ. ס'וועט אונדז זײַנ גוט אונ ווויל אונ פריילעכ.

ווי דערלעבט מענ דאָס שוינ! וויפל דארפ עס נאָכ געדויערנ? וויפל טעג דארפנ מיר נאָכ זײַנ דאָ, אינ דער וואסערשטוב?

וועמענ פרעגט מענ? מײַנ ברודער עליע? — האָט ער פײַנט, אז מע דולט אימ מיט אזעלכע זאכנ. ער קאָנ אײַכ אראָפּלאָזנ א פאטש, אז איר זאָלט זיכ באוואשנ! פרעגנ בא אונדזער כאווער פיניענ? — האָט ער א טעווע: אָדער ער ענטפערט אײַכ מיט א שנעל אינ ליפ, אָדער מיט א ווערטל:

— אז דו וועסט אלצדינג וויס, וועסטו גיכ אלט ווערנ.

אָדער:

— מ'עס אזוי לאנג פאָרנ אונ פאָרנ, ביז מ'עט קומענ צו פאָרנ.

אָדער:

— זיצ רויִק. מ'עט דיר שיקנ זאָגנ דורכנ שילאטנ־שאמעס.

אָדער גאָר :

— וויש אָפּ די נאָז...

איכ׳ל בעסער פרעגנ באַ דער מאמענ.

גײ איכ צו דער מאמענ — וויינט זי ! וואָס איז די מײַסע ? — נאכמענ דער סטאָליער האָט איר דערציילט, אז יענטל איז געשטאָרבנ.

דאָס איז אונדזערע א שכיינע, אונ טאקע א שטיקל אייגענע. מעכותּאָנעשאפט.

אונדזער מעכותנ יוינע דער בעקער האָט געהאט א שוועסטער, איטע־מייטע. זי איז געשווינ לאנג אפּ דער עמעסער וועלט. איז דאָס אירע א שנור. זי האָט מיט איר מאנ געהאט געגעט זיכ אונ נאָכאמאָל כאסענע געהאט. דאפקע פאר אנ אלמענ. אונ דאפקע גוט בעטראָפנ. אָנ קינדער. דארפ זיכ טרעפנ אנ אומגליק : זי ציגרט אָנ א לעמפּל, פּלאצט דאָס גלעזל. כאפּט דער רועכ דאָס גלעזל. נײנ ! שרעקט זי זיכ איבער אונ לאָזט ארויס דאָס לעמפּל. גיסט זיכ אויס דער קארעסינ. ציגרט זיכ אָנ אפּ איר דאָס קליידל אונ הייבט אָנ ברענענ. נעמ־זשע אונ וואַרפ אראָפּ דאָס קליידל — נײנ ! לויפט זי ארויס אינ דרויסנ אונ מאכט א גוואלד, צעלאָזט זיכ דאָס קליידל אונ עס צעבלאָזט זיכ דאָס פײַער נאָכ שטארקער. וויל מענ זי ראטעווענ — לאָזט זי זיכ ניט. לויפט אונ שרײַט : „יידנ, ראטעוועט !“ ברענט זי ווי א ליכט. געוואָרנ שווארצ, ווי א האָלעוועשקע. דרײַ טעג מיט דרײַ נעכט געמוטשעט זיכ אונ ערשט אפנ פערטנ טאָג געשטאָרבנ.

י״א

— באָרוכ דײַענ עמעס ! ווער בעט אײַכ, איר זאָלט דערציילנ אזעלכע מײַסעס, ביכדײ מײַנ מאמע זאָל האָבנ וואָס צו באוויינענ אונ אויסווייגענ דאָס לעצטע ביסל אויגנ ?

אזוי זאָגט מײַנ ברודער עליע אונ פאלט אָנ אפנ סטאָליער.

פארענטפערט זיכ דער סטאָליער, אז ערשטנס, וועלנ מיר אלע שטארבנ. קיינער וועט זיכ פונעם מאלכאמאָוועס ניט אויסדרייענ אונ ניט אויסבאהאלטנ זיכ. אונ וועמענ דער טויט איז באשערט, וועט ער אימ אפילע אינ אמעריקע אויכ טרעפנ, ווי מיר האָבנ בעזאָגט הײַנטיקנ ראָשעשאָנע אינעם „ונתנה־תוקף“ : מי באש ומי במים...

שלאָגט אימ איבער מײַנ ברודער עליע :

— איר זענט דענ געוואָרנ א מאגיד, וואָס איר האָט זיכ אוועקגעשטעלט זאָגנ מוסער ? איר זענט, דאכט זיכ, געוועזנ אמאָל א ייִד א סטאָליער.

— געוועזנ אינדערהיימ א סטאָליער, אונ מיט סטאָליערײַ וועל איכ זיכ פארנעמענ אינ אמעריקע.

— וואָס־זשע האָט איר זיכ דערמאָנט פּלוצימ אינעם ונתנה־תוקף ?

— וואָט הייסט? ס׳איז דאָכ עפּעס הײַנט עשרת־ימי־תשובה אפ דער גאנצער וועלט!.. שאט ! איכ האָב גאָר פארגעסנ, אז מיר האָבנ זיכ אופּגעזעצט אפנ שיפ באלד נאָכ ראָשעשאָנע, אונ אז מיר האָבנ איצט עשרת־ימי־תשובה. אויב אזוי, האָבנ מיר דאָכ באלד יאָמקיפּער.

ניט שויג־זשע וועלנ מיר האלטנ יאָמקיפּער אָט דאָ, אינ דער וואסערשטוב ? אָט דאָ וועלנ מיר שלאָגנ קאפּאָרעס ? אָט דאָ וועלנ מיר זיכ פארפאסטנ אונ אָפּפאסטנ ? אָט דאָ וועלנ מיר דאווענע ? זיכ שלאָגנ אלכעט ? אונ ווו וועלנ מיר נעמענ א כאזנ ? אנ אָמער ? א סײפערטוירע ? אונ א שויפער אפנ לעצטנ בלאָז ? אונ כאלעש־טראָפּנס ? אונ נאָכ אונ נאָכ אסאכ אזעלכע זאכנ, וואָס מע קאָנ זיכ אָנ דעמ יאָמקיפּער ניט באגײנ?

אינ וואסערשטוב יאָמקיפער ?
יאָמקיפער אפנ וואסער ?! ...

— — —

מיר ברענגענ דאָ עטלעכע ציטאטעס פונ דער אָנמערקונג, וואָס י. ד. בערקאָוויטש גיט נאָכנ איבערגעריסענעמ סאָפ פונעמ צווייטנ טייל (שאפ״פ-אויסג. ז. 205 ; אונדזער אויסג. ז. 363).

„אפ דעמ אָרט ווערנ איבערגעריסנ מאָטל פייסי דעמ כאזנס מייַסעס פונ אמעריקע. „מיר מופנ״ איז געווענ די לעצטע זאכ, די לעצטע שורעס, וואָס שאָלעמ-אלייכעמ האָט געשריבנ עטלעכע טעג פאר זייַנ אוועקגיינ פונ אונדז, שוינ ליגנדיק אפ זייַנ טויטנ בעט. ער האָט נאָכ אוועקגעשטעלט א גרויסנ געקסיוועטנ אָס „ג״, נאָר נאָכנ גימל גייענ אינ מאנוסקריפט ליידיקע ווייַסע בלעטלעכ.

... איכ האָב געטראָפנ שאָלעמ-אלייכעמענ אפנ בעט דאפקע מונטער אונ עטוואָס אופגע-לעבט. מע האָט אימ געהאט אייַנגעגעבנ נארונג אפ א קינסטלעכנ אויפנ, ווייַל די דאָקטוירימ האָבנ געגלויבט, אז דאָס איז בא אימ א נערוועזע מאָגנ-קראנקייַט. מיט עטלעכע שאָ צוריק, נאָכמיטאָג, בינ איכ געווענ בא אימ אינ צימער, נאָר איצט האָט ער געזאָגט, אז אימ דאכט זיכ, אז ער האָט מיכ ניט געזעענ שוינ עטלעכע טעג. מיט א שוואכנ שמייכל אפנ אויסגעמוטשעטנ געזיכט האָט ער דערציילט, וואָס פאר א ווונדערלעכע ווירקונג די קינסטלעכע נארונג האָט אפ אימ געמאכט — עס האָבנ זיכ אימ מאמעש געעפנט די אויגנ אונ ער זעט פאר זיכ א ליכטיקע וועלט. צווישנ אנדערעס האָט ער מיכ געפרעגט, צי מע ווייס אינ דער רעדאקציע פונ דער „ווארהייַט״ (ווו ער האָט די לעצטע צייַט געשריבנ), אז ער איז קראנק, אונ האָט אונדז דערציילט, אז הייַנטיקע נאכט (דאָס הייסט די נאכט פונ מאָנטיק אקעגנ דינסטיק) האָט ער געשריבנ, נישט קוקנדיק אפ די גרויסע יעסורימ, וואָס האָבנ אימ ניט אָפגעלאָזט א מינוט נישט. „איכ ליג אזוי אונ ליג א גאנצע נאכט,— האָט ער דערציילט, דערבייַ שווער געכאפט דעמ אָטעמ, — שלאָפנ קאָנ איכ ניט, די געדאנקענ טראָגנ ... וואָס-זשע איז דער טאכלעס אזוי צו ליגנ ? זאָג איכ צו דער מאמע : וואָס וועל איכ דאָ אויסליגנ ? ביז טאָג איז נאָכ ווייַט ... אמער, גיב אהער די פענ אונ די פאפקע מיטנ פאפיר, וועל איכ כאָטש שרייַבנ. שרייַבנ איז מיר אסאכ גרינגער, וואָרעמ סייַווי-סייַ מוטשענ די געדאנקענ, לאָזנ ניט צורו ... אונ אָט אזוי פאוואָלינקע האָב איכ אָנגע-שריבנ עטלעכע קאפיטלעכ פונ מאָטלענ״ ...

אונ די עטוואָס מידע, הימל-קאָלירטע אויגנ, וואָס האָבנ די לעצטע טעג אָפגעגעבנ מיט א מאָדנע בלויקייַט, א ריינע, א ווייַסע, ווי די בלויקייַט פונ הימל, האָבנ דערבייַ אופ-געשטראלט מיט א קינדיש-קינסטלערישער באגייַסטערונג.

דאָס זענענ געווענ די לעצטע שורעס פונ שאָלעמ-אלייכעמס שאפנ אונ דאָס זענענ געווענ די לעצטע ווערטער, וואָס ער האָט גערעדט וועגנ זייַנ שרייַבנ. אפ מאָרגנ איז זייַנ לאגע געוואָרנ ערנסט ...

. . . .

דאָס לעצטע מאנוסקריפט „מיר מופנ״, כאָטש ס'איז געשריבנ מיט שאָלעמ-אלייכעמס כאראקטעריסטישער פייַנער אונ קלאָרער האנטשריפט, איז דאָכ צו דערקענענ, אז ס'איז געשריבנ געוואָרנ שוינ ניט מיט א געזונטער לייַכטער האנט. די אויסיעס זייַנענ עטוואָס געצוקט אונ געקרימט, גייענ ניט אומעטומ גלייַכ, נאָר דאָ גרעסער אונ דאָ קלענער, אונ

זענענ שוינ ניט אזוי פערלדיק אונ געטאָקט, ווי דער באַרימטער געטאָקטער פערל-קסאַוו פונ שאָלעמ-אַלייכעמ. עס איז אויכ קימאַט נישט צו באַמערקנ אינ דעמדאָזיקנ לעצטנ קסאַוו-יאַד קיינ אויסגעמעקטע אונ פונויבנ צוגעשריבענע שורעס, אזוי [illegible]'איז טאָמיד געווענ די געוווינהייט פונ שאָלעמ-אַלייכעמ שטאַרק צו באַארבעטנ אונ צו שלײַפנ זײַנע ווערק. די עטלעכע קליינע קאַפּיטלעכ זענענ, אַפּאָנעמ, געשריבנ געוואָרנ פונ דער ערשטער האַנט אונ האָבנ עטלעכע טעג געוואַרט אפ זייער מײַסטער, ער זאָל זיי באַפּוצנ אפ זײַנ שטייגער — אונ האָבנ זיכ ניט דערוואַרט...״

ווערטער־דערקלערונגען צו „מאָטל פּייסי דעם כאזנס"

ערשטער טייל

1) שיר השירים (שיר האשירימ) — דאָס געזאנג פונ געזאנגען. ביבלישע ליבע־לידער. נאָמענ אונ ערשטע ווערטער פונ א בוכ אינ דער ביבל.

2) דוירעס זייַנ — צערייַסנ, מיימעסנ.

3) זילבערנע אטאָרע — א באפוצונג פונ זילבער־פעדימ ארומ דעמ קאָלנער פונ א טאלעס.

4) מישנייַעסנ — ספאָרימ, וואָס אנטהאלטנ געוויסע טיילנ פונ טאלמוד.

5) מוסאָפימ (איינצאָל: מוסעפ) — געוויסע טפילעס פאר שאבעס, יאָנטעוו אונ ראָישכוידעש.

6) מגן אבות (מאָגיינ אָוויס) — א טפילע פאר פרייַטיק צונאכטס.

7) „יתגדל ויתקדש שמיה רבה"; „לעילא ולעילא מן כל ברכתא ושירתא תשבחתא; „ויצמח פורקנה" — פראזעס פונ קאדעש. (קאדעש — א טפילע נאָכ א טויטנ).

8) ראבאָנענ־קאדעש — א קאדעש נאָכנ לערנענ טאלמוד (דערדאָזיקער קאדעש איז געווענ שווערער אונ גרעסער פונעמ געוויינלעכנ קאדעש).

9) קרבן־מנחה (קאָרבנ־מינכע) — א גראָבער סידער מיט איווריע־טייַטש.

10) שעכעיאָנו — א בראָכע אפ א פרוכט פונ נייַעמ גערעטעניש.

11) אשרי (אשריי) — א געוויסער קאפיטל טילימ אינ דאווענ, וואָס רעליגיעזע יידנ פלעגנ עס זאָגנ א פאָר מאָל אינ טאָג אונ דעריבער האָבנ זיי עס געוויינלעכ געדענקט אפ אויסווייניק.

12) בורא פרי העץ (בוירע פרי האָייצ) — א בראָכע אפ פרוכט.

13) כאָצי עלעל — האלב עלעל (אומגעפער אינ מיט סענטיאבער).

14) ארייליס — א ניט־יידישע פרוי, א פויערטע (שאָוויניסטישער פאראכט־נאָמענ).

15) זיווענ מינ האשאָמאימ — א פאָר פונ הימל (פונ גאָט); א באשערטע פּאָר.

16) קיטע — א גרופע כיידער־טאלמידימ באמ לערנענ.

17) ראמבאמ (רמב"ם — קירצונג פונ „ראבי מוישע בענ מיימאָנ") — פילאָסאָפ אונ קאָדיפיקאטער (געזעצ־באשרייַבער) לויטנ טאלמוד אינ 12־טנ יאָרהונדערט.

18) קדמון (קאדמוינ); „די וועלט איז ניט קיינ קדמון" — די וועלט איז ניט פונ אייביק אָנ געווענ, די וועלט איז באשאפנ געוואָרנ פונ גאָט (פונעמ ראמבאמס פילאָסאָפישער סיסטעמ, אינ קעגנזאצ צו דער מאטעריאליסטישער באהויפטונג, אז די וועלט איז ניט קיינ באשאפענע פונ גאָט).

19) מסבב (מעסאוועוו) — דער פארורזאכער, דער וואָס ברענגט ארויס די סיבע.

20) אבי־יתומים (אווי יעסוימימ) — דער פאָטער (באזאָרגער) פונ די יעסוימימ.

21) טישע — נייַנ.

22) פארביטנ די יאָצרעס — פארביטנ אלפי טאָעס איינ זאכ אפ דער צווייטער. (יאָצרעס — געווי־סע טפילעס, וואָס מע פלעג זאָגנ אינ באשטימטע שאבאָסימ אונ יאָנטויווימ, אונ יעדעס מאָל אנ אנדערע. עס פלעג דעריבער אָפט טרעפנ, אז דאוונער האָבנ געפלאָנטערט אונ פארביטנ דידאָזיקע טפילעס).

23) „שפוך חמתך על הגוים״ — א פראזע פונ דער האגאָדע (אינ וועלכער עס קומט, אגעוו, צום אויסדרוק אנ אומגעווייגלעכער רעאקציאָנערער נאציאָנאליזמ אונ שאָוויניזמ מיט סינע צו די אנדערע פעלקער).

24) „הנשמה לך והגוף פעלך״ — א פראזע פונ סליכעס.

25) „המלך״ (האמעלעכ) — „דער קעניג״. דאָס ערשטע וואָרט פונ א טפילע פאר ראָשעשאָנע. דאָסדאָזיקע וואָרט איז געוויינלעכ געדרוקט מיט גרויסע אויסיעס.

26) „קעסטל-גארטל״ — פארגרייַזט פונ „קעסטל-גארדענ״ (שלאָס-גאָרטנ). אנ אמאָליק עמיגראנטנ-הויז לעבנ ניו-יאָרקער פאָרט.

27) חצי רו״כ (כאָצי ראכ) — א האלבער רובל.

28) שוימער ייסראָעל — דער היטער פונ די יידנ (גאָט).

29) מאוויר די סעדרע — לייענענ די סעדרע (טייל) פונ כומעש אפנ קאָל מיטנ טראָפ (מיט א באשטימטנ ניגנ).

30) גרייַצערס
31) קרוינ
32) גולדנ

אמאָליקע עסטרייַכישע מאטבייעס (גרייַצער — צוויי העלערס, עפעס ווייניקער פונ צוויי קאָפּיקעס; קרוינ — 50 גרייַצערס; גולדנ — 100 גרייַצערס).

33) גם זו לטובה (גאמ זו לעטויווע) — אויכ דאָס איז צום גוטנ; אלצ, וואָס געשעט, איז צום גוטנ.

34) סמיכות הפרשה (סמיכעס האפארשע) — (אינ קאָנטעקסט) ס'האָט ניט קיינ שייַכ, ס' איינס צום אנדערנ.

35) „ונתנה תוקף״ (אונסאנע טויקעפ) — א טפילע פונ ראָשעשאָנע אונ יאָמקיפער (בא דערדאָזיקער טפילע פלעגנ די דאוונער געוויינלעכ שטארק וויינענ).

36) ביגדיי מאלכעס — קעניגלעכע (רייַכע) קליידער.

37) ריישיס כאָכמע — פריִער פאר אלצ.

38) עשרת בני המן (אסערעס בעניי האָמאָנ) — די צענ זינ האָמאָנס. (די נעמענ פונ האָמאָנס צענ זינ זייַנענ געלייענט געוואָרנ אינ דער מעגילע (אומ פורעמ) אָנ אנ אָפּשטעל, אינ איינ אָטעמ).

צווייטער טייל

1) שאָווע בעשאָווע — גלייַכ מיט גלייַכ, ד. ה. קומענ אויס איינער מיטנ אנדערנ, „זייַנענ זעלטנ שאָווע בעשאָווע״ — זעלטנ ווענ זיי קריגנ זיכ ניט אונ שפארנ זיכ ניט.

2) ריישיס כאָכמע — פריִער פאר אלצ (זע אויבנ, נומ. 37).

3) מינ האשאָמאִימ — פונ הימל (פונ גאָט).

4) אסערעס יעמיי טשווע — די צענ טשוווע-טעג (די טעג, וואָס פונ ראָשעשאָנע ביז יאָמקיפער).

5) יעלות (ייַילעס) — טפילע פונ יאָמקיפער באנאכט.

6) אדון עולם (אדויג אוילעמ) — איינע פונ די ערשטע טפילעס אינ פרימאָרגנדיקנ דאוונענ.

7) קריִעס יאמסופ — נאָכ דער ביבל: די שפאלטונג פונ יאמ, בעיס די יידנ זייַנענ ארויס פונ מיצראִימ.

8) שירה (שירע) — ליבע-געזאנג (נאָכ דער ביבל: ליבע-ליד, וואָס די ייִדנ האָבנ געזונגענ, ווענ זיי זײַנענ איבערגעגאַנגענ דעם יאַמסוף).

9) יִטער — די רעשט, וואָס בלײַבט באַם שנײַדער פונעם באַשטעלערס שטאָפ נאָכנ אויסנייענ דעם מאַלבעש.

10) מה אנו, מה חיינו? (מא אָנו, מאָ כאַיענו?) — וואָס זײַנענ מיר אונ וואָס איז אונדזער לעבנ? וואָס פאַר א ווערט האָבנ מיר? (פונ א טפילע).

11) משול כחרס הנשבר (מאָשול קעכערעס האַנישבאָר) — געגליכנ צו א צעבראָכנ שערבל(פונ א טפילע).

12) בראָש — שטענדיק אָבער; כוצדעם.

13) ויבוא המן! (וואַיאָווי האָמאָנ) — האָמאָנ איז דאָ! (פונ דער מעגילע) אנ אויסדרוק, וואָס מע זאָגט, ווענ עס קומט אָנ (אָדער עס מישט זיכ אַרײַנ אינ געשפּרעכ) א ניט־געווונטשענע פּערזאָנ.

14) שיווע מעדוריי גענעם — זיבנ אָפּטיילונגענ פונ גענעם. „דורכגיינ שיווע מעדוריי גענעם" — אויסשטיינ פיל צאָרעס.

15) כסף וזהב מטהר ממזרים (קעסעפ וועזאָהאָוו מעטאַהער מאַמזיירים) — (אינ קאָ טעקסט) געלט קאָשערט אַלצ; מיט געלט טוט מענ אַלצדינג אופּ.

16) נעפעש אכעס — איינ נעשאָמע; זייער באַפרײַנדעט.

17) פּיקאָלאָ באַמבינאָ (איטאַליעניש) — קליינ קינד, פּעמפּיקל.

18) באָנא סעררא! מיִאָ קאַררא. פּרעגאָ סיניאָרע (איטאַליעניש) — א מײַנ טײַערער. ביטע, מײַנ הער.

19) סאַקראַמענטאָ! (איטאַליעניש) — א מינ שעלטעניש.

20) מה טובו (מא טויווו) — ערשטע טפילע פונ פרימאָרגנדיקנ דאַווענעָ. „אָנהייבנ פונ מה טובו" — אָנהייבנ פונ סאַמע אָנהייב.

21) סטריט (ענגליש) — גאַס.

22) באָנדעל (ענגליש) — א פּעקל.

23) סטענד (ענגליש) — שטעלעכל, פאַרקויפ-טישל.

24) אײַנפיקסנ (ענגליש) — אײַנשטעלנ, אײַנאָרדענענ.

25) מוווינג־פּיקטשורס (ענגליש) — קינעמאַטאָגראַפ.

26) על הי' ועל משחו אונ אפ „נגתקה" (אַל האַשעמ וועאַל מעשיכוי אונ אפ נענאַטקאָ) — (פונ טילימ) אפ גאָט אונ אפ זײַנ געזאַלבטנ אונ אויכ אפ נעגאַטקאָ. דאָ הייסט עס: רעדנ שלעכטס אפ אַלצ אונ אפ אַלעמענ. (דאָס וואָרט „נגתקה" איז אינ דעם ריידאַרט אינ א שפּאַס צוגעשלעפּט פונ דעמ צווייטנ זאַצ אינ טעקסט (אינ טילימ), וואָס האָט צומ פריִערדיקנ קיינ שײַכעס ניט).

27) ס'איז א כילעק, ווי פונ „יככה" (יאַקעקאָ) ביז „יבבה" (יאַבעבאָ) — ס'איז א גרויסער כילעק. („יככה" איז א העברעיִש וואָרט, וואָס א ניט־געניטער לייענט עס אמאָל, איבער דער ענלעכקײַט פונעמ „כ" אונ „ב" — „יבבה").

28) בעל מצרא (באַל־מעצרע) — דער בײַלעכערער (בעל מצרא — א טאַלמודישער יורידישער באַגריפ: אייגער (א גרענעצ-שאָכנ), וואָס האָט דער ערשטער דאָס רעכט אָפּצוקויפנ די שכייניעסדיקע באַכלע).

29) גוד בײַ! (ענגליש) — א גוטנ טאָג!

30) דזשענעראל סטרײַק (ענגליש) — אַלגעמיינער שטרײַק.

31) ווײדזשעס (ענגליש) — סכירעס, געהאלט.

32) סקעבס (ענגליש) — שטרײַקברעכער.

33) אסאָסיײשאָנ (ענגליש) — פארײניקונג.

34) מאנופעקטשורערס (ענגליש) — פאבריקאנטנ.

35) ספיקער (ענגליש) — רעדנער.

36) דזשולײַ (ענגליש) — יולי כוידעש.

37) איש באָטועכ — א באגלויבטער מענטש.

38) סיזענ (ענגליש) — סעזאָנ.

39) פענסעל (ענגליש) — בלײַפענ.

40) שור (ענגליש) — געװיס, זיכער.

41) „יברכך" (יעװאָרעכעכאָ) — ער (גאָט) זאָל דיכ בענטשנ.

42) בעבור שנדר׳ס (באוװר שענאָדערס) — (אינ קאָנטעקסט) געלט, װאָס די דאװנער שענקענ אפ דער שול.

43) טארגעם — איבערזעצונג אפ א פרעמדער שפראכ. געװײנלעכ מײנט מענ דער־מיט די באװוסטע װײניק פארשטענדלעכע אראמעישע איבערזעצונג פונ טאָנאכ („טארגעם אונקעלוס"). טארגעם, טארגעם-לאָשנ — א שװערע, אומפארשטענדלעכע שפראכ.

44) אײדזשענט (ענגליש) — אגענט.

45) אדװערטײזמענט (ענגליש) — אנאָנס.

46) דאטסאָל ? (ענגליש) — דאָס אינגאנצנ ?

47) גײמ (ענגליש) — נאָמענ.

48) דינער (ענגליש) — מיטאָג.

49) סטאר (ענגליש) — א שטערנ ; א בארימטער ארטיסט.

50) טיקעטס (ענגליש) — בילעטנ.

51) האו דו יו דו, מעקס ? האו אר יו, מײק ? (ענגליש) — גוט מאָרגנ, מעקס ! װי גײט עס, מײק ?

52) ביקאָז (ענגליש) — דערפאר, װײַל.

53) בעסקעטס (ענגליש) — קוישנ.

54) שאָר־קײס (ענגליש) — װיטרינע־קעסטל.

55) דאונ־טאונ (ענגליש) — דער נידעריקער טײל שטאָט ניו־יאָרק.

56) גרײַפ־פרוט (ענגליש) — װײַנטרויבנ.

57) קאָוט (ענגליש) — א מאנטל.

58) פײדזש (ענגליש) — זײַט.

אינהאלט

זײַט

די סאָציִאלע וואָרצלענ פונ שאָלעמ־אַליכעמס הומאָר (מ. ווינער) 5

מאָטל פייסי דעמ כאזנס. ערשטער טייל

I הײַנט איז יאָנטעוו — מע טאָר נישט וויינענ 61

II מיר איז גוט — איכ בינ א יאָסעמ! 77

III וואָס וועט זײַנ פונ מיר? 83

IV מײַנ ברודער עליע האָט כאסענע 95

V איכ האָב א רײַכע שטעלע 103

VI א שמאלצ־גרוב 110

VII מײַנ ברודער עליעס געטראנק 116

VIII מיר פארפלייצנ די וועלט מיט טינט 124

IX נאָכווייענישנ פונ דער טינט־פארפלייצונג 133

X א גאס ניסט 137

XI אונדזער כאווער פיני 145

XII שאט, מיר פאָרנ קיינ אמעריקע! 153

XIII מיר באנוועגנ די גרענעצ 162

XIV מיר זענענ שוינ אינ בראָד 172

XV קראָקע מיט לעמבערג 181

XVI מיט די עמיגראנטנ 188

XVII ווינ איז א שטאָט אונ גאָט איז א פאָטער 195

XVIII ווונדער פונ אנטווערפנ 205

XIX די כאליאסטרע 214

XX די כאליאסטרע ווערט צעקראָכנ 223

XXI זײַ געזונט, אנטווערפנ! 230

XXII לאָנדאָנ, פארוואָס ברענסטו ניט? 236

מאָטל פּייסי דעם חזנס, צווייטער טייל

I מאזלטאָוו, מיר זענען שוין אין אמעריקע 247
II קריִעס יאמסופ 255
III אין געפּענקעניש 262
IV א יאם פון טרערן 269
V מיטביידע פיס אפ דער ערד 275
VI אין ניו־יאָרק אפ דער סטריט 282
VII די כאליאסטרע אפ דער ארבעט 289
VIII מיר זוכן א דזשאב 296
IX מיר ארבעטן אין שאפּ 303
X מיר שטרייַקן 310
XI קאסרילעווקע אין ניו־יאָרק 317
XII מיר מאכן א לעבן 323
XIII די רעפּוע פאר דער מאקע 330
XIV מיר קאָלעקטן 337
XV מיר גייען אין ביזנעס 344
XVI העלאָו, לאנדסמאן! 350
XVII מיר גייען פארגרעסערן די ביזנעס 356
XVIII מיר מופן 362

נאָכוואָרט (מ. חינער) 365

ווערטער־דערקלערונגען 390